This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

8 1973

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פיסאַטעל״

מאָסקווע

8

אויגוסט

1973

אינהאלט

זײַט

דער גרויסער שווינדל פונעם ציִעניזם (מאַטעריאַלן פון דער סאָוועטישער און אויסלענדישער פּרעסע) . . . 3

יאָסל בוכבינדער. פעסטע וואָרצלען (לידער) . . 18

העשל ראַבינקאָוו. ביראָבידזשאַנער דערציילונגען . 22

ווערק פון אונדזערע לייענער. באָרעך שײַנגאוטער. פראַו לויִזאַ (דערציילונג); נעכאַמע סיראָטינע. אַ באַגעגעניש אין טשערקאַס (דערציילונג); יאַנקעוו פליך. „מיילעך מאַגנוס” (קריטישע אָפּהאַנדלונג); שלוימע ראַפּאָפּאָרט. טרוימען (ליד); מאָניע מינעוויטש. מײַן גליק. — אַ זאַפּעוואַלע (לידער); זיסי ווייצמאַן. אין מײַנע קאַנטן. — „אויפן שליאַך גערוימען...” (לידער); בראָניע סינעלניקאָוואַ. צוויי קינדער־לידער; יויסעף טאַבאַקמאַכער. די באַליידיקטע פליג. — אַ שאָף אין ביכער־קראָם (לידער) 48

ריווקע רובין. דרייזשע (דערציילונג) 62

שיקע דריז. פון דער דיכטערישער ירושע (לידער) 78

יויסעף קאָלין. פערציק יאָר אויף דער בינע (סאָף.) 81

מאַרק ראַזומני. באָוועלטן 111

מענדל ליפשיץ. שוועבט מײַן גײַסט (לידער) . . 120

טריבונע פון לעבן

אַלעקסאַנדער גובניצקי. אַ געזונט אין דיר, קאַמאַז! 121

אַרן ווערגעליס. בריוו פון אייראָפּע 125

אויף די שפּורן פון געשעענעס. פאַרצייכענונגען פון פּ. מײַ, ליובע יאַרקעוויטש, אי. סעמענטשיק, הערשל באַראַז, נ. מאַטוקאָווסקי, אַמשיי ניורענבערג 134

מאַקס פּאַליאַנאָווסקי. באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן 150

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אַרן ראַסקין. אַן איבערגעניצעוועטער שאָלעם־אַלייכעם 159

אונדזערע מיטיילונגען. אַבאַ פינקעלשטיין. וועגן איינעם אַ בריוו 167

מיר ענטפערן אויף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. ל. דאַ־דיִאַני. פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּעס אין ייִשׂראָעל 169

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. יויסעף אַל־גאַזי. אַ שמועס מיט מאָרדכע אווי־שאולן צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג; אַווראָם קוואַטערקאָ. דער כאַווער סעם ליפּצין 171

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. פאַר שאָלעם און גערעכטיקייט אין נאָענטן מיזרעך; מיר קלערן אויף 179

פאַרשיידנס 182

זאַלמען קאַהאַן. מיכאַיִל קוני 184

כראָניק 119, 168, 181, 187

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 186

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 188

לאָמיר זינגען נײַע לידער. האַנעשאָמאָ לאָך וועהאַגוף שעלאָך. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון סערגיי טשעבאָטאַריאָוו 189

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
ט. גען, נאָטע לוריע,
מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. טשיטשעלניצקי

דער גרויסער שווינדל פונעם ציוניזם:

ניט ער ראטעוועט די יידן פון „גאָלעס", נאָר ער פארטרייבט זיי אין גאָלעס ארײַן

די ציוניסטן טײַנען, אז זיי האָבן גענומען אף זיך די מיסיע צו באפרײַען די יידן פון גאָלעס, ברענגען זיי אף דער ערד פון זייערע אָוועס, אף דער ערד, וווּ עס רינט מילך און האָניק. זיי פארשווײַגן אָבער, אז פאקטיש ווערן מענטשן ארויסגעריסן פון זייערע היימען, וווּ זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און צוזאמען מיט זייערע עלטערן און אורעלטערן געווען טיף פארוואָרצלט, פון די היימען, וואָס זײַנען בעטמעס געווען אין לאנד פון זייערע אָוועס. די ציוניסטן ברענגען אָט די יידן אין א פרעמד לאנד, וווּ עס האָט זיך זינט פיל יאָרהונדערטער פארוואָרצלט אן אנדער פאָלק, וואָס טראכט ניט צו פארלאָזן די ערד פון זײַנע אָוועס. איז דאָס ניט קיין אומווירדיקער שווינדל, וועלכן מע קאָן פארעכענען צו די שווערסטע פארברעכנס קעגן אייגענעם פאָלק? די מערהײַט יידן, וועמען די ציוניסטן האָבן פארשלעפט קיין ישׂראָעל, פילן זיך דאָרט, ווי אימיגראנטן, און דאָס איז דאָך גאָלעס: אָן א היים, אָן א שפראך, פון אומעטום לאָקערט עלנטקײַט, איינזאמקײַט.

די ציוניסטן שרײַען אף אלע ראָגן, אז זיי באפרײַען די יידן פון די „גאָלעס־לענדער", נאָר פאקטיש ברענגען זיי די יידן אין דעם גאָלעס פון ישׂראָעל. אז דאָס איז אזוי, און ניט אנדערש, וועט דער לייענער זיך איבערצײַגן פון די ווײַטער געבראכטע מאטעריאלן, וועלכע זײַנען גענומען פון דער פרעסע, פון דערציילונגען פון לעבעדיקע מענטשן. מאטעריאלן וועגן אָט דער פראגע זײַנען פאראן אזויפיל, אז מע וואָלט פון זיי געקאָנט צונויפשטעלן דיקע בענדער. מיר באגרענעצן זיך דאָ מיט א מינימום.

וואָס מיר דערוויסן זיך פון דער „ענציקלאָפּעדיע פון ציוניזם און ישׂראָעל"

ביז איצט האָט מען געמיינט, אז די אווטאָרן פון דער אידיי וועגן באזעצן אלע יידן פון דער וועלט אין ערעץ־ישׂראָעל, דאָרט, וווּ מיט טויזנטער יאָרן צוריק איז געשטאַנען דער בייס־האמיקדאָש און פונוואַנען דער קייסער פון באָוול, נעווּוּכאדנעצאר, האָט פארטריבן דאָס יידישע פאָלק אין גאָלעס, זײַנען טעאָדאָר הערצל אָדער זײַנע פאָרגייער מוישע העס און לייב פינסקער, בירנבוים, וואָס האָט געשאפן דעם טערמין „ציוניזם", אָדער עליעזער בען־יעהודע, וואָס האָט מאָדערניזירט די העברעישע שפראך און וועמען מע האלט איצט פארן שע־פער פון איווריט. לאָזט זיך אויס, אז די, וואָס מיינען אזוי, האָבן א גרויסן טאָעס. קוקט ארײַן אין דער „ענציקלאָפּעדיע פון ציוניזם און ישׂראָעל", וואָס איז דערשינען אין 1971 אין ניו־יאָרק, וועט איר זען, אז די עמעסע אווטאָרן פון דער ציוניסטישער אידיי אין איר פּאָליטישן אספעקט (און דאָס איז דער הויפּט־אספעקט פונעם ציוניזם) זײַנען גאָר, ווי די ענציקלאָ־פּעדיע רופט זיי אָן מיט ייראס־האקאָוועד, די „קריסטלעכע ציוניסטן". צווישן די „קריסט־לעכע ציוניסטן" געפינט איר אזעלכע פערזענ־לעכקײַטן, ווי נאפּאָלעאָן באָנאפּארט, דעם אווי־טאָר פון דער אידיי וועגן „אומקערן" די יידן קיין פּאלעסטינע מיט דער הילף פון פראנק־

רײַך, דעם ענגלישן לאָרד שאַפטעסבירי, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז „אומקערן" די ייִדן זאָל מען נאָר אונטער דער עגידע פון ענגלאַנד, דעם פאַלקאָווניק טשערטשיל, נאַפּאָלעאָנס סעקרעטאַר לאַגאַראַן און פיל אַנדערע אידעאָלאָגן און פּראַקטיקער פונעם קאָלאָניאַליזם.

די דאָזיקע לײַט האָבן נאָך לאַנג ביז הערצלען פאָרמולירט די גרונט־אידייען, וועלכע הערצל האָט שפּעטער באַשריבן אין זײַן בוך „די ייִדישע מעלוכע". די „קריסטלעכע ציִוניסטן" זײַנען געווען אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן. מיטן פאַרשפּרייטן די טעאָריעס וועגן דעם „הייליקן לאַנד", וועגן דעם „לאַנד פון די אָוועס", זײַנען זיי אויסן געווען בלויז אַנטדעקן אַ נײַעם קוואַל פון האַרמאַטן־פלייש פאַר זייערע קאָלאָניאַליסטישע פּלענער. מיט דער הילף פון אָט די ציִוניסטישע אידייען האָבן זיי געפונען די נייטיקע מענטשן־קאָנטינגענטן אין טכום פונעם צאַרישן רוסלאַנד און אין די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע געטאָס, אָבער... ניט אין אַזאַ מאָסשטאַב, ווי עס האָבן אויסגערעכנט די „פאָטערס" פונעם ציִוניזם.

בלויז אַ קליינע צאָל ייִדן זײַנען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די ציִוניסטישע אידייען. דער גרונט־שטראָם פון דער ייִדן־מיגראַציע האָט ביז דער וועלט־מילכאָמע אויסגעמיטן די אַראַבישע פּאַלעסטינע.

די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע איז אין מעשעך פון פיל דורות באַשטאַנען פון אַראַבער. דער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַוווסטזײַן פון די אַראַבער פון פּאַלעסטינע האָט זיך געלאָזט הערן נאָך אין די צײַטן פון דער טערקישער מעמשאָלע, ווען די מערהײַט ייִדן, וועלכע וווינען אין די גאָלעס־לענדער, האָט פאַרלאָרן יעטווידע פאַרבינדונג מיט דער „ערד פון די אָוועס". די „אַליִע" האָט זיך געפירט אויף אַזאַ אויפן, אַז עס זײַנען ניט גענומען געוואָרן אין אַכט די עקאָנאָמישע מעגלעכקײַטן פון פּאַלעסטינע, און דאָס האָט געבראַכט אַ גרויסן שאָדן דער גרונט־באַפעלקערונג, דערונטער אויך דער קליינער צאָל היגע ייִדן (אינמיטן XIX יה. האָבן אין פּאַלעסטינע געוווינט אַרום 12 טויזנט ייִדן), וועלכע האָבן פײַנטלעך באַגעגנט די ערשטע ציִוניסטישע אוילים.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אויסבילדונג פון דער מעדינע האָט די „אַליִע" איבערגעלעבט, ווי די אַמעריקאַנער רופן עס, אַ „בום". דער דאָזיקער אומשטאַנד לאָזט זיך דערקלערן מיט אַ ריי אויסעראָרדנטלעכע פאַקטאָרן. די מײַרעוו־מעלוכעס האָבן געשיקט די פליטים פונעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד בלויז קיין פּאַלעסטינע, האָבנדיק פאַר דער מילכאָמע פאַרמאַכט פאַר זיי די אייגענע גרענעצן. שפּעטער זײַנען אַהער געקומען אויך די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די איבערזידלונגס־לאַגערן, וועמען מע האָט ניט געגעבן קיין וויזעס אויף אַרײַנפאָרן אין די לענדער פון מײַרעוו־אייראָפּע און פּשא. אָבער דער גרונט־קאָנטינגענט פון די נײַע עמיגראַנטן איז באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען פון די לענדער פון אַזיע און צאָפן־אַפריקע, די אַזויגערופענע „מיזרעך־ייִדן". די מערהײַט פון זיי האָט פאַרלאָזט די אַלטע היים קלאַל ניט אונטערן דרוק פונעם אָרטיקן אַנטיסעמיטיזם, ווי דאָס מאָלן די ציִוניסטישע פאַלסיפיקאַטאָרן פון דער געשיכטע: פאַר דער אַראַבישער וועלט, פאַר אינדיע, עטיאָפּיע איז ייִדן־פײַנטשאַפט ניט קיין כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונג (לאָמיר דערמאָנען, אַז אין מיטל־אַלטער, ווען די ייִדן זײַנען אויסגעשטאַנען שרעקלעכע רעדיפעס אין מײַרעוו־אייראָפּע, פלעגן זיי אָפט זוכן אַ רעטונג אין די איסלאַמישע לענדער).

דער שטראָם אוילים פון די אַראַבישע לענדער איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון די מאַניפּוליאַציעס פון די קאָלאָניזאַטאָרן און ציִוניסטן, וועלכע האָבן גערן אָרגאַניזירט אַפילע אַנטיסעמיטישע פּראָוואָקאַציעס. לאָמיר, אַגעוו, באַמערקן, אַז פון די מאַריוו־לענדער (אַפריקע אאַ.) זײַנען די ייִדן אַרויסגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, נאָך איידער די דאָזיקע לענדער האָבן באַקומען אומאָפּהענגיקײַט (די שפּעטערדיקע עמיגראַציע האָט שוין געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער: די ייִדן זײַנען געפאָרן ניט קיין פּאַלעסטינע, נאָר קיין פראַנקרײַך, קאַנאַדע אאַ.). פון איראַק האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־עמיגראַציע פון די ייִדן קיין ייִסראָעל ביז דער רעוואָלוציע פון 1958, פון טיימאַן — ביזן פאַריאָגן פון דאָרט די מאָנאַרכיסטן.

ניט געקוקט אָבער אויפן גאַנצן טעראָר, איז די מערהײַט ייִדן פון דער וועלט — העכער 80 פּראָצ. — פאַרבליבן דאָרט, ווו עס האָבן לאַנגע דורות געלעבט זייערע טאַטעס און זיידעס. פאַר זייער עמעס היימלאַנד האָבן זיי געהאַלטן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די פאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקרײַך און ענגלאַנד, מאַראָקאָ און סיריע, אַרגענטינע און טערקײַ. זיי האָבן קיין שום געמיינזאַמס ניט סײַ מיטן ציִוניזם, סײַ מיט דער מעלוכע, וועלכע ער האָט געשאַפן און וועלכע פּרעטענדירט אויף דער „רעכט" צו זײַן, לויטן אויסדרוק פון איינעם פון די אידעאָלאָגן פונעם ציִוניזם, שויעל פרידלענדער, דער „קאָלטער מאָנסטער", דה. צו באַגיין אומגעזעצלעכקײַטן לעשעם די

אינטערעסן פון יענע, וועלכע גיבן געלט און געווער.

דינען אָבער אָט דעם „קאַלטן מאָנסטער״, שענקען אים די קויכעס און דאָס לעבן, קעדיי ער זאָל קאָנען פאַרכאַפּן פרעמדע טעריטאָריעס, רויבן פרעמד גוטס, פירן א שענדלעכע און פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון גענאָציד קעגן דעם פּאָלק, וואָס איז דער באַלעבאָס פונעם לאַנד, אין וועלכן עס לעבט, — דאָס קאָנען בלויז אָדער מענטשן, וועלכע זײַנען פאַרפירט פונעם געפיל פון שאָוויניזם און ראַסיזם, אָדער אַזעלכע, וואָס זײַנען אָפּגענאַרט מיצאַד די ציִעניסטן.

עס טרעפן יאָרן, ווען די עמיגראַציע פון ייִסראָעל אין אַנדערע לענדער גלײַכט זיך אויס לויט איר גרייס מיט דער „אַליִע״ (מיט דער אימיגראַציע). אַזוי איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי קאָן זײַן אויך אין דער צוקונפט. די האָרעפּאַשניקעס פון ייִסראָעל הייבן זיך אויף אַלץ אַקטיווער צום קאַמף פאַר זייערע סאָציִאַלע רעכט. אין לאַנד וואַקסן די שטימונגען קעגן מילכאָמע און קעגן ראַסיזם. עס עפענען זיך די אויגן בא אַלץ א גרעסערער צאָל אײַנוווינער פון ייִסראָעל, וועלכע הייבן אָן צו פאַרשטיין, אַז מע מוז זיך אָפּזאָגן פונעם פּאָליטישן קורס, וואָס קאָן דערפירן צו א קאַטאַסטראָפע דאָס גאַנצע פּאָלק פון ייִסראָעל.

(זשורנאַל „מעזשדונאַראָדנאַיאַ זשיזן״)

די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל שילדערן די עמעסע לאַגע

„וועגן דער פּאָליטיק „שלח את עמי״ — אַזוי הייסט דער רעפּאָרטאַזש פון א. שערמאַן אין דער קאָמוניסטישער ייִסראָעל־צײַטונג „דער וועג״. דער רעפּאָרטאַזש איז געשריבן פונעם לודער אַעראָפּאָרט, ווו „נײַע אוילים שטײַגן אָפּ און יאָרדים שטײַגן אויף, אַעראָפּלאַנען לאָדן אויס זייער סכוירע, מיניסטאָרן און קלאַל־טוער נעמען אויף געסט״.

א. שערמאַן שרײַבט: „פּאָשעטע מענטשן, פאַרבלאָנדזשעטע נעשאָמעס, וואָס האָבן געגלייבט דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און ווילן בלויז אַרבעטן און לעבן, פאַלן אַרײַן אין דער נעץ פון דער ייִסראָעלדיקער ווירטשאַפט און פּאָליטיק, זיי קוקן און זעען פאַר זיך א פרעמדע וועלט: א וועלט, וועלכע קאָן זיי ניט געבן און פאַרבײַטן, וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן, — גײַסטיקע באַפרידיקונג, א מענטשלעכע באַציִונג און וואַרעמקײַט. באַלד נאָך די ערשטע טומלדיקע טעג טרעטן זיי אַרײַן אין וואָכעדיקן לעבן, וואָס איז ביליקער פון א פּיאַסטער.

מענטשן ווערן דאָ געמאָסטן און געוווּיגן מיט דער מאָס פון אַשירעס. די אַזויגערופענע „ברידער״, וואָס ריידן בלויז וועגן פּאָלק און לאַנד, באַקוקן די נײַע אוילים און שאַצן אָפּ זייערע מוסקולן...

דאָס לאַנד זעט אויס ווי א בירזשע, ווו מע קויפט און מע פאַרקויפט. שיינע בערדיקע ייִדן פאַרקויפן מעזוזעס, ציצעס, ווערט־פּאַפּירן און וואָס איר ווילט נאָר... א טייל ייִדן מאַכט א לעבן בלויז פון זיצן: אייניקע זיצן אין די קאַפעס און האַנדלען מיט וואַליוטע, אַנדערע זיצן און קלאַפּן מיט די צדאָקע־פּושקעס...

די הערשער פונעם לאַנד זײַנען גרייט געבן דעם יונגן דאָר א ביסל פון דער־וועלט און דעריקער — פון יענער־וועלט. מע גיט דער יוגנט פּיסטאָלעטן, ביקסן: זאָל זי זיך שפּילן מיטן מאַלעכהאַמאָוועס.

אַזוי גייט דאָס לעבן אונטן, אַף די גאַסן... און אויבן, אין די הויכע פענצטער, זיצן זיך די מאַנהיגים, פײַערדיקע פּאַטריִאָטן, הייסע דעמאָקראַטן, און שרײַען: „שיק מײַן פּאָלק!״

א ציִעניסטישע ייִסראָעל־צײַטונג מוז אַנערקענען

„דער „נעס״, וואָס קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין א צײַט־באָמבע״, — אַזוי הייסט דאָס אונטערקעפּל פונעם אַרטיקל פון פאַליק לערנער אין דער צײַטונג „לעצטע נײַעס״, אין וועלכן עס ווערן באַהאַנדלט די קאָמענטאַרן פון דער ייִסראָעל־פּרעסע אַרום די פּראָבלעמען, וועלכע עס האָט אַרויסגערופן אין דער מעדינע דאָס אָנקומען פון ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

קיינער האָט ניט געטרוימט אַפילע, — שרײַבט פ. לערנער, — אַז א מאַסן־אײַנוואַנדערונג פון סאָוועטישע ייִדן וועט ניט אַרויסרופן קיין קאָמפּליקאַציעס און שוועריקײַטן. מע האָט זיך אָבער ניט פאָרגעשטעלט, אַז פיל פון די דאָזיקע קאָמפּליקאַציעס און שוועריקײַטן וועלן זײַן א פּראָדוקט פון דער טעמפּקײַט און ביוראָקראַטיע פון די אַליִע־אַסקאָנים, וועלכע פאַרשטייען לאַכלוטן ניט די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די רוסישע אוילים.

עס קאָן זײַן, — שרײַבט דער אַווטאָר ווײַטער, — אַז די שוועריקײַטן אין דעם דאָזיקן פּראָצעס (די אַבסאָרבציע פון די אוילים פון סאָוועטנפאַרבאַנד) געהערן צו די סיבעס, וועלכע קומען ניט בלויז פון איין צאַד — פון די באַאַמטע, וועמען עס זײַנען אָנגעטרויט די איניאָנים פון דער אַליִע, — נאָר אויך פונעם צווייטן צאַד, פון די אימיגראַנטן, וועלכע

זײַנען עפשער אין א סאך פאלן צו פּרעטענציִעז, קאָנען זיך ניט צוגעוווינען צו דעם נײַעם לעבנשטייגער. דער פּראָצעס פון צופּאסן זיך צו א נײַעם קלימאט, צו א נײַער סוויווע, צו נײַע לעבנס־באַדינגונגען קומט אָן שווער אלע אימיגראנטן, אין אלע לענדער. וואָס שײַעך די אוילים פון פּססר, איז בא זיי דער דאָזיקער פּראָצעס א סאך שארפער, ווײַל זיי קומען פון א וועלט, ווו דער רעזשים זאָרגט זיך פארן יאָכיד.

פ. לערנער ברענגט אזא אויסצוג פון די „שאבעסדיקע שמועסן" אין „לעצטע נײַעס" פונעם רעדאקטאָר פון אָט דער צײַטונג מאָרדכע צאנין:

„אויב אין א שיינעם טאָג וועלן זיך בא אונדז אופהייבן א צען טויזנט אוילים פון סאָוועטנפארבאנד און פארלאָזן דאָס לאנד, אָדער אין סאָוועטן־רוסלאנד וועלן יידן דערגיין דעם „סאָד" און אופהערן קומען קיין ייִסראָעל, וועלן מיר דעמלט אָנהייבן קלאפּן אין טיש. אין דער קליטע (דאָ געמיינט אקלימאטיזאציע. — רעד. „סאָוו. היימלאנד") פון די נײַע אוילים פון סאָוועטן־רוסלאנד שטייען מיר פאר א קאטאסטראָפע. איך האָב ביז איצט אָפּגעהאלטן זיך פון פארעפנטלעכן אין „לעצטע נײַעס" דאָס ביטערע קלאָגן זיך פון די נײַע אוילים פון סאָוועטן־רוסלאנד אָף דער הארצלאָזער ביוראָקראטיע. איך האָב מוירע געהאט, אז דאָס קאָן ברענגען שאָדן דער אליִע פון סאָוועטן־רוסלאנד..."

„ס י נ ע צ ו ד י א ו י ל י ם פ ו ן ס א ָ ו ו ע ט נ פ א ר ב א נ ד". די דאָזיקע פראגע באלויכט אויספירלעך מ. צאנין אין זײַנע „שאבעסדיקע שמועסן". דאָס ארטיקל הייסט „גאָלדע מעיִר רופט צו באקעמפן האס צו די רוסישע אימיגראנטן". מ. צאנין שרײַבט:

„זינט פון אונדז האָט זיך אָפּגעטאָן די קויסל־מאאראָווי־היסלײַוועס, און דער „שלח את עמי" איז געבליבן ניט מער ווי אופגעקלעפּט אָף די הינטערטיילן פון די אווטאָמאָבילן, האָט זיך געשאפן א פײַנטלעכע, ניט־פארגינערישע אטמאָספער קעגן די אוילים פון סאָוועטנפארבאנד, אין דער און אין יענער צײַטונג האָבן זיך שוין אפילע באוויזן פײַנטלעכע ארטיקלען קעגן זיי".

„זײַט זיי ניט מעקאנע, די דאָזיקע אוילים פון רוסלאנד, וואָס ווערן איבערגעאכט „גווירים"... — רופט אויס מ. צאנין. — אויב פון די אמעריקאנער אוילים פאָרן צוריק צוואנציק פּראָצענט, ווייס איך ניט, ווי עס וואָלט אויסגעזען די יערידע פון צווישן די אוילים פון סאָוועטן־רוסלאנד... די אמעריקאנער אוילים האָבן די מעגלעכקײַט צו טאנצן אָף ביידע כאסענעס — זיי ווערן ייִסראָעל־בירגער, אָבער זיי בלײַבן ווײַטער אמעריקאנער און זיי קאָנען צו יעדן מאָמענט נעמען דעם טשעמאָדאן און צוריקפאָרן, ניט אָנרופנדיק זיך יוירעד. ייִדן פון סאָוועטן־רוסלאנד פארברענען הינטער זיך אלע בריקן פון דעם מאָמענט אָן, ווען זיי פארלאָזן רוסלאנד, זיי פארלירן אלע גוטע סאָציִאלע אײַנריכטונגען, וועלכע זײַנען יאָ פאראן אין סאָוועטן־רוסלאנד און זײַנען ניטאָ אין ייִסראָעל..."

„די פײַנטשאפט צו די אימיגראנטן פון סאָוועטן־רוסלאנד נעמט אָן אן עפּידעמישן כאראקטער. וואָס טײַערער עס ווערן וווינונגען און וואָס מער דאָס געלט איז ווערטלאָז, אלץ מער ווערט ארופגעלייגט די שולד אָף די עמיגראנטן פון רוסלאנד..." אָף א לאנדקאָנפערענץ פון שול־דירעקטאָרן און דערציִערס, געווידמעט די פּראָבלעמען פון אײַנבירגערן די נײַע אימיגראנטן, איז ארויסגעטראָטן דער פּרעמיער גאָלדע מעיִר. אין איר רעדע האָט זי געזאָגט: „אויב ביז איצט זײַנען די רייד, אז אין ייִסראָעל האָט מען ליב די אליִע, אָבער מע האָט ניט ליב די אוילים, געווען א מין ווערטל, איז עס איצט געוואָרן אווירקלעכקײַט".

„פ א ק ט ן ב א ש ט ע ט י ק ן" (פּרעסע־אגענטור „עלטא"). „די נײַע אוילים אין ייִסראָעל לעבן אין נויט און דאכקעס", „טויזנטער אוילים הונגערן, ביז זיי געפינען א פּאסיקע ארבעט". דאָס זײַנען קעפּלעך פון ארטיקלען, וועלכע זײַנען גענומען ניט פון קאָמוניסטישע צײַטונגען און זשורנאלן, נאָר פון אן אָרגאן, וועלכן עס גיבן ארויס פארטיידיקער פון די ציִעניסטן — די טשיקאגער קלעריקאלן. די צײַטונג הייסט „דראוגאס". דער ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון „דראוגאס" וו. אלסייקא שרײַבט: „ווען א נײַער אוילע קומט קיין ייִסראָעל, זײַנען די ערשטע פּאָר כאדאָשים בא אים יאָמטעוו — ער טרעפט זיך מיט באקאנטע, מיט קרויווים. דערנאָך אָבער הייבט זיך אָן דער אינדערוואָכן: ער לויפט ארום איבער די אנשטאלטן, קעדיי אײַנאָרדענען זיך, און זײַנע ארומלויפעניש גיבן ניט קיין רעזולטאטן. קריגן ארבעט לויטן פאך איז אומעגלעך — עס קומען אָן א סאך נײַע אוילים און זיי פארכאפּן אלע פרײַע פּאָסטנס. מער פון אלץ לײַדן אין דעם פראט די לערער, שרײַבער און בכלל די אינטעלעקטואלן, ווײַל אינטעלעקטואלן דארפן קענען גוט איוורית...

עס טרעפן ניט ווייניק פאלן, ווען די אוילים, ניט קענענדיק זיך אײַנאָרדענען אין ייִסראָעל, צעפאָרן זיך אין אלע עקן וועלט זוכן גליק. און ווי עס לעבט זיך אזעלכע „גליקזוכער" אין די מײַרעוו־לענדער, איז גוט באוווּסט. אָבער אפילע די, וואָס אָרדענען זיך יאָ אײַן

אין ייִסראָעל, פילן זיך ווײַט ניט גליקלעך. דער אוילע פון ריגע, דער פאָטאָגראַף י. שנײַדער, האָט זיך אין ייִסראָעל אײַנגעאָרדנט לויט זײַן פאַך, ער פאַרדינט דאָ מער, איידער אין ריגע, אָבער, קלאָגט ער זיך, דער גרעסטער טייל פון זײַן האַכנאָסע גייט אוועק אַף צאָלן דירע־געלט, אין דער צײַט, ווען אין ריגע איז אָט די הויצאָע געווען מיזערן קליין. אַזעלכע פאַקטן קאָן מען ברענגען אָן אַ שיר".

אין דער מערהײַט פאַלן פאַרוואַרפן די אוילים מיט בריוו און באַקאָשעס די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשיידענע לענדער, מע זאָל זיי דערלויבן אומקערן זיך אַהיים. אין דער ווילנער צײַטונג „קאַונאַס טיִעסאַ" איז אָפּגעדרוקט אַ קאָלעקטיווער בריוו, וועלכן עס האָבן אונטערגעשריבן פיל אינטעלעקטואַלן, צווישן זיי דער קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן פּ. פריידהיימאַס, דער עלטערער לעקטאָר פון פּאָליטעכנישן אינסטיטוט ל. סאָלאָמינאַס, דער דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן י. זאַקסאַס און אַנד. „אַז מע וויל זיך איבערצײַגן אין די פּאַרצוגן פונעם סאָציאַליזם לעגאַבע דעם קאַפּיטאַליזם, — שרײַבן זיי, — מוז מען דען צוליב דעם פאָרן אין עק וועלט, אויספּרוּוון אַף זיך אַליין די וואָלפישע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, מאַכן אַ טעל פונעם אייגענעם לעבן? 250 טויזנט אָפּגענאַרטע ייִדן זײַנען צוריק אַנטלאָפן פון דער ערד פון די אָוועס — פון ייִסראָעל, ווו עס הערשט מיליטאַריזם, ראַסיזם, קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע".

יאָ, פאַקטן זײַנען אַקשאָנים, זיי באַשטעטיקן דעם עמעס.

◆

וויִאַזוי לעבט זיך אין ייִסראָעל די עמיגראַנטן פון פססר

„אינעם אַעראָפּאָרט האָט מען אײַך מעקאַבלפּאָנעם געווען מיט בלומען, ווען איר וועט אָבער קומען קיין ירושאָלאַיִם, וועלן טויזנטער סאַברעס באַגעגענען אײַך מיט שוואַרצע פלאַגן", — אַזאַ אופשריפט האָבן די יונגע סאַברעס געמאַכט אַף די אווטאָבוסן, וואָס וואַרטן אַף די נײַע אוילים.

אַ פאַרשטייער פון די גרוזינישע ייִדן האָט דערציילט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער עסטרײַכישער צײַטונג „פאָלקסשטימע": ווי נאָר די אוילים זײַנען אַרופגעטראָטן אַף דער ערד פון ייִסראָעל, האָט מען זיי געלאָזט אַף העפּקער. פאַר יעדע פינף מישפּאָכעס האָט מען אויסגעטיילט איין דירע. באַקומען אַ שטענדיקע אַרבעט איז קימאַט אוממעגלעך, דעריבער מוז מען לעבן פון צופעליקע פאַרדינסטן, דערבײַ אַרבעטן אין אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, וועלכע דערנידעריקן די מענטשלעכע ווירדע. עס קומט אויס צו טאָן די סאַמע שווערע און שמוציקע אַרבעט.

„איצט, — שרײַבט די „פאָלקסשטימע", — וויסן די נײַע אוילים פון זייער אייגענער דערפאַרונג ניט בלויז, אַז דער לעבנס־ניוואָ אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַ סאַך אַ העכערער, איידער אין ייִסראָעל, נאָר אויך, אַז זייער ווירקלעך היימלאַנד איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד".

דאָקטוירים, מוזיקאַנטן, אַדוואָקאַטן, לערער, אינזשענירן, קוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן — עמיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד — געפינען זיך אין שווערע באַדינגונגען און קענען אָפּט אין ייִסראָעל ניט געפינען קיין אַרבעט לויט זייערע קענטענישן און פייִקײַטן. גאָר אַ הויכער פּראָצענט פון די נײַע עמיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד באַשטייט פון פרויען, וועמען עס איז אין ייִסראָעל באַזונדערס שווער צו קריגן אַרבעט, ווײַל דאָרט, ווו זיי וואָלטן וועלן אַרבעטן, דאָמינירן די מאַנצבלען.

אַף דער ערד פון די אָוועס פליסן ניט קיין טײַכן פון מילך און האָניק, מע טרעפט דאָ נאָר שוועריקייטן און שוועריקײַטן. אַן עמיגראַנט, וואָס האָט געאַרבעט אין טעל־אוויווער האָטעל „כילטאָן" און האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די דיסקרימינאַציע, האָט געזאָגט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער אַמעריקאַנער אַגענטור „יונײַטעד פּרעס": „אַלע ייִדן, וואָס האָבן אַ לענגערע צײַט אָפּגעלעבט אין ייִסראָעל, האַסן די אוילים, ווײַל זיי האַלטן, אַז מיר נעמען בא זיי אָפּ די דירעס און די אַרבעט".

„איך בין געווען אין ייִסראָעל סאַכאַקל 20 טעג, און אַפילע פאַר אָט דער קורצער צײַט איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך וועל זיך קיינמאָל ניט צופּאַסן צום היגן לעבן", — האָט געזאָגט שימען בעניאַש, אַ 34־יאָריקער עמיגראַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

מיר האָבן שוין געזען, ווי שווער עס איז די לעצטע צײַט געוואָרן די וווינונגס־פּראָגע אין ייִסראָעל. די רעגירונג פון גאָלדע מעִיר האָט אײַנגעשטעלט פאַר די נײַע אוילים אַ נאָרמע אַפילע אין די ברעזענט־בײַדלעך און אין די באַראַקעס.

די עמיגראַנטן פאָדערן נאָרמאַלע וווינונגס־באַדינגונגען, ווי זיי האָבן דאָס געהאַט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און דירעס זאָל מען זיי געבן אין די שטעט. דערמיט זײַנען ניט צופרידן די סאַברעס, וועלכע טײַנען, אַז די עמיגראַנטן רופן אַרויס די וווינונגס־שוועריקײַטן, וואָס הערשן אין די שטעט פון ייִסראָעל.

די נײַע אוילים, באַזונדערס פון גרוזיע, ווילן זיך באַזעצן גרופּעסווײַז, קאָלאָניעסווײַז, ווײַל זיי קענען ניט די שפּראַך איוורית און זיי איז שווער צו פאַרקערן זיך מיט דער היגער באַ־פעלקערונג. אָבער די מאַכט־אָרגאַנען האָבן מער כיישעק צו באַזעצן די נײַ־געקומענע אין די ראַיאָנען פון די אָקופּירטע אַראַבישע שטעט נאַבלוס, דזשענין, ראַמאַלאַך.

ניטאָ הײַנט אַף דער וועלט נאָך אַזאַ לאַנד, ווו די שטײַערן זאָלן זײַן אַזעלכע הויכע, ווי אין ייִסראָעל. די גרויסע קריגס־הויצאָעס נעמען אָפּ בא די מענטשן די לעצטע לעבנס־מיטלען. די נײַע אוילים האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן דערזען, אַז ייִסראָעל איז א קריגס־לאַגער. דער פינאַנץ־מיניסטער פּינכאַס סאַפּיר האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ייִסראָעל קלײַבט זיך פאַרגרעסערן זײַנע קריגס־הויצאָעס מער ווי אַף 60 פּראָצ., מעג אַפילע אונטער־געשריבן ווערן א שאָלעם־אָפּמאַך.

די נײַע אוילים, וועלכע האָבן קינדער, זײַנען שטאַרק באַומרויִקט, וואָס אין לאַנד איז ברייט פאַרשפּרייט די נאַרקאָמאַניע צווישן קינדער און יוגנט. אַפן פּאָליציי־דיסקאָנט געפינען זיך 12 טויזנט נאַרקאָמאַנען, צווישן זיי א סאַך סטודענטן און אַפילע שול־קינדער. און ווו נאַרקאָמאַנען, דאָרט איז פאַרברעכן. די סטאַ־טיסטיק זאָגט, אַז אין טעל־אָוויוו איז איינער פון יעדע 40 אײַנוווינער א פּראָפעסיאָנעלער פאַרברעכער. די ייִסראָעל־צײַטונג „מאַאריוו" שרײַבט, אַז אין די אָוונטן האָבן מענטשן מוירע אַרויסצוגיין אין גאַס.

דער גרויסער דיכטער כאַים־נאַכמען ביאַליק האָט אַמאָל איראָניש באַמערקט, אַז ייִסראָעל וועט ניט ווערן קיין הײַנטצײַטיקע מעלוכע, קאָלזמאַן דאָ וועט זיך ניט אַנטוויקלען די פאַרברעכערישקײַט. לויט ביאַליקס קריטע־ריען, שרײַבט סאַרקאַסטיש דער קאָרעס־פּאָנדענט פון דער אַמעריקאַנער אַגענטור „יונײַטעד פּרעס" ריטשאַרד גראָס, האָט ייִס־ראָעל שוין דערגרייכט פּוליאָריקײַט, געוואָרן א בויגרעס.

די באַאַמטע פונעם אַבסאָרבציע־מיניסטע־ריום טײַנען:

„מיר באַמיִען זיך צו העלפן מענטשן אײַנ־אָרדענען זיך, געפינען א פּאַסיקע באַשעפ־טיקונג, אָבער מיר קאָנען דאָך ניט ענדערן דעם מאָראַלישן און גײַסטיקן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט".

די ניט־אײַנגעאָרדנטקײַט, די שטענדיקע שוועריקײַטן, די אומקלאָרקײַט פון דער צוקונפט, די ביוראָקראַטישע אָרדענונג אין לאַנד, דער הייסער קלימאַט, דער עצעם לעבנ־שטייגער פון ייִסראָעל — דאָס אַלץ וואַרפט אָן א ייִעש אַף א סאַך עמיגראַנטן, און זיי זוכן וועגן, ווי צו אַנטלויפן פון ייִסראָעל.

די מאַכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל שאַפן גרויסע שוועריקײַטן פאַר די אוילים, וואָס ווילן אַרויספאָרן פון ייִסראָעל, זיי פאָדערן, עס זאָלן אומגעקערט ווערן די הויצאָעס אַף באַזעצן זיי. דער אַבסאָרבציע־מיניסטער פון ייִסראָעל נאַטאַן פּעלעד האָט אַף א פּרעסע־קאָנפערענץ אין ווין באַשטעטיקט, אַז די מענטשן, וועלכע פאַרלאָזן ייִסראָעל, מוזן אומ־קערן אַזעלכע סומעס, וועלכע באַטרעפן צענד־ליקער טויזנטער שילינג. ייִסראָעל מאַכט אויך א דרוק אַף אייניקע לענדער, זיי זאָלן ניט אַרויסגעבן קיין וויזעס די אוילים, וואָס פאַר־לאָזן ייִסראָעל.

אומצופרידנקײַט. פאַרביטערטקײַט

אָט וואָס עס שרײַבט עליִאָהו סאַלפּעטער אין דער ייִסראָעלדיקער ציִוניסטישער צײַטונג „האַאַרעץ":

„שווער, זייער שווער איז פאַר אַן אוילע פון סאָוועטנפאַרבאַנד זיך צוצופּאַסן צום לעבן אין ייִסראָעל, וואָס קימאַט אין אַלע הינזיכטן שיידט זיך עס אונטער פונעם לעבן אין דער וועלט, ווו ער איז געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. דאָס געזאָגטע איז שײַעך סײַ צו די פראַגן פון אַרבעט און אָפּרו, סײַ צום פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, סײַ צו זײַן לאַגע, ווען ער ווערט קראַנק.

אַשטייגער, די פראַגע וועגן קולטור. אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז א געבילדעטער מענטש געוווינט צו גיין אָפט אַף קאָנצערטן, אין טעאַטער, אַף אַנדערע קינסטלערישע אונטער־נעמונגען. די פּרײַזן פון די בילעטן זײַנען צוטריטלעכע, און זיי באַשוועריקן ניט זײַן בודזשעט. אָבער די פּרײַז פון א בילעט אַף א פאָרשטעלונג אין ייִסראָעל שרעקט אים שטאַרק. דאָס איז איינער פון די סימאָנים פון קולטורלאָזיקײַט, — איינער, אָבער ניט דער איינציקער. אין ייִסראָעל גייען מענטשן זעל־טענער אין די ביבליאָטעקן, זיי זיצן ווייניקער אין די לייענזאַלן, און גאָר א קנאַפּער אוילעם באַזוכט די לעקציעס וועגן ליטעראַטור אָדער קונסט. גראַמאָפאָן־פּלאַטן און דעריקער ביכער קאָסטן אין פּסער צען מאָל ביליקער, איידער אין ייִסראָעל. א מוטער, וואָס איז געקומען קיין ייִסראָעל פון מאָסקווע, קלאָגט זיך, לעמײַ זי דאַרף דאָ צאָלן — און גאַנץ היפּש צאָלן — פאַר די לעקציעס וועגן מוזיק, וועלכע עס באַזוכט איר באַגאַבטע טאָכטער.

געזונט און סאָציאַלע הילף. א ייִד פון מאָסקווע, לענינגראַד צי פון אן אַנדער סאָוועטישער שטאָט איז ניט צופרידן מיט דער באַדינונג פון קראַנקע אין קופּאַט־כאַלים. אין א גרויסער סאָוועטישער פּאָליקליניק ווערט דער כוילע אַלזייַטיק באַטראַכט, און נאָכן פעסטשטעלן דעם דיאַגנאָז באַקומט ער די גע־העריקע היילונג. אַף אן אָפּעראַציע קומט אים אויס צו וואַרטן א סאַך ווייניקער צייַט, איידער אין ייִסראָעל. אויב עס האַנדלט זיך וועגן א שווערקראַנקן אָדער וועגן א קינד, איז דער דאָקטער ניט פויל צו קומען צום כוילע אהיים. אין ייִסראָעל איז דאָס ניטאָ.

עס עקזיסטירט אין ייִסראָעל א שווערע פּראָבלעם וועגן דער רעגולערער געלט־שטיצע פאַר אַלטע לייַט. אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיי באַקומען פּענסיעס לויטן געזעץ; דאָ באַקו־מען זיי הילף, וואָס איז גיכער א נעדאָווע איידער א פּענסיע, און די נעדאָווע־הילף איז אויך א גאַנץ קנאַפּע. דער באַגריף סאָציאַלע הילף וואַרפט אַרויף אַף פיל מענטשן אן איימע, ווייַל דאָס אַסאָציִירט זיך בא זיי מיטן טרויִ־עריקן לעבן פון ניט פאַרמעגלעכע מענטשן בא דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. צווישן די אוילים זייַנען פאַראַן א סאַך זקיינים, וואָס לעבן אין נויט, אָבער זיי שעמען זיך (און בעמיילע זאָגן זיי זיך אָפּ) צו נעמען די הילף, וועלכע קומט זיי פון די ביוראָען פאַר סאָציאַ־לער הילף.

באַשעפטיקונג. קימאַט יעדער אוילע פון סאָוועטנפאַרבאַנד צווייפלט ניט, אַז די רעגירונג איז פאַרפליכטעט צו באַזאָרגן אים מיט א באַשעפטיקונג. ווען מע זאָגט אים אין ייִסראָעל, אַז ער דאַרף אַליין זוכן פאַר זיך אַרבעט, קאָן ער ניט באַגרייַפן, וואָס מע וויל פון אים. ווען ער געפינט שוין יאָ פאַר זיך אן אַרבעטס־פּלאַץ, דערוויסט ער זיך, אַז ער קאָן אין א ליאַדע מינוט צוריק פאַרלירן די שטעלע, ווייַל אין ייִסראָעל אייַלט מען זיך ניט צו געבן א מענטשן די רעכט פון א סטאַ־בילן אַרבעטער.

בקיצור, דער אוילע פון סאָוועטנפאַרבאַנד דערזעט פאַר זיך גאָר אן אַנדערע, א קעגנ־זעצלעכע וועלט״.

דאָס זעלבע שרייַבט מיריאַם טאַו אין „לאַ־מערכאַוו״. זי ברענגט די אַרויסזאָגונג פון דר. מ. ראַבינאָוויטש, וואָס געפינט זיך אין לאַנד שוין מער פון דריַי יאָר און קלאָגט זיך אַף פיל זאַכן. ער פאַרשטייט ניט, מיט וואָס פאַר א רעכט צווינגט מען אַרויף די געזעצן פון דער רעליגיעזער מאַכט אַף דער מערהייַט אַטעיִסטן. ער האַלט פאַר א שאַנדע די רעלי־גיעזע כאַסענעס. ער רעדט מיט פאַרביטערונג וועגן דער קולטורלאָזיקייַט אין דער מעדינע.

סראָוו פילמען, וועלכע ווערן דעמאָנסטרירט, זייַנען וועגן סעקס און געוואַלט, ריכטיקער: פּאָרנאָגראַפיע און מילכאָמע, וועלכע האָבן א שרעקלעכן אייַנפלוס אַף די קינדער און אַף דער יוגנט.

„איך באַשולדיק דעם ציִעניזם״

דאָס איז א ווייַ־געשריי פונעם עמיגראַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד באָריס בראַוושטיין, אָפּגעדרוקט אין דער צייַטונג „פּענזענסקאַיאַ פּראַוודאַ״.

„...ווען זיי וואָלטן נאָר געוווּסט, ווי ביטער זיי וועלן כאַראָטע האָבן, ווי זיי וועלן פאַר־שילטן דעם טאָג, ווען זיי זייַנען אהער געקו־מען, — שרייַבט ב. בראַוושטיין וועגן יענע, וואָס זייַנען פאַרטשאַדעט פון דער ציִעניסטי־שער פּראָפּאַגאַנדע, — זיי וואָלטן שוין ווייַכן פאַר א מייַל, ווען עמעצן זאָל אייַנפאַלן צו ריידן מיט זיי וועגן איבערפאָרן קיין ייִסראָעל.

שפּילנדיק אַף אונדזערע נאַציאָנאַלע געפילן, פאַרנאַרן אונדז די ציִעניסטן מיט באַבעמייַסעס וועגן „גרויס־ייִסראָעל״. איך האָב געשמועסט מיט אייניקע זשורנאַליסטן. איר זעט דען ניט, — האָב איך געפרעגט, — אין וואָס פאַר א שווערער לאַגע עס זייַנען אַרייַנגעפאַלן די מענטשן, וועלכע האָבן, גלייבנדיק אייַערע טינטלערייַען, פאַרלאָזט זייער היימלאַנד און געקומען אהער, קיין ייִסראָעל? לאָזט זיך אויס, אַז זיי זעען דאָס יאָ, נאָר וואָס זשע דען? — שרייַבן דעם עמעס, זאָגן זיי, לוינט ניט, ווייַל דאָס וועט אָראָפּרייַסן די אַליִע.

פאַר דעם יאָר, וואָס איך געפין זיך אין ייִסראָעל, האָב איך גוט געזען, ווער עס פאָרט אהער. קימאַט אַלע עמיגראַנטן האָבן טיף כאַראָטע, וואָס זיי זייַנען אהער געקומען, זיי שרייַבן זייערע קרויווים און באַקאַנטע אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָרענענדיק זיי פון אַזא ניט־באַטראַכטן טראָט. נאָר זייערע בריוו רופן, אַלס קלאַל, אַרויס אומצוטרוי. איך האָב בע־שייַטע אויך באַקומען אַזעלכע בריוו און אויך ניט געגלייבט.

אין ייִסראָעל הערשן וואָלפישע געזעצן. קוידעמקאָל וואַרפט זיך אין די אויגן דער אַנטאַגאָניזם צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער, צווישן די פרומאַקעס און די אַטעיִסטן, צווישן די סאַברעס און די אוילים, צווישן יענע, וועלכע זייַנען געקומען פון די אַראַבישע לענדער, און יענע, וואָס שטאַמען פון אייראָפּע און אַמעריקע.

אַף די שווערסטע אַרבעטן בייגן דאָ דעם רוקן די ייִדן פון די אַראַבישע לענדער, וועלכע

באַקומען פאַר זייער ביטערער האָרעוואַניע גראָשנס. די מערהײַט פון אָט די ייִדן זײַנען דערשלאָגענע מענטשן, קאַפּצאָנים, אָן אַ העמד אפן לײַב. זייערע קינדער האָבן ניט קיין מעגלעכקײַט צו לערנען זיך אין די עלטערע קלאַסן, ווער רעדט אין די הויכשולן, ווײַל לערנען קאָסט געלט און קיין געלט איז ניטאָ. אָבער מיט דער פּראַצע פון אָט די מענטשן בויט מען דאָך דאָ די שטעט און דערפער, די דאָזיקע מענטשן טראָגן דאָך אַף זיך די לאַסט פון סאָלדאַטישער דינסט.

פאַרשטייט זיך, אַז אָט די אָרעמעלײַט זײַנען באַאומרויִקט פונעם מאַסן־אָנקום פון נײַע אוילים, מוירע האָבנדיק, אַז עס בלײַבן אַלץ ווייניקער שאַנסן צו קריגן אַרבעט. די סאַבּרעס, ווידער, קלײַבן אויך ווייניק נאַכעס, וואָס אין לאַנד וואַקסט די צאָל „איבעריקע מײַלער".

די אינטערעסן פון די ציִוניסטישע רעדלפירער פאַלן אינגאַנצן צונויף מיט די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס. זיי דאַרפן ביליקע אַרבעטס־קראַפט, האַרמאַטן־פלייש, זיי דאַרפן אַ וואָס גרעסערע צאָל אוילים פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קעדיי קאָמפּראָמעטירן דאָס לאַנד פון די סאָוועטן, צו וועמען עס ציִען זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער די פעלקער פון גאָר דער וועלט.

„נאָך דער פײַערלעכער באַגעגעניש"

מיר לייענען אין דער וואָכנשריפט „נאָוואָיע ווערעמיאַ" וועגן די גאָלעס־באַדינגונגען אין ייִסראַעל פאַר די עמיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד:

„ווען די נײַ־געקומענע שטײַגן אויס אין לודער אַעראָפּאָרט, באַגעגנט זיי אַ דעזשורנער ראַוו. מיט אַ שמייכלענדיק פּנים טראָגט ער אונטער יעדן עמיגראַנט אַ טהילים: „פּיל, הייסט עס, פון דעם ערשטן טראָט אַף דער הייליקער ערד, אַז דו ביסט אַ ייִד". אָבער שוין אפן צווייטן טאָג טרעפט זיך דער עמיגראַנט מיט די זויערע פיזיאָנאָמיעס פון דער ייִסראַעל־ביוראָקראַטיע, ער טרעפט זיך מיט מענטשן, וועלכע זײַנען ווײַט פון גאַסטפרײַנטלעכקײַט.

צו דער אומפרײַנטלעכקײַט פון די ביוראָקראַטן און סאַבּרעס קאָן מען זיך צוגעוווינען, זאָל נאָר זײַן אַ פּאַסיקע אַרבעט לויטן פאַך און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

וואָס אָנבאַלאַנגט אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט ניט לאַנג צוריק דער פּרעמיער גאָלדע מעיִר געגעבן אָנצוהערן, אַז זי האָט בעדייע צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם דורך מאַכן אַ ביסעלע ענגער די סאַבּרעס — אַרײַנזעצן אין זייערע דירעס „אוילים". און בענגייע אַרבעט מוז דער עמיגראַנט זיך פאַרלאָזן אַף גאָטס כעסעד, צופּאַסן זיך צום נאָכפרעג אפן „פרײַען" אַרבעטס־מאַרק.

פאַראַן, עמעס, אַן אויסוועג, וואָס קאָן געבן די עמיגראַנטן דירעס און אַרבעט. וועגן דעם אויסוועג האָט גאָלדע מעיִר, וועלכע ווײַזט אַרויס איר „מוטערלעכע זאָרג" וועגן די „אוילים" פון פּסער, זיך אַרויסגעזאָגט ניט לאַנג צוריק אין אירער אַן אַרויסטרעטונג פאַר דער טעלעוויזיע. זי האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די עמיגראַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועלן בילדן זייערע אייגענע קיבוצים און וועלן זיך אײַנאָרדענען אין די נײַע זיך אַנטוויקלענדיקע ראַיאָנען, ווי דאָס האָבן געטאָן די אַלטע אוילים.

אַ פײַנע פּערספּעקטיוו, וואָס איז דאָ צו ריידן! די „נײַע זיך אַנטוויקלענדיקע ראַיאָנען" — דאָס זײַנען פּראַסט און פּאַשעט די אומגעזעצלעך אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס. ווײַזט אויס, אַז צווישן די אַלטע אײַנוווינער זײַנען שוין פאַראַן קנאַפּ באַלאַנים צו „באַהערשן" אָט די פרעמדע, אומגעזעצלעך פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס, — ווער וויל דאָס אַרײַנפאַלן אין אַן אַטמאָספער, ווו עס דראָעט די שטענדיקע געפאַר פון געזעצלעכער נעקאָמע?

אין ייִסראַעל ווייסט מען ניט פון אַזאַ פאַל, אַז די אַרבעט זאָל זוכן דעם מענטשן. שטענדיק זוכט דער מענטש די אַרבעט. עס העלפן ניט קיין דיפּלאָמען, וועלכע מע ברענגט מיט זיך. דער אַרבעטגעבער פּאָדערט, מע זאָל אַליין דערווײַזן, אַז מע קען די אַרבעט. דער ספּעציִאַליסט מוז זיך איבערקוואַליפיצירן, צופּאַסן זיך צו די אָרטיקע באַדינגונגען, באַהערשן די אָרטיקע טערמינאָלאָגיע אאַוו. די פּאָדערונג אַף ספּעציִאַליסטן איז אַ גאַנץ קליינע. ניט ווייניק פאַכלײַט זײַנען געצוווּנגען צו בײַטן זייער קוואַליפיקאַציע, אויסלערנען זיך אַ נײַעם פאַך און — ניט אומזיסט! פאַר לערנען מוז מען צאָלן מעזומאָנים, גאַנץ היפּשע. לאָמיר נעמען אַזאַ פאַך, ווי אַ דאָקטער. ווו נייטיקט מען זיך ניט אין אַ דאָקטער? לאָזט זיך אויס, אַז די מײַסע איז ניט אַזוי. אָט, אשטייגער, האָט דער געזונט־מיניסטער פאַרגעלייגט אייניקע גינעקאָלאָגן, זיי זאָלן זיך איבערקוואַליפיצירן אַלס אָקוליסטן... און מיט וואָס קאָן אַזאַ דאָקטער זײַן זיכער, אַז מאָרגן וועלן ניט זײַן צופיל אָקוליסטן? עס קומען דאָך אָן נײַע „אוילים".

דאָס ביטערע שטיקל ברויט, וואָס איז אופגעהויבן פון א פרעמדער ערד

וו. גאָרלענקאָ דרוקט אין דער צײַטונג „טרוד" א בריוו פון א געוועזענעם ווילנער אײַנוווינער עלייאָהו שניידעריס, וואָס האָט דורכגעמאַכט אלע שיווע־מעדורע־געהענעם אין ייִסראַעל און ווען עס האָט סאָפקאָלסאָף אָפּגעגליקט צו אומקערן זיך אהיים.

„...אויסגעשטיגן אפן לודער אעראָפּאָרט, האָבן מיר דערהערט, ווי א גרופע ייִדן שרײַט און פּראָטעסטירט: מע שיקט זיי אף בוי־ארבעטן אין איינעם פון די אָקופּירטע ראַיאָנען פון יאָרדאַניע, ווילן זיי אהין ניט פאָרן. באלד האָבן זיך באוויזן עטלעכע יונגען, ענלעכע איינער אפן אנדערן, ווי איין מאמע וואָלט זיי געהאט, און אוועקגעפירט די שרײַענדיקע ייִדן אין א שכייִנישן צימער.

אונדז האָט מען אָפּגעשיקט קיין נאַזאַרעט, ווּ מיר וועלן לערנען איוריט. באם קומען אין לאַנד האָט מען יעדן אוילע ארויסגעגעבן אלס האלוואָע צו 50 ייִסראַעל־פונטן. אויב עמעצער נייטיקט זיך אין א גרעסערער סומע, — ביטע. ערשט שפּעטער האָבן מיר פארשטאַנען, אז דאָס וואָרפן זיך מיט געלט איז ניט מער, ווי א מיטל צו פארשקלאַפן די אוילים, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענע קאַפּיטאַלן. קומט די צײַט, דערמאָנט מען זיי: פאַרגעסט ניט, די מעדינע האָט אײַך געטאָן א טויווע, איצט דאַרף מען צאָלן!

אין צוויי כאַדאָשים ארום, ווען פון דער האלוואָע איז שוין גאָרנישט ניט געבליבן, האָב איך אָנגעהויבן זוכן ארבעט. מיט גרויסע מאַטערנישן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו אײַנאָרדענען זיך אין א פּריוואַטער בוי־פירמע. איך האָב זיך געפילט גליקלעך. אָבער אינגיכן האָט מען מיר פאָרגעלייגט צו שליסן א נײַעם ארבעטס־אָפּמאַך (פרײַנט האָבן מיר דערציילט, אז אף אזא אופן האָבן די באלעבאַטים אָפּגענומען בא מיר די מעגלעכקײַט צו דערגרייכן א סטאַזש, וואָס איז נייטיק אף באקומען א שטענדיקן ארבעטסלוין און האָבן דאָס רעכט צו זײַן א מיטגליד פון פראָפאַריין, צו באקומען פענסיע. דער באלעבאָס איז אָן אומבאַגרענעצטער הערשער, קיינער קאָן ניט באשיצן דעם ארבעטער פון זײַן ווילקיר).

פון דער פירמע האָב איך סאָפקאָלסאָף געמוזט אוועקגיין. אינגיכן האָט מען מיך ארויסגערופן אין די אָרגאַנען פון דער קאָנטער־אויסשפּירונג. אין קאַבינעט איז געזעסן א פּליכעוואַטער יונגערמאַן אין א מיליטערישער אוניפאָרם. ער האָט צו מיר א זאָג געטאָן:

— אונדז איז געוואָרן באוווסט, הער שניידעריס, אז איר זײַט אָן אַגענט פון דער סאָוועטישער אויסשפּירונג. איך אײַלע אײַך ריידן דעם עמעס. אלזאָ?

ער האָט מיר באוויזן א בייגעלע פּאַפּיר, ווו עס איז געווען אָפּגעדרוקט מיט רוסישן שריפט אָן א שיר ליגנס וועגן מיר. די אונטערשריפט האָט ער פארשטעלט מיט דער האַנט.

— וואָס וועט איר דערויף זאָגן?

אופגעבראַכט פון דער ביליקער פּראָוואָקאַציע, האָב איך דערקלערט א פּראָטעסט און געפאָדערט א דערקלערונג. יענער האָט זיך צעשמייכלט:

— היצט זיך ניט, מיר גלייבן אײַך, פאַרשטייט זיך. דאָס איז נאָר א קאָנטראָל. פאַרשטייט אונדז ריכטיק — אונדזער לאַנד פירט דאָך א מילכאָמע.

באלד האָט ער מיר באוויזן אָן אנדער פּאַפּירל, וואָס איך האָב באדאַרפט אונטערשרײַבן: אז איך נעם אף זיך די פליכט צו מיטארבעטן מיט דער קאָנטער־אויסשפּירונג פון ייִסראַעל. ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך אָפּזאָגן, האָב איך באלד דערהערט די וואָרענונג: אָפּזאָגן זיך אונטערצושרײַבן באטײַט ברעכן די געזעצן פון מילכאָמע־צײַט, און דערפאַר קומט... אאוו.

פארלאָרן די ארבעט אין נאַזאַרעט, בין איך אוועק זוכן ארבעט אין טעל־אוויוו. נאָר אויך דאָ האָב איך געטראָפן טויזנטער „איבעריקע מענטשן". אומעטום האָב איך באקומען אָן אָפּזאָג. די סיבעס פארשיידענע: די עלטער, דער געזונט־צושטאַנד, דער פּאַס. נאָר סאָפקאָלסאָף האָב איך זיך אָנגעשטויסן אף דער עמעסער סיבע. אומעטום האָט מען גערעדט מיט מיר זייער פרײַנטלעך, ביז איך האָב ניט געזאָגט, אז איך בין געקומען פון סאָוועטנפארבאַנד.

— המ... פון סאָוועטנפארבאַנד?!

באלד איז פארשוווּנדן דער פרײַנטלעכער שמייכל, און איך האָב באקומען א קאַלטן ענטפער, אז קיין פרייע אינזשעניערן־פּאָסטנס זײַנען בא זיי ניטאָ.

די לאַגע איז געוואָרן א פארצווייפלטע: קיין ארבעט ניטאָ, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן געבן צו וויסן, אז ס'איז ערנסט קראַנק, די פרוי גייט אויך ארום אָן ארבעט, דער זון האָט באקומען א פּאָוועסטקע, אז ער דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו. אין איינעם אָן אָוונט האָב איך זיך מעיאָשעוו געווען מיט דער פרוי און באשלאָסן: אהיים, אהיים! אומקערן זיך אהיים!"

◆

עס מאַטערט די בענקשאַפט

אין דער טעל־אוויווער צײַטונג «Наша стра-на» איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון אילאַנאַ מילשטיין: „די לאַגע פון די נײַע אוילים — קונסט־טוער". דאָס אַרטיקל איז אַ רעזולטאַט פון אַ ספּעציִעלער אויספאָרשונג, וועלכע עס האָט דורכגעפירט דער אָפּטייל פאַר סאָציִאָלאָגיע באַם ירושאָלאַיִמער אוניווערסיטעט. צו דער אויספאָרשונג זײַנען צוגעצויגן געוואָרן אַקטיאָרן, מאָלער, סקולפּטאָרן און שרײַבער — עמיגראַנטן פון פססר, מײַרעוו־אייראָפּע, פשא, קאַנאַדע, מיזרעך־אייראָפּע און דאָרעם־אַמעריקע.

אילאַנאַ מילשטיין שרײַבט: „קימאַט אַלע אָנטיילנעמער פון דער אויספאָרשונג האַלטן, אַז די קולטור באַ אונדז אין לאַנד (דה. אין ייִסראָעל. — רעד. „סאָוו. היימלאַנד") געפינט זיך אַף אַ נידעריקן ניוואָ... די שרײַבער קלאָגן זיך, אַז די לייענער קויפן גערן אויבערפלעכלעכע ווערק, ניט קיין ערנסטע. די מאָלער און סקולפּטאָרן זײַנען איבערצײַגט, אַז דאָס פּובליקום פון ייִסראָעל פאַרשטייט ניט קיין קונסט־ווערק. די סיבע — אין די שולן פעלט די געהעריקע דערציִונג. די אַרטיסטן זאָגן, אַז דעם דורכשניטלעכן ייִסראָעל־בירגער אינטערעסירן בלויז לײַכטע, פריילעכע ספּעקטאַקלען, ניט קיין הויכקינסטלערישע טעאַטער־שפּיל".

אַ געפיל פון פאַרדראָס און ייִעש באַהערשט די מערהײַט אוילים, וועלכע האָבן אויסגעוויילט ייִסראָעל אַלס זייער ווױן־אָרט.

אָט איז אַ בריוו פון דער געוועזענער לערערן פון דער טאַלינער מוזיק־שול פאַר קינדער צירע גורעוויטש־ראָזין. זי וווינט איצט אין ייִסראָעל, אין דער שטאָט ראַמאַט־גאַן, אַף דער גאַס אַסאַף, 31. „אין פעוורואַל 1972, שרײַבט זי, האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַנע שילער, און פון דעמלט אָן געפין איך קיין רו ניט. איך קאָן זיך דאָ ניט אײַנלעבן. די שפּראַך איז מיר פרעמד, אויסלערנען זי קאָן איך ניט און וויל ניט. דער קלימאַט איז זייער אַ שווערער — זעקס־זיבן כאַדאָשים אין יאָר שטייען אומדערטרעגלעכע היצן. עס מאַטערט די בענקשאַפט נאָך דער היים, נאָך פרײַנט, נאָך די באַליבטע קינדער־שילער".

דער מאָלער עליִעזער עסטרײַכער איז געקומען קיין ייִסראָעל אין מײַ 1970 פון קעשענעוו. אַ האַלב יאָר צײַט האָט ער זיך געפונען אין די אולפּאַנים. געענדיקט לערנען, האָט ער באַקומען אַ צימערל אין אַ צוזאַמענוווינונג פאַר אוילים. דאָס צימערל האַלט עטוואָס מער פון דרײַ קוואַדראַטע מעטער. ער לעבט דאָ אַליין און היט דאָ אויך זײַנע בילדער. פון זײַן בעט ביז דער וואַנט איז ניט מער ווי אַ האַלבער מעטער. מאָלן מוז ער אפן טיש אין דער אַלגעמיינער קיך, און דאָס קאָן ער טאָן נאָר באַנאַכט, ווען אַלע שלאָפן. עליִעזער עסטרײַכער האָט ניט קיין געלט אַף קויפן לײַוונט, פאַרב און פּאַפּיר...

נאָטיצן אין סאָוועטישע צײַטונגען

סאָרע פרידלענדער איז געווען אַ באַשיידענער סעקרעטאַר אין דער ריגער שוך־פאַבריק „רעקאָרד". איר מאַן איז אומגעקומען בײַס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, קיין קרויווים אין שטאָט האָט זי ניט געהאַט. פּלוצעם באַקומט זי אַ בריוו פון ייִסראָעל, ווו עס האָט געוווינט איר מאַמעס שוועסטער, וועלכע איז אַרויסגעפאָרן אַהין, ווען אין לעטלאַנד האָט נאָך געהערשט אַ בורזשואַזער רעזשים. די מומע האָט איר געשריבן, אַז אין ייִסראָעל וואַרטן אַף איר קאָלערליי גליקן, גאָלדענע בערג, זאָל זי קומען צו פאָרן.

און זי איז אוועקגעפאָרן.

אינגיכן האָבן די מעלוכע־אַנשטאַלטן פון לעטלאַנד אָנגעהויבן באַקומען פון איר האַרצרײַסנדיקע בריוו: „איך האָב כאַראָטע! דערבאַרעמט זיך אַף מיר, דערלויבט מיר אומקערן זיך אַהיים!"

סאָרע דערציילט: שוין אין דעם ערשטן אָוונט איז זי אַרויס מיט דער מומען שפּאַצירן. ניט באַוויזן מאַכן עטלעכע טריט, ווי די „ליבע מומע" האָט זיך צעשריִען:

— ווידער שליאָנדערן דאָ אַרום אָט די שוואַרצע ייִדלעך, פון וועלכע עס אוועקט פאַר אַ מײַל!

סאָרע איז געוואָרן איבעראַשט: דאָ איז דאָך ייִסראָעל, און אין דער ייִדישער מעלוכע זײַנען דאָך קאָל ייִסראָעל כאַווײרים, אַלע ייִדן — ברידער. ווי זאָגט מען דאָס אַף אַ ייִדן, אַז פון אים „אוועקט", אַז ער „שליאָנדערט זיך אַרום"?!

זי האָט דאָס געוואָלט זאָגן דער מומען, נאָר יענע האָט איר שטרענג איבערגעריסן שוין באַם ערשטן וואָרט:

— דערוועג זיך ניט צו ריידן אַזוי! די שוואַרצע ייִדן זײַנען ווילדע. אַלע ווייסן דאָס, עס איז איבעריק צו כקירען.

ווי באַוווּסט, שיקט מען די אוילים צוערשט אין אַ מין שול־אינטערנאַט, אין ייִסראָעל רופט מען דאָס אולפּאַנים, ווו די מענטשן דאַרפן דערלערנען איווריט און ביכלאַל אַקלימאַטיזירן זיך. דאָ דערזעט מען גלײַך אַמבוילעטסטן די קאַפּיטאַליסטישע זײַטן. דאָס ערשטע אָרט אין די אולפּאַנים פאַרנעמען די אוילים פון אַמעריקע. באַם לערנען זיצן זיי, פאַרלייגנדיק די פיס אפן

טיש, רייכערן סיגאַרעטן, און די לערער דרייען זיך אַרום זיי ווי אַ קוואָטשקע אַרום אירע הינ־דעלעך. אָבער צו די אוילים פון מיזרעך־אייראָ־פּע איז די באַציִונג גאָר אַן אַנדערע — ווי צו אָרעמע קרויווים.

אָפּגעלעבט אַ שטיקל צײַט באַ דער מומען, האָט סאַרע גענומען זוכן פאַר זיך אַרבעט און אַ וווינונג. מיט גרויסע באַמיִונגען איז זי אָנגע־קומען אַלס באַדינערן צו אַ פּאַראַליזירטער פרוי. זי האָט געמוזט דערלאַנגען דער פרוי און טאָן אַרום איר קאָלערליי שווארצע אַרבעטן. זי האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטן און זיך אָפּגעזאָגט פון דער „שטעלע". אַרומגייענדיק אַרום דער פּאַ־ראַליזירטער פרוי, האָט זי זיך באַקאַנט מיט דער מעדיצינישער באַדינונג אין דער מעדינע. דאָרט עקזיסטירן ספּעציעלע פּאָליקליניקעס פאַר אַלטע לײַט. אָבער אַרויסרופן אַ דאָקטער אַהיים קאָן מען ניט. אַ שווערקראַנקער עלטערער מענטש מוז אַרויסרופן אַ פּריוואַטן דאָקטער פאַר געלט. די פּאָליקליניק פאַר זקיינים איז בי־כלל אַן אָרט, פונוואַנען עס טראָגט אַ פאַר־דומפּטער רייעך. דאָרט אַרבעט איין־איינציקער דאָקטער, וועלכער שרײַבט אויס פאַר אַלע קראַנקע איינע און די זעלבע רעפּוע.

אין יִשׂראָעל זײַנען פאַראַן הויכקוואַליפיציר־טע דאָקטוירים. איינער אַזאַ איז סאַרעס אַ שוואָ־גער (איר מאַנס אַ ברודער). איז זי אַוועק צו אים, בעטן, ער זאָל איר העלפן אײַנאָרדענען זיך אָף אַרבעט. דער שוואָגער האָט אויסגע־הערט איר ביטע, אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען און געזאָגט: „אַזאַ מענטשן, ווי איך, פּאַסט ניט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע קליי־ניקײַטן".

וו. נעסטעראָווסקי „גאָלאָס ריגי"

אַ ברייטפּלייציקער מיטלוווקסיקער באָכער איז געשטאַנען אין רעדאַקציע און געצופּט די עקן פון אַ וואָלענעם שאַרפיקל.

— עפּשער האָב איך ניט געטראָפן דעם אַד־רעס, נאָר איך ווייס ניט, צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן. גיט אַן אייצע. אונדזער מישפּאָכע האָט געטראָפן אַן אומגליק.

זיאַמע קאַפּלאַן איז אַ שלאָסער אין ווילנער קאָמבינאַט פון לעדער־גאַלאַנטעריי. צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן האָט ער באַקומען אַן אַרויס־רוף פון יִשׂראָעל. זיאַמע מיט זײַן פרוי און קינד האָבן ניט רעאַגירט אָפן אַרויסרוף, אָבער די עלטערן זײַנען אַוועקגעפאָרן. איז אָט האָט ער באַקומען פון זיי אַ בריוו. זײַן מאַמע, אַ פרוי פון 58 יאָר, האָט געאַרבעט דרײַצן שאָ אין מעסלעס אין אַ רעסטאָראַן, קעדיי פאַרדינען אָף אַ טעלער סופּ. דער טאַטע האָט קיין אַרבעט אײַנגאַנצן ניט געקראָגן. מע האָט זיי געהאַט צוגעזאָגט, אַז באַלד, ווי זיי וועלן קומען קיין יִשׂראָעל, וועט מען זיי געבן אַ גוטע דירע, אָבער צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט.

זיאַמע קאַפּלאַנס עלטערן, באַיאָרטע מענטשן, לעבן איצט אין אַן אַכסאַניע פאַר אָרעמלײַט. די מאַמע איז פון דער שווערער האָרעוואַניע קראַנק געוואָרן, האָט מען זי אַרויסגעטריבן פון רעסטאָראַן.

ווען מע באַקאַנט זיך מיט אַזעלכע פאַקטן, שטעלט זיך ניט ווילנדיק די פראַגע: ווער איז אין דעם שולדיק? פאַרשטייט זיך, אַז קיינער ניט, אויסער די געליטענע אַליין. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער היימלאַנד, פון פּסער, ווו עס רוען די ביינער פון זייערע טאַטעס און זיי־דעס, זיי האָבן געגלייבט די ביליקע צוזאָגן פון די ציִוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. איצט קלאַפּן זיי זיך אין האַרצן אַלכעט. נאָר באַם אַרויספאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיי דאָך געוווּסט, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, זיי פאָרן אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. זיי האָבן דאָס געוווּסט, צי ניט? יאָ, אַוואַ־דע געוווּסט. איינע האָט געשטויסן צו אַזאַ טראַגישן פעלער דער שוואַכער ווילן („באַקאַנ־טע פאָרן דאָך, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פאָרן?"); אַנדערע זײַנען פאַרפירט געוואָרן פונעם ציִוני־סטישן שווינדל; די דריטע האָט זיך פאַרגלוסט אַ רײַך לעבן אין לוקסוס. און אָט איז דער רעזולטאַט.

דאָס אַלץ האָבן מיר געזאָגט זיאַמע קאַפּלאַ־נען, ווען ער איז געשטאַנען אין רעדאַקציע, געצופּט די עקן פונעם וואָלענעם שאַרפיקל און דערציילט אונדז דעם אומגליק פון זײַן פאַמיליע.

ל. מאַסליאַקאָוו, מ. כיטנאַס, „סאָציאַליסטישעסקאַיאַ אינדוסטריאַ"

אַלעקסאַנדער שאַפּאַשניקאָוו איז לאַנגזאַם גע־גאַנגען איבער די גאַסן פון סטאַמבול און גאָר־נישט ניט געזען אַרום זיך. אים, ווי אַנדערע געוועזענע סאָוועטישע בירגער, האָט מען אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט מיטגעטיילט, אַז קיין ענטפער פון מאָסקווע איז נאָך ניטאָ, אַזאַ פראַגע, ווי דערלויבן זיך אומקערן קיין סאָ־וועטנפאַרבאַנד, ווערט ניט געלייזט פאַר איין כוידעש...

אַרומגייענדיק אַ פאַרטרויערטער, האָט שאַ־פּאַשניקאָוו געטראָפן זײַנעם אַ לאַנדסמאַן, אַן אַדעסער, באָריס זילבערפּײַן, וואָס איז אויך נאָרוואָס געוועזן אין דער סאָוועטישער געזאַנד־

שאַפּט. ער איז אַן אינזשעניער אַן אויטאָמעכאַניקער. זילבערפּײַן האָט פאָרגעלייגט שאַפּאָשניקאָוון פאָרן מיט אים קיין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, ווײַל דאָרט איז לײַכט צו קריגן אַרבעט און מע צאָלט גוט. פאַרן לעצטן געלט האָבן זיי געקויפט בילעטן און אַרויסגעפאָרן קיין מינכען.

זיי זײַנען אויסגעווען אין אַלע שטעט פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד, אין אַלע סינאַגאָגעס, נאָר אומזיסט: נאָך די מינכענער געשעענישן מיט די ספּאָרטסמענער פון ייִסראָעל גיט מען ניט קיין אַרבעט.

שאַפּאָשניקאָוון האָבן פאַרנאַרט קיין ייִסראָעל די ציִעניסטן, צוזאָגנדיק אים גאָלדענע בערג. נאָר פון אַלע צוזאָגן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. איצט שרײַבט ער אין אַ בריוו קיין אָדעס

„קיינער ווייסט ניט, וואָס עס איז אַזוינס דער מײַרעוו. איך פאַרשילט דעם טאָג, ווען איך בין אַהער געפאָרן. ייִסראָעל האָט צעקאַליעטשעט מײַן לעבן און דאָס לעבן פון טויזנטער אַנדערע, ווי איך. איך פאַרשילט זיך אַליין, וואָס איך האָב זיך געלאָזט פאַנגען אין אַזאַ פּאַסטקע, ס'איז צעבראָכן מײַן לעבן, איך האָב פאַרלאָרן מײַן היימלאַנד, מײַן געליבטע טאָכטער. איך בין דאָס ווערט, ווײַל איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וויאַזוי צו שאַצן דאָס, וואָס מײַן מעלוכע האָט מיר געגעבן.

ווען איר וואָלט געוווּסט, און ווען אַנדערע ייִדן, וואָס רײַסן זיך צו פאָרן קיין ייִסראָעל, וואָלטן געוווּסט, וואָס עס באַטײַט אַזוינס לעבן אין אַ פרעמד לאַנד מיט ליידיקע קעשענעס, זוכן אַן אַרבעט, וועלכע מאַכט זיך נאָר אונטער די הענט, נעכטיקן אויף וואָקזאַלן, מוירע האָבן, אַז דער פּאָליציִאַנט זאָל דיך ניט דערזען, ניט האָבן אויף אַ שטיקל ברויט און אויף אַ פּעקל ביליקע סיגאַרעטן, — וואָלטן סײַ איך, סײַ זיי פאַרשטאַנען, וויאַזוי מע דאַרף קושן יעדן שטיין פון דער סאָוועטישער היים. די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַרנאַרט צו זיך טויזנטער מענטשן, און איצט מאַטערן זיך איינע אין ווין, די צווייטע אין פינלאַנד, די דריטע אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, אָן אַ גראָשן בײַ דער נעשאָמע.

אין מײַנע צאָרעס באַשולדיק איך קיינעם ניט — איך בין אַליין שולדיק. איך האָב געגלייבט דעם פאַלשן בריוו וועגן אַ גאַניידן אין ייִסראָעל. אייניקע געוועזענע אָדעסער אײַנוווינער אין ייִסראָעל טראַכטן אַזוי: אויב איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ... (דאָ קומט אַ וואָרט, וועלכן מע קאָן ניט דרוקן. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד״), פאַרוואָס זאָלן אַנדערע ניט אַרײַנפאַלן? און זיי שרײַבן בריוו, רופנדיק צו פאָרן קיין ייִסראָעל. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, זייער ביט פּײַן פון זייער זײַט״.

אַלעקסאַנדער שאַפּאָשניקאָוו איז ניט דער איינציקער, וואָס האָט פאַרזוכט די גליקן פונעם מײַרעוו. ער איז ניט דער איינציקער, וואָס בעט הילף, בעט בײַ דער סאָוועטן־רעגירונג מעכילע.

באָריס זילבערפּײַן שרײַבט צו זײַן ברודער אין אָדעס:

„מיר האָבן איבערגעלעבט אַזוינס, אַז מיר קאָנען זיך אָנרופן „בראָדיאַגעס אין דער פרײַער וועלט״. קומען קיין ווין האָט זיך ניט אײַנגעגעבן — מע האָט אונדז אַרויסגעזעצט פון צוג, ווײַל מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַרײַנפאָר־וויזעס. מיר האָבן זיך געווענדט צו דער עסטרײַכישער געזאַנדשאַפט — אָפּגעזאָגט. איצט, נאָך לאַנגע מאַטערנישן, ווען מיר האָבן שוין געפּאַטערט אַזויפיל פיזישע און מאָראַלישע קויכעס, זיצן מיר בײַ אַ צעבראָכענער קאָרעטע. קיינער האָט אונדז קיין שום היים ניט געגעבן. אויב די ייִסראָעל־געזאַנדשאַפט וועט אונדז געבן געלט אויף צוריקוועגס קיין ייִסראָעל, וועלן מיר מוזן פאָרן אַהין, פונוואַנען מיר זײַנען אַנטלאָפן״...

קעדיי צו פאַרנאַרן צוטרויִלעכע שויטים, זײַנען געשאַפן אין כײַפע קאָלערליי „רוסישע קאָמיטעטן״, פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע מיִעסן זיך מיט קיין זאַך ניט. זיי זאַמלען די אַבאָנענטן־רעשימעס פון די שטאָטישע טעלעפאָן־נעצן, יעדיִעס, וועלכע זיי באַקומען בײַ אימיגראַנטן, מיטיילונגען פון סאָוועטישע צײַטונגען אאַוו. אדג. און זיי צעשיקן שיינע פּאַרביקע קאַרטלעך, פּאָטשט־פּעקלעך מיט אַרויסרופן פון אויסגעטראַכטע, פון די פינגער אויסגעזויגענע קרויווים.

אַלס קלאַל, האָבן אָט די באַמיִונגען אַ קנאַפּן דערפאָלג. פאַראַן אָבער מענטשן, וואָס לאָזן זיך כאַפּן אויף דער ווענטקע, גלייבן אין די באָבעמײַסעס וועגן דעם „גאַניידן־האַטאַכטן״. איצט רײַסן זיי זיך די האָר פון קאָפּ.

מיט עפּעס מער ווי אַ האַלב יאָר צוריק האָט בלומע זעקסער פון אָדעס געפאָלגט איר כאַווערטע, וועמעס שוועסטער עס וווינט אין ייִסראָעל, און, איבערלאָזנדיק אין דער היים קראַנקע עלטערן, אַוועקגעפאָרן אין דער מעדינע. פאַר דעם האַלבן יאָר זײַנען שוין אָנגעקומען פון איר העכער צוואַנציק בריוו, אין וועלכע זי בעט ראַכמים בײַ טאַטע־מאַמע, זיי זאָלן זי אַרויסרײַסן פון דעם געהענעם, וווהין זי איז פאַרקראָכן. זי אַנערקענט איר שולד און בעט, אַז די עלטערן און די רעגירונג זאָלן איר מויכל זײַן, דערלויבן איר זיך אומקערן אַהיים.

מ. גאָרבים, „זנאַמיאַ קאָמוניזמאַ״

1*

דער איינציקער טרוים — צוריק אהיים

איר נאָמען איז ביילע וואַלק. די האָר ווײַס, ווי שניי, זי זעט אויס, ווי אַן אכציקיאָריקע. אין שטוב — א טיש מיט א בענקל און פּוסטע ווענט. סאַכאַקל מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק איז דאָ אין שטוב פאָרגעקומען א „גאָזגעגנונגס־באַל" פאַר איר אוועקפאָרן קיין ייִסראָעל. זי, ביילע, איז געווען דער צענטער פונעם „באַל". א יעפּאַס־טויאַר, מיט א קאָפּ געדיכטע האָר. וועגן דעם זאָגט איידעס די פאָטאָגראַפיע, וואָס איז פאַרבליבן פונעם „באַל".

— אין ייִסראָעל, — זאָגט זי, — לעבן מענטשן פון צענדליקער לענדער, וועלכע ריידן אַף פאַרשיידנערליי שפּראַכן. דאָרט איז א פּול־שטענדיקער ערעוו־ראַוו — שטענדיקע רײַסע־רייען, איינער דעם אנדערן קריכט אין די גאָר־גערעס אַרײַן.

די „זאַרגער וועגן דעם סאָוועטישן ייִדנטום" מאַכן אַפּילע ניט דעם אָנשטעל, אַז זיי זײַנען צופרידן מיט די אוילים פון פּססר, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע דראָשעס און זײַנען געקומען אין דער מעדינע. פאַרקערט, די אויר־לים הערן פון זיי שטענדיק איין און די זעלבע פאָרוואָרפן:

— ווער האָט אײַך אהער גערופן? וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אַף אונדזער קאַרק? אויב איר האָט ניט קיין אונטערנעמערישן גײַסט און קאָנט ניט מאַכן קיין געשעפטן, האָט איר דאָ ניט וואָס צו טאָן.

און די עמיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט קיין „אונטערנעמערישן גײַסט", מוזן זיך באַנוגענען מיט צײַטווײַליקער אַרבעט, פאַר וועלכער מע צאָלט גראָשנס, זיי מוזן גיין באַהערשן די מיד־באַר־ראַיאָנען אָדער טריקענען די בלאָטעס. יעדער באַלעבאָס, ווען ער נעמט אָן „אוילע" אַף אַרבעט, קוקט ער קוידעמקאָל אַף די שלייפן, צי זײַנען די האָר ניט גרײַז.

ייִסראָעל אונטער דער הערשאַפט פון די ציוי־ניסטן, — זאָגט ווײַטער ביילע וואַלק, — איז א לאַנד אָן א האַרץ. סאַכאַקל מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק האָב איך זיך געריסן אהער, בין געווען גרייט אַף אַלץ, קעדיי וואָס גיכער דער־זען מײַן שוועסטערקינד, נאָך וועלכער איך בענק און האָב זי זייער ליב, זי האָט דאָך ניט געקאָרגט קיין טינט און פּאַפּיר, קעדיי רופן מיך אהער. נאָר אַז איך בין געקומען, האָב איך דערהערט אַזעלכע רייד: דאָ איז דיר ניט סאָ־וועטנפאַרבאַנד, דאָ איז ייִסראָעל, און אין ייִס־ראָעל איז אַפּן ערשטן אָרט געלט. האָסטו געלט, ביסטו א בעקאָוועדיקער מענטש און די קרוי־ווים האָבן דיך ליב, פרעמדע מענטשן גיבן דיר אָפּ קאָווער. האָסטו ניט קיין געלט, ביסטו אַן אַלטע שיימע, וועלכע מע וואַרפט אַרויס אין מיסטקאַסטן.

דעמלט האָב איך באַשלאָסן אומקערן זיך מיטן ייִנגערן זון נאָפּטאַלע אהיים, קיין ריגע (דער עלטערער האָט ניט געוואָלט פאָרן מיט אונדז קיין ייִסראָעל). אַזוי־ווי די פּילצאָליקע כוויוועס, וועלכע מיר זײַנען געווען שולדיק דער סאָכ־נוט און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, זײַנען געווען פאַרשריבן אַפן מאַנס נאָמען, האָב איך אָנגע־קליבן 1600 שילינג, אַרײַנגעטראָגן זיי אַלס מאַשקן און באַקומען א דערלויבעניש צו פאָרן מיטן זון קיין ווין.

אין ווין האָב איך זיך אײַנגעאָרדנט אַלס א שטוב־אַרבעטערן, געדונגען פאַר 700 שילינג א כוידעש א בעטל פאַר מיר מיטן זון. אָט אַזוי האָב איך זיך אָפּגעמאַטערט פיר כאָדאָשים. 120 טעג האָב איך ניט אופגעהערט צו טרוי־מען, אַז עס וועט זיך מיר אײַנגעבן צו אומ־קערן זיך אהיים. ווי גליקלעך איך בין איצט, וואָס מײַן טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

די באַליידיקטע און דערנידעריקטע געווע־זענע סאָוועטישע בירגער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון ייִסראָעל, מאַטערן זיך אין די קאָלאָניעס פון ווין, בריסעל, פאַריזש, סטאַמ־בול און אַנדערע שטעט, טרוימענדיק, ווי איך האָב געטרוימט, וועגן א דערלויבעניש צו אומקערן זיך אהיים. אָבער איצט איז די לאַגע שוין א שווערערע. לויט דער ביטע פון דער ייִסראָעל־רעגירונג האָט די עסטרײַכישע רע־גירונג אײַנגעפירט א נײַע אָרדענונג פון אַרײַנ־לאָזן קיין ווין פון ייִסראָעל געוועזענע סאָווע־טישע ייִדן: זיי דאַרפן איצט אַרײַנטראָגן אַלס מאַשקן א סומע פון 10 טויזנט שילינג. וויפל נײַע מענטשלעכע טראַגעדיעס!

ביילע האָט זיך אומגעקערט אהיים. אָבער איר מאַן שמועל איז געבליבן אין ייִסראָעל אַלס מאַשקן. מע וועט אים פון דאָרט ניט אַרויסלאָזן, ביז ער וועט ניט דעקן אַלע כווי־וועס, וועלכע מע האָט אים אָנגעבונדן אַף א שווינדלערישן אופן: די עמיגראַנטן פון פּססר קאָנען דאָך קיין טראָט ניט מאַכן, ניט אַרײַנ־קריכנדיק אין כוווּעס.

י. באָראָדאָווסקי, „גאָלאָס ריגי"

א שרעקלעכער מאָרד אין ייִסראָעל־שטעטל מעגודאַל האַעימעק

דער ייִסראָעל־זשורנאַליסט מ. צאַנין איז אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" געצוווּנגען געווען צו דערציילן וועגן א טראַגישן פאַקט פון פעלקער־האַס אין א שטעטל פון ייִסראָעל.

מעגודאל האַיימעק איז א קליין אוילים־שטעטעלע, וואָס ליגט אין א זײַט פונעם טראקט כײַפע — נאזארעט. אין פּעריאָד פון דער אויסבילדונג פון ייִסראָעל איז דאָס שטעטעלע באזעצט געוואָרן מיט ייִדישע אוילים פון מאראָקאָ. אין יענער צײַט האָבן די אוילים געוווינט אין הילצערנע בײַדלעך, אין אזעלכע ווינען זיי אויך איצט.

ווען עס האָבן אָנגעהויבן קומען קיין ייִסראָעל ייִדן פון סאָוועטן־רוסלאנד, איז אין מעגודאל האַיימעק באזעצט געוואָרן א צאָל אזעלכע פאַמיליעס. פאר זיי זײַנען אויסגעבויט געוואָרן עטלעכע הײַזער, וואָס עס איז געווען א פולער קאָנטראסט צו די הילצערנע און ענגע בײַדלעך בא די אוילים פון מאראָקאָ. דער קאָנטראסט האָט ארויסגערופן א שטארקע קינע, די קינע — ביטערע סינע, וואָס איז פאר־שפרייט געוואָרן אויך אָף אנדערע ריאָנען פון ייִסראָעל. די מאכט־אָרגאנען האָבן גאר־נישט ניט געטאָן צו באקעמפן אָט די קינע־סינע. און א צאָרע, וואָס ווערט ניט בא־קעמפט, — וואקסט.

דער קולטור־אונטערשייד צווישן די ייִדן פון פססר און די ייִדן פון מאראָקאָ אין מעגו־דאל האַיימעק איז איין לעשײַער. קיין שום פארבינדונג צווישן אָט די צוויי שיכטן איז ניטאָ, אויסער דאָס, וואָס זיי ווינען אין איין שטעטל און רופן זיך ייִדן. די ביידע גרופּעס ריידן אָף באזונדערע שפּראכן. אפילע ווען זיי ריידן אָף א שלעכטן איוורית, האָבן זיי אויך צווישן זיך קיין שום געמיינזאמס ניט.

די יוגנט בא די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן פארברענגט בלויז אינעם אייגענעם קרײַז. אין מעגודאל האַיימעק איז פאראַן א קלוב פון מאַפּאַם. דאָרט האָבן די יונגע אימיגראנטן פון פססר געגרייט אַן אָוונט אין דער נאכט פון ערעוו ראָשעשאָנע. עס זײַנען זיך צונויפגעקו־מען צוועלף יוגנטלעכע, צווישן זיי דער 19־יאָריקער מישקע (מוישע) גרון, וואָס איז צוזאמען מיט דער מוטער און צוויי שוועסטער געקומען מיט דרײַ יאָר צוריק קיין ייִסראָעל פון ווילנע. מישקע איז געווען א קרענקלעכער. קינדווײַז איז ער אראָפּגעפאלן פון א דאך און איז לאנגע כאדאָשים אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל. פון דעמלט אָן לײַדט ער אָף אסטמא. אין ייִסראָעל האָט ער אויסבאהאלטן זײַן קרענק און איז גערופן געוואָרן אין דער ארמיי. ערעוו ראָשעשאָנע האָט ער באקומען אָף א פּאָר טעג אורלויב, קעדיי פארברענגען דעם יאָמטעוו מיט דער פאַמיליע.

ווען די יוגנטלעכע, צווישן זיי אויך מישקע, האָבן זיך פארווײַלט אין קלוב, זײַנען אומגע־ריכט ארײַן פופצן מאראָקאנער יונגע באָכע־רים. איינער פון זיי האָט אויסגעשריִען: „שמור־ציקע רוסן!” און א וואָרף געטאָן א יוגנטלעכן אין פּאָנעם ארײַן א ברענענדיקן סיגארעט. עס איז געוואָרן א געשלעג. די מאראָקאנער האָבן געכאפּט פלעשער און צעבראָכן זיי אָף די קעפּ פון זייערע קעגנער. זיי האָבן ארויסגעכאפּט מעסערס און געשריִען, אז זיי וועלן אלע „רוסישע ייִדן אויסקוילען”. איינער פון די מאראָקאנער, דער 19־יאָריקער מייער לעווי, האָט מיט א פלאַש א זעץ געטאָן אין קאָפּ מישקען. מישקע איז ניט געפאלן. דעמלט האָט דער מאראָקאנער ארײַנגעשטאָכן אים א מעסער אין בויך, אָבער מישקע איז אלץ געשטאנען אָף די פיס. דער צעווילדעוועטער מאראָקאנער האָט דאַן צעבראָכן א פלאַש און מיט די שטי־קער גלאָז דורכגעשטאָכן מישקען דעם האלדז. די שכיטע האָט זיך פארענדיקט ערשט דעמלט, ווען עס איז אָנגעקומען פּאָליציי.

די אוילים פון פססר, וועלכע ווינען אין שטעטל מעגודאל האַיימעק, ווייסן און פילן די אטמאָספער. אין גאס שרײַט מען זיי נאָך: „ווער האָט געשיקט נאָך אײַך?”. זיי פארשטייען די שטימונגען פון די מאראָקאנער. דאָס זײַנען מענטשן מיט גרויסע מישפּאָכעס, מיט א סאך קינדער, — ביטערע קאפּצאָנים.

דער מאָרד אין מעגודאל האַיימעק איז א פּויעל־יויצע פון דער גאנצער סיטואציע אין ייִסראָעל, ווו עס וואקסט די צאָל פארברעכנס, כוליגאניזם און אכזאָריעס.

◆

„צוריק!”

(פון דער אמעריקאנער צײַטונג „טײַם”)

פאר די ייִדן, וואָס עמיגרירן פון סאָוועטנ־פארבאנד קיין ייִסראָעל, איז די איינציקע טראנזיט־סטאנציע די עסטרײַכישע הויפּטשטאָט ווין. נאָר ווין איז אויך א טראנזיט־סטאנציע פאר די פארצווייפלטע ייִדן, וועלכע לויפן פון ייִסראָעל צוריק אהיים, קיין סאָוועטנפארבאנד. די דאָזיקע מענטשן מאטערן זיך אין די כור־וועס פון מאלצגאס.

די ייִדן, וועלכע בלאָנדזשען ארום איבער די ווינער גאסן, דערציילן גערן, פארוואָס זיי לויפן פון ייִסראָעל. א סאך פון זייערע דער־קלערונגען זײַנען אָפּט גאנץ נאַיִוו: זיי זײַנען אָפּגענארט געוואָרן דורך די טראנסליאציעס פון דער ייִסראָעל־ראַדיאָ, זיי האָבן געגלייבט די פאלשע מײַסעס, וועלכע צירקולירן צווישן געוויסע סאָוועטישע ייִדן. איינע א ייִדישע פרוי מיט צוויי קינדער האָט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט: „מע האָט געזאָגט, אז אין

ייִסראָעל דארף מען ניט קויפן קיין אייער — זיי ליגן דאָרט אף די גאסן, און ווער עס וויל, קאָן זיי נעמען״... די יוגנט האלט זיך בא דער מיינונג, אז מע האָט זיי פארנארט, קעדיי אויסנוצן זיי אלס הארמאטן־פלייש. די מערהייַט קלאָגט זיך, אז עס איז שווער צו קריגן ארבעט, א שווערע לאגע מיט דירעס, זייער ווייניק קולטור־פארווייַלונגען, צופיל סעקס און פּאָרנאָגראפיע.

אָבער די גרונט־סיבע פון דעם, וואָס מע לויפט פון ייִסראָעל, איז די קאלטע באציִונג פון דער ייִסראָעל־געזעלשאפט צו די אוילים. די סאָוועטישע ייִדן זייַנען באליידיקט, וואָס די ייִסרעיילים הייבן ניט אָן צו וויסן, וויִאזוי עס לעבט זיך אין סאָוועטנפארבאנד. מישע אבראמסאָן, אן אלטער ארבעטער פונעם ריגער ברויט־זאוואָד, דערציילט: „אין דער אשדאָדער בעקערייַ האָט מען מיר יעדע האלבע שאָ געשפּארט אין די הענט אריַין א שטיק ווייַס ברויט און געזאָגט: „נעם, עס, אין רוסלאנד האָסטו דאָך קיין ווייַס ברויט אין די אויגן ניט געזען״. און נאָך האָבן זיי בא מיר געפרעגט: „צי ווייסטו, וואָס איז אזוינס א פּאָמידאָר? פּוטער איז אמאָל געווען אין דייַן שטוב?..״

די אוילים איז ניט געפעלן דער „דעמאָקראַטישער אינדיווידואליזם״ אין ייִסראָעל. דער טבילּיסער סטודענט יויסעף יעליסאקאָוו האָט געזאָגט: „דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואקסן אין סאָוועטנפארבאד, וועט קיינמאָל ניט קאָנען לעבן אין א קאפּיטאַליסטישער אָרדענונג״.

יאָסל בוכבינדער

פעסטע וואָרצלען

אלע טײַכן האָב איך ליב

אלע טײַכן האָב איך ליב,
סײַ גרעסערע, סײַ קלענערע,
יעדער טײַך פארמאָגט זײַן ברייטקײַט און זײַן טיף,
זײַן דוירעסדיקע שיינקײַט, די געוווינשאפט צו זײַן ברעג.
כ׳האָב ליב זיי אלע,
כאָטש בעסער פילט געוויינלעך זיך א שווימענדיקע שיף
אף א טײַך א טיפערן, וואָס ציט אומענדלעך זיך אוועק
צו ברעגן ערגעץ פעלדזיקע, העכערע און שענערע.
נאָר איך — פון קינדוווײַז אָן כ׳האָב אלע טײַכן ליב, —
ס׳געפעלן מיר אי גרעסערע, אי קלענערע,
כאָטש ס׳טײַכל, וואָס געלעבט האָט לעם מײַן שטוב,
איז קוים געפלאָסן, ס׳האָט א ווינט עס אויסגעטריקנט מיטאמאָל,
ווײַל ס׳איז ניט טיף געווען, נאָר קליין און שמאָל,
ווי קליין און ניט דערוואקסן עס האָט אויסגעזען מײַן געסעלע.
פארבליבן איז פון טײַכל מײַנעם בלויז אן אויסגעדארטער דנאָ
מיט א שטיין א פלאטשיקן, א קאלטן, א פארגעסענעם.
גראָב איך טיפער אויס דאָס טײַכל אין מײַן היים,
אז די ברייטקײַט און די טיפקײַט זאָלן קיינמאָל ניט פארגיין.
ווי די וואָלגע, אמאזאָנקע, ווי די ווײַסל, יעניסיי,
פליסט מײַן טײַכל צווישן טײַכן, צווישן פעלדזן אזוי שיין.
ס׳איז מײַן טײַכל, ווי א שפיגל, אויסגעציכטיקט ריין,
יעדער טײַך פארמאָגט זײַן שיינקײַט און זײַן ברייטקײַט און זײַן כיין.

ניט מיט צוגעמאכטע אייגעלעך

ניט מיט צוגעמאכטע אייגעלעך
פליִען פרילינגדיקע פייגעלעך.
ניט מיט קעפעלעך פארנורעטע,
ניט מיט פעדערלעך פארקוטעטע
טראָגן אום זיך שוועלבעלעך
צו ווײַטקײַטן פארטאָגיקע.
בלויז מיט אייגעלעך צעעפנטע,
בלויז מיט קעפעלעך דערהויבענע
פליִען אום די פייגעלעך
צו הימלען די בלוי־אויגיקע.

שטיי איך צווישן סטעזשקעלעך,
ווו ס׳ליגן מײַנע גערטנדלעך,
און זע, ווי מײַנע בלימעלעך
די קליינינקע, די ברעקעלעך
טראָגן, ווי אף טעצעלעך,
פרילינגדיקע לעקכעלעך,
באַגאָסענע מיט שטראַלעכלעך,
אין קעלישעקלעך זילבערנע
טונקען אײַן די פייגעלעך
די פיקנדיקע שנאָבעלעך,

קוויקן זיך מיט לעקעכלעך
זיסינקע און פרישינקע.
בענטש איך אלע שוועלבעלעך
מיט מונטערדיקע קעלעכלעך,
וואָס קומען און באַזינגעוועז
די בייטעלעך, די גערטנדלעך
און טראָגן אַף די פליגעלעך
כיינעוודיקע בלימעלעך
און פּראַוועז אין די וועלדעלעך
פרייליגדיקע סימכעלעך.

צי איז די ערד געוואָרן בלינד

צי איז די ערד געוואָרן בלינד און זעט ניט מער, וואָס ס׳טוט זיך?
ווייַל ס׳האָט אַן אומרו איר די אויגן אויסגעשטאָכן,
פאַרזעט זי יענע סטעזשקעלעך, וואָס יאָגן זיך צו מיר
מיט אייַנגעגלייבטער טרייַשאַפט, וואָס האָט גאָר קיין שיר.

בין איך אַרויס צום וועלדל און האָב צווייַגלעך אָנגעבראָכן,
פון ווערבעס און פון קליאָנען כ׳האָב אַ בריקל אויסגעפלאָכטן
און אויסגעבעט אַ דורכגאַנג, אַן אַרייַנגאַנג צו מייַן טיר,
וואַרט איך, דו זאָלסט קומען, מייַן טייַערע, צו מיר.
ווי נאָענט איז דאָס האַרץ מייַנס און ווי ווייַט בין איך פון דיר.

אַזוינס קאָן זיך טרעפן

אַזוינס קאָן זיך טרעפן אין האַרבסט:
מיט פינצטערניש ווערן די וועגן פאַרגאָסן,
איין בוים דערקענט ניט דעם צווייטן
בא זיך אינעם אייגענעם וואַלד.
דריי איך זיך אום, ווי פאַרבלאָנדזשעט
צווישן מאָכיקע יעלן און סאָסנעס.
פון שוואַרצע באַטוייִקטע קוסטן
גרייַפט אָן אַזאַ שרעקלעכע איימע,
און גלייַך אַ שאַקאַל לעם יעטווידן בוים מיך באַפאַלט,
אַז אָט ווערט מיר הייס, און אָט ווערט מיר קאַלט.
נאָר איך האָב פאַר שרעק ניט פאַרנייגט זיך,
ווייַל איך ווייס יעדן קוסט אינעם היימישן וואַלד.
אַריבערגעשפּאַנט כ׳האָב די שאָטנס און פּאַמעלעך געלאָזט זיך,
און מיט מיר זאַלבעגאַנד גייט די שנייִקע ווייַסקייַט פון מייַנע
געעלטערטע האָר,
וואָס באַשייַנט מיר אין וועג און באַלויכט מייַנע אויגן.
מייַן זילבערנע גרויקייַט, זי פירט מיך אָן שרעק
אַהין, וווּ עס נעכטיקט און ס׳טאָגט בא דעם ברעג,
נאָך פון יונגווייַז געיאַרשנט בא דעמבן געזונטע —
מייַן מעכטיקער גלויבן.

● ● ●

גאַנווע זיך ניט הינטער מייַנע פּלייצעס,
אין באַהעלטעניש דו זוך זיך ניט קיין שוץ,
די ערד האָט אַ זיקאָרן און יעדן פאַרגעדענקט זי —
ווערמעס האַרץ ס׳איז לויטער און בא וועמען ס׳איז מיט שמוץ.

וואָס ווײַטער איך גיי

וואָס ווײַטער איך גיי און ווער אלץ מער דערנעענטערט
צום גינען־האָריזאָנט, וואָס לעשט ניט אויס זײַן פלאקער,
דוכט מיר אויס, אז באלד, אָט באלד
כ׳וועל אים דערלאַנגען מיט די הענט
און מיר וועלן זיך ארומנעמען אלץ הײמלעכער און שטארקער,
רוקט ער ווײַטער זיך אוועק, דער צעפלאַמטער האָריזאָנט
און צו זײַן גינען־פײַער קאָן איך ניט דערגרייכן...
ווײַזט אויס, ניט אלץ, וואָס מיר האָט זיך פארוואָלט,
ניט אלץ, וואָס קומט מיר אפן סייכל,
בין איך מעסוגל צן דערגרייכן.
און בלײַבן כ׳בלײַב ניט שטיין,
איך לאָז זיך ווידער גיין צום גינען־האָריזאָנט,
וואָס הערט ניט אוף צו ברענען, ווי א שײַטער,
און זײַן שײנקײט לעשט ניט אויס זיך פון א ווינט,
נאָר וואָס נעענטער כ׳גיי צו,
ווערט זײַן נאָענטקײט דערווײַטערט,
וועל איך נאָכגיין נאָך זײַן אופגאנג
ווי ס׳גייט נאָך א מוטער נאָך איר קינד.

● ● ●

אָט דאָס הייסט א ווינט א לײַטישער!
אלע טאפליעס פון מײַן פענצטער,
וואָס אָנהייב הארבסט כ׳האָב ניט באוויזן צו פארקיטעווען,
האָט דער הארבסט־ווינט ניט געטשעפעט,
ניט געהוידעט, ניט געוויכרעוועט;

ער האָט באנאכט זײַן הודעניש פון מײַן פענצטערל דערווײַטערט,
ביז דער הימל האָט פארטאָג זיך פון די וואָלקנס אויסגעלײַטערט.

א טאמעוזדיקע זון

א טאמעוזדיקע זון האָט אָנגעגליט דעם וואלד,
זײַנען ביימער זיך צעלאָפן פון די וואָרצלען,
יעדעס ביימעלע האָט אויסגעשטרעקט די האנט,
א באהעלטעניש געזוכט, ווו עס איז קאלט,
געוואָלט זיך ראטעווען פון שטראלן,
ווי פון ברענענדיקע ראָצכים.

שטיי איך אף די וועגן און די ביימער איך פארהאלט,
כ׳פארקערעווע די אנטלאָפענע צוריק אין וואלד,
אז ווידער זאָל איך קענען אין געדיכטעניש
זיך אָנשפארן אין ביימער, וועלכע האָבן פעסטע וואָרצלען.

בענק ניט נאָך מיר

בענק ניט נאָך מיר,
איך האָב ניט פארדינט, דו זאָלסט לײַדן
פון בענקשאפט,
ווײַל איך פונדערווײַטן, איך לײַד ניט דערפון.
איז נעם און פארטרײַב אָט די שווערע
געוווינשאפט,
ניט בלײַבן פון איר זאָל קיין שפור.

איך ווייס, אז ס׳איז שווער דיר,
ווען ס׳הארץ דײַנס פארבענקט זיך
און איך בין פונווײַטן פארהאוועט ביז גאָר.
כ׳וואָלט אונטערגעצונדן דײַן שווערע
געוווינשאפט,
האָב איך מוירע פארסמאליען דײַנע
צעפּאטלטע האָר.

טרויער

פון א טרויער ניט פארבעטענעם
איך באהאלט זיך שטענדיק אויס,
וואָס זשע קלאפט ער — כ׳זאָל אים עפענען
טיר־און־טויער פון מײַן הויז?
כ׳וויל מיט אים זיך ניט באגעגענען,
קריכט ער ווידער, ווי א מויז.
ס׳האָט א טרויער ניט־פארבעטענער
זיך פארגאנוועט אין מײַן הויז.
פרעג איך אים און בעט בא אים:
וואָס ווילסטו פון מײַן לעבן?
דו קומסט א ניט־געבעטענער,
וואָס זאָל איך דיר געבן?
ער פרעסט פון מײַנע גערטענער
די פריידן פון מײַן לעבן.
ענטפערט ער, דער טרויער, מיר
אף זײַנע אייד׳לע סטרונעס:

ווען אומגליק שפארט דורך טויערן
צו ערלעכע נעשאָמעס,
איז ווער ווער ניט באדויערן,
איז ווער ווער ווערט דאן ניט טרויערן
אף אומגליק פון אלמאָנעס?
צי קאָן א הארץ ניט טרויערן
נאָך ברידער אומגעקומענע?
צי ווערסטו ניט דערמאָנען זיך
אין אלטע לײַט געהאנגענע,
צי ווערסטו דען ניט טרויערן
נאָך שלאכטלײַט די פארגאנגענע?
אוואדע ווערסט ניט פרייען זיך,
אוואדע ווערסטו טרויערן.
ס׳קאָן יעדער הארץ צעוויינען זיך,
ס׳קאָן יעדער הארץ באדויערן.
ביז אומזין קאָן איך פרייען זיך,
און ווען מע דארף — אויך טרויערן.

נאָך וואָס באַדארפסטו פרעגן מיך

נאָך וואָס באדארפסטו פרעגן מיך,
אוועלכע שײַן איז פאר מיר בעסער
און אין אוועלכער שײַן בין איך מערער אײַנגעליבט:
צי אין פינטלענדיקן פײַער פון שטערנדלעך פון דריבנע,
וואָס דעם גאנצן הימל פארנעמען זיי קימאט,
צי אין דער לעוואָנע־שײַן, וואָס קעלטערט
און בלייכערט דאָס געזיכט מיר
און מײַן ליבע זי באליכטיקט אף די לאָנקעס יעדע נאכט?
צי עפשער גאָר די זונען־שײַן, וואָס שטראלט אזוי און בלענדט,
ווען מיט בלי׳ענדיקן ווארעם גייט זי האָדעווען די וועלדער?
פון יעדער ליכטיקײַט איך האָב האנאָע,
ווײַל זייער לאנג האָב איך געבענקט נאָך איר,
נאָך יענער שטערנדיקער ווייכקײַט, וואָס באצויבערט די נעשאָמע
און באהעלט מיר אלע וועגן ביסקל גרויסן אינדערפרי,
ביז די זון גרויסארטיק הייבט זיך אוף פון איר געלעגער
און מיט שטראלן זי דערווארעמט און דערמונטערט מײַן געמיט.
פון יעדער ליכטיקײַט אין לעבן איך האָב האנאָע
אין כיינעוודיקער שײַן בין איך פון קינדווײַז אָן פארליבט.

העשל ראבינקאוו

בירָאבידזשאנער דערציילונגען

א בריוו

...זומער קלײַב איך זיך זײַן בא אײַך. אומבאדינגט. ערשטנס, האָב איך זיך טאקע פאר־בענקט נאָך א שטאָטישער גאס, אפילע נאָך דער שטויסעניש אין אווטאָבוס. צווייטנס, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, דארף איך דאָרט באשטעלן אין אטעליע (דאפקע פון דער ערשטער קאטעגאָריע) עטלעכע נײַע קליידער און קויפן א פּאָר לאקירטע טופל. איך מוז עס האָבן צום נײַעם לערניאָר...

איך זע דאָס שמייכעלע אף דײַן שיין פּענעמל: „טאקע נאָר לאקירטע טופלקעס גייען איר דאָרט אָפּ אין איר דאָרף". איאָ, אזוי טראכסטו? און נאָך געוויס ווילט זיך דיר וויסן, וואָס האָט עס צו טאָן מיטן נײַעם לערניאָר?

איז אָט, הער:

ווי דו ווייסט, האָט מען מיך נאָכן אינסטיטוט געשיקט ארבעטן אינעם נײַ־אָקטיאבערישן ראיאָן (איך בין דאָך אלעמאָל געווען א מאזלדיקער האָז!) — איינעם פון די פּארוואָרפנסטע ערטער אין אונדזער קאנט. מיט איין וואָרט — „גלובינקע". ס'איז א סאך גרינגער קומען פון אײַער שטאָט קיין מאָסקווע, איידער צו אונדז אין דאָרף...

פארשטייסט דאָך אליין, אז געפאָרן בין איך אהין מיט א גאנץ קנאפּן ענטוזיאזם.

צוזאמען מיט מיר איז פון דער זעלבער שיף אראָפּגעשטיגן אינעם האפן פונעם ראיצענ־טער נאָך א שלימאזל — א שווארץ־צעשויבערטער באָכער פון א יאָר פינף־זעקס און צוואנ־ציק — א פיזיקער אזש פון אירקוטסקער אוניווערסיטעט, פאר א לערער — א געוונוג הויכער, א געוונוג פלייציקער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א ברוין געשטריקט וועסטל, אין פיאָלעטע דזשינסן מיט אָן א שיר קעשענעס. זײַן פּאָנעם א לענגלעכס, א פרישס און רויטלעך אָפּגע־ברענט, ווי ער וואָלט געקומען פון א טוריסטישן מארש איבער די הייסע דאָרעם־ערטער. דו טראכסט געוויס: אהא! אָט דאָס איז דאָס! כאפּ זיך ניט, איך שרײַב דיר אזוי באאריכעסדיק וועגן אָט אָ־דעם פיזיקער פּאשעט, ווײַל אין א געוויסער מאָס איז ער געווען די סיבע פון דעם, וואָס איך קלײַב זיך אומבאדינגט זומער זײַן בא אײַך.

די פּארוואלטערן מיטן ראיבילד, א מיטליאָריקע נאנײַערן מיט קלוגע שמאָלינקע אויגן, מיט א גאזעווען שארפיקל אף איר טונקעלן האלדז, האָט זיך זייער דערפרייט מיטן פיזיקערס קומען, ווי ער וואָלט געווען אירער א לאנג געגארטער קאָרעוו, געקוקט נאָר אים אין פּאָנעם, די גאנצע צײַט מיטפילנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ: „נו, יאָ, צו אונדז דערקלײַבן זיך! איז אײַך, — האָט זי צו אים ליבלעך געשמייכלט, — לאָזן מיר, נאטירלעך, איבער דאָ בא אונדז אין שול־אינטערנאט"...

מיט מיר איז די לאגע געווען ווייניקער פויגלדיק: לערער פון געשיכטע זײַנען אינעם ראיאָן געווען איבערגענוג. אלנפאלס, קיין שטארקע באדערפעניש אין זיי האָט זיך לעסאטע

ניט געפילט. ס'הייסט, ערטער זײַנען יאָ געווען, אָבער אין די גאָר־גאָר ווײַטע ישובֿים, אין סאַמע העק...

— אָט, צום בײַשפּיל, אינעם דאָרף בליזקאַיע...

ווו געפינט זיך דאָס גליקלעכע דאָרף מיטן נאָמען בליזקאַיע? ניט שטאַרק ווײַט, — זי האָט א ווײַז געטאָן אויף דער מאַפּע פונעם ראַיאָן הינטער זיך אַף דער וואַנט. — דערקלײַבן זיך אַהין פונדאַנען קאָן מען מיט א קאַטערל, וואָס פירט אין יענע ערטער די פּאָטשט צוויי מאָל א וואָך, מע קאָן אויך פּאַשעט אַף א מאָטאָר־שיפל: אַנדערהאַלבן מעסלעס אַראָפּ דעם אַמור — און דו ביסט אַפן אָרט.

דערזען מײַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז, האָט די פאַרוואַלטערן מיך גענומען טרייסטן, אָנגעבן אין נאַדן:

— נאָר א דאָרף א גאַנץ היפּשס, א נײַער קלוב א גרויסער, פאַראַן יוגנט.

„יאָ, יאָ, — האָב איך דערשלאָגן געטראַכט, — א גרויסער קלוב"... אין אָט דער מינוט בין איך מעקאַנע געווען אַפילע דעם פיזיקער, וואָס איז געזעסן לעם מיר באַם טיש אַנטקעגן דער פאַרוואַלטערן און מיט נײַגער זיך צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך. ער איז שוין געווען רויִק. באַ אים איז אַלץ געגאַנגען גוט!

און דאָ האָב איך מיטאַמאָל דערהערט זײַן עטוואָס נידעריקע שטים:

— נו, און קיין פיזיקער דאַרף מען דאָרט ניט? — האָט ער מיט א שמייכל געפרעגט.

— וווּ?

— אָט אין דעם דאָרף... אין בליזקאַיע.

די פאַרוואַלטערן פונעם ראַיבילד האָט זיך א קער געטאָן צו דער מאַפּע פונעם ראַיאָן, א קוק געטאָן אַף א קליין פינטעלע, וואָס האָט באַצייכנט דאָס דאָרף.

— נאָך א מין דאַרפן!

— נו, איז שיקט מיך אויך אַהין.

די פאַרוואַלטערן האָט אַף אים אויפגעהויבן אירע צונויפגעצויגענע לאַנגוויִעדיקע אויגן און פאַרשנדיק זיי אָנגעשטעלט אַף מיר. מיסטאָמע, איז באַ איר דורכגעלאָפן א געדאַנק, אַז אָט־דער אומזיניקער פאָרשלאַג, די ביטע זײַנע זײַנען פאַרבונדן מיט מיר. איך האָב דערפילט, אַז כ'וועך רויט.

— דער כאַוער, — האָב איך געזאָגט, — איז א ראָמאַנטיקער. דער כאַוער וויל זײַן דאָרטן, וווּ עס איז שווערער.

דער פיזיקער האָט מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט דורך זײַנע ברילן און ווידער א שמייכל געטאָן:

— די כאַווערטע איז גערעכט. פאַר שוועריקײַטן שרעק איך זיך ניט. ער האָט אַף דעם, — האָט ער געזאָגט, — זײַנע מאָטיוון צו בעטן זיך אין יענעם ווײַטן דאָרף.

— וויבאַלד מאָטיוון, — די פאַרוואַלטערן האָט אַף מיר ווידער א וואָרף געטאָן א פאַר־באַהאַלטענעם שעלמישן בליק און צעפירט מיט די הענט, — ביטע. און איר?

פונעם האַרצן איז באַ מיר אַף יענעם מאָמענט אַראָפּ א שטיין: ווי דאָס זאָל ניט זײַן — פאַר איך, הייסט עס, אין יענעם העק ניט אַליין. פאַראַן נאָך א כאַסערדייע.

דער קאַטיער, וואָס קורסירט צווישן ראַיצענטער און בליזקאַיע, האָט ערשט געזאָלט אָפּגיין אַהין אַזש איבערמאָרגן מיטן טאָגליכט. איך האָב גאָרנישט געהאַט קעגן אָפּזײַן דאָ די קאָרגע צוויי טעג אין דעם ישובֿול פונעם ראַיאָנעם צענטער, וואָס האָט מיר איצט אויס־געוויזן א פריילעכער און א היימלעכער. דער פיזיקער האָט זיך אָבער אײַנגעשפּאַרט, ווי אַן אייזל: ניין און ניין! נאָר הײַנט, אָט טאַקע באַלד זיך לאָזן אין וועג. מע דאַרף זיך גרייטן צום לערנייאָר! שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט! מיר (ער האָט שוין גערעדט פון מײַן נאָמען אויך) וועלן זיך אַהין דערקלײַבן מיט א שיפל.

די פאַרוואַלטערן מיטן ראַיבילד האָט געלאַכט:

— זעט, דערטרינקט ניט אין אַמור אײַער מיטפאָרערן!

ער האָט זי פאַרזיכערט, אַז אַזעלכע נעסיִעס זײַנען פאַר אים ניט קיין נײַס איבער דעם יעניסיי און איבער דעם באַרגוזין. אַליין פאַר דער פאַרוואַלטערן זײַנען, ווײַזט אויס, אַזעלכע רײַזעס אויך געווען פון די גאַנץ געוויינלעכע זאַכן.

אין אָט אַ־די צאַפּנדיקע ערטער אַפן ווײַטן מיזרעך איז סאַף אווגוסט שוין גאַנץ קיל, באַנאַכט אַפילע פראָסטלעך. שטייסט אויף באַגינען — אַף די גרינע יאַדלעס, אַף די געלע בלעטער געדיכטער פריר־טוי. אונדז אָבער האָט אָפּגעגאָלטן: טעג זײַנען געשטאַנען וואַרעמע, זוניק בורשטינענע, נאָר דער אויבערפלאַך פונעם אַמור איז באַם ברעג־פּאַס געווען בוטלדיק גרין, און ווײַטער, צום מיטן טײַך, געהאַט א פאַרטראַכטן שטאָל־קאָליר.

ניט געיײַלט, מײַסע באַלעבאָס, האָט דער פיזיקער אַראָפּגענומען פון זיך דאָס וועסטל, פאַרשאַרט די העמד־אַרבל פון דער געקעסטלטער קאָוובאָיקע, צעכראַסטעט דעם קאָלנער און באַקומען דעם אַנבליק פון א יונגן פישער א כוואַט. איך האָב געקוקט אויף זײַנע ביצעפּסן, אויף די רויטלעך פאַרברוינטע פעסטע אַקסלען, עפּעס איז אין זיי געווען ערלעכס און קרעפטיקס, וואָס האָט באַרויִקט, עס האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז מיט אַזאַ קאָן מען ניט פאַרפאַלן ווערן ניט אין דער טײַגע און ניט אויפן אמור.

אויפן גאַנצן ברעגלאַזן טײַך זײַנען מיר געווען די אייינציקע רײַזנדער, אויב ניט רעכענען די עטלעכע זייער ווײַטע פישער־שיפלעך, וואָס האָבן שווערץ געפינטלט אויפן בלאַסן האָרי־זאָנט. פאַרבײַ אונדזער מאָטאָר־שיפל זײַנען געלאָפן שטילע וואַלדיקע יאַרן, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט צו אונדז פון א קאַפּשווינדלדיקער הייך, שיפּועדיקע ברעגן מיט לאַנגע באַרג־קייטן און פלאַכע זאַמד־צונגען, ווײַט פאַרלאָפּענע אין טײַך. די ביימער פון אויבן זײַנען גע־שטאַנען אין גרין־רויט גאָלדיקער באַפּוצונג פון אונדזער ווײַטמיזרעכדיקן האַרבסט. און בײַ מיר האָט דעמלט דורכגעבליצט א ביז גאָר „אָריגינעלער" „פילאָסאָפישער" געדאַנק, אַז... אַז נאָך אַלעמען איז פאַרט גוט צו לעבן אויף אַזאַ שיינער וועלט, אפילו אַז דו פאָרסט זײַן א לערערן פון געשיכטע אין א דאָרף, וואָס הייסט בליזקאָיע און וואָס דערקלײַבן זיך אַהין, אין יענעם העק, דאַרף מען אויף א שיפל גאַנצע אַנדערהאַלבן מעסלעס פון א צווייטן העק — א ביסל א נעענטערן.

ביז שפּעט אין אָוונט האָט זיך אונדזער שיפל געטראָגן איבער די כוואַליעס, איבערלאָזנ־דיק נאָך זיך זידנדיקע שוים־בערגלעך. די נאַכט איז דאָ אָנגעקומען מיטאַמאָל, קימאַט אָן שום איבערגאַנג. אָט איז אויפן הימל געשטאַנען א שאַרלאַך־רויטער און ריזיקער זון־קײַלעך איבער א צעבושעוועטן פלאַמיקן יאַם, און אָט — א געדיכטע פינצטערניש, כאָטש שנײַד זי מיט א מעסער. נאַכט. מיר זײַנען צוגעשוווּמען צו א נידעריקן פלאַכן ברעג און זיך אַרײַנגע־שניטן אין אים.

דאָ האָבן מיר געזאָלט נעכטיקן.

זאָג, אַז דאָס איז ניט קיין ראָמאַנטיק?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מײַן מיטפּאָרער איז אויך א גוטער טײַגע־קענער. ער האָט גלײַך גענומען קלײַבן אונטער די ביימער טרוקענע צווײַגן און שישקעס. בעריעדיק פאַנאַנ־דערגעצונדן א שײַטערהויפן. פון דעם פײַער איז די אַרומיקע כאַשכעס געוואָרן נאָך געדיכ־טער און פּכאַדימדיקער. איך האָב דערפילט אַן אומהיימלעכקײַט: פון איין זײַט האָט אויף אונדז געגלויערט א באַנאַכטיקע טײַגע, פול מיט שרעקיקע שאָרעכן און קלאַנגען, פון דער צוויי־טער — א פאַרהוילטער מיט א געדיכטן נעפּל ריזיקער טײַך, און מיר, איך און דער פיזיקער, אין אָט אַ־דער וועלט איינע אליין. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך שוין כאַראָטע געהאַט, וואָס איך האָב זיך געלאָזט אײַנריידן אויף אַזאַ רײַזע — געקאָנט צוואַרטן אויפן פּאָטשט־קאַ־טיערל!

איך האָב זיך דערקונדיקט בײַ מײַן מיטפּאָרער:

— אַן אוסורישער טיגער קאָן אונדז ניט אָפּשטעקן אַהער א וויזיט?

אָן אָנגעבויגענער צום שײַטערהויפן, האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— ניט אויסגעשלאָסן.

— וואָס טוט מען דעמלט?

— דעמלט איז שלעכט.

אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט באַם שײַן פון שײַטער, און מיר האָבן זיך ביידע הויך צעלאַכט. „ער איז, דאַכט זיך, ניט גאָר אינגאַנצן קיין שטיק האָלץ", — האָב איך א טראַכט געטאָן. און דאָס געפיל פון אומהיימלעכקײַט האָט זיך בײַ מיר גענומען ביסלעכווײַז אויסוועפּן.

איך דאַרף דיר זאָגן, אַז געפּירט האָט זיך דער פיזיקער דזשענטלמעניש, פאַר מיר און פאַר זיך צוגעגרייט פון ביידע זײַטן שײַטער ווייכע געלעגערס פון לאַפּניק, ניט געפּרוווט מאַכן קיין דאָן־זשואַנישע שטיק. מיר זײַנען געלעגן אויף אונדזערע געלעגערס, וואָס האָבן שאַרף געשמעקט מיט האַרבסט, מיט קילע יאָדלע־צווײַגן, און קימאַט די גאַנצע נאַכט גערעדט, גערעדט...

— הערט זיך צו, — בין איך צו אים צוגעשטאַנען, — איר, א יונגער און געזונטער מאַנצבל מיט אוניווערסיטעט־בילדונג, האָט שוין קיין בעסערע פּראָפעסיע ניט געקאָנט געפינען, ווי זײַן א לערער אין בליזקאָיע?

— א לערער, — האָט ער מיט אײַזערנער קאַלטבלוטיקײַט געענטפערט, — איז ניט קיין פּראָפעסיע, נאָר א באַרוף.

— א שפּאָגל־נײַער געדאַנק!
— אָבער א ריכטיקער.
— איר האַלט, אַז דאָס איז טאַקע אײַער עמעסער באַרוף?
— ווי אין יעדער קונסט, קאָן מען אָף זיכער ניט זאָגן. דאָס וועט זיך אַרויסווײַזן אין שול.
„יאָ, יאָ, — האָב איך א טראַכט געטאָן, — ס'וועט זיך אַרויסווײַזן, ווען דו וועסט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון א פינפטן אָדער זעקסטן קלאַס, און זיי וועלן בא דיר גײן אָף די קעפּ"...
פון דעם ווײַטערדיקן געשפּרעך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין בליזקאָיע האָט ער זיך אַרויסגערופן פאַרן, ווײַל דאָפקע אין אַזאַ דערווײַטערטער ערטל, האָפט ער, וועט פאַר אים זײַן מער מעגלעכקײַטן דורכצופירן זײַנע פּעדאַגאָגישע אידייען.
כ'האָב געמיינט: ער שפּאַסט, נאָר — ניין.
ליגנדיק אָנגעלענט אָף אַן עלנבויגן פון יענער זײַט שײַטער, האָט ער געפּריידיקט:
— דאָס, וואָס איך זאָג, איז געוויס אַלטרויִזם, נאָר כ'האָב עס ניט מוירע איבערצוכאַזערן. אין שול דאַרפן דאַרבעטן נאָר באַרופנע פון געבוירן צו אָט אָ־דער גרויסער, פאַראַנטוואָרט־לעכער מיסיע, — אַזוי באַפליגלט האָט ער זיך טאַקע אויסגעדריקט וועגן אונדזער באַשיידענער פּראָפעסיע, — מענטשן, וואָס שטעלן זיך ניט פאַר זייער לעבן אָן דער שול. — זיך, ווײַזט אויס, האָט ער געהאַלטן פאַר איינעם פון אַזעלכע אויסדערוויילטע. מיט איין וואָרט: א קאָמענדיקער מאַקאַרענקאָ אָדער א סוכאָמלינסקי...
לערערײַ איז, — האָט ער פאַרגעזעצט, — אַנטשולדיקט ווידער פאַר אַן אַלעפביים־עמעס, — א הויכע קונסט, אַזוי ווי טעאַטער, ווי פּאָעזיע. יאָ, יאָ, — האָט ער אַרויסרופעריש קימאַט אויסגעשריִען, ווי איך וואָלט אים דערווידערט, — אין קונסט טאָר מען ניט גײן אָן טאַלאַנט. ביסטו אַוועק פאַר א לערער, מוזסטו זײַן א טאַלאַנט. גיב אָפּ דײַן גאַנץ לעבן און מאַך פון זיך א טאַלאַנט, אַניט, גיי אַוועק! שטער ניט, פאַרנעם ניט קיין אָרט!
עטלעכע מאָל אין מעשעך פון דער נאַכט איז ער אופגעשטאַנען און אונטערגעוואָרפן טרוקענע צווײַגן אין שײַטער, די צווײַגן האָבן העפטיק געקנאַקט, געשפּריצט אין אַלע זײַטן שטיקער גליִענדיקע קוילן. דער סאָף איז געווען, אַז איינער אַזאַ „גאָלדענער" פונק האָט דורכגעברענט בא מיר אַן אַרבל אָף מײַן געשטריקט רויט קאַפטל. אָט האָסטו שוין דאָס ערשטע פאַרדינסט!
סאָף נאַכט האָבן מיר דאָך געכאַפּט א דרעמל. אופגעוועקט האָט אונדז א באַגינענדיק קאַלט ווינטל. די רעשטלעך קוילן האָבן קוים געטליִעט אונטערן אַש, ס'זײַנען נאָך געווען פאַרהילט אין א בלאָס וואָרגנדיקער פינצטערניש די ביימער אַרום אונדז. פונעם הימל ביזן וואַסער איז איבערן טײַך געהאַנגען אַן אָנגעזעטיקטער מיט פײַכטקײַט נעפּל, און ס'איז שווער געווען פאַרצושטעלן זיך, אַז פון אַזאַ טריבער פאַרומערטקײַט וועט זיך אויספּיקן א שיינער זוניקער טאָג.
פאַרטאָג־צו האָט זיך אָנגעהויבן דער צופּלוס, און אונדזער שיפל האָט פון אונדז אָפּגעג־טיילט א היפּשלעכער צוגעקומענער פּאַס וואַסער. דער פיזיקער איז א ווײַלע געשטאַנען און זיך אײַנגעקוקט אין דער פאַרנעפּלטער ווײַטקײַט, נאָכדעם האָט ער שווײַגנדיק אַראָפּגענו־מען די קעדעס, פאַרשאַרט די דזשינסן העכער די קנעכלעך, און ביז איך האָב באַוויזן אַרומ־קוקן זיך, האָט ער מיך א כאַפּ געטאָן אָף די הענט און אַריבערגעפּעקלט אין שיפל.
אַזייגער דרײַ באַטאָג זײַנען מיר, צוויי ראָבינזאָנען, צוגעשוווּמען צו בליזקאָיע. א גרויס דאָרף אָף א בילד־שיינעם הויכן ברעג — אייגנטלעך, צוויי דערפער, איינס אַן אַלטס, מיט צעוואָרפענע אין אומאָרדענונג הײַזקעס און הויפן פון די ערשטע קאָזאַקן־איבערוואַנדערער, דאָס צווייטע — א גרויסע לאַנגע גאַס מיט נײַע הײַזער פון צעדער, ווו דער הויפּט־טאָן איז דאָ געווען בורשטינענע פרישע זוניקע גאָלדפאַרביקײַט.
אָפן ברעג באַם דעבאַרקאַדערל האָבן אונדז מעקאַבל־פּאָנעם געווען די לערער (דאָ, בא אונדז, איז דאָך יעדער נײַער מענטש — א סענסאַציע!). איך ווייס ניט, ווי די איבעריקע לערער, נאָר מײַן קאָלעגע, די לערערן פון געשיכטע און געזעלשאַפט־קענטעניש, א מיטל־יאָריקע דאַרלעכע שוואַרצכיינעוודיקע פרוי אין א ציגײַנעריש געבלימטן סאַראַפאַן, האָט מיך באַגעגנט אָן איבעריקן ענטוזיאַזם. איך וואָלט אפילע געזאָגט, מיט א פאַרבאַהאַלטענער זויערלעכער מינע. דערפאַר אָבער דעם פיזיקער האָבן אַלע, אָנגעהויבן פונעם דירעקטאָר (קיין פיזיקער אין שול איז טאַקע ניט געווען), באַגעגנט זייער גאַסטפרײַנטלעך.
און דאָ האָט זיך גלײַך גענומען בוילעט וואָרפן אין די אויגן דער אונטערשייד צווישן א „טאַלאַנט" און ניט קיין „טאַלאַנט". איך, צום בײַשפּיל, האָב זיך די ערשטע צײַט געפילט ניט גאָר וואָזשנע אונטער די נײַגעריקע, פאַרשנדיקע בליקן פון די לערערנס (מאַנצבלען זײַנען בא אונדז געציילטע), אָבער דער פיזיקער — ווי א פיש אין וואַסער! מע האָט גלײַך

פון דעם ערשטן אופטריט דערזען: ס'איז געקומען דער, וואָס האָט געדארפט קומען. וואָלסט א קוק טאָן, ווי ער האָט זיך גענומען באקענען מיט דער שול, זײַן ארײַנגיין אין די קלאסן, באזונדערס אין זײַן קאבינעט פאר פיזיק און מאטעמאטיק, ווו אים איז פאָרגעשטאנען דורכ־צופירן זײַנע „פעדאגאָגישע אידייען".

א כאראקטער האָט זיך בא אים ארויסגעוויזן ניט קיין פויגלדיקער, שוין גלײַך אַף מאָרגן איז צווישן אים און דעם זאווכאָז פון דער שול — א קליינינטשקע זשוואווע פרוי מיט א מויל אַף שרויפן און מיט אזעסדיקע שווארצע אייגעלעך — אויסגעבראָכן א סיכסעך איבערן רעמאָנט פון דעם קאבינעט פאר פיזיק. אים איז ניט געפעלן געווען ניט ווי געקאלכט, ניט ווי געפארבט. וואָס שײַעך די באָרדיורן אונטער דער סטעליע, — האָט ער געשריִען, — אז ס'איז געשמאקלאָז — פראָווינץ. די פרוי האָט פון איר זײַט געטײַנעט, אז זי וויל פון גאָרנישט ניט וויסן. זי האָט אָפגעגעבן די שול נאָכן רעמאָנט „אונטער לאק און פארב — א צאצקע". דעם כאווער דירעקטאָר געפעלט, די לערער געפעלט, בלויז אים, וואָס איז דאָ אין שול א מיטוואָך אָן א יאָר, אים האָט מען ניט אוגאָדיעט!

געענדיקט האָט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט געבעטן פארב, קאלך און א שמיר־בארשט.

איך בין געזעסן מיט מײַן קאָלעגע אין קאבינעט פאר געשיכטע און צונויפגעשטעלט קאלענדאר־פלענער. די לערערן האָט אלץ געפרווט פאָרזיכטיק ארויסקריגן בא מיר, וואָס האָט מיך געשטויסן צו קומען אין אזא ערטל, ווי בליזקאָיע. ניט שוין זשע האָב איך זיך ניט געקאָנט אײַנאָרדענען ערגעץ אין א שטאָט? נו, יאָ, — האָט זי צונויפגעשנורעוועט אירע דינע ליפן, — א סאך רײַסן זיך אַף צאָפן נאָכן לאנגן רובל, נאָך די צאָפן־להאָטעס. ביסלעכווײַז האָט זי מיר דאן אויסגעברײַעט, אז מיט מײַן קומען אהער האָב איך צעשטערט אירן א פלאן. זי האָט זיך געקליבן ארויסרופן אהער א קרויווע — אויך א לערערן פון געשיכטע, וועלכע דארף אין א יאָר צוויי ארום ארויס אַף פענסיע.

נאָר, ווײַזט אויס, זי האָט שוין גענומען שאָלעם מאכן מיטן געדאנק, אז ארבעטן וועט איר אויסקומען מיט מיר, און זי האָט מיר גענומען דערציילן, אז נאָך אלעמען איז בליזקאָיע א גאנץ ווויל ערטל. און כאָטש ס'איז א העק פון זײַן ליבן נאָמען, וויל דאָך קיינער פון די אלטע טוישווים ניט אוועקפאָרן פונדאנען. עמעס, פאר יונגע לערערנס — מיידלעך, אזעלכע ווי איך, איז עס א קנאפע מעציִע — זי האָט מיך אָפשאצעריש־מעווינעש באטראכט: כאסענע האָבן מיט א פישער, מיט א קאָלווירטניק, מאנצבלעך פון אנדערע פראָפעסיעס זײַנען דאָ געציילטע און קימאט אלע פארהייראטע.

זי האָט זיך אינטערעסירט, צי איז דער פיזיקער ניט קיין כאָסן. ניין? — ניין! קאָן מען וועגן אים זאָגן דעם עמעס, דאָס וואָס מע מיינט? — יאָ, מע קאָן. איז אָט, נאָך גאָר א יונגער־מאן, נאָך א יינגל, קאָן מען זאָגן, און שוין. זאָלט איר מיר אנטשולדיקן, אזא לעקער. וויל שוין פון דעם ערשטן טאָג אויסנעמען באם דירעקטאָר. ס'איז דאָך פיזיק. ניט קיין געשיכטע, שאָען אריבערן האלדז! געפעלט אים ניט, זעט איר, דער רעמאָנט! געשטעלט זיך אליין פארבן און ווײַסן דעם קאבינעט. דו ווײַז נאָר דעם דירעקטאָר א וועג...

איך האָב איר געזאָגט, אז כאָטש מיטן פיזיקער בין איך באקאנט קימאט ניט מער פון איר, מאכט ער אַף מיר ניט קיין אײַנדרוק פון א לעקער...

זי האָט א קנייטש געטאָן מיט די פלייצעס:

—נו, איז סטאם א צעדרייטער.

„אָדער עפשער א טאלאנט!" — האָב איך א טראכט געטאָן.

און דאָס, אז ער האָט קיין טאָעס ניט געהאט באם אויסקלײַבן די פראָפעסיע, האָב איך דערזען שוין פונעם ערשטן טאָג. איך האָב אפילע פארצייכנט בא זיך אין העפט א שפאָגל־נײַעם פילאָסאָפיש־פעדאגאָגישן געדאנק: „א לערער קאָן אָפארבעטן דאָס גאנצע לעבן אין שול (דו ווייסט, ווּעמען איך מיין), זײַן באוואָפנט פון קאָפ ביז די פיס מיט פעדאגאָגישע וויסנשאפטן, זוכן שטענדיק די סאמע געקליגלטסטע סטראטעגיע און טאקטיק, וויאזוי אופ־צווירקן אפן קלאס, צו געפינען א וועג צום הארצן און צום באוווסטזײַן פון די שילער, און נאָך אלע באמיִונגען זײַנען די רעזולטאטן גאנץ באשיידענע (אָדער אפילע גאנץ נישטיקע), און דאָ קומט איינער, וואָס ווייסט ניט פון זײַן קראפט (און, עפשער, ווייסט ער!), און דאָס, וואָס דער ערשטער זוכט און דערגרייכט מיט גרויס אָנשטרענגונג און מי, גיט זיך דעם צווייטן אײַן אומזיסט. אלנפאלס אזוי זעט אויס פאר א זײַטיק אויג. מע קאָן גאָרניט מאכן: „מאָצארט און סאליערי".

בוכשטעבלעך, אפן דריטן טאָג נאָך אונדזער קומען אהער, — איך האָב נאָך קיינעם ניט געקענט, די שילער אין די אויגן ניט אָנגעזען, — און דער פיזיקער איז שוין געווען אפן ברעג פונעם אמור מיט א היפשער גרופע כעווערלײַט פון די עלטערע קלאסן. מע האָט זיך גע־

פּאַרעט בא א מאַטאַר־שיפל. זיי, די שילער, האָבן דעם פיזיקער אליין אָפּגעזוכט. און אויך דאָ האָט ער זיך געפילט, ווי א פיש אין וואסער. מיט מײַן קאָלעגע, דער לערערן פון געשיכטע, זײַנען מיר פונקט דעמלט געגאנגען פארבײַ זיי, און אין יענער רעגע בין איך פּאַשעט פול געווען מיט קינע צו אים, צו זײַן זיכערן און נאטירלעכן האלטן זיך, צו די פארכאַפּט־נײַגעריקע אויגן פון די קינדער.

די לערערן פון געשיכטע האָט באטראכט דעם פיזיקער און די שילער מיט א לאנגזאמען הארבן בליק. נאָכדעם האָט זי מיך אָנגעקוקט אומצופרידן, מאָנענדיק, ווי אויך איך וואָלט געווען שולדיק אין דעם.

— געזען? דאָס לערניאַר האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן, און ער „פירט שוין דורך אָן ארבעט", פּאַרדינט אווטאָריטעט. ביז אהער האָט מען בא אונדז אין שול געארבעט רויק, יעדע־רער לויט זײַנע מעגלעכקײַטן. צווישן אונדז גערעדט, דאָס דאַרף אונדזערס איז אין דער ערד אַפּן דעק, אַפילע דער אינספּעקטאָר פון ראיבילד קומט אראָפּ איין מאָל אין א יויוול, ווער רעדט שוין פון עפּעס העכערס! איך זאָג אײַך: מע קאָן לעבן רויק, אַט אַ־דער אָבער וועט ניט לאָזן. כ'זע שוין...

דאָ האָט זי זיך דערמאָנט דעם פעדראַט ערעוו דעם אָנהייב לערניאַר: מע האָט דאָרט א סאך גערעדט וועגן א זעקסטן קלאַס, ווו „ס'האָבן זיך אונטערגעקליבן יענע כעוורע, איינס אין איינס". דער פיזיקער האָט זיך ארויסגערופן זײַן דאָרט א קלאַסן־אָנפירער...

— אליין קריכן אין אזא כאַמעט! ער ווייסט נאָך ניט, אײַער פיזיקער (מײַן פיזיקער!), וואָס דאָס איז פאר א שטיקל ברויט!

דער ערשטער סענטיאבער. דאָס ערשטע גלעקל. די שילער האָבן זיך געגומען סטראָיען אַף דער פּײַערלעכער ליניייקע. איך גיב א קוק: דער פיזיקער — אין א לאנגן שווארצן ראָק ערשט פון דער נאָדל, שווארצע אויסגעפרעסטע הויזן מיט א שטײַפן שארפן קנייטש, א שניי־ווײַס העמד מיט א ווײַסן אויסבינדער, גלאנציק שווארצע לאַקירטע שיך. פרעג ניט! די לערער זײַנען געבליבן געפלעפט. און מײַן קאָלעגע איז געווען אימשטאנד נאָר א זאָג טאָן שטיל: נו, א פיזשאָן! די פרוי, דער זאווכאָז האָט א כיכיקע געטאָן אין פויסטל: „א כאָסן". איך בין זיך מוידע: איינע אליין, אזוי מאָדנע אָן אויסגעפוצטע אין אַט אַ־דער דאָרפישער שול, וואָלט איר זיך מיסטאמע אונטער אזויפיל פארוווּנדערטע און איראָנישע אויגן געפילט ניט איבעריקס גוט. וויטאלי אָבער, כ'מיין דער פיזיקער, האָט מאמעש יאָמטעוודיק געשײַנט. געגומען דעם אַקטיוויסטן אָנטייל אין אויסשטעלן די שילער, זײַנע באוועגונגען זײַנען געווען סאָליד און גלײַכצײַטיק לײַכט, קימאַט שוועבנדיקע.

די לערערן פון געשיכטע האָט אים מיט א פארביסן שמייכעלע באמערקט, אז אין אזא קליידונג איז ער מער ענלעך אַף א דיריזשאָר פון א סימפאָנישן אָרקעסטער אָדער אַף א זינגער, נאָר בעשום־אויפן ניט אַף קיין לערער. באטראכטנדיק איר וואָכעדיק קלייד, האָט דער פיזיקער איר העפלעך דערווידערט:

— איר האָט א טאָעס, הויכגעשעצטע, אַט דאפקע נאָר אזוי דאַרף א לערער דערשײַנען פאר זײַנע שילער אין קלאַס. אָדער עפּשער האלט איר, אז א לערער איז מיט עפּעס נידעריקער פון א דיריזשאָר אָדער א זינגער?

— איך ווייס ניט — נידעריקער צי העכער, — האָט די לערערן געזאָגט, — נאָר דאָס זײַנען גאנץ פארשיידענע קאָלעגאָרן, מיר זײַנען פּאַשעטע כײַוועקײַעמס.

אין עטלעכע טעג ארום האָט ער ארויסגעוואָרפן נאָך א „קאָזליק". די פארוואלטערן מיטן לערנטייל (א קלוגע אָנגענעמע פרוי) האָט זיך געווענדט צום פיזיקער מיט עפּעס אָן אופ־טראַג בייס איינעם אָן איבערײַס, ווען ער האָט זיך געפּאַרעט אין קאבינעט מיט זײַנע מאכשי־רים, האָט ער אַף איר צעשטרייט א קוק געטאָן דורך די גראָבע ברילן־גלעזלעך און געבעטן אַף ווײַטער מיט אזעלכע זאכן זיך ווענדן נאָך די לימודים. דערקלערט האָט ער דאָס דערמיט, וואָס זײַטיקע זאכן, וועלכע האָבן ניט קיין דירעקטע שײַכעס צו די לימודים, שלאָגן אים ארויס פון זײַן שעפערישן צושטאנד.

מײַן קאָלעגע האָט מיך לײַכט א שטורכע געטאָן מיטן פויסטל אין זײַט:

— „א שעפערישער צושטאנד"... איך האָב אײַך געזאָגט, א קאָמיקער! א לערערישקע — און סטראָיעט פון זיך עפּעס. האָסט, דאכט זיך, ליבינקער, געטראָפן ניט אין יענער טיר!

די פארוואלטערן מיטן לערנטייל האָט א ווײַלע פארטראכט געשוויגן, א פיר געטאָן מיט דער ברעם:

— און עפּשער, געטראָפן! — האָט זי ווי צו זיך אליין געזאָגט.

אין דעם האָב איך זיך מיט יעדן טאָג אלץ מער איבערצײַגט. ווי אַף צולאָכעס, איז פונקט דעמלט צו אונדז אין שול אראָפּגעקומען א היפּשע קאָמיסיע פונעם קאנטישן בילדונגס־

אַפּטייל: א ווײַבער — עטלעכע „בלאָווע זאַקן", סוקראַטעס, מאַנצבלען — אַלץ אַלטע היגער־פּרעסער, האַרבע גרויסשטאָטישע מעטאָדיסטן. פון אַזעלכע האָסטו ניט וואָס צו דערוואַרטן אויף ראַכמאָנעס!

א שווער שטיקל צײַט האָט זיך בײַ אונדז אין שול אָנגעהויבן. מײַן קאָלעגע, די לערערן פון געשיכטע, האָט אָנגעוואָרן דעם שלאָף און דעם אַפּעטיט.

— גאָט מײַנער, — האָט זי טראַגיש געשעפּטשעט, — געשיכטע איז דיר ניט מאַטעמאַ־טיק — דאָ איז יעדער א מיוון, און אַלע ווילן זיך שטופּן צו מיר אויף די לימודים.

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אויך היפּש איבערגעלעבט, כאָטש בײַ מיר איז פאַרהעלט־ניסמעסיק אַדורך בעשאָלעם, מע האָט אַפילע אומגעריכט עטוואָס א לויב געטאָן. נו, און דער פיזיקער? וואָס בײַ אים אין האַרצן האָט זיך געטאָן, ווייס איך ניט, אויסערלעך האָט ער אויס־געזען ווי אַלעמאָל. ביזן סאָף פון די לימודים געווען פאַרטאָן אין זײַנע „העכערע" וועלטן, פונוואַנען ס'איז אים שווער געווען ביזן לעצטן גלעקל אַראָפּלאָזן אויף אונזער אומרוזיקער ערד.

האָסט געדאַרפט זען, ווי פרײַ, מיט וואָס פאַר א ווירדע (מעקאַנע צו זײַן!) ער האָט זיך געהאַלטן מיט די לײַט פון דער קאָמיסיע. פונקט ער וואָלט ניט געווען קיין געוויינלעכער יונגער לערער, אַזאַ ווי איך, נאָר טאַקע ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן. נאָכן בײַזײַן בײַ אים אויף עטלעכע לימודים האָט דער הויפּט פון דער קאָמיסיע — אויך א פיזיקער, א גרוילעכער היכער מאַנצבל מיט קאַלטע גרוי־בלויע אויגן, א שטרענגער שווײַגער, וואָס דו קאָנסט ניט וויסן, וואָס פאַר א שטיין ער טראָגט בײַ זיך אין בוזעם, — גענומען אונטערשמייכלען צום פיזיקער, ווי צו א געראָטן קינד, ווען ס'זאָגט א כאָכמע, און ריידן מיט אים מיט גרויס אַפּשײַ.

בײַ מײַן קאָלעגע האָט מען באַזוכט סאַכאַקל פיר לימודים. איך האָב געזען, ווי נאָך יעדער באַזוך פון דער קאָמיסיע האָבן בײַ איר געציטערט די ליפּן און א בלוי אָדערל האָט בײַ איר נערווייזיש פּולסירט אויפן שלייף.

דער פיזיקער פלעגט אויך אַרויס פון קלאַס א ביסעלע אין אופגערודערטער, דאָס איז אָבער געווען א גאַנץ אַנדער אופגערודערטקײַט. צוקוקנדיק זיך צו וויטאַליס אַרבעט, האָב איך אָפט גענומען טראַכטן וועגן דעם, וואָס איז פאַרט אַזוינס דער באַרוף פון א לערער (יעדער לערער דאַרף עס קלאָר מאַכן פונסנײַ פאַר זיך אַליין). אָט איז איינער און דער זעלבער זיבעטער קלאַס, ווו מיר אַרבעטן אַלע. געוויינלעכע שילער. נאָר ווען די יונגע לערערן פון ליטעראַטור און שפּראַך (געענדיקט, אַגעוו, אויסגעצייכנט דעם וולאַדיוואָסטאָקער אוניווערסיטעט) דערמאָנט זיך, אַז מאָרגן האָט זי דאָרט לימודים, ווערט איר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. אין קלאַס שרײַט זי אויף די קינדער, קלאַפּט אויסער־זיך מיטן פויסט אין קאַטעדרע אײַנצושטילן דעם הו־האַ, דראָעט אַרויסרופן צום דירעקטאָר, צום פאַרוואַלטער מיטן לערנ־טייל, אַרויסטרײַבן פון קלאַס. די דיסציפּלין זייער א שלעכטע, א היפּשע צאָל „צווייען". שטענדיקע טרערן אויף די פּעדראַטן. א ראַכמאָנעס אויף איר, אָפט זע איך זי אַרויסגיין פונעם לימעד מיט רויטע פלעקן אויפן פּאָנעם.

גלײַך נאָך איר גייט אין דעם זעלבן קלאַס דער פיזיקער. גייט פריש און פריילעך, מיט אַן אויסדרוק פון עפּעס א יאָמטעוודיקײַט אויפן פּאָנעם, ווי ס'וואָלט אים דאָרט פאַרגעשטאַנען ווער ווייסט וואָס פאַר א נײַס, אינטערעסאַנטס, זייער וויכטיקס. עמעס, ניט אַלעמאָל גייט ער אַרויס פון קלאַס צופרידן. עפּעס האָט זיך אים, לויט זײַן מיינונג, אינעם לימעד ניט אײַנגע־געבן, און ער קוקט אויף אײַך מיט אַן אָנגעכמורעטע אַפּוועזנדיקן בליק, אַנאַליזירט מיסטאָם אין די געדאַנקען דעם דערלאָזטן פעלער.

נאָך אים, טרעפט, גיי איך אין דעם זעלבן קלאַס אויף א לימעד פון געשיכטע. דו קענסט דאָך מיך גוט: איך קאָן אַזוי „אויסדריקלעך" א קוק טאָן. קורץ, די כעוורע האָט פאַר מיר דערעכערעץ און א ביסל מוירע אויך. אָבער די גאַנצע פינף און פערציק מינוט קומט מיר אויס צו האַלטן זיי אונטערן בליק, ווי א דרעסירערן, און דאָס פאַטערט מיר די שטימונג. איך דאַרף ניט די אידעאַלע טויטע שטילקײַט, וואָס ווערט אײַנגעשטעלט אונטער מײַן שטרענגן בליק, איך בין מעקאַנע יענעם גערויש, וואָס באַם פיזיקער אויף די לימודים, ער ברעכט אויס בײַ די שילער ניט פון שטיפערײַ אָדער פון לאַנגווײַל, נאָר פון פריידיקער דערקענטעניש־היס־פּײַלעס. איך וויל אויך אַזאַ גערויש אויף מײַנע לימודים.

איך קאָן זיך ניט קלאָגן, אַז מע הערט מיך שלעכט, אַז די שילער באַציִען זיך צו מיר שלעכט (איך גרייט זיך טאָג און נאַכט צו די לימודים). איך בין אָבער זעלטן צופרידן מיט זיך. עס לאָזן מיך ניט צורו דעם פיזיקערס ווערטער דאַן באַנאַכט אין טײַגע באַם שײַטער: „אין קונסט טאָר מען ניט גיין אָן טאַלאַנט!" ביסטו אוועק פאַר א לערער — מוזסטו זײַן א טאַלאַנט, אָדער גיב אָפּ דאָס גאַנצע לעבן און מאַך פון זיך א טאַלאַנט! אַניט גיי אוועק, פאַר־נעם ניט קיין אָרט!

מוזסט זײַן א טאַלאַנט!

„ווער בין איך”?

אַלנפאַלס, בין איך גרייט אָפּגעבן דאָס גאַנצע לעבן און מאַכן פון זיך א טאַלאַנט (אויב ס'איז ביכלאל מעגלעך „מאַכן” פון זיך א טאַלאַנט), אָדער... זײַן אַזאַ פּעדאַגאָג, ווי מײַן קאַלעגע, די לערערן פון געשיכטע, וועמעס אייַנציקער טרוים איז ווי־ניט־איז רוּיק זיך דערקלײַבן ביז פּענסיע, ווי די לערערן פון שפּראַך און ליטעראַטור, — וויל איך ניט און וועל ניט זײַן!

וואָס האָבן אָבער פאַר א שײַכעס אָט אָ־די אַלע הויכע מאַטעריעס צו די נײַע קליידער און לאַקירטע טופל, וועלכע איך מוז אומבאַדינגט האָבן צום אָנהייב נײַעם לערניאָר?

איך האָב שוין דיר געשריבן וועגן דעם, אַז דערזעענדיק דעם „אַנטרע” פון דעם פיזיקער דעם ערשטן סענטיאַבער — זײַן שוואַרצן גאַלאַ־אָנצוג, דעם אַרטיסטישן אויסבינדער, דאָס ווײַסע העמד און לאַקירטע שיך, זײַנען אייניקע פון אונדזערע לערער געווען שאָקירט: ווי נאַרוואָס פון באָד אַרויס! פאַר וועמען? צוליב וואָס? אין קלאַס באַם טאָוול, — האָבן זיי זיך געכאָכמעט, — וועט ער דאָך גלײַך אויסשמירן זײַן פראַק אין קרײַד...

איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז אונדזערע לערער זײַנען געווען שלעכט אָנגעטאָן — דער געהאַלט איז בא אונדז אין די צאָפּן־ראַיאָנען א גאַנץ אָנשטענדיקער, — נאָר עפּעס שוין צו וואָכעדיק, דאָרפיש אָפּגעלאָזן, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

און אָט, אין איין שיינעם פרימאָרגן...

דעם דירעקטאָר אונדזערן האָב איך ביזן אָנהייב לערניאָר גאַנץ אָפּט געטראָפן אין די געסלעך פונעם דאָרף אין א וואַטניק, שפּעטער אין אַן עטוואָס צעקנייטשטן ביליקן אָנצוגל (א העק! גלובינקע!), איז ער פּלוצעם אַראָפּגעקומען אין שול אין א נײַינקן ראַטין־מאַנטל, אָפּן האַלדז א קאָליריקער מאַכער־שאַרף. פון קאַבינעט איז ער אַרויס אין א פײַנעם טווידענעם אָנצוג און אויך — אין א שימערירנדיק ווײַס געפּרעסט העמד, מיט א שוואַרצן באַבעלע־אויסבינדער און לאַקירטע טופל. ער האָט גלײַך באַקומען א גרויסשטאָטישן אויסזען — אַן עלעגאַנטער, וווּקסיקער פלאַקסהאָריקער בלאָנדין, א בלוי־אויגיקער קראַסאַוועץ, א ביסעלע ענלעך אף נאַזים כיקמעטס פאָרטרעט, וואָס איז, ווי דו געדענקסט, געהאַנגען אין אונדזער צימער אין צוזאַמענוווינונג. און אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר אין לערער־צימער דערזען — וועמען מיינסטו? — מײַן קאָלעגע, די לערערן פון געשיכטע, אין א פּרעכטיק אופגעניייט וואָלן העל־גרויען קלייד און אין לאַדאַטשקעס אף א הײַנטמאָדישן קנאַפּל. א הויכער, שוואַרצער, ווי א ראַבנפליגל שיניאָן האָט זי געמאַכט עטוואָס העכער, ווי אינדערמעסן, און דאָס צוריקגעצויגענע שמייכעלע, מיט וועלכן זי איז אַרײַן אין לערער־צימער, האָט צוגעגעבן איר שוואַרצכיינעוודיק פּאָנעם אַן אויסדרוק פון פרײַנטלעכקײַט, אַפילע פון גוטסקײַט.

מיט איין וואָרט: איצט קומען אונדזערע לערער אין שול בא א באַליביקן וועטער אין זייערע יאָמטעוודיקע קליידער. עס האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן בא זיך אין קאָלעקטיוו א גאַנץ היפּשע צאָל יונגע שיינע לערערנס. איז ביז דעם האָב איך אין מײַן איין־און־איינציקן יאָמטעוודיקן קרעם־פאַרביקן וואָלענעם קלייד (דו געדענקסט עס) אויסגעזען גאַנץ „קאָמילפאָ”. אָבער איצט זע איך אויס אפן פאָן פון די אויסגעדונערטע לערערנס, ווי א גרוי אָרעם שפּערעלע.

נאָר וואַרט!

צום נײַעם לערניאָר וועלן מיר נאָך זען!

מאַיאָרטשיק

גיי ווייס, אַז דאָס איז ער! אַז ער לעבט אף דער וועלט און וווינט אַפילע אין דער שכייניש גרויסער קאַנטישער שטאָט. אַז אָפּטמאָל גייען מיר איבער איינע און די זעלבע גאַסן.

געוועזן זײַנען מיר דעמלט (אין נײַנצנטן יאָר) עלף־צוועלפיאָריקע ייִנגלעך, געוווינט אינעם האַלב־רוסישן, האַלב־אוקראַיִנישן שטעטל סערעדינע בודע, אף איין גאַס, א שטוב לעם א שטוב — מענקע, וואָלאָדקע, מאַיאָרטשיק בערעבאַניעס און איך. מענקע, גערשן־מענדל ווילענסקי, איז שפּעטער געווען צווישן די ערשטע בויער פון בירָאָבידזשאַן. דער ערשטער

דירעקטאָר פון דער שטאָטישער עלעקטראָסטאנציע, א סעקרעטאר פון געגנטקאָם פון קאָמיוג. אין שטאָט בא אונדז דארפן אים נאָך א סאך געדענקען. וואָלאָדקע אוורושטשענקאָ איז שפּעטער געוואָרן א פּאָעט. ביידע זײַנען זיי געפאלן מיט א העלדן־טויט בייס דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, און וועגן זיי דארף מען שרײַבן באזונדער. איצט אָבער וויל איך דערציילן וועגן מאיאָרטשיקן אָדער, ווי זײַן פּאָטער בערעבאניע דער לאָמאָוויק פלעגט אים רופן, „מייערזשע גאנעוו".

געוועזן איז מאיאָרטשיק א שטשופּלינקער, מיט א שווארץ־געקרײַזלט קעפּל אף א פארמאָרעט אויסגעצויגן העלדזל, ציגײַנעריש־פארברוינטע הויט און ביינדעלעך, אייגלעך געהאט טונקל־קארע, לעבעדיקע, שעלמישע. זינט כ׳געדענק אים, האָט ער געטראָגן איינע און די זעלבע פארלאטעטע הייזלעך, פון וועלכע ער איז שוין היפּש אויסגעוואקסן, און די מאמע זײַנע זעלדע די בערעבאניכע, א הויכע דארע ייִדענע מיט א קרענקלעך־זויער פּאָנעם, פלעגט פון מאָל צו מאָל אויסשרײַען:

— בערע, מע דארף פאר דעם יונג פליודערן.

נאָר בא דעם פלעג עס בלײַבן.

געוועזן איז מאיאָרטשיק א מוירעדיקער דרייקאָפּ. א מײַדים אף קאָלערליי אויסטראכטענישן און געשעפטן, וואָס האָבן אים געקאָנט ארײַנברענגען א פארדינסטל, א ביסל עסעכץ, — בא זיי אין דער היים איז עס קיינמאָל ניט געוועזן איבעריקס בעשעפע.

וועגן אים האָבן די ווײַבער פון אונדזער גאס גערעדט אין א שפּאס, אז ער „נעמט פון לעבעדיקע און פון טויטע". און ס׳איז קימאט געוועזן אן עמעס. ער האָט זיך געקליגט צו האָבן „פּארנאָסע" אפילע פונעם סטאראָאָבריאדישן אלטן בעסוילעם, וואָס האָט זיך געצויגן פּאזע אונדזערע הויפן אין פעלד און איז פון זיי אָפּגעטיילט געוועזן מיט א צעפוילטן, ערטערווײַז אײַנגעוואלגערטן פלויט.

פלעגט זיך אָפּט מאכן, א בעהיימע רײַסט באנאכט אָפּ דאָס שטריקל און לאָזט זיך אוועק אפן בעסוילעם א נאש טאָן פון דעם זאפטיקן גראָז, איז ווער וועט זיך לאָזן איר נאָכלויפן אפן באנאכטיקן מאָהילניק, פאר וועלכן ניט נאָר די ווײַבער, נאָר אויך אייניקע מאנצבלען האָבן געציטערט איימעס־מאָוועס. אין אזעלכע פאלן האָט מען געמוזט אָנקומען צו בערעבאניעס מיזיניק מאיאָרטשיקן — מייערזשע גאנעוו, א מענטש א פּראקטישן, אָן שום יענוועלטיקער מיסטיק.

די אָפּעראציע פון אומקערן די פארבלאָנדזשעטע קו אין הויף פלעגט מייערזשע ארומשטעלן מיט אײַנדרוקפולע עפעקטן. א היפּשע ווײַלע פלעגט ער זיך פונעם פארזונקענעם אין כאשכעס בעסוילעם ניט לאָזן הערן — פארפאלן געוואָרן. נאָכדעם פלעגן זיך נעמען דערטראָגן א געוואָי אף פארשיידענע דינע און גראָבע קוילעס. פאר די ווײַבער איז געוועזן קלאָר, אז דאָס ארבעטן דאָרט מײַסים די „ניטגוטע", וואָס ווילן ניט ארײַנלאָזן קיין פרעמדן אין זייערע באנאכטיקע געוועלטיקונגען. ענדלעך פלעגן פון דער פינצטערניש נעמען ארויסטרעטן מעטושטעשע סילועטן פון דער אומצופרידן מעקענדיקער קו און פון מאיאָרטשיקס קליינעם פיגורל. אָט שלײַכן זיי לאנגזאם ארויס פון יענער־וועלט, דערנעענטערן זיך. געקומען. אפן פּאָנעם בא מאיאָרטשיקן — א מינע: „ווען איר ווייסט, ווי שווער אזא שטיקל ארבעט קומט אָן!" די באלעבאָסטעס פון די בעהיימעס האָבן געוווּסט און געצאָלט מאיאָרטשיקן „שרעקגעלט".

עמעס, איינמאָל האָט א שכיינע דאָבע קאָפּיליכע אָדער דאָבע די קרעמערן — א פרוי א הויכע, א געזונטע, מיט פלאקסענע ברעמען, וועלכע פלעגט שלאָגן דעם מאן, — געוואָלט אויסקומען אָן מייערזשעס הילף, האָט זי אָבער פארזאָגט א צענטן. און טאקע, ווי וואָלט איר זיך געפילט, ווען פון אהינטער א הויכן שווארצן צײלעם, צווישן א געדיכטער קופּעביימער זאָל אף אײַך א בליץ טאָן א בלאָנדזשענדיק רויט פײַערל, און עס זאָל זיך פלוצעם דערהערן א גראגערײַ פון א פורימדיקער קאלאקאָטקע. איז טאקע דאָבע דערלאָפן ביז צו א פרעמדער שטוב און גלײַך געפאלן אין כאלאָשעס. מע האָט זי קוים אָפּגעמינטערט. און מאיאָרטשיק איז ארומגעגאנגען — די הענט אין די הויזן־קעשענעס און געהיימניספול אונטערגעשמייכלט.

א צווייטער האכנאָסע־קוואל איז אין יענער צײַט בא מאיאָרטשיקן געוועזן די בלאָטע, טאקע אף אונדזער גאס. אייגנטלעך, ניט קיין בלאָטע, נאָר א גאנצע סאזשלקע מיט געדיכטער שימלדיק־גרינער וואסער. קעדיי ארויסגיין צו דער הויפּט־גאס אָדער צום מארק־פּלאץ פון די ארומיקע געסלעך, האָט מען געמוזט היפּש אָנלייגן וועג איבער פרעמדע גערטנער און הינטער־הויפן.

איז אָט איינמאָל האָט מאיאָרטשיק באשטימט קומען צוהילף זײַנע מיטבירגער. אפן ברעג פון דער בלאָטע האָט זיך בא א הײַזקע מיט פארקלאפּטע פענצטער א לענגערע צײַט גע־

וואַלגערט אין אַלטער טויער: מייערזשע האָט פון ערגעץ געבראַכט צו שלעפּן עטלעכע גראָבע ברעטער און אַ לאַנגן דראָנג. אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד האָט ער געהאַרעוועט און אויפגעמײַסטרע־וועט אַ פּליט. אַראָפּלאָזן אַזאַ מאַכינע אין וואַסער האָט בײַ אים, נאַטירלעך, ניט געקלעקט קיין קויעך, ס'איז דאָך אָבער געווען מייערזשע גאַנעוו, האָט ער ערגעץ אָף אַ הויף אָפּגעזוכט אַן אײַזערנעם האָקן, איין עק צוגעפעסטיקט צום פּליט, דעם צווייטן (אָן דעם וויסן פונעם באַלעבאָס) — צו אַ הינטערטייל פון אַ פּויערישן וואָגן, וואָס האָט זיך געקליבן איבער דער בלאָטע אַרויספאָרן צום מאַרק און זיך איבער עפּעס פאַרהאַלטן אָפן ברעג. דער פּליט איז אַזוי־אַרום אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין וואַסער, און מאַיאָרטשיק האָט זיך גענומען מיטן דראָנג אין האַנט אַרומטראָגן פון איין עק געמויזעכץ צום צווייטן, שרײַענדיק מיט קוילע־קוילעס:

— קאָמו פּערעוואָז!

די ערשטע טעג האָט מען פון אים געלאַכט, אָפּילע אַ צונעמעניש געגעבן „קאַפּיטאַן", אָבער ביסלעכווײַז האָבן זיך גענומען ווײַזן פּאַסאַזשירן. די ערשטע זײַנען געווען עטלעכע עלטערע ייִדן, וואָס זײַנען געגאַנגען דאַווענען אין דער אַלטער שול. פון זיי האָט ער גאָרנישט ניט געהאַט, אויסער כאָכמעס און גלײַכווערטלעך וועגן אים, און איינער פון זיי — אַ דיקלע־כער פאַרשוין מיט וואַטע אין די אויערן, אין אַ גאָל געוואָרענעם קאַפּעליוש און פאַרשמאָל־צענעם סורטוק — פלעגט אים יעדן מאָל אַ קלעם טאָן מיט זײַנע טרוקענע פינגער, ווי מיט צוואַנגלעך, דעם אויער און אַרויסריידן איינס און דאָס זעלבע:

— ניר־ניו! די! די! אַכבערוש! מאַכסט געלט, מאַכסטו! אַ רוך אין דאַן טאַטנס טאַטן אַראָן! דערפאַר אָבער אין די מאַרק־טעג האָבן די הענדלערנס מאַמעש באַלאַגערט דעם פּליט, און פון זיי טאַקע פלעגט שוין מאַיאָרטשיקן אַרײַנפאַלן אַן עפּל, אַ באַר, אַ ביסל פלוימען...

דער טאַטע זײַנער, דער פורמאַן בערעבאַניע, האָט געקוקט מיט בייזלעך פאַרכידעשטע אויגן, ווי מייערזשע גאַנעוו שטייט אָף דער „קילע", די הויזן פאַרקאַטשעט אַריבער די דאַרע קנעכלעך, און נאָך יעדן „רייס" לייגט ער עפּעס אַרײַן אין טאָרבעלע, וואָס הענגט אים אַראָפּ פון אַקסל.

— אַ שיבעניק! — פלעגט בערעבאַניע אַרויסבראָמען פון אונטער די געדיכטע פאַרייכערטע וואָנצן. — ניט פאַר מייסים, ניט פאַר שיידים האָט עס ניט מוירע.

און אין שטוב האָט ער געשריִען:

— לערנט זיך בײַ מייערזשע גאַנעוו, פאַרכאַפּטע זאָלט איר ווערן! ער וועט שוין בײַם טאַטן אָפן קאַרק ניט זיצן!

בערעבאַניע דער פורמאַן איז געווען אַ מעטופּל מיט קינדער, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין גרויס שטרענגקייט. ס'איז געווען, ער זאָל אָנשטעלן אָף עמעצן זײַן שווערן בליק און רוגזעדיק אַ זאָג טאָן: „ליפּע, צי פּײַטל, צי מאָוושע, איך קוק אָף דיר!" — ווי יענער זאָל זיך גלײַך אָפּטראָגן, ווײַל ער האָט שוין געוווּסט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן.

— בײַ מיר, — פלעגט בערעבאַניע, שטייענדיק אין הויף אין געוועגטענעם וועסטל און צעכראַסטעטן העמד, שמועסן מיט די שכיינים, — איז שוין אײַנגעפירט: ביז צען יאָר האָדעווע איך ווי אַ טאַטע, פּרעס קאַדאָכעס, וואָרג זיך! אָבער נאָך צען יאָר גיי, זײַ מויכל, אַריבער אָף אייגענעם כאַרטש, פאַרדין אַליין און, פאַרקערט, טראָג נאָך מיר אַרײַן אין שטוב אַ וואַסער־ניט־איז קאָפּעקע.

פאַרטאָג, די שיטער וואַרנדיקע פינצטערניש אין שטיבל איז נאָך פול מיט געשמאַקער כראָפּעניש, נאָר בערעבאַניע ציט שוין אַרוף די יוכטאָווע שטיוול, נעמט אַ שטעקן און הייבט אָן אַרומשפּאַנען צווישן די ענג צונויפגעשטעלטע געלעגערס:

— שטיי אויף, מאַמזער, שטיי אויף! מאַ דאָך, אַז דו ביסט בײַ מיר, שלאָפסטו אַזוי, הײַנט ווי וועסטו שוין שלאָפן, אַז דו וועסט זײַן בײַ זיך?!

זומער פלעגט זיך פון די אָפענע פענצטערלעך הערן זעלדעס גרילצנדיקע שטים:

— האָדי דיר שטשיפּען דאָס ברויט! שטשיפּען זאָל דיך דער מאַלעכהאַמאָוועס!..

אַזאַ איז געווען מאַיאָרטשיקס אָרעמע מישפּאָכע.

אין נײַנצנטן־צוואַנציקסטן יאָר האָט אונדזער שטעטל מיט די אַרומיקע דערפער: פּאַראַ־כאָן, סיטנאָיע, קראַסיטשקע, טשערנאַצקע און אַנדערע געשמעקט אַלס ברויט־ערטער, און אַהער פלעגן, ווי הייִשעריקן, אָנפליִען ספּעקוליאַנטן — „מעשאָטשניקעס", אָדער, ווי מע פלעגט זיי בײַ אונדז רופן, „קאַלוזשאַנעס". זיי פלעגן בײַטן אָף שניט־סכוירע צוקער, סאַלע און אָפּילע סאַמאָהאָן, וועלכן מע פלעגט פירן אין ספּעציִעלע בלעכענע קיילים אונטער די קליידער.

דער צוג פלעגט אָנקומען אין אָוונט, און איבער דער לאַנגער ברייטער וואָקזאַל־גאַס פלעגט אַ שטראָם טאָן אַ לאַווע מאַנצבלען און פרויען מיט זעק און קלומקעס. די שטיבעלעך

פון די בײַליגנדיקע גאַסן זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַכטלעגער-הײַזער. אױף די ראָגן פלעגט מען שטיין און שרײַען:

— קאַמו נאָטשעוואַט?

אײנעם כּאַר פון די שרײַערס האָט זיך אױך געלאָזט הערן מײערזשעס שטים. ער פלעגט אַרײַנטרײַבן צום טאַטן אין הײזקע אַ האַמױן „קאַלוזשאַנעס" און גלײַך נעלעם װערן. װוּהין? דאָס איז געװען אַ סאָד. צו דעם האָט זיך נאָר ער, מאַיאָרטשיק, געקאָנט דערטראַכטן. ער האָט געעפֿנט אַן אײגענע „אַכסאַניע", װעלכע האָט אים יעדער נאַכט אַרײַנגעבראַכט עטלעכע טױזנט רובל (דער כּעזשבן איז אין יענע יאָרן געגאַנגען אױף מיליאָנען און אַפֿילו אױף מי־ליאַרדן). פֿאַרגעקומען איז עס אַזױ:

הינטער דעם סטאַראָאַבריאַדישן בעסוילעם איז געשטאַנען אַן אײנזאַם מױערל מיט בױגנפֿאָרמיקע פֿענצטער, װאָס האָט אים צוגעגעבן אַ קלױסטערדיקן אױסזען. מיט יאָרן צוריק האָבן גאַזלאָנים אױסגעקױלעט זײַנע באַלעבאַטים — אַ רײַכע סאַכרישע מישפּאָכע. זינט דעמלט האָט מען דאָס הױז געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרשאָלטנס, און יאָרנלאַנג האָט עס געפּוסטעװעט מיט פֿאַרקלאַפּטע טיר און פֿענצטער. איז אָט, אין אָט־אָ דעם מױערל האָט מאַיאָרטשיק בישטיקע געעפֿנט אַן אײגן נאַכטלעגער-הױז, װוּהין ער פֿלעגט פֿירן זײַנע קונדן דורך זײַטיקע געסלעך און הינטערהױפֿן — װאָס װײַטער פֿון אַ פֿרעמד אױג.

באַנאַכט פֿלעגט מען באַ די „קאַלוזשאַנעס" צונױפֿנעמען די דאָקומענטן אױף רעגיסטרירן זײ. װי איצט, געדענק איך נאָך יענע בלױ־פּראַסטיקע לעװאָנעדיקע נעכט, אַ גאַנצע כאָפּטע „באַלאַכסאַניעס" שפּאַנט איבער די שטעטלשע געסלעך צו דער געבײַדע פֿון דער מיליציע. דער אײנגעפֿאָרענער שניי גלאַנצט און סקריפּעט שטײַף אונטער די לאַפּטיעס און װאַליקעס. מאַיאָרטשיק, אין אַן אַלט לײַבל פֿון עמעצן אַן עלטערן אין זײער מישפּאָכע, גײט אַ זונג מיט זײַן הילכיק קעלכל:

Бандиты в ус не дуют.
Их не пугают пытки.

און זײַנע דערװאַקסענע מיטגײער גיבן װױליונגעריש אַ כאַפּ אונטער:

И ловко фабрикуют
Керенские кредитки...

גאָר אינגיכן האָט זיך מאַיאָרטשיק אײַנגעשאַפֿן אַ העמדל פֿון גרינער סערפּינקע, אַ פּאָר לאַנגע הױזן פֿון גראָבער פּױערישער לײַװנט און אַ פּאָר פֿראַנטעװאַטע שטריקלגע לאַפּטיעס. די הױזן-קעשענעס זײַנען באַ אים געװאָרן פֿול מיט קערלעך און מיט „לאַנדרינקעס", מיט װעלכע ער האָט אונדז, די ניט-פֿאַרדינער, מעכאַבעד געװען פֿון דער ברײטער האַנט.

די דאָזיקע גרױסע אײַנקונפֿטן האָבן, עמעס, געדױערט ניט לאַנג. בערעבאַניע האָט װעגן זײ דערשמעקט, מעקײַעם־פּסאַק געװען מײערזשעס גאַנעװו פֿאַר אױסבאַהאַלטן פֿונעם טאַטן אַזעלכע פּאַרנאָסעס און אָרופֿגעלײגט אױף אים אַן אומדערהערטע קאָנטריבוציע.

גראָד אין יענער צײַט האָט זיך באַ מאַיאָרטשיקן געעפֿנט אַ גאָלדגרוב אין דער פּערזאָן פֿון אַן עמעסן, לעבעדיקן פּראָפֿעסאָר. פֿאַרגעקומען איז עס אַזױ:

אײנעם הונגעריקן צװאַנציקסטן יאָר איז צו אונדז אין שטעטל אַראָפּגעפֿאָרן אַ מאָסקװער פּראָפֿעסאָר מיט זײַן פֿרױ אַ ביסל קומען צו־זיך. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך באַ זײַן װײַבס װײַטע קרױװים — ביז דער רעװאָליוציע פֿאַרמעגלעכע װאַלד-הענדלער. זײער הױף פֿון בערעבאַניעס האָט אָפּגעטײלט אַ הױכער קאַפּיטאַלער פּאַרקן, װאָס האָט אין פֿאַרלױף פֿון אַ סאַך יאָרן גײַװעדיק אונטערגעשטראָכן דעם כילעק צװישן זײַן באַלעבאָס מיטן קאַפּצן בע־רעבאַניע. דערהערט — אַ פּראָפֿעסאָר, האָבן עטלעכע מער האָזעדיקע װײַבער פֿון אונדזער גאַס זיך געגעבן אַ לאָז צו אים מיט קראַנקע קינדער, מיט זקײנעס.

— מיטליב אײַך, מױשע־כּאַטשע, אײַער גאַסט!

און דער געװעזענער װאַלד־הענדלער איז שיִער אַראָפּ פֿון קאָל, אײַנטײַנענדיק מיט זײ, אַז דער גאַסט הײלט ניט:

— אַז ער הײלט ניט, זאָגט מען אײַך!

— װאָס הײסט, ער הײלט ניט, װאָס בעבעסטו? ער איז דאָך אַ פּריפֿעסער?!

— ער איז אַ פּראָפֿעסאָר, נאָר ניט קײן דאָקטער!

— װײַבעלעך, — האָט זיך עמעצער געכאַכמעט, — ס'איז ניט קײן פּראָפֿעסאָר, נאָר אַן עסער! איך האָב אים נעכטן באַטאָג געזען אױפֿן מאַרק קױפֿן הינדעלעך!

אין שטעטל האָבן זיך געפֿונען אַ סאַך באַלאָנים — באַזונדערס צװישן די ײִנגלעך — אַ

קוק צו טאָן אַף אַ „לעבעדיקן", עמעסן פּראָפעסאָר. ווי אַפּצולאַכעס אָבער, האָט זיך דער פּראָפעסאָר די ערשטע צײַט קימאַט ווי ניט געוויזן אין גאַס. מאַיאַרטשיק האָט גלײַך אָפּגעשאַצט די קאָניונקטור. קוידעמקאָל האָט ער אָפּגעריסן אַ ברעט פון דעם קאַפּיטאַלן פּלויט (וואָס האָט שוין געהאַט אַ יאָרדישן אויסזען) און פעסטגעשטעלט, אין וואָסערע שאָען פון טאָג גייט דער פּראָפעסאָר אַרויס אין הויף אָן עטעם טאָן מיט פרישער לופט. נאָכדעם האָט ער געמאָלדן, אַז ווער סע וויל אַ קוק טאָן אַף אַ לעבעדיקן עמעסן פּראָפעסאָר, קאָן עס טאָן בא אים, בא מאַיאַרטשיקן, אין הויף דורך אַ לאָך אינעם פּלויט (די לאָך איז אַ גרויסע), קאָסטן וועט עס: אָן אָקרייעץ ברויט אָדער אַ רעטשענער בלין, אַ הויפן סאָנישניק, עטלעכע אוגערקעס — ס'מאַכט ניט אויס — פרישע אָדער געזײַערטע, אין לעצטן פאַל — עטלעכע קאַרטאָפל.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פאַר אונדז — סענקען, וואָלאָדקען און מיר — איז דער אַרײַנגאַנג געווען פרײַ — קוק וויפל דו ווילסט!

און מיר האָבן געזען:

אַ מיטלוווּקסיקער באַיאַרטער פּאַרשוין מיט אַ גרוילעך שפּיציק בערדל, אין גאָלדענע ברילן, אין אַ טאַבאַק־קאָלירענעם קורצן סורטוקל שפּאַצירט אום לאַנגזאַם, פאַרטראַכט איבערן ריין אויסגעקערטן הויף צווישן די בלומען־גאַזאָנען. אַט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און עפּעס געזאָגט דעם קאָרעוו, וועלכער קוקט אים אַרײַן אין מויל. אַט האָט דער פּראָפעסאָר פאַרזשמורעט די אויגן און זיך צעלאַכט, אַט זײַנען זיי ביידע אַרײַנגעגאַנגען אין זומער־בײַדל און זיך געזעצט טרינקען טיי, דער פּראָפעסאָר בײַסט אָפּ מיט אַ זײַט מויל אַ שטיקל האַרטן צוקער, עלעהיי אַ פּאַשעטער כײַוועקײַעם.

כ'געדענק: מיר זײַנען געבליבן אַנטוישט:

— אַט דאָס גאָר? אַט דאָס איז אַ פּראָפעסאָר?

— וואָס דען האָסטו געמיינט, — האָט מאַיאַרטשיק, ניט געײַלט אַרײַנלייגנדיק דעם פּידיען אין אַ זעקעלע, געזאָגט, — אַ פּראָפעסאָר איז מיט הערנער? מיט אַן עק?

אײַנגיכן האָט דאָס לעבן אונדז צעוואָרפן אין פאַרשיידענע זײַטן. סענקע איז צופּוס אַוועק אין דעם שכיינישן כוטאָר מיכײַלאָווקע זוכן אַרבעט אַף דעם אָפּגעשטעלטן צוקער־זאַוואָד, וואָלאָדקע אוורושטשענקאָס מישפּאָכע איז אַריבערגעפאָרן קיין פּאָלטאַווע. מאַיאַרטשיק האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין בריאַנסק צו אַ פעטער, און די געשעפטן זײַנען בא אים דאָרט אַוועק גוט. ער איז דאָרט געוואָרן אַ קוריער אין אַן אַנשטאַלט און האָט צוגעשיקט אַ פאָטאָגראַפיע, ווו ער איז אַראָפּגענומען אין גאַליפע פון כאַקי, אין סאָלדאַטישע שיך מיט וויקלשנורן און מיט אַ ווילינגערישן טשובטשיקל פון אונטער דער בודיאָנאָווקע. איך האָב אויך אײַנגיכן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, און מער האָב איך וועגן מאַיאַרטשיקן ניט געהערט און אַף לאַנגע יאָרן פאַרגעסן אַפילע, אַז אַזעלכער איז געווען.

און אַט...

סאָף פון פּאַריקן יאָר איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין דער שכיינישער שטאָט אַף אַ סעמינאַר פון פּראָפּאַגאַנדיסטן. בײַם איינעם אָן איבערײַס בין איך אַרויס אין פּאַיע מיט אַ באַקאַנטן דאָקטער, וואָס האָט אַמאָל געווינט אין אונדזער שטאָט. ער האָט זיך מיט עמעצן מיט אַפּשײַ באַגריסט. איך האָב זיך אַ קער געטאָן און דערזען אַ מאָגערלעכן עלטערן מיטלווּקסיקן מענטשן, מיט אַ גרוילעך אונטערגעשוירענער באָרד, וואָס האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ צעפּעכערטן פיש־עק, אין גראָבגלעזלדיקע ניט באַרעמלטע ברילן.

— פּראָפעסאָר מאַרק באָריסאָוויטש כמעלניצקי, — האָט מײַן געוועזענער בען־איר אַרײַנגערימט, — קומט, כ'וועל אײַך באַקענען.

כ'מוז זיך מוידע זײַן, אַז איך בין גאָר אַ קנאַפּער ליבהאָבער פון אַזעלכע צעפּעליקע באַקאַנטשאַפטן, נאָר דער דאָקטער האָט מיך שוין פאָרגעשטעלט, און ס'איז אויסגעקומען זיך טוישן מיט עטלעכע אומבאַדײַטנדיקע פראַזעס. ביסלעכווײַז אָבער האָבן מיר זיך צערעדט, מײַן נײַער באַקאַנטער האָט זיך פאַראינטערעסירט, פון וואָסערע מעקוימעס בין איך.

— פאַראַן, — האָב איך געזאָגט, — אַ שטעטעלע אַף דער גרענעץ פון רספסר און אוססר — סערעדינע בודע.

— סערעדינע בודע? — ער האָט מיך באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. — איך בין אויך פון דאָרטן. ווער זשע זײַט איר אַזעלכער, לאַנדסמאַן?

— און איר, לאַנדסמאַן, ווער זײַט?

גאָר אײַנגיכן האָבן מיר זיך דערוווּסט, ווער מיר זײַנען. דאָס איז געווען ער, מאַיאַרטשיק, מײַערזשע ברעבאַניעס!

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט — כ'האָב זיך פאַרהאַלטן אין דער קאַנטישער שטאָט און האָב דאָס נײַע יאָר באַגעגנט בא מאַרק באָריסאָוויטשן אין זײַן געראַמער דירע. ס'איז געווען פריי־

לעד, א היפש ביסל געסט, דערקער — יוגנט. מארק באַריסאָוויטשעס טאָכטער גאַליע — א קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן — האָט פּײַערלעך געמאָלדן די געסט, אַז צווישן זיי געפינט זיך דעם פּאַטערס גאַר־גאָר אַן אַלטער פרײַנט, נאָך פון דער סאַמע קינדהײַט, א מענטש, וואָס קאָן דערציילן וועגן דעם פּאַטער אַזעלכעס, וואָס קיינער קאָן ניט.

איך מיט מארק באַריסאָוויטשן זײַנען געזעסן אַפן דיוואַן און געשמועסט. די געסט האָבן אונדז אַרומגערינגלט:

— דערציילט, דערציילט!

— וואָס, אייגנטלעך, דערציילן? — האָב איך זיך צעלאַכט. — וואָס ווייס איך וועגן דיר, מאַרק?

מארק באַריסאָוויטש האָט צעפּירט מיט די הענט:

— לאָמיר אַזוי וויסן בייז. מיר זײַנען צוזאַמען געוואַקסן סאַכאַקל ביז א יאָר צוועלף.

— אַט טאַקע וועגן דײַנע ערשטע צוועלף יאָר ווייסט די מענטשהײַט גאָרניט, — האָט גאַליע אויסגערופן.

גאַליע איז עטוואָס העכער פון מיטעלן וווּקס, זי איז געווען אין א לאַנגן זילבערפאַרביקן אַוונט־קלייד, אויגן האָט זי טונקל־קאַרע, קלוגע, ווי באַם פּאַטער, די ווי:עס לאַנגע, אַנגע־פאַרבטע.

— אַלזאָ, — האָב איך אָנגעהויבן, — דער קאָמענדיקער פאַלקאָווניק פון מעדיצינישער אמט, דער פּראָפעסאָר האָט דעמלט געהייסן מאַיאָרטשיק...

— מייערזשע גאַנעוו, — האָט מאַרק באַריסאָוויטש אונטערגעזאָגט, — כאָטש גאָט איז אַן איידעס — קיין גאַנעוו בין איך ניט געווען.

די געסט האָבן זיך צעלאַכט.

— דאָס איז אַן עמעס, — האָב איך באַשטעטיקט, — אַלעמאָל פאַרדינט ערלעך דאָס שטיקל ברויט, אַרויסווײַזנדיק דערבײַ מאַקסימום איניציאַטיוו און שפּרודלדיקע ענערגיע.

און איך האָב דערציילט די געסט די געשיכטעס וועגן דעם סטאַראָאָבריאַדישן בעסוילעם מיט די בעהיימעס, וועגן דער גרויסער בלאָטע אַף אונדזער גאַס, וועגן דער „אַכסאַניע" פאַר די „קאַלוזשאַנעס" אין דעם הויז פון דער אויסגעהאַרגעטער סאָכרישער מישפּאָכע, וועגן נאָך א רייַ מאַיאָרטשיקס געשעפטן, און צום סאָף — וועגן דעם אַטראַקציאָן מיטן פּראָפעסאָר, וועלכן ער האָט אין מעשעך פון עטלעכע טעג דעמאָנסטרירט דורך א לאָך אין פאַרקאַן און איז דערבײַ שיר ניט ניסאַשער געוואָרן...

מארק באַריסאָוויטש איז געזעסן און געשמייכלט:

— אַט יענער פּראָפעסאָר, — האָט ער געזאָגט, — יולי מאַטווייעוויטש בערקענהיים, איז געווען א גאַנץ אָנגעזעענער געלערנטער. מיט א יאָר פופצן שפּעטער האָב איך געהערט זײַנע לעקציעס אין דער מיליטעריש־מעדיצינישער אַקאַדעמיע.

קינדער

מ ארוויכערס! מאַזיקים! — בורטשעט איסידאָר מאַרקאָוויטש ליאַק. „מאַזיקים" הייסן בא אים די ייִנגעלעך און די מיידעלעך פון אונדזער הויף, מיט וועלכע ער האָט קעסיידער־דיקע סיכסוכים. מיר זיצן בא אים אַף דער וועראַנדע, און די טעמע פונעם שמועס איז אַלץ איינע און די זעלבע: אַזעלכע קינדער, ווי בא אונדז אין הויף, זאָל מען ניט הערן און ניט זען! ווו אַפּשר, ווען אַפּשײַ פאַר אַן עלטערן! ניטאָ פון זיי קיין רו!

אונדזער הויף איז, ניט געקוקט אַף דער היפשער צאָל שטאַלן און אינדיווידועלע גאַ־ראַזשן, א געננג גערעמער, די קינדער אָבער האָבן אויסגעקליבן פאַר זייערע שפּילערײַען אַן ערטל דאַפקע בא ליאַקן אונטער די פענצטער. אַט אויך איצט טראָגט זיך אום עפּעס א כעווערמאַן אַף א דרײַרעדלדיקן וועליק און שרײַט מיט קוילע־קוילעס: „בי־בי־בי!". ליאַק גיט א קער צו מיר א פאַרקרימט לײַדנדיק פּאָנעם:

— האָט איר שוין געזען אַזאַ באַנדיט?

— נו, אַ באַנדיט? — פּרוּווו איך אים דערווידערן. — און, עפּשער, אַ קאָמענדיקער גרויסער פּאָעט אָדער, לאָמיר זאָגן, אַ מעלוכע־טוער, און מיר מיט אײַך וועלן נאָך מיט דער צײַט זיך באַרימען, אַז מיר האָבן געוווינט מיט אים אין איין הויז!

ליאַק וואַרפט אַף מיר אַן איראָנישן בליק:

— אַ „פּאָע־ע־עט"... הערסט, מוסיע? — דאָס ווענדט ער זיך צום ווײַב, זי זאָל אויך לאַכן. — אַ פּאָעט, זאָגט ער. אַזאַ פּאָעט, ווי זײַן טאַטקע... אַגעוו, אײַערע „פּאָעטן" האָבן בײַ מיר סאַכאַקל ערשט נעכטן אויסגעהאַקט אַ שויב מיט זייער פוטבאָל.

דאָס וואָרט „אײַערע" רעדט ער אַרויס מיט אַ באַזונדערער אונטערגעשטראָכענער פאַרביסנקײַט. ער ווייסט, אַז די כעווורעלײַט פון אונדזער הויף זײַנען מיט מיר באַפרײַנדעט און האַלטן מיך, אַף וויפל ס'איז מעגלעך, אין קורס פון זייערע ייִנגלשע איניאָנים, צו וועלכע די דערוואַקסענע האָבן ניט קיין צוטריט און אָפּטער פאַר אַלץ — קיין אינטערעס.

מער פון אַלעמען איז איסידאָר מאַרקאָוויטשן אַנטיפּאַטיש מאָוקע ווײַנשטיין, וועלכן ער האָט געגעבן אַ צונעמעניש „דער פירער פון די רויטהויטיקע". ער האַלט אים פאַרן הויפּט־איניציאַטאָר פון אַלע שטיפערײַען בײַ אונדז אין הויף. פאַר גרויסע אויסוווּרפן האַלט ער אויך מאָוקעס כאַווייִרים — מישקע וואָלאָוויק, דאָדיק פּעווזנער, די ברידערלעך קולבאַטיק. אינדערעמעסן זײַנען דאָס, איר מעגט מיר גלייבן, אויסגעצייכנטע יאַטן. אָט, אַשטייגער, טאַקע דער זעלבער מאָוקע — אַן עלפיאָריקער רויטבאַקיקער, פעסטער כעוורעמאַן. דאָס איז אַ העראָישע נאַטור. אַנומלטן, ווען זיאַמע קולבאַטיק האָט מיט דער פּילקע אויסגעהאַקט בײַ ליאַקן אַ שויב, האָט מאָוקע גענומען די שולד אַף זיך, ווײַל ער ווייסט, וואָס פאַר אַן עקזעקוציע קען יענעם וואַרטן אין דער היים.

און אָט מישקע וואָלאָוויק — אַ הויך ייִנגל מיט אַ קלוג פּאָנעם און אַ שוואַרץ קוטשעראַווע קעפּל, ער האָט אין זיך ניט אַזויפל מוט נעמען אַף זיך אַ פרעמדע שולד, ער האָט אָבער אַ גוט האַרץ און איז שטענדיק גרייט קומען צוהילף אַ כאַווער אין אַן אייס־צאָרע. דאָס האָט ער אַף זײַנע אייגענע אָפּשפּאָרונגען געגרינדעט אַן „אוואַריע־פאָנד", ווו ס'איז שטענדיק פאַראַן אין רעזערוו עטלעכע גלאָז־בויגנס אַף אַרײַנצושטעלן אַן אויסגעזעצטע שויב.

אָדער דאָדיק פּעווזנער — דער טשעמפּיאָן פון אונדזער הויף לויט שאָך, אַ גוט אָפּגעפּאַשעט באָכערל מיט אַ דין בלאַס־מאַטן פּאָנעם און גרויסע מאַנדל־אויגן פון איילבערט־קאָליר, אין וועלכע ס'שפּירט זיך שטענדיק אַן אײַנגעשפּאַרטע אַרבעט פון געדאַנק. אין זײַנע לאַנגע הויזן און רעקל מיט אַ שפּאַלט פון הינטן, ווי בײַ אַ דערוואַקסענעם, זעט ער אויס עטוואָס צו פולבלעך פאַר זײַנע עלף־צוועלף יאָר. ער איז אַ פאַרברענטער פילאַטעליסט און נומיזמאַט, אַן אייגנטימער פון אַ זעלטענער קאָלעקציע פון אַלטערטימלעכע מאַטבייעס. נו, און אַזוי ווײַטער.

צו דעם אַלץ זײַנען נאָך קימאַט אַלע ייִנגלעך פון אונדזער הויף זעלטענע באַלמעלאָכעס — גאָלדענע הענט. האָבן אַן אייגענעם ווערקשטאַט אין אַ שטאַל, פונוואַנען ס'דערטראָגן זיך אַ קלאַפערײַ פון האַמערס, אַ קוויטשערײַ פון אַ זעג: מע פאַריכט דורכגעלעכערטע עמערס, צעבראָכענע טאַבורעטקעס און אַנדערע היימישע כפייצים, וועלכע די שכיינים וואַרפן אַרויס. אויב איר דאַרפט עפּעס פאַריכטן — ביטע, ברענגט, ס'וועט זײַן געמאַכט אַפן בעסטן אויפן.

דאָס אַלץ אָבער — אין די קורצע פעריאָדן פון פרידנס־צײַט אָדער וואָפנשטילשטאַנד. ברעכט נאָר אויס אַ מילכאָמע, ווערן אַלע סאָלדאַטן. בײַ ליאַקן אונטער די פענצטער קומען פאָר פאַרביסנסטע שלאַכטן, ס'גראַגערט אַן אווטאָמאַטן־שיסערײַ, עס הילכט דאָס זיגרײַכע שאַלן פון די אָנגרײַפער און די וויי־געשרייען פון די געשלאָגענע פאַשיסטן.

פאַראַן בײַ אונדז אין הויף אויך אַן אייגענע מאָלערן מאַרינע מאַרגוליס. איר איז צען יאָר. די נאַטור האָט זי שוין איינמאָל באַשאָנקען פון דער פולער האַנט — מיט וווּנדערלעכע גאָלדיק־זײַדענע האָר, מיט הימל־בלויע קלאָרע אויגן, פון וועלכע ס'שײַנט אַרויס כאָכמע, טמימעס און גײַסטרײַכקײַט, און דעריקער — מיט אַ גרויס האַרץ, וואָס איז פול מיט ליבע און מיטלײַד צו אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט.

מאַרינעס געמעלן און לינאָגראַוויורן זײַנען שוין ניט איין מאָל עקספּאָנירט געוואָרן אַף די אויסשטעלונגען פון קינדער־שאַפונגען אין מאָסקווע און אין אויסלאַנד. פון מאָסקווע האָט מען איר דאָ ניט לאַנג צוגעשיקט אַ שיינעם פאַרביקן דיפּלאָם פון דער ערשטער מאַדרייגע — „איך זע די וועלט" און אַ שיינעם זשעטאָן — „מײַן פאָטערלאַנד". איך האָב נאָכגעקוקט, ווי אַזוי מאַרינע האָט באַטראַכט דעם דיפּלאָם מיט נײַגער, אָבער ווי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט, לויט איר מיינונג, אַ גאַנץ ווײַטע שײַכעס צו אירע געמעלן. דער רום־גײַץ האָט נאָך

ניט באַוויזן אַנצורירן איר נעשאַמע, און דערוויַיל האָט מיטן דיפּלאָם און מיט די גראַמאַטעס שטאָלצירט נאָר איר מאַמע.

מאַרינע איז אויך מײַנס אַ גוטפֿרײַנטל, האַלט מיך פֿאַר אַן אייגענעם מענטשן און ווײַזט מיר פֿון צײַט צו צײַט (ווען איך בעט) אירע נײַע שאַפֿונגען.

באַפֿרײַנדעט האָבן מיר זיך מיט מאַרינען דעמאָלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ „הונט". יאָ, אַ קליין שיין הינטעלע. די מאַמע אירע, דער זיידע און אַלע אַרום האָבן געמיינט, אַז מאַרינע איז אַ פּיריאָריק מיידעלע מיט בלאָנדע צעפּעלעך, וואָס איז אָפּטמאָל קאַפּריז, וויל ניט עסן און גיין שלאָפֿן צו דער צײַט. מאַרינע האָט אָבער געוווּסט, אַז זי איז אַ „הונט". און בלויז איך בין געווען דער איינציקער צווישן די דערוואַקסענע, וועלכע האָבן דאָס באַשטעטיקט: יאָ, אַזוי איז עס טאַקע, — האָב איך אַלעמען געזאָגט, — מאַרינע איז אַ הונט!..

מאַרינע האָט גענומען אַרײַנקומען צו מיר, און איך פֿלעג איר מוזן מאַכן פֿון צײַטונגס־פּאַפּיר הינטישע לאַפּעס און אַן עק. אָנגעטאָן אויף די הענט די לאַפּעס, פֿלעגט זי פּאָדערן, מע זאָל זי פֿאַרן האַלדז צובינדן צו אַ פּיסל פֿון טיש (אַ הונט דאַרף מען האַלטן אויף אַ קייט!). שטייענדיק אויף אַלע פֿיר אונטערן טיש, פֿלעגט מאַרינע נעמען האַווקען און הירטשען, אָנ־וואָרפֿנדיק אויף אַלעמען אַן איימע. און וואָס גרעסער די שרעק איז געווען, אַלץ גליקלעכער איז געווען דער „הונט" — מאַרינע.

גאָר אײַנגיכן האָט זי מיט גרויס פֿלײַס געגומען מאָלן הינט און קעץ. זינט דעמאָלט איז מאָלערײַ באַ איר געוואָרן אַ באַדערפֿעניש, אַ לײַדנשאַפֿט. אויך איצט קאָן מען זען אין סאַמע ברען פֿון דער שפּיל, ווען מע גאַלאָפּירט איבערן הויף, ווי יונגע לאַשעקעס, פֿאַרגעסנדיק אין אַלץ אויף דער וועלט, גייט מאַרינע אויף אומבאַמערקט אין אַ זײַט, זוכט אויף אַן ערטל אויפֿן אַספֿאַלט באַ דער וואַנט פֿונעם הויז, וווּ די גייענדיש איז אַ ביסל ווייניקער, און נעמט זיך מיט אַ קאָלירקע קרײַדל, וועלכן זי טראָגט געוויינלעך אין קעשענע, אָדער מיט אַ פֿאַרשפּיצט שטיקל ציגל אָנוואַרפֿן קאָנטורן פֿון אַ פֿיגור, מערסטנטייל איז עס אַ קאַץ אָדער אַ הונט (די לעצטע צײַט — אויך מענטשן, ביימער). איין געמעל. אַ צווייטער. אָפּטמאָל איז עס בלויז אַ טייל פֿון אַ פֿיגור אָדער אַפֿילו בלויז עטלעכע ליניעס, וואָס נאָר פֿאַר מאַרינען איז קלאָר זייער באַדײַטונג.

אָנגעמאָלט, אָפּגעטראָטן אויף אַ זײַט. נאָך אַ ליניע.

— מאַרי־י־ינע! — שרײַט מען פֿון אַלע זײַטן.

— מאַרינע!

מאַרינע איז איצט ערגעץ אין אַנדערע וועלטן. נאָר דערהערט די געשרייען, קערט זי זיך אום פֿון דאָרטן אויף אונדזער ערד און, גלײַך ווי גאָרניט וואָלט ניט געווען, שליסט זי זיך ווידער אײַן אין דער שפּיל.

קיין גרויס שאָלעם־באַיס הערשט ניט צווישן די ייִנגלעך און מיידלעך פֿון אונדזער הויף. ס'טרעפֿט, עמעס, מע באַלאַקירט זיך צײַטוויַיליק אויף דורכצופֿירן אַ געמיינזאַם מאָסמיטל, אַשטייגער, קלײַבן אויטיל, אָדער עפּעס טאָן אין דעם פּיאָנערישן פֿאַרפּאָסט, נאָר דאָס טראָגט אַן אָפּיצי׳עלן כאַראַקטער. ביכלאַל אָבער שפּילט מען באַזונדער.

מאַרינע איז געוויינלעך די רינג, וואָס פֿאַרבינדט אַלעמען: זי איז אַ פֿירנדיקע פּערזאָן באַ די מיידלעך און איז כאַשעוו אויך באַ די ייִנגלעך — אַ גלײַכע צווישן גלײַכע. וואָס דאַרף איר מער — מיט מאַרינען האַלט זיך אַן אייצע איבער וויכטיקע פֿראַגן אַליין דער פֿירער פֿון די „רויטהויטיקע" — מאַווקע. מילכאָמע־צײַט קאָן מען זען, ווי מאַרינע טראָגט זיך אין פּלאַ־קער פֿון שלאַכט אין אַן אופֿגעבראַוזטער העלדישער פּאָזע, דאָס היטעלע אַראָפּגעשלאָגן אויף אַ זײַט, דאָס פּענעמל צעפֿלאַמט, די גאָלדענע האָר צעפֿלויגן אויפֿן ווינט, אין די הענט אַ רויט פֿענדל...

באַליידיקט עמעצער אין הויף אַ שוואַכערן — אַשטייגער, מילקען, אַ מיידעלע, וועלכע די כוועוועלײַט רופֿן „מילקע־דעבילקע", דערפֿאַר וואָס מע האָט זי אַריבערגעפֿירט פֿון זייער שול אין אַ שול פֿאַר אָפּגעשטאַנענע, נעמט זיך מאַרינע גלײַך אָן איר קריוודע און טרעט אַפֿילע אַרײַן אין אַ געשלעג, אויב מע דאַרף. פֿאַר מאַרינען האָט מען אָפּשײַ, דאָס איז די קראַפֿט פֿון אַ שעפֿערישער פּערזענלעכקײַט!

שוין עטלעכע יאָר באַזוכט מאַרינע די קינדערישע מאָלערײַ־סטודיע באַם פּיאָנערן־הויז. איצט איז זי באַזונדערס פֿאַרכאַפּט מיט לינאָגראַוויור, און אַז מאַרינע איז מיט עפּעס פֿאַר־כאַפּט, זעט מען זי ניט גאַנצע טעג אין הויף.

כעוורע שרײַט באַ איר אונטער די פֿענצטער:

— מאַרינע, קום אַרויס!

— מאַרינע, אָט איז אַ נײַ הינטעלע!

מאַרינע רוקט אַרויס איר בלאָנד קעפּל אין פענצטער פון דעם דריטן שטאָק, קוקט זיך אַרום פאַרכאַלעמט און זאָגט צו באַלד אַרויס. זי פאַרגעסט אָבער גלײַך וועגן דעם, אַז זי איז פאַרנומען. איר טיש איז אַרומגעלייגט מיט ברוינע שטיקער לינאָלעום, וועלכער דערמאָנט גוט אויסגעבאַקענעם קאָרענעם לעקעך. אויף זיי שנײַדט זי אויס אירע קאָמפּאָזיציעס.

מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט אונדזער געגנטלעכע צײַטונג אָפּגעדרוקט אין דעם קינדער־זײַטל מאַרינעס אַ לינאָגראַווויור: „דער קאָטער מורליקע איז אַרויס אויף פאַנג". מורליקע שטייט מיט אַן עלאַסטיש אויסגעבויגענעם רוקן, גרייט אויף אַ בליצשפּרונג, דער עק אויפגעהויבן, די וואָנצן שפּיציק אויפגעשטעלט, מורליקע גאַנוועט זיך אונטער צום קאָרבן. די אויגן זײַנע שמייכלען מיט אַ פריילעך גוטמוטיק שמייכעלע, מע זעט, אַז דאָס איז אַ לײַטישער, אַן אָנשטענדיקער קאָטער. ער איז אויסן בלויז זיך אַ שפּיל טאָן, אַ שטיף טאָן, ניט עפּעס וואָס אַנדערש, כאָלילע...

די רעפּראָדוקציע איז באַגלייט געווען מיט מאַרינעס אַן אַרויסזאָגונג, ווו צווישן אַנדערס האָט זי דערקלערט: „איך ווייס ניט, וואָס כ'וועל זײַן, אַז כ'וועל ווערן אַ גרויסע, נאָר מאָלן וועל איך קיינמאָל ניט אויפהערן".

אָבער דאָס איז געווען געמאָלדן, אַזוי צו זאָגן, פאַר דער פּרעסע, פאַר דער עפנטלעכקייט. איך מיט מאַרינען ווייסן גענוי, אַז גיכער אײדער אַלץ וועט זי אַרבעטן אין צירק און זיך פאַרנעמען מיט דרעסירן כײַעס...

אַגעוו, עפּעס ווערט שוין געטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט. טאַקע אַדאַנק מאַרינען איז אונדזער הויף שטענדיק פול מיט פריבלודנע הינט און היימלאָזע קעץ. די הונגעריקע הינט בילן אַן אַן אויפהער (באַ ליאַקן אונטערן פענצטער), די קעץ רײַסן אויף די נעכט מיט זייער יאָמערײַ. פאַר אָט אָ־די היימלאָזע כײַעס האָט מאַרינע אײַנגעאָרדנט אין שטאַל אַ מין אינטערנאַט, „אַ צוזאַמענוווינונג", ווו אַ הונט אָדער אַ קאַץ קאָנען איבערזײַן אַ פראָסטיקע ווינטער־נאַכט און טאַקע אויך עפּעס איבערכאַפּן. און דעריבער, ווען מאַרינע באַווײַזט זיך אין הויף, גיבן זיך צו איר אַ לאָז פון אַלע זײַטן הינט און קעץ. מע שפּרינגט אַרויף אויף אירע אַקסלען, מע נעמט זי אַרום, מע קריכט זיך קושן, אָפּשטויסנדיק אייפערזיכטיק איינער דעם צווייטן, מע שטייט פאַר איר אויף די הינטערשטע פיס, און מאַרינע האָט פאַר יעדן פון זיי אַ גוט וואָרט און ווייסט יעדנס פּלאָגן און ווייטעקן.

געפּרוווט האָט מאַרינע אייניקע קעץ נעמען אין דער לער — דרעסירן, האָט זיך דערפון גאָרנישט ניט באַקומען. טעמפּ און פויל. מיט די הינט איז עס צוגעגאַנגען בעסער. נאָר הינט זײַנען אויך פאַרשיידענע. אַשטייגער, טוזיק. אַ פריילעך הינטל, מיט אַ קויטיקלעך־ווײַסער פעל און מיט אַ זעלטן קלוג שנויצל, האָט זיך גלײַך אַרויסגעוויזן — אַ טאַלאַנט. אַן עמעסער אַרטיסט. שוין פון די ערשטע לימודים האָט ער זייער גראַציעז גענומען שטיין אויף די הינטערשטע פיס מיט אויסגעשטרעקטע כניפעדיק אַראָפּגעבויגענע פאָדערשטע לאַפּעס, געקוקט אויף מאַרינען מיט ווײַנענדיקע פון איבערגעגעבנקײַט אייגעלעך, געכאַפּט אַ כייפעץ אין די ציינדלעך און בליצשנעל אַוועקגעטראָגן אַהין, וווהין מאַרינע האָט מיט אַ מאַיעסטעטישער האַנט־באַוועגונג פון אַ צירק־דרעסירערן אָנגעוויזן, געשפּרונגען דורך אַ רייף אַזוי, אַז אַלע אַרום האָבן פּאַשעט געגאַפט. לויט מאַרינעס עסקיזן האָבן די מיידעלעך פון הויף פאַרן הינטל אויפגענייט פון פילפאַרביקע שמאַטקעס אַ פּאָר פלוידערלעך מיט אַ קורטקעלע, און מאַרינע האָט אויף זיך גענומען אויסלערנען דאָס הינטל טאַנצן „באַריניאַ".

לויט מאַרינעס בײַשפּיל האָבן זיך די כעווראַלײַט פון אונדזער הויף מיט ברען אַ נעם געטאָן פאַר דרעסירן כײַעס. מאַווקע האָט געקראָגן אַ פריבלודנע הינטל, און קעדיי פאַרשנעלערן דעם לערן־פּראָצעס און באַקומען גלײַך מאַמאָשעסדיקע רעזולטאַטן (אַריבעריאָגן מאַרינען), האָט ער מיט זײַנע פרײַנט אָרגאַניזירט אַ מין אַרטעל פון דרעסירער. אָנגעהויבן האָט מען גלײַך פון „הויכבילדונג" — פון שפּרינגען דורך אַ רייף, וועלכן מע האַלט אינדערלופטן אויף מישקע'ס, פון שפּרײַזן איבער אַן אָנגעצויגענער שטריק פאַר וועש אונטער אַ פּויקן־געדונער, וואָס האָט דערשיטערט דעם גאַנצן הויף, און נאָך אַזעלכע נומערן, וואָס האָבן געפאָדערט גרויס מײַסטערשאַפט.

צי דאָס הינטל איז געווען אַ שלימאַזל, אָדער די לערן־מעטאָדע האָט ניט געטויגט — דאָס הינטל האָט טאַמעוואַטע געדרייט מיטן עק, אָנגעשפּיצט און אַראָפּגעלאָזט די אויערן, ווי איינער זאָגט: „אַסער, אויב איך ווייס, וואָס די דאָזיקע לײַט ווילן פון מיר!"

מיט די פאָקוסן האָט זיך בעפּייַרעש ניט באַקומען. האָט מען דעריבער גלײַך באַשטימט לערנען דאָס הינטל טענץ. באַ מאַרינקען טאַנצט שוין טוזיק „באַריניאַ".

מאַווקע האָט געבראַכט זײַן בלאָז־האַרמאָניק, וואָס האָט מיט אירע גלאַנצנדיקע שוואַרצע און ווײַסע קלאַווישן געהאַט אַן אויסזען פון אַ סאָלידן מוזיקאַלן אינסטרומענט. מישקע וואָ־

לאַוויק האָט אָנגעטאָן אַפּן לאַנגן דינעם האַלדז דעם פּיאַנערישן פּויק, ס'האָט אַ הילך געטאָן מוזיק. די ברידערלעך קולבאַטיק — זשענקע און זיומע — זומערשפּרענקלענדיקע יאַטלעך מיט געלע באַרשט־האַרטע טשופּרינעס, האָבן אוועקגעשטעלט דאָס הינטל אַף די הינטערשטע פּיסלעך און גענומען אים האַצקען. דערבײַ האָבן זיך אַלע מיטגלידער פון דער דרעסירער־אַרטעל אוועקגעלאָזט אַ טאַנץ, קעדײַ אָנשוילעך ווײַזן דעם שלימאַזלדיקן אַרטיסט, וואָס ער האָט צו טאָן. דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן. און די ברידערלעך קולבאַטיק האָבן אים גענעריקט מאַקעס רעצעך.

דערהערט די צערײַצטע קוילעס פון די דרעסירער און די קוויטשערײַ פונעם הינטל, איז מאַרינקע פון אַ ווײַטן עק הויף געקומען צו לויפן און אַ צעפּלאַמטע גענומען טיילן קלעפּ אַף רעכטס און אַף לינקס, שרײַענדיק, אַז זי וועט ניט דערלאָזן באַ אונדז אין הויף פּײַניקן באַלעכאַיִמלעך, זי וועט זיי, אַזעלכע און אַזעלכע, אָפּטאָן אַזוי ווי ליאַקן!

וואָס איז געווען מיט ליאַקן?

דאָס איז אַ באַזונדער געשיכטע.

מיט אַ צײַט צוריק האָט מאַרינע אויסגעהאָדעוועט אַ קעצל. פרעגט שוין ניט, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ פּאַרשוין! אַ קראַסאַוועץ, מיט גרויסע גרוי־גרינבלעכע אויגן פון אַ טרוימער און אַ גרויסן באַרדאַס. אַ מילכוויִס פּוכקע פוטערל מיט העל־רויטיקע פלעקן. אַ נאָמען האָט מען דעם געגעבן „סיביריאַק" פאַר זײַן מאַיעסטעטישן אויסזען. אָבער ניט פאַר זײַן שיינקײַט האָט סיביריאַק אויסגענומען באַ אַלע, נאָר מיט זײַן פאַרשטאַנד און געפיל פון זעלבסטווירדע. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פראַנט און צוכט. אופגעשטאַנען מיטן טאָגליכט, פלעגט ער לאַנג־לאַנג און פלײַסיק, ווי גרייטנדיק זיך צו אַ ראַנדעוווּ, זיך וואַשן, פוצן די פּערלמוטערנע נעגעלעך, אויסגלעטן די דאַן־זשואַנישע וואָנצן. ערשט נאָכדעם פלעגט ער מיט אַ וואַזשנעם אויסזען זיך אוועקלאָזן צו מאַרינען, וואָס איז נאָך געשלאָפן, און מיט אַ דיק, צאַרט־צאַרט קעלכעלע אַרײַנמיאַוקען איר אַפּן אויערל:

— גוט מאָרגן, מאַרינע!

איר גלייבט ניט?

איז אָט וועגן אַזאַ דזשענטלמען האָט ליאַק אויסגעטראַכט אַ בילבל, אַז ער פּירט זיך מײַסע כאַזער באַ אים הינטער דער טיר.

— אַ קלאָזעט, אַן עמעסן קלאָזעט געמאַכט, אַ פינצטער יאָר אַף אים! — האָט ער געשריִען. — און דערצו אַ גאַנעוו!

סיביריאַק — אַ גאַנעוו!

קורץ, אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זיך סיביריאַק מיט גרויס מאַטערניש דערשלעפּט צו מאַרינעס בעט, אַ קוק געטאָן אַף זײַן פרײַנדן מיט יעסורימפולע אויגן: „זע, וואָס מע האָט מיט מיר אָפּגעטאָן"...

געשטאַנען אַ ווײַל, געשיקט איר אַ געזעגענונגס־בליק און אוועק־אַוועק צום מיסטקאַסטן שוין זיך אַף מער ניט אומקערן. עמעצנס אַ גרויזאַמע האַנט האָט אים אָפּגעסאַמט.

מאַרינע האָט לאַנג באַוויינט איר ליבלינג, און כאָטש אין אירע באַלקאָנען זײַנען געווען היפּש „סיביריאַקס" פאָרטרעטן, האָט זי נאָכאַמאָל פאַרייביקט זײַן אָנדענק מיט אַ פאָרטרעט אין אַ גרויסער פאַרביקער לינאָגראַוויור.

נו, און מיט ליאַקן האָט זיך מאַרינע אָפּגערעכנט מיט שאַרפן געווער פון סאַטירע. אַף אַ גרויסן פּאַניער־בויגן, וואָס מאַווקע און דאָדיק פעוונער האָבן פאַר איר ערגעץ געקראָגן, האָט זי אָנגעמאָלט אַ מענטשל, זייער ענלעך מיטן פּאָנעם און מיט דער פיגור אַף איסידאָר מאַרקאָוויטש ליאַקן, אין זײַן געשטרײַפּטער פּיזשאַמע. גרויסע שוואַרץ־רעמלדיקע ברילן, הענט — לאַפּעס, גרויסע, האָריקע, וואַרגט מיט זיי אַ קעצל. אונטן אַן אופשריפט אין גראַמען:

— אָט אַזוי איז אומגעקומען סיביריאַק

דערשטיקט האָט אים ליאַק!

מאַרינעס אַ וואָרט האָט אַ וואָג אויך באַ די ייִנגלעך פון אונדזער הויף. לאָזט מען אָפּ אַף אַ ווײַל דאָס הינטל, מע רינגלט אַרום מאַרינען און מע נעמט זיך מיט הינטערגרענג אַרויסקריגן באַ איר דעם סאָד פון אירע דערפאָלגן אַפּן געביט פון דרעסירן כײַעס, די סוידעס פון דרעסיר־קונסט. פאַרוואָס באַ איר באַקומט זיך — באַ זיי ניט!

„פאַרוואָס באַקומט זיך?"

מיט אַזאַ פראַגע שטייט צו איר צו אָפּט מיט פאַרבאַהאַלטענער קינאָ איר כאַווערטע לײַדע שוויִגער, יענע איז אויך אַ מאָלערן. אירע שול־העפטן זײַנען פאַרפּולט מיט פיגורלעך, הויפּזאַכלעך פון באַלערינעס, פּיסלעך, הענטלעך, קעפּלעך מיט הויכע פריזורן, שטאַרק ענלעך

צו די געמעלן אין די מאָדע־זשורנאלן, וועלכע די מאמע אירע ברענגט פון אטעליע. זי ווײַזט אירע געמעלן מארינען. מארינע באטראכט זיי אויפמערקזאם, גלײַכצײַטיק שטרענג און גוטהארציק, נעמט שווײַגנדיק א בלײַער און הייבט אָן פאריכטן: דאָ א שטריכעלע, דאָרט עטלעכע ליניעס. א פינטל. און זע! ליודעס פארגליווערט מאנעקענארטיקע באלערינעס באַ־קומען לעבעדיקע פּענעמער, נעמען שמייכלען, די פיס הייבן אָן לײַכט שוועבן אין דער לופט.

„ווי אזוי באקומט זיך"... דאָס דערווײַל ווייסט אליין מארינע ניט און איז ניט אימשטאנד צו דערקלערן, נאָר דאָס איז דאָך אזוי פּאָשעט. אָט — און זי נעמט זיך ווידער פארן בלײַער. מארינע האָט פײַנט האלטן פארבאָרגן אירע שאפונגס־סוידעס, און זי באשליסט געבן פארן אוילעם אָן אָפענעם סעאנס פון דרעסור. אלע שטעלן זיך אויס אין א קרײַז ארום איר און דעם הינטל, וועלכער באלעקט נאָך אלץ, אונטערוואָיענדיק, די צעמיימעסטע ערטער.

„מוזיק!" — ווענדט זיך מארינע באפעלעריש צו מאָווקען. דער הארמאָניסט מאָווקע און דער פּויקער מישקע וואָלאָוויק גיבן אין א שטורמישן טעמפּ א שפּיל „באַריניא". די דרעסי־רערן נעמט ארויס פון קעשענע א שטיקל צוקער, גייט צו צום הינטל און ווײַזט עס אים. און זע א ווונדער! דאָס טעמפּע, טאמעוואטע, טאלאנטלאָזע קעלעוול פארגעסט גלײַך אין זײַנע צאָרעס און אין די קלעפּ, הייבט זיך אָן ציִען צום לאָקערנדיקן שטיקל נאשערײַ, דערבײַ האָצקעט ער זיך און טאנצט אונטער. צו טוזיקס קונסט איז עס, נאטירלעך, גאנץ ווײַט, נאָר ס'איז שוין קימאט א טאנץ.

מאָווקע האָט עפּנטלעך געמוזט מודיע זײַן, אז יאָ, אז אפן געביט פון דרעסירן כײַעס איז מארינע דערווײַל עטוואָס שטארקער (עטוואָס!), און טאקע שוין דאָ אפן אָרט איז אין זײַן פלינקן מויעך אופגעקומען אָן אידיי — צוזאמען מיט מארינען, מיט געמיינזאמע קויכעס פון צוויי ארטיסטישע קאָלעקטיוון — זײַנעם און מארינעס, שאפן א גראנדיעזע צירק־פּראָגראם. מארינע, פון איר זײַט, פארפליכטעט זיך צוגרייטן מיט טוזיקן זײַנע נומערן, און ער, מאָווקע, מיט זײַנע אסיסטענטן נעמען זיך אונטער אויסדרעסירן א גרויסע גרופּע קעץ, ער וועט אויך באזאָרגן די מוזיקאלע אויספאָרמירונג פון דער צירק־פּראָגראם.

מארינע האָט זיך אָנגעכאפּט אָן דער אידיי — און אלע האָבן זיך געשמאק גענומען צו דער ארבעט. גאנצענע טעג האָט זיך אונטער דעם אומגליקלעכן ליאָקס פענצטער געלאָזט הערן מארינעס קלינגענדיק קעלכל: „אליע אפּ! טוזיק! טוזיק!" נאָכדעם פלעגן אף דער ארענע ארויסטרעטן רעפּעטירן מאָווקעס קעץ־גרופּע. מיט זיי איז עס געווען פּאָשעטער: יעדער דרעסירער האָט געהאלטן זײַן אויספּילער פאר די אופגעהויבענע פּאָדערשטע לאפּקעס און צוזאמען מיט דער קאץ זיך געדרייט און געטאנצט. די קלעזמאָרים האָבן דערבײַ מיט גרויס באגײַסטערונג געשפּילט א ליד פונעם פילם „די קאָווקאזער געפאנגענע".

אין איינעם א טאָג האָט מיר מארינע אָנגעזאָגט מיט סימכע: זייער מאָלערײַ־סטודיע פאָרט ארויס איבער דער געגנט אף עטיודן. דאָס וואָרט „עטיודן" האָט זי ארויסגערעדט מיט באזונדערן אָפּשײַ אי צום דאָזיקן וואָרט אי צו זיך אליין. גלײַכצײַטיק איז געוואָרן באוווסט, אז מאָווקע פאָרט אוועק אף צוויי וואָכן אין פּיאָנער־לאגער, וואָס געפינט זיך אין מיכינאָ — איינע פון די שענסטע ערטער אפן לינקן ברעג פונעם אמור. צוליב אזעלכע וויכ־טיקע געשעענישן איז ספּעציעל בא מארינקען אין שטאל צונויפגערופן געוואָרן אן אלגע־מיינע פארזאמלונג, ווו ס'איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס:

1. די פּראָגראם פאָרזעצן גרייטן.

2. אין דער צײַט, וואָס מאָווקע און מארינע וועלן דאָ ניט זײַן, זאָלן די רעפּעטיציעס פירן זעלבשטענדיק דאָדיק, מישקע און די ברידערלעך קולבאטיק.

פון אזא זאך וועט זיך, נאטירלעך, קיינער ניט אָפּזאָגן, און די „נײַגעבאקענע" דרעסירער האָבן זיך א נעם געטאָן פאר דער ארבעט. בא ליאָקן אונטער די פענצטער האָבן יעדן טאָג גענומען פאָרקומען פּילשאָיקע רווישיקע רעפּעטיציעס. א שווערע שווארצארבעט! ס'פלעגן עמעס, טרעפן מיספארשטייענישן צווישן דאָדיקן און די קולבאטיקעס. דאָדיק איז אן אָנ־הענגער פון הומאנישע מעטאָדן: א שטיקל ברויט, א שטיקל צוקער, א ריפּעטעלע וווּרשט. די קולבאטיקס זײַנען אָבער הארבע לײַט, אנערקענען ניט קיין שום סענטימענטן, גלײַך פון דעם ערשטן טאָג האָבן זיי אײַנגעשטעלט א גרויזאמען שטעקן־רעזשים פאר די ארטיסטן. דאָדיק האָט די ערשטע צײַט געפּרווווט אײַנהאלטן זיי, אפּעלירט צו זייער ראכמאָנעס. די קולבאטיקס האָבן זיך אָבער ניט געלאָזט אײַנריידן.

— כ'ציק! — האָט זיומקע בייז אויסגעשפּיגן דורך זײַנע פעסטע ציין. — אז דו ביסט אזא גוטינקער, טאָ לערן זיי אליין טאנצן. אָט קומט מאָווקע, מארינע, וואָס וועלן מיר זיי זאָגן?

— מיט אָט אָ־די ברוזים וועלן מיר זיך ניט צאצקען, — האָט זשענקע קולבאטיק געזאָגט. קריגעריש אונטערציִענדיק די הויזן, — מיר וועלן זיי גיך געבן צו פארשטיין...

און מע האָט „געגעבן צו פאַרשטיין”. א קוויטשעריי און א קאַניאַוועקן איז געשטאַנען באַ ליאַקן אונטער די פענצטער. ליאַק האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיטן ווײַז־פינגער אין שויב, דראָענדיק געשריִען צו מישקע וואָלאָוויקן:

— ע, אַטסטאַוונאַי קאַזי באַראַבאַנשטשיק! ווערסט אופהערן פויקן? פאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן! מע קאָן דאָך פון זינען אַראָפּ!

פון מאַרינען קומען אָן בריוו מיט רײַזע־באַשרײַבונגען: זי האָט שוין עפּעס אין איר לעבן באַוויזן צו זען. אַשטייגער, געוועזן מיט דער מאַמען באַ דער באַבען צוגאַסט אין קיִעוו. געזען דאָרט דעם דניעפּער — אויך א גרויסער טײַך. אָבער דער אַמור! מע איז געפאָרן אָף א קאַטיער, צוזאַמען מיט פישער אָף א קונגאַס האָט מען געכאַפּט פיש מיט א גרויסער נעץ. נאָכדעם האָט מען אָפן ברעג געקאָכט פיש־יויך. ווונדערלעך! געזען פּרעכטיקע טײַגע־ערטער, מע מאָלט עטיודן. וואָס מאַכט ריזשיק, קוטקע, דאָמינאַ (דאָס זײַנען קעץ), און דעריקער, ווי גייען די געשעפטן באַ טוזיקן?

אָך, טוזיק, טוזיק... אַזאַ ביטערער סאָף!

פאַר דער צײַט, וואָס דאָס הינטל איז איבערגעלאָזט געוואָרן אָפן באַראָט פון די ברידערלעך קולבאַטיק, איז ער אינגאַנצן דעקוואַליפיצירט געוואָרן, אָנגעוואָרן די פאָרם, אופגעהערט צו פאַרשטיין, וואָס מע רעדט צו אים. דערזען אַזאַ מיִסע, האָט זיך דאָדיק גלײַך צוריקגעצויגן פונעם גאַנצן איניען. די ברידערלעך קולבאַטיק האָבן אויך א שפּײַ געטאָן אָף די שלימאַזלדיקע הונגעריקע „אַרטיסטן”. גראָד צו יענער צײַט איז אויסגעבראָכן א גרויסע מילכאָמע צווישן אונדזער הויף מיטן שכייניִשן, און אַלע מאַנצבלען פון זיבן ביז עלף יאָר, בעסויכעם די ברידערלעך קולבאַטיק און דאָדיק, זײַנען גלײַך מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. און טוזיק?

דאָס לעצטע מאָל האָט מען אים געהערט בילן גאַנצפרי פאַרטאָג. דערבײַ איז דאָס בילן געווען א ביז גאָר אַליאַרמירנדיקער. טוזיק איז זיך אַזש פאַרגאַנגען. נאָר גאָר אינגיכן איז געוואָרן שטיל, מער האָט מען שוין דאָס הינטל אין הויף ניט געזען. אַרײַנגעפאַלן צום הינטשלעגער אין די הענט!

אין מאַרינעס אָפּוועזנהײַט איז פאָרגעקומען אָט וואָס: אין דער דירע באַ זיי האָט זיך אָנגעהויבן א רעמאָנט. מאַרינעס מאַמע האָט גענומען אַרויסטראָגן אין שטאָל פּעק מיט אַלטע זשורנאַלן, פּעק מיט בלאָקנאָטן און פּאַפּקעס. אין הויף איז באַ איר פון די הענט אַרויסגעפאַלן און זיך צעשאָטן איבער דער ערד א היפש בינטל מיט ווײַסע בויגנס — מאַרינעס געמעלן און ליטאָגראַפיעס.

— ניטאָ שוין פּאַשעט ווו אַהינצוטאָן זיך, — האָט זי שמייכלענדיק זיך באַקלאָגט, צונויפנעמענדיק די בויגנס, — אַלע פענצטער זײַנען שוין פאַרוואַלגערט מיט אירע געמעלן און אין קאָרידאָר שטייט נאָך א פולע טומבאָטשקע.

די כעוורעלײַט, וואָס האָבן אַרומגעשמײַעט אַרום פּאַרפּאַסט, זײַנען זיך צונויפגעלאָפן און גענומען צונויפקלײַבן די צעשאָטענע זשורנאַלן און מאַרינעס אָפּצוגן. איינער פון די ברידערלעך קולבאַטיק האָט שוין אומבאַמערקט געטאָפּט מיט די פינגער אָן אַקוואַרעל, ציטויג עס ניט פאַר א „זמיי”. נאָר דאָדיק האָט עס באַ אים אַרויסגעריסן פון האַנט. העלפנדיק מאַרינעס מאַמען טראָגן די ביכער אין שטאָל, האָט ער געזאָגט: „פּאָלינע סאַמאָילאָוונע, גיט מיר א קוק טאָן אָף אָט אָ־די געמעלן מאַרינעס, אַלץ וועט זײַן גאַנץ”.

— נעם, נעם, דאָדיק.

אָף מאָרגן, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך אין הויף געטראָפן דאָדיקן. ער האָט געוואַרט אָף מיר. איך האָב געמיינט, ער וויל מיר ווײַזן עפּעס א זעלטענע מאַרקע אָדער אָן אוראַלטע מאַטבייע פון מיילעך סאַבעצקיס צײַטן, וואָס ער האָט אויסגעביטן באַ זײַנע כאַווייִרים־קאָלעקציאָנערן.

— אויב איר האָט א ביסל צײַט, — האָט ער עטוואָס פאַרלעגן און געהיימניספול זיך געווענדט צו מיר, — קומט אָף א ווײַלע אין פּאַרפּאַסט.

איך ווייס: דאָדיק איז א מענטש אָן ערנסטער, וועגן פּוסטע זאַכן וועט ער ניט דולן דעם קאָפּ. וויבאַלד ער רופט אין פּאַרפּאַסט, — הייסט עס: א וויכטיקער איניען.

מיר האָבן זיך אָוועקגעלאָזט צום פּיאָנערישן פּאַרפּאַסט־בײַדל, וואָס שטייט אַרומגערינגלט פון איין זײַט מיט א שורע טאָפּאָלן, פון דער צווייטער — מיט א ריי אינדיווידועלע גאַראַזשן. באַם בײַדל האָבן מיר שוין געטראָפן די ברידערלעך קולבאַטיק, מישקען און נאָך כעווערלײַט פון אונדזער הויף און פון די שכייניִשע. די טיר פון בײַדל איז געווען אופגעפּראַלט,

און איך האָב דערזען: אַלע ווענט פֿונעם בײַדל זײַנען באַהאַנגען אין עטלעכע רייען מיט מאַרינעס געמעלן. דאָס זײַנען געווען אַקוואַרעלן, ליטאָגראַווירן און אויך אירע פּרוּוון אין אייל־פֿאַרב.

— אַט, — האָט דאַדיק מיט שטאָלץ אַ ווײַז געטאָן אויף די געמעלן, — ס'האָט זיך באַקומען אַ גאַנצע אויסשטעלונג, מאַרינעס אויסשטעלונג.

— נו, און דו, דאַדיק, — האָב איך אין אַ שפּאַס געזאָגט, — דו ביסט, הייסט עס, איר אָרגאַניזאַטאָר און דירעקטאָר.

געזאָגט — און טײַקעף כאַראָטע געהאַט. איך האָב ניט באַוויזן אַרויסברענגען פֿון מויל אַט אַ־די ווערטער, האָט שוין כעוורע אונטערגעכאַפּט זיי, און בײַ דאַדיקן זײַנען אויסער „אַטשקאַריק", גלײַך צוגעקומען נאָך צוויי צונעמענישן: „אָרגאַניזאַטאָר" און „דירעקטאָר".

ביז הײַנטיקן טאָג קאָן מען בײַ אונדז אין הויף הערן: „עהיי, דירעקטאָר און אָרגאַניזאַטאָר כאַווער פּעוזנער!"

די ערשטע פּערסאָנעלע אויסשטעלונג פֿון מאַרינע מאַרגוליס' בילדער איז אָפֿן יעדן טאָג פֿון אינדערפֿרי ביז אָוונט.

אַרײַנגאַנג פֿרײַ.

— ביטע, כאַווייִרים, קומט צו גיין!

טשײַקאָווסקי

ווי שטענדיק, איז אין אַט דער צײַט — פֿון צוויי ביז פֿינף — אין דער פּאָליקלייניק, באַם קאַבינעט פֿון צײַן־פּראָטעזן, געווען אַ היפּשלעכער אוילעם — דעריקער עלטערע לײַט. ענג אויסגעזעצט בײַ די ווענט פֿונעם שמאָלן קאָרידאָר, האָבן זיי דאָ אין די שעהען פֿון דער לאַנגער וואַרטעניש געפֿירט ברייטלעכע שמועסן אַלע איינעם און רעדלעכווײַז. באַזונדערס האָבן זיך דאָ שטאַרק געלאָזט הערן עטלעכע זקיינעס, פֿון די, וואָס אויף דער עלטער ווערן זייַ פֿלײַסיקע באַזוכערנס פֿון דאָקטוירים. איינע פֿאַר דער אַנדערער האָבן זיי דאָ אויסגערעדט דאָס האַרץ, אַרויסגעלייגט פֿאַריבלען אויף זין און שניר, צו וועלכע מע דאַרף, דאַנקען גאָט, ניט אָנקומען, ווײַל מע האָט פּענסיע, אָבער דאָך פֿאַרדריסט...

ניט אויסגעפֿעלט האָט דאָ, ווי דער שטייגער איז, אויך אַ געשוואָרענער ווערטלזאָגער, וועלכער מוז אומעטום שיטן מיט כאָכמעס, ווי אַ זינגפֿויגל זינגען.

צווישן דעם אוילעם האָב איך באַמערקט אַן אַלטן מאַן, עטוואָס אַ פּולבלעכן, מיט אַ גרויס קײַלעכיק פּאָנעם, די באַקן געדיכט פֿאַרוועבט מיט אַ נעץ רויטלעכע אָדערלעך. די לענגלעכע גרויסע גרויע אויגן האָבן געקוקט פֿאַר זיך ערנסט, קימאַט שטרענג. ער איז געזעסן שווײַגנדיק, די הענט אָנגעשפּאַרט אויף גראָבן שטעקן מיט אַ קונציק געשניצטער גאָלקע. אויפֿן קאָפּ האָט דער אַלטער געטראָגן אַ ווייכן גרויען הוט, די שיך זײַנען געווען בלאַנקענדיק אָפּגעפּוצט. אויף די טונקל־בלאָווע הויזן — אַ האַרט אויסגעלייגטער קנייטש, אַזאַ, וואָס גייט פֿון זיי קיינמאָל ניט אַראָפּ.

אינמיטנדערינען האָבן זיך פֿון דעם דינאַמיק, וואָס ביז אַהער האָט ער געשוויגן אויף דער וואַנט, שטורמיש אַרויסגעריסן קלאַנגען פֿון אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער. דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט די ווײַסלעכע ווײַעס, עטוואָס אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און צוגעלייגט אַ גרויסע אָדערדיקע האַנט צום שטערן, ווי זיך עפּעס אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען אָדער זיך פֿאַרטיפֿט אין איבערלעבונגען. די קראַפֿט פֿון די קלאַנגען איז אַלץ געוואַקסן, די באַריידעוודיקע זקיינעס האָבן דעריבער נאָך העכער גענומען הייבן זייערע שטימען, און דאָ האָט דער אַלטער מיט פֿאַרדראָס אויפֿן געטאָן די אויגן:

— שטילער! איך בעט אײַך, שטילער!

איינע פֿון די זקיינעס האָט זיך פֿאַרהאַקט אויף אַ האַלב וואָרט, אָנגעקוקט אים עטוואָס צעטומלט:

— וואָסי? וואָס איז געשען?

— טשששש! — האָט דער אַלטער אומגעדולדיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — טשײַקאָווסקי!

און אָנעמענדיק די פּריערדיקע פּאָזע, ווידער פֿאַרמאַכט די אויגן און, לײַכט שאָקלענדיק זיך, אַרײַנגעטאָן אין הערן.

אף א ווײַלע זײַנען די שמועסן איבערגעריסן געוואָרן. עס האָבן געהילכט נאָר די סימ־פאָניע־קלאַנגען.

— ווער איז ער, אָט דער אלטער? — האָב איך שטיל א פרעג געטאָן בא א באַיאָרטער פרוי לעם מיר. — איר קענט אים?

די פרוי האָט א נייג געטאָן מיטן קאָפּ און אויך שטיל געענטפערט:

— ער ארבעט בא אונדז אפן מעבל־קאָמבינאַט. א סטאָליער.

ערעוו פּרילינג

א הויכער, א קרעפטיקער פאר זײַנע העכער זעכציק יאָר, דער קאָפּ קײַלעכדיק און הארט געגאָלט, מיט א פּאָנעם פון א שטאָלצן, נאָר שוין אלט־ווערנדיקן פויגל — דאָס איז יאָשפע, גאָוורזיעל יאָשפע, אײנער פון די ערשטע איבערוואנדערער און ערשטע בויער פון ביראָבידזשאַן.

ער איז נאָך אלץ סאָלדאטיש אויסגעפּראַוועט, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז אהער אראָפּגעקומען פון א גרויסער אוקראַינישער שטאָט. די שטיוול מיט די הויכע פּראַנטעוואַט־שמאָלע כאָליעוועס בלישטשענדיק אויסגעוועקסלט. די אויערן זײַנען בא אים דעם גאַנצן ווינטער מיט א באַזונדערער האַפערדיקײַט ארויסגעשטעלט פאר ווינט און פראָסט.

...מיט עטלעכע און דרײַסיק יאָר צוריק, ווען אָנשטאָט גאסן זײַנען דאָ ארום־און־ארום געשטאַנען צעבויפּעפּלאָנטערטע שטרויכן, הימל־הויכע מעכטיקע צעדערן, טיפע זינק־זומפּן, צווישן וועלכע ס׳האָבן, ווי צעפוילטע ציין, געטאַרטשעט אײנזאַמע הײַזקעס פונעם טויבן טײַגע־יישעוול, איז גאָוורזיעל יאָשפע געווען צווישן די, וואָס האָבן פון די ערשטע געגומען וואלגערן ביימער און טרײַבן זיי אראָפּ דעם ניט־גרויסן, נאָר האַסטיק־שטראָמיקן בארג־טײַך. נאָכדעם איז ער געווען צווישן די, וואָס האָבן געבויט דאָ די ערשטע הילצערנע צווייי־גאָרנדיקע הײַזער, וועלכע האָבן דעמלט דאָ אויסגעזען צווישן די פּארשוואַרצטע כאַלופּעס, ווי עמעסע גרויסשטאָטישע יאַכסאָנים. אין די דאָזיקע צווייגאָרנדיקע הײַזער האָט מען געדאַרפט שטעלן אויוונס, און גאָוורזיעל יאָשפע איז געווען צווישן די, וואָס האָבן אף א קליין זאַוואָדל מיט די הענט געקנאָטן ליים פאר ציגל צוליב די ערשטע אויוונס. און נאָכדעם איז ער געווען צווישן די, וואָס האָבן מיט א קליין און שוואָך עלעקטראָסטאַנציעלע באַ־לויכטן די פענצטער פון די נײַ־אופגעקומענע הײַזער. און נאָכדעם... און נאָכדעם...

די שטאָט איז זיך פון דעמלט שטארק צעוואַקסן, און די מערהײַט אײַנוווינער געדענקען שוין ניט אָדער וויסן אפילע ניט, אז אָט אָ־די שיינע גאַדיכטע ביימער־אַלייען אף די ברייטע גאסן, אָט אָ־די פארביקע בלומען־גאַזאָנען אף די זומערדיקע פלעצער און סקווערן, די פּרוכטביימער בא די הײַזער — אין דעם אלעמען האָט ער, גאָוורזיעל יאָשפע, און זײַנע פרײַנט גאָר א גרויסן כיילעק.

ניט אײנער פון די אלטע טוישווים, וועלכע האָבן בא זייערע הײַזער סעדלעך מיט בארנביימער, פלוימען, מאַלינעס, ווײַמפּערלעך, קען זיך אין א זומער־אָוונט, זיצנדיק בא זיך אפן גאַנעק, דערמאָנען, ווי דער שטענדיק שמײַענדיקער יאָשפע איז מיט יאָרן צוריק צו אים צוגעשטאַנען, ווי א קלעק:

— הער, וואָס מע רעדט צו דיר: נעם א סאַזשענײעץ. נעם עטלעכע. הייב אָן מאַכן א סאָד.

און ווי ער פלעגט צו אים טײַנען:

— טשעפּע זיך אָפּ, קליפּע, מאַגײפע! א סאָד וועט דאָ בא אים וואַקסן! ווי בא דיר אף דער ליסינע!

און יאָשפע פלעגט דאָך אומגעריכט אראָפּקומען מיט עטלעכע יונגינקע פלאַנצלינגען.

— אָט זע, ווי איך וועל עס טאָן, און אזוי טו אויך. וועסטו האָבן א גוטן סאָד!

אָן א שיר אײַנוווינער קענען אים אין שטאָט. זייער פיל זײַנען מיט אים גוטעברידער און דעריבער, גיין מיט אים באַנאַנד איבער די גאסן איז גאָר ניט פון די לײַכטע זאכן: יעדע עטלעכע טריט שטעלט אים עמעצער אָפּ, אָדער ער — עמעצן.

— א, גאָוורזיל ראַמאַנאָוויטש!

— וואָס הערט זיך, כאַווער יאָשפע?

לײַגט מען ערגעץ וועגט פון א נײַ הויז, פלאַסטערט מען א גאַס מיט בריזיקן אספאַלט, גראָבט מען ריוון פאר דער וואַסערלײַטונג — אומעטום מוז ער זיך אָפּשטעלן, ארויס מיט

אן אייצע, ארײַנטיילן א כיילעק פאר עפּעס א בלויז אין דער ארבעט, אראָפּלאָזן זיך אין א קאנאווע, ווו מע ציט טרויבן, קלעטערן אף רישטעוואניעס. צו אָוונט־צו קומט ער אהיים א פארשטויבטער, אן אויסגעשמירטער אין ערד, אין צעמענט, מיט הענט, וואָס האָבן פארן טאָג איבערגעטאָן פארשיידענע ארבעטן.

ער האָט אָבער זײַנע באליבטע ערטלעך, ווו ער גייט ארום שאָענווײַז אליין מיט זײַנע געדאנקען. דאָס זײַנען נײַע גאסן און פּלעצער, אופגעקומענע פאר די לעצטע יאָרן — שוין היפּש דערווײַטערטע פונעם שטאָט־צענטער. ארומשפּאנענדיק איבער זיי, טראָגט ער אין קאָפּ אָן א שיר פּלענער: וואָס פארא סקווערן מע קאָן דאָ מאכן, וואָס פאר א סאָרט ביימער פארפלאנצן. ער טראכט אפילע וועגן דער פארבן־הארמאָניע פון די בלומען־גאזאָנען און וו׳אזוי זיי וועלן באפּוצן די ארומיקע הײַזער... אָט אָ־דאָ, — באטראכט ער א שטיק פּוסטע־ניש צווישן צוויי יונגע גאסן, וואָס ציִען זיך ביזן סאמע ברעג טײַך, — קאָן מען אויסזעצן אפילע א פּארק...

אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בא א גאס־אליי מיט ווינטערדיקע, נאָך נאקעטע ביימער. ער קוקט א לענגערע ווײַלע מיט פארכאָלעמטע אויגן אפן שוואכן דינינקן רויכעלע, וואָס הייבט זיך אָן דעמפן פונעם פארשווארצטן שניי צום בלוי־ווערנדיקן הימל. עס קומט אים מיטאמאָל אוף אפן זינען עטלעכע ווערטער פון א פּאָלקסליד, וואָס זײַנען פון דער ווײַטער שטעטלשער קינדהײַט, ווי אן אָפּגעזונדערט אינדזעלע, געבליבן שטעקן אין זײַן געדעכעניש צווישן א יאם אנדערע זיכרוינעס:

די ביימעלעך בליִען,
די יאָרעלעך פליִען,
די צײַט גייט אוועק מיטן רויך...
מיטן רויך!

ער קוקט אף די געדיכטע ביימער־אלייען, וואָס ציִען זיך אוועק ווײַט איבער אָט דער לאנגער גאס, אף די רייען הויכע און שטארקע אולם־ביימער, טאָפּאָליעס און קלייאָנען, אף די פּילגאָרנדיקע הײַזער און מורמלט צו זיך אליין, ווי צו א זײַטיקן: „מאָלט אײַך, אז ניט מיטן רויך! ניט אינגאנצן מיטן רויך!״

א צײַט צו פלאנצן ביימער...

אין שטאָט, אפן רעכטן ברעג טײַך, בליִען שוין לינדנביימער, טאָפּאָליעס און בארכעט־ביימער. גאָר אינגיכן וועט די שטאָט שטיין א פארזונקענע אין גרינס. אפן לינקן ברעג אָבער, דאָרט, ווו עס ציִען זיך אוועק די ברייטע גאסן פונעם זאוואָדישן יישעוו, איז הויל. קיין ביימעלע, קיין גרעזעלע, קיין סימען, אז מיט א סאך יאָרן צוריק האָט דאָ גערוישט די טײַגע און מעכטיקע צעדערס האָבן אונטערגעשפּארט מיט זייערע קרוינען דעם הימל.

אָנהייב פרילינג האָבן אָבער די אײַנוווינער פונעם זאוואָדישן יישעוו זיך מיסקאנע געווען אין דער שטאָט.

— לאָמיר זיי באווײַזן, וואָס דער לינקער ברעג קאָן!

— בא זיי א בוים, — האָבן די אָרטיקע פּאטריאָטן היציק געשריִען, — בא אונדז — צוויי ביימער! בא זיי אן אליי, בא אונדז — צוויי! בא זיי סטאם ביימער, בא אונדז — דעקאָראטיווע ביימער און א סאָד! לאָמיר זיי ווײַזן, וואָס דער לינקער ברעג קאָן!

און אין איינעם טאקע פון די נאָענטסטע אָפּרו־טעג האָט דער גאס־קאָמיטעט געמאָלדן א שאבעסניק: אלע, אלע באגרינען דעם יישעוו! ווײַזן, וואָס דער לינקער ברעג קאָן!

מע ווייסט ניט וו׳אזוי, נאָר גאוורי׳על יאָשפּע האָט גלײַך דערשמעקט וועגן דעם, און זונטיק גאנצפרי איז ער שוין געווען אפן לינקן ברעג, ארומגעשפּאנט מיט אן אייגענעם גראָבײַזן, עפּעס טיפּזיניק באטראכט.

דערזעענדיק אים, האָט דער יאָרנלאנגער פּאָרזיצער פונעם גאס־קאָמיטעט עליע קאָרך — אויך איינער פון די ערשטע איבערוואנדערער און גאוורי׳עלס אן אלטער גוטערברודער — אויסגערופן:

— אהא, סקאָצל קומט! זעט נאָר, ווער סע גייט! דער גרינער גאָט, גאוורי׳על יאָשפּע גייט! הא? געקומען, געקומען פון שטאָט, אזש פון דער צענטער גאס, וואָס? פלאנצן ביימער? און וואָס האָסטו דאָ, כאווער יאָשפּע, מיט יאָרן צוריק אָפּגעטאָן? אויסגעהאקט ביז א ריטל

און דערנאָך באַרימט זיך אַף די פּאַרזאַמלונגען: „פּאַרטריבן די טײַגע", „די טײַגע איז אָפּ־געטראָטן!" אַ געדולע אַף דער באַבען! און איצט — באַנײַס אַ קאָן — פּלאַנצן, האַ?
יאַשפּע האָט רויִק אַרײַנגעשטעקט דעם גראַבײַזן אין דער ערד, לאַכנדיק באַטראַכט דעם קלײנינטשקן עליע קאַרך, וואָס האָט אים דערגרייכט קוים ביזן עלנבויגן, זײַן באַזילבערטן קאָפּ און פּאַרברוינטן ייִנגלשן פּנים:
— שאַ, — האָט ער געזאָגט, — גדענקסט דאָך, עליע, וואָס סע שטייט געשריבן: אײס — עס איז פּאַראַן אַ צײַט צו פּלאַנצן ביימער, ווייס — און עס איז פּאַראַן אַ צײַט אַרויסצורײַסן דאָס פּאַרפּלאַנצטע... דעמלט האָט מען געדאַרפט אויסרײַסן, און איצט איז די רעכטע צײַט צו פּלאַנצן.
— נו? גוט, — האָט עליע אַ שמייכל געטאָן און אָפּגעגעבן אַ באַפעל: — דערלאַנגט אים אַט יענעם סאַזשעניעץ, זאָל ער אויסקויפּן זײַנע אַמאַליקע כאַטאָים. פּאַרפּלאַנץ בײַ אונדז, גאַווריִעל, דעם ערשטן בוים. נאָך אַלעמען, האָסטו דאָס פּאַרדינט...

אומפּאַרשטענדלעכע ווערטער

וויקע און אַליע, צוויי כאַוועריטעס, וואָס לערנען זיך אין פּערטן קלאַס האָבן ליב צו גריבלען זיך אין מײַנע ביכער, זוכן עפּעס אַזוינס, וואָס אין זייער שול־ביבליאָטעק קאָן מען עס ניט זען. אנומלטן איז זיי אַרײַנגעפאַלן אין די הענט אַ באַנד שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען וועגן קינדער אין רוסיש — „דיעטי טשערטי", אַ ביזרעוואָליוציאָנערע אויסגאַבע מיט פּאַרגעלטע בלעטלעך אין אַ שוואַרצן קאַלענקאָרענעם אײַנבונד. די כאַוועריטעס האָבן גענומען דעם באַנד אַהיים, און אַף מאָרגן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די דערציילונגען געפעלן זיי זייער, אַז אין זיי ווערן באַשריבן עפּעס ביז גאָר קאָמישע פּאַרשוינען און אַז אַ סאַך זאַכן זײַנען זיי דאָרט ניט פּאַרשטענדלעך. אַט שוין אַליין דער נאָמען פונעם ביכל „דיעטי טשערטי"..... ווײַטער האָט מען זיך דאָ אָנגעשטויסן אַף אַזאַ וואָרט, ווי „פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ". וואָס באַטײַט עס? אַליע האָט אַרויסגעזאָגט אַ השערה, אַז אַמאָל האָט עס באַטײַט אַרויסגעבן אַן אָרדער אַף אַ דירע אָדער צושרײַבן זיך אין דער הויז־פּאַרוואַלטונג. נאָר, מעגלעך, אַז דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש. עס איז דעריבער געבליבן, מע זאָל פּרעגן בײַ מיר, עפּשער וויים איך.
— יאָ, איך ווייס.
איך האָב זיי דערקלערט, וואָס עס האָט מיט זיך פּאָרגעשטעלט די „טשערטאַ אָסיעדלאָ־סטי" אינעם צאַרישן רוסלאַנד.
— וואָס איז שײַעך „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", — האָב איך געזאָגט, — האָב איך אין אײַער עלטער אַליין אײנמאָל געליטן פון דעם.
די כאַוועריטעס האָבן מיך אָנגעקוקט פּאַרוווּנדערט. זיי האָבן זיך ניט פּאָרגעשטעלט, אַז איך, זייער נאָענטסטער שכן, האָב באַוויזן צו פּאַרכאַפּן יענע אוראַלט־גרויע צײַטן, ווען עס איז בײַ אונדז אין לאַנד געווען אַ קייסער און נאָך אַזעלכע פּאַרשיידענע ווילדע זאַכן.
— איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר נײַן־צען, — האָב איך זיי גענומען דערציילן, — ס'איז געשטאַנען אַ הייסער טרוקענער זומער. גאַנצע טעג בין איך אַרומגעלאָפן אַ באַרוועסער איבער די שטויביקע געסלעך פון אונדזער שטעטל, זיך געשיפט אַף אַ צעפּוילטער ברעט איבער דער גרויסער בלאָטע, וואָס האָט פּאַרנומען אַ היפּשן טייל פון אונדזער גאַס. דערבײַ בין איך געווען פּעסט איבערצײַגט, אַז דאָס איז טאַקע דאָס עמעסע לעבן מיט אַלע זײַנע ווילטיקן און פּריידן.
קומט אײנמאָל פון ערגעץ צו גיין דער זיידע, זעצט זיך אַוועק אַף דער פּריזבע פון אונדזער שטוב באַטראַכט אַ ווײַלע מײַנע אויסגעשמירטע אין בלאָטע הויזן און זאָגט מיט אַ געוויינלעך וואַכעדיק קאָל, ווי וועגן עפּעס אַ טאָגטעגלעכער מינדערווערטיקער זאַך, אַז ער קלײַבט זיך פּאָרן צוגאַסט אין וואַסיליעווסקי כוטאָר צום פעטער מוישע־לייבן, געטראַכט האָט ער, דעם עמעס געזאָגט, מיך אויך נעמען, אָבער ווײַדליק ער זעט, פּאַרברענג איך דאָ אויך ניט שלעכט די צײַט, און אויסער דעם, זעט איר, בין איך אַ מענטש אַ פּאַרנומענער — איך קאָן די בלאָטע ניט איבערלאָזן, איז, מיילע, ניט — איז ניט. וועט ער שוין אַליין פּאָרן אין וואַסיליעווסקי כוטאָר.
איך האָב אויסגעשריִען ניט מיט מײַן קאָל:
— וואָס הייסט, איך וויל ניט! אַוודע וויל איך!

איך בין געווען אין איינע שרעק, אז דער זיידע וועט נאָך אוועקפֿאָרן אָן מיר, און איך האָב אים ניט אַרויסגעלאָזט פֿון אויג. איך האָב געוווּסט, אז אין וואַסיליעווסקי כוטאָר, וואָס געפֿינט זיך א ווערסט פֿינף און צוואַנציק צי עפּשער די גאַנצע דרײַסיק פֿון אונדזער שטעטל, וווינט א רײַכער פּאַרעץ סקריליאָוו. בא אָט אָ־דעם פּאַרעץ איז פֿאַראַן א גרויסע גוראַלניע, ווו מע טרײַבט בראַנפֿן (וויאַזוי „טרײַבט מען" בראַנפֿן, האָב איך זיך ניט פֿאַרגעשטעלט). און בא אים אין גוראַלניע אַרבעט מײַן פֿעטער מוישע־לייב. אַלזאָ, אַהין — צוגאַסט! אַזאַ געשעעניש! אַזאַ פֿרייד! ביז דעם האָב איך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען קיין דאָרף, קיין עמעס פֿעלד, קיין עמעסן וואַלד. מײַן גאַנצע וועלט איז באַשטאַנען פֿון די עטלעכע גאַסן אין אונדזער שטעטל מיט זײַנע צוויי קלויסטערס און מיט דער שוואַרץ־גרויער קאַלאַנטשאַ, וועלכע האָט אין מײַנע אויגן אויסגעזען, ווי אַן עמעסער הימלקראַצער.

טאַקע אין דעם זעלבן טאָג האָט דער זיידע געדונגען א פֿור, און מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין וועג אַרײַן.

שוין גלײַך הינטערן שטעטל האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿנט א פּראַקטיקע וועלט. אָפֿן ווײַטן האָריזאָנט האָט געדיכט געבלויט א הויכער וואַלד־פּאַס: עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע באַרימטע הוטער וועלדער, ווו איך בין קיינמאָל ניט געווען, נאָר אַזוי פֿיל געהערט וועגן זיי. פֿון ביידע זײַטן וואָגן האָט זיך געכוואַליעט א יאַם רײַף ווערנדיקע זאַנגען, וואָס זײַנען מיט זייערע שטעכיקע, האָריקע קעפּלעך געקראָכן אין די הענט אַרײַן. און די לופֿט! ווען איר טוט אַן עטעם די האָניקדיק־זיסע וואַרעמע טרוקענע לופֿט פֿון יענע אונדזערע ערטער!

דער וואָגן האָט שווער געסקריפּעט אין די טיף אויסגעשלאָגענע קאָלייעס. שאָקלענדיק זיך, האָט דער זיידע געדרעמלט און עפּשער סטאַם אַזוי געהאַלטן פֿאַרמאַכט די אויגן. און איך בין געפֿאָרן און געטרוימט וועגן דעם, וויאַזוי איך וועל דאָס א לעב טאָן אינעם כוטאָר באַם פֿעטער מוישע־לייבן, וועלכער, ווי איך האָב געהערט, פֿאַרמאָגט לעבן זײַן שטוב א גאָרטן מיט א סאָד, עפּל, באַרן, קאַרשן... צוויי בעהיימעס, אַן אייגן פֿערד. אַליין וואַסיליעווסקי כוטאָר איז אין מײַן פֿאַרשטעלונג געווען אַן אָרט, ווו עס רינט מילך און האָניק, ווו עס איז שטענדיק זוניק, שטענדיק שיין, שטענדיק פֿריילעך...

אָנגעקומען זײַנען מיר אין וואַסיליעווסקאָיע אין אָנהייב אָוונט. כאָטש געהייסן האָט עס „כוטאָר", אָבער געווען איז עס מער ענלעך אף א היפּש דאָרף. צוערשט האָט זיך באַוויזן א שטיקל גראָזיק פֿעלד אף א הויכעניש מיט הילצערנע צלאָמים, צווישן וועלכע ס'האָבן אומגעבלאָנקעט קי מיט קעלבלעך; נאָכדעם האָט זיך געגעבן א ווײַז פֿון צווישן דיביימער א ווײַס קלויסטערל, אַרום אים זײַנען געשטאַנען אײַנגעפֿונדעוועטע הײַזער אונטער גרינע און שוואַרצע בלעכענע דעכער, סעדער, גערטנער, שײַערס און שפּײַכלערס — פֿון די רײַכע באַלעבאַטים. אָפֿן וועג צו דער גוראַלניע האָבן זיך שוין אוועקגעצויגן נידעריקע קליינע הײַזקעס, ווי קליינע זשוקלעך, געדעקטע מיט צעפּוילטער שטרוי, וואָס האָט דערמאָנט שטאָלמיסט. געווען זײַנען דאָ אויך ערד־שטיבלעך וואָס מ'האָט קוים אַרויסגעזען אין דער אָוונטטונקלעניש. אָפֿן וועג האָבן זיך געגומען טרעפֿן פּויערים אין לײַוונטענע הויזן, באָרוועסע און אין לאַפּטיעס. אַגעוו, האָב איך זיך אָן אינטערעסיר געטאָן, צי האָבן די כאַוורעטעס ווען־ניט־איז געזען לאַפּטיעס? די כאַוורעטעס האָבן געענטפֿערט, אז יאָ, געזען.

— בא אונדז אין שול, — האָט וויקע געזאָגט, — הענגט א בילד „אין א דאָרפֿישער שול", זײַנען דאָרט אַלע שילער אין לאַפּטיעס.

— שליאַפּאַנצעס פֿון קאָרע, — האָט צוגעגעבן אַליע.

— און טאַקע אף מאָרגן האָט זיך בא מיר אָנגעהויבן א וווּנדערלעך לעבן, — האָב איך פֿאַרגעזעצט. — אינעם ברייטן גוראַלניע־הויף, ווו עס איז געשטאַנען דעם פֿעטער מוישע־לייבס הויז, האָב איך דערזען א ווײַסברעמיק יאַטל מיט א קײַלעכדיקן קאָפּ, אין מײַן עלטער, וויטקע דעם מעכאַניקס זונדל, וועלכער האָט געוווינט בישכיינעס מיטן פֿעטערס מישפּאָכע. צוערשט האָבן מיר זיך אָנגעקוקט פֿונדערווײַטן, ווי צוויי יונגע הענדלעך. יענער האָט געוואָלט דערווײַזן, אז ער איז דאָ א באַלעבאָס, און איך האָב אים געוואָלט דערווײַזן, אז איך ווער פֿון אים ווייניק וואָס ניספּאָעל. נאָר ביסלעכווײַז איז די שטרענגע צווישן אונדז געוואָרן אַלץ קלענער, ביז מיר זײַנען געבליבן שטיין איינער קעגן דעם אַנדערן.

א ווײַלע האָבן מיר געשוויגן.

— ביסט פֿון שטאָט?

— פֿון שטאָט.

— געקומען צו אונדזער ווינאָקור?

— יאָ.

— דעם זאַוואָד שוין געזען?

— ניין.
— טאָ קום.

די גרויסע רויטציגלדיקע זאַוואָד־קאָרפּוסן מיט די הויכע שוואַרצע קוימענס האָבן בא מיר אַרויסגערופן אַ שרעק, אַ איבעראַשונג. הײַנט וואָס האָט זיך געטאָן אינווייניק! רעדער מיט רעדלעך פון פאַרשיידענער גרייס, אויסגעבויגענע און אויסגעדרייטע טריבן און טרײַב־לעך, ריזיקע טשאַנען, אַ פּלאָנטער פון גראַדוסניקעס... צענדליקער טרעפּלעך צו געדרייטע גאַלעריִיעס, וואָס פירן אַזש ביז דער הויכער סטעליע. הײַנט וואָס פאַר אַן אָפּגעקאָרמעטע אָקסן זײַנען געשטאַנען דאָרט אין גרויסע סטאַילעס הינטער די גוראַלניע־קאָרפּוסן און מיט גרויס אַפּעטיט געפרעסן זויער־שמעקנדיקע בראַגע. אַ וווּנדערלעכע וועלט!

גאָר אײַנגיכן איז מיר צוגעקומען נאָך אַ כאַווער — קוזקע, וועלכער האָט געוווינט אין דאָרף און וועמעס טאַטע עס האָט אויך געאַרבעט אין גוראַלניע. קוזקע איז געווען אַ מערק־ווירדיק יאַטל, אַ גיבער און מיט זעקס פינגער אַף איין פוס, דערצו נאָך אַ גרויסער בעריע כאַפּן פיש מיט אַ ווענטקע און פּאַשעט מיטן אייגענעם העמד. ער טאַקע האָט מיר צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן אַרײַנגעטאָן אַ ווענטקע אין האַנט (בא אונדז אין שטעטל איז קיין טײַך ניט געווען). וויטקע דעם מעכאַניקס האָט מיך געלערנט שווימען. באַנאַכט בין איך געפאָרן מיט די ייִנגלעך פּאַשען די פערד, אַף „נאָטשנאָיע”, האָט עס בא זיי גע־הייסן. דאָרט האָט מען געבאַקן אַף שײַטערס קאַרטאָפל און קיקעס, וואָס מע פלעגט נעמען פון די אַרומיקע גערטנער. — זייער טאַם ליגט נאָך מיר ביז איצט אין מויל.

דער זיידע האָט איינמאָל אין מײַן אָנוועזנהייט געזאָגט פאַרן פעטער און פאַר דער מומען, אַז איך בין שוין געוואָרן אַ גאַנצער מוזשיק, אַז איך קלײַב זיך פאַרבלײַבן אין דאָרף בא זיי, פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט און מער אין שטעטל זיך ניט אומקערן.

איך האָב געוווּסט, אַז ער שפּאַסט, אָבער געטראַכט האָב איך, אַז עס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט. אַלנפאַלס, ניט אַזוי גיך אַוועקפאָרן פונדאַנען.

אָט אַזוי איז דורכגעפלויגן אַ גאַנצע גליקלעכע וואָך. שטיי איך איינמאָל מיט אַ ווענטקע אַפּן ברעג פונעם טײַך וואַסיליעווסקע, קוק, ווי קוזקע כאַפּט איין פיש נאָכן צווייטן. ערשט איך זע: פון גוראַלניע לויפט צו אונדז וויטקע, טרײַבט פאַר זיך, ווי אַ רויך פון אַ סרייפע, אַ געדיכטן שטויב־וואָלקן, מאַכט צעיאָצט מיט די הענט און שרײַט:

— לויף גיכער אַהיים, דער זיידע רופט דיך, שנעלער!

וואָס דאַרף עס מיך מיטאַמאָל אַזוי עקסטרע דער זיידע? ערשט דאָ ניט לאַנג האָט ער דאָך מיך געזען!

אַפּגיך צונויפגעוויקלט די ווענטקעס, אָפּגעגעבן קוזקען און זיך געלאָזט לויפן צום פעטערס הויז. שוין פונדערווײַטן האָב איך דערזען באַם טויער פונעם זאַוואָד־הויף אַ גאַנץ געזעמל: דעם פעטער, די מומע, דעם זיידנס הויכע פיגור אין דער גרוילעכער כאַלאַדייקע ביז אַריבער די שטיוול, דער קאַרטוז אַרופגערוקט אַפּן שפּיץ קאָפּ, ווי שטענדיק, ווען ער איז צעטראָגן, לעבן אים אַ סטראַזשניק. מיר מיט וויטקען האָבן פאַרלאַנגזאַמט די טריט.

וואָס קאָן דאָ זײַן?

— אָט יענער, — האָט מיר וויטקע אַרײַנגערוימט אַפּן אויער, — איז דער אוריאַדניק פון וואָלאַסט. אַלע דאָ אַפּן כוטאָר, אויסער סאַפּראָנען, ציטערן פאַר אים, ער קאָן דיר געבן אַ טערעבענץ מיטן פויסט, וועסטו דערזען יענע־וועלט!

דער אוריאַדניק איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַרופצו פאַרדרייטע וואָנצן. די הויזן זײַנען בא אים אַראָפּגעהאַנגען, ווי זעקלעך, איבער די אָפּגעפוצטע כאָליעוועס, אַף דער זײַט איז בא אים געווען אַ שאַשקע מיט אַ רעוואָלווער. דער בויך איז ביזן גאַרטל איבערגעקרייצט געווען מיט גראָבע רויטע שנורן.

צוגייענדיק צום געזעמל, האָב איך דערהערט, ווי דער אוריאַדניק וואַרפט אויף באַרויגעז־דיק דעם זיידן:

— דו, יאַסקע, ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אײַעריקע טאָרן זיך דאָ אין דאָרף ניט געפינען. איר האָט ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ! און דאָך קריכט איר, ווי־די וואַנצן! עס איז איין מאָל געזאָגט געוואָרן: פאַרבאָטן! דאַרף מען האָבן סאָוועסט! און איר, באַלוואַנעס! — האָט ער מיטן זעלבן טאָן פון אַ שטאַרק אופגעבראַכטן און געקריוודעטן מענטשן זיך געווענדט צו די אַרום שטייענדיקע פויערים, — זעסט אַ זשיד דרייט זיך אַרום אין דאָרף, קום אין וואָלאַסט און מעלדע, איז — ניין! שווײַגט מען, קאַנאַליעס! די צונג האָט בא אײַך אָפּגע־נומען.

אַ מיטליאָריקער באַרוועסער פויער, וואָס איז געשטאַנען אין דער פאָדערשטער ריי, האָט זיך אָפּגערופן:

— אונדז, וואשע בלאַגאָראַדיע, שטערט ער ניט.

דער אוריאַדניק האָט זיך אָנגעצונדן.

— דיר שטערט ער ניט! — ער האָט דראָענדיק אַ סקריפּע געטאָן צו אים מיטן שטיוול. — דיר, מערזאַוועץ, שטערט ער ניט! וואַרט צו, איך וועל זיך צו דיר אויך דערקלײַבן! מײנסט, מע ווייסט ניט, וואָס דו פּלאַפּלסט דאָרט אין גוראַלניע מיט די מוזשיקעס?

דערווײַל איז פון ערגעץ שוין צוגעפאָרן אַ פּויעריש פורל און זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פונעם געזעמל. פון שטוב האָט מען אַרויסגעטראָגן דעם זיידנס קלומעק מיט אונדזערע זאַכן — מיר זײַנען דאָך אַהער געפאָרן ניט אויף איין טאָג — מיט די מאַטאַנעס, וואָס דער פעטער מוישע־לייב און די מומע האָבן אונדז מיטגעגעבן.

— נו, — האָט זיך דער זיידע געווענדט צו מיר, — שיינער מענטש, ביסט געקומען צו דער סימכע! איז מיילע, איך האָב בײַ אונדזער פאָטער דעם קייסער ניט פאַרדינט קיין רעכט אָפּצוזײַן עטלעכע טעג אין דאָרף בײַם זון, אָבער דו ביסט נאָך דערווײַל ניט געפעפערלעך פאַר דער מאַכט, ביסט דאָך נאָר דערווײַל אַ יאַכסן. ניט עמעס, גאָספּאָדין אוריאַדניק, וואשע בלאַגאָראָדיע, ער האָט דאָך נאָך פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, ביז ער וועט אויסוואַקסן. וואָס, ניין, וואשע בלאַגאָראָדיע?

— בלײַב, בלײַב, — האָט מיך וויטקע אונטערגעוווּנקען.

— איך וועל דיר באַלד „בלײַבן"! — האָט דער אוריאַדניק אויף אים אַ הוקע געטאָן. — אַנו, העט פונדאַנען!

וויטקע האָט זיך געלאָזט לויפן. נאָך באַוויזן אויסשרײַען:

— קום צו פאָרן!

— ער וועט קומען, ער וועט נאָך קומען, — האָט דער זיידע אַ קער געטאָן זיך אין זײַן זײַט, — די צײַטן וועלן ווערן בעסער...

דער אוריאַדניק האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פרייליך פאַרשטשירעט אויג, אַ כמיקע געטאָן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גענומען בײַם פעטער אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט:

— אָט אָ־די צײַטן, יאַסקע, וועלכע דו מײנסט... וועסט אויף זיי לאַנג דאַרפן וואַרטן...

דער זיידע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. דאָ האָט דער פעטער אָפּגערופן דעם אוריאַדניק אין אַ זײַט, עפּעס איבערגערעדט, נאָכדעם זײַנען זיי אַרײַן אין שטוב און זיך דאָרט אַ לענגערע ווײַלע פאַרהאַלטן. אַרויס איז דער אוריאַדניק פון דאָרטן מיט אַ לײַכטער פאַרב אויף די באַקן, מיט פריילעך פאַרנעפּלטע אויגן, זיך באַלעקט, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, ער האַלט די האַנט אין קעשענע פונעם מונדיר, טאַפּט דאָרט עפּעס אָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם זיידן, קוקנדיק אויף אים גוטמוטיק־גרינגשעצעריש:

— איז, אַלזאָ, יאַסקע, לויט די געזעצן פון דער ראַסייסקער אימפּעריע, לויט די געזעצן דאַרף איך דיך אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ. איר זאָלט אויף ווײַטער געדענקען, ווו איר מעגט זײַן און ווו איר טאָרט ניט. נאָר ווייס מײַן גוטסקייט, פאַרנעם זיך פונדאַנען, און נאָכאַמאָל — זע!

מיר זײַנען אַוועקגעפאָרן אין שטעטל מיטן זעלבן וועג צוריק.

און ווידער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע דאַרפישע גאַס, אַ קלויסטערל, אַ פעלד מיט צלאָמים, פעלדער מיט גאָלדענעם קאָרן און אַ הייסע זומערדיקע זון. אָבער אויפן האַרצן איז בײַ מיר געווען שטאַרק אָנגעזאָליעט. איך האָב אַפילע אינדערשטיל אַ וויין געטאָן, קיינער זאָל ניט זען.

אָט דאָס איז געווען „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ"!

ווײַזט אויס, אַז פאַר וויקען איז אָט אָ־דאָס אַלטע אומפאַרשטענדלעכע וואָרט דאָך פאַרבליבן ניט אינגאַנצן קלאָר.

— יאָ, — האָט זי געקנייטשט מיטן אַקסל, — אָבער...

— וואָס „אָבער"?

וויקען איז דאָך געבליבן אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס האָבן מיר מיטן זיידן ניט געטאָרט קומען צוגאַסט אין וואַסיליעווסקי כוטאָר, פאַרוואָס איז אַליין דער אוריאַדניק געקומען אונדז פון דאָרטן אַרויסטרײַבן. אַלע האָבן געמעגט דאָרט זײַן, און איך מיטן זיידן — ניט.

— פאַרוואָס?..

פּראָזע

באַרעך שייַנגאוטער

פּראַו לוזאַ

אייבערן שלאכטפעלד פּאַראַשעט א שניי־
עלע. עס רויכערט זיך צווישן די גרויזאַמע
הארמאטן, קלעפּט זיך שפּילעוודיק צו די
קאַלטע רערן, דערווייַל — קאַלטע...
מייַן נאַוואָדטשיק זאַריאַנאָוו באַסעוועט צו
מיר אַף זייַן אוראלישער געצויגענער אויס־
שפּראַך, אָפּט מישט ער אַרייַן דאָס וואָרט
„אַדנאַקאָ“.
— זע, סערזשאַנט, ווי די סיסטעמעס שטייען
זיך אין אָרדענונג, אַקוראַט, ווי אַף א פּאַראַד!
מיר וועלן, „אַדנאַקאָ“, א קוק טאָן נאָך דער
זאַוואַרושקע, וויפל פון זיי וועלן ליגן מיט
די רעדער אַרויף, מיט די נעזער אין שוואַרצן
שניי. געדענקסט?! אוך, וועט זיך באַלד א גיס
טאָן די רויטע יושקע אַפן שניי!
— פון וועמען?
— פון זיי, פאַרשטייט זיך. אָבער דו ווייסט
דאָך, וויאַזוי זיי ענטפערן!
איך קוק אַף זייַן ברייט געשטופּלט פּאַ־
נעם — קיין סימען פון אומרו.
זאַריאַנאָוו פאַרייכערט. ער גיט א פּאָר
האַסטיקע צי דעם מאַכאָרקע־רויך, דאָס פייַערל
באַלויכט זייַן פּאָנעם. די שטופּלען טרעטן
אַרויס בוילעטער.
— סערזשאַנט, — ווענדט ער זיך צו מיר, —
דו ביסט דאָך אַן אַרטעלסקי יאַט, זאָג מיר,
וועגן וואָס טראַכסטו איצט? — ער זאָגט עס
און שמייכלט צום אַרויסגעלאָזטן רויך.
— וועגן וואָס איך טראַכט? איך טראַכט דיר
זאָגן, אַז דו זאָלסט אויסווישן די פּאַנאָראַמע.
אין פּופּצן מינוט אַרום הייבט זיך אָן.
איך נעם אַרויס דאָס שטיקל שפּיגעלע, קוק
ביגנייווע אַרייַן זיך אין פּאַנעם — א טיפע
בענקשאַפט קוקט אַרויס פון מייַנע אויגן.
פיר אַזייגער. ראַקעטעס!
די הארמאטן האָבן שווער אופגעציטערט,
זיך א שלייַדער געטאָן פּאַראויס־צוריק. א
פילטויזנטיקער דונער־קראַך האָט אופגע־
טרייסלט דאָס פאַרשנייטע פעלד. די פּולווער־
גאַזן האָבן אָנגעפילט דעם אַרום מיט א געלן
כוישעך. איבער די קעפּ האָט זיך צעבושע־
וועט א הוראַגאַן. די דייַטשן האָבן געענטפערט
מיט א האָגל פון סנאַריאַדן. דעם טונקעלן
הימל האָבן צעפּאַסעוועט פילפאַרביקע טראַ־
סיר־סנאַריאַדן — בונט־רויטע, העל־געלע, פּי־
אָלעטעווע... דאָס דונערן האָט זיך פאַרוואַנדלט
אין א הודערייַ און וואָיערייַ, און ווען דאָס
אַלץ האָט געפּלאַצט אין די אויערן, איז איינ־
גאַנצן שטיל געוואָרן.
ווי אין א כאָלעם האָבן מייַנע אויגן גע־
שפּירט, ווי עס ציִען זיך פּאַראויס־צוריק די
הארמאטן־רערן, ווי עס טיילן זיך פון זיי אָפּ
און פאַרשווינדן לייַכטע גרויע רויכלעך, פּליִען
אַרויס אָראַנזשעווע פלעמלעך. און צווישן די
פילפאַרביקע טראַסיר־סנאַריאַדן האָט זיך גע־
פּלאָנטערט די טויט־בלאַסע לעוואָנע — א דער־
שיטערטע און דערצאַרנטע, האָט זי צוגעקוקט,
ווי מענטשן קומען אום.
צו דער וואָר האָט מיך אומגעקערט א
הייסער שטראָם, וואָס האָט באַוואַשן מייַן
קאַסקע. דאָס האָט א שפּריץ געטאָן פון אונ־
דזער הארמאטן־רער די טאַרמאַז־פליסיקייַט.
זאַריאַנאָוו האָט צו מיר א קער געטאָן דאָס
פאַרקאַפּטיעטע פּאָנעם, פון וועלכן עס האָבן

זיך בלויז אויסגעזען זײַנע צײן און די אויגן. לויט די באַוועגונגען פון זײַנע ליפּן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער שרײַט צו מיר:

— אַט־סטרע־ליאַ־ליס!

דאָס האָב איך אַליין געוווּסט.

איך האָב אָנגעוויזן אַפן לאַפּעט:

— זעצט זיך.

וואָס טוען סאָלדאַטן, ווען זיי הערן אויף צו שיסן? זיי פאַררייכערן. איך האָב גערייכערט, און פאַר מײַנע אויגן האָט געווירבלט דער געלער כווישעך. איבערן קאָפּ האָבן זיך ווי געטראָגן שנעלצוגן. די אופּציטערנדיקע ערד האָט מיך אײַנגעוויגט, און דער טויט־מידער קאָפּ איז פאַרזונקען אין שלאָף.

ניט לאַנג האָט דער אומרויִקער שלאָף געדויערט. ווען כ'האָב אופגעמאַכט די אויגן, האָב איך דערזען, ווי אין גרויען באַגינען הענגען ווײַסע ראַקעטעס.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט: וווּהין איז אַהינגעקומען די שטרענגע אָרדענונג פון די פײַער־פּאָזיציעס? א סאַך האַרמאַטן זײַנען געלעגן מיט די רעדער אַרויף, מיט די רערן אין שוואַרצן שניי. צווישן די האַרמאַטן — פאַרוואונדעטע און דערהאַרגעטע אַרטילעריסטן. פאַר די טויטע האָט זיך די מילכאָמע פאַרענדיקט. נאָר מיר, לעבעדיקע, האָבן געדאַרפט גיין פאַרויס, אײַנעמען שטעט. און נאָך דעם ווי מירן באַהערשן דעם באַלאַגערטן קעניגסבערג, אַרויסגיין צום ברעג פונעם באַלטישן יאַם, צום אײַנפלוס פרישגאַף, וועלכער האָט גרויזאַם געשלײַדערט די טונקעלע כוואַליעס צו א שטאָט מיט א פינצטערן נאָמען — ראַזענבערג...

נאָך אונדזער אַרטילעריסטיש פײַער האָט אַף דער ערד פון מיזרעך־פּרײַסן געהערשט א טויט־שאַק. ערטערווײַז זײַנען די סאָנים געלעגן, ווי אַרויסגעוואָרפענע פיש פון א שטורעמדיקן יאַם. נאָר קוקן אַף דערהאַרגעטע סאָנים ברענגט ניט קיין פאַרגעניגן: טויטע, האָבן זיי אויסגעזען ווי היטלערס קאַרבאַנעס.

דאָס באַשאָטענע מיט האַרוגים פעלד האָט באַוויזן דעם אומזין פון מילכאָמע, דערציילט, אין וואָס פאַר א טויט־געפּאַר עס שטעלט זיך א פאָלק, וואָס שטרעבט צו פאַרפאָלגן פעלקער.

אין גאַמביניען האָב איך איבערגעלעבט אַזוינס, וואָס מע קאָן ניט פאַרגעסן דאָס גאַנצע לעבן. פאַרן אײַנעמען די דאָזיקע שטאָט האָט מען אונדז געגעבן עטלעכע שאָ אַף אָפּרוען זיך און אַף צו ברענגען אין אָרדענונג דאָס געווער.

ווען אונדזער האַרמאַט האָט שוין אויסגעזען ווי א נײַער, האָב איך צו אים אוועקגעשטעלט א וואַך און צוזאַמען מיט זאַריאַנאָוון אוועק א קוק טאָן אַף דער שטאָט, וואָס האָט זיך אַזוי טײַוואָלאָניש געראַנגלט צוויי מעסלעס דורכאַנאַנד.

גייענדיק איבער א גאַס, ווו די מערהײַט געבײַדעס זײַנען געלעגן אין כורוועס און אייניקע האָבן נאָך געברענט, האָבן מיר פון א האַלב־צעררוינירטן מויער דערהערט ראַיאַל־מוזיק. אין ערגעץ איז ניט געווען צו זען קיין לעבעדיקע נעשאָמעס, און דאָ שפּילט מען אַף א ראַיאַל, און נאָך אַזוי ראַשיק! עפּשער עמעצער פון אונדזערע?

נעמענדיק אַף יעדן פאַל די אויטאָמאַטן באַקוועמער אין די הענט, זײַנען מיר ארויף אַף די טרעפּ. פיר טירן. איך האָב א שטויס געטאָן יענע, פון וועלכער עס האָט זיך געהערט די מוזיק.

די טיר האָט זיך לײַכט אופגעעפנט. פאַרוואונדערטע זײַנען מיר געבליבן שטיין אַף דער שוועל — באַם ראַיאַל איז געזעסן א דײַטשקע. די ערשטע דײַטשקע, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין מיזרעך־פּרײַסן.

זי האָט אַף אונדז א קוק געטאָן. אין איר בליק איז ניט געווען קיין פּאַכעד — ער האָט אויסגעדריקט ביטל. איר מויל האָט זיך א קרים געטאָן אַף רעכטס, און ניט לייגנדיק מער אַף אונדז קיין אַכט, האָט זי ווידער אָנגעצילט די פינגער אַף די קלאַווישן. טרויעריקע אַקאָרדן האָבן אָנגעפילט דעם צימער.

איך האָב א קוק געטאָן אַף זאַריאַנאָוון.

— א מאָדנע דאַמעטשקע, אָדנאַקאָ, — האָט ער אַרויסגעבאַסעוועט.

— ניט דאַמעטשקע — פּראַו, — האָב איך אים פאַריכט.

דערהערנדיק דאָס היימישע וואָרט, האָט די פּרוי אַף מיר א קוק געטאָן. אין אירע אויגן האָט א לויכט געטאָן א צולאָכעסדיק געלעכטער.

זי האָט עפּעס שטיל א מורמל געגעבן. מיר האָט זיך געדוכט: „ברוטאַלע עסעסן!"

מיר זײַנען צוגעגאַן נעענטער צום ראַיאַל. איר האָט מען געקאָנט געבן א יאָר פינף און דרײַסיק. דאָס לענגלעכע געל־בלאַסע פּאָנעם מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעפלעך האָט מיט עפּעס דערמאָנט אַן אָפּגעריבענעם זילבערנעם רובל. די האָר — גלאַטע, געלע, די אויגן — צוויי אָנגעשטרענגטע געלע פינטלעך.

דאָס גראַציעזע האַלטן זיך באַם אינסטרומענט און דער שווינדל־פלאַטער פון אירע גענייטע פינגער איבער די קלאַווישן האָבן איידעס געזאָגט, אַז מוזיק איז איר באַרוף.

דאָס, וואָס זי האָט געשפּילט א מינאָרע מעלאָדיע, האָט מיך אופגעבראַכט.

אין יענער צאָרנדיקער צײַט האָט מײַן האַרץ

ניט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז עמעצער פון די דײַטשן זאָל רעכט האָבן צו טרויערן.

אײַנהאַלטנדיק אין זיך די אופרעגונג, האָב איך באַ איר אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס קלינגט אַזוי מינאָר אײַער מוזיק, פּראַו? וועמען באַקלאָגט איר, די פאַשיסטן? ציִ עפּשער די אומשולדיק־געפאַלענע פון זייערע הענט?

אין אירע געלע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן צוויי בייזע פײַערלעך, און מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט די אויגן פון אונדזערע פרויען, בייס זיי האָבן דערזען באַ זיך אין שטוב דײַטשן...

— פּראַו, — האָב איך אויסגעשריגן, — ציִ ווייסט איר ניט, אַז זיגער באַגעגנט מען מיט אַנדערע בליקן!

— מיט וואָסערע בליקן? — האָט זיך איר מויל כוצפּעדיק פאַרקרימט.

— אומגעפער מיט אַזעלכע, ווי די ייִדישע פרויען האָבן באַגעגנט די פאַשיסטישע הענקער און פאַרגוואַלדיקער.

— אך, יודען! מע האָט דאָך ווען־עס־איז זיך געדאַרפט באַפרײַען פון דעם אומדערטרעכטיקן פאָלק! — האָט זי רויִק אַוועקגעלייגט די הענט אויף די קלאַווישן.

אַ הייסע כוואַליע האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין מויעך. פאַר מײַנע אויגן האָבן דורכגעשווינדלט אָפענע גריבער מיט הרוגים, און צווישן זיי מײַנע עלטערן, מײַנע שוועסטער מיט זייערע קינדער.

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אין אירע אויגן האָט זיך ווידער דורכגעשאַרט דאָס שאָדנפרייידיקע געלעכטערל.

איך האָב אין זיך דערפילט אַן אינערלעכן שטויס — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צווייען.

מיט מיר איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס: איך, אַ סאָוועטישער מיליטערמאַן, האָב אָנגעשטעלט דאָס געווער אויף אַ פרוי!

דער געקלימפּער פונעם אויטאָמאַט־זאַטוואָר איז געבליבן הענגען אין דער לופט.

אינעם געפערלעכן מאָמענט האָבן אירע אומנאַטירלעך־בלישטשענדיקע אויגן העפקערדיק זיך צעלאַכט צום אויטאָמאַט...

די רעגע האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמעצער האָט אַרײַנגעשריִען אין מײַנע אויערן: „פון קיין גײַסטלעך קראַנקע נעמט מען ניט קיין נעקאָמע!" איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם אויטאָמאַט.

אירע אויגן האָבן אופגעהערט צו לאַכן. זיי האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט סינע און פאַראַכטונג.

— פאַרשאָלטענער, ברוטאַלער עסעס! — האָט זי גאַליק אויסגעשריִען. — דו האָסט אין אים געשאָסן! דו!

— אין וועמען?

איר פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט, אײַנגעקאָרטשעט געוואָרן.

— אין מײַן זון! — האָבן מיך ווידער דורכגענומען אירע אויגן.

— וואָס קומט, אָדנאַקאָ, צווישן אײַך פּאָר?! — האָט זאַריאַנאָוו צו מיר אויסגעשריִען.

— זי האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון זיך... אָבער גוט, וואָס כ'האָב אין איר ניט געשאָסן. זי איז אַ דולע. קום פונדאַנען, זאַריאַנאָוו!

אין דער רעגע האָט זיך צעפּראַלט די טיר און עס האָט זיך אַרײַנגעקײַקלט אַ שטול אויף רעדלעך, אין וועלכער ס'איז געזעסן אײַנגעדעקט אין אַ פּלעד אַ באַיאָרטע, דיקע דײַטשקע מיט פולע ראָזע באַקן, פון וועלכע עס האָט זיך קוים אַרויסגעזען אַ קורצע רויטע נאָז. די שטול האָט אַרײַנגעפירט אַ בלאָנד מיידעלע פון אַ יאָר צען.

אַ ווײַלע האָט אונדז די אַלטע באַטראַכט. ווען עס איז צו איר דערגאַנגען, וועמען זי זעט פאַר זיך, האָבן אירע פּוכקע באַקן גענומען ציטערן, די אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און פאַרקײַלעכיקט.

— פרײַ־דרײַ־יך! — האָט זי אויסגעיעכצט און פאַרהילכט דעם צימער מיט געשרייען. באַם מיידעלע זײַנען אופגעריסן געוואָרן די בלויע אויגן. שרײַענדיק, איז זי אַוועק צו דער טיר.

אַ צעטומלטער און צערודערטער פון דער ערשט־איבערגעלעבטער סצענע מיט דער פּיאַניסטקע און פון דער אַלטערס קוילעס, האָב איך אויסגעשריִען:

— אומזיסט איז אײַער שרעק, פּראַו! מיר זײַנען ניט, ווי אײַערע פאַשיסטישע אויסוואָרפן, מיר זײַנען ניט קיין פרויען־ און קינדערהענקער!

ווען די אַלטע האָט, ענדלעך, אופגעהערט צו גוואַלדעווען, האָב איך איר דערציילט, וויאַזוי אירע ברידער זײַנען זיך באַגאַנגען מיט מענטשן, באַזונדערס מיט ייִדן. אָבער ווי גרויס איז געווען מײַן דערשטוינונג, ווען מײַן דערציילונג האָט זי ניט דערשיטערט, ניט דערצאָרנט...

— קלײַבט איר זיך דאָס זעלבע טאָן מיט אונדז?! — האָט ווידער פון אירע ברייט־צעשטעלטע אויגן אַ שפּאַר געטאָן די טעמפּע שרעק.

אין יענער פאַרצווייפלטער צײַט, ווען די דײַטשן האָבן אַרײַנגעלייגט אין דער ערד אַרײַן אַזויפיל שיינע און יונגע לעבנס, האָט דער אַלטערס ציטערן איבער איר געליימטן גוף באַ מיר אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל.

— באַרויִקט זיך, — האָב איך אויסגעשריִען, — מיר איז דערווידער צו קוקן אַף איַיערע דערשראָקענע אויגן!

— וועט מיט אונדז קיין שלעכטס, וואַרשיַינלעך, ניט געשען? — האָט זי מיט ציטער אַרויסגעשטאַמלט.

— נאַטירלעך! איַיער היטלער און איַיער געבעלס האָבן וועגן אונדז געליַיגט! אונדזער אַרמיי טראָגט פריַיהיַיט און פרידן!

— אָ, דאַנקע! דאַנקע! — האָבן אירע אויגן גענומען שמייכלען. און פּלוצעם, ווי מיט א פרעמד קאָל, האָט זי אויסגעשריִען:

— היטלער איז א קוואַטש! א שווינדלער! דריַי טעג, ווי מיר באַקומען ניט קיין פּראָדוקטן, זעקס טעג — קיין פּוטער! געבעלס איז א דומקאָפּף, א פּלאַפּלער! ער האָט געפּילדערט, אַז די רוסן זיַינען בלוטדאָרשטיקע! זיַיט איר דאָך אָבער גוטהאַרציקע! — האָט זי אָנגעשטרענגט געשמייכלט. און ווען אירע נאַיִווע קאָמפּלימענטן האָבן אויך באַ מיר אַרויסגערופן א שמייכל, האָט זי שוין גאַנץ האָפּערדיק אויסגעשריִען: — היטלער, געבעלס — קאַפּוט! מאַרגאָט, מאַרגאָט! — האָט זי אָנגעהויבן רופן דאָס מיידעלע.

דאָס קינד האָט אַריַינגערוקט דאָס קעפּל אין דער האַלב־צעעפנטער טיר, איבערגעפירט דעם דערשראָקענעם בליק, פון דער אַלטער אַף אונדז, זיך ניט דערוואַגט איבערטרעטן די שוועל.

— קום אַריַין, מאַרגאָט, — האָב איך זי דערמונטערט, — קינדער האָבן מיר ליב.

— די הערן רוסן זיַינען גוטהאַרציקע, — האָט די אַלטע צוגעגעבן, — באַגריס זיי.

— גוטען מאָרגען, — האָט דאָס מיידעלע אַריַינגייענדיק קוים אַרויסגעשעפּטשעט און געמאַכט א רעווערַאַנס.

פּלוצעם איז די פרוי האַסטיק אופגעשפּרונגען פונעם ראָיאַל, צוגעלאָפן צום פענצטער, פאַרביַי וועלכן עס האָט זיך געצויגן א רויך פון די גאַסן־סריַיפעס, און מיט אַזאַ געבראָכן און פאַרצווייפלט קאָל אויסגעשריִען: „אָסקאַר!”, אַז דאָס האַרץ איז באַ מיר ווי אַראָפּגעפאַלן. און ווען זי האָט צום צווייטן מאָל אויסגעיעכצט דעם נאָמען, האָב איך דערפילט, אַז זי רופט דעם, וועמ עס איז שוין ניטאָ אַף דער וועלט.

ניט לייגנדיק קיין אַכט אַף די ביַיוועזנדע, האָט זי זיך אומגעקערט צום ראָיאַל און מיט די ציטערנדיקע פינגער פון דער רעכטער האַנט שטיל גענומען א טאָן. דערנאָך האָבן זיך ביידע הענט אירע א שפּרייט געטאָן איבער די קלאַווישן, און איך האָב דערהערט די קלאַנגען פון מאָצאַרטס רעקוויִעם.

איך האָב געקוקט אַף איר, און מיר דאַכט, אַז איך האָב געזען, מאַמאָשעסדיק געזען, ווי די שכינע לייגט זיך אויס אַף איר געזיכט, לייַכט אוף מיט גאָלד אין אירע אויגן.

מיַין בליק איז געפאַלן אַף די ביַיוועזנדיקע.

אין דער אַלטערס אויגן האָט די שרעק פאַרביטן א העוול־האַוואָלים־אויסדרוק. זאַריאַנאָוו האָט אויסגעזען פיַיערלעך־ערנסט. מיטן אווטאָמאַט אַף דער ברוסט, מיט דער קאַסקע, וואָס איז געווען אַראָפּגערוקט נידעריק צו די ברעמען, איז ער ווי פאַרשטאַרט געשטאַנען אין אַן ערן־קאַראַול. דעם מיידעלעס פּאָנעם איז געווען פול מיט אומרו. און פאַר מיַינע אויגן האָט מאָצאַרטס רעקוויִעם אוועקגעשטעלט דאָס שרעקלעכע בילד, וואָס איך האָב פון זיך געטריבן אַלע מילכאָמעיאָרן: דאָס בילד, ווי צווישן א שטאָט ייִדן טריַיבט מען — מיַינע נאָענטסטע צו דער אַקיידע... ווי צווישן אומעטיק־רוישנדיקע בעסוילעם־ביימער גייט א לעוויַיע, א גרויסע לעוויַיע נאָך זיך אַליין.

די פרוי האָט אופגעהערט צו שפּילן. א מידע און אויסגעשעפּטע, איז זי געבליבן זיצן מיט צוגעדריקטע הענט צו דער פלאַכער ברוסט. אירע אויגן זיַינען ווידער געוואָרן צוויי אָנגעשטרענגטע געלע פינטלעך, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט אין עפּעס א פרעמדער וועלט.

די אַלטע האָט פאַרשטאַנען מיַין פרעגנדיקן בליק. צאַרנדיק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט זי גענומען דערציילן:

— פראַו לויִזאַ האָט געלערנט קינדער שפּילן אַף פאָרטעפּיאַנע. איר מאַן, אַלבערט, איז געווען א פידלער. אין די ערשטע יאָרן פון היטלערס הערשאַפט האָבן אים די ברוינע שטורמאָוויקעס פאַרניכטעט — ער איז געווען א ייִד. פראַו לויִזאַ האָט פיַינלעך איבערגעלעבט אַלבערטס טויט. אָבער איצט שפּילט זי דעם רעקוויִעם נאָך איר זון אָסקאַרן, וואָס איז די טעג געפאַלן ביַיס איַיער אָנגריף אַף אונדזער שטאָט. אָסקאַר איז געווען נאָך א קינד פון פופצן יאָר, ער איז געווען א פאָלקס־שטורמיסט. באַנאַכט, ווען גאַמביניען האָט שוין געברענט, איז ער אַהיימגעלאָפן צו זיַין מוטער. ער איז געווען זייער דערשראָקן... פאַרטאָג זיַינען געקומען עסעסן, אים אַרויסגעפירט אין הויף און שריַיענדיק: „צו דער וואַנט, פאַרשאָלטענער יודע”, אים דערשאָסן פאַר דער מוטערס אויגן. יענעם גרויליקן פרימאָרגן איז זי אַראָפּ פון זינען.

אין פראַו לויִזעס אויגן האָט זיך ווידער באַוויזן דאָס באַקאַנטע געלעכטערל. אַף אירע ליפּן האָט געשוועבט א צניִעסדיק־קרענקלעכער שמייכל. קוקנדיק וועג ווייסט וווהין, האָט זי מיט אַן אינערלעכער שטים, ווי ריידנדיק פון היץ, אַרויסגעבראַכט:

— מײַן אלבערט... מיר פלעגן זאלבעצווייט מוזיצירן. מיר האָבן מיט אלבערטן גאסטראָלירט אין גאנצן לאנד. מײַן אלבערט... — האָט זי א פארלוירענע עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט.

מיט טיפן מיטגעפיל האָב איך איצט געקוקט אַף דער פרוי, וועלכע איך האָב ערשט ניט לאנג פארהאסט. ביטערע מאכשאָוועס האָבן געעגבערט מײַן מויעך.

— צײַט צו גיין, — האָט זאריאנאָוו מיך א רוף געטאָן.

„זיי הונגערן דאָך”, — איז מיר דורכגעפלויגן אין מויעך.

איך האָב בא זיך געהאט א שטיקלעך צוואַנציק צוקער. כ׳האָב זיי ארויסגענומען און ארײַנגעלייגט דעם מיידעלע אין די הענטלעך.

— אָ, דאנקע, הער רוסי... — האָט זי געזאָגט, און א הונגער־גלאנץ האָט זיך א מינע געטאָן אין אירע אויגן.

— דאָס איז מײַן כאווער א רוס, מארגאָט, איך בין א ייִד.

בא דער אלטער האָבן זיך פארקײַלעכיקט די פארגאפטע אויגן.

— דער צוקער איז פאר אײַך, פראו לויִזא, — האָב איך געמאכט צו איר א טראָט. אָבער איר בייזער בליק האָט מיך אָפגעשטעלט.

— פארשאָלטענער עסעס! — האָט זי גאליק אויסגעשריִען. אירע אויגן האָבן מיך געשאָלטן.

איך האָב געוואָלט דערקלערן, אז צווישן אונדז איז פאָרגעקומען א מיספארשטייעניש, אז זי פלאָנטערט מיך מיט די עסעסאָווצעס... אָבער וועמען דערקלערן?

א דערשיטערטער, ניט פילנדיק אונטער די פיס די טרעפּ, בין איך ארויס פון דעם דאָזיקן הויז און זיך געלאָזט אײַליק צו מײַן באטארייִ.

■

אין פראָסטיקן אָוונט, ווען מיר זײַנען ארויסגעפאָרן פון גאמביניען, איז אין שטאָט הייס געווען פון די ארומיקע סרייפעס... איבער די גאסן זײַנען געלאָפן דײַטשן: אמערסטנס פרויען, קינדער און אלטע מענער. ווּהין זײַנען זיי געלאָפן פון זייערע הויכע, שיינע מויערן, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט? אין דער טונקעלער ווײַט האָבן זיך געלויכטן סילועטן פון פארהילטע אין פלאַמען פאבריק־קאָרפּוסן.

דער ווינט האָט געשלײַדערט דאָס פײַער פון מויער צו מויער. מיט אומרו האָב איך געקוקט, ווי עס פארנעמט זיך אין פלאמען דאָס הויז, אין וועלכן אינדערפרי האָט מיך געבראכט די ראָיאל־מוזיק.

אפן טראָטואר זײַנען געלאָפן מענטשן. צווישן זיי האָב איך דערזען די שטול אַף רעדלעך...

כ׳האָב באפוילן דעם שאָפער אַף א ווײַלע אָפּשטעלן די מאשין. געכאפט א לעבל ברויט, צוגעלאָפן צו דער באקאנטער פרוי. די קאָליאסקע האָט געשטופּט אן אלטער מאן, פראו לויִזען האָט פאר א האנט געפירט מארגאָט...

— פראו לויִזא! — האָב איך אויסגעשריִען, ארײַנקוקנדיק אין אירע אויגן. זי האָט מיך ניט דערקענט.

איך האָב איר ארײַנגעלייגט דאָס ברויט אין די הענט.

— אָ, בראָט! — האָט זי צו מיר גוטפרײַנטלעך און ווי קאָקעטיש אויסגעשריִען. — אָבער צו וואָס אזויפיל!

— און דו, מארגאָט, ווילסט עסן? — האָב איך געפרעגט דאָס מיידעלע.

— אָ, יאָ! איך בין דאָך הונגעריק! — האָט זי מיט קינדערישער צוטרוילעכקײַט געענטפערט.

איך האָב אין אײַלעניש א פאָך געטאָן מיט דער האנט און בין אוועק צו דער מאשין. אינגיכן איז אלץ פארהילט געוואָרן אין רויך.

אונטער דער שטאָט האָט פון א צווינטער האָפערדיק געקלימפּערט א קירכע־גלאָק. דאָס קלינגערײַ האָט זיך פארלוירן אין דער טונקעלער הייך. דעם נידעריקן צאָפן־האָריזאָנט האָט געריטלט דער אָפּשײַן פון די נאָענטע שלאַכטן, צו וועלכע מײַן באטאַרייע האָט געצילט.

נעכאמע סיראטינע *

א באגעגעניש אין טשערקאס

א שטאָט פון פאַרקישעפטער שיינקייט. די נאַטור האָט באַשאָנקען די דאָזיקע ערד מיט אַלץ, אַף וואָס זי איז נאָר פייִק: דאָ פליסט דער דניעפּער, וועלכן די מענטשן האָבן פאַרוואַנדלט אין א יאַם, די בערג און טאָלן זײַנען באַדעקט מיט א סאָסנע־וואַלד, די ווײַסע און ראָזע אַקאַציע־ביימער פאַרשפּרייטן אין דער לופט א זיסלעך־שטיקנדיקן דופט, וואָס צעשפּרייט זיך אַרום.

ווי לײַכט דאָ עטעמט זיך!

דער מענטש מיט זײַן שעפערישן געדאַנק וויל ניט אָפּשטיין פון דער נאַטור. ער האָט זיך אונטערגענומען פאַרמעסטן מיט איר, און צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אָט דעם אויסערגעוויינלעכן קאַנט.

דער האָטעל, וואָס שטייט אַף ניט קיין הויכן באַרג, שפּיגלט זיך אין דניעפּער. אַזוינס האָב איך באַגעגנט צום ערשטן מאָל (כאָטש כ׳בין אויסגעפאָרן, ווי זאָגט מען עס, א וועלט).

הײַנט די בריקן און בריקעלעך...

קינסטלעך געמאַכטע טײַכעלעך, סאַזשעלקעס, אַרומגעלייגטע מיט ניט שערשאַווע שטיינער, ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסענע, פון וועלכע עס שלאָגן זיך דורך וואַסער־קוואַלן און פאָנטאַנען.

בא די אַספאַלטירטע וועגן זײַנען אַסימעטריש פאַנאַנדערגעוואָרפן פאַרשיידענע בלומען־בייטן, וואָס זעען אויס, ווי די בוקעטן בייס א סאָליוט.

אַז דו קוקסט אַף דער שיינקײַט, ווערט אַזוי גוט אַף דער נעשאָמע. פאַרגעסט אין אַלע דײַגעס און זאָרגן, טראָגסט זיך אַוועק אין אַן אַנדער וועלט. ניט ווילנדיק ווענדן זיך די געדאַנקען צו דער פאַרגאַנגענהײַט, צו דעם דורכגעמאַכטן וועג, וועלכער איז געווען ניט קיין לײַכטער — ס׳איז געווען מילכאָמע אַף דער וועלט!

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט מיט א שמאָלן געשלענגלטן וועג צום דניעפּער. ס׳האָט געבלאָזן א וואַרעם ווינטל, וואָס האָט געצערטלט און אויסגעגלעט מײַנע קנייטשן אַפן פּאָנעם און ווי א קאַוואַלער מיך אונטערגעכאַפּט אונטערן אָרעם און געהאָלפן אַראָפּלאָזן זיך צום ברעג.

ס׳טרעפט אַזוי: גייסט, דאַכט זיך, און טראַכסט, דאַכט זיך, וועגן יאַם, די כוואַליעס שלאָגן זיך אין ברעג. דער טאָג איז א קילער. די זון האָט זיך ניט אַף לאַנג באַוויזן און זיך גלײַך באַהאַלטן. ס׳מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז זי רייצט זיך.

כ׳ווייס אַליין ניט וויאַזוי, נאָר ס׳האָט מיך א טראָג געטאָן אַהין, אין דער פאַרגאַנגענהײַט, צו דער צײַט פון מילכאָמע.

דער מאַן איז אַפן פראָנט, ניטאָ קיין בריוו. די ברידער אַפן פראָנט — ניטאָ קיין שום פאַרבינדונג. וווּ עס זײַנען אַלע מײַנע אייגענע, ווייס איך ניט.

א האַלב־הונגעריקע, אומעטיקע בלאָנקע איך אַזוי איבער דער שטאָט. פּלוצעם האָב איך דערהערט א שטים, א באַקאַנטע, נאָענטע, אייגענע, דאַכט זיך, מײַן מאַן רופט מיך: „נינע! נעכאַמע!”. איך האָב זיך א קער געגעבן אין יענער זײַט, פונוואַנען ס׳האָט זיך דערטראָגן דאָס קאָל, איך האָב אָבער קיינעם ניט געזען. כ׳האָב ביטער א שמייכל געטאָן — ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן. איבער דער שטאָט זײַנען געגאַנגען א סאַך מיליטער־לײַט. נו, איז וואָס? איז ווי קומט אַהער מײַן מאַן? ער איז דאָך איצט געוויס אין סאַמע פײַער. און דערפאַר איז קיין בריוו ניטאָ...

מיר האָט זיך פּאָשעט פאַרוואָלט אים זען, דעריבער האָט זיך מיר אויסגעוויזן.

כ׳בין אַוועק ווײַטער. וווּהין? צו וואָס? איך ווייס ניט. אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עמעצער יאָגט מיך אָן. כ׳האָב אַפילע דערפילט, שוין גאָר נאָענט, דעם אָטעם זײַנעם. כאָטש איך בין ניט פון די שרעקעוודיקע, נאָר דאָך האָב איך זיך א ביסעלע דערשראָקן און זיך געלאָזט גיין גיכער, קימאַט לויפן. מאַלע

ווער סע קאָן זיך צוטשעפּען. און ווידער הער איך: „נינע, נעכאַמעלע, שטיי! דאָס בין איך!".

יאָ! ס'איז זײַן שטים, אָן צווייפל, פאַרוואָס זשע אנטלויף איך?

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, נאָר איך האָב נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז סע קאָן אַזוינס פּאַסירן, אַז דאָס קאָן זײַן ער.

איך האָב זיך אויסגעקערעוועט. „אָ, גאָט מײַנער!" — האָט זיך באַ מיר ארויסגעריסן פון הארצן.

פון דער האַלב־פינצטערניש איז ער געגאַנגען מיר אנטקעגן. ער, מײַן פישל, מיט זײַן שטאַרקן שפּאַן, פאַרברוינט־שיין. זײַנע מענעריש־אויסגעטאָקטע ליפּן האָבן זיך אופגעעפנט און באַוויזן זײַנע געטאָקטע ציין.

מאָדנע, ווי־אַזוי האָב איך עס אַלץ געקאָנט זען אַף אַ מעהאַלעך? איך האָב זיך ניט פאַרלאָרן און אַפילע ניט פאַרוואונדערט. מיר האָט זיך עס אַלץ אויסגעגעבן גאַנץ נאַטירלעך. אין לעבן טרעפט אַלץ. איך האָב געגלייבט: מיר וועלן זיך אומבאַדינגט זען. ער לעבט! און ערשט דעמלט, ווען ער האָט, גייענדיק מיר אנטקעגן, איבערגעכאַזערט זײַנע ליבע ווערטער: „נעכאַמעלע, ניניטשקעלע, מײַן מיידעלע", האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע אָרעמס. לאַנג זײַנען מיר געשטאַנען ארומגענומען, ווי פאַרשטיינערט, ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך רירן פונעם אָרט... ארום האָבן זיך שוין צונויפגענומען מענטשן און געקוקט אַף אונדז ווער מיט אַ שמייכל, ווער מיט אַ זיפץ. אייניקע פרויען האָבן געלאָזט אַ טרער. ס'האָבן זיך דערטראָגן באַזונדערע ווערטער: „אָט אַ באַגעגעניש! סאַרא גליקלעכע!" יאָ... אָפּגעגליקט... אָבער לאַנג אַזוי שטיין האָבן מיר ניט געקאָנט.

— נעכאַמעלע, מע דאַרף גיין, כ'האָב ווייניק צײַט. בלויז ביז אינדערפרי, — האָט ער מיט אַ ציטעריק קאָל געזאָגט. — מע דאַרף זיך אײַלן. ס'איז דאָ אַ סאַך צו ריידן און דערציילן! — נאָר ס'האָט זיך, פאַרקערט, געוואָלט שווײַגן, און מיר האָבן טאַקע געשוויגן. געקוקט איינער אַפן אַנדערן, די אויגן האָבן גערעדט... געקוקט, באַטראַכט. יאָ, אַ ביסל פאַרעלטערט געוואָרן. אַז ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָב איך דערזען זײַנע בלאָנדע געקרײַזלטע האָר מיטן גרויסן שיינעם שטערן (אַפן פּראָנט איז ער דאָך אוועק אַ געשוירענער). ווי שטענדיק, אַקוראַט די שטיוול ריין אויסגעפּוצט. אַ נײַע גוטע שינעל. שוין ניט קיין סאָלדאַט — אַ קאַפּיטאַן מיט צוויי אָרדענס.

— פאַר וואָס?

— פאַר פאַרסירן דעם דניעפּער און פאַר וואַראָניעזש.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געשריבן?

— ניט געקאָנט, געווען אין ארומרינגלונג. — נאָר דו זעסט, איך לעב און בין געזונט.

— לאָמיר די טעלעכע שאַ וועגן מילכאָמע ניט ריידן...

— וווהין וועלן מיר גיין?

— קום אין פּאַרק, דאָ איז זייער אַ גוטער פּאַרק.

— ניין, פריִער אַפן וואָקזאַל, דאָרטן שטייט מײַן טייל, דאָרטן זײַנען מײַנע כאַווײרים, מיט וועלכע איך דאַרף זיך אומקערן צוריק אַפן פּראָנט.

— אָבער אהין לאָזט מען דאָך אַרײַן נאָר מיליטערלײַט.

ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך די שינעל, געהייסן מיר אָנטאָן. מיר זײַנען אוועק צום וואָקזאַל. אַז מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום זאַל, וווּ ס'איז געשטאַנען זײַן טייל, האָט ער זיך געווענדט צום דעזשורנעם, אים עפּעס געזאָגט שטילערהייט. יענער האָט מיט אַ גוטן מיטפילנדיקן שמייכל אַ קוק געגעבן אַף מיר און געהייסן דורכגיין.

אין זאַל איז געווען פול, ענג, אָנגערייכערט. די לופט קאָטש שנײַד מיט אַ מעסער. ווער אַף בענק, ווער אַפן דיל.

ליבהאָבער פון מוזיק און געזאַנג האָבן זיך געווענדט צום אַקאָרדעאָניסט.

און יענער, וואסיע האָט מען אים גערופן, האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ס'האָבן זיך גענומען גיסן הארציקע קלאַנגען:

„סאַלאַווי סאַלאַווי, ניע טרעוואָזשטיע סאַלדאַט,
פּוסט סאַלדאַטי ניעמנאָגאָ פּאַספּיאַט..."

אייניקע האָבן שטייענדיק געשריבן בריוו. אַ גרופּע האָט זיך אײַנגעאָרדנט באַם טיש פּונעם געוועזענעם בופעט און געשפּילט אין דאָמינאָ. זיי האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן געקלאַפּט מיט די ביינדלעך.

פישל האָט מיך געהאַלטן באַ דער האַנט, צעשטופּט ווי נאָר ער האָט געקאָנט די זעלנער:

— דערלויבט, דערלויבט דורכגיין, — האָט ער אַלץ איבערגעכאַזערט.

איך בין נאָך אים נאָכגעגאַנגען, קוים זיך דורכגעשטופּט, געפּלאָנטערט אין דער שינעל. סאָפּקאָלסאָף דערגרייכט דעם ציל — אַרײַן אין סטאַלאָווע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קוידעמקאָל דאַרף מען מיך אָנקאָרמעווען. מע האָט דערלאַנגט אַ הירזשענעם סופּ מיט פלייש... מײַנע אויגן האָבן ניט געגלייבט. פונוואַנען? אַזאַ דעליקאַטעס, סע שמעקט טאַם גאַניידן! איך האָב געקוקט אַפן טעלער סופּ, ווי אַ קינד אַף נאַשערײַ, וואָס וואָלט קעדײַ געווען באַהאַלטן אַף דערנאָך... איך האָב ניט אויסגעהאַלטן — מיט גרויס אימפּעט האָב איך אַ כאַפּ

געטאָן דעם לעפּל און גיך אָנגעהויבן שלינגען דעם געשמאַקסטן סופּ אויף דער וועלט, וועלכער האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן. פישל האָט געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע פאַרכטע אויגן.

איך האָב אים געענטפערט מיט א דאַנקבאַרן שמייכל. ער האָט די גאַנצע צײַט געמורמלט:

— נעבאַמישקעלע מײַנע, ליבע מײַנע...

ער האָט באַמערקט, ווי איך האָב פלײַסיק אַרײַנגעשלונגען דאָס שטיקעלע פלייש. ער האָט זיך קימאַט ניט צוגערירט צו זײַן טעלער סופּ. אַלץ נאָכגעשפּירט נאָך מיר. פּלוצעם זאָגט ער:

— דריי זיך אויס און גיב א קוק אָט אַהין, אָט בײַ יענעם טיש, זעסט דעם מאַיאָר? דאָס איז מײַן קאָמאַנדיר, מיט אים צוזאַמען געווען אין די שלאַכטן, מיט אים אין אַרומרינגלונג און מיט אים צוריק אויפן פראָנט! זייער א קלוגער מענטש. מיר האָבן זיך זייער באַפרײַנדעט. דערצו נאָך לאָזט זיך אויס, אַז מיר זײַנען אין איין אָרט געבוירן געוואָרן, ביידע פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. נישקאָשע, נעבאַמקעלע! — גיך, גאָר גיך וועט שוין קומען דער סאָף.

יאָ, בײַם טיש אין א ווינקל, הינטער מײַן פּלייצע, איז ער געזעסן. א קרעפּטיקער מאַנצביל מיט א שוואַרצער געקרײַזלטער שעוועליורע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך דורכגעוואָרפן א סאַך זילבערנע האָר.

פאַר דער צײַט, וואָס איך האָב פאַנאַנדערגעקוקט דעם מאַיאָר, האָט באַוויזן אויסוואַקסן בײַ מיר אין טעלער א נײַ שטיקל פלייש. איך האָב פאַרשטאַנען און ניט געוואַגט פּראָטעסטירן, ווײַל דאָס איז געווען פאַר אים, פאַר פישלען, א פאַרגעניגן, אַלץ, וואָס ער קאָן פאַר מיר איצט טאָן.

אַז איך האָב פאַרענדיקט, ריכטיקער געזאָגט, אויסגעלעקט מײַן טעלער, איז מײַן מאַן צוגעגאַנגען צום מאַיאָר, אים פאַרטרויט א סאָד. יענער האָט א קוק געגעבן אין מײַן זײַט, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, פאַררייכערט און באַגלייט אונדז מיט א גוטן בליק. מיר זײַנען אַרויס פון גאָרקיד. אין דרויסן איז געווען פריש, אָבער גוט. מיך האָט דערוואַרעמט דאָס עסן און אויך די שינעל אויף מײַנע אַקסל, וועלכע האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד. מײַן ליבער האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט. אַך, ווי גוט! גליקלעכער פון אונדז איז, ווײַזט אויס, קיינער ניט געווען אויף דער וועלט.

— וווהין וועלן מיר גיין?

איך האָב געלעבט בײַ פרעמדע אין א קיך און בין געווען דאָרט ניט אַליין. זײַנען מיר אַוועק שפּאַצירן, בלאָנדזשען איבער דער שטאָט.

ס׳איז געווען א ליכטיק־העלע אויסגעשטערנטע נאַכט, א ריינער הימל, ריין, ווי אונדזערע הערצער.

מיר האָבן געפילט, אַז מיר זײַנען אין דער וועלט פון ניסים. אונדזער באַגעגעניש איז דאָך טאַקע געווען א נעס.

מיר זײַנען אַוועק אין פּאַרק. מיר האָבן געפילט, ווי עס קלאַפּן אונדזערע הערצער, זיך אָפּגעשטעלט, געקושט זיך. ס׳האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

מיינט אָבער ניט, אַז מיר זײַנען דאָ געווען די איינציקע. א סאַך אַזוינע פּאָרלעך האָבן דאָ אַרומגעבלאָנקעט. עמעצער האָט שטיל געלאַכט, עמעצער האָט געוויינט, און אַנדערע האָבן געזונגען.

פישל האָט מיך אויך געבעטן, איך זאָל אים זינגען „וו זעמליאַנקע”. האָב איך אים געזונגען. דערנאָך האָבן מיר איניינעם געזונגען „טיאָמנאַיאַ נאָטש”.

אונטער די פיס האָבן געשורשעט געלע בלעטער. ווי א גוט ווייך געלעגער זײַנען זיי געווען פאַר אונדז...

די נאַכט — ווי א בליץ. ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. ס׳איז אונדז געוואָרן קיל. מיר האָבן זיך ביידע אײַנגעהילט אין דער שינעל. אַך, די שינעל! מיט גרויס דאַנקבאַרקײַט און מיט גרויס היספּײַלעס דערמאָנען זי די פראָנטמענטשן. אונדז האָט זי אין יענער נאַכט דערוואַרעמט, פאַרהילט און פאַרייניקט... אַך, ווי שווער ס׳איז געווען מיט איר זיך שיידן!

גאַנצפרי זײַנען מיר אַוועק צום וואָקזאַל. דאָ זײַנען שוין געווען א סאַך מענטשן. עס זײַנען געווען א סאַך פרויען, מאַמעס, שוועסטער, קאַלעס און אַפילו באָבעס.

■

אַזוי שטייענדיק טיף פאַרטראַכט בײַם ברעג פון גרויסן טײַך, אונטער דעם איינטאָניקן רויש פון די כוואַליעס, האָב איך פּלוצעם דערהערט דאָס קאָל פון א ייִנגעלע:

— באַבוסיאַ! וועגן וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?

ווי פון א כאָלעם האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

— האַ, וואָס? זאָגסט מיר עפּעס?

לעבן מיר איז געשטאַנען א פּעסט אוקראַיִניש ייִנגל, ער האָט זיך געפלײַסט וואָס ווײַטער פאַרוואַרפן זײַנע שטיינדלעך אין וואַסער אַרײַן, אָבער ניט אַלעמאָל האָט זיך אים אײַנגעגעבן דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן ציל. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך בין אויך פאַרטאָן אין זײַנע שטיינדלעך. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט באַווײַזן, אַז ער טרעפט אין דעם אָנגעמערקטן אָרט.

— נו, אָט, באַבוסיאַ, קוק! איצט וועל איך אומבאַדינגט טרעפן.

און ווירקלעך — געטראָפן.

— מאַלאַדיעץ! — כ׳האָב זיך געלאָזט גיין. אויסגעטאָן די טופל און אַרײַן אין וואַסער. די כוואַליעס האָבן מיך באַשפּריצט. ס׳איז געווען זייער אָנגענעם.

דאָס ייִנגעלע האָט מיר נאָכגעשריִען:

— וווּהין, באַבוסיאַ? קוקט, איך קאָן נאָך ווײַטער וואַרפן!

— נו, נו! קינד, וואַרף וואָס ווײַטער! אַנטשולדיק, איך האָב קיין צײַט ניט. איך דאַרף גיין גרייטן די לימודים. פֿאַרשטאַנען?

ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל.

דאָס יאַטל האָט איבערגעשלאָגן מײַנע געדאַנקען, זיך אומקערן צוריק צו די דערינערונגען איז שוין געווען שווער. גאָר אַנדערע זיכרוינעס זײַנען אויפֿגעשווומען און האָבן אַלץ איבערגעפּלאָנטערט. און צעשיידט מיט פּישלען האָבן מיר זיך טאַקע דאָרט, אַפֿן וואָקזאַל. יעדן איז באַקאַנט, וואָס עס באַטײַט זיך צעשיידן, איבערהויפּט אין צײַט פֿון מילכאָמע, ווען דו ווייסט ניט וויאַזוי צו זאָגן: „אַף ווידערזען" צי „פֿאַרבלײַב געזונט".

— איך גלייב, אַז דו וועסט זיך אומקערן!

און ער האָט פֿון דער טעפּלושקע געשריִען צו מיר:

— כ׳וועל זיך אומבאַדינגט אומקערן!

קריטיק

יאַנקעוו פּליך

„מײַלעך מאַגנוס"

זאָגן וועגן דעם ניסטער, אַז ער איז אַ זעלטענער וואָרט־מײַסטער און סטיליסט, וועט אַמווייניקסטן קלינגען באַנאַל. דאַך איז שווער צו געפֿינען אַנדערע ווערטער אַף אויסצודריקן דעם אײַנדרוק פֿון דער שפּראַך און סטיל אין דער דערציילונג „מײַלעך מאַגנוס". עס איבעראַשט ניט נאָר די שפּראַך־רײַכקײַט, נאָר דער לאָגישער געבוי, די פּרײַקײַט פֿון וואָרט, די גרויסע פּינקטלעכקײַט פֿון יעדער פֿראַזע.

אַף אַרומצוכאַפּן אַזאַ מאַטעריאַל און אַזוי אויספֿירלעך אים שילדערן, וואָלט אַן אַנדער פּראָזאִיקער געדאַרפֿט אָנשרײַבן אַ גאַנצן בוך, דער ניסטער אָבער באַנוגט זיך מיט עטלעכע צענדליק זײַטלעך.

נאָר גרויסע קינסטלער זײַנען אימשטאַנד פֿרײַ און נאַטירלעך, אָן אַ שעמעץ אָנגעצויגנקײַט, אויסערלעך פּאָשעט, גלײַך ווי עס פֿאָדערט ניט קיין שום אָנשטרענגונג, אַזוי פֿאַרבינדן דעם אַמאָל מיטן הײַנט, ווי דאָס איז אין דעם ניסטערס דערציילונג. אין דער שילדערונג פֿונעם אַמאָל, פֿאַרן לייענער שוין אַ ווײַט היסטאָרישן, אַנטשטייען פֿאַר אונדז בילדער, מאַמעש אַרויסגעכאַפּט פֿון דער ווירקלעכקײַט.

כ׳האָב דאָ אין זינען די טוער פֿון פֿאַרשיידענע לינקע פּאַרטייען ערעוו דער רעוואָליוציע פֿון 1905 יאָר, מענטשן, וואָס בלאָנקען אַרום נאָכן דורכפֿאַל, ווי אַף אַן אוילעם־האַטויהו און זעען אויס ווי אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס, סײַ די עקסטערניקעס און לערן־יוגנט פֿון די הויכשולן, וואָס זײַנען געצווונגען געווען צוליב אַ געמיין ווינקל אַף צו וווינען און אַ טרוקן שטיקל ברויט אָפּגעבן די בעסטע שאָען פֿון זייער צײַט פֿאַר פּריוואַטע לעקציעס. געצוימט אין רוים, אָבער אַזוי קרעפּטיק און קינסטלעריש בוילעט געשילדערט, שטייען די העלדן ווי לעבעדיקע פֿאַר די אויגן. זיי זײַנען אַזוי עמעסדיק און טיפּיש, מיט אַזאַ קענטעניש געמאָלט, אַז ניט זעלטן גלוסט זיך דעם לייענער אָנרופֿן דעם העלד פֿון דער דערציילונג מיט אַן אַנדער נאָמען, מיטן נאָמען פֿון זײַנעם אַ באַקאַנטן. דאָס טיפּישע פֿאַרשטעלט דאָ ניט דאָס אינדיווידועלע, פֿאַרקערט, אַדאַנק די סוביעקטיווע אייגנשאַפֿטן, וואָס זײַנען געבונדן מיט דער צײַט און דער געגעבענער סוויווע, טרעט אַזוי בוילעט אַרויס דאָס טיפּישע.

ניט גרויס אין צאָל איז די געשטאַלטן־גאַ־

לערייע. זיי פארפילן אָבער פולקאָם דעם רוים, זיי גיבן א פאָרשטעלונג וועגן דעם ייִדישן לעבן פון יענער צייַט. מיר ווערן באקאנט מיט זייערע פארשיידענע פארנאָסעס און באשעפטיקונגען, מיט זייערע פאָרשטעלונגען און האָסאגעס, מיט זייערע געזעלשאפטלעכע אינטערעסן און אידעאלן. אויסדריקלעך איז באוויזן די אָפּפערוויליקע שטודירנדיקע יוגנט, וואָס איז גרייט צוליב טוירע לישמאָ אָף די גרעסטע מאטערנישן. די בעסערע און אָרעמערע טייל פון דער שטודירנדיקער יוגנט פירט אן אסקעטיש לעבן, זי איז ווייַט ניט נאָר פון קאריעריזם, וואָס איז איר אבסאָליוט פרעמד, זי, די יוגנט, וויל אפילע ניט פארוואנדלען די דראָבערטע יעדיעס אלס קוואל פון פארנאָסע. די דאזיקע טענדענץ איז אויסגעדריקט אין דער געשטאלט פונעם הויפט־העלד פון דער דערציילונג — אין מיילעך מאגנוס.

די פערזענלעכקייַט פונעם הויפט־העלד, זייַן כאראקטער און אופירונג זייַן האלטן זיך אין פארשיידענע לעבנס־סיטואציעס, זייַן ראָל אין דער וויסנשאפט און זייַן רעאקציע אָף די פאשיסטישע פארברעכנס בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זייַנען די אקס און דער צענטער, ארום וועלכע עס וויקלען זיך פאנאנדער די געשעענישן. און אָף וויפל דער אמאָל פארנעמט אין דער דערציילונג א היפשן צייַט־אָפּשניט און די געשעענישן קומען פאָר אין פארשיידענע טיילן פון לאנד, גיט עס דעם שרייַבער א מעגלעכקייַט ווייַזן דאָס לעבן פון די העלדן אין פארשיידענע אומשטענדן. דאָס העלפט אים באוויַזן שטייגער־דעטאלן, וואָס זייַנען געבונדן מיט באזונדערע סוויוועס.

אָט, לעמאָשל, אנטשטייט פאר אונדז די פיגור פון דעם פריילעכן מיידל בליומקע. איר לייכטזין, וואָס ברענגט זי צו א טראגישן סאָף, ווערט טרעפלעך אויסגעדריקט מיטן רעפרען פון איר א באליבט אָפּערעטע־לידל:

אויב דו ווילסט א גענעם
און א וויַב פאר יענעם —
האָב כאסענע, האָב כאסענע.

מיר דוכט, ווען עס זאָלן ניט געבראכט ווערן די איבעריקע עפּיזאָדן פון בליומקעס לעבן ביז איר לעצטער פארליבעניש אינעם דירעקטאָר פון צירק, וועלכער האָט זי סאָפּקאָלסאָף פארפירט קיין בוענאָס־אייַרעס, וואָלט איר ערשטער אופטריט מיטן געבראכטן לידל אלצייַנס זי פאָרגעשטעלט פאר אונדז מיט איר גאנצן וועזן. נאָך שפּאָרזאמער, נאָר ניט ווייַניקער רעליעף איז געוויזן בליומקעס פאָטער, דער פאָרשטייער פון א דייַטשישער פירמע פון לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, וועלכע ער האָט פארקויפט אין די ערטער, ווו ייִדן איז פארבאָטן צו וווינען. אים העלפט עפּעס א „קסיווע", וואָס גיט אים רעכט. יעדער שטריך פונעם פאָטערס כאראקטער, זייַן אופירונג, זייַן לייַדנשאפטלעך שפּילן אין אָקע, האגאם

געמאָלט בוכשטעבלעך אין געציילטע שורעס, גיט א גענויע פאָרשטעלונג וועגן אָט דעם טיפּ ייִד אינעם פאררעוואָליוציאָנערן פעריאָד אין רוסלאנד.

אויסער דעם הויפט־העלד, ווערט אין ווערק פיל אופמערקזאמקייַט געווידמעט באָריסן. באָריס אלס כאראקטער און פערזענלעכקייַט פארדינט, עס זאָל אים אָפּגעגעבן ווערן דאָס אָרט, וואָס ער פארנעמט אין ווערק. א זון פון רייַכע עלטערן, שיר ניט קיין גוטבאזיצער, צאָלט אין דער יוגנט באָריס צינש דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג ערעוו 1905 יאָר. פון די דעמלטיקע פארטיי־קרייַזן שטאמט טאקע באָריס' פרייַנטשאפט מיט מיילעך מאגנוסן, א פרייַנטשאפט, וואָס ציט זיך אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן. פארן פראקטיש אומבאהאָלפענעם און אָפּגעריסענעם פון דער ווירקלעכקייַט מאגנוסן איז באָריס אן עמעסער, עכט איבערגעגעבענער פרייַנט, א פעסטער אָנשפאר אין לעבן. פון דער יוגנט אָן ביז דער עלטער לאָזט באָריס ניט ארויס מאגנוסן פון אויג, ער שטייט אים שטענדיק אין זייַנע נויטן. צוערשט טוט עס באָריס אלס מעצענאט, אלס ליבע צו וויסנשאפט. אים דוכט זיך, אז די וויסנשאפטלעכע אונטערזוכונגען און די שפּעטערדיקע אנערקענטע דערגרייכונגען מאגנוסעס ווארפן א געוויסע אָפּשייַן אויך אָף אים, באָריסן, וואָס האָט געשאפן נייטיקע מאטעריעלע באדינגונגען פארן געלערנטן און זייַן פאָרשונגס־ארבעט. אָבער ניט נאָר דאָס, אויך שפּעטער ווערן זייערע לעבנס איבערגעפלאָכטן אדאנק א באשטימטער ענלעכקייַט אין זייערע גורלאָלעס. אין די שוידערלעכסטע מאָמענטן פונעם געטאָלעבן פארגעסט ניט באָריס זייַן אלטן פרייַנט. ער טוט אלץ אָף צו ראטעווען מאגנוסן.

באזונדערס דארף אויסגעטיילט ווערן אין ווערק דאָס קאפּיטל, געווידמעט דעם לעבן פון די ייִדן אין געטאָ. אָף דער געטאָ־טעמע זייַנען אָנגעשריבן הונדערטער ווערק. עס דוכט זיך, קיין איין ווינקעלע פון די גרויזאמע געשעענישן זייַנען ניט פארבליבן אויסער דער אופמערקזאמקייַט פון דער קינסטלערישער ליטעראטור אָף אלע וועלט־שפּראכן. עטוואָס מעכאַדעש זייַן דאָ איז א שווערע האלאָכע. דער ניסטער אָבער האָט אויך דאָ געפונען אן אייגן ווינקל און האָט אנטפּלעקט פאר אונדז ניט נאָר די ליידן פונעם קלאל און פונעם יאָכיד. ער האָט אופגעמישט א בלעטל אונטערערדישן קאמף קעגן פאשיזם אין די געטאָבאדינגונגען, א קאמף ניט קיין סטיכייִשן, נאָר אן אָרגאניזירטן. צווישן די אָנטיילנעמער פונעם אונטערערדישן קאמף געפינט זיך אויך מאגנוסעס בעניאָכיד, א באָכערל פון קארגע זיבעצן יאָר, און באָריס' באסיעכידקעלע פונעם זעלבן עלטער.ביידע קומען זיי אום אין קאמף. קימאַט ביבליש פייַערלעך, גרויזאם און פרעכטיק איז דאָס בילד, ווען דער פאָטער מאגנוס גיט זייַן האסקאָמע דעם זון אָנטיילנעמען אין קאמף און לייגט ארוף די הענט אָף זייַן קאָפּ,

גלײַך ער וואָלט אים געבענטשט אויספּילן זײַן הייליקן און לעבנסגעפערלעכן כויוו.

אין דער וועלט־ליטעראטור קען מען געפינען ווייניק אזעלכע בילדער פון פאָטער־טרויער אפן טראגישן אומקום פון זון, ווי דאָס בילד, ווען מאגנוס ברענגט צו קווורע זײַן אומגעקומענעם זון. אלס פארגלײַך קומט אפן זינען פויכטוואנגערס יאָסיף־טרילאָגיע, די איבערלעבונגען פון יאָסיף פלאוויוס, ווען דער אימפעראטאָר מעלדעט אים וועגן אומקום פון זײַן זון, וואָס ער אליין טאקע, דער רוימישער אימפעראטאָר, האָט בעקיוון אומגעבראכט. אזעלכע בילדער פון פאָטער־טרויער דערשיטערן און טרייסלען אוף ביזן גרונט. ס׳איז גענוג איין בילד אזא, אז דער געטאָ־שוידער זאָל אנטשטיין אין זײַן פולער אויסגאנגלאָזיקײַט. אף אויסטיילן די וויכטיקסטע דעטאלן, וואָס באטאָנען דעם הויפּט־טאָך פון די געשילדערטע געשעענישן, איז דער ניסטער א גרויסער מײַסטער. דאָס דורכגעטראכטע אָפּקלײַבן די אמיינסטן נייטיקע און פילזאָגנדיקע דעטאלן העלפט מיט דעם שרײַבער אויסמײַדן בארייעדוודיקײַט, בילדעט די אייגנטימלעכקײַט פון זײַן סטיל־מעטאָד. דאָס איז א הויך־קינסטלערישע מאדרייגע, וואָס ניט יעדער שרײַבער איז זויכע דערצו. ווי עס דוכט מיר, דארף מען דאָ זוכן די גרונט־אייגנשאפטן פונעם ניסטערס שאפן, וואָס טיילן אים אויס אויך פון די שרײַבער, וואָס לויט זייער טאלאנט און באגאבטקײַט קאָנען זיי געשטעלט ווערן אין איין ריי מיט אים.

און לעסאָף נאָך איין באמערקונג. ווי פון אלעמען אן אָנגענומענער נוסעך, ווערט געוויינלעך מיט קליינע אויסנאמען געוויזן דער יודן־ראט אין געטאָ אלס אָרגאן, וואָס באשטייט פון מענטשן פארקויפטע, קאריערויסטיש געשטימטע און פּאָשעט מיִעסע פארשוינען, וואָס זײַנען טעטיק נאָר צוליב אייגננוץ. ווײַזט אויס, אז אין דער מערהײַט פאלן איז אזוי טאקע ווירקלעך געווען. ווי א שארפער קאָנטראסט און דיסאָנאנס צו דער פארשפרייטער סכעמע, זעט אויס אין ניסטערס דערציילונג דער סעקרעטאר פון יודן־ראט. א הויכגעבילדעטער יונגערמאן, א מענטש מיט גרויסע אָרגאניזאטאָרישע פייִקײַטן און אײדעלן טאקט, אן אומקאָמפּראָמיסלעכער סוינע פונעם פאשיזם, שטייט ער אין דער שפּיץ פון אן אונטערערדישער קאמף־אָרגאניזאציע, פירט מיט איר טאלאנטפול אָן לויטן אופטראָג פון א פארטייִשן צענטער, ווי ס׳איז קלאָר פון אייניקע אָפּן ניט ארויסגעזאָגטע אָנדײַטונגען. די פיגור פונעם סעקרעטאר ווערט מיט ליבע געשילדערט אינעם ווערק. זי קאָן געשטעלט ווערן באנאנד מיט מיילעך מאגנוסן און באריסן. צום שלוס פון דער דערציילונג שטייען זיי טאקע האנט בא האנט, זיי געפינען שוץ אין איין בונקער, וואָס איז פאָרויס אויסגעבויט געוואָרן לויט באָריס׳ איניציִאטיוו.

אויב נאָכפאָלגן דעם ניסטערס מעטאָד, לאקאָניש, אָן איבעריקער בארייִדעוודיקײַט קאָנסטאטירן וויכטיקע פאקטן, קען מען וועגן דער דערציילונג אינגאנצן געגומען זאָגן, אז „מיילעך מאגנוס” איז זייער א געלונגען און באלערעוודיק ווערק. מיט וויייניק ווערטער איז אין איר אויסגעדריקט א טיפער און פילזאָגנדיקער אינהאלט.

דיכטונג

שלוימע ראַפּאָפּאָרט

טרוימען

איך וויל, אז א ליכטיקער זײַן זאָל דער הײַנט,
איך וויל, ס׳זאָל זיך מערן די צאָל פון די פרײַנט.
איך וויל, ס׳זאָל ניט זײַן אף דער וועלט קיין אכזאָריעס,
איך וויל, אז דער מענטש זאָל ניט וויסן פון צאָרעס,
דאָס שלעכטס זאָל ניט קערן זיך קיינמאָל צוריק,
דער מענטש זאָל נאָר וויסן פון שאָלעם און גליק.

ראַיוינעס און טרוימען אליין זײַנען וויייניק —
מיט מי דארפן ווערן די טרוימען פארווירקלעכט.

מאַניע מינעוויטש

מײַן גליק

צום אָנדענק פון מאָטל גרוביאַן

א פּאַדקאָווע געפינען — איז צום גליק.
איך האָב געוווּסט, נאָר ניט געגלייבט
אינד׳רינען.

סאָלדאַטן גייען, גייען אפן קריג,
ווו קיינער ווייסט ניט, וואָס ער וועט געפינען.

דער הימל ברענט, און ס׳לויפט, ווי אָן א צוים,
דאָס פֿײַער איבער פעלד, עס פרעסט דעם קאָרן.
דער טויט פארטונקלט האָט מײַן לעצטן טרוים,
פארשטיקט און לאָזט צורו ניט דעם זיקאָרן.

א צאַרטע נאַכט. עס פלייצט דער טײַך,
ס׳איז שטיל.
דעם שײַטערס צונג באלעקט מײַן רוקן קילן,
דער טויט האָט אָפּגעשטעלט זײַן ווילדע שפּיל,
און ס׳ווערן שטיל און שוואַך מײַנע געפילן.

די שטילקייט, ווי די מאַמע בא מײַן וויג.
דורך שלאָכט, דורך בלוט אין היילוקער
נעקאָמע
כ׳האָב זיך דערוווּסט, וואָס הייסט עס עמעס
גליק,
אויב גליקלעך זײַן מע קאָן אף א מילכאָמע...

א זאַפּעוואָלע

כ׳בין אפן קריג געווען א זאַפּעוואָלע.
אונטער מײַן ליד די ראָטע האָט מארשירט.
א גוטע ליד — איז קלענער דער מעהאַלעך,
א גוטע ליד — אין הייסע שלאַכטן פירט.

דעם לעצטן טראַפּן בראַנפן ברענגט מען מיר
מײַן שטים דערוואַרעמען, אז בעסער
זאָל זי קלינגען.

געקענט כ׳האָב שיינע לידער אָן א שיר,
אָבער ניט אַלע לידער פלעג איך זינגען.

ווען כ׳לייען אצינדער לידער אין די
בלעטער,
ווו ס׳טרעפן שורעס טרוקענע, ווי שטרוי,
מיר ווילט זיך שיקן לערנען די פּאָעטן
אין דער פעכאָטע, אינעם שטרענגן סטראָי.

זיסי ווײַצמאַן

אין מײַנע קאַנטן

אין מײַנע קאַנטן שא און שטיל,
די ביימער אין דעם אָוונט שווימען.
זיי נעמען זיך פאר מיר באַרימען
מיט זייער איידלער סוידעס־שפּיל.
די שוואַכע זון קוקט דורך א בריל,
זי בראָט שוין ניט מיט שטראַלן הייסע,
און פּלוצעם איך פארשטיי נאָך בעסער,

פארוואָס עס איז דאָ שא און שטיל:
פונוויַטן הערט מען עפּעס רייד,
קאָן זײַן, דאָס פּאָרל טרוימט פון פרייד.
דאָס פּאָרל זיצט — ס׳איז מאַלעכיין,
איך וויל זיי גאָרניט שטערן.
אָט לויכטן שוין די ערשטע שטערן...
מע דאַרף, אפּאַנעם, גיין אהיים.

• • •

אפן שליאך געווימען,
אף די גאסן ריינע
הוידען מיט די קרוינען
אומרויִקע ביימער.

און ווי מיידלעך זיסע,
שוין פון לאנג באקאנטע,
פרײַנטלעך מיך באגריסן:
— א גוטמאָרגן, זיסי!

לויפן די מאשינען,
בלישטשען מיט די שויבן.
ווי די פלוימען גרינע —
דײַנע שײנע אויגן.

פון דער לופט כ'בין שיקער,
שיקער פונעם זומער.
זאָל אײַך ווייל באקומען
דער זומער און די בלומען.

■

בראָניע סינעלניקאָווא

צוויי קינדער־לידער

אײַנגעמאכטס

אפן אלמער שטייט א טעפל,
וואָס אין טעפל, איז שוין קלאָר —
אײַנגעמאכטס פון זיסע עפל,
און עס שטייט שוין באלד א יאָר.

ווינטער, ווען ס'פארשנייט די הויפן
און דער פראָסט איז שטארק,
גייט די מאמע מער ניט קויפן
פרוכטן אפן מארק.

פונעם שראנק זי נעמט דאָס טעפל
מיטן אײַנגעמאכטס פון עפל,
וואָס פון האָניק איז נאָך זיסער,
און זי גיסט מיר אָן א ביסל.
זי פארבינדט דאָס מיט א שריקל
און פארוקט עס צו דער וואנט,
כ'זאָל צום אײַנגעמאכטס ניט קוקן
און ניט טשעפּען מיט דער האנט.
ווי זי זאָל עס ניט פארוקן,
ווען מײַנע אויגן קוקן
צו דעם וואונדערלעכן טעפל
מיטן אײַנגעמאכטס פון עפל.

דאָס הינטל

ס'קלאפט אין פענצטערל א ווינטל
אין די אָסיענדיקע נעכט,
לעבן טויער ווײנט א הינטל —
כ'האָב אליין געהערט.

ס'איז א שווארצס מיט ווײַסע פלעקן,
און, ווי סאמעט, גלאט.
זיסע מילך פאר דעם וועט קלעקן —
כ'וועל עס האָדעווען צו זאט.

כ'וועל פארהיטן עס פון רעגן,
פונעם ווינט, פון קעלט.
כ'וועל דעם מאכן א געלעגער
פונעם זיידנס פעלץ.

קוקט די מאמע, קוקט אף ביידן,
און זי שמייכלט שטיל,
כ'דארף קיין ווערטער, כ'דארף ניט ריידן,
קלאָר שוין, וואָס איך וויל.
גרויס עס איז בא מיר די פרייד:
אויסגעפירט כ'האָב אָן שום רייד.

■

יויסעף טאַבאַקמאַכער

די באַליידיקטע פליג

א בין אין סאַד האָט זיך געמידט ארום די בלומען,
געזאמלט טראָפּנדלעך נעקטאַר.
א פליג האָט לעבן איר גענומען זשומען:
„גוטמאָרגן, שוועסטער, — זאָגט די פליג, —
מיר איז לאכלוטן ניט פארשטענדלעך —
דו ווייסט אליין, וואָס דארף מען לאנגע רייד,
איך בין דאָך, ווי א צווילינג, אף דיר ענלעך,
דער אונטערשייד איז נאָר אינעם קאָליר פון קלייד.
פארוואָס זשע, פרעגט זיך, איז יעדער איינער גרייט
דיך שוינען, שאצן,
מע קעכלט דיך, מע בויט פאר דיר פאלאצן,
און מיר פארגינט מען ניט דעם ביסן,
מע מיימעסט מיך, מע טרײַבט מיך און מע שעלט.
נו, ווו איז יושער אף דער וועלט,
געוואָלט כ׳וואָלט וויסן?"
די בין א פראָסטן ענטפער האָט געגעבן:
„דו רופסט מיך „שוועסטער"? נאָר פארוואָס?
עס גייט דען אינעם קלייד? עס גייט אין ארט פון לעבן,
די נוץ פון אונדז פאר מענטשן — דאָס דארף זײַן די מאָס.
איך, מיט מײַן מי דערנער זיך זעלבסט,
מיט מענטשן כ׳טייל מײַן גוטס.
און דו? עסט פרעמדס, דערצו נאָך שמוץ פארשפרייטסט,
טוסט שטענדיק שאָדן, ברענגסט קיינעם ניט קיין נוץ,
דעם כילעק צווישן אונדז, איך גלייב, אז דו פארשטייסט..."

א שאָף אין ביכער=קראָם

עס איז אין ביכער־קראָם א שאָף געקומען
און אויסקלײַבן א בוך גענומען:
אף דעם־אָ בוך איז אָנגעמאָלט א מויז —
דאָס איז פאר קעץ, זעט אויס.
אף דעם — א בוים מיט ניס,
פאר וועווערקעס געוויס!
אף דעם — איז אָנגעמאָלט א גראטע אף
דער טיר —
ניין, ניט פאר מיר!
אף דעם — א טליִע־שטריק, —
מיט פאכעד שלײַדעו׳ט אים די שאָף צוריק.

אף דעם — פון פארב א פלעק, —
זי לייגט אים גלײַך אוועק.
אָט דער איז זייער דיק,
זי ווארפט אים אָפּ צוריק.
אָט דער איז דאפקע דין,
נאָר ער איז רויט, ניט גרין.
די שאָף די ביכער האָט באטראכט
א גאנצן טאָג, ביז אפדערנאכט,
קיין איינעם ניט געקויפט צום סאָף —
ווײַל צורעס־אָס האָט ניט געוווסט די שאָף.

ריווקע רובין

דרייזשע

ניט איין שאבעס בין איך געזעסן מיט איר האַנט־בא־האַנט באַם טיש, און דאָך האָב איך א היפּשע צײַט ניט געוווּסט, וויאַזוי זי הייסט. איך האָב קיינמאָל ניט געזען, עמעצער זאָל מיט איר ריידן, איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, עס זאָל זי ווער אָנרופן באַם נאָמען. שפּעטער א ביסל האָט זיך מיר שוין געדוכט, אז איך פאַרשטיי די סיבע דערפון. פּאַשעט ניט קיין שיינער נאָמען בא איר — דרייזשע. ניט געשמאַק צו נעמען אים אַף די ליפּן. דאַן האָב איך נאָך ניט געוווּסט, אז דער נאָמען „דרייזשע” וועט אײַנגיכן אָנגעהאַנגען ווערן אַף מיר שוין ניט ווי א נאָמען, נאָר ווי א צונעמעניש. אין איינעם א פרימאָרגן האָט מײַן שוועסטער־קינד דוווירקע, אָט די מיט די שיינע בלאָנדע לאָקן, ווי א פּאַטש א וואָרף געטאָן מיר אין פּאָנעם ארײַן: דרייזשע! און איבער וואָס? איבער עטלעכע קאַלטע בעבלעך. נאָר וועגן די בעבלעך וועל איך דערציילן שפּעטער.

יענעם זומער האָב איך גאַנצע צוויי כאָדאָשים פאַרבראַכט בא מײַן פעטער אוורהאָם און מײַן מומע כאַנע־עסטער אין זייער לאַנגער שטוב. אזוי האָט מען די שטוב גערופן אין שטעטל — „די לאַנגע שטוב”. דער פאָרנט אירער איז געשטאַנען אַפן סאַמע מאַרק־פּלאַץ, עטוואָס אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע שטיבער און קראָמען. קיין גרויס אָרט אינדערברייט ניט פאַרנומען. אינדערלענג אָבער האָט זיך די שטוב אויסגעצויגן אַף גאַנצע צוויי גאַסן פון רעכטס און צוויי גאַסן פון לינקס. און דאָ, בא דער הינטער־טיר פון דער שטוב, האָט זיך געענדיקט דאָס שטעטל. גערטענער, א וואַלד אינדערווײַט.

פינף הילצערנע טרעפּלעך האָבן פונעם מאַרק־פּלאַץ געפירט גלײַך אין דער טונקלקײַט פונעם „זאַל”, פענצטער קליינע און פאָרהאַנגען שווערע, געדיכטע. א ברייטער קאָמאָד, א לאַנגער טיש, שטולן מיט הויכע אָנלענען, פון הינטער וועלכע עס לאָזט זיך זען בלויז א יאַרמלקע אָדער א ווײַבערש טיכל. דעם אויבנאָן האָט אין זאַל פאַרנומען דער בופעט, א פּרעכטיקע געבײַדע פאַר זיך, א שטוב אַף א שטוב. די אונטערשטע שטוב — שטענדיק פאַרמאַכט. איז זי פאַר מיר ווי ניטאָ. בלויז אָן אָנשפּאַר פאַר דער אייבערשטער, וועלכע שטייט פעסט אַף אירע געטאָקטע דעמבענע פיס און אירע שויב־טירן ווײַזן כידושים: בלויע טעלער מיט גאָלד באַרעמלט, ווײַסע קריגעלעך מיט בונטע קווייטן באַצירט, קרישטאָלענע שעלעכלעך, זילבערנע בעכערס.

פרײַטיק־צונאַכטס פלעגט די גאַנצע מישפּאָכע זיך צונויפקומען אין זאַל באַם טיש. און ערשט דאַן, ווען אַלע, איינער אין איינעם וווּקסיקע, קרעפּטיקע, פלעגן פאַרנעמען זייערע ערטער, פלעגט אין זאַל ארײַן דרייזשע. א שוואַרץ קלייד ביזן טראָט, א שוואַרצע טוך אַפן קאָפּ. צווישן דעם קלייד און דער טוך א לענגלעכער ווײַסער פלעק — איר פּאָנעם.

דער זילבערנער לײַכטער אַפן קאָמאָד איז אונטערגעבעט מיט א קלאָר געהאָפטן סערוועטל. אינעם לײַכטער העלן ליכט, שאַבעסדיק־געבענטשטע ליכט. פון דער סטעליע בליצט אראָפּ דער גרויסער הענגלאָמפּ. די פּענעמער פון די באַם טיש זיצנדיקע זײַנען אָבער פינצ־

טער, הינטער זיבן שלעסער פארשלאָסן, ווי מיט דרייזשעס באוויַיזן זיך אַף דער שוועל וואָלט אַן אומגליק אריַין אין שטוב. אלע מאכן דעם אָנשטעל, אז זיי זעען גאָר ניט דרייזשען. איך פיל אָבער, אז יעדערער זעט זי. ניט נאָר מיט די אויגן, מיט אלע כושים זעט מען זי. דרייזשע זעצט זיך שטיל אַף איר באשטענדיק אָרט. דאַן זעץ איך זיך אוועק לעבן איר. דערנאָך ערשט לאָזט זיך אראָפּ אַף זיַין שטול, ווי ער וואָלט אונטערן טיש ארונטערגעקראָכן, דאָס ייִנגל אַף קעסט, א קליין ייִנגל מיט א גרויסן הויקער בא דער רעכטער לאָפּעטקע.

ווען דאָס מינץ זעצט זיך ענדלעך אויס באם עק טיש, דוכט זיך מיר יעדעס מאָל, אז דער אויבנאָן גיט א פלי אין דער הייך און א פאל אַף אראָפּ. פונקט ווי דאָס ייִנגל וואָלט אפן ברעג פון א הוידלקע זיך געשטעלט און פיל וואָג פארמאָגט. דאָס גליַיכגעוויכט שטעלט אוף דער פעטער אוורהם. ער גיט זיך א צאפל, ווי מע וואָלט אים אופגעוועקט פון שלאָף, און מאכט קידעש.

אין זאל קומט מען זיך צונויף נאָר פריַיטיק־צונאכטס און שאבעס באטאָג. אינדערוואָכן איז דער זאל אָפן נאָר פאר דער מומע כאנע־עסטער. מיַין מומע איז א קיניגן. זי געוועלטיקט איבערן זאל מיטן קאָמאָד, מיטן בופעט; זי געוועלטיקט איבער איר איידל־שוויַיגנדיקן, שיינעם און שטאלטנעם מאַן; זי געוועלטיקט איבער די קינדער, וואָס צוויי פון זיי לערנען אין דער גרויסער שטאָט אין גימנאזיע, און דער עלטסטער איז שוין אפילע א סטודענט. די מומע דארף ניט קיין ווערטער, קעדיי מע זאָל זי פאָלגן. ס'איז גענוג, זי זאָל א שניט טאָן די לופט פון אויבן אַף אראָפּ מיטן קאנט פון איר לאנגער ביינערדיקער האנט, אז קיינער זאָל קיין פּיפּס ניט טאָן.

זי איז זייער א הויכע, מיַין מומע. אַף אריַינצוקוקן איר אין פּאָנעם דארף איך שטארק פאריַיסן דעם קאָפּ. האָב איך מוירע, זי זאָל ניט דערזען, אז איך קוק אַף איר. קוק איך ניט. דעריבער האָב איך די מומע געקענט ניט העכער פון איר פלאכן בויך, וועלכער איז טאָג־אויס, טאָג־איַין ארומגענומען געווען מיט א ברייטן גרויען פארטעך. מיסטאמע איז דער דאָזיקער פארטעך שולדיק אין דעם, וואָס די מומע אינגאנצן גענומען האָט זיך מיר פאָר־געשטעלט גרוי, ברייט און פלאך. איך ווייס ניט ביז איצט, פונוואנען האָט זיך בא מיר גענו־מען די זיכערקיַיט, אז נאָר זי איינע אין שטוב איז ניט קיין שיינע. פאר די צוויי כאדאָשים, וואָס איך האָב בא איר פארבראכט, האָב איך זי דאָך קיין איין מאָל רעכט ניט געזען. דער־פאר אָבער בין איך פאר איר געווען ווי פון א לאמטערן באלויכטן. אין וואָס פאר א ווינקל איך זאָל זיך ניט פארשטעקן, האָט זי, ניט קוקנדיק אין מיַין זיַיט, מיך געזען. אפילע אירע פיס אין די מוירעדיק גרויסע ווייכע פאנטאָפל האָבן אויגן, האָט זיך מיר געדוכט, און זעען מיך אַף דורך און דורך. א מאָדנע טעווע האָבן געהאט מיַין מומעס פאנטאָפל. קיין מינדסטער שאָרך. א טראָט איבער א טראָט, און שא... שטיל. אָט אזוי, שטילערהייט, האָבן זיי מיך אָנגעגריפן. איך האָב זיי קעסיידער געפילט. מיט מיַין הויט האָב איך זיי געפילט. איך האָב זיך געמוזט אָנטאָן א קויעך אַף ניט אומצוקוקן זיך אַף אהינטער אָדער גאָר לאָזן זיך א דערשראָקענע לויפן. איך פלעג זיך קוים דערוואַרטן די רעגע, ווען די מומע פלעגט מיר באגנעדיקן מיט דריַי ווערטער: „גיי שפּיל זיך!" אגעוו, קאָן איך זיך ניט דערמאָנען, די מומע זאָל מיר ווען־ניט־איז זאָגן עפּעס אנדערש. נאָר די דריַי ווערטער האָב איך פארגע־דענקט. עפשער דערפאר, וואָס זיי זיַינען פאר מיר דאַן געווען די סאמע געגארטע, און עפשער זיַינען טאקע קיין אנדערע ווערטער ניט געווען.

איך פלעג זיך ניט לאָזן לויפן הענדעם־פּענדעם אין גאס אריַין, ווי ס'האָט זיך מיר געוואָלט. מיך האָט ניט אָפּגעלאָזט די שרעק פאר די ווייכע פאנטאָפל. פלעג איך סטאַטעטשנע דורכ־גיין דעם לאנגן שמאָלן דורכגאנג צווישן די ענגע כאדאָרימלעך, וואָס האָבן מיט זייערע קליינע פירשויביקע פענצטער ארויסגעקוקט אַף צוויי קעגניבערדיקע גאסן. א שטיקל גרויע וואנט און א פענצטער. א וואנט און א פענצטער. דערנאָך שוין גאָר א לאנגע וואנט און גאָר א פיצל פענצטערל — בלויז איין שיַיבל אין דער הייך. אין די כאדאָרימלעך האָבן געוווינט די זין און די טעכטער פון די באלעבאטים. אויך דרייזשע האָט פארמאָגט איר כיידערל. איך האָב געוווינט אינעם צימער פונעם עלטערן זון, דעם סטודענט, וועלכער איז דאָסמאָל אויך אַף זומער ניט געקומען אהיים. הינטער דער בלינדער וואנט מיטן שיַיבל אין דער הייך האָט זיך געפונען די סטאדאָלע. דאָרט בין אַיך קיינמאָל ניט געווען. ביז היַינט ווייס איך ניט גענוי, ווער עס איז דאָרט איַינגעשטאנען, אין דער סטאדאָלע.

ביַיגעקומען מיט איַינגעהאלטענע טריט דעם לאנגן דורכגאנג און דעם ברייטן געראמען שלאָפצימער פון דער מומען מיטן פעטער, פלעג איך פריַי אָפּעטעמען. אָט איז שוין די קיך, און הינטער דער ארויסגאנג־טיר — די פריַיהיַיט. ארויסגעכאפּט זיך פון הויף, פלעג איך ארומקריַיזן די שטוב און דורכן מארק־פּלאץ לאָזן זיך לויפן צו דעם צווייטן עק שטעטל.

דאָרט האָט געוווינט מײַן מאַמעס כּאַווערטע פֿון די קינדער־יאָרן הינדע די קלוגע, און אַגונע מיט צוויי טעכטערלעך. אַהין האָב איך זיך געוויינלעך גערעטעוועט פֿון דער מומעס זעענדיקע פֿאַנטאָפֿל.

איך גיי צוריק ביז איך געגאַנגען, ניט געלאָפֿן. איך בין ווידער אַ סטאַטעטשנע קינד. איך גיי פּאַמעלעך. איך שעם זיך מיט מײַן פּאַרפֿאַליעטקײַט נאָכן שפּרינגען אויף איין פֿוס איבער די מיט ווײַסן קרײַד ארומגעצייכנטע קעסטעלעך פֿון די „קלאַסן", נאָכן שאַוונלאַנגן אָפּקלאַפּן פֿון דער וואַנט די פּילקע. וואָס נעענטער צו דער שטוב, האָב איך אַלץ מער געבעטן גאָט, אַ ווינטל זאָל אַ בלאָז טאָן און אָפּקילן מײַן פֿאַרשוויצט פּאָנעם. געבעטן האָב איך וועגן דעם גאָט ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס איך האָב מוירע געהאַט פֿאַר דער מומען. ניין, כאָטש איך האָב אין דעם פּעטערס און דער מומעס שטוב זיך געפֿילט דערדריקט, האָב איך דאָך געהאַט אַפּשײַ פֿאַר יעדערן דאָ. אַלץ איז אין דער שטוב געווען אַנדערש, ווי בײַ מיר אין דער היים. אַ שטוב, וווּ קיינער וויינט ניט, קיינער לאַכט ניט. קיינער פֿרייט זיך ניט, קיינער בייזערט זיך ניט. אָט די אַנדערשדיקײַט האָט געפּאַנגען מײַן קינדערש האַרץ. איך האָב זיך געמיט זײַן פּונקט אַזוי אײַנגעהאַלטן, ווי אַלע אין שטוב. איך האָב זיך צוגעקוקט צו מײַנע שוועסטער־קינדער, קעדיי נאָכטאָן זיי אין אַלץ, קעדיי כאָטש אַ קאַפּעלע ווערן ענלעך אויף זיי. איך האָב זיך געצויגן צו זיי מיט ליבע און געכאַלעשט, אויך זיי זאָלן מיך ליב האָבן. קומט אַ טאָג — פֿרײַטיק, און אויף מאָרגן נאָך אַ טאָג — שאַבעס.

פֿ ר ײַ ט י ק. אַ מײַסע מיט אַ לאָשעקל.

איך דערקען ניט די שטוב. אַ שטילער גערודער. אַ שושקערײַ. די פּענעמער פֿון די קינדער זײַנען אופֿגעלעבט־נײַגעריק. אַפֿילע דער מומעס גרוי פּאָנעם איז ראָזלעך באַפֿאַרבט. מיטן מיטיק פֿאַרטיקט מען זיך אָפּ אַפּדערגיך. עמעס, פֿרײַטיק האָט מען דאָ אין שטוב פּונעם מיטיק קיינמאָל ניט געמאַכט קיין וועזן. אַ טעלער הערעטשענער קרופּניק, אַ פֿרישער קוכן אָדער אַ קאָרענע באָנדע, און גאָר. געגעסן האָט מען אין קיך, ניט דאַפֿקע אַלע מיטאַמאָל, און זעצן זיך האָט מען געמעגט, ווו ווער עס וויל. איז פֿרײַטיק באַטאָג אַ מעכײַע! דער הערעטשענער קרופּניק גייט מיר אײַן פֿיל מער, ווי די באַטאַמטע מײַכאָלים בײַ דער וועטשערע פֿרײַטיק און בײַ דעם מיטיק — שאַבעס.

— נו, ווען וועלן מיר שוין גיין אַ קוק טאָן אויפֿן לאָשעקל? — דוווירקע, מײַן בלאָנד געלאָקטע שוועסטערקינד, רוקט אָפּ פֿון זיך די טעלער. די מומע וואַרפֿט אויף איר אַ שטרענגן בליק און לייגט צו אַ פֿינגער צו די ליפּן. עס טראָגט מיך אויף פֿון אָרט. אַ לאָשעקל... אוי, איך וויל אויך זען דאָס לאָשעקל. וויפֿל מאָל האָב איך אין אַ מאַרק־טאָג זיך צוגעקוקט: אַ שקאַפֿע אײַנגעשפּאַנט אין אַ וואָגן און בײַ דער זײַט אַ לאָשעקל. אַזאַ פֿריילעכקײַט אין זײַן טופּען מיט די דינע לאַנגע פֿיסעלעך לעבן דער מאַמען.

מער פֿון אַלץ האָב איך איצט מוירע פֿאַר דרײַ ווערטער, וואָס געוויינלעך קען איך זיך אויף זיי ניט דערוואַרטן: „גיי שפּיל זידך!" צי וואָלט איך געגאַנגען, ווען די מומע זאָגט זיי ארויס? נאָר אַ נאַפּקעמינע — געזאָגט, ניט געזאָגט. דער פֿינגער בײַ די גרויע ליפּן איז שטאַרקער פֿון אַלע ווערטער. ווי אַ טשוואָק איז ער אין מיר אַרײַן. און דאָך... ווען די מומע גיט מיט אַ ווונק אַ רוף אירע קינדער, גיי איך זיי נאָך. אַ לאָשעקל, ערשט געבאָרן געוואָרן... מיטאַמאָל אַ שטילער סקריפּ. אַפֿן שוועל פֿון איר כּיידערל ווײַזט זיך דרייזשע. און באַלד דער מומעס קאָל און אַ שניט מיט דער פּלאַכער האַנט, ווי מיטן קאַנט פֿון אַ לאָפּעטע, די לופֿט:

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, איר זאָלט ניט ארויסגיין פֿון קאַמער.

דרייזשע פֿאַרשווינדט. די מומע מיט אירע קינדער פֿאַרשווינדן. און איך אַהין, ניט אַהער. עס גיט מיך אַ וואָרג באַם גאָרגל. וווּהין זאָל איך זיך איצט אַהינטאָן?

איך מאַך אַ טראָט צו דער סטאַדאָלע. דערזע איך אַ קאַנט פֿון אַ לאַנגער ביינערדיקער האַנט. אָט צעשנײַדט זי מיך אויף דער העלפֿט. איך טרעט אָפּ אויף צוריק. לאָז זיך לויפֿן צו מײַן מאַמעס כּאַווערטע הינדע די קלוגע און צו אירע טעכטערלעך. דאָרט קען איך דערציילן אַלץ. הינדע די קלוגע זשאַלעוועט מיך, לויף איך גאָר אַרײַן מיט אַ בסורע:

— אונדזער שקאַפֿע האָט געבוירן אַ לאָשעקל!

מײַנע כּאַווערטעס נעמען מיך אויספֿרעגן:

— עס שטייט שוין?

— עס זויגט דער מאַמעס מילך?

— וואָלכע פּעל איז בײַ דעם לאָשעקל, אַ ברוינע, צי אַ שוואַרצע?

— מיסטאַמע אַ גלאַנציקע. זי איז דאָך אַ נײַנקע. —

— האָסט דעם געדאַרפֿט געבן אַ לעק טאָן די דלאָניע.

— א קעלבל לעקט די דלאָניע, ניט קיין לאַשעקל.
— א לאַשעקל עסט אַלץ, ווי א גרויסער. אפילע האָבער.

אזוי פרעגן מיך אויס און זאָגן ארויס זייערע האשאָרעס מײַנע כאַווערטעס. און איך גיב זיי נאָך. דאָס לאַשעקל שטייט שוין, און עס זויגט, און עס לעקט די דלאָניע. האָבער עסט עס, מיסטאמע, אויך. נאָר איך האָב דעם ניט געגעבן. ס׳איז מיר אפן זינען ניט געקומען. מײַנע כאַווערטעס נעמען דרייען א שטריקל, און איך שפּרינג איבער דעם. נאָר עפּעס שפּרינגט זיך מיר ניט היינט. איך פאַרטשעפּע קעסיידער דאָס שטריקל מיט די פיס, און עס פאַלט צו דער ערד.

— איך וויל מער ניט שפּילן, — זאָג איך. — כ׳וועל שפּעטער קומען.

די ייִנגערע פון די שוועסטערלעך קוקט מיך אָן מיט פאַרשטענדעניש:

דו גייסט צו דעם לאַשעקל?

די עלטערע קערט זיך אָפּ פון מיר:

— א לאַשעקל... א טײַערע מעציִע... ניטאָ וואָס צו האַלטן זיך גרויס. — די איז מיר פּאַשעט מעקאַנע.

איך בין אוועק. געגאַנגען פּאַמעלעך. געקוקט צו דער ערד. צי האָב איך אין דער רעגע אזוי געוואָלט זען דאָס לאַשעקל? דאָס געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אז איך האָב שטאַרק געבענקט אהיים, צו דער מאַמען.

ש א ב ע ס. א מײַסע מיט א טעאַטער־שפּיל.

נאָך פרײַטיק קומט שאַבעס. יאָ, באַלד אָף מאָרגן איז עס געוועזן. אָף מאָרגן נאָך דער מײַסע מיטן לאַשעקל. מיט דעם לאַשעקל, וואָס איך האָב ניט געזען, וועגן וועלכן איך ווייס ניט, צי שטייט עס אָדער עס ליגט, צי זויגט עס מילך, אָדער עס קײַט האָבער. היינט איז שאַבעס. זיץ איך באַם עק טיש, צווישן דרייזשען און דעם ייִנגל אָף קעסט, דעם קליינעם ייִנגל מיטן גרויסן הויקער באַ דער רעכטער לאָפּעטקע. אזוי איז אין שטוב אײַנגעפירט, זינט איך בין דאָ. ווי איז געוועזן ביז מײַן קומען אהער, אין וואָס פאַר א סיידער וועט מען זיצן באַם טיש נאָך מײַן אוועקפאָרן, פונוואַנען זאָל איך דאָס וויסן? קאָלזמאַן דער היינט איז א היינט, איז ער אַן אייביקייט. אָט אזוי איז עס און ניט אנדערש.

שאַבעס זיצט מען באַם טיש לאַנג. קוים דערוואַרט זיך אָפּן פּעטערס בענטשן, דערזע איך: דרייזשעס פינגער טאַנצן איבער אירע קני, ווי זי וואָלט צוגעשפּילט דעם פּעטער צו זײַן ניגן. איר פּאָנעם בלייכט זיך, ווי א ווײַסער פלעק אָפּן שוואַרצן אָנטאָן, און די פינגער טאַנצן האַנאָעדיק איבער די קני. „אוי, א מעשוגענע!“ זי איז א מעשוגענע, דרייזשע. מיט דעם ווערט פאַר מיר אַלץ פאַרענטפערט. און א פאַרדראָס כאַפּט מיך ארום. איבער איר, איבער דער מעשוגענער דרייזשע, האָב איך ניט געזען דאָס לאַשעקל. איר איז עפּשער הונ־דערט יאָר, איז וואָס קריכט זי אומעטום? קיין לאַשעקל קיינמאָל ניט געזען? די מומע איז געריכט. קומט אין מיר אוף אַן אומגעלומפּערט לידל, אויך צום טאַקט פונעם בענטשן:

דרייזשע די בייזע,
קײַלעכדיקע דרייזשע.
קאָרענע דרייזשע,
זײַערט זיך אין דרייזשע.

נאָך מיטיק לויף איך אויסזינגען דאָס לידל, וואָס איך האָב פאַרפאַסט, מײַנע כאַווערטעס. טרעף איך זיי נאָך באַם שאַבעסדיקן טיש. און זייער מאַמע, הינדע די קלוגע, זיצט אויך באַם טיש. א גאַסט איז באַ זיי, א פרעמדע ייִדענע. זייער אַן אַלטע.

איך האָב די ייִדענע קיינמאָל ניט געזען. נאָר זי, ווי כ׳האָב זיך נאָר באַוויזן:

— וואָס מאַכט דאָרטן באַ אײַך דרייזשע? זי רעדט מיט דיר אַמאָל?

אָט אזעלכע צוויי קאַשעס זײַנען פלוצלינג אַראָפּגעפאַלן אָף מײַן קאָפּ. צי רעדט מיט מיר דרייזשע? וועגן וואָס זאָל זי מיט מיר ריידן?

— ניין, — ענטפער איך א צעטומלטע. — זי רעדט ניט.

נאָר די ייִדענע האָט שוין געהאַט ווי פאַרגעסן וועגן מיר.

— א זינדיקע נעשאָמע, נעבעך, — האָט זי א זיפץ געטאָן.

— פאַרשפּילט איר וועלט, — האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ הינדע די קלוגע.

„א זינדיקע נעשאָמע“ — וועגן דעם איז קעדײַ א טראַכט צו טאָן. מײַן שיין לידל איז מיר ארויסגעפלויגן פון קאָפּ, ווי ניט געוועזן.

איך האָב געהאַט דערוואַקסענע שוועסטער. מײַנע דערוואַקסענע שוועסטער האָבן גע־לייענט ראָמאַנען. פרילינג בין איך צוויי כאַדאָשים פון שטוב ניט ארויס. סקאַרלאַטינע מיט

פאַרשיידענע נאָכווייעניש. א געוווינען קינד געוועץ. דערפאַר טאַקע האָט עס מיך די מאַמע. ניט פרעגנדיק קיין איבעריקע קאַשעס, אוועקגעשיקט צו איר רײַכן ברודער אָטכיַיען זיך. פאַר דער צײַט פון מײַן קרענק האָב איך זיך צוגעשאַרט צו די ראָמאַנען, וואָס מײַנע שוועסטער האָבן געליענט, האָב איך זיך ניט מיט איין „זינדיקער נעשאָמע" באַקאַנט. איז גאָר דרייזשע אַזאַ? אָט פאַרוואָס זי מוז וויינען בײַ יענעם. דער אייגענער פאָטער האָט זי פאַרשאָלטן. אפילע קיין יערושע ניט איבערגעלאָזט. אַזוי טוען אַלע פאָטערס, בייס זייער איינציקע טאָכטער אַנטלויפט מיט א קראַסאַוועץ און טראָגט זיך מיט אים אַוועק ערגעץ ווײַט אין א קאַרעטע מיט דרײַ פײַערדיקע פערד אין שפּאַן. א „זינדיקערן" מוז דאָך אָבער זײַן א שיינע. אין אַלע ראָמאַנען, וואָס איך האָב געליענט, זײַנען די זינדיקע וווּנדערלעך שיין. דרייזשע א שיינע? עס כאַפּט מיך אָן א געלעכטער.

איך שפּיל מיט מײַנע כאַווערטעס אפן הויף. דער הימל איז פול מיט זון. מיטאַמאָל כאַפּ איך זיך — ס'איז ליידיק. בלוי און גלאַט. אינדערווײַט א וועלקנדיקע קווייט אין א יאַם פײַער, וואָס פאַלט צוזאַמען מיט איר צו דער ערד. צו אָוונט איז נאָך אָבער ווײַט. אין דער לאַנגער שטוב וועל איך קומען צו דער צײַט. גיי איך מיר ניט געײַלט איבער די שאַבעס־שאַלוועסדיקע גאַסן פונעם שטעטל, טאַנץ אונטער און ווידער מײַן שיין לידל: „דרייזשע די בייזע, קײַלעכדיקע דייזשע..." עס אַרט מיך קיין האָר ניט, וואָס די ווערטער פּאַסן ניט צו דער קליינינקער שטשופּלינקער דרייזשע. אַבי איך האָב פאַרפּאַסט א לידל מיט גראַמען. די „זינדיקע נעשאָמע", דער קראַסאַוועץ אין דער קאַרעטע — דאָס אַלץ האָט געפּאַסט צו דרייזשען נאָך ווייניקער, ווי מײַנע גראַמען. איז וואָס האָב איך וועגן דעם צו טראַכטן? ווען איך וואָלט אין יענעם טאָג פאַרלאָזט די שטוב פון מײַן פעטער און מײַן מומען, וואָלט איך מיסטאָמע שוין אַף מאָרגן פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַף דער וועלט א דרייזשע, וועלכע האָט „פאַרשפּילט איר וועלט" און איז „א זינדיקע נעשאָמע". עפּשער וואָלט פאַרבליבן אין מײַן געדעכעניש א בלאַסער שאָטן אין שוואַרצן געהילט, ניט מער. איז אָבער א באַשערטע זאַך... דעם זעלבן שאַבעס טאַקע אָפּדערנאָכט האָב איך זיך גאָר נאָענט באַקאַנט מיט דרייזשען.

שאַבעס מעג מען אַרײַן אין זאַל, ווען מע וויל. קום איך אַרײַן דורך דער פּאַראַדנער טיר, גלײַך פון מאַרק־פּלאַץ. פּונקט אין דער רעגע קום איך אַרײַן, ווען אַף דער מומעס פינגער, אַף אָט דעם פינגער, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, און וואָס שטענדיק טראָגט מען אַף דעם דאָס קדושן־רינגעלע, באַזעצט זיך נאָך א רונג, א גראָבער רונג מיט א רויטן שטיין אינדערמיט. די גאַנצע מומע איז אין א גרויען קלייד אַרײַנגעטאָן. דאָס קלייד גלאַנצט און שורשעט. אַף דער ברוסט בלעטערט זיך ווײַסער האַפּט, ווי דין־פאַנאַנדערגעוועלגערט קראַכמאַל־טייג קוקט אַרויס א בלאַט פון הינטער א בלאַט. א גרויסע מומע בײַ מיר. א גרויסע, א ברייטע און א פלאַכע.

די מומע לאָזט זיך צו דער טיר. זעקס אויסגעפּוצטע קינדער, דרײַ ייִנגלעך און דרײַ מיידלעך, אַלע וווּקסיקע, שיינע, געזונטע, גייען איר נאָך. און מיר ווילט זיך שרײַען: „גוואַלד!" עפּעס האָט מען דאָ מיט מיר אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס איז מיט ווערטער ניט צו דערציילן. גאַזלאָנים זײַנען מיך אין וואַלד באַפאַלן...

איך בין אַליין שולדיק. פאַרוואָס בין איך אַזאַ שעמעוודיקע? און פאַרוואָס האָב איך אַזוי מוירע פאַר דער מומען? אַרײַן און פאַרשטעקט זיך אין א ווינקל. די מומע האָט מיך אוואַדע גאָרניט געזען. דער שווערער פאָרהאַנג באַם פענצטער האָט מיך פון איר פאַרשטעלט. זי האָט וועגן מיר פאַרגעסן. און דער פעטער? פאַרוואָס האָט דער פעטער ניט פאַרזאָגט, מע זאָל מיך נעמען אין טעאַטער. פאַרן פעטער געפין איך אָבער שטענדיק א פאַרענטפערונג. דער פעטער איז אַן איידל־שווײַגנדיקער מאַנצבל. ער מישט זיך ניט אין קיין שטוביקע געשעפטן. ער וועט מיסטאָמע אַליין אויך אין טעאַטער ניט גיין. ער איז דאָך גאָר אין דער היים ניט געוועזן, ווען זיי זײַנען אַלע אַוועק.

איך גיי אַרויס פון שטוב. איך זעץ זיך צו אפן גאַנעק. אין דרויסן איז ליכטיק, כאָטש דער רויטער זוים אפן הימל־ראַנד איז געוואָרן ברייטער און צעפלאָסענער. די קווייט אין זײַן מיט האָט פאַרלאָרן דאָס פּאָנעם, זי זעט זיך קימאַט ווי ניט אָן. דער מאַרק־פּלאַץ איז פּוסט. הײַנט איז שאַבעס. וואָס האָבן פויערים צו טאָן אפן מאַרק, ווען בײַ ייִדן איז שאַבעס? און די ייִדן אַליין גייען דערצו קוקן טעאַטער. א היפּשע צײַט זיץ איך נאָך אפן גאַנעק. מײַן האַרץ פּרעסט א פאַרדראָס. יענע וואָך האָב איך געהערט ריידן, אַז רעב ניסן גאָרעליקס טעכטער וועלן שאַבעס שפּילן טעאַטער. ווי־אַזוי האָב איך עס געקענט וועגן דעם פאַרגעסן? ווען איך קום א ביסל פריִער... די מומע האָט זיך געײַלט...

אפן גאַנעק זיץ איך ניט גלאַט אַזוי. איך וואַרט. זאָל זיך נאָר איין מענטש באַווײַזן אַף דער גאַס, גיי איך צו אים צו און בעט, ער זאָל מיך נעמען אין טעאַטער. די שפּיל האָט זיך

שוין געוויס אַנגעהויבן. מאָל איך מיר אויס: אַט קום איך אַרײַן, ניט מיט דער מומען און אירע קינדער, מיט א פרעמדן מענטשן קום איך אַרײַן, איך קען אים ניט און איך ווייס אים ניט. אלע קעפּ דרייען זיך אויס צו מיר, און דער מומען איז מיִעס, זייער מיִעס. איך האָב איצט קיין ברעקל דערעכערעץ ניט פאר דער מומע כאנע־עסטער. איך וויל איר אָפּטאָן א שפּיצל. א מיצווע אַף איר. זאָל איר זײַן מיִעס. דאפקע איצט, ווען איך זע זי ניט, זע איך זי יאָ. מיט איר גרויען פלאכן פּאָנעם. א בייז פּאָנעם. א פינצטערס, ווי א כמאַרע.

אין דרויסן ווערט קיל. א געל הינטל לויפט דורך בעאַלאכסן דעם מארק־פּלאַץ. פאר־שווינדט הינטער א פארשלאָסענער קראָם. מיר ווערט אומעטיק צו זיצן איינע אליין אפן גאנעק. עס נאָגט אונטערן לעפעלע. עס פארוווילט זיך מיר עסן.

אין קיך איז שטיל און פינצטערלעך. אַף דער הילצערנער באנק לעבן פּריפּעטשיק שטייט א טשוהונענער טאָפּ אָן א דעקל. א קוק אינווייניק. א ביסל בעבלעך אפן דעק, איבערגעבלי־בענע פונעם טשאָלנט. עס ציט מיך אזוי באם הארצן. מײַן האנט זינקט אינעם גרויסן טשו־הונענעם טאָפּ, די פינגער נעמען אָן עטלעכע קאלטע בעבלעך און ווארפן זיי פלינק אין מויל אַרײַן. איין מאָל און נאָך א מאָל.

שאבייסענאכטס. א מײַסע מיט מיר און מיט דרייזשען.

— אזוי? דו גייסט אויך אוועק הונגעריק פון דעם שאבעסדיקן טיש?

מײַנע הענט... וויי־וויי, מײַנע הענט... די קלעפּיקע פינגער... א סרייפע אין מײַן פּאָנעם. מיט א העליש פײַער ברענט עס.

— שעם זיך ניט, נארעלע, אלציינס ווייס איך, אז דער ביסן שטעלט זיך דיר אין האלדז. מײַן מאמעס קאָל... ווי קומט צו דרייזשען מײַן מאמעס קאָל, וואָס א צווייטס אזא איז אַף דער וועלט ניטאָ? ווען מײַן מאמע רעדט, הער איך זיך צו ניט אזוי צו אירע ווערטער גופע, ווי גאָר צו דעם, וואָס צווישן איין וואָרט און דעם צווייטן. איך האָב מײַן מאמען וועגן דעם קיינמאָל ניט געזאָגט. נאָר ווען זי רעדט, פיל איך, ווי עפּעס א ציטער בלײַבט הענגען אין דער לופט נאָך יעדן וואָרט אירן. מיטן אויער קום אופצוכאפּן. איך ווייס, פארוואָס דאָס איז. מײַן מאמעס קאָל איז ניט צום ריידן, נאָר צום זינגען. אוי, זינגט זי, מײַן מאמע... שאַ־בייסענאכטס, ווען די זון נעמט פארגיין, זיצן מיר אלע — דער טאטע, מײַנע ברידער, די שוועסטער מיט זייערע כאווערטעס און הערן, ווי די מאמע זינגט, א ליד נאָך א ליד. זומער טרעפט, א שכיינע בלײַבט שטיין בא דער אָפענער טיר און נאָך איינע קוקט ארויס אריבער איר אקסל. אלע הערן, ווי מײַן מאמע זינגט. ווען די מאמע בלײַבט שטיל, גייען די שכיינעס אַף די שפּיץ פינגער אַרײַן אין שטוב. מע זעצט זיך צו אַף דער קאנאפּע. און די מאמע זינגט ווײַטער.

איך האָב האָלט דעם שאבייסענאכטס בא אונדז אין דער היים. די מאמע זינגט. אין שטוב אָבער ווערט אלץ פינצטערער און אָן אומעט כאפּט מיך ארום. א בענקשאפט נאָכן שאבעס־דיקן טאָג, וואָס איז נאָך ניט אוועק, נאָכן געזאנג, וואָס האָט נאָך ניט אופגעהערט. אַט־אַט וועט די מאמע ארויסקוקן דורכן פענצטער אינעם טונקעלן דרויסן. דערזען א שטערן אין הימל.

— פאראן! — וועט א זאָג טאָן די מאמע. איר „פאראן” וועט בלײַבן הענגען אין דער לופט, ווי אָן ערשט אויסגעזונגענע נאָטע.

מיט א וואָכעדיק, פארזאָרגט פּאָנעם טראָגט די מאמע אַרײַן פון קיך א ברענענדיקן לאָמפּ און... אויס שאבעס.

— קום, כ׳וועל דיר אופגיסן אַף די הענט, — זאָגט צו מיר דרייזשע מיט מײַן מאמעס קאָל.

איך פאָלג. דרייזשע גיסט אוף פון דער קוואָרט אַף מײַנע הענט און שמייכלט צו מיר מיטן פוסטן מויל, אָן איין צאָן אפילע. ווען זי שמייכלט, איז זי גאָר ניט די, וואָס איך זע שאבעס באם טיש. די בלאָסע באקן דורכויס אין דינינקע ווירעלעך, וועלכע כוואליען זיך, שוימען אַף ארופצו, צו די מילדע אויגן. גרויסע אויגן, ברייט צעעפנטע, ווי בא גאָר א יונגער.

איך גיי נאָך דרייזשען אין איר ציכטיק צימערל אַרײַן. זי זעצט זיך צו אפן איינציקן שטול, און מיך באזעצט זי אַף איר זויבערן געלעגער. זי נעמט ארויס פון טיש־קעסטל אַן אלבאָם מיט פאָטאָגראפיעס:

— אָט דאָס איז מײַן כאָסן.

זי בלעטערט איבער א זײַט:

— אָט דאָס איז מײַן מאן.

— אוי, ס׳איז דאָך גאָר אַן אנדערער, — פארוווּנדער איך זיך.

— אַן אנדערער. אוודע אַן אנדערער, — שטימט גערן צו דרייזשע.

נאָך א בלאַט און נאָך א בלאַט:

— דאָס איז מײַן טאַטע מיט דער מאַמען. און אָט איז אוורעמעלע. אינגאַנצן נײַן יאָר אַלט. וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי? אוורעמעלע, דײַן פּעטער אוורהם. אָט דאָס זײַנען מײַנע קינדער. זעסט, איין מיידעלע און צוויי ייִנגלעך. זייער שטיפמאַמע, זאָגט מען, לעבט נאָך. אין וואַרשע לעבט זי, זייער שטיפמאַמע.

דרייזשע מישט דעם אַלבאָם, נאָר איך קוק זיך ניט צו באַזונדערס. ס'איז מיר אומהיימלעך. „זי איז ניט באַם זינען, — גיב איך א טראַכט צום צווייטן מאָל פאַרן הײַנטיקן טאָג. — אירע קינדער האָבן א שטיפמאַמע אין וואַרשע... ניטאָ וואָס צו הערן". און דאָך, ווען דרייזשע גיט א פאַרמאַך דעם אַלבאָם, רײַסט זיך בא מיר אַרויס קעגן מײַן ווילן:

— נו, און איר אַליין? איר האָט זיך קיינמאָל ניט פאָטאָגראַפירט?

— איך האָב, איך האָב א קאַרטעטשקע. — דרייזשע גיט א מיש אין דעם אַלבאָם: — אָט, זעסט, אַן אַלטע בין איך שוין דאָ. קימאַט דרײַסיק יאָר. כ'ווייס, פאַרנאַרישט געוווען. ניט געטרויט דעם היגן פאָטאָגראַף. אַזש אין שטאָט אַרײַן געפאָרן צוליב אָט אַ־דער־אָ קאַרטעטשקע.

„אָט דאָס איז דרייזשע?" — אַזוי האָב איך זיך אַליין דאַן אין דער קינדהײַט געפרעגט און עפּעס איז אין מיר שטיל געוואָרן. איך בין זיך מודה: אויך איצט אַזוי: טו איך נאָר א קוק אַף דער פאָטאָגראַפיע, אַזוי פאַרפּעלט אין מײַן דויפּעק א שטויס פונעם בלוט. „אָט דאָס איז דרייזשע?" — פרעג איך זיך פונקט, ווי אַמאָל אין דער קינדהײַט. — א שטאָלטנער האַלדז וואַקסט אַרויס פון א שטייענדיקן קעלנערל און טראָגט אַף זיך מיט גראַציע און זעלבסטווירדע א שיינעם פרויען־קאָפּ. א רונד פּאָנעם, פולע ליפּן, גרויסע מילדע אויגן. די האָר פאַרקאַמט אַף אַרויף, און דאָס רעכטע אויערל, א קליינס און א צאַרטס, קוקט כיינעוודיק אַרויס פון אונטער דער הויכער פריזור. טיילמאָל שטעל איך די פאָטאָגראַפיע אַוועק אַף מײַן שרײַבטיש. זאָלן מענטשן זי זען. אַלע מײַנע פרײַנט ווייסן, אַז ס'איז געוווען אַף דער וועלט מיט א צוויי הונדערט יאָר צוריק א פראַנצויזישער קינסטלער גרעאַז, וועלכער האָט מײַסטעריש געמאָלט שיינע פרויען־קעפּ, וואָס באַשײַנען ביז איצט די וועלט פון פיל קונסט־גאַלערייען. אָבער פראַנצויזישע עלעגאַנץ און יידיש־שטעטלדיקע טמימעס... ווו וועלן זיי נאָך זען אַזוינס?

פון דעם גאַנצן אַלבאָם דרייזשעס איז בלויז זי פאַרבליבן בא מיר אין זיקאָרן, זי, מיט איר קליינעם צאַרטן אויערל פון אַרונטער דער הויכער פריזור. דעריקער, דאָס אויערל. עפּשער דערפאַר, וואָס דאַן, אין דער קינדהײַט, האָב איך געוווסט, אַז א שיינע איז די, וועלכע האָט „ריכטיקע שטריכן פון פּאָנעם": א קליין מײַלכל, א געטאָקט נעזל... און דאָ האָב איך דערזען, אַז אויך אַן אויער קאָן זײַן שיין.

אויסער דרייזשען, האָב איך קיינעם ניט פאַרגעדענקט. נאָר א מעטושטעש געפיל איז בא מיר פאַרבליבן, אַז דורכויס קינדער אָדער מיידלעך און באָכערים זײַנען בא איר אין אַלבאָם. אַפילו איר טאַטע און די מאַמע זײַנען אויך א באָכער מיט א מיידל, ניט קיין טאַטע און א מאַמע. איך האָב זי אַפילו געוואָלט פרעגן וועגן דעם, ווי איך דערמאָן זיך, נאָר כ'האָב ניט געוווסט וואָס צו פרעגן. אין קאָפּ האָט זיך עפּעס אומקלאָר געדרייט: „און וואָס ווײַטער? פאַרוואָס זײַנען בא איר ניטאָ זייערע קאַרטעטשקעס, ווען זיי אַלע זײַנען עלטער געוואָרן?"

איך האָב געקוקט אַף דרייזשעס פאָטאָגראַפיע, ניט געקענט פון איר זיך אָפּרײַסן, און זי, דרייזשע, זיצט זיך אַנטקעגן מיר, דער צעניאָריקער. איר פּאָנעם, ווי געוויינלעך, א ווײַסער פלעק אַף שוואַרצן. די אויגן זײַנען, ווי הינטער פאַרמאַכטע לאָדן, אונטער די טונקעלע אויגן־לעפּלעך באַהאַלטן. זי איז ערגעץ ווײַט פון מיר, דרייזשע. עפּשער ניט נעענטער פון דעם אומבאַקאַנטן פרויען־קאָפּ אַף דער פאָטאָגראַפיע.

דרייזשע הייבט אויף אַף מיר די אויגן, די זעלבע מילדע אויגן, וואָס אַף דער פאָטאָגראַפיע. זי שמייכלט צו מיר מיטן אָנצינערדיקן מויל, און די פיל דינינקע ווירעלעך אַף אירע בלאַסע באַקן נעמען ווידער כוואַליען זיך, ווי א שטיל וואַסער. זי ציט פּאַוואָליע אַרויס פון מײַנע הענט דעם אַלבאָם, באַהאַלט אים אינעם טיש־קעסטל:

— ווילסט, כ'וועל דיר דערציילן מײַן לעבן?

דרייזשע האָט דערציילט. איך האָב געהערט. צו יונג בין איך דאַן געוווען און צו ווייניק דערפאַרן, איך זאָל אַלץ פאַרשטיין און פאַרגעדענקען. עס קאָן זייער זײַן, אַז אייניקע פּראַטים פון דרייזשעס לעבנס־געשיכטע זײַנען צו מיר דערגאַנגען פיל שפּעטער, ניט פון דרייזשען אַליין, נאָר פון אַנדערע דערציילט. נאָר אַלצייַנס איז יענער שאַבעסדיקער בײַנהאַשמאָשעס אַרײַן אין מײַן לעבן אַף שטענדיק. דאַנק איך דעם גורל פאַר דעם דאָזיקן אָוונט, פאַר דער צערודערונג, וואָס ער האָט אַרײַנגעטראָגן אין מײַן קינדערשער נעשאָמע. פיל ווערטער זײַנען צערונען געוואָרן, די צערודערונג האָט איבערגעלעבט אַלע שפּעטערדיקע לעבנס־

שטורעמס. אַלץ, וואָס עס איז פֿאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן אַט אַזוי, ווי עס איז אַראָפּ פֿון דרײַזשעס ליפּן, וועל איך זיך מיִען טרײַ פֿאַרהיטן אויפֿן פּאַפּיר, ווי אויך מײַנע נאַיִווע קינדערשע קאַשעס, וואָס איך האָב פֿאַרגעבן דרײַזשען. אַזויפֿיל יאָרן זײַנען אַדורך, האָבן זיי געוויס אָוועקגעטראָגן מיט זיך פֿיל פּראַטים פֿון דרײַזשעס לעבנס־געשיכטע. דער נוסעך פֿון איר דערציילן אָבער האָט זיך אָפּגעזעצט אין מײַן מויעך און מײַן האַרץ, ניט צו פֿאַרגעסן.

— מיינסט, אַווראַמעלע איז מיר אַ ברודער? ער איז דאָך מיר אַ זון, — אַזוי האָט אָנגעהויבן דרײַזשע. שוין בײַ די ערשטע ווערטער אירע האָט עפּעס אַ שרײַפּעלע אין מײַן קאָפּ זיך באַזעצט אין אַ נײַער דירע.

דער פּעטער אַווראָם איז דרײַזשעס אַ ברודער? איז זי דאָך מײַן מאַמעס אַ שוועסטער. פֿאַרוואָס האָט די מאַמע מיר געהייסן גריסן אין שטוב איטלעכן באַזונדער און דרײַזשען האָט זי אַפֿילו ניט דערמאָנט? „ער איז דאָך מיר אַ זון״. ווייס איך שוין גאָר ניט וואָס צו קלערן. ווי קען דאָס אַ ברודער זײַן אַ זון? איך בין אַזוי פֿאַרטאָן אין די רעטעניש — ווער, וואָס, וועמען, און... ווידעראַמאָל, און אָבעראַמאָל, — צי איז דרײַזשע באַם זינען — אַז דער אָנהייב פֿון איר געשיכטע גייט דורך פֿאַרבײַ מײַנע אויערן.

— ...בין איך געבליבן אַ קײַלעכדיקע יעסוימע. נײַנצן יאָר אַלט געווען. דײַן מאַמען האָט צוגענומען צו זיך די באָבע. אָפּגעזעסן שיווע און אַוועקגעפֿאָרן מיטן אייפּעלע. דײַן מאַמען איז געווען סאַכאַקל דרײַ יאָר. די באָבע אָלעהאַשאָלעם האָט זי אויפֿגעהאָדעוועט און געהאַלטן בײַ זיך ביז צו דער כופּע. אַווראַמעלע, זאָל געזונט זײַן, איז פֿאַרבליבן מיט מיר. שוין אַ גרויס ייִנגל געווען, צען יאָר. און שיין, ווי גאָלד, און אַ באָרדאַס. הײַנט די גוטסקײַט זײַנע, נאָר ער לאַשטשעט זיך צו מיר. אַ יונג קינד און אַ יאָסעם, נעבעך, צו וועמען זאָל ער זיך נאָך לאַשטשען?

מיטן סייכל פֿאַרשטיי איך: אַווראַמעלע איז אויסגעוואַקסן, איז פֿון אים געוואָרן דער פּעטער אַווראָם. אַלעמאָל אַזוי. פֿון אַ קינד ווערט מיט דער צײַט אַ גרויסער. איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך אויך זײַן אַ גרויסע. נאָר אַלצאיינס שטימט בײַ מיר ניט דער כעזשבן. אַווראַמעלע, וועלכער „לאַשטשעט זיך״ צו דרײַזשען, און דער פּעטער אַווראָם זאָלן זײַן איינס? איך פּרוּוו זיי צונויפֿלייגן — איינס און איינס איז צוויי. איז וואָס קומט אַרויס פֿון מײַן כיבער? פּאָרט צוויי, ניט איינס.

וואָס ווײַטער, ווערט אין צימער אַלץ פֿינצטערער. עס קען זײַן, אַז מע מעג שוין אָנצינדן ליכט. נאָר מיר געפֿעלט בעסער צו זיצן אַזוי, אין דער טונקל. דער מומע דרײַזשען, ווײַזט אויס, איז עס אויך צום האַרצן. די מומע דרײַזשע, אַזוי רוף איך זי שוין פֿאַר זיך. און דער נאָמען אירער זעט מיר איצט אויס גאָר ניט אַזוי ניט שיין. אַ נאָמען ווי אַ נאָמען.

— אַ פֿאַך אין דער האַנט האָב איך געהאַט, — דערציילט די מומע דרײַזשע. — פֿון קינדווײַז אויף געהאָלפֿן דער מאַמען אין דער אַרבעט. ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, איז איר זאַקן־מאַשין אַריבער צו מיר. האָב איך געשטעפּט און געוויינט — ניטאָ, ניטאָ די מאַמע. ווען די ערשטע ביטערע צײַט איז אַדורך, האָב איך געשטעפּט און געזונגען. און אַלצאיינס האָב איך געדענקט, אַז ס'איז ניטאָ די מאַמע, ניטאָ — און גאָר. נאָר פֿאַרדינט האָב איך ניט שלעכט. אַ שטיקל גאָרטן לעבן גאַנעק איז מיר אויך פֿאַרבליבן בעירושע. אויף סכאַר־לימעד, אויף עסן און אַפֿילו אויף אַ בעגעד פֿאַר מיר און פֿאַר אַווראַמעלען האָב איך געהאַט איבערגענוג. זאָגן, אַז ס'איז מיר געווען גרינג, איז ניט שײַעך. אײַ, וואָס איך האָב געזונגען, איז בײַ אונדז אַ מישפּאָכע אַזאַ. ס'איז גוט אויפֿן האַרצן, זינגט מען. ס'איז שלעכט אויפֿן האַרצן, זינגט מען ווידער. דײַן מאַמע, מיסטאָמע, אויך אַזוי, האַ? איך האָב פֿון מײַן זינגען אויסגעריסענע יאָרן געהאַט. מענטשן האָבן געזאָגט: „אין איין יאָר האָט די ערד דעם טאַטן און די מאַמע צוגעדעקט, און זי זינגט גאָר. אַ נאַריש קעלבל...״ שפּעטער, ווען איך האָב כאַסענע געהאַט, האָבן מענטשן געטײַנעט: „אַ ייִדענע זאָל זיך קעסיידער רײַסן דעם גאָרגל. זי מיינט, מע פֿאַרשטייט ניט, פֿאַר וועמען זי זינגט. ווײַגדער גייט איר פֿון קאָפּ ניט אַרויס״.

מענטשן האָבן לאַנגע צינגער. געוווּנטשן האָבן זיי מיר אָבער נאָר גוטס. מענטשן האָבן ניט דערלאָזט, אַ קײַלעכדיקע יעסוימע זאָל פֿאַרזעסן ווערן. האָט מען מיך צו צוואַנציק יאָר כאַסענע געמאַכט מיט אַן אַלמען. דאַפֿקע אַ ווױלער מענטש געווען. און מער ניט, ווי דרײַ קינדער געהאַט. אַ מיידעלע און צוויי ייִנגלעך. טײַערע קינדער, אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן.

מיט דער מומע דרײַזשע גייט עס בײַ מיר פּונקט פֿאַרקערט, ווי מיטן פּעטער אַווראָם. זי וואַקסט אויף צוריק. דער בלאַסער שאָטן, אין שוואַרצן געהילט, ווערט אַלץ ייִנגער. די אַלטע דרײַזשע איז אַ צוואַנציקיאָריק מיידל, פּונקט ווי מײַן עלטערע שוועסטער. איך ווער אַזוי איבעראַשט פֿון מײַן אַנטדעקונג, אַז איך לאָז דורך אַ שטיק פֿון דרײַזשעס געשיכטע. און איר קאָל פֿליסטערט אַלץ שטיל און צאַרט:

— וויגדער גייט ארום שלינג און שלאנג איבערן שטעטל. ניט ער לערנט, ניט ער פארנעמט זיך מיט א מיסכער, ניט ער האָט כאַסענע. און שעמט זיך ניט פאר קיין מענטשן. ווו איך זאָל זיך ניט ווײַזן, וואקסט ער אויס לעבן מיר ווי פון אונטער דער ערד.

— מומע דרייזשע, — איך כאַפּ זיך, אז איך האָב דאָ עפּעס פארהערט. — ווער איז ער דאָס, וויגדער?

— וואָס הייסט ווער? איך האָב דאָך דיר געוויזן זײַן קארטעטשקע. מײַן כאָסן. מיר איז געווען קוים זיבעצן, און אים נײַנצן, האָבן מיר זיך איינער דעם אנדערן דאָס וואָרט געגעבן. נאָר ווען ס'האָט שוין געהאלטן בא כופּע שטעלן, האָבן זײַנע עלטערן געזאָגט איינמאָל ניין. דער טויט זאָל זיי דאָ זײַן, וועלן זיי עס ניט דערלאָזן. פארוואָס זאָל טאקע אזא גערעאָטענער באָכער, אַן איינציקער זון, נעמען א מיידל אָן נאדן און נאָך מיט א קינד אף די הענט? זיי האָבן געוווסט, אז אוורעמעלען וועל איך פון זיך ניט אָפּלאָזן. טראָג איך ניט קיין שווער הארץ אף זיי. זיי זײַנען דאָך טאטע־מאמע.

האָבן מענטשן מיך מיטן אלמען כאַסענע געמאכט. א מיצווע פארדינט. מיר איז אָבער שלעכט. ווערסט מיר גלייבן, איך קען צום ברונעם ניט ארויסקומען. ווו איך, דאָרטן איז וויגדער. איך באַווײַז ניט ארויסצי׳ען דעם עמער פון ברונעם, נעמט אים וויגדער צו בא מיר און דערטראָגט ביזן סאמע גאנעק. און איך, האלעמײַ זאָל איך לייקענען, ס'איז טאקע א זינד פאר גאָט, ווען וויגדער רירט זיך נאָר צו ניט צו מײַן האנט, נאָר אפילע צום הענטל פון עמער, בלײַב איך שטיין א פארצאפּלטע.

ניט שטענדיק, מײַן קינד, טוט א מענטש דאָס, וואָס ער וויל טאָן, — אזוי זאָגט צו מיר די מומע דרייזשע. — איך האָב געוואָלט אוועקטרײַבן וויגדערן, זאָגן אים מיטן הארבן וואָרט, ער זאָל אפילע נאָענט צו מיר ניט צוגיין. האָב איך ניט פאר אים דאָס הארבע וואָרט. איך קער נאָר אָפּ דאָס פּאָנעם, ווײַל איך האָב מוירע פאר זײַנע אויגן. בעסער זיי ניט צו זען. איך זאָל אים גיין דערציילן, וויגדערן, אז טאקע צוליב זײַן טויווע וועגן האָב איך כאַסענע געהאט? פאנאנדערגעבונדן אים די הענט. פון טיפן הארצן געווונטשן אים, ער זאָל געפינען זײַן זיוועג און לעבן גליקלעך. איז וועלכער מאנצבל וועט גלייבן, ווען דו זאָגסט אים אזוי? און עפּשער האָט וויגדער געגלייבט? ס'איז גאָרניט נייטיק געווען, איך זאָל אים זאָגן. ער האָט עפּשער ראכמאָנעס געהאט אף מיר ניט ווייניקער, ווי אף זיך. אזוי האָט זיך מיר טיילמאָל געדאכט. און אַן אנדערשמאָל — ניין, ער טוט מיר צולאָכעס. — אזוי האָב איך געטראכט. — ער נעמט פון מיר נעקאָמע. ווער ווייסט?

און מײַן מאן, — זיפצט אָפּ דרייזשע, — ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל איז עס געווען, קוקט אף אונדז דורכן פענצטער. וויגדער טראָגט דעם פולן עמער וואסער, קיין טראָפּן קיינמאָל ניט פארלאָרן אפּן וועג, און איך גיי אים נאָך פון הינטן מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. וויגדער שטעלט אוועק דעם עמער אפּן העכסטן שטאפל פונעם גאנעק, ווי א פעדער וואָלט ער ארויסגעלאָזט פון דער האנט, דרייט זיך אויס מיט דער פלייצע, ער זאָל כאָטש א קוק טאָן אף מיר, און פארשווינדט אָן א זײַ־געזונט.

פון מײַן מאן הער איך ניט קיין קרום וואָרט. א מענטש אָן א גאל. מיט אוורעמעלען... קיין אייגענער טאטע קען בעסער ניט זײַן. עמעס, איך פאר זײַנע קינדער בין אויך א טרײַע מאמע געווען. און זיי האָבן זיך געצויגן צו מיר, ווי זאָל איך דיר זאָגן, האָסט ווען געזען א פייגעלע, וואָס איז ארויסגעפאלן פון נעסט, און פלי׳ען האָט זיך עס נאָך ניט אויסגעלערנט?

איך בין פארגאנגען אין טראָגן. שוין אין זיבעטן כוידעש געווען. און וויגדער טוט זיך זײַנס. דאָס הייסט, ער טוט גאָרנישט. פאר קיין סאָלדאט נעמט מען אים ניט. אַן איינציקער זון בא טאטע־מאמע. קיין שידעך ריידן לאָזט ער זיך ניט. און ראק ער גייט מיר נאָך. איז מיר פארשטערט דאָס לעבן.

איינמאָל גיי איך ארויס אפּן מארק קויפן פיש אף שאבעס. ערשט איך דערזע וויגדערס מאמע. זאָג איך: „גוט־מאָרגן!” כאַפּט ־זי ארויס א העכט בא דער סעדעכע און נעמט מיך שמײַסן מיט אים איבערן פּאָנעם. דאָס העכטל איז א לעבעדיקס, עס צאפּלט, עס רײַסט זיך פון איר, נאָר זי האלט עס מיטביידע הענט, ווי אין אַן אײַזערנער אָפּצווענגע פארקלעמט, און... איבער די באקן, איבערן קאָפּ. דאָס טיכל איז בא מיר באלד אראָפּגעפלויגן. רײַסט שוין מיך דער פיש בא די האָר. איך פארשטעל זיך מיט די הענט די אויגן, איך זאָל קיין בלינדע ניט בלײַבן. ארום א רעדל ווײַבער. און אלע שווײַגן. ביז איך בין צו דער ערד געפאלן. און גלײַך האָבן מיך א פּאָר שטארקע הענט ארומגענומען, אופגעהויבן, גוט־באקאנטע הענט. איך עפן פּאַוואָלינקע די אויגן. וויגדערס פּאָנעם איבער מיר. און איך, ווי אין א וויגעלע ליג איך. אף די הענט האָט מיך וויגדער איבערן גאנצן שטעטל אהיים געטראָגן. אז אָך און וויי צו מיר, אז אָך און וויי צו אים. צו מײַן מאן האָט ער מיך געבראכט.

קיין אייגן קינד איז מיר ניט באשערט געווען. אָפּגעמאַטערט זיך צוויי מעסלעס און ערשט מאפּל געווען. ווי איך בין נאָר צו די קויכעס געקומען, האָט מיך דער מאַן אָפּגעגעט. שטיל, אָן קריגערייַען. ניט אויסגעהאַלטן דעם ביזאָיען. וואָס פאַרא טײַנעס קען איך צו אים האָבן? אים איז אויך, נעבעך, נאָכגעגאַנגען דער שלימאַזל. דאָס ערשטע ווײַב איז געשטאָרבן, פון מיר האָט ער גאָר קנאַפּ נאָכעס געהאַט. פאַר מיר איז עס געווען גראַדע צום גוטן, וואָס מיר זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. מער ניט, וואָס נאָך די קינדער האָב איך א צײַט געבענקט. און זיי, ווי נאָר זיי דערזעען מיך, לויפן זיי מיר אנטקעגן און שרײַען: „מאַמע!" נאָר זינט מײַן מאַן האָט צום דריטן מאָל כאַסענע געהאַט, האָב איך די קינדער געגומען אויסמײַדן. די שטיפמאַמע האָט פון זיי שטיקער געריסן, האַלעמײַ זיי רופן מיך „מאַמע".

— מומע דרייזשע, און וואָס איז געוואָרן מיט וויגדערן? איר האָט מיט אים כאַסענע געהאַט?

דרייזשע בלײַבט א ווײַלע אָן לאָשן. דערנאָך מיט א זיפץ:

— אַז צוליב וואָס דערציייל איך דיר דאָס אַלץ? ביסט דאָך נאָך גאָר א קינד. פאַר דיר איז עס א מײַסע. נאָר דו ווילסט וויסן, וואָס איז ווײַטער, — זי גיט מיטאַמאָל ברייט א פיר מיט דער אויסגעדאַרטער האַנט איבער איר קליין צי̇מערל, ווי מיר וואָלטן געזעסן אין פרײַען פעלד און ארום אונדז וואָלטן זיך געשפרייט אירע מאַיאָנטקעס, — אָט די גאַנצע שטוב איז מײַנע, דאָס ווייסטו? גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך זאָל זי קענען שענקען אוורע־מעלען, ווען ס'וועט קומען די צײַט.

שטיל אין שטוב. שטיל אין גאַס. הינטער די פענצטער גייט אויס א שאַבעסדיקער טאָג. איך וויל מער ניט זיצן אייננע אליין מיט דער מומע דרייזשען אין דעם פינצטערן קיידערל. איך האָב פאַר איר מוירע. אַזעלכע מאָדנע רייד. די שטוב איז גאָר אירע.

— וואָס איז געוואָרן מיט וויגדערן? — דער מומע דרייזשעס ליפּן פּליסטערן אַזוי שטיל, אַז איך בין ניט זיכער, צי האָט זי עס די דאָזיקע ווערטער ארויסגעזאָגט, אָדער עפּשער איך האָב עס אליין פאַר זיך א טראַכט געטאָן. מײַן שרעק ווערט צערונען. א זיסער טרויער כאַפּט מיך ארום. איינער, א יונגער און א שטאַרקער, טראָגט מיך אויף די הענט איבער די גאַסן פון שטעטל, און איך, יאָ, דאָס בין איך, ניט די מומע דרייזשע, און איך הוידע זיך, ווי אין א וויגעלע, אין זײַנע אָרעמס. אָן אומרו אין מײַן קינדערש האַרץ. ביז איצט דערפיל איך א ציטער אין אַלע מײַנע איבורים, ווען איך דערמאָן זיך יענע רעגע. ווײַל איך בין געווען פאַרליבט. מײַן ערשטע ליבע איז געווען דער אומבאַקאַנטער וויגדער. ווי האָט ער אויסגעזען, וויגדער, וואָלט איך ניט געקענט זאָגן. די מומע דרייזשע האָט צו גיך איבער־געמישט דעם בלאַט פונעם אַלבאָם.

— א מײַסע? זאָל זײַן א מײַסע, — אַזוי זאָגט די מומע דרייזשע. מיר דוכט, זי איז אויף מיר א ביסל באַרויגעז, און דאָס פירט מיך ארויס פון מײַן הינערפלעט. — ווילסט הערן, טאָ הער און פרעג ניט קיין קאַשעס. דעם זעלבן טאָג נאָך, ווען זײַן מאַמע האָט אָפּן מאַרק פאַר אַלעמען אין די אויגן מיך אויסגעפּאַטשט מיטן לעבעדיקן העכטל און ער האָט מיך אָפּגע־טראָגן א פאַרכאַלעשטע אַהיים, איז וויגדער אוועק פון שטעטל און ווי אין וואַסער אַרײַן.

מײַן מאַן האָט מיך אָפּגעגעט, זעץ איך זיך ווידער צו מײַן זאַקן־מאַשין. און נישקאָשע. מיט דער כאַיונע קום איך אויס. מער ניט, וואָס אנטקעגן אַלעמען בין איך שולדיק. און מער פון אַלעמען אנטקעגן וויגדערן. ניט געהאַלטן וואָרט. כאַסענע געהאַט. און ווו איז ער, וואָס איז מיט אים, ווייסט קיינער ניט. אַפילע אייגענע טאַטע־מאַמע. הערסטו, מײַן קינד, אויב עמעצער וועט דיר זאָגן, אַז די צײַט פאַרהיילט יעדע ווונד, איז דאָס קאַזעוו ווּעשעקער. א פינגער, אַז מע פאַרשנײַדט, נו, עפּשער... אָבער א ווונד אויף דער נעשאָמע, אוי, ניין, זי פאַרהיילט זיך ניט. די צײַט פאַרציט זי נאָר מיט א הײַטל, זי זאָל זיך אַזוי ניט אָנזען פאַר פרעמדע אויגן. ווען אַלע ווונדן זאָלן בלײַבן אָפן, וואָלטן דאָך מענטשן פון קיין פרייד ניט געוווּסט.

צוויי יאָר זײַנען אַדורך. אוורעמעלע איז שוין א באַרמיצווע־ייִנגל. און ער לאָשטשעט זיך נאָך אַלץ צו מיר, ווי א קליין קינד. איז ווּעמען און וואָס דאַרף איך נאָך? קומט מיר פּלוצלינג אָן א בריוו, און עס רײַסט זיך מיר אָפּ אין האַרצן. קיינער שרײַבט מיר ניט קיין בריוו. אַפילע די באָבע. איז פון ווּעמען זאָל עס זײַן? איך עפן דעם קאָנווערט, טאַקע ניטאָ קיין בריוו. עפּעס א פּאַפּירל ליגט דאָרט אינווייניק. איך נעם עס פאַנאַנדער, גאָט מײַנער, פינף דאָלער. פונקט אַזאַ פּאַפּירל האָב איך געזען בא איינער א ייִדענע, וואָס דער מאַן האָט זי געוואָרפן מיט פיר קינדער, נעבעך. איין מאָל צוגעשיקט אָט אַזאַ פּאַפּירל און פּאַטער.

וואָס זאָל איך טראַכטן? אַ פּעטער אָדער אַ מומע האָט זיך אָפּגעזוכט אין אַמעריקע. דערוווּסט זיך, אַז איך מיט אוורעמעלען זײַנען געבליבן קײלעכדיקע יעסוימים, ווילן זיי אונדז אונטערהאַלטן בײַ דער נעשאָמע. איך ווייס אָבער ניט וועמען צו זאָגן אַ דאַנק. קיין אַדרעס אָף צוריק איז ניטאָ. גייט דורך נאָך אַ כוידעש, ווידער פינף דאָלער. און אַזוי עט־לעכע יאָר נאָכאַנאַנד. אַז געלט קומט אַמאָל אָן ווי אַ בריוו, אין אַ קאָנווערט, אָן אַן אָנ־ווײַזונג, און די פּאָטשט אַליין ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן, איז פאַר קיינעם אין שטעטל קיין נײַס ניט. אַזוי איז ביליקער. אָבער אָן אַ כסימע און אָן אַן אַדרעס אָף צוריק...

אין שטעטל, מײַן קינד, איז שווער עפּעס אויסבאַהאַלטן. ווייסט מען שוין, אַז מיר קומען אָן בריוו פון אַמעריקע. רעדט מען, מע טרעפט, מע פרעגט זיך נאָך בײַ מיר, פון וועמען. אָבער אַז איך ווייס ניט, ווייסן דאָך אַנדערע אוודאי ניט. גיין דערציילן יעדערן, אַז ניט קיין בריוו באַקום איך, נאָר געלט, בין איך אויך ניט מעכוייעוו. קוועטש איך מיט די אַקסלען. מאַך אַ שווײַג. רעדט מען און מע רעדט, ביז מע הערט אויף צו ריידן, יעדערער האָט זיך זײַנע אייגענע דײַגעס. דאַרף זיך מאַכן, אַז איינער, אונדזערער אַ שטעטלדיקער, זאָל אָנשרײַבן אין אַ בריוו פון אַמעריקע צו זײַן ווײַב, אַז ער האָט געזען ווידגדערן. און עס גייט אים דאָפּקע ניט שלעכט. נאָר וואָס? ער האָט ניט כאַסענע. דער ייִד איז ניט פויל און גיט אָן אַפילע ווידגדערס אַדרעס. און זײַן ווײַב שרײַבט ער, זי זאָל טאָן, ווי זי פאַר־שטייט. פאַרשטייט זי אַזוי, אַז דעם אַדרעס דאַרף מען געבן ווידגדערס מאַמען.

קען איך זיך שוין ווידער ניט ווײַזן אין גאַס. ווידגדערס מאַמע האַלט אין איין גוואַלדעווען, אַז איך האָב פאַריאָגט איר זון פון דער היים, אַז איך האָב אים צעקריגט מיט די עלטערן. און די בריוו, וואָס עס קומען מיר אָן, זײַנען ניט אַנדערש, ווי פון ווידגדערן. איך וויל אים אין אַ זאַק פאַרנאַרן. זי איז גרייט צו שווערן בײַם אָרנקוידעש, אַזוי זאָגט זי, ווידגדערס מאַמע, אַז אַ ציגײַנערקע בין איך, ניט קיין ייִדיש קינד. איך באַשווינדל איר זון. איך צי פון אים געלט, וויפל עס לאָזט זיך נאָר. אָט וועט זי זיך אַראָפּכאַפּן צום נאַטשאַלניק פון דער פּאָטשט און וועט אים עפענען די אויגן. זאָל ער נאָר אַרײַנקוקן אין די ליבע־בריוועלעך, וואָס קומען מיר אָן, וועט ער דאָרט נאָך עפּעס דערזען.

נעם איך זיך אָן מיט האַרץ און גיי אַוועק צו ווידגדערס מאַמע. איך בלײַב שטיין אָף דער שוועל. די טיר לאָז איך אָפן. אַדעראַבע, זאָלן מענטשן הערן. אַזוי און אַזוי, זאָג איך, איך באַקום טאַקע געלט. נאָר דערווײַל האָב איך זיך צו דעם אַפילע ניט צוגערירט. ניט איך דאַרף עס, ניט איך ווייס, וועמעס דאָס איז, איך לעב פון מײַן האָרעוואַניע. דאָס געלט ליגט באַהאַלטן בײַ אַ ראַיעלן מענטשן. איז אויב עס איז אײַער זונס, גיב איך אײַך אָפּ ביז אַ פּרוטע. זײַן אַדרעס האָב איך ניט, בעט איך אײַך, פרעגט זיך אָן בײַ אײַער זון, צי שיקט ער דאָ וועמען אין שטעטל געלט. ענטפערט מיר ווידגדערס מאַמע: „שוין אָנגעפרעגט זיך. ער לייקנט שטיין און ביין. נאָר מיר ווייסן די קונצן".

פון מײַנע רייד מיט ווידגדערס מאַמע בײַ דער אָפענער טיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָך אין שטעטל, אַז גאָט זאָל אויסהיטן. סטײַטש, איך האָב ליגנדיק געלט בײַ אַ ראַיעלן מענטשן! קיינער האָט מײַן געלט ניט געציילט, נאָר אַלציינס בין איך מיטאַמאָל אַ רײַכע קאַלע געוואָרן. שאַדכאָנים זײַנען מיך באַפאַלן פון הי און פון דער פרעמד. וועסט לאַכן, אַפילע מײַן געווע־זענער מאַן האָט זיך גענומען צו מיר שאַדכענען. אָפּגעוואַרט מיך איינמאָל בײַ דער קרעניצע הינטערן שטעטל. איך בין געגאַנגען אין דאַרף צו מײַנע קונדן מיט אַ פּעקל סכוירע. האָט ער מיך אָפּגעהיט. אַז מע איז געזיכערט פון אַ פרעמד אויג, מעג אַ מאַנצבל זיך אויסטײַנען אַפילע מיטן ווײַב, וואָס ער האָט אָפּגעגעט. ער גיסט פאַר מיר אויס זײַן ביטער האַרץ. איך גלייב אים. איך זע, דער מענטש איז שוואַרץ, ווי די ערד. זײַן דריט ווײַב, דערציילט ער מיר, איז אַן עמעסע מאַכשייפע, די קינדער שלאָגט זי מאַקעס רעצעך. זי וועט זיי מאַכן פאַר קאַליקעס, זאָגט ער. איז אויב איך בין מאַסקים, וועט ער זיך מיט איר געטן, און מיר וועלן אַ ביסל איבערוואַרטן און איבעראַנײַס כאַסענע האָבן. איצט וועט ער שוין ווייסן, ווי מיך צו שעצן.

נו, קיינער האָט ניט געהערט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, קיינער האָט ניט געהערט, וואָס איך האָב אים געענטפערט. איז צוליב וואָס, דאַכט זיך, זאָל אַ מענטש זיך אַליין שטעלן צום נאַר? איז נײַן, ער וויל זיך אין מיר נויקעם זײַן. ער וויל, קיינער זאָל מיך ניט נעמען. אײַ, אײַ, ווי אַ מענטש ווייסט דאָס קיינמאָל ניט, וואָס בײַ יענעם אָפן האַרצן טוט זיך. מײַן געוועזענער מאַן לייגט אײַן די וועלט, קעדיי איך זאָל פאַרזעסן ווערן. אָבער דאָס וויל איך דאָך טאַקע. איך האָב דאָך אים געזאָגט אָט דאָרטן, צווישן הימל און ערד, בײַ דער קרעניצע, אַז איך וועל מער שוין קיינמאָל ניט כאַסענע האָבן. ווען ער וואָלט מיר געגלייבט, וואָלט ער

פאַרשפּאַרט צו פּויקן איבערן שטעטל וועגן מיר און וועגן וויגדערן. ער האָט אַליין געזען. ער האָט אַליין געהערט. דערפאַר האָט ער זיך מיט מיר געגעט. אַז אינדערעמעסן בין איך אים גאָר קיינמאָל קיין ווײַב ניט געווען. אַזוי זאָגט ער. עמעס, אײַנגיכן כאַפּט ער זיך אָף צוריק. הערט אוף צו טרײַבן רעכילעס. און טאָמער מע נעמט אים שלעפּן בא דער צונג, איז ער זיך אָרנטלעך מודיע, אַז ער איז באַגאַנגען אַן אוולע אַנטקעגן מיר. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַ ווילער מענטש געווען. נאָר ווער וועט אים איצטער גלייבן? מע לאַכט פון אים, מע לאַכט פון מיר. אָט אַזאַ מאַזל האָב איך שוין, מענטשישע מײַלער זאָלן מיך נאָכאַנאַנד קײַען און אויסשפּײַען. זאָלסט וויסן זײַן, קינד, אַז פאַרברודיקן איז גרינגער, ווי ריינוואַשן. זאָלסטו דאָס גאַנצע לעבן זײַן געהיט פון אַ בייז וואָרט וועגן יענעם.

— מומע דרייזשע, איז ווער האָט עס אײַך פאַרט געשיקט געלט?

— ווער? געשיקט, געשיקט און מיטאַמאָל אופגעהערט צו שיקן. איך טראַכט, מאַלע וואָס איך טראַכט... אָף געוויס ווייס איך דאָך ניט. אַלציינס האָב איך קיין גראָשן פון דעם געלט ניט גערירט. נאָר ווען ס'איז געקומען אוורעמעלעס צײַט, קלער איך, זאָל די קאַלע ניט מיינען, אַז ער קוואַפּעט זיך אָף איר נאַדן. קום איך אָפּנעמען מײַן געלט באַם ראַיעלן מענטשן, גיט ער מיר נאָך מער, ווי איך האָב אים פאַרטרויט. וויל איך ניט נעמען. זאָגט ער, אַנדערש קען ער ניט, פּריצענטן, זאָגט ער, זײַנען אַנגעוואַקסן. אויב דאָס געלט האָט מיר געשיקט אַ רײַכער קאָרעוו, טראַכט איך מיר, האָט ער דאָך אין זינען געהאַט אונדז ביידן, מיך און אוורעמעלען. נאָר אָף וואָס דאַרף איך געלט? איך האָב דאָך די זאַקן־מאַשין. דערפאַר אָבער אוורעמעלע, ווי נאָר ער וועט אַראָפּ פון קעסט בא שווער און שוויגער, וועט ער אַרײַן מיטן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, אין זײַן אייגענער שטוב. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. איך האָב געוואָלט, עס זאָל זײַן אַ שיינע שטוב. האָבן זיי גאָר אַן אַכסאַניע אויסגעבויט. זעסט דאָך, אַ שטוב אָף פיר גאַסן, און אַזעלכע קעמערלעך. עס שלאָגט צום האַרצן.

— בעקיצער, אוורעמעלע האָט מיט מאַזל כאַסענע געהאַט, און איך קלײַב נאַכעס. אײַ, כאַנע־עסטער, איך האָב נאָך דעמלט צו איר זיך צוגעקוקט, אַ ביסל אַ טרוקענע נעשאַמע, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַז אים איז ליב, איז מיר ניכע. קיין שאַדכאָנים האָב איך צו אים ניט צוגעלאָזט. איך האָב אים קעסיידער געלערנט, אוורעמעלען, וויפל מאָל אים פאַרזאָגט: „זאָלסט זיך ניט יאָגן נאָך קיין געלט, זאָלסט זיך ניט יאָגן נאָך קיין ייִכעס. אַ קאַלע זאָלסטו זיך אויסקלײַבן אַזאַ, וואָס איז דיר צום האַרצן". נו, האָט ער אויסגעקליבן כאַנע־עסטערן. וואָס האָב איך צו איר? אַ האַרעפּאַשניצע איינע אין דער וועלט. פירט אַזאַ שטוב. זי וואָלט זיך געקאָנט פאַרגינען צו נעמען אַ דינסט. וויל זי ניט. מיך לאָזט זי קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט אַרײַנטאָן. די מיידלעך וואַשן אַמאָל אויס דאָס געפעס. און אַזוי איז אַלץ אַליין.

מיר איז קיינמאָל אַזוי גוט ניט געווען, ווי יענעם יאָר, ווען איך האָב אויסגעגעבן אוורעמעלען. ער זיצט זיך אָף קעסט בא שווער און שוויגער, זײַן שטוב איז שוין אָט־אָט אויסגעבויט, און איך זיץ מיר בא מײַן זאַקן־מאַשין און זינג קעסיידער. מענטשן זײַנען גוט צו מיר. דערפאַר, וואָס איך בין אַ פריילעכע. מײַנע אַלע כאַטאָים זײַנען שוין פאַרגעסן געוואָרן. עלטערע ייִדענעס שטעלן זיך אָפּ בא מײַן פענצטער: „זינגסט? נו, זינג, זינג. זאָל דיר גאָט העלפן..." איך האָב געגלייבט, אַז גאָט וועט מיר טאַקע העלפן. איך וועל זיך רויִק אויסלעבן מײַנע יאָרן בא דער זאַקן־מאַשין, וויפל ס'איז מיר באַשערט. אַבי געזונט. וואָס דאַרף איך נאָך?

גייט איינמאָל דורך פאַרבײַ דער פּאָטשטאַליאָן, דערלאַנגט מיר דורכן אָפענעם פענצטער אַ בריוו ניט קיין בריוו, עפּעס אַ לענגלעך קעסטעלע, ווײַזט מיר מיטן פינגער אָף אַ פּאַפּיר, איך זאָל מיך כאַסמענען, און גייט אוועק אַן אַ וואָרט צו זאָגן. אַ כמורער פאַרשוין געווען. איך טו אַ קוק — מײַן נאָמען. מײַן אַדרעס. אַן אַדרעס אָף צו ענטפערן איז אויך דאָ. אָף אַ פרעמד לאָשן געשריבן. איך בין אָף רוסיש אַ קנאַפּע בעריע. דעם עמעס געזאָגט, אָף ייִדיש אַפילע אויך. און דאָ בין איך גאָר, ווי אַ בלינדע. לאָז איך זיך לויפן נאָכן פּאָטשטאַליאָן. ווייס איך שוין. פון וויגדערן איז דאָס קעסטעלע.

איך דריק דאָס קעסטעלע צום האַרצן. איך לויף אַהיים. אַ קליין קאַרטאָנען קעסטעלע. מיטן מעסער נאָר דעם ראַנד אָנצורירן. עפן איך עס אָבער ניט. איך פאַל מיטן פּאָנעם צום קישן, הענט און פיס זײַנען בא מיר אָפּגענומען געוואָרן. אין שטעטל האָט מען שוין וויגדערס נאָמען פאַרגעסן. מיט טאַטע־מאַמע איז ער גוטעפרײַנט געוואָרן. זיי זײַנען שוין יאָרן דאָרט, צוזאַמען מיט אים.

בעקיצער, אַ קאַרטעטשקע האָט מיר וויגדער צוגעשיקט. אָט די, וואָס איך האָב דיר געוויזן, און אַ בריוול צוגעלייגט. העייס אים איז שוין אַריבער דרײַסיק, שרײַבט וויגדער,

און ער האָט נאָך אַלץ זײַן זיווג ניט געפֿונען, און איך האָב זיך מיט מײַן מאַן געגעט, איז דאָס אַליין אַ סימן, אַז מיר זײַנען אַ פּאָר פֿון גאָט. מײַן ברודער אוורעמל, שרײַבט ער, איז דאָך שוין אַ גרויסער, טראָגט איך ניט מער פֿאַר אים קיין אַכרײַעס. איז אויב איך האָב אים, ווּיגדערן, נאָך ניט פֿאַרגעסן, זאָל איך גלײַך אָנשרײַבן, וועט ער מיר אַרויסשיקן אַ שיפֿסקאַרטע. „דײַן טרײַער כאָסן ווּיגדער“, אַזוי כאַסמעט ער זיך. און דאָ ערשט, אונטער דער כסימע שרײַבט ער נאָך און שרײַבט. ער האָט מוירע, טאָמער האָב איך אַ צווייט מאָל ניט כאַסענע געהאַט. אויב דאָס איז אַזוי, אוי ווײ־ווײ, וואָס ער שרײַבט מיר, פֿונוואַנען נעמען זיך אַזעלכע ווערטער בײַ אַ מענטשן? איך וואָלט דיר געוויזן דעם בריוו. אָט דאָ בײַ מיר אין טיש־קעסטל ליגט ער. נאָר דו ביסט נאָך אַ קליינע, ווי קען איך דיר ווײַזן אַזעלכע ווערטער? דער גאַניידן און דער גהענעם אין ווּיגדערס בריוול. און איך ווּ בין? עס וואַרפֿט מיך פֿון גאַניידן אין גהענעם און ווידער אין גאַניידן. האַלעמײַ זאָל איך לייקענען, זינט מײַן מאַמע איז פֿון מיר אַוועקגעריסן געוואָרן, האָב איך נאָך קיין איין מאָל ניט געוויינט אַזוי, ווי יענעם טאָג. ווּיגדער און ווּיגדער. ניט מײַן וויסט מאַזל האָב איך באַוויינט. ווּיגדערן האָב איך פֿון זיך אויסגעוויינט.

צען יאָר האָבן זיי אין מיר געזאָדן, די ניט־אויסגעוויינטע טרערן. און איין נאָמען האָבן זיי געהאַט: „ווּיגדער“. אוי, טײַערע מײַנע, ווי איך געדענק עס יענעם גליקלעכן טאָג, ווען ווּיגדער האָט מיך גערופֿן צו זיך. זײַן מינדסטן נאָגל בין איך דאָך ניט ווערט געווען. אַזאַ אוילע האָב איך אים אָפּגעטאָן. מיט אַ פֿרעמדן מאַנצבל כאַסענע געהאַט. זאָל איך איצט זיך אים אָנהענגען אויפֿן האַלדז? איך בין דאָך שוין אַן אַלטע געווען. בײַ די דרײַסיקער. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט: ניין, קיין מאַזל איז מיר ניט באַשערט.

ווען איך האָב אויפֿגעהויבן דאָס פּאָנעם פֿונעם קישן, האָט זיך אין מיר ערשט אַ קוואַל געעפֿנט. בין איך אַרויסגעקראָכן דורכן פֿענצטער און אויפֿגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער טיר, עלעהיי איך בין אין שטוב ניטאָ. איך בין אַרײַן צוריק, דאָס פֿענצטער פֿאַרמאַכט פֿון אינעווייניק, די פֿאָרהענגלעך פֿאַרצויגן. דערנאָך אַרײַנגעוואַלגערט זיך אין בעט און אָפּגעוויינט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. אוי, ווי עס געדענקט זיך, ווי עס געדענקט זיך, יעדע רעגע געדענקט זיך. מיט די טרערן, האָב איך געפֿילט, גייט פֿון מיר אַרויס דאָס גאַנצע כּיעס. אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווער איך. אָט ווערט פֿון מיר אויס. און פּלוצלינג בין איך אײַנשלאָפֿן געוואָרן מיט אַ טיפֿן שלאָף. ביז פֿאַרטאָג. אויפֿגעכאַפּט זיך אַ פֿרישע, אַ גליקלעכע און... צום שפּיגל. אַ שפּיגל איז בײַ מיר געהאַנגען אויף דער וואַנט. אַוודע דער באָבעס נאָך. נאָר ווּעמען איז דאָס געלעגן אין קאָפּ צו שפּיגלען זיך? איך קוק אין שפּיגל. אַ געזונטע בין איך געווען, אַ קרעפּטיקע. דאָס פּאָנעם איז ראָז און קײַלעכיק און קיין איין קנייטשעלע זע איך ניט, ווי איך זאָל זיך ניט אײַנקוקן. און אַ סימן כאָטש פֿונעם נעכטיקן וויינען... ניט קיין קישעלעך אונטער די אויגן, ניט קיין רויטע נאָז. הערסטו, מײַן קינד, ווען די נעשאָמע באַוואַשט זיך מיט טרערן, מאַכט זיך, אַז אויך דאָס פּאָנעם ווערט קלאָרער.

— איך האָב אָנגעטאָן מײַן שאַבעסדיק קלייד, אַ שיין קלייד, מיט אַ הויך קעלנערל, האָסט דאָך געזען אויף דער קאַרטעטשקע. און די האָר האָב איך פֿאַרקאַמט אויף אַרויף, אויסגעלייגט אַזוי, עס זאָל זיך זען, ווי געדיכט און ווי ווייך זיי זײַנען. ווּיגדערן זײַנען מײַנע האָר שטאַרק געפֿעלן געווען. עמעס, ווען איך בין זײַן קאַלע געווען, האָב איך צעפּ געטראָגן. אַ ייִנגל איז ניט קיין מיידל, צו נײַנצן יאָר האָט ווּיגדער אין זיך אַ סאַך קינדערשע שטיק געהאַט. לאַכנדיק פֿלעגט ער אַ כאַפּ טאָן אַן עק פֿון מײַן צאָפּ און אויסלייגן זיך וואָנצעס איבער דער אייבערשטער ליפּ. אָדער: „דרייזעלע, — אַזוי האָט ער מיך גערופֿן, „דרייזעלע“, — בייג נאָר אײַן צו מיר דײַן קאָפּ!“ ווייס איך שוין, וואָס ער מיינט. ער פֿלעכט פֿאַנאַנדער מײַנעם אַ צאָפּ און מאַכט זיך פֿון דעם אַ באָרד. „דײַנער אַ זיידע בין איך, אַן אַלטער כאָסן בײַ דיר, דרייזעלע, אַ זיידע“, און לאַכט. מיינסט, איך בין געווען בעסער פֿון אים? ווּעסט גלייבן, איך האָב דאָך מיט ווּיגדערן אין פֿערדלעך געשפּילט. ער פֿלעגט מיך אָנעמען פֿאַר די צעפּ, און איך פֿלעג זיך לאָזן לויפֿן. אַרויסרײַסן זיך, אַ טרייסל טאָן מיטן קאָפּ, זײַנען שוין גאָר די צעפּ פֿון פֿאָרנט. דעריאָגט ער מיך, און די שפּיל הייבט זיך אָן פֿון אָנהייב. געלאָפֿן און געטופּעט ביז אין וואַלד אַרײַן. אַנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס? אַנטקעגן דעם, ווי שיין איך האָב זיך פֿאַרקאַמט. טאַקע שיין, אָבער ניט קיין צעפּ. איך וויל פֿאַר ווּיגדערן ניט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אַ זיבעצניאָריקע בין איך פֿאַרבליבן. ער האָט מיך שוין געזען, באָרעכאַשעם, ניט קיין מיידעלע אויך. האַלעוויַ וואָלט ער מיך אַזאַ ניט געזען, וואָלט גלײַכער געווען פֿאַר אונדז ביידן. בעקיצער, איך בין אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט, אָפּגעפֿאָטאָגראַפֿירט זיך און אַוועקגעשיקט ווּיגדערן מײַן קאַרטעטשקע. אַ בריוול צוגעלייגט. גאָר אַ קורצס. וואָס פֿאַר אַ שרײַבערקע בין איך?

אין שטעטל זײַנען קיין סודיעס ניטאָ. אַלע רעדן וועגן דעם גליק, וואָס איז מיר ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. מע שטעלט מיך אָפּ אין גאַס, מע פרעגט מיך אויס, וואָס שרײַבט ער מיר פאַרט, וויגדער, און ווען קלײַבט איך זיך צו פאָרן. און איך — מע דאַרף מיך פרעגן? — איך דערצייל אַליין, כאַטש דערציילן אַלץ, וואָס וויגדער שרײַבט מיר, שעם איך זיך. נאָר אַ פלאַפּלערקע בין איך געוואָרן. אַ פלאַפּלערקע און אַ לויפּערקע. איך קען ניט גיין, ווי אַלע מענטשן. איך פלי. און ווען איך דערצייל ניט קיין ניסים פון וויגדערן, און ווען איך פלי ניט איבערן שטעטל און אויסערן שטעטל, איך ווייס ניט צו וואָס און צו ווען, זינג איך. וואָס איז די לויפעניש, וואָס איז די זינגעניש, פרעג מיך בעסערס. אַ נאַרישע יידענע... אַ כּאַלעם האָט זיך מיר געכאַלעמט. איין זאָרג האָב איך, וויאַזוי וועל איך זיך עס שיידן מיט אוורעמעלען. אַ באַווײַבטער — ניט קיין באַווײַבטער, פאַר מיר איז ער אַ קינד. עס גייט דורך אַ וואָך, און צוויי, און דרײַ, און אַ כוידעש, ניטאָ קיין שיפסקאַרטע. טאַרעט מען מיך פון אַלע זײַטן: „וואָס שווײַגסטו? שרײַב אָן אַ בריוו. אַ שיפסקאַרטע קען אַמאָל פאַרפאַלן ווערן". שרײַב איך אַ בריוו. גייט דורך נאָך אַ כוידעש, ניטאָ קיין ענטפער. שרײַב איך נאָך אַ בריוו, שוין גאָר אַ לאַנגן. מײַן גאַנץ לעבן לייג איך אין בריוו אַרײַן. לייג אַרײַן און פאַרכאַסמע. און קיין ענטפער איז ניטאָ. שרײַב איך שוין גאָר אַ קורץ בריוול. אַז טאָמער האָט ער, וויגדער, כאַראָטעט אָף דעם, וואָס ער האָט מיר געשריבן, טאָמער האָט ער ניט באַטראַכטערהייט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, בין איך אים דאָס מויכל. איך ווינטש אים גליק און נאַכעס. איין זאַך בעט איך נאָר: ער זאָל מיר ענטפערן. זאָל דאָס זײַן צום לעצטן מאָל. נאָר זאָל איך זען פון אים אַ וואָרט. איז אָף דעם בריוו אויך קיין ענטפער ניטאָ.

ווידער האָט מיט מיר צו טאָן דאָס שטעטל. ווײַבער קוקן זיך איבער. מע שיט מיר זאַלץ אָף די ווונדן. איינע פרעגט קלוימערשט פרײַנטלעך: „וויגדער האָט דיר שוין אַרויסגעשיקט די שיפסקאַרטע?" אַ צווייטע: „ווען קלײַבסטו זיך צו פאָרן? טאַקע גאָר אײַנגיכן?" און אײַנמאָל הער איך הינטער מײַן פלייצע: „ווער־וועער, נאָר וויגדער ווייסט דאָך, ווער זי איז. ניטאָ זיך וואָס צו כאַפּן. דעם אַדרעוף האָט ער שוין געקראָגן פון לאַנג". אוי, דו ביסט דאָך אַ קליינע, — דערמאָנט זיך צום ווײַפלטן מאָל דרייזשע. — וואָס ווייסטו?

איך קאָן זיך ניט דערוואַרטן אָפּן סאָף פון דרייזשעס געשיכטע. זי איז געדערעכט. איך ביז נאָך אַ קליינע. איך גלייב נאָך, אַז אָף יעדער שײַלע איז דאָ אַ טשוווע. איך קוק זיך צו, איך הער זיך צו. און דאָס לעבן — אַ רעטעניש אָף אַ רעטעניש. קלעמט מיר דאָס האַרץ. איך וויל וויסן אָף זיכער: שוואַרץ אָדער ווײַס. יאָ אָדער ניין. וויגדער געפעלט מיר. ער געפעלט מיר עפשער נאָך מער, ווי דער „קראַסאַוועץ" פון די ביכלעך, וועלכער גאַנוועט אַרויס זײַן געליבטע בײַ איר בייזן פאָטער. נאָר מיר פאַרדריסט אָף וויגדערן. באַלד ער איז אַזאַ גוטער, טאָ:

— פאַרוואָס האָט וויגדער ניט אַרויסגעשיקט די שיפסקאַרטע? מומע דרייזשע, ער האָט דאָך צוגעזאָגט...

— איך ווייס? אַזאַ איז מײַן מאַזל. עפשער האָט זײַן מאַמע איבערגעכאַפּט מײַנע בריוו... אַ יאָר האָב איך אָפּגעלעבט, ווי אין קאַדאַכעס. עס האָט מיך געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. נאָר פון וויגדערן האָב איך שוין מער קיינמאָל ניט געהערט.

פאַרוואָס זאָג איך אַ יאָר? ווײַל דערנאָך וואָלט איך שוין צו וויגדערן אַלציינס ניט געפאָרן, ווען אַפילע ער דערמאָנט זיך וועגן מיר ווידער. איך האָב ניט געקענט צוקוקן, ווי די קינדער גייען אַרום פאַרמורזעטע, אָפּגעריסענע און ציען אויס אַ האַנט נאָך אַ נעדאָווע.

— וועלכע קינדער?

— מײַן מאַנס קינדער. ער האָט זיך דאָך טאַקע מיטן דריטן ווײַב געגעט. איך האָב דיר ניט געזאָגט? באַ אונדז אין שטעטל איז גוט צו געטן זיך. אַ טײַך אָן אייגענער. אײַ, דער טײַך, דער טײַך...

די רעבעצן האָט דערציילט, זי איז הינטערן פאַרהענגל אָף איר בעט געזעסן, אַלץ געהערט, אַז בייסן געט האָט די ייִדענע אָף איר מאַן די גאַנצע טויכעכע אויסגעגאָסן, דער ראָוו און דער דײַען זײַנען ווי שטומע געזעסן, פונקט ווי אירע קלאָלעס וואָלטן גאָר אין זיי געצילט. אײַנשטילן זי איז געוועזן ניט שײַעך. האָט מען געמוזט אָפּוואַרטן, ביז די קלאָלעס וועלן באַ איר אַליין פון זיך אויסגענומען ווערן.

נאָכן געט... ווער וועט עס גיין נאָכקוקן, וווהין דאָס געוועזענע פאָרפאָלק איז אהינגעקומען. ער אין איין זײַט, זי אין אַ צווייטער, און אויס. פרעמדע מענטשן. מע האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט, דאָ אָבער, אַזוי, זאָגט מען, האָט די ייִדענע נאָך אים אין פלייצע, ווי שווערע שטיינער, עטלעכע קלאָלעס נאָכגעוואָרפן. נו, און ער, אַ שוואַכער מאַנצבל... באַ אַ מאַנצבל וועט דען סטײַען קויכעס איבערצוטראָגן אַזעלכע ווייטעקן, ווי מיר, ווײַבער, טראָגן

איבער? וויל ער, ווײַזט אויס, בלײַבן א ביסל אליין מיט זיך. א ייִדענע וואָלט מיסטאמע אוועק גלײַך צו די קינדער, און ער גייט גאָר צום טײַך. עפּשער האָט ער געוואָלט זיך אויס־באָדן, א הייסער טאָג געווען, און אראָפּוואַשן פון זיך די מיִעסע קלאָלעס. איז צי ער האָט זיך געבאָדן, צי ער האָט זיך אײַנגעבויגן א ביסל וואַסער אויסטרינקען און האָט זיך פאַר־כלינעט... דרײַ טעג האָט מען אים אין טײַך געזוכט, ביז מע האָט אים געפונען. אייניקע האָבן אפילע געמורמלט, אז ער האָט זיך בעקיוון א מײַסע אָנגעטאָן, נאָר מעקאַבער איז מען אים געווען בעקאָוועד, אן ערלעכער ייִד, א ביטערער אָרעמאַן... בעקיצער, דער טאַטע איז אונ־טערן וואַסער ארונטער און די קינדער ווי אָפּן וואַסער איבערגעלאָזט. זייער שטיפמאַמע האָט כאַסענע געהאַט און איז אריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. האָב איך זיי צוגענומען צו זיך. קליינע קינדער, נעבעך. דער עלטסטער איז ערשט באַרמיצווע געוואָרן.

די מומע דרייזשע הייבט זיך אוף און צינדט אָן דעם לאָמפּ. אין צימער ווערט ליכטיק. איז אויס מײַסע. דרייזשע זיצט אנטקעגן מיר. זי שווײַגט. אירע אויגן הינטער די טונקעלע אויגן־לעפלעך, ווי הינטער פאַרמאַכטע לאָדן, וועלכע לאָזן ניט דורך קיין שײַן. דאָס פאַרגליווערטע פּאָנעם, אָן אן אויסדרוק, בלייכט זיך צווישן דעם שוואַרצן קלייד און דעם שוואַרצן טוך אפן קאָפּ. נאָר אָט גיבן זיך א כוואַליע אף דרייזשעס באַקן דינינקע ווירעלעך־קנייטשעלעך. צו די אויגן פליסן זיי. און די אויגן זײַנען ברייט צעעפנט. שיינע, יונגע אויגן.

— איך האָב זיך ניט אף וואָס צו קלאָגן,— שמייכלט צו מיר די מומע דרייזשע מיט איר אָנציינערדיק מויל.— אָפּגעלעבט א לעבן און קיינעם צו לאַסט ניט געווען. די קינדער אויסגעהאָדעוועט, אויסגעגעבן. זיי פאַרגעסן מיך ניט. א בריוול שיקט מען צו, אמאָל אפילע א קערבל אויך. וואָס קאָן איך פון זיי פאַרלאַנגען, די גרויסע גווירים וואָס זיי זײַנען? כאַנע־עסטער? איך האָב צו איר קיין טײַנעס ניט. מיינסט, ס׳איז גרינג צו זײַן אזא כאַנע־עסטער? א מענטש, וועלכער קען, נעבעך, ניט האַנאָע האָבן פון לעבן. דאָס איז דאָך א שטראָף פון גאָט. און איך... וואָס פעלט מיר? צו דער עלטער ווױן איך מיט אוורעמעלען, מיט זײַן ווײַב און קינדער. שוין צוויי יאָר, אז איך לעב מיט זײַ. זינט ס׳האָט זיך מיט מיר געמאַכט... איך בין געפאַלן. כ׳ווייס, מענטשן מאַכן פון אלץ א ווענז. ס׳איז גאָרנישט. דער קאָפּ האָט זיך מיר א ביסל פאַרדרייט. איך געדענק גאָר ניט, וואָס איז דאָס געווען. נו, בין איך אריבער צו אוורעמעלען. מײַן כאַלופּע פאַרקויפט. האָבן זיי די קיך מיט דער סטאַדאָלע צוגעבויט. פריִער איז דאָך זייער שלאָפצימער געווען די קיך. נאָר ווי עס מאַכט זיך, אזוי איז בעסער. אָט זעסטו דאָך. איך בין ניט אליין. און טאָמער, די שאָ זאָל ניט זײַן, עס באַפאַלט מיך ווידער א שוואַכקײַט, האָב איך וועמען אין וואַנט אָנצוקלאַפּן.

הינטערן פענצטער דערהערט זיך א גערעדערײַ.

— גיי,— זאָגט די מומע דרייזשע.— גיי אין דײַן קאַמער ארײַן, אניט וועט כאַנע־עסטער זיך בייזערן. און האָב אף איר קיין פאַריבל ניט. גאָט האָט פאַרגעסן צו געבן איר א נעשאָמע.

...אינדערפרי בין איך ארויס אין קיך אײַנוואַשן זיך. מײַן שוועסטערקינד דווירקע, וואָס איז געווען אף א יאָר עלטער פון מיר און מיט וועלכער איך האָב געגאַרט ווערן כאַווערטעס, האָט מיט א וויכעטש געשקראָבעט דעם טשוהונענעם טאָפּ מיטן פאַרטריקנטן נעכטיקן טשאָלנט. דערזען מיך, האָט זי א פּישטשע געטאָן מיט א דין קעלכל:

— פּיק־פּיק... א הונגעריק הינדעלע, נעבעך. קאַלטע בעבלעך פּיקט עס פון די טעפּ. דיר איז שלעכט בא אונדז, האַ, שלעכט? דיר און דײַן מומע דרייזשע איז שטענדיק שלעכט. מע קען פאַר אײַך ניט יויצע זײַן.— אירע שיינע ליפּן האָבן זיך א קרים געטאָן און, ווי די גרעסטע באַליידיקונג, האָט זי מיר א וואָרף געטאָן אין פּאָנעם ארײַן: „שנאָרערקע! דרייזשע!”

ווען די מומע כאַנע־עסטער האָט ניט געהערט, האָבן אלע אירע קינדער פון דעם טאָג אָן מיך גערופן ניט אנדערש, ווי דרייזשע.

■

סאָף זומער האָט מיך שמאַריע דער באַלעגאָלע אָפּגעפירט אהיים. מיט עטלעכע טעג פריִער האָט די מומע דרייזשע בעסאָד געשענקט מיר א קעסטעלע לאַנדערין. און א פאָ־טאָגראַפיע האָט זי מיר געגעבן, אָט די, אף וועלכער זי איז אזוי שיין פאַרקאַמט און וואָס איצט שטייט זי אף מײַן שרײַבטיש.

— איך האָב נאָך. שרעק זיך ניט,— האָט מיך פאַרזיכערט די מומע דרייזשע.— פאַר אלע מײַנע קינדער האָב איך באַשטעלט קאַרטעטשקעס. פאַר אוורעמעלען אויך. ווי זשע? ער האָט זי אין א דיקן סייפער באַהאַלטן. כ׳האָב אליין געזען. זאָל דײַן מאַמע כאָטש א קוק

טאָן. זי קען דאָך מיך ניט. אָן אײפּעלע האָט מען זי בא מיר צוגענומען. עפּשער וועט זי מיר א פּאָר ווערטער אָנשרײַבן. וועט עס בא מיר זײַן זייער אָנגעלייגט. זעסט, אָט איז א שטריקעלע און אָט איז א פּיסעלע,— ווײַזט מיר מיט שטאָלץ די מומע דרייזשע.— אז מע וויל, קען מען די קאַרטעטשקע אופהענגען, אז מע וויל, קען מען זי אוועקשטעלן.

ווען איך בין ארויס פון דער לאַנגער שטוב מיט מײַן הילצערן קערבל אף צו זעצן זיך אין וואָגן, האָט דער פעטער אווראָם מיר געזאָגט:

— פאָר געזונט. לאָז גריסן דעם טאַטן און דער מאַמען.

די מומע כאַנע־עסטער האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט ארויסגעטראָגן א בײַקענע קאָלדרע פון שטוב און פארזאָגט דעם באַלעגאָלע:

— באַנאַכט זאָלט איר זי גוט אײַנדעקן. זי זאָל זיך ניט צוקילן. פארן וועג וועט איר באַקומען דאָרטן.

די בויד האָט גערירט פון אָרט.

אין שטאָט בין איך אָנגעקומען אף מאָרגן צו האַלבן טאָג. אין דער היים האָב איך געטראָפן נאָר די מאַמע. זי האָט מיך אף די הענט אראָפּגעכאַפּט פון וואָגן, א קוש געטאָן אין שטערן און פארבעטן דעם באַלעגאָלע אף א גלעזל טיי.

ווען מיר זײַנען געבליבן אליין, האָט די מאַמע געזאָגט:

— ביסט שוין גאָר א גרויסע, טאָכטערקע. אויסגעצויגן זיך פארן זומער, נאָר דאַר, ווי א שפּאָן. און א בלייכינקע. פארמאַטערט זיך אין וועג.— און פּלוצלינג מיט אומרו א פרעג געטאָן:— מע איז זיך מיט דיר דאָרטן גוט באַגאַנגען, בא דעם פעטער מיט דער מומען?

איך בין צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו דער מאַמעס קאָפּטל:

— מאַמע, ס'איז א ראַכמאָנעס.

— א ראַכמאָנעס? אף וועמען איז א ראַכמאָנעס?— די מאַמע האָט מיך אָנגענומען בא די אַקסלען, געוואָלט מיך אָנקוקן. נאָר איך האָב נאָך טיפער פארגראָבן דאָס פּאָנעם אין איר קאָפּטל.

— אף דער מומע דרייזשע. זי האָט פארשפּילט איר וועלט. זי איז אזא גוטע, די מומע דרייזשע.

אָפּגעזאָגט מײַנס, האָב איך שוין מער דאָס פּאָנעם פון דער מאַמען ניט באַהאַלטן. ס'איז מיר גוט, א מעכײַע. איך בין אין דער היים. פון דער קעשענע פון מײַן קורצן יאַקעלע האָב איך ארויסגעכאַפּט דרייזשעס פאָטאָגראַפיע:

— מאַמע, זע, דאָס איז די מומע דרייזשע.

די מאַמע האָט לאַנג באַטראַכט די פאָטאָגראַפיע:

— ווײַזט אויס, א שיינהײַט גע...

— מאַמע,— שלאָג איך זי איבער,— די מומע דרייזשע איז זייער א שיינע, אָן עמעס, מאַמע?

די מאַמע האָט מיר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אין אירע אויגן א טרויער. און עפּשער כאַראָטע? די מאַמע שווײַגט. און מיר ווילט זיך ריידן, א סאַך ריידן. מיט איר, מיט דער מאַמען... האָב איך שוין געהאַלטן בא איבערגעבן איר דעם גרוס פון דעם פעטער אווראָם, נאָר אָנשטאָט דעם האָב איך גאָר פארטרויט דער מאַמען א ווונדערלעכן סאָד:

— מאַמע, דו ווייסט, דער מומע כאַנע־עסטער האָט גאָט פארגעסן צו געבן א נעשאָמע.

שיקע דריז *

פון דער דיכטערישער יערושע

גיי זײַ א כאָכעם

געכאַסמעט, געשטעמפּלט
מיט זעקסערלעך טריף,
ברענגט מען אונדז פּלוצעם
מײַן שוועסטערס א בריוו.

טוט זיך אצינדער
אף טיש און אף בענק,
די שטוב איז געוואָרן
צו קליין און צו ענג.

יעדער וויל וויסן,
וואָס שטייט אין פּאַפּיר,
יעדער וויל זען
די קאַרטע פון איר.

הייבט אוף זיך מײַן טאַטע
און זאָגט צו דעם אוילעם:
— ווערט בין איך, הערט איר,
מײַן ווײַב זאָל מיך קוילען.

סטײַטש, וועט איר פרעגן,
פאַר ווען און פאַרוואָס?
ווײַל א מענטש איז אן אקשן
און ווייסט ניט קיין מאָס.

מײַנע פּלעגט טײַנען —
צו רירן א שטיין —
דאָס טעכטערל אונדזערס
איז שענער פון שיין,

איז ווי נעמט ניט א טאַטע
זײַן קינד בא דער האַנט
און פירט ניט „סנימײַען"
אזא מין בריליאַנט?

בין איך דאָך, רעב איטשע,
דאָס ניסל דאָס האַרטע,
און ענטפער מיסטאַמע:
„איך דאַרף ניט קיין קאַרטע".

גיי זײַ א כאָכעם
און טרעף אף פּאַרויס,
אז די טאָכטערקע מײַנע
וועט אויסוואַקסן גרויס,

וועט האַלטן מילכאָמע
און פאַרדינען באַם לאַנד
דעם נאָמען א העלדן
פון ראַטנפאַרבאַנד.

1946

• • •

איי, יינגעלעך, איי, מיידעלעך,
ברענגט מיר די שיך צו פאַריכטן,
מײַן קריטיקער זאָגט, אז א שוסטער איך
בין —
איך קאָן שוין קיין לידער ניט דיכטן.

איי, יינגעלעך, איי, מיידעלעך,
מיינט ניט, איך זאָג אײַך א ליגן,
א פלעקל איז דאָ, א טשוועקל וועט זײַן,
א דראַטווע ניט שווער איז צו קריגן.

א כאַזער אין שטעטל איז שטענדיק פאַראַן,
און טאָמער ניט, די שאָ זאָל ניט זײַן,
א שטשעטינעלע וועל איך באַם קריטי-
קער דאַן
אף עטלעכע טעג זיך אנטלײַען.

וואָס הייסט מילכאָמע

זיידע, וואָס הייסט מילכאָמע? — פרעגט מײַן אייניק.
— בעסער, קינד מײַנס, טו א פרעג בא די טויבן.
שוואַרצע טויבן ווערן ווײַס, ווײַסע ווערן שוואַרץ,
וועלן זיי דיר ענטפערן, אַט זיי מעגסטו גלייבן.

מײַן ראַפּאָרט

גייט אין פעלד
א בריגאַדיר:
— ייִנגל־צינגל, —
זאָגט ער מיר,

וועלכע אַרבעט
טוסטו דאָ
אין אזא מין
הייסער שאָ?

גיב איך אים
א ראַפּאָרט אָפּ:
— ביז די פּאַכוועס
יעדער סנאָפּ.

א גערעטעניש
אין פעלד.
האָט מען מיך
אוועקגעשטעלט,

אויב א זאַנג
עס וועט אַנטרינען, —
טייקעף
זאָל איך אים געפינען.

זאָגט ער: אַרבעט,
זאָגט ער: גוט,
ייִנגל־צינגל
ניט גערוט.

מײַן זיידע רעב ייִצחאָק

ניט הײַנט, ניט נעכטן און, ווײַזט אויס, אַז ניט פאַראַיאָרן,
איז מײַן זיידע רעב ייִצחאָק געוווירע געוואָרן —
אַף יענער זײַט נאַכט און עפּשער נאָך ווײַטער
האָבן פאַר צענדליקער יאָרן די ליכט אין די לײַכטער
אַנגעטריפט א כאָלעם־שטאָט פון כיילעוו. ניט איבערצוטרײַבן,
אזא שיינקײַט האָט נאָך קיינער ניט געפּרוּווט זיך באַשרײַבן.
פון כאָלעם די טורעמס, די הײַזער, די בוימער,
און ס׳וווינען דאָרטן, זאָגט מען, פאַרכאָלעמטע טרוימער.

האָט מײַן זיידע רעב ייִצחאָק
אַפּן ניכטערן מאָגן
די קליאַטשע די בלינדע
געשפּאַנט אינעם וואָגן,
זיך צעקושט מיט דער באָבען
און אַף גאָטס באַראָט

אַוועקגעהינקט זוכן
די פאַרכאָלעמטע שטאָט.
איי, וואָס דאַרף דאָרט
מײַן זיידע, זאָל לעבן,
קען ער אַליין זיך
קיין ענטפער ניט געבן.

• • •

שוין פון דרינען, שוין פון דרינען
א יאָם מיט שווערע יאָרן,
כ׳האָב מיר מײַנס שוין אָפּגעלעבט,
גרײַז און גרוי געוואָרן,
נאָר ביז הײַנט, נאָר ביז הײַנט
דאָס האַרץ אין מיר צעגייט,
ווען איך הער א פידל שפּילן,
דאָס פײַפן פון א פלייט...

טו איך אָן
מײַן כופּע־קלייד,
מײַן צירונג
אַף די הענט,
און איך טאַנץ,
און איך טאַנץ
שטומערהייט
מיט מײַן שאָטן
אַף די ווענט.

שוין פון דרינען, שוין פון דרינען
א יאָם מיט שווערע יאָרן,
נאָר מיר דאַכט, נאָר מיר דאַכט,
גלעקעלעך קלינגען — מעכוטאָנים פאָרן.
בערד און פּייעס — ווי די בעזעמער,
די גאַסן צו פאַרקערן,
בערד און פּייעס, ווי די וועלדער,
ייִדן, ווי די בערן.

צינד איך אָן
א ייִזקער־ליכט
מיט די אַלטע
הענט,
און איך טאַנץ,
און איך טאַנץ
שטומערהייט,
ביז דאָס ליכטל
ברענט.

שוין פון דרינען, שוין פון דרינען
א יאם מיט שווערע יאָרן,
כ'בין נאָך דעמאָלט אף יענער כאסענע
גרייַז און גרוי געוואָרן.
ניט קיין ווייַן האָט זיך צעגאָסן —
א כאסענע, ניט פאר אייַך געדאכט,
ניט קיין מענטשן — ווילדע כייַעס
האָבן געפראוועט מייַן כופע־נאכט.

צינד איך אָן
א ייזקער־ליכט
מיט די אלטע
הענט,
און איך טאנץ,
און איך טאנץ
שטומערהייט,
דאָס ייזקער־ליכטל
ברענט.

• • •

וויפל זיסקייַט אינעם ברויט,
ווען מיר עסן וועטשערע,
און וויפל זיסקייַט אונטער דער הויט
פון אונדזער קאשע דער הרעטשענער.

א פויגל בעט א ברעקל זיך —
טשיריק־טשיריק־טשיריק!

די קאץ הייבט אָן באלעקן זיך,
דאָס הינדעלע — א פיק.

אזא מין האָניק אין דערין —
אין יעדן אונדזער שלונג,
וואָס מיר צעמאָלן אפן מילשטיין דין,
און ניט מיט דער נארישער צונג.

א שפיגל

איַי, א שפיגל,
איַי, א פראכט
האָט מען נעכטן
אונדז געבראכט.

איאָ, באָבעצי מיניע?
— יאָ, אייניקל פיניע.

דאָרטן זעט מען
סייַ די לאָקן,
סייַ די שיכעלעך
מיט די זאָקן.

איאָ, באָבעצי מיניע?
— יאָ, אייניקל פיניע.

יענער, ווער ס'צעברעכט
דאָס גלאָז,
זעט אין שפיגל
נאָר די נאָז.

איאָ, באָבעצי מיניע?
— יאָ, אייניקל פיניע.

ווו איז אונדזער יאם?

דאָס האָב איך אים, אפּאָנעם,
איבערגעגאָסן,
דעם יאם דעם גרויסן,
אין די אויגן מייַנע
מיט אלע זייַנע אָפגעשטאָרבענע פערל,
זייַנע צעריסענע בייַטשלעך מיט קרעלן,

און קוישן פארלאָשענע שטערן...
און גיי ארום אצינדער איבער דער וועלט
מיט א יאם געזאלצענע טרערן,
און דער צאר שטורעמט און ווייטעקט
אין מייַנע שווארצאפלען.

קינסטלער מיכאל קוני

(זע דאָס ארטיקל ז. 184)

דער שוישפילער מארסעל מארסאָ



מילכאָמע־גשוידער



פאָרטרעט פון אלבערט איינשטיין

א לײַכטער (קעראַמיק)

װיטעבסק, 1920



דער זאָקן

יויסעף קאָלין

פערציק יאָר אָף דער בינע

בירָאָבידזשאנער טעאטער

אין דער מיט פונעם דרײַ־און־דרײַסיקסטן יאָר האָט דער קאָמיטעט פאַר קונסט־איניאָנים באַם מיניסטאָרן־ראַט פון רספסר ארויסגעטראָגן א באַשלוס צו אָרגאניזירן אין בירָאָבידזשאן א יידישן מעלוכע־טעאטער אָף דער באַזע פונעם ארויסלאָז־קורס פון דער יידישער טעאטער־שול.

כ׳בין זיך מוידע, אז מיך האָט דער דאָזיקער באַשלוס ניט שטארק דערפרייט — מיר האָט זיך זייער געוואָלט פארבלײַבן אין גאָסעט — כ׳האָב שוין געהאט ליב באקומען די רעפעטיציעס פון „מידאס־האדין״, ס׳האָט ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיט די באַליבטע לערער, מיטן טעאטער, מיט קליין־בראָנע. סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש האָט מיך בארויִקט — ער האָט געזאָגט, אז צו מיר האָט דער באַשלוס קיין שײַכעס ניט. אָבער דער דירעקטאָר פונעם בירָאָבידזשאנער טעאטער עמאנויִל קאזאקעוויטש האָט באַשלאָסן גאָר אנדערש.

עמאנויִל קאזאקעוויטש

מיר האָט אָפּגעגליקט מיטצואַרבעטן און זײַן א לענגערע צײַט א פרײַנט פון דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן מענטשן.

נאָך ביז דעם, ווי איך האָב זיך פערזענלעך באקענט מיט אים, האָב איך שוין געהאט געהערט וועגן דעם יונגן כארקאָווער יידישן דיכטער עמע קאזאקעוויטש. איך פלעג מיט פארגעניגן אויסהערן די געשיכטעס, וועלכע ס׳האָבן דערציילט אונדזערע סטודענטן אלוף און שאפּיראָ וועגן זײַן ערודיציע, וועגן זײַנע לידער. די איבערזעצונגען, וואָס ער האָט געמאכט פון היינעס ווערק, האָבן גוט געוווּסט די סטודענטן פון דער טעאטער־שול. מיר האָבן געוווּסט וועגן די שטיפערײַען און שפּיצלעך פון דער כארקאָווער קאָמפּאניע ליטעראַטן, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך באזונדערס אויסגעטיילט ריסקינד, סיטאָ און עמע קאזאקעוויטש, דער זון פונעם באקענטן קולטור־טוער הענעך קאזאקעוויטש, וואָס איז צו יענער צײַט געווען דער הויפּט־רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „דער שטערן״.

עמע קאזאקעוויטש איז פארליבט געווען אין בירָאָבידזשאן, אין דער טײַגע, וועלכער ער האָט געווידמעט פיל פון זײַנע ווערק, און מיט זײַן ליבע צום דאָזיקן קאנט האָט ער אָנגעשטעקט אלע יונגע אקטיאָרן, וואָס האָבן פארענדיקט די מאָסקווער טעאטער־שול.

קאזאקעוויטש איז געווען דער אָרגאניזאטאָר און דער ערשטער דירעקטאָר פונעם בירָאָבידזשאנער טעאטער.

דאָס איז געווען א דירעקטאָר ניט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. עמע האָט זיך בעשום־אויפן ניט געפּאָרט מיט די פונקציעס פון אן אדמיניסטראטאָר.

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד״ נומ. 7, 1973 י.

יוסעף קאָלין בײַס זײַנער אַן אַרויסטרעטונג אין דער טאָמסקער טעלעוויזיע. 1970.

אַף דער רויטער פּרעסניע, אין טעאַטער אָפּן נאָמען פון לענינען איז געווען די באַזע פונעם בירעבידזשאַנער טעאַטער.

אינעם קאַבינעט פונעם דירעקטאָר הערט זיך אַ געלעכטער, באַגײַסטערטע אויסגעשרייען, אַפּלאָדיסמענטן. אָפּן שרײַבטיש, אָפּן דיוואַן, אַף די בענקלעך און אָפּן דיל זיצן יונגע אַרטיסטן פונעם נײַעם טעאַטער. אין דער מיט פונעם צימער שטייט אַ הויכער יונגערמאַן אין האָרן־ברילן, מיט אַ הונגעריק מאָגער פּאָנעם און מיט שיינע געקרויזטע האָר. ער לייענט לידער. ניט בלויז קיין לירישע, נאָר אויך שטיפעריש־הומאָריסטישע, איראָנישע, עפּיגראַמען, קאַלאַמבורן — וווּנדערלעכע לידער, און דאָס איז אונדזער דירעקטאָר עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש.

אַזעלכע מינים דירעקטאָרס טרעפן זיך ניט אָפט. נאָר שטעלט אײַך פאָר, אַז אָט דער הויכער, עטוואָס סטולער און קורצזיכטיקער יונגערמענטש, דער לירישער פּאָעט, האָט געלייזט גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַזאַ אָרגאַניזם, ווי אַ נײַער טעאַטער. די פּראָבלעמען זײַנען געווען קאָמפּליצירטע, און די ערשטע פון זיי — קאָמפּלעקטירן אַ טרופּע. מיר, וואָס זײַנען געקומען פון דער טעאַטער־שול, זײַנען געווען בלויז דער „קערן", אַ גרופּע יונגע ניט קיין דערפאַרענע אַרטיסטן. דער טעאַטער האָט געדאַרפט אײַנשליסן אין זײַן באַשטאַנד געניטע מײַסטערס, און זיי האָט מען געקאָנט באַקומען נאָר אין די עקזיסטירנדיקע טעאַטערן. בלויז דער ענטוזיאַזם, די ראָמאַנטיק און די ניט געוויינלעכע פאַרליבטקײַט פון עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשן האָט געקאָנט מיטווירקן, אַז אַ ריי אַקטיאָרן זאָלן פאַרלאָזן אַזעלכע וווּנדערלעכע שטעט, ווי קיִעוו, אָדעס, מינסק, מאָסקווע, און זיך לאָזן קיין בירעבידזשאַן.

דער דאָזיקער טרוימערישער באָכער אינעם לעדערנעם רעקל, וועלכער איז שטענדיק געווען פאַרטראָגן אין זײַן פּאָעזיע, האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן דעם פּראָדוציר־פּראָצעס פונעם טעאַטער, באַשטאַטן די טעכנישע צעכן; באַקומען געהילץ (ס'איז געווען דאָס 33־טע יאָר), צוועקעס, מאַטעריאַלן אַף אויספורעמען די בינע, אַף קאָסטיומען. קריגן דאָס אַלץ אין יענער צײַט איז געווען פּונקט אַזוי שווער, ווי אופהייבן אַ באַרג, און קאַזאַקעוויטש האָט דעם באַרג אופגעהויבן.

איבערפירן דעם גאַנצן טעאַטער פון מאָסקווע קיין בירעבידזשאַן, באַזאָרגן מיט וווינונגען די מענטשן, עפענען אין דער נײַער געבײַדע דעם ערשטן סעזאָן פונעם טעאַטער — דאָס איז אַפילע פאַר זייער אַ דערפאַרענעם אַדמיניסטראַטאָר ביז גאָר אַ שווערע אופגאַבע, און קאַזאַקעוויטש האָט די אַלע פּראָבלעמען געלייזט, געלייזט דרייסט, מיט האָזע, און דערבײַ ניט פאַרלוירן דעם געפיל פון הומאָר און גוטמוטיקײַט.

קיין וואַגאָנען אַף איבערפירן די אויסשטאַטונג האָט מען ניט געגעבן. אַף די אָפיציִעלע פּאַפּירן, וועלכע זײַנען געשיקט געוואָרן אין מיניסטעריִום, איז אָנגעקומען אַ נעגאַטיווער ענטפער. ס'האָט אויך ניט געהאָלפן קיין שאַרפער געשפּרעך. דעמלט איז עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש אַרויסגעגאַנגען אַף דער מיט פונעם קאַבינעט פונעם מיניסטעריִום־טוער און אָנגעהויבן לייענען לידער. דער פאַראַנטוואָרטלעכער כאַווער איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, געווען אַ ליבהאָבער פון דיכטונג... און די פּאַפּירן זײַנען אונטערגעשריבן געוואָרן.

דער דאָזיקער ניט געוויינלעכער דירעקטאָר האָט ניט געהאַט קיין געהילפן. ער האָט קימאַט אַלץ געטאָן אַליין. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, אַז קאַזאַקעוויטש זאָל אַמאָל טראָגן אַ פּאָרטפעל. ער האָט ניט געהאַט קיין סעקרעטאַר, צו אים אין קאַבינעט איז מען אַרײַנגעגאַנגען פּראָסט און פּאָשעט — אָן אַ קלאַפּ אין טיר, אָן אַ „באַריכט"...

איך דערמאָן זיך, אַז אין אַ יאָר אַרום, ווען עמאַנויִל איז אַרײַנגעקומען אין טעאַטער (ער איז שוין דעמלט ניט געווען קיין דירעקטאָר), האָט די אויסגעשולטע סעקרעטאַרשע אים

אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „צו וועמען דאַרפט איר?“ קאַזאַקעוויטש האָט פאַרוואונדערט זי אָנגעקוקט און געענטפערט: „צום דירעקטאָר“. „ווער זײַט איר, וויאַזוי זאָל איך אײַך פאָרשטעלן?“ — האָט די סעקרעטאַרשע זיך אַלץ אָנגעפרעגט. — „אַלעקסאַנדער מאַקעדאָנסקי“, — האָט עמאַנויל געענטפערט, זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאַנגען.

מײַנע רעפּעטיציעס אין גאָסעט האָבן מיר שטאַרק געשטערט צו די רעפּעטיציעס פון דער פּיעסע „אינטערווענץ“, וועלכע מיר האָבן געגרייט אין בּיראָבּידזשאַנער טעאַטער. קאַזאַקעוויטש האָט פיל מאָל גערעדט מיט מיכאָעלסן וועגן דעם, נאָר סאָלאָמאָן מיכאַעלאָוויטש האָט מיט אַקשאָנעס זיך געהאַלטן פאַר מיר און ניט באַפרײַט פון די רעפּעטיציעס, דערבײַ בין איך שוין אָפיציעל פאַרבונדן געווען מיטן בּיראָבּידזשאַנער טעאַטער.

איינמאָל איז צו מיר צוגעגאַנגען פאַניע יעפימאָווגע, דער סעקרעטאַר פון טעאַטער־שול, וואָס האָט זיך דעמלט אויך פאַרנומען מיט די ענינים פונעם בּיראָבּידזשאַנער טעאַטער, און מיר פאָרגעלייגט: אויב דו ווילסט באַקומען אַן אַוואַנס, איז שרײַב אונטער אַן אָפּמאַך מיטן בּיראָבּידזשאַנער טעאַטער“... מיר איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען אונטערצושרײַבן קיין קאָנטראַקטן, און ניט טראַכטנדיק וועגן די פאָלגן, האָב איך אוועקגעלייגט מײַן חתימה און באַקומען אַן אַוואַנס. איך געדענק די ערשטע פאַרזאַמלונג אין פאָיע פונעם גאָסעט און די פלאַמיקע רעדע פון עמאַנויל קאַזאַקעוויטשן. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט סאָלאָמאָן מיכאַעלאָוויטש געגעבן די הסכּמה: „זאָל שטאָפּנמאַכער, — האָט ער געזאָגט, — פאָרן קיין בּיראָבּידזשאַן, נאָר אָף איין סעזאָן...“ אָבער דאָס האָט זיך פאַרצויגן ניט אָף איינעם, נאָר אָף גאַנצע דרײַצן סעזאָנען.

איך דערמאָן זיך איינעם אַן אָוונט אין לענין־טעאַטער אָף דער רויטער פּרעסניע. בײַ קאַזאַקעוויטשן אין קאַבינעט איז באַזונדערס טומלדיק. עס ווערט צונויפגעשטעלט די ערשטע אַפישע פונעם בּיראָבּידזשאַנער טעאַטער. פּלוצעם ווענדט זיך צו מיר עמע: „יוסף, מע דאַרף אַ טראַכט געבן וועגן דײַן פּסעוודאָנים. נו, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַקטיאָרישע פאַמיליע שטאָפּנמאַכער? שטעל זיך פאָר, אַז אין סאָף פונעם ספּעקטאַקל וועלן אייניקע טעאַטראַלע פּסיכאָפּאַטן דיך נעמען אַרויסרופן און אין צושויער־זאַל וועלן זיך הערן בלויז די לעצטע אויסיעס פון דײַן פאַמיליע — ...מאַכער! און אַלע צוזאַמען האָבן גענומען צוזוכן מיר אַ פּסעוודאָנים. עס זײַנען אָנגערופן געוואָרן די סאַמע קלינגעוודיקע פאַמיליעס. איך האָב דאָס אַלץ באַטראַכט, ווי עמעס אַ נײַעם שפּאַס, נאָר ווען מע האָט אין עטלעכע טעג אַרום געבראַכט אַן אָפּגעדרוקטע אַפישע, האָב איך דאָרט מײַן פאַמיליע ניט אָפּגעזוכט. אָנשטאָט שטאָפּנמאַכער איז געשטאַנען מײַן פּסעוודאָנים, וואָס קאַזאַקעוויטש האָט צוגעטראַכט — „גראָס“... אַגעוו, איז ניט נאָר מײַן פאַמיליע געוואָרן אַ נײַע. דעמלט האָבן מיר נאָך ניט געהאַט קיין בוטאַפאָר און קיין באַלויכט־טעכניקער, אָבער אין דער אַפישע האָב איך איבערגעלייענט: „בוטאַפאָר — דאַלני, באַלויכט־טעכניקער — פּריץ“. ווען איך האָב אַ פרעג געטאָן באַם דירעקטאָר, וואָס זאָל דאָס אַלץ באַטײַטן, האָט ער צו מיר שטיפעריש אַ ווונק געטאָן און געענטפערט: „צוליב סאָלידקײַט“...

איך שרײַב וועגן די אַלע איינצלהײַטן דערפאַר, ווײַל אונדז, זײַנע פרײַנט, איז טײַער יעדער שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן מענטשן. ניין, מיר האָבן דעמלט ניט געוווּסט, אַז פון דעם יונגן הומאָריסט, פון דעם שטיפער וועט אויסוואַקסן עמאַנויל קאַזאַקעוויטש — דער גרויסער סאָוועטישער שרײַבער. דעמלט איז ער געווען אונדזער דירעקטאָר, און מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז פון אים וועט זיך באַקומען אַ שרעקלאָזער אויספירער. ווען איך האָב געלייענט זײַנע לירישע לידער, האָב איך ניט געקלערט, אַז דאָס לייען איך לידער פונעם צוקינפטיקן סאָוועטישן פּראָזע־שרײַבער, וואָס וועט אָף אַזאַ ראָמאַנטיש־עפּישן אופן באַשרײַבן די גרויסע פּאָטערלענדישע מלחמה, אַז ער וועט זײַן דער גרונטלייגער פון פיל וויכטיקע טעמעס אין דער רוסישער ליטעראַטור.

פאַרענדיקט מיט דער מיסיע פון אַ דירעקטאָר, האָט קאַזאַקעוויטש זיך געזעגנט מיט אונדז און אַלס אָנדענק געשאָנקען דעם טעאַטער זײַן ווונדערלעכע איבערזעצונג פון קאַרל גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ“, און זײַן אייגענע לויכטנדיקע קאָמעדיע „מילך און האָניק“. ער איז אוועקגעגאַנגען פונעם טעאַטער, נאָר פאַרבליבן אונדזער גרויסער פרײַנט. ער איז געווען אַ גוטער כאַווער און אַ גוטער פרײַנט אין די שווערע אומשטענדן פון זײַן האָרעפּאַשנע לעבן, און געבליבן אַזאַ פּראָסטער און האַרציקער אויך דעמלט, ווען זײַן נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט. דער געפיל פון הומאָר און שטיפערײַ האָט אים אויך באַגלייט דאַן, ווען זײַנע ווערק „דער שטערן“, „צוויי אין סטעפּ“, „פרילינג אָפן אָדער“, „דער בלויער העפט“ און אַנדערע זײַנע ווערק האָבן אים געבראַכט גרויסן רום.

איך קאָן ניט פאַרגעסן די נאַכט, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט מיט אים אין קיִעוו בייס אונדזערע גאַסטראָלן. ער האָט דערמלט, ווי אַ ייִנגל, זיך אַ וואַלגער געטאָן אַפן דיל, אַראָפּ־געריסן די ברילן, און גערעדט ווען ליטעראַטור, טעאַטער, דראַמאַטורגיע. ער האָט זייער ליב געהאַט טעאַטער און געטרוימט שרײַבן פאַר דער בינע.

אין קיסלאָוואָדסק, ווו מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט, האָט ער מיר איבערדערציילט דעם סוזשעט פון אַ קאָמעדיע, וועלכע ער האָט זיך געקליבן שרײַבן. די קאָמעדיע האָט געדאַרפט הייסן „דער געזונטזנער פעדער".

שפּאַצירנדיק איינמאָל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַן אַלטן בוים און געזאָגט צו מיר: „זעסט, ווי ס'איז לעפּיש — מיר וועלן אין אַ צײַט אַרום ניט זײַן, און דער דאָזיקער אַלטער בוים וועט אַלץ שטיין אַפן זעלבן אָרט".

אין אַ האַרבסטיקן אינדערפרי, ווען איך בין געקומען אין טעאַטער־שול אַף סטאַלעשני־קאָוו־געסל, האָב איך געטראָפן די טרופּע אַקטיאָרן, וואָס זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן אין ביראָבידזשאַנער טעאַטער. אין קאָרידאָר איז געווען טומלדיק און לעבעדיק, אָט איז יעפים געלפאַנד מיט זײַן קליין ייִנגעלע פעליקס אַף די הענט. ער איז אַ געוועזענער סטודענט פון דער טעאַטער־שול און איצט שוין אַ באַוווּסטער אַרטיסט פונעם אָדעסער ייִדישן טעאַטער, און אָט איז אַבראַמאָוויטש פונעם כאַרקאָווער ייִדישן טעאַטער — אַ וווּנדערלעכער שיינער אַר־טיסט, באַנאַנד מיט אים — זײַן פרוי אָלגע יעווגעניעווגע מיט זייער ייִנגעלע בובע.

אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע מענטשן. די אַרטיסטן פון כאַרקאָוו עפּשטיין און אָסטראָווסקי קאַטשען זיך פון געלעכטער — זיי הערן די אַנעקדאָטן, וואָס אַ קליינוווּקסיק קאָמיש מענטשל, מיט אַ פּליך, ווי באַ מיכאָעלסן, דערציילט עפּעס. ווער איז דאָס? דאָס איז דער קאָמעדיע־אַרטיסט פון אָדעס יודע גורעוויטש (קאָטוינטי), מאַרק רובינשטיינס ליבלינג. דאָ שטייט אויך אַ הויכער באַיאָרטער מענטש מיט אַ גראָוון קאָפּ האָר — וואָלאָסקאָ רופט מען אים. ער האָט ווונדערלעך געשפּילט די ראָל פונעם גוילעם. מיט אַ הייזעריקלעכן באַס און מיט אַ פּאַפּיראָס אין די ליפּן שטייט יוסעף גורעוויטש (קאָטוינטיס ברודער) און לייענט פּאַסטערנאַקס לידער אין זײַן איבערזעצונג. יוסעף גורעוויטש איז שפּעטער געוואָרן אַ באַוווּסטער איבערזעצער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט מיט גרויס דערפאָלג איבערגעזעצט אין רוסיש פיל הײַנטצײַטיקע ייִדישע דיכטער, ווי אויך אונ־דזערע קלאַסיקער — שאָלעם־אַליכעמען, פּערעצן און מענדעלע מוכר־ספאָרים.

אין אַ זײַט באַם פענצטער זיצט אַ דאַריינק מענטשל. ער איז שטאַרק וואָרעם אָנגעטאָן, וויַיזט אויס, אַז ער איז פאַרקילט. מיט אַ דינינקער פּיפּעטקע טריפט ער זיך אַרײַן עפּעס טראָפּנס אין דער נאָז... דאָס איז דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם ביראָבידזשאַנער טעאַטער מאַרק אַראָנאָוויטש רובינשטיין.

מאַרק רובינשטיין

אויסערלעך איז ער מיט קיין זאַך ניט ענלעך געווען אַף קיין טעאַטער־מענטש. זײַן אָנטאָן איז געווען באַשיידן, זײַנע געזיכט־שטריכן פון אַ פּאַשעטן באַסערוועדאָם — מע האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ לערער אָדער אַ בוכהאַלטער. אינדערעמעסן איז דאָס אָבער געווען זייער אַ באַגאַבטער רעזשיסער, אַ גרויסער פּעדאַגאָג, אַ דינער קינסטלער. קוקנדיק אַף אָט דעם מענטשן, איז שווער געווען זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ לײַדנשאַפטלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון וואַכטאַנגאָווס שול, אַ געניטער מייוון און קענער פון אַרטיסטישער שאַפונג.

מאַרק רובינשטיין האָט דורכגעמאַכט אַ גרויס לעבן אין דער קונסט. צו זײַן שפּעטערישן כעזשבן דאַרפן צוגערעכנט ווערן פיל אויסגעצייכנטע אַרטיסטישע ביאָגראַפיעס.

אַלס הויפּט־רעזשיסער פונעם ביראָבידזשאַנער טעאַטער איז רובינשטיינען פאָרגעשטאַ־נען זייער אַ קאָמפּליצירטע אויפגאַבע — פאַרייניקן מענטשן פון פאַרשיידענע טעאַטערן, פון פאַרשיידענע שולן און ריכטונגען, ברענגען זיי צו איין שוירעש. דאָס איז זייער אַ שווערער איניען פאַר טעאַטער־קונסט — קיינער טרעט ניט אָפּ פון זײַנע פּאָזיציעס און אָנשוויונגען אָן געראַנגל, יעדער איינער האָט זיך זײַן גלויבן, זײַן רעליגיע, זײַן גאָט פון קונסט...

פערציק יאָר פון טאָגטעגלעכער מי און געראַנגל האָב איך אָפּגעגעבן אַף צו באַגרײַפן די געהיימניס פון זײַן אָרגאַניש אַף דער בינע. דאָס גאַנצע לעבן שטרעב איך צו זײַן עמעס־

דיק, נאָר עס זיצט אין מיר אַלץ דער וואָרעם, וואָס לעכצט נאָך בונטער שפּיל, נאָך פאָר־שטעלונג... איך האָב זיך געהיילט בא די דערפאַרנסטע מײַסטערס, זיי האָבן מיך פון פיל זאַכן געראַטעוועט, נאָר פולשטענדיק פאַרניכטן דעם וואָרעם ניט געקענט.

אָט איז ער, דאַכט זיך, פאַרשוווּנדן, און איך פיל אויס ווי עס דאַרף צו זײַן מײַנע פליכטן — מײַן אופמערקזאַמקײַט איז אינגאַנצן געווענדט צום פאַרטנעאָר, די מוסקולאַטור איז פרײַגעלאָזט, איך ערגער זיך ניט — כ׳בין אינגאַנצן ארײַנגעטאָן אין די אומשטענדן, וועלכע עס דיקטירט די פּיעסע. אין אַזעלכע מאָמענטן פאַרשווינדט דער צושויער, איך דאַרף קיינעם ניט צופרידנשטעלן, זיך סטאַרען פאַר עמעצן. דעמלט יאָווועט זיך די אופמערקזאַמקײַט פונעם צושויער, די אָנגעזעטיקטע שטילקײַט, וועלכע איז פאַרן אַקטיאָר טײַערער פון אַלץ. עס קומען די גליקלעכע מינוטן, צוליב וועלכע מיר גיבן אָפּ דאָס לעבן. אָט דעמלט ווער איך שעפעריש געזונט, דעמלט פאַרשווינדט דער וואָרעם... ניין, ער פאַרשווינדט ניט. עס לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט זיך בלויז פאַרטײַעט, אַז אין אַ געלונגענעם מאָמענט, ווען מיר וועט זיך פאַרגלוסטן געפעלן ווערן דעם עולם, ווען איך וועל וועלן אַ גלאַנץ טאָן, וועט ער ווידער אָנהייבן זײַן טײַוולאָנישע שפּיל.

אַך, ווי נאַריש עס קלינגט מיר, ווען איך הער, ווי עמעצער זאָגט צו אַן אַקטיאָר: „ס׳איז דאָך אַזוי פּאָשעט, רעד, ווי אין לעבן״. ניין, פּראָסט ריידן איז דאָס סאַמע קאָמפּליצירטע אין דער קונסט פונעם אַקטיאָר. צו דעם שטרעבסטו דאָס גאַנצע לעבן, און זעלטן ווען עס גיט זיך אײַן.

אָבער פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען פאַרשטיין די אייגענע קרענק. מע דאַרף זי פאַרהאַסן, די קרענק, און זיך ראַנגלען מיט איר. עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע גליקלעכע מענטשן אין דער קונסט, וועלכע ווערן געבוירן אָן דעם דאָזיקן וואָרעם. זיי זײַנען פון דער נאַטור באַשאָנקען מיט נאַטירלעכקײַט, אָרגאַנישקײַט, זיי ווייסן ניט, וואָס אַזוינס איז שפּילן, פאָרשטעלן.

אַז דער אַרטיסט זאָל וויסן וועגן זײַן קרענק, איז נייטיק, אַז אַ גענייטער דאָקטער זאָל שטעלן דעם ריכטיקן דיִאַגנאָז. אַזאַ דאָקטער איז פאַר מיר געווען אָט דער מענטש, וועלכן כ׳האָב דעמלט געטראָפן זיצן לעבן פענצטער מיט די טראָפּנס און מיט דער פּיפּעטקע.

דאָס גאַנצע לעבן האָב איך ליב געהאַט און בין דאַנקבאַר געווען מאַרק רובינשטיינען. אונדזער פרײַנטשאַפט האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פון גרויסע שטרײַטן.

לאַנג און פּײַנפול איז געווען די אַרבעט אויפן ערשטן ספּעקטאַקל אינעם בירּאָבידזשאַנער טעאַטער. מיר האָבן רעפּעטירט סלאַווינס פּיעסע „אינטערווענץ״. איך האָב באַקומען די ראָל פונעם גימנאַזיסט זשעניע — דעם זון פון דער באַנקירשע קסידיִאַס.

זשעניע איז אַ צעפּעסטעטער און אַ צעטראָגענער באָכער, אַן אַזעספּאָנעמניק און אַ גאָרנישט, וואָס שפּילט זיך צוליב לאַנגווײַליקײַט אין „רעוואָליוציע״. סלאַווין האָט זייער רעליעף און פאַרביק אויסגעמאָלט דעם דאָזיקן פּוסטן און געפערלעכן יונגנמאַן.

די ראָל איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. אָט איצט וועל איך באַווײַזן, וואָס איך קען! דאָ וועל איך ניט דאַרפן קלערן וועגן מײַן עלטער. ס׳איז מײַן ראָל! איך בין שוין אַרומגעגאַנגען און פאַנטאַזירט, וויִאַזוי כ׳וועל אויסשפּילן יעדער שטיקל באַזונדער. מיר זײַנען געקומען אויפן געדאַנק זייער בוילעטע זשעסטן. איך בין אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער ראָל, אַז נאָך מיט עטלעכע טעג פאַר די רעפּעטיציעס האָב איך שוין געקענט דעם טעקסט אויף אויסווייניק. אויסגעצייכנט געשפּילט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, באַזונדערע טיילן פון דער ראָל. איך האָב זיך געגרייט און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ באַגעגעניש מיט רובינשטיינען. און אָט האָבן מיר זיך געטראָפן. אַלע זײַנען געזעסן באַם טיש, ס׳איז געגאַנגען די ערשטע אָפּי־ציִעלע רעפּעטיציע פונעם טעאַטער. פאַרן רעזשיסער־טיִש איז געזעסן מאַרק אַראָנאָוויטש און זיך געייסעקט מיט זײַנע טראָפּנס. ער האָט פאַנאַנדערגעלייגט פאַרשיידענע נאָטיץ־ביכעלעך, און איך האָב שוין קיין געדולד ניט געהאַט אײַנזיצן אויפן אָרט, מיר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער באַווײַזן מײַן „מײַסטערשאַפט״. די אַקטיאָרן באַם טיש, האָט זיך מיר געדוכט, שטאַמלען. אָט וועל איך זיי באַלד באַווײַזן, וואָס הייסט אַן אויסגעאַרבעטע דיקציע. סאָפּקאָלסאָף האָט רובינשטיין געהייסן אָנהייבן, דערבײַ האָט ער געבעטן, אַז מע זאָל לייענען רויִק, און אין קיין שום פאַל ניט פּרוּוון שפּילן. איך האָב אויף זײַנע ווערטער ניט געלייגט קיין אַכט און אָנגעהויבן...

וואָס נאָכדעם איז מיט מיר פאָרגעקומען, איז אומעגלעך איבערצוגעבן. מע האָט מיך צענעריקט, צעגראָמירט, געמאַכט צונישט, איך בין פולשטענדיק דורכגעפאַלן. מיר האָט זיך דעמלט געדאַכט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעדרע פון אַרבעט. אָבער ניט זיצנדיק באַם טיש, ניט איבערן טעקסט. מע האָט מיר פאַרגעבן צוגרייטן אומ־פאַרשטענדלעכע עטיודן, אימפּראָוויזאַציעס. ס׳איז פאַרגעבן געוואָרן אויסצופּילן אָן דער ארײַנ־

מישונג פונעם רעזשיסער און מיט אייגענע ווערטער פראַגמענטן פון דער פּיעסע, ס'הייסט ניט שפּילן, נאָר „צילגעווענדט האַנדלען". אַט וויל איך, זשענקע קסידזאַס, מאַכן אַן אײַנדרוק אַף סאַנקען, דער פּאַרקויפערן פון בלומען. „טוט וואָס איר ווילט, רעדט אַלץ, וואָס אײַך גלוסט זיך, — זאָגט צו מיר רובינשטיין, — נאָר אַלץ דאַרף געפעלן ווערן דער אַקטריסע קאַלינע, וואָס שפּילט די ראָל פון סאַנקען..."

איך האָב געקוקט אַפן רעזשיסער, ווי אַף אַ דעספּאָט. וואָס וויל ער פון מיר? צוליב וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ, אַז ס'איז פאַראַן אַן אויסגעצייכנטער טעקסט? איך האָב זיך געסטאַרעט עפּעס צו טאָן, נאָר איך האָב דעמאָנסטרירט אַבסאָליוטע הילפלאָזיקייט. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען מיט אַלע אונדזערע סטודענטן. די דאָזיקע אימפּראָוויזאַציעס זײַנען געווען פאַר אונדז, ווי אַ באַרג אַף די פּלייצעס. איך האָב זיך געפילט ווי אַ נאַקע־טער, אַ פאַרלוירענער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס מ'האָט אונדז געלערנט אין שול, איז פאַרניכטעט געוואָרן.

איך און יאַשע ראָזענפעלד האָבן זיך געווענדט צו מיכאָעלסן און אים אויסגעלייגט אונדזערע ספּייקעס. סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש האָט אונדז אופמערקזאַם אויסגעהערט און, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, זייער אופגערעגט געווען. ער האָט פאַרגעלייגט, מיר זאָלן זיך דערשלאָגן, אַז עס זאָל צונויפגערופן ווערן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער טרופּע און מע זאָל אים, מיכאָעלסן, אײַנלאַדן.

— ערגערט זיך ניט, כעוורע, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל אַרויסטרעטן אַף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג.

די פאַרזאַמלונג איז אײַנגיכן פאָרגעקומען.

איינעם אַן אָפּדערנאַכט איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע טרופּע. אינעם פּרעזידיום זיצן קאַזאַקעוויטש, רובינשטיין, מיכאָעלס. איך און ראָזענפעלד האָבן זיך געפילט, ווי געהויבענע מעכוטאָנים. איך האָב געקוקט אַף מײַנע קעגנער און זיי באַדויערט. אַט וועט באַלד אַרויס־טרעטן מיכאָעלס און צעשמעטערן זיי אַלע, ער וועט אַ סאָף מאַכן צו די אימפּראָוויזאַציעס און עטיודן.

איינער נאָכן צווייטן זײַנען אַרויסגעטראָטן „מײַנע קעגנער". אַט רעדט געלפאַנד זייער פּאַרביק וועגן רובינשטיינס אויסגעצייכנטן מעטאָד. ער רעדט איבערצײַגעוודיק און אופגע־רעגט. אַט טרעט אַרויס קראַמער, פייגין. איך מיט ראָזענפעלדן קוקן זיך איראָניש איבער, ס'הייסט, רעדט, רעדט, וואָס איר ווילט, אַט וועט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש אײַך באַלד פאַר־ניכטן...

עס איז אַרויסגעטראָטן רובינשטיין. זײַן רעדע האָבן באַגיטיקט אַלע אײַנגעלאַדענע אַקטיאָרן.

סאָפּקאָלסאָף האָט באַקומען דאָס וואָרט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש. איך האָב פרײַ אָפּגע־אָטעמט.

אָנגעהויבן האָט ער מיט זײַן באַרימטער פּאַוזע, אומגעריכט קערעוועט ער זיך אויס צו מיר און זאָגט מיט קאַס:

— וואָס קומט דאָ פּאַר, דו גלײַכסט זיך צו שאַליאַפּינען? ווער האָט עס דיר דערלויבט מאַכן אָבסטרוקציעס דעם הויפּט־רעזשיסער? דו דאַרפסט מיט דאַנקבאַרקײַט זיך באַציִען צו דעם, וואָס עס גיט דיר אַזאַ טאַלאַנטפולער מענטש, ווי מאַרק אַראָנאָוויטש רובינשטיין...

וואָס ער האָט ווײַטער גערעדט, האָב איך שוין ניט פאַרשטאַנען. מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. „ס'איז דאָך פאַראַט", — האָב איך געקלערט.

מײַנע קעגנער האָבן זיך פריידיקע געזעגנט מיט מיכאָעלסן, אים באַדאַנקט פאַר דער אַרויסטרעטונג. אין מײַן זײַט האָט ער אַפילע קיין קוק ניט געטאָן. איך בין, ווי אַ פרײַ־הלושעטער, אים נאָכגעגאַנגען און, ווען ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, זיך געווענדעט צו אים:

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט די דאָזיקע עטיודן?

מיכאָעלס האָט שפּילעוודיק, מיט אַ שטיפעריש שמייכעלע אַ קוק געטאָן אַף מיר און זייער ווייך אַ זאָג געגעבן:

— און דו מאַך ניט...

נאָר איך האָב די דאָזיקע עטיודן און אימפּראָוויזאַציעס דאָך געמאַכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויס געשלעג אַף צו ראַטעווען מײַן אַקטיאָרישע נעשאָמע פון שטאַמפּ, פון „איבערשפּילן". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג פאַר פרײַלאָזן די מוסקולן, פאַר אַבסאָ־ליוטער אַקטיאָרישער באַפרײַונג.

רובינשטיין איז געווען אויסערגעוויינלעך געדולדיק, נאָר אָף קיין שפּאַן ניט אָפּגע־טראָטן. ער האָט מיך אָפּט אַרויסגערופן אָף אינדיווידועלע לימודים. ער האָט געזאָגט:
— איך מאַך מיט אײַך ניט נאָר די דאָזיקע ראָל, ניט נאָר זשענקע קסידיאַס, איך מאַך מיט אײַך אַלע קומענדיקע ראָלן.

די אַרבעט איז געווען אַ פּײַנפולע, אַ האַרבע. עס זײַנען געווען מינוטן, ווען מיר האָט זיך געוואָלט אַלץ פאַרלאָזן און אַנטלויפן, ווו די אויגן וועלן טראָגן. עס זײַנען געווען מאָמענטן, ווען איך פלעג איינגאַנצן אופהערן שפּילן און בלויז זאָגן דעם טעקסט, און מאָדנע, דאַפקע דעמלט, ווען איך פלעג אָף אַלץ אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, האָט דאָס פּאָנעם באַ מאַרק אַראָנאָוויטשן זיך געביטן, עס פלעגט זיך אָף דעם באַווײַזן אַ שמייכל, און עס האָט זיך אַלץ אָפּטער און אָפּטער דערטראָגן פונעם רעזשיסער־טישל: „מאַלאַדיעץ, מאַלאַדיעץ"... איך האָב אַלץ אָפּטער געהערט נאָך מײַנע רעפּליקעס אַ באַגײַסטערטן געלעכ־טער פון די בײַוועזנדיקע. וואָס זשע זאָל דאָס באַטײַטן? ווען איך סטאַרע זיך, לייג צו אַלע מײַנע קויכעס, דעם גאַנצן טעמפּעראַמענט, באַקומט זיך באַ מיר גאָרניט, און אַז איך טו גאָרניט, קוק ניט אָף סאַנקען, נאָר אָף דער קאַלינע, ניט אָף דער מאַדאַם קסידיאַס, נאָר אָף מאַניע קאַרלאָס, לויבט מען מיך, געפעלט אַלעמען?

פיל מי האָבן מיר אַרײַנגעלייגט אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל. ניט נאָר איך איינער האָב באַקומען אַ גאָב. רובינשטיין איז געווען גערעכט. עס איז געמאַכט געוואָרן ניט בלויז דער ספּעקטאַקל „אינטערווענץ". עס איז באַשאַפן געוואָרן אַן אַנסאַמבל, אַן איינהײַטלעכער מעטאָד, אַן איינהײַטלעכער סטיל. ער האָט זיך געשלאָגן ניט נאָר פאַר דער אָרגאַנישקײַט פונעם אַקטיאָר, פאַר דער אויסדריקלעכקײַט פון פאָרם.

געאַרבעט האָבן מיר באַטאָג און באַנאַכט. מערסטנס באַנאַכט. רובינשטיין איז געווען זייער שוואַך אין געזונט, פלעגט ער אַמאָל זיצנדיק אין זאַל אײַנשלאָפן... אָבער ער פלעגט זיך באַלד אופכאַפּן און שוין אַרבעטן ביז דרײַ־פיר אַזייגער פאַרטאָג.

מיר זײַנען אַלע געווען יונג און האָבן מיט ליבע געשאַפן אונדזער טעאַטער, און דער־פאַר זײַנען אָט די נעכט געווען ווונדערלעכע. „אינטערווענץ" האָבן מיר אין גרונט צוּ־געגרייט נאָך אין מאָסקווע, אין טעאַטער אָפּן נאָמען פון לענינען, אַזוי אַז, קומענדיק קיין ביראָבידזשאַן, איז אונדז פאַרבליבן צוטרעטן צום לעצטן פּעריאָד פון די רעפּעטיציעס.

עס האָט זיך דערנעענטערט די צײַט פון אָפּפאָרן קיין ביראָבידזשאַן. אין דער זעלבער צײַט האָט בינאָמין זוסקין פּאַראַלעל געגרייט מיט אונדז „אַ געט" און „ס'אַ ליגן". אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָבן אָנטיילגענומען נאָר די געוועזענע סטודענטן פון טעאַטער־שול. מאַניע קאַרלאָס האָט אויסגעצייכנט געשפּילט די ראָל פון סאָרע־כאַנצע. אין גרונט האָבן מיר קאָפּירט דעם ספּעקטאַקל פונעם גאָסעט. איך האָב געשפּילט די ראָל פונעם שאַדכן. שוין אין ביראָבידזשאַן האָט יעפים געלפאַנד געשטעלט אויך „מאַזלטאָוו" און האָט מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט לויט מיכאָעלסן די ראָל פון רעב אַלטערן.

אין אַפּרעל 1934 האָט זיך געענדיקט דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע־פּעריאָד פונעם ביראָבאַדזשאַנער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער.

פון מאָסקווע האָט מען אונדז זייער האַרציק באַגלייט אין ווײַטן וועג אַרײַן. עס זײַנען געקומען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, גוטפרײַנט, די אַקטיאָרן פון גאָסעט אין דער שפּיץ מיט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטשן. מיר האָבן אַלע אַרומגערינגלט אונדזער באַ־ליבטן לערער. עמעצער האָט אים דערלאַנגט אַ לעצטן נומער „דער עמעס", ווו עס איז אָפּגעדרוקט געווען אַן אַרטיקל וועגן אונדזער אָפּפאָרן.
— ווער איז דאָס גראָם? — האָט געפרעגט מיכאָעלס.
— ניט גראָם, נאָר גראָס, — האָט געענטפערט קאַזאַקעוויטש, דער אַוטאָר פון מײַן פּסעוודאָנים.

דער צוג מאָסקווע — כאַבאַראָווסק האָט זיך גערירט פון אָרט.

אָפּן פּעראָן זײַנען געבליבן אונדזערע באַליבטע לערער, אונדזערע פרײַנט, מאָסקווע. דאָ זײַנען פאַרבליבן די ווונדערלעכע יאָרן פון לערנען. פאָרויס — ביראָבידזשאַן.

ביראָבידזשאַן

דעם 9־טן מײַ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַשלוס פון דער רעגירונג וועגן פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַנער ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. דעם 11־טן מײַ איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פונעם געגנטלעכן ביראָבידזשאַנער ייִדישן טעאַטער. צו

דער דאָזיקער געשעעניש האָבן מיר זיך געגרייט, ווי צו א גרויסן יאָמטעוו. די לעצטע טעג האָבן מיר אופגעראַמט און אויסגעפּוצט די נײַע געבײַדע. מיר, מאַנצבלען, האָבן אופגע־האַנגען שטאָרן, בילדער. אונדזערע אַקטריסעס האָבן געוואַשן די דילן. די פּײַערונג איז געווען זייער א געלונגענע, זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א יאָמטעוו ניט נאָר פאַר אונדז אַקטיאָרן, נאָר פאַר דער גאַנצער ביראָבידזשאַנער געגנט. איך האָב ספּעציעל צוגעגרייט א מאָנאָלאָג פון מײַער אַלבערטאָנס בוך „ביראָבידזשאַן", וואָס איז וואַרעם באַגעגנט געוואָרן פון די צושויער. דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג האָב איך נאָכדעם געלייענט אָף קאָנצערטן אין מעשך פון עטלעכע יאָר.

מיר האָט זיך פאַרגעדענקט: באַטאָג איז ראַשקעס צוגעגאַנגען צו דער קאַסע מיט א טשעמאָדאַן אין דער האַנט, געקויפט דעם ערשטן בילעט אָף אונדזער ספּעקטאַקל, איז אַקוראַט צונויפגעלייגט, אַרײַנגעלייגט אין בײַטעלע און אוועק אַפּן וואָקזאַל — יענעם טאָג האָט ער זיך געלאָזט אין א קאָמאַנדירונג קיין מאָסקווע.

מיר האָבן געשפּילט „מײַן פרײַנט" און דעם ספּעקטאַקל פון שאָלעם־אַלייכעמס איינאַקטערס, דערבײַ האָבן מיר זיך געגרייט צו אונדזער פּראָגראַם־פאָרשטעלונג „אינטערווענץ". מאַרק אַראָנאָוויטש האָט אַלץ געטײַנעט, אַז דער ספּעקטאַקל איז נאָך ניט פּאַרטיק, אַז מע דאַרף נאָך א סאַך אַרבעטן. צו 10 — 12 שאָ א טאָג האָט ער אונדז געהאַלטן — ס'איז אים א שאָד געווען אַרויסלאָזן פון די הענט זײַן באַליבטע שאַפונג, נאָר ס'האָט זיך אַרײַנגע־מישט עמאַנויל קאַזאַקעוויטש און די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען.

איך געדענק אויסגעצייכנט דעם ערשטן ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן 7 אַזייגער אין אָוונט און זיך פאַרענדיקט 3 פאַרטאָג. די גרויסע צאָל בילדער, און די טעכנישע ניט־אײַנגערעגולירטקײַט האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ספּעקטאַקל זאָל זיך אַזוי פאַרציִען. מיט דער צײַט זײַנען אַלע שטערונגען באַזײַטיקט געוואָרן, און די ספּעקטאַקלען זײַנען געגאַנגען נאָרמאַל. מידע, נאָר גליקלעכע האָבן מיר באַגינען זיך אומגעקערט אַהיים. מיר האָבן געדאַרפט אַריבערגיין דעם אײַזנבאַן־וועג און עפּעס א זאַנע, וועלכע איז אָף באַנאַכט געווען פאַרבאָטן. ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו יענעם אָרט, האָט מען אונדז פאַרהאַלטן. אין דער פינצטערניש האָבן די מיליטער־לײַט אָפּגעגעבן א קאָמאַנדע, מיר זאָלן זיך לייגן אָף דער ערד. קימאַט א שאָ צײַט האָבן מיר זיך ניט געטאָרט רירן פונעם אָרט. אָט אַזוי האָבן מיר אָפּגעמערקט אונדזער ערשטן ספּעקטאַקל. ווען ס'איז אויסגעקלאָרט געוואָרן, ווער מיר זײַנען, האָט דער קאָמאַנדיר זיך אַנטשולדיקט פאַר אונדז און באַגריסט מיטן דערפאָלג.

א מידער, האָב איך אין דער היים אופגעעפנט א שאַכטל קאָנסערוון און זיך שטאַרק צעשניטן א פינגער. א סימען פונעם שניט איז מיר פאַרבליבן אַפּן גאַנצן לעבן, ווי אַן אָנדענק פונעם ערשטן ספּעקטאַקל „אינטערווענץ" אין ביראָבידזשאַן.

„אינטערווענץ" איז געווען א פּראָגראַם־אַרבעט. זי האָט געבראַכט דעם טעאַטער דעם ערשטן גרויסן דערפאָלג. מיט א שטײַגנדיקן דערפאָלג האָבן מיר די פּיעסע געשפּילט עטלעכע סעזאָנען. ס'איז ניט געווען קיין איין אַקטיאָר, וואָס זאָל אין „אינטערווענץ" ניט האָבן געשאַפן עפּעס ווערטפולס. א וווּנדערלעך געשטאַלט פון דער מאַדאַם קסידיאַס האָט באַוויזן מאַניע קאַרלאָס. מיט דער דאָזיקער ראָל האָט זי זיך געשטעלט צווישן די ערשטע אַקטיאָרן אין טעאַטער. אופריכטיק און פראָסט האָט געשפּילט ליִע קאָלינע סאַנקען. אומ־געריכט האָט א גלאַנץ געטאָן נאָום קויפמאַן אין דער ראָל פון סאָלעסטינען און אין קליינינקן עפּיזאָד פונעם שיקער אין קאַפע. ניט אויסריידנדיק קיין איין וואָרט, האָט ער מאַמעש אונדז איבעראַשט מיט זײַן ווירטואָזקײַט...

רובינשטיינס צווייטע אַרבעט „דער בריגאַדיר טעלעטיי" איז געווען א שוואַכע. דאָ־ברושינס פּיעסע האָט ניט געהאַט אין זיך דעם שטאָף, אַז דער טעאַטער זאָל קאָנען באַשאַפן א ספּעקטאַקל. דערפאַר אָבער האָט קירשאָנס „דער וווּנדערלעכער געשמעלץ" פאַרשאַפן פרייד סײַ אונדז, די אָנטיילנעמער, סײַ דעם צושויער.

אָט ליגט פאַר מיר א פאָטאָגראַפיע פון גאַשען — די דאָזיקע ראָל האָב איך דעמלט געשפּילט. עס קוקט אָף מיר א באַגײַסטערטער באָכער. ער האָט צוגעדריקט צו זיך עפּעס פּאַפּירן. פאַר די אויגן שטייט מיר די בריגאַדע פון יונגע געלערנטע — „דער וווּנדערלעכער געשמעלץ". די פאָטאָגראַפיע איז געמאַכט אין 1935. עס גלייבט זיך מאַמעש ניט, אַז דאָס בין איך. דעמלט איז מיר געגאַנגען דאָס איין־און־צוואַנציקסטע יאָר, און ליִע קאָלינע — נאַטאַשע איז געווען יונג און עמעסדיק־פּראָסט. און יודע קאַטוינטי, דער כיינעוודיקער און לעבנסלוסטיקער אַקטיאָר, האָט געשפּילט די ראָל פון פעטיען. ער איז געווען דער ליבלינג פונעם צושויער, אָבער אין בעסטן זין פונעם וואָרט — אַלע זײַנען מיר געווען יונג — קויפ־מאַן, טעפּליצקאַיאַ, פייגין — דאָס איז געווען א זעלטענער אַנסאַמבל, וואָס מאַרק אַראָנאָ־

וויטש רובינשטיין האָט באַשאַפן. די אַרבעט איבער דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל איז שוין געגאַנגען מער רויִקער, ניט אַזוי נערוועז ווי „אינטערווענץ". מיר האָבן פאַרשטאַנען רובינשטיינען אָפן ווונק, מיר האָבן גערעדט, ווי מע זאָגט עס, אויף איין שפּראַך, כאָטש אויך דאָס מאָל האָט מאַרק אַראַנאָוויטש אַרויסגעשטעלט די גרעסטע פאָדערונגען, איז געווען קאָמפּראָמיסלאָז. אויך דאָס מאָל זײַנען פאָרגעקומען אינדיווידועלע רעפּעטיציעס און לימודים, נאָר איך האָב, נאַטירלעך, זיי שוין ניט אויסגעמיטן — איך האָב, פאַרקערט, געוואַרט אויף זיי. מאַרק אַראַנאָוויטש האָט דאָס ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. איינע פון די צענטראַלע עפּיזאָדן אין דער פּיעסע האָט אַ לאַנגע צײַט בײַ מיר זיך ניט באַקומען. דאָס איז געווען די סצענע, ווען איך, דער יונגער געלערנטער, וואָס איז מיט לײַב און לעבן פאַרטאָן אין דעם דערפינדן די נײַע שמעלצונג, האָב סאָפּקאָלסאָף דערפילט, אַז פאַר מיר האָט אַ בלענד געטאָן דער לאַנג דערוואַרטער געדאַנק, די געגאַרטע אידיי. איך, דער געלערנטער, בין אַזוי געווען פאַרכאַפּט מיט דער פּראָבלעם, אַז איך האָב אַפילו אויפגעהערט צו באַמערקן מײַן געליבטע נאַטאַשע.

אָט די סצענע האָט זיך בײַ מיר אַ לאַנגע צײַט ניט באַקומען.

און אָט איינמאָל, שפּעט באַנאַכט, ווען רובינשטיין האָט מיך דערפירט ביז צו כאַלעשן, האָב איך סאָפּקאָלסאָף אָפּגעשפּילט דעם פראַגמענט ווי עס דאַרף צו זײַן. מאַרק אַראַנאָוויטש האָט מיר אָפּלאָדירט, מיר געמאַכט זײַן העכסטן קאָמפּלימענט — ס'הייסט אָנגערופן „מאָלאָדיעץ". ער האָט געלאַכט פון פרייד. אויפן אַנדערן טאָג האָט ער זיך באַרימט פאַר אַלעמען, אַז ער מיט גראָסן האָבן געמאַכט אַ דערשיטערנדיקע סצענע. ער האָט אײַנגעלאַדן אַלע אַרטיסטן קומען און קוקן. איך בין אַרומגעגאַנגען, ווי אַ זיגער. אויף מאָרגן זײַנען געקומען צו דער רעפּעטיציע אַלע אַקטיאָרן. אין דערוואַרטונג פון אַ דערפאָלג איז רובינשטיין געזעסן אויף זײַן אָרט אַ פײַערלעך־אויפגערעגטער. איך האָב אַ רויִקער איבערגעכאַזערט פּינקטלעך דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געטאָן נעכטן. פאַרענדיקט די סצענע, בין איך אַראָפּ פון דער בינע אַ דרייסטער און אַן איבערצײַגטער אין דערפאָלג. נאָר אײַנגיכן בין איך אַנטוישט געבליבן. רובינשטיין איז דאָס מאָל געווען אומצופרידן. ער האָט מיך גענומען זידלען. פון אומדערוואַרטקייט און ניט פאַרדינטער באַליידיקונג, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, האָב איך אויסגעשאָסן:

— איך ווייס ניט, וואָס איר ווילט פון מיר, איך האָב דאָך אַלץ איבערגעכאַזערט פּינקטלעך ווי נעכטן!

— אַבסאָליוט פּינקטלעך, — האָט רויִק געענטפערט רובינשטיין, — נאָר דאָס צווייטע מאָל, און מע דאַרף, אַז שטענדיק זאָל דאָס זײַן דאָס ערשטע מאָל. איר האָט איבערגעכאַזערט דאָס נעכטיקע, נאָר הײַנט איז מיט אײַך גאָרנישט ניט פאָרגעקומען. אין אונדזער קונסט דאַרף אַלץ זײַן צום ערשטן מאָל, אָט פּונקט אַצינד, אין אָט דער געגעבענער מינוט, אין אָט די דאָזיקע אומשטענדן איז מיט אײַך פאָרגעקומען דאָס ניט־דערוואַרטע, דאָס פּלוצעמדיקע...

דאַכט זיך, אַזאַ פּראָסטער עמעס, און ווי אָפט מיר, אַקטיאָרן, זינדיקן. מיר כאַזערן איבער פאָרמעל די איינמאָל ריכטיק־אויסגעפונענע סצענע. איך ווייס דאָס און פאַרשטיי דאָס, דאָך בין איך ניט שטענדיק אימשטאַנד זיך באַפרײַען פון דער דאָזיקער זינד.

צוליב זײַן געזונט־צושטאַנד איז מאַרק אַראַנאָוויטש רובינשטיין געצוווּנגען געווען אין 1935 יאָר צײַטווײַליק אָוועקפאָרן פון ביראָבידזשאַן. דער הערבסט פונעם זעלביקן יאָר איז געקומען אין טעאַטער אַלס הויפּט־רעזשיסער אײַזנבערג. מיט אים צוזאַמען איז אויך געקומען אַ גרויסע גרופּע אַרטיסטן, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען קאַנטאָר און סינעלניקאָוו פונעם קיִעווער ייִדישן טעאַטער, ריינגאָלד, וואָס האָט פאַרענדיקט די רעזשיסערישע אָפּטיילונג פונעם לענינגראַדער טעאַטראַלן אינסטיטוט, און אַנדערע.

דער נײַער ספּעקטאַקל „גאָלדגרעבער", וואָס דער הויפּט־רעזשיסער האָט געשטעלט, האָט זיך באַקומען אינטערעסאַנט און בונט. די ווונדערלעכע שאָלעם־אַליכעם־פּיעסע האָט באַגײַסטערט אונדזער קאָלעקטיוו. מיר האָבן געאַרבעט מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. אַ מאָדנע זאַך! ניט געקוקט דערויף, וואָס אײַזנבערג איז געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פונעם גאָסט־מעטאָד, האָט ער, אײַזנבערג, באַשאַפן ניט קיין רעאַליסטישע פאָרשטעלונג, נאָר אַ פאָרמאַליסטישע, קאָפּירנדיק אייניקע פאָרמאַליסטישע גענג פון די גראַנאָווסקי־ספּעקטאַקלען. אײַזנבערג האָט זיך אַזש פאַרכלינעט פון די ווילדע און בונטע בילדער, וועלכע האָבן געשילדערט די פאַרקריפּלונגען פונעם אַלטן ייִדישן שטעטל.

אַ פאַרקריפּלטע שילדערונג פון דער פאַרגאַנגענהײַט פונעם ייִדישן פאָלק איז אין יענער צײַט געווען כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר אונדזער טעאַטער. דער ספּעקטאַקל „בויטרע", וואָס דער גאָסעט האָט דעמלט געשטעלט, איז שאַרף קריטיקירט געוואָרן פאַר ניט ריכטיק באַווײַזן די פאַרגאַנגענהײַט. איבער אַלץ האָט געוועלטיקט די היפּערבאָלע, דער גראָטעסק. די פאָרם האָט געדריקט אויפן אינהאַלט, אויפן געדאַנק.

טאקע צוליב די אַנגעוויזענע פעלערן איז אונדזער ספּעקטאַקל „גאָלדגרעבער" שטאַרק פאַרורטיילט געוואָרן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, כאָטש אויסערלעך, פאָרמעל איז ער ווירטואָז געשטעלט געוואָרן. דער קינסטלער ראַביטשעוו און דער באַלעטמייסטער אָסטראָווסקאַיאַ האָבן אויך מיטגעווירקט, אַז אײַנשטיינס פאַרשטעלונג זאָל ווערן אַ פאָרמאַליסטישע.

אָבער אפילו אין די נעגאַטיווע אַרטיקלען איז אָפּגעמערקט געוואָרן דאָס שפּילן פון די אויסגעצייכנטע אַרטיסטן קאַנטאָר און סינעלניקאָוו, ריינגאָלד און אַבראַמאָוויטש, פרידמאַן און באַסיכעס, וועלכע האָבן געשאַפן אַ גאַלעריי פון הערלעכע געשטאַלטן. באַזונדערס האָט אַ בלענד געטאָן אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל מיט אירע פאַרוואַנדלונגען מאַניע קאַרלאָס אין דער ראָל פון עלקע די אַלמאָנע. דאָ איז אויך צום ערשטן מאָל באַמערקט געוואָרן די אויסערגעוויינלעכע באַגאַבונג פונעם אָנפאַנגער־אַרטיסט פײַנשטיין, וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעטיילט אין די מאַסן־סצענעס, כאָטש קיין איין וואָרט האָט ער פאַר דער גאַנצער צײַט ניט אויסגערעדט. איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגן צו שפּילן די עפּיזאָדישע ראָל פון לאַקירדען.

דער צווייטער ספּעקטאַקל, וואָס אײַזנבערג האָט אָרויסגעשטעלט, האָט געבראַכט דערפאָלג סײַ דעם רעזשיסער, סײַ דעם טעאַטער. דאָס איז געווען די פּיעסע פונעם ייִדישן סאָוועטישן דראַמאַטורג דאַניִעל „זיאַמקע קאָפּאַטש". דער ספּעקטאַקל איז געגאַנגען אין רעאַליסטישע, ווייכע טענער. דערבײַ האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זײַן רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיק. אַן אויסגעצייכנטע געשטאַלט פון זיאַמקע קאָפּאַטש האָט באַשאַפן ליִע קאָלינע. איר צאַרטער קאָפּאַטש האָט פאַרכאַפּט מיט עכטן ליריזם, הומאָר און באַזונדערס מיטן לעבנסעמעס, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזיקער אַקטריסע.

איך האָב דאָס ערשטע מאָל געשפּילט אַ נעגאַטיווע ראָל פונעם אָפּיצער בראַמעק. געוויינלעך האָבן אַקטיאָרן ניט ליב קיין נעגאַטיווע ראָלן. איך, פאַרקערט, בין זיך מודה, אַז מײַן גאַנץ אַקטיאָריש לעבן האָב איך ליב געהאַט, און האָב אויך איצט ליב צו שפּילן שאַרףאויסגעשפּראָכענע נעגאַטיווע ראָלן. די ראָל פון בראַמעקן איז געווען דער ערשטער פּרוּוו אין דעם געביט.

כ א ַ י ם ג ע ל פ א נ ד

די מוזיקאַלע קאָמעדיע פונעם סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער יאַשע זעלדין „18 אַף 13" און דער איינאַקטער פון אַרן קושניראָוו „דער אורטייל קומט" זײַנען געווען די ערשטע אַרבעטן פון כאַים געלפאַנדן. די דאָזיקע אַרבעטן זײַנע דערמאָן איך מיט פאַרגעניגן, ווײַל זיי זײַנען געווען דער אָנהייב פון אונדזער שעפערישער פרײַנטשאַפט. די הויפּט־ראָל פונעם אַרבעטער פאַלקע אין קושניראָווס פּיעסע האָב איך געשפּילט נאָך אַדאַנק מײַן אײַנגעשפּאַרטקייט, באַקומען האָט זי אַן אַנדער אַקטיאָר, און איך האָב געדאַרפט דערווײַזן געלפאַנדן מײַן רעכט אַף צו שפּילן זי. אונדזערע כוואַרישע באַציִונגען האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין ווירקונג אַפן פאַנאַנדערטיילן די ראָלן. באַ אָט דער פּרינציפּיעלער אײַנשטעלונג האָט געלפאַנד זיך געהאַלטן די גאַנצע צײַט פון אונדזער שעפערישער פרײַנטשאַפט. אין יאָרן אַרום, ווען געלפאַנד איז געווען דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם בירָאָבידזשאַנער טעאַטער, האָט ער, ניט געקוקט אַף אַלע מײַנע ביטעס, ניט געגעבן מיר די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן אַף דער ראָל פון גאָלדפאַדנס קישעפמאַכערן. ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב אָנגעגעבן אַ ספּעציִעלע שעפערישע מעלדונג, האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו אַרבעטן אַף דער ראָל אַלס עקספּערימענט. (צו יענער צײַט זײַנען מיר געווען שטאַרק באַפרײַנדעט). די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס ניט געקוקט דערויף, וואָס געלפאַנד האָט פון מיר געהאַלטן אַלס אַקטיאָר פון דראַמאַטישן און טראַגישן שניט, האָט ער ניט אײַנגעזען אין מיר די פייִקײַט צו שפּילן די שאַרפע כאַראַקטער־ראָל פון גאָלדפאַדנס באָבע יאַכנע.

ווען ער האָט אַף מײַנע ערשטע רעפּעטיציעס באַמערקט דעם נײַעם גאַנג, די אומגעריכטע לייזונגען פון באַזונדערע סצענעס, איז ער שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן. דעמלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מײַן ציל איז דערגרייכט.

מיט ליבע דערמאָן איך זיך אונדזערע באַגעגענישן. זעלטן ווען טרעפט אַזאַ שעפערישע איינהײַט — מיר האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן. עס פלעגט טרעפן, אַז איך האָב זיך ערשט געקליבן עפּעס פאַרשלאָגן, און געלפאַנד שרײַט שוין אויס: „פאַרשטענדלעך", און טאַקע דאָ אַפן אָרט הייבט ער אָן אַ באַגײַסטערטער צו אַנטוויקלען מײַן געדאַנק. אַך, ווי מיר האָבן דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן! איצט רעדט מען אָפט אין די

טעאַטערן וועגן „מיטדענקער" — אָן דעם איז טאַקע ניט מעגלעך קיין שעפֿערישע אַרבעט, באַזונדערס אין טעאַטער.

מיר זײַנען מיט גאָלדפֿאַדן געוועזן מיטדענקער אין פֿולן זין פֿונעם דאָזיקן וואָרט, און דערמיט דערקלערט זיך די געמיינזאַמע פּראָדוקטיווע און פֿריידיקע אַרבעט אונדזערע אין די ספּעקטאַקלען „דער אורטייל קומט", „די קישעפֿמאַכערין", „רוווען בורלעס", „יאַנקל בוילע", „סטעמפּעניו" און אַ סאַך ספּעקטאַקלען, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן אין דער צײַט פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. גאָלדפֿאַנד איז מיר אויך נאָענט געווען אַלס פּאַרט־ניאָר אין פֿיל פּיעסן: ראַפּאַלעסקאָ און האָצמאַך „אין בלאָנדזשנדע שטערן", מאַקס און קוני־לעמל אין גאָלדפֿאַדנס „קונילעמלעך", אונדזער דועט אין פּינטשעווסקיס פּיעסע „איך לעב".

בלאָנקענדיק איבער די גאַסן, האָבן מיר ליב געהאַט אימפּראָוויזירן — ריידן אַזוי, ווי אונדזערע העלדן פֿון דער פּיעסע וואָלטן גערעדט. ווען מיר האָבן געגרייט דעם ספּעקטאַקל „יאַקאָוו סווערדלאָוו", האָבן מיר אין מעשעך פֿון עטלעכע וואָכן גערעדט צווישן זיך ווי סטאַלין מיט סווערדלאָוון. מיר האָבן אין די אומענדלעכע אימפּראָוויזאַציעס זיך דערשלאָגן אַזאַ פּרײַקײַט אין דיאַלאָג, אַז זײַטיקע מענטשן האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז דאָ שפּילן זיך אָפּ טעאַטראַלע סצענעס. מיר זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער די בירעבידזשאַנער גאַסן, געשמועסט און פֿאַנטאַזירט וועגן אונדזער באַליבטער זאַך. מײַן פּרײַנט פֿלעגט פֿאַנטאַזירן טאַלאַנטפֿול, צוליב דעם האָט ער באַדאַרפֿט נאָר אַ פּאַפּיראָס. ער פֿלעגט אַרויסנעמען פֿונעם פּושקעלע אַ פּאַפּיראָס, אָנצינדן אַ שוועבעלע, זיך פֿאַרציִען, פֿאַרזשמורען די אויגן און אָנ־הייבן... ווו מיר האָבן זיך ניט באַגעגנט — אָף אָוונטן, באַנקעטן, פֿאַרזאַמלונגען, אָף מאָל־צײַטן, פֿלעגן מיר גאָר אַליין ניט באַמערקן, ווי מיר זײַנען זיך צונויפֿגעקומען איינער לעבן אַנדערן. אונדז האָט ניט געשטערט דער טומל, וואָס איז אַרום געשטאַנען, די פֿילצאָליקע מענטשן: מיר האָבן געקאָנט שאָענווײַז ריידן וועגן די קומענדיקע ראָלן, ספּעקטאַקלען, פּלע־נער און פֿאַרטראַכטן. אויך איצט, שוין באַיאָרטע מענטשן — מיר האָבן שוין אייניקלעך, — אויך איצט, ווען גאָלדפֿאַנד, דער הויפּט־רעזשיסער פֿון נאָרילסקער טעאַטער, קומט צו פֿליִען קיין מאָסקווע, פֿאַררייכערט ער אַ פּאַפּיראָס און דערציילט מיט באַגײַסטערונג וועגן זײַן האַרבן, אָבער באַליבטן קאַנט, וועגן זײַנע שטעלונגען, באַליבטע אַקטיאָרן. ער ווערט דעמלט ווידער־אַמאָל אַ יונגער, באַגײַסטערטער פֿאַנטאַזיאָר און ראָמאַנטיקער, אַ באַגײַסטערטער ענטוזיאַסט.

אין די שווערסטע לעבנס־סיטואַציעס איז אים געקומען צוהילף דער וווּנדערלעכער פֿאַרמעגן זײַנער — דער געפֿיל פֿון הומאָר. זײַן הומאָר איז געווען אַ מין באַלזאַם ניט נאָר פֿאַר אים זעלבסט, נאָר אויך פֿאַר די אַרומיקע. וויפֿל מאָל האָט ער מיך אויסגעלייזט פֿון שווערע שטימונגען!

פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון גאָלדפֿאַנדן זײַנען כאַראַקטעריסטיש געווען אייניקע הויפּט־מאָ־מענטן — אויסגעשפּראָכענע גאַנצקײַט פֿון פֿאָרם, שאַרפֿע טעמפּעראַמענטפֿולע געדאַנקלעכ־קײַט און קלאָרע אידייִשע צילגעווענדטקײַט. די דאָזיקע שטריכן האָט ער געיאַרשנט בײַ סאָלאָמאָן מיכאָעלסן, זײַענדיק אַ סטודענט פֿון דער מאָסקווער טעאַטער־שול און אין טעאַטער בײַ מאַרק אַראָנאָוויטשן.

מיר דוכט, אַז אויך אָרגאַנישקײַט איז אַ וועזנטלעכער שטריך אין דער שעפֿערישער טעטיקײַט פֿון גאָלדפֿאַנדן סײַ אַלס אַקטיאָר סײַ אַלס רעזשיסער. מיט זײַן אָרגאַנישקײַט האָט ער דעראָבערט פּאָפּולערקײַט אָף דער בינע נאָך ביז ער איז אָנגעקומען אין דער מאָסקווער טעאַטער־שול, ער האָט מיט דערפֿאָלג געשפּילט אָף דער ייִדישער בינע פֿונעם קלוב „קאָמוניסט". אָט די עכטקײַט, די אָרגאַנישקײַט האָט ער דורכגעטראָגן אין אַלע זײַנע ראָלן, וואָס ער האָט געשפּילט אין בירעבידזשאַנער טעאַטער. ער געהערט צו די אַקטיאָרן, וואָס קאָנען ניט פֿאַלשעווען, ניט לײַגן אָף דער בינע. אָבער ניט נאָר עמעסדיקײַט איז כאַ־ראַקטעריסטיש פֿאַר אים, אויך זאַפֿטיקער הומאָר, דורכזיכטיקער געשמאַק, שאַרפֿזיניקײַט טיילן אויס זײַנע געשטאַלטן. אַלע ראָלן, וואָס ער האָט באַשאַפֿן, זײַנען אָף שטענדיק פֿאַר־בליבן אין מײַן זיקאָרן: זשוואַ און דעם אַפּטייקער אין „אינטערווענץ", קונילעמל אין גאָלדפֿאַדנס „קונילעמלעך", רעב אַלטער אין שאָלעם־אַלייכעמס „מאַזלטאָוו", האָצמאַך אין „בלאָנדזשנדע שטערן", יאַקאָוו סווערדלאָוו, דאָקטאָר דע סילווא אין „אוריִעל אַקאָסטאַ" און נאָך פֿיל אַנדערע.

דער בירעבידזשאַנער טעאַטער האָט געהאַט פֿיל צו באַדאַנקען דעם דאָזיקן שעפֿער.

און אָט איז שוין אַריבער קימאַט אַ פֿערטל יאָרהונדערט, ווי כאַים לוואָוויטש גיט אָפּ זײַנע קויכעס, זײַנע קענטעניש, זײַן מײַסטערשאַפֿט דעם רוסישן טעאַטער פֿונעם ווײַטן מיזרעך. די ספּעקטאַקלען, וועלכע ער האָט דאָרט געשטעלט, באַקומען קעסיידער הויכע אָפּשאַצונגען אין

דער פאַרבאַנדישער טעאַטראַלער פּרעסע. ער איז פּאָפּולער אין כאַבאַראָווסק, קראַסנאָיאַרסק, סמאָלענסק. מע האָט אים ליב אין נאָרילסק, אין דער שטאָט, אין וועלכער ער איז פאַרליבט ביז היינטיקן טאָג. אָט פאַרוואָס די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקייט האָט ניט לאַנג צוריק אַזוי פייערלעך אָפּגעמערקט זיין 60־טן געבוירנטאָג.

מיט ציטער אין האַרצן און גרויסן אומרו זיינען מיר צוגעטראָטן צו דער אַרבעט איבער דער פּיעסע פון מאַקסים גאָרקי „פייִנט". דאָס איז געווען פאַר אונדזער טעאַטער אַ געוואָגטער שריט. דאָס ערשטע מאָל איז אויף דער ייִדישער בינע געשטעלט געוואָרן אַ ווערק פון דעם גרויסן רוסישן שרייבער. דער גאַסט האָט קיינמאָל ניט געוואָגט צו שטעלן גאָרקין, ווייל ער האָט ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך זיך פאַרמעסטן מיט די באַרימטע מייסטערס פונעם מכאַט, מיטן ערשטן טעאַטער, וואָס האָט אַנטדעקט דעם דאָזיקן דראַמאַטורג. אין גאַסט האָט מען געהאַלטן, אַז שאָלעם־עלייכעמען דאַרף מען גיין קוקן אין גאַסט און גאָרקין אין מכאַט. אונדזער ספּעקטאַקל האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע איינשטעלונג איז ניט קיין באַרעכטיקטע. גאָרקי איז פאַר אַלע אַקטיאָרן אַ שול פון רעאַליסטישער מייסטערשאַפט, און פאַר ייִדישע אַקטיאָרן אַוודאי און אַוודאי. די פּראָבלעמען פון דער דאָזיקער פּראָכטפולער פּיעסע זיינען ניט קיין שמאָל־נאַציאָנאַלע, נאָר אַלגעמיין־מענטשלעכע, דעריבער טאַקע ווערן גאָרקיס פּיעסן געשפּילט אין אַלע לענדער פון דער וועלט.

מיר האָבן מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווייפּולער פּעריאָד פון אַרבעט באַם טיש. דער טעאַטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַבינעט אויף צו דערלערנען די טיפענישן פון גאָרקיס דראַמאַטורגיע.

אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין ליבע צו אַרבעט, מיטן קאָנען בייקומען שוועריקייטן, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. דעריבער איז מיר ווייטעקפול געווען צו הערן די איראָנישע פראַגע פון איינעם אַ גאַסטעטישן אַקטיאָר, וואָס האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז מיר, די פּראָווינציאַלן, אַרבעטן אויבערפלעכלעך, דרינגען ניט אַריין אינעם מאַטעריאַל:

— און וויאַזוי, — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכעלע, — אַרבעט איר דאָרט אין ביראָ־בידזשאַן, באַם טיש זיצט איר כאָטש?

וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן דעם דאָזיקן פאַרשוין? איך האָב אים געזאָגט:

— ניט נאָר באַם טיש, נאָר אַפילו אונטערן טיש.

מיך האָט זייער פאַרדראָסן דאָס ניט־פאַרדינטע גרינגשעצן אַזאַ אויסגעצייכנטן קאָלעק־טיוו, ווי אונדזער ביראָבידזשאַנער טעאַטער.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אין גאַסט, האָט דער זעלבער אַקטיאָר מיך געבעטן, איך זאָל אים העלפן אין דער אַרבעט באַם טיש. איך האָב מיט פאַרגעניגן אויסגעפילט זיין ביטע.

אין דער רעפּערטואַר־פּאָליטיק זיינען מיר אין ביראָבידזשאַן ניט געגאַנגען מיט קיין לייכטע וועגן. מיר האָבן געשטעלט פאַר זיך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, און איינע פון די פּראָבלעמען איז געווען גאָרקיס „פייִנט".

געשטעלט האָט דעם ספּעקטאַקל אונדזערער אַן אַקטיאָר — קאַנטאָר. דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט די אויסערלעכע פאָרם, ער פלעגט דערפירן זיינע ראָלן ביז צו היפּערבאָלעס, ביז גראָטעסק, אָבער אין זיין רעזשיסערישער אַרבעט איז ער געווען פּעדאַנטיש, רעאַליסטיש, עמעסדיק און צילגעווענדט. אַליין אַ שילער פון ווערשילאָוו, האָט קאַנטאָר אין דער אַרבעט מיט אונדז, אַקטיאָרן, אַרויסגעוויזן ניט קיין געוויינלעכע פּעדאַגאָ־גישע פייִקייטן. אין גרונט פון אונדזער אַרבעט איז געלייגט געוואָרן קלאָרקייט פון געדאַנק און צילגעווענדטע אויפירונג אויף דער בינע.

סאַראַ פאַרגעניגן באַקומט דער אַקטיאָר, אַרבעטנדיק אויף פולקומען דראַמאַטישן מאַ־טעריאַל. סאַראַ פאַרביקע געשטאַלטן, סאַראַ זאַפטיקע סצענעס, סאַראַ שאַרפע דיאַלאָגן האָט אויסגעשריבן אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש אין זיין פּיעסע.

עס טרעפט, אַז דער אַקטיאָר דאַרף דערהייבן דעם אויטאָרישן טעקסט, פאַרפייִנערן אים. אין גאָרקיס פּיעסע האָבן מיר געטרוימט זיך דערציִען צו דער הייך פונעם דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל.

איך האָב אַ פאַרכאַפּטער געאַרבעט איבער דער ראָל פון יאַקאָוו באַרדינען, איבער דער ראָל פון אַ רוסישן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שיקרעס, אַן איבעריקער מענטש, וועלכן קיינער באַדאַרף ניט, וואָס ברענגט קיינעם קיין שום נוצן ניט און וואָס פאַר־שטייט זיין נישטיקייט. די געשטאַלט פון יאַקאָוו האָט זיך ניט אַזוי גיך מיר איינגעגעבן.

עס פלעגט טרעפן — רעפעטירסט פּראָסט, מיט פארשטאנד. דו שטעלסט זיך בווילעט פאַר דײַן אַקטיאָרישע אופגאבע, און דאָך פילסטו, אַז ס'איז ניט אזוי, אַז ס'איז צו גראָדליניק, אַז ס'איז ניט יאַקאָוו באַרדין. אין דער דאָזיקער ראָל האָב איך מיט דער צײַט באגרײַפט אַ פּאַשעטנע זאך, אַז יאַקאָוו טראכט מער, שווײַגט מער, ווי ער רעדט. כ'האָב פארשטאנען, אַז ער זאָגט ניט דאָס, וועגן וואָס ער טראכט. מיר איז דעמלט אויך קלאָר געוואָרן, אַז ווי רעאליסטיש מע זאָל ניט ארויסברענגען גאָרקיס טעקסט, וועט יאַקאָוו באַרדין זיך ניט באקומען, אויב דו וועסט ניט ווי עס געהער צו זײַן באהערשן דעם טאָך פון דער דאָזיקער געשטאלט.

אין סאמע ברען פון די רעפעטיציעס איז פאר מיר קלאָר געוואָרן די באדײַטונג פונעם צווייטן פּלאן פון טשעכאָווס און גאָרקיס פיעסן. אַ לאנגע צײַט האָב איך זיך טרענירט, ארויסגעבראכט גאָרקיס ווערטער אזוי, אַז עס זאָל דערגיין דער אונטערטעקסט, דער געדאנק, דאָס הייסט דער צווייטער פּלאן פון דער ראָל. יעדער עכט־שעפערישער אַקטיאָר דאַרף זײַן אַ דערפינדער. איך מעג איצט זאָגן, אַז דעמלט האָב איך פיל זאכן אנטדעקט, נאָר דאָך האָט מיר עפּעס געפעלט אין דער ראָל, עפּעס האָט מיר געפעלט, איך זאָל זײַן פולשטענדיק באפרידיקט. אומגעריכט איז מיר געקומען צוהילף דער קינסטלער פון דעם ספּעקטאקל ראַביטשעוו. באַ הײַנטיקן טאָג לייגט מען ווייניק אכט אף די עסקיזן פון דעם קינסטלער. איצט ווערן געמאכט עסקיזן פון די קאָסטיומען, און עס ווערט אפילע ניט גענומען אין אכט דער, וואָס וועט דעם קאָסטיום דארפן טראָגן. ראַביטשעוון האָבן שטענדיק אינטערעסירט די אויספילער פון די ראָלן. ער איז געזעסן אף די רעפעטיציעס, טיף און דורכדרינגלעך דערלערנט יעדערן באזונדער, ארײַנגעדרונגען אין די טיפעניש פונעם געשטאלט, און דערפאר זײַנען זײַנע עסקיזן געווען געמאָסטן לויטן געשטאלט. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דעם עסקיז פון יאַקאָוו באַרדינען, האָב איך דערזען זיך. אפן עסקיז האָט יאַקאָוו אזוי ווייטעקלעך געקלערט, אזוי אויסדריקלעך געשוויגן, אזוי ווונדערלעך געהערט, אַז איך האָב זיך דערפילט אלס יאַקאָוו באַרדין.

אינעם לעצטן פּעריאָד פון די רעפעטיציעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראנגל פאר קענען הערן דעם פּארטניאָר. איך האָב ווייניקער פון אלץ געטראכט וועגן מײַן טעקסט, כ'האָב בלויז געהערט. געהערט די שטילקײַט, געהערט דעם מיטשפּילער, געהערט זיך אליין. אָט די אומגעוויינלעכע ארבעט האָט מיר פארשאפן פריידיקע דערפאָלגן. לויט די אָפּרופן פון דער פּרעסע, פון דער געזעלשאפטלעכקײַט, פון דער גאנצער טרופּע און דעריקער פון דעם צושויער־זאל איז יאַקאָוו באַרדין מיר געראָטן. די גרעסטע פרייד איז פאר מיר געווען, וואָס די פּרעסע האָט אונטערגעשטראָכן: „דער ארטיסט הערט אויסגעצייכנט און שווײַגט אויסדריקלעך"...

סארא ווונדערלעכער אנסאמבל ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אין דעם ספּעקטאקל! איבערצײַגעוודיק־עמעס זײַנען געווען דאָס פּאָרפאָלק באַרדין, די ראָלן פון וועלכע עס האָבן געשפּילט שילמאַן און סינעלניקאָווא. מאניע קארלאָס האָט מיט גלאנץ דורכגעפירט די ראָל פון נאדיען. אַ שאַרף געמעל פון אַ מענטשן, וואָס פארהאסט אלץ, האָט מיט גרויס טעמפּעראמענט געשאפן ליִע קאָלינע אין דער ראָל פון קלעאָפּאטרע. אין דער אומגעוויינלעכער ראָל פאר דער דאָזיקער אַקטריסע האָט קאָלינע ארויסגעוויזן גרויסע מײַסטערשאפט פון איבערשטאלטונג.

פולבלוטיקע געשטאלטן פון רויבער האָבן געשאפן די געניטע מײַסטערס מוישע זשאָלקאָווער און יאַקאָוו אבראמאָוויטש אין די ראָלן פון מיכאיִל און ניקאָלײַ סקאָראָבאטאָווס.

דער ספּעקטאקל איז געווען אַ גרויס געווינס פארן רעזשיסער קאנטאָר און פארן קינסטלער ראַביטשעוו. מיט גאָרקיס פּיעסע „פײַנט" האָט דער ביראָבידזשאנער טעאטער ארײַנגעשריבן אין זײַן געשיכטע אַ העל בלעטל.

אוריִעל אקאָסטא

דער שטאָלצער און געוואגטער קעמפער, דער מענטש מיט דער פלאמיקער נעשאָמע און פײַערדיקן הארצן, דער אוטאָר פונעם אנטירעליגיעזן טראקטאט „וועגן דער שטערבלעכקײַט פון דער נעשאָמע" — אוריִעל אקאָסטא, ווארפט אָן ארויסרוף די פאנאטיקער, דעם אָבסקוראנטיזם, די הענדלער און געשעפטמאכער. די ייִדישע רעליגיעזע געמיינדע ווארפט צוויי מאָל ארײַן אקאָסטאן אין כיירעם. אקאָסטא לײַדט אַ מאפּאָלע — צוליב דעם גליק פון זײַנע אייגענע, צוליב דער געליבטער יודיף פארנייגט אקאָסטא דעם קאָפּ פאר דער פארהאסטער

וועלט, וואָס רינגלט אים ארום. נאָר בלײַבן לעבן אין דער סוויווע קאָן ער ניט. א שאָס פון א פּיסטאָ־לעט מאכט אן ענדע צו זײַנע מאטערנישן. אקאָסטא גייט אוועק פונעם לעבן, ווײַל ער איז איינזאם. ער איז אָבער זיכער, אז זײַן אידיי וועט לעבן, וועט געפינען נאָכפאָלגער. ער איז זיכער, אז „ס'וועט קומען די שאָ, ווען אף דער שפּראך, ניין, ניט פון די רוימער, ניט פון די יידן און ניט פון די גריכן, אף דער שפּראך פון עמעסער פרײַהײַט וועט געמאָלדן ווערן: ס'איז ענג געווען די וועלט פאר אים, פאר אזא פלאם איז שטיקנדיק די לופט. ער האָט די וועלט געמוזט פארלאָזן".

י. קאָלין — אוריִעל אקאָסטא

אוריִעל אקאָסטאַ! וועלכער אקטיאָר האָט ניט געטרוימט וועגן דער דאָזיקער ראָל. ווער איז ניט באגײַסטערט געוואָרן פון די אויסגעצייכנטע מאָ־נאָלאָגן, שארפע דיִאלאָגן, גלענצנדיקע סצענעס! קארל גוצקאָווס פּיעסע האָט באשײַנט די אפּישעס פון פיל באוווּסטע גאסטראָליאָרן. נאָך קינדווײַז, ווען איך האָב געהערט פארלייענען שאָלעם-אליי־כעמס „בלאָנדזנדע שטערן", בין איך באגײַסטערט געווען פון לעאָ ראפאלעסקאָס טריומף אין דער ראָל פון אוריִעל אקאָסטא. דאָס גאנצע לעבן מײַנס האָב איך ליב געהאט די דאָזיקע ראָל. איך האָב פיל געארבעט אף איר, זיך א סאך מאָל צו איר אומגעקערט. נאָך איצט טרעט איך ארויס אף דער עסטראַדע מיט מײַן מאָנאָ-ספּעקטאקל „אוריִעל אקאָסטא". נאָך איצט רעגט מיך דער אייביק לעבנסוויכטיקער, אייביק אקטועלער געראַנגל פון אוריִעל אקאָסטא מיט בען אקיווען.

די ידיעה וועגן דעם, אז אונדזער טעאטער וועט ארבעטן אף „אקאָסטאַן" האָט אופגע־רודערט דעם גאנצן קאָלעקטיוו. נאטירלעך, אז אלע האָבן געוואָלט אָנטיילנעמען אינעם דאָ־זיקן שטאָפּ-ספּעקטאקל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייד, מע האָט געפּרוּווט זיך אָנשטויסן וועגן, דעם, וויִאזוי עס וועלן צעטיילט ווערן די ראָלן. די אָנשטרענגונג איז אלץ געוואקסן. און אָט, אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן... די ראָלן זײַנען פאנאנדערגעטיילט! אך, סארא איבער־לעבונג דאָס איז פאר אונדז, אקטיאָרן. פון דעם קליינעם בלעטעלע פּאפּיר איז פיל אָפּהענגיק אין אונדזער לעבן. וויפל אומפארגלײַכלעכע פרייד דאָס בלעטעלע ברענגט אמאָל דעם אר־טיסט און אויך וויפל טרערן, שלאָפלאָזע נעכט. דאָס פאנאנדערטיילן די ראָלן איז א פאראנט־וואָרטלעכער שריט, איינער פון די וויכטיקסטע עטאַפּן אין דער ארבעט איבער א ספּעק־טאקל. אלעקסיי דעניסאָוויטש דיקי, דער גרויסער מײַסטער פונעם רוסישן טעאטער, וועלכער האָט שטענדיק געלונגען פאנאנדערגעטיילט די ראָלן, האָט געזאָגט אף דער ערשטער רעפּע־טיציע פון דער פּיעסע „שאַטנס" אין פּושקין-טעאטער: „ריכטיק פאנאנדערגעטיילטע ראָלן באטרעפן 50 פּראָצענט דערפאָלג פונעם קומענדיקן ספּעקטאקל".

ס'איז גרינג זיך פאָרשטעלן מײַן פרייד, ווען איך האָב דערזען אין צעטל מײַן נאָמען באנאנד מיטן נאָמען אקאָסטא. מיר האָט זיך דעמלט געוואָלט צעקושן אלע אונדזערע אק־טיאָרן, די אָנגעשטעלטע, די ארבעטער פון דער בינע. איך בין ארומגעגאנגען איבער די גאסן פון בירָאבידזשאַן, און אלץ האָט געזונגען אין מיר, אלץ האָט מיך געפרייט. איך בין גליקלעך געווען, וואָס איך לעב אין דער וועלט פון טעאטער, וואָס איך בין אן אקטיאָר — איך האָב באקומען די ראָל פון אקאָסטאַן!

אָבער באקומען א ראָל הייסט נאָך ניט, אז די ראָל וועסטו קאָנען שפּילן. אין יענע ערשטע מינוטן האָב איך קיין אנונג ניט געהאט, וואָס פאר א שווערע האָרעוואַניע מיר שטייט פאָר. אינעם צושטאנד פון פארשיקערונג האָב איך זיך ניט אָנגעשטויסן, וויפל שלאָפלאָזע נעכט, וויפל אנטוישונגען עס דערווארטן מיך בײַ דער ארבעט אף דער קאָמפּלי־צירטער טראַגישער ראָל.

די ראָל פון אקאָסטאַן איז איינע פון די קאָמפּליצירטסטע ראָלן פון דעם טראגעדיע־

רעפערטואַר אין דער וועלט. אין יעדער בילד, אין יעדער סצענע איז דער דראַמאַטישער קאָנפליקט צעגליט. פאַרן צושויער גייט פאַרבײַ ניט קיין געוויינלעך לעבן, א לעבן, וואָס איז פול מיט זיגזאַגן, שווונג און אַנטוישונג. עס פאָדערט זיך א קאָלאָסאַלע סצענישע געניטקײַט און מײַסטערשאַפט פון אַקטיאָר אַף צו באַהערשן דאָס אַלץ. און לעסאָף דאַרף דער אַקטיאָר האָבן גרויסע לעבנס־דערפאַרונג, אַז זײַנע איבערלעבונגען זאָלן אים זײַן נאָענט און פאַר־שטענדלעך. ניט צופעליק האָבן אַקאָסטאַן קימאַט שטענדיק געשפּילט באַוווסטע אַקטיאָרן שוין אין א רײַפן עלטער, און אַפילע שוין גאָר אַף דער עלטער: אָסטוזשעוו האָט געשפּילט אַקאָסטאַן, ווען ער איז אַלט געווען העכער זעכציק. אין ערעך אינעם זעלבן עלטער האָבן די דאָזיקע ראָל געשפּילט פּאַפּאַזיאַן און אַדעלגיים און אויך אויסלענדישע גאַסטראָליאָרן. פאַרשטענדלעך, אַז בא מײַנע 23 יאָר, וואָס איך בין דעמלט אַלט געוואָרן, האָב איך ניט פאַרמאָגט ניט קיין סצענישע, ניט קיין לעבנס־געניטקײַט. אָנשטאָט דעם האָב איך פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט, קויכעס — איך בין געווען יונג. אָבער ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט זײַן, נאָר דער טעמפּעראַמענט האָט די ערשטע צײַט מיר שטאַרק געשטערט. דעם טעמפּעראַמענט דאַרף מען קענען צוימען. דער אַקטיאָר דאַרף הערשן איבער אים. דעמלט, ווען איך האָב געאַרבעט אַף אַקאָסטאַן, האָט דער טעמפּעראַמענט מיך פאַרפלייצט און געהערשט איבער די געדאַנקען, ניט געלאָזט באַגרײַפן די אומשטענדן. איך האָב געדאַרפט מיטן קאַלטן געדאַנק אָפּלייקענען די דאָגמעס פונעם דאָקטאָר דע סילוואַ און דערבײַ צוימען די עמאָציעס, און איך בין געווען צערייצט, געקראָכן פון דער הויט. דאָס הייסט — געשפּילט דעם רעזולטאַט, אָבער דאָס פאַרשטיי איך איצט, אין 1972 יאָר, נאָר דעמלט, אין 1937, האָב איך עס ניט פאַרשטאַנען, נאָר בלויז געפילט, אַז איך שפּיל ניט ווי עס דאַרף צו זײַן, אַז דאָס איז ניט אַקאָסטאַ. אַף וויפל איך האָב דאָס געוווּסט, האָט עס מיך געקאָסט פיל נערוון און געזונט, און דאָס האָט מיר ווידער געשטערט. אום יעדן פּרײַז האָב איך זיך געסטאַרעט מאַכן א גוטן אײַנדרוק, מיט עפעקט איבערלייענען א מאָנאָלאָג, ניט מאַכן קיין טאָעס אַף די רעפּעטיציעס. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס די ראָל פון אַקאָסטאַן האָבן געשפּילט דרײַ אַקטיאָרן און יעדערער פון אונדז האָט געהאַט זײַנע אָנהענגער, וועלכע האָבן אָן צערעמאָניעס אַרויסגע־וויזן זייער באַציִונג צו אונדז אַלעמען. זיי זײַנען געשטאַנען שטאָל און אײַזן פאַר זייער פּראָטעזשע, און גאַנץ אויסדריקלעך, נעגאַטיוו זיך באַצויגן צו די „קאָנקורענטן". דער דאָזי־קער אַזשיאָטאַזש האָט געשטערט אַלע דרײַ. איך פלעג זייער נערווירן און ניט קענען רעפּעטירן.

איינמאָל, בייס כ'האָב געלייענט א דראַמאַטישן מאָנאָלאָג פונעם צווייטן בילד, האָב איך פּלוצעם דערזען אין א לאָזשע אַן אַקטיאָר, וואָס האָט געלאַכט. דער דאָזיקער געלעכטער, וואָס האָט, מעגלעך, צו מיר קיין שײַכעס ניט געהאַט, האָט מיך געבראַכט אין פאַרלעגנהײַט, און איך בין געצוווּנגען געווען איבערצורײַסן די רעפּעטיציע.

דעמלט האָב איך נאָך ניט געקאָנט אויסנוצן קיין נעגאַטיווע פאַקטאָרן און זיי צווינגען ברענגען נוצן. איך האָב דעמלט נאָך ניט געוווּסט, אַז נעגאַטיווע עמאָציעס, וועלכע דער אַרטיסט נוצט ריכטיק אויס, קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין א פּאָזיטיווער באַוועגונגס־קראַפט.

עס זײַנען פאַראַן אַקטיאָרן, וועלכע רעפּעטירן גאַנץ אינערט, זיי איז צומאָל שווער זיך אײַנשליסן אין דער נייטיקער עמאָציאָנעלער אָנלאָדונג, ס'איז אָבער גענוג א זײַטיקער, רויש הינטער די קוליסן אָדער עפּעס א מיספאַרשטייעניש, וואָס ברענגט זיי אַרויס פון די קיילים, קעדיי די שטערונג זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עליקסיר פון פּאָזיטיווער אופווירקונג.

אין מײַן אַקטיאָרישער פּראַקטיק האָבן מיך ניט איין מאָל געראַטעוועט פאַרשיידענע אופטרייסלונגען, אָבער דעמלט האָב איך זיך שטאַרק גענייטיקט אין א גוטווילִיקער שפּעריי־שער אַטמאָספער. און ניט נאָר אין די יונגע יאָרן. אין פּושקין־טעאַטער האָט מיך שטענדיק אַרומגערינגלט א גוטע, וואַרעמע אַטמאָספער, וואָס האָט מיר שטאַרק געהאָלפן אין דער אַרבעט. אויסערגעוויינלעך גרינג איז געווען צו אַרבעטן מיט אַלעקסיי דיקין, מיט יאָסיף טומאַנאָוו, ניקאָלײַ פּעטראָוו.

די פילצאָליקע רעפּעטיציעס, די שטענדיקע זוכענישן האָבן געבראַכט רעזולטאַטן — איך האָב זיך גענומען פילן פרײַ, גרינג. אויך דער טעקסט, וואָס עמאַנויל קאַזאַקעוויטש האָט איבערגעזעצט פון דײַטש, איז געווען עכטע פּאָעזיע און האָט מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן. פון רעפּעטיציע צו רעפּעטיציע בין איך אַלץ מער אַרײַנגעדרונגען אינעם טאָך פון דער ראָל.

געוויינלעך באַווײַזט מען אַקאָסטאַן ווי א דענקער, א מענטש פון הויכן גײַסט, נאָר אויסערלעך א פיזיש שוואַכן. אוריִעל קומט אַרויף אַף דער בינע א בלאַסער, אָן אויסגעצער־טער, מיט א באָרד, ווי בא יעזוס קריסטוסן. אַזאַ טראַקטירונג האָט פון סאַמע אָנפאַנג אָנגע־זאָגט, אַז אַקאָסטאַ איז פאַרורטיילט אַף א מאַפּאָלע. איך האָב אַף אַן אַנדער אופן טראַקטירט

די דאָזיקע געשטאַלט, — אוריִעל אַקאָסטאַ איז אַ יונגער דענקער, אַ פּיזיש־געזונטער, אַ שטאַרקער, אַן אויסגעצייכנטער רײַטער. ער באַווײַזט זיך אין קאַבינעט פֿון דע סילוואַ, ווי ער וואָלט ערשט אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם פֿערד. אין הויכע שפּאַנישע שטיוול. ער איז לוסטיק, פֿרײלעך — אַ יונגער מענטש, וואָס איז פֿאַרליבט אין לעבן. די טראַגעדיע פֿון דעם דאָזיקן לעבנסלוסטיקן מענטשן, וועלכן די יעזויִטן דערפֿירן צו זעלבסטמאָרד, ווערט דעמלט נאָך גרעסער.

כ׳האָב ביסלעכווײַז גענומען אײַנערלעך זיך באַרויִקן. כ׳האָב זיך טײלווײַז אויסגעלערנט צוימען דעם טעמפּעראַמענט. אייניקע סצענעס האָב איך רעפּעטירט ריכטיק און באַקומען די באַגײַסטיקונג פֿון דער רעזשיסור און די פּאַרטנייאָרן.

און אָט איז אונטערגעקומען איינע פֿון די גענעראַלע רעפּעטיציעס. צוויי שאָ פֿאַרן אָנהייב בין איך שוין געווען אין טעאַטער. אָנגעטאָן אין אַן אויסגעצייכנטן ליכטיקן אָנצוג מיט אַ רויטער פּעלערינע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לויט די עסקיזן פֿונעם קינסטלער ניסן שיפֿרין, האָב איך גענומען בלאָנקען צווישן די דעקאָראַציעס. די שטימונג איז בײַ מיר געווען אַ געהויבענע, מײַן געמיט איז פֿולשטענדיק צונויפֿגעפֿאַלן מיטן געמיט פֿון אוריִעל אַקאָסטאַ. איך בין קימאַט אַרײַנגעלאָפֿן צו מײַן באַליבטן לערער דע סילוואַ. מײַן שטימונג איז ניט געמינערט געוואָרן נאָכן אומגעריכטן געשפּרעך מיטן לערער, וועלכער האָט אויפֿגענומען מײַן בוך, ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, ווי אַן אַרויסרוף. עמעס, מיך האָט ווייטעקדיק אַ שטאָך געטאָן די ידיִעה וועגן דעם, אַז אינגיכן וועט פֿאָרקומען די כאַסענע פֿון מײַן געליבטער יודיף מיטן פּוסטן הענדלער בען־יאָכײַ. מיך האָט נאָך שאַרפֿער אַ שמיץ געטאָן די ידיִעה פֿונעם רעבן דע סאַנטאָסן, וואָס איז געקומען און מיר געמאָלדן, אַז איך וועל אַרײַנגעלייגט ווערן אין כײרעם. מיט האַס און טעמפּעראַמענט האָב איך דאָס ערשטע בילד פֿאַרענדיקט מיט אַ לײַדנשאַפֿטלעכן מאָנאָלאָג, באַגלייטנדיק פֿון דער בינע בען־יאָכײַען. אין די שלוס־ווערטער פֿונעם מאָנאָלאָג — „זאָל דאָס האַרץ צעריסן ווערן, איך פֿאַרבלײַב!“ — האָב איך אַרויסגעבראַכט אָף דער העכסטער נאָטע. איך האָב זיך געפֿילט זיכער און שטאַרק. דאָס ערשטע בילד איז דורכגעגאַנגען ווי קיינמאָל דערהויבן.

דאָס צווייטע בילד אין פּאַרק פֿון מענאַשע וואַנדערסטערן איז געגאַנגען נאָך אָף אַ העכערן ניוואָ. די ערשטע סצענע מיט יודיפֿן האָב איך געפֿירט ווי מעגלעך געצוימט, נאָר דערפֿאַר האָב איך דעם צווייטן מאָנאָלאָג אַרויסגעבראַכט זייער שטאַרק. ווי אַ צערײצטע כײַע האָב איך זיך אַרופֿגעוואָרפֿן אָף דע סאַנטאָסן, אָף זײַנע געסט, די אויסדערווײלטע פֿון דער אַמסטערדאַמער ייִדישער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. בײַס דעם מאָנאָלאָג האָב איך באַמערקט, אַז די אַקטיאָרן אָף דער בינע קוקן אָף מיר פֿאַרווונדערטע — איך האָב געזען, אַז זיי זײַנען אָף אַן עמעס אויפֿגערעגט. מײַן פֿרייד האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. די דאָזיקע אָנערקענונג מיצאַד מײַנע כאַווײרים האָט מיך נאָך מער דערוואַרעמט, און די לעצטע שלוס־ווערטער — „פֿאַרשעלטן מיך האָט איר רעכט — איך בין אַ ייִד!“ — האָב איך אַרויסגעבראַכט מיט די לעצטע קויכעס.

עס האָט זיך פֿאַרענדיקט דאָס צווייטע בילד. מ׳האָט מיר געדריקט די האַנט, מיך געקושט. איך בין געווען גליקלעך. נאָר אַ מאָדנע זאַך, אין אַרטיסטן־צימער האָב איך דערפֿילט אַ שרעקלעכע מידקײַט, כ׳האָב געהאַט דעם געפֿיל, ווי עס זאָל שוין זײַן אָפּגעשפּילט דער גאַנצער ספּעקטאַקל. כ׳בין געווען אויסגעשעפּט ניט נאָר פֿיזיש, נאָר אויך שעפֿעריש. קיין שום רעזערוון האָב איך שוין ניט פֿאַרמאָגט, כאָטש די גאַנצע טראַגעדיע דאַרף ערשט קומען אין די קומענדיקע אַקטן — דער שאַרפֿער דיִאַלאָג מיט דע סילוואַן אין דריטן בילד, די באַגעגעניש מיט דער מוטער...

דאָס וויכטיקסטע קומט פֿאָר אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דער פּיעסע — די סצענע אין קלויז, דער געראַנגל מיט בען־אַקיוואָן, און צולעצט, דער אַפּאָגיי פֿון דער פּיעסע — דאָס זעקסטע בילד מיט דער באַוווּסטער סצענע:

„און דאָך דרייט זי זיך פֿאָרט! פֿאַלט אַראָפּ איר, הויפֿנס שטיינער פֿון מײַן ברוסט! באַפֿרײַ זיך, מײַן צונג! וואַך אויף, מײַן געדאַנק, און ווי שימשן פֿאַרן טויט — צערײַס די קייטן פֿון שאַנד!“ אַאַוו. — אַ גרויסער מאָנאָלאָג. און באַלד נאָך אים, נאָך אַ שטאַרקערער: „וואַנזיניקע! שוין זשע דאַכט זיך אײַך, אַז די העלע זונען־שײַן וועט איר מיט די דאָזיקע ליכט פֿאַרבלענדן...“

מיטאַמאָל איז מיר געוואָרן שרעקלעך. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז עס זײַנען אויסגעבראַכט געוואָרן אַלע מײַנע מעגלעכקײַטן אין די ערשטע צוויי בילדער. איך האָב אַפֿילע ניט געהערט, ווי דער געהילף־רעזשיסער האָט מיך אײַנגעלאַדן צום דריטן בילד.

מאָביליזירט די לעצטע קויכעס, האָב איך קוים דערפֿירט דאָס דריטע בילד ביז צום סאָף. אין לעצטן סאַכאַקל איז די דאָזיקע רעפּעטיציע דורכגעוואַלגערט געוואָרן. אָבער דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויסע לערע. אָף דער פּראַקטיק האָב איך באַנומען, ווי מע דאַרף שאַ־נעווען און פֿאַנאַנדערטיילן דאָס „טראַגישע פֿאַרמעגן", פֿאַרשטאַנען, אַז אַזאַ גרויסע ראָל דערפֿירן ביזן סאָף קאָן מען נאָר דאַן, ווען די קויכעס ווערן ריכטיק פֿאַנאַנדערגעטיילט, אַז מע דאַרף בוילעט זיך פֿאָרשטעלן, וואָס איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער ראָל און וואָס דאָס צווייטראַנגיקע.

איך האָב דאָס אַלץ פֿאַרשטאַנען, נאָר, נאַטירלעך, ניט אַלץ געקענט טייקעף רעאַליזירן.

די פּרעמיערע איז בײַ מיר דורכגעגאַנגען גאַנץ געלונגען, נאָר ניט אין אַלע סצענעס אַלציינס. פֿון ספּעקטאַקל צו ספּעקטאַקל האָב איך זיך אָנגענומען מיט קרעפֿטן, מיט מײַסטער־שאַפֿט — געוואָרן אַלץ קליגער. די דאָזיקע אויסגעצייכנטע ראָל איז אָפּן גאַנצן לעבן געבליבן מײַן באַליבטסטע שאַפֿונג.

„אוריִעל אַקאָסטאַ" איז אין ביראָבידזשאַנער טעאַטער געווען אַ פֿריידיקער זיג. דער ספּעקטאַקל האָט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו פֿון צײַט און איז באַוויזן געוואָרן אין פֿיל שטעט פֿונעם לאַנד. די פּרעסע האָט מיט באַגײַסטערונג אָפּגעצייכנט אונדזער דערפֿאָלג. דאָס איז געווען דער דערפֿאָלג פֿון דעם אַקטיאָר אַבראַמאָוויטש אין דער ראָל פֿון סאַנטאָסן, פֿון געלפֿאַנדן — אין דע סילוואַ, פֿון דער אַקטריסע קאַלינע, וואָס האָט באַשאַפֿן אַ צאַרט און שטאַרק געשטאַלט פֿון יודיף, פֿון מאַניע קאַרלאָס, וואָס האָט אָף אַ דראַמאַטישער הייך אויסגעפֿילט די ראָל פֿון דער מוטער. וואָס איז נוגע דעם אַקטיאָר פֿײַנשטיין אין בען־אַקיווען, איז דאָס לויט מײַן פֿאַרשטאַנד געווען אַ דערשיטערנדיקע שפּיל, אַזאַ פֿאַרוואַנדלונג, ווען פֿונעם אַקטיאָר גופֿא פֿאַרבלײַבט קיין זייכער ניט. אָף דער בינע האָט געהאַנדלט אַ האַרטנעקיקע באַשעפֿעניש, וועלכע עס האָט באַשאַפֿן אַן אַקטיאָר אַ קישעפֿמאַכער.

„אוריִעל אַקאָסטאַ" איז געווען אַן עטאַפּ פֿאַרן טעאַטער־קאָלעקטיוו.

אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָט דער טעאַטער באַוויזן אַ נײַע פּרעמיערע — שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער". ביראָבידזשאַן האָט מיט פֿרייד באַגעגנט דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל. די געלונגענע אינסצענירונג פֿון אויסלענדערן און דאַברושינען, די שיינע דע־קאָראַציעס פֿון ראַבינאָוויטשן, די צאַרטע מוזיק פֿון מילנערן האָבן פֿאַרוואַנדלט דעם ספּעק־טאַקל אין אַ מאָנומענטאַל, אָפּטימיסטיש ווערק. דאָס איז געווען אַ לײַוונט פֿון גרויסער סאָציִאַלער באַדײַטונג.

מיר שײַנט, אַז אין דער ערשטער ריי איז דאָס געווען דער דערפֿאָלג פֿונעם אויסגע־צייכנטן אַקטיאָרישן אַנסאַמבל. טעוויע דעם מילכיקן האָט געשפּילט יודע קאָטוינטי.

אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָבן באַזונדערס זיך אויסגעטיילט די פֿרויען בוזי שילמאַן — גאָלדע, סאַרע פֿרידמאַן, וועלכע האָט געשפּילט די זעלבע ראָל. מאַניע קאַרלאָס — האָדל.

אַ ליריש געשטאַלט פֿון טעוויעס ייִנגסטער טאָכטער האָט געשאַפֿן ליִע קאַלינע. איר ראָל ביילקע, וואָס הייבט זיך אָן, ווען ביילקע איז נאָך קימאַט אַ קינד, און ענדיקט זיך, ווען זי איז שוין אַ רײַפֿע פֿרוי, האָט די אַקטריסע פֿון אָנהייב ביזן סאָף דורכגעפֿירט מיט גלאַנץ.

אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָב איך מיט פֿאַרגעניגן געשפּילט פּערטשיקן.

אין סאָף 1938 יאָר איז אַלס הויפּט־רעזשיסער פֿונעם ביראָבידזשאַנער טעאַטער אָנגע־מערקט געווען יעפֿים לוואָוויטש געלפֿאַנד.

דער ערשטער ספּעקטאַקל, וואָס ער האָט געשטעלט, איז געווען „לײַכט־טורעם גרויז־זאַמער".

באַשאַפֿן אַ ספּעקטאַקל וועגן אונדזערע סאָוועטישע מענטשן איז שטענדיק געשטאַנען אָפּן טאָג־סײדער, און שאַפֿן אַ געשטאַלט פֿון אַ מיטצײַטלער איז געווען מײַן באַשטענדיקער טרוים. „לײַכט־טורעם גרויזאַמער", וואָס געלפֿאַנד האָט געשטעלט, „אויג אָף אויג" אין נאַרווידס אויפֿירונג און „פּאָוועל גרעקאָוו" אין דער שטעלונג פֿון ריינגאָלדן זײַנען געווען אויסגעצייכנטע פּיעסן פֿון אונדזערע דראַמאַטורגן וועגן לעבן פֿון די סאָוועטישע מענטשן, וועגן זייער עטישן מעהוס, וועגן דער גיגאַנטישער בויונג פֿון לאַנד, וועגן זייער קאַמף קעגן די סאָנים פֿון דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפֿט. אין די ערשטע צוויי ספּעקטאַקלען האָב איך געשפּילט נעגאַטיווע געשטאַלטן — נעפּיאַדאָוו אין „לײַכט־טורעם גרויזאַמער" און איוואַן איוואַנאָוויטשן אין „אויג אָף אויג". ביידע — איוואַן איוואַנאָוויטש און נעפּיאַדאָוו — זײַנען געווען פֿאַרהאַסטע סאָנים פֿון אונדזער היימלאַנד. נעפּיאַדאָוו האָט קונציק זיך מאַסקירט, זיך אויסגעגעבן פֿאַר אַ ווױלן באָכער, אַ פּראָסטאַק, וואָס האָט זיך צוגעלאָנטשעט צו פֿאַר־

י. קאָלין אין דער ראָל פון פּאַוועל גרעקאָוו.

טרוילעכע מענטשן, און האָט זיך ארויס־געוויזן פאר א פּאכדן, ווען ער איז דע־מאסקירט געוואָרן. דערפאר אָבער איז איוואן איוואנאָוויטש געווען א סוינע פון א גרויסן קאליבער. א געניטער שפּיאָן און דיווער־סאנט, האָט ער אפילע פאר די אָרגאנען פון אינערלעכער געפאַרלאָזיקייַט ניט אויס־באהאלטן זייַן האס צו דער סאָוועטנמאכט.

אין יענער צייַט האָט מען זיך געהאלטן בא דער מיינונג, אז אין דער ראָל פון א נעגאטיוו געשטאלט דארף דער אקטיאָר שפּילן „זייַן באציִונג צו אים“, צום גע־שטאלט הייסט עס. דאָס איז אָבער געווען ניט קיין ריכטיקע טענדענץ. שפּילן די באציִונג צום געשטאלט קאָן מען ניט, ווייַל די געשטאלט ווערט סכעמאטיש, ניט איבער־צייַגעוודיק, און דערמיט ווערט פארמינערט די אידייִשע באדייַטונג פונעם ספּעקטאקל.

מיט באגייַסטערונג האָב איך געארבעט איבער די דאָזיקע ראָלן. ס'איז פארשטענד־לעך, פארוואָס אייניקע אקטיאָרן האָבן ניט ליב צו שפּילן קיין נעגאטיווע פּערסאָ־נאזשן — דער צושויער טראָגט איבער זייַן פייַנטשאפט צו דער נעגאטיווער ראָל אָפן אקטיאָר. וויפל מאָל האָבן מייַנע פארערער מיר געזאָגט: „איר זייַט אזוי העסלעך אָף דער בינע! מיר האָבן זיך אזוי געבייזערט אָף אייַך. צוליב וואָס שפּילט איר אזעלכע ראָלן?“ און דאָ ניט לאנג צוריק, נאָכן ספּעקטאקל „דער לייַוונטענער פאָרטפעל“, האָט איינע א פרוי מיר געזאָגט: „מיר געפעלט ניט ווי איר שפּילט, איר זייַט אזא העסלעכער, אזא סקלאָטשניק!“

פאר מיר איז אזא אָפּרוף דער בעסטער קאָמפּלימענט.

נעפּיאָדאָוו און איוואן איוואנאָוויטש האָבן ארויסגערופן א שטורמישע רעאקציע אין צושויער־זאל. אין מאָמענט, ווען מע האָט מיך אנטדעקט אלס סוינע, האָט אין זאל זיך אופגעהויבן א שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן, — אָט דעמלט האָב איך אלס אקטיאָר געהאט עמעסע שעפערישע באפרידיקונג.

אין „פּאוועל גרעקאָוו“ האָב איך געשפּילט די ראָל פון א וווּנדערלעכן סאָוועטישן מענטשן, מייַנעם א מיטצייַטלער — די ראָל פון פּאוועל גרעקאָוו, די פּיעסע איינגאנצן גענומען, איז אָנגעשריבן איבערצייַגעוודיק און עמעסדיק.

מיט דער גרעסטער אכרייַעס האָב איך געארבעט אָף דער געשטאלט פון אַן אָנפירער פון א גרויסער בויונג, איבער דער געשטאלט פון א קאָמוניסט. פּאוועל פאלט ארייַן אין א שווערער לאגע צוליב אַן אומדערטרעכטיקער רעכילעס. ער ווערט אויסגעשלאָסן פון דער פּארטיי. די דאָזיקע דראמאטישע סצענעס זייַנען געווען די שטארקסטע אין ספּעקטאקל. מאקס רייַנגאָלד, מיכאָעלסעס א טאלאנטפולער שילער, האָט געשאפן א רעגנדיקע פאָרשטעלונג. פיל ארטיסטן האָט זיך אויך דאָס מאָל אייַנגעגעבן שאפן שיינע געשטאלטן. באזונדערס האָבן זיך פארגעדענקט די ארטיסטן קאנטאָר, קאָטוינטי, טעפּליצקאיא.

צוויי מוזיקאלע ספּעקטאקלען האָט געשטעלט אונדזער רעזשיסער יאשע ראָזענפעלד. דאָס זייַנען געווען שקווארקינס „א פּראָסט מיידל“ און גאָלדפאדנס „קונילעמלעך“. ביידע ספּעקטאקלען האָבן געבראכט פיל פרייד סיי די אקטיאָרן, סיי די צושויער.

דער באגאבטער רעזשיסער, וואָס באזיצט גרויסע מוזיקאלע פייִקייַטן אין שאפן הומאָר, האָט באשאפן פריילעכע מוזיקאלע קאָמעדיעס.

איך האָב שטארק ליב מוזיקאלע קאָמעדיעס. איך בין זיכער, אז זיי זייַנען אומבאדינגט נייטיק אויך צוליב דעם, אז דער אקטיאָר זאָל זיך דערפילן איינגאנצן א פרייַער, אָף צו פארברייטערן זייַן דיאפּאזאָן.

טענץ און געזאנג, ווי אויך דער לײַכטער דיאַלאָג און שטיפּעריַי זײַנען וויכטיק פאַרן אַקטיאָרישן טרענאַזש, פאַרן באַרײַכערן די אַקטיאָרישע פּאַליטרע.

מיר האָבן מיט פאַרגעניגן געאַרבעט, געבאָדן זיך מאַמעש אין די שאַרף־קאָמעדישע סיטואַציעס פון שקוואַרקינס זעלטענער פּיעסע. מיט אַ באַזונדער אַפּעטיט האָבן מיר געזונגען די קופּלעטן און געטאַנצט. געטאָן האָבן מיר עס ניט ערגער פון עסטראַדע־אַרטיסטן, כאָטש מיר זײַנען ווײַט געווען פון אַזאַ גאַנג.

איבער די קופּלעטן האָט מיט אונדז געאַרבעט דער געניטער טוער פון דער יידישער אָפּערעטע יאַקאָוו נאַטאַנאָוויטש ווינאַקור. ער האָט זיך געסטאַרעט איבערגעבן דעם אַנסאַמבל די „סוידעס” פון דעם דאָזיקן פאַרכאַפּנדיקן און שטיפּערישן מין קונסט. איך און אַבראַשע קאַפּלאַן האָבן געשפּילט צוויי יונגע פאַרליבטע. מיט די בעזעמער אין די הענט שטייען מיר בײַ די טרעפּלעך פון אונדזערע געליבטע און דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן די מײַלעס פון די מיידלעך אָליע און פאָליע, זינגען וועגן זיי און לאָזן זיך סאָפּקאָלסאָף אין אַ טאַנץ. יאַקאָוו נאַטאַנאָוויטש ווינאַקור, וועלכער האָט אין דער אָפּערעטע־קונסט אויפגעגעסן אַ פּוד זאַלץ, ווי מע זאָגט עס, האָט מיך געלויבט אין טאָג אַרײַן. נאָך מער, ער האָט זיך גענומען מיך אײַנריידן, אַז מײַן עמעסער באַרוף איז אָפּערעטע, אַז מײַן אַמפּלואַ האָט גאָט אַליין באַשטימט — דאָס איז די אַמפּלואַ פון אַ פּראָסטאַק...

— וואָס דאַרפט איר, יויסעף, — האָט ער געטײַנעט, — די דאָזיקע דראַמעס און טראַגעדיעס, דאָס איז פאַר אויסדערוויילטע אינטעליגענטן, און אָפּערעטע האָבן אַלע ליב. איר דאַרפט נאָר אויסזינגען אַ לידעלע, אויסטאַנצן אַ שטיקעלע, אַ פּיר טאָן מיט אײַערע פּלוטעוואַטע אייגעלעך, וועלן אַלע מיידלעך אַראָפּ פון זינען...

ניין, ניט קיין אָפּערעטע, איך האָב זיך געבוקט צו אַן אַנדער אָפּגאָט.

דער גאָלדפאַדענישער טעאַטער איז שטענדיק געווען אַ גראַנדיעז פעלד פאַר דער טעטיקײַט פון רעזשיסערן, אַקטיאָרן, מוזיקאַנטן און מאָלער. די שאַפונגען פון דעם דאָזיקן שרײַבער האָבן געדינט אַלס שטאָף פאַר בונטע טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען. וועלכער יידישער אַקטיאָר האָט ניט געטרוימט צו שפּילן האָצמאַכן, די קישעפמאַכערן, די קונילעמלעך? ווער פון די יידישע רעזשיסערן האָט ניט געטרוימט צו שטעלן גאָלדפאַדנס פּיעסן?

דער ערשטער גאָלדפאַדענישער ספּעקטאַקל אין בירָאָבידזשאַנער טעאַטער איז געווען „קונילעמלעך”. מיט גרויס ענטוזיאַזם האָבן מיר געאַרבעט אָף דעם דאָזיקן וואָדעוויל. דער פּראָסטער סוזשעט פון דער קלאַסישער קאָמעדיע האָט אונדז, אַקטיאָרן, געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו שאַפן אַ לעבנסלוסטיקן ספּעקטאַקל. אָנשטעקנדיק־פריילעך איז געווען אָף די רעפּעטיציעס. די לוסטיקײַט, די אומגעצווונגענקײַט האָט געהאָלפן אופדעקן דעם טאָך פון גאָלדפאַדנס שאַפונג. איך האָב אין אָט דעם ספּעקטאַקל געשפּילט דעם פאַרליבטן מאַקסן. דער געשמאַק פון דער ראָל ליגט אין דעם, וואָס מיר — ס'הייסט מאַקסן, קומט אויס אין גאַנג פון דער האַנדלונג פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם קרומען און טאַמעוואַטן קונילעמל, וועלכער וויל כאַסענע האָבן מיט קאַראָלינען, אָדער גאָר זיך פאַרשטעלן פאַר אַ געשפּענסט, קעדיי אָנצולערנען דעם אַקשן, דעם טאַטן פון מײַן געליבטער.

די ראָל פון קונילעמלען האָבן געשפּילט צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אַקטיאָרן, אַמאָל געלפאַנד און אַמאָל שיין. איך האָב געדאַרפט אָנעמען דעם אויסזען פון דעם קונילעמל, וואָס האָט געשפּילט אין געגעבענעם אָוונט און אים פּינקטלעך קאָפּירן. דאָ איז מיר צוניץ געקומען מײַן אַמאָליקע ליבע צו אימיטאַציע. ביכלאַל עקזיסטירט אַ מיינונג, אַז אימיטאַציע האָט קיין שום שײַכעס ניט צו אַקטיאָרישער קונסט. די אָנהענגער פון דער דאָזיקער ווערסיע מאָטיווירן דאָס דערמיט, אַז עס זײַנען פאַראַן פיל אַקטיאָרן, וועלכע באַזיצן די פייִקײַט פון אימיטירן און זײַנען ניט אימשטאַנד צו באַשאַפן אָף דער בינע עפּעס וואָס אינטערעסאַנטס. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. באַמערקן אין לעבעדיקע מענטשן עפּעס ספּעציפישעס, כאַראַקטעריסטישס, דינט אַלס גרויסער אָנשפּאַר אין דער שאַפונג פון כאַראַקטער־אַקטיאָרן. בינייאָמין זוסקין האָט פיל געשעפּט פון זײַן גלענצנדיקן אימיטאַציע־אַרסענאַל.

באַזונדערס איז מיר אינטערעסאַנט געווען די סצענע, ווען איך באַגעגן זיך מיטן עמעסן קונילעמל. איך האָב געדאַרפט, פּונקט ווי אין אַ שפּיגל, טאָן אַלץ, וואָס עס טוט דער אַקטיאָר, וועלכער פּילט אויס די ראָל פון קונילעמלען. סײַ געלפאַנד, סײַ שיין האָבן אָף יעדער ספּעקטאַקל געטאָן אומדערוואַרטע זאַכן. מ'האָט באַדאַרפט גלײַך אָף אַן אָרט, יעדער מאָל אָף אַן אַנדער אויפן איבערכאַזערן דאָס, וואָס יענער האָט געטאָן. דאָס האָט געפירט צו שאַרפע אומדערוואַרטע אימפּראָוויזאַציעס.

אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָט א גלאַנץ געטאָן מיט זײַן גרויסן טאַלאַנט אונדזער וווּנדערלעכער אַקטיאָר יודע קאַטווינטי. אַך, ווי עמעסדיק ער איז געווען אין דער־אָ ראָל! טיפער ערנסט, ניט קיין געמאַכטער גלויבן אין דער עכטקײַט פון די אומשטענדן, קינדערישע נאַיִווקײַט, דאָס אַלץ האָבן געמאַכט זײַן פּינכאַסן פאַר אַן ערלעך טראַגיקאָמיש געשטאַלט. פון הינטער די קוליסן פלעג איך נאָכשפּירן נאָך זײַן מײַסטערשאַפט. די אַרטיסטקע פּירע טעפּליצקאַיאַ אין דער ראָל פון ריווקעלען איז געווען ביז גאָר א גוטע פּאַר זײַנע.

אויסגעצייכנט איז אין דעם ספּעקטאַקל געווען ליזע קאַלינע. לוסטיקײַט, שטיפערישקײַט, דינער הומאָר האָבן באַצייכנט די ראָל פון קאַראָלינען.

געלפאַנד און שײַן האָבן מאַמעש זיך געבאָדן אין דער צענטראַלער ראָל — אין דער ראָל פון קונילעמלען. שורע באַסירעס האָט זייער געלונגען געשפּילט ליבעלען.

פיל זאַכן האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, ווי אויך אינעם ספּעקטאַקל „דאָס פּראָסטע מיידל", וואָס יאַקאָוו נאַטאַנאָוויטש ווינאַקור האָט געשטעלט.

בונטע און פאַרביקע דעקאָראַציעס האָט באַשאַפן דער יונגער קינסטלער סאַמויל גאָלד־בערג. א דערצויגלינג פונעם כאַרקאָווער ייִדישן טעאַטער, איז ער בא אונדז, אין בירא־בידזשאַן, אויסגעוואַקסן אין א באַדײַטנדיקן מײַסטער. אין אָנפאַנג פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער פרײַוויליק אַוועק אין „אָפּאָלטשעניע" און אינגיכן געפאַלן אין די שלאַכטן אונטער מאָסקווע.

דער ספּעקטאַקל „קונילעמלעך" האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. אין דער ערשטער ריי איז דאָס געווען דער דערפאָלג פונעם טאַלאַנטפולן רעזשיסער יאַקאָוו ראָזנפעלד און פון דעם אַקטיאָרישן אַנסאַמבל. דער דאָזיקער ספּעקטאַקל האָט אינעם בירא־בידזשאַנער טעאַטער זיך געהאַלטן מער פון אַלע איבעריקע — ער האָט אויסגעהאַלטן, ווי ס'איז אָנגענומען צו זאָגן, די פּרווו פון צײַט.

די בירא־בידזשאַנער טוישווים האָבן צו עטלעכע מאָל געקוקט דעם ספּעקטאַקל. איך געדענק, אַז אַף „קונילעמלעך" פלעגט שטענדיק קומען און פאַרנעמען אַן אָרט אין דער ערשטער ריי דער אַלטער ליבהאָבער פון אונדזער טעאַטער, דער שנײַדער פּוניאַנסקי. איינ־מאָל האָב איך אים א פרעג געטאָן: „כאַווער פּוניאַנסקי, איר האָט ניט דורכגעלאָזט, ווי מיר איז באַוווּסט, קיין איין ספּעקטאַקל, שוין זשע איז אײַך ניט נימעס געוואָרן?" דערויף האָט ער מיר געענטפערט מיט א שמייכל: „איר פאַרשטייט, מײַנע טײַערע, דער ספּעקטאַקל גייט יעדעס מאָל אַלץ ערגער און ערגער, איז מיר פּאַשעט ציקאַווע צו וויסן, צו וואָס וועט איר דערגיין..."

„מאָלצײַט"

אין אָנהייב 1939 יאָר איז צו אונדז געקומען מאַרק אַראָנאָוויטש רובינשטיין, קעדיי אוועקשטעלן פּערעץ מאַרקישעס „מאָלצײַט".

די טעמע פון דער פּיעסע איז דער בירגערקריג.

א קליין שטעטל אַף אוקראַיִנע. די האַנדלונג קומט פאָר אין די יאָרן אַכצן־נײַנצן. איבערן שטעטל העננט די געפאַר פון א פּאָגראָם. הינטער דער שטאָט שטייט א באַנדע, וועלכע קאָן פון מינוט צו מינוט זיך אַרײַנרײַסן אין שטעטל און אויסשעכטן אַלע ייִדן. די אונטערערדישע באָלשעוויסטישע גרופּע אָרגאַניזירט א פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. ער איז אָבער דערוויַל קליין אין דער צאָל, ער זאָל קאָנען אַרויסטרעטן קעגן דער באַנדע, דעריבער וואַרט מען אַף הילף פון דעם באָגונער פּאָלק, וואָס אָפּעריִרט ערגעץ דאָ ניט ווײַט. צום אָטריאַד פּאַריייניקט זיך א גרופּע פון זעלבשוץ. אין שטאָט פאַרבלײַבן עטלעכע כאַווײרים, וואָס האַלטן א פאַרבינדונג מיטן אָטריאַד. די געפאַר איבערן שטעטל וואַקסט פון מינוט צו מינוט. נאָר אָט קומט אָן א ידיִע פונעם אָטריאַד, אַז באַנאַכט וועט ער אַרײַן אין שטאָט. עס ווערט געבוירן א פּלאַן — אײַנלאַדן די באַנדיטן אין שטעטל צו א מאָלצײַט, אַף וועלכן עס וועלן דערלאַנגט ווערן די בעסטע געטראַנקען און פאַרבײַסעכצן, דאָס וועט אָפּוענדן די אויפמערקזאַמקײַט פון דער באַנדע, און עס וועט אויסגעשפּילט ווערן א געוויסע צײַט. נאָר קיינער וויל ניט אײַנשטעלן דאָס לעבן און גיין אײַנלאַדן די באַנדע אַפן מאָלצײַט. די דאָזיקע מיסיע נעמט אַף זיך מענדל, דער פאָטער פונעם באָלשעוויק עזרע — איינעם פון די אָנפירער פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

דער אַטאַמאַן פאָדערט, אַז אַפן מאָלצײַט זאָל מען אים ברענגען ייִדישע מיידלעך, אויב ניט, וועט ער פאַרניכטן אַלע ייִדן. די באַנדיטן יאָגן זיך באַזונדערס נאָך בליומקען. אירע

עלטערן באַהאַלטן זי אויס. קעדיי איבערצײַגן בליומעס טאַטע־מאַמע, אַז מיט זייער טאָכטער וועט קיין שלעכטס ניט געשען, דערקלערט מענדל, אַז בליומע איז זײַן עזרעס קאַלע. מענדל מיטן מיידל גייען אוועק אַפֿן בלוטיקן מאַלצײַט. בליומעס טאַטע קאָנאַריק גיט זײַן טאָכטער נאַדן, ווי ער דריקט זיך אויס, זײַן שוסטער־מעסער. מענדל פֿירט זיך העלדיש אַף דעם דאָזיקן מאַלצײַט און פֿאַלט אַ קאָרבן. בליומע לאָזט זיך אין אַ ווילדן טאַנץ, און ווען דער אַטאַמאַן נעמט צושטיין צו איר, הארגעט זי אים מיטן מעסער — מיטן טאַטנס „נאַדן". די באַנדיטן באַווײַזן ניט זי אומברענגען.

אזא איז דער קורצער אינהאַלט פֿון מאַרקישעס פּיעסע. די טעמע בירגערקריג איז פֿאַר דער ייִדישער בינע געווען ניט נײַ, נאָר קיין איינע פֿון די פֿריִער געשטעלטע פּיעסן איז ניט געווען אַזוי מאָנומענטאַל, אַזוי פֿאַרענדיקט. דאָס איז אַ ווערק פֿון אַ גרויסן דיכטער.

איך נעם זיך ניט אונטער מאַכן אַן אַנאַליז פֿון פּערעץ מאַרקישעס שאַפֿן, נאָר איך האָב שטענדיק מיט גרויס פֿאַרגעניגן געלייענט אַף דער עסטראַדע זײַנע לידער, וואָס האָבן מיר פֿאַרשאַפֿן עסטעטישן געניוס. שפּילן אין מאַרקישעס פּיעסן איז פֿאַר מיר אַן עמעסע פֿרייד.

עס איז פֿאַראַן אויסגעצייכנטע דיכטונג, נאָר פֿאַר דער בינע, טרעפֿט אָפֿט, איז זי ניט צוגעפּאַסט. מאַרקיש איז געווען ניט נאָר קיין גרויסער דיכטער, נאָר אויך אַ גרויסער דראַ־מאַטורג.

אַלע סאָוועטישע אַקטיאָרן זײַנען געווען פֿאַרליבט אין אים. מיר האָבן שטענדיק געוואַרט אַף מאַרקישעס אַ נײַער פּיעסע, פּונקט ווי מיר האָבן געוואַרט אַף זײַנע לידער און פּאָעמעס. אין יענער צײַט איז זײַן דראַמאַטורגיע געווען באַוווּסט ניט נאָר דעם ייִדישן טעאַטער. זײַנע פּיעסן זײַנען דעמלט געגאַנגען אינעם געוועזענעם קאַרש־טעאַטער און אין טעאַטער אָפּן נאָמען פֿון וואַכטאַנגאָוו.

די פּיעסן „ניט געדײַגעט", „די מישפּאָכע אָוואַדיס", „מאַלצײַט", „דער אופֿשטאַנד אין געטאָ", „קאַלנידרע" האָבן באַשײַנט דעם רעפּערטואַר פֿון אַלע ייִדישע טעאַטערן. אין די דאָזיקע פּיעסן האָבן געשאַפֿן גשטאַלטן אַזעלכע קאָריפֿייען פֿונעם רוסישן טעאַטער, ווי בליומענטאַל־טאַמאַרין, מעזשינסקי, וואָלאַדיסלאַווסקי, פּעטקער, מאַנסוראָווא, טאַלטשאַנאָוו.

מאַרקיש האָט זייער בילדעריש געלייענט, אויסדריקלעך געשפּילט אַלע ראָלן. ער האָט געלייענט עמאָציאָנעל און מיט טעמפּעראַמענט — אַפּילע שוין מיט צופֿיל טעמפּעראַמענט. איייניקע רעגנדיקע סצענעס האָט ער מאַמעש אויסגעשריגן, אײַנרײַסנדיק זיך די שטים. איינמאָל בין איך בײַגעווען אין גאַסט, ווען ער האָט געלייענט „ניט געדײַגעט". געלייענט האָט ער גוט, נאָר הייזעריקלעך. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעמישט עטלעכע זײַטלעך, זיי דורכגעלאָזט און גענומען לייענען ווײַטער. מיכאָעלס, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַרוואָס האָסטו דורכגעלאָזט די זײַטלעך?

— דאָ קען איך ניט לייענען, דאָ דאַרף איך שרײַען, — האָט מאַרקיש ערנסט געענטפֿערט.

אַלע ווייסן, ווי אויסגעצייכנט מאַרקיש האָט געלייענט זײַנע לידער, מיט וואָס פֿאַר אַ טעמפּעראַמענט און מיט וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט. נאָר ווייניק ווער ווייסט, ווי מײַסטעריש ער האָט אויסגעפֿילט די ראָלן פֿון זײַנע פּיעסן. ער וואָלט געקאָנט זײַן אַן ערשטקלאַסיקער אַקטיאָר. דערבײַ האָט ער שטאַרק ליב געהאַט די אַקטיאָרישע און רעזשיסערישע פּראָפֿעסיעס.

ווען איך האָב אין 1947 יאָר געאַרבעט אין גאָסעט, האָט מאַרקיש זייער געוואָלט, אַז איך זאָל אָנטיילנעמען אין ספּעקטאַקל „דער אופֿשטאַנד אין געטאָ" — שפּילן די ראָל פֿון הירש גליקן. ער האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים, פֿאַרמאַכט זיך מיט מיר אין זײַן געמיטלעכן קאַבינעט און גענומען אויסמאָלן, וויאַזוי ער שטעלט זיך פֿאָר, וויאַזוי ער זעט גליקן. דערנאָך האָט ער געלייענט גליקס מאָנאָלאָג, ניט נאָר געלייענט, נאָר געשפּילט מיט מיזאַנסצענעס, מיט רעקוויזיט. ער האָט אַפּילע אָנגעטאָן אַ ספּעציעל היטל. סאַראַ פּרעכטיקער־הירש גליק דאָס איז געווען! סאַראַ איבערצײַגעוודיקער און עמעסדיקער, און ניט נאָר אין די מאָנאָלאָגן, נאָר אויך אין די פּאַוזעס. ער איז אין איייניקע מאָמענטן בלאַס געוואָרן, אין אַנדערע זיך גערויטלט. מאַרקיש האָט פֿאַרמאָגט וווּנדערלעכע אַקטיאָרישע פֿײַיקײַטן — ער האָט געהאַט אַ גלענצנדיקע פֿיגור, אַ שיין און אויסדריקלעך פּאָנעם, אַ שעוועליורע פֿון אַ קינסטלער, אַ שיין און קלינגעוודיק קאָל, און כוץ אַלעמען — אַ ווולקאַנישן טעמפּעראַמענט.

איך בין געזעסן מיט אים אין קאַבינעט און זיך געוווּנדערט — איבעראַשט געווען פֿון זײַן אַקטיאָרישער באַגאַבונג.

די אַרבעט איבער דער פּיעסע „מאַלצײַט" איז פֿאַרן טעאַטער פֿון דער ייִדישער אווטאָ־נאָמער געגנט געוואָרן אַ פּראָגראַם־אַרבעט. מאַרק אַראָנאָוויטש רובינשטיין, אַ פֿאַרליבטער אין דער פּיעסע, האָט געאַרבעט מיט גרויס ענטוזיאַזם. ער האָט זיך בעשום־אויפֿן ניט

געקאַנט אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן און אײַנגעשלאָסן אינעם ספּעקטאַקל די ראָל פון א פאַר־לײענער, וואָס האָט רעציטירט מאַרקישעס לידער. דאָס האָט צוגעגעבן דעם ספּעקטאַקל א באַזונדערע פּאַטעטישקייט.

— א טרומייט אין דער ברייט, א טרומייט אין דער ווײַט,
מיט א רויטער, א רײַטער־אַרמיי גייט די פרײַהײַט.
— און אַרויס פון א שטאָט, אין א צווייטער אַרײַן,
— ס׳וועט ניט קלעקן קיין וועג, און קיין שטעג וועט ניט זײַן.

מאַרקישעס לידער זײַנען געוואָרן, קאָן מען זאָגן, דער קאַמערטאָן פונעם גאַנצן ספּעק־טאַקל, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין א ראָמאַנטישן נוסעך. אָבער די גאַנצע דערהויבנקייט האָט זיך באַזירט אַפן פונדאַמענט פון אָרגאַנישן לעבן פונעם אַקטיאָר אַף דער בינע.

פּונקט ווי אינעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן אַרבעט, אַזוי אויך איצט איז מאַרק אַראָנאָ־וויטש געווען אומראַכמאָנעסדיק אין זײַנע פאָדערונגען. ער פלעגט שפּאַסן: „איך דאַרף צום אַלעם ערשטן אָפּקאָכן דאָס פלייש, גאַרניר וועל איך דערנאָך שוין צוגעבן...״

דאָס מאָל זײַנען שוין ניט געווען קיין שפּאַרענישן, קיין דיסקוסיעס — מיר זײַנען געווען שעפעריש מיטדענקער. און דאָך איז בא מיר פערזענלעך אין אָנפאַנג די אַרבעט געגאַנגען מיט גרויסע שוועריקײַטן.

די ראָלן זײַנען אַזוי צעטיילט געוואָרן, אַז איך בין געבליבן איבעראַשט. איך האָב זיך זעלבסט „געזען״ אין פאַרשיידענע ראָלן, נאָר גראָד ניט אין דער, וועלכע איך האָב באַקו־מען. מיר איז אויסגעפאַלן צו שפּילן דעם אַטאַמאַן. איך האָב אַפילע זיך ניט געקענט פאָר־שטעלן, וויאַזוי וועט עס זײַן. איך, א יונגער (כ׳בין דעמלט אַלט געווען 25 יאָר), א דאַרער, א מיניאַטיורער, וועל דאַרפן שטיין אין דער שפּיץ פון א גרויסער באַנדע באַנדיטן, וואָס וואַרפט אָן א שרעק אַף פיל שטעט פון אוקראַיִנע. ווי איך זאָל זיך ניט אָנבלאָזן, וועלכע קליידער איך זאָל ניט אָנטאָן אַף זיך, וועל איך ניט קאָנען זײַן וואַרהאַפטיק, זײַן דער שרעקלעכער אַטאַמאַן, פאַר וועמענס בליק עס ציטערן די באַנדיטן.

איך האָב אײַנגערעדט רובינשטיינען, אַז דאָס איז א גרויסער טאָעס, א מיספאַרשטיי־עניש, אַז דעם אַטאַמאַן קאָן שפּילן א באַליביקער, אָבער ניט איך. מאַרק אַראָנאָוויטש האָט אָבער רויִק מיר געענטפערט: „די דאַזיקע ראָל וועט זײַן איינע פון אײַערע בעסטע ראָלן...״ וואָס איז דאָס, — האָב איך זיך ניט געקאָנט באַרויִקן, — מע לאַכט פון מיר, צי מע איזדיעקער־וועט זיך? צי עפּשער איז דאָס א שפּיצל אַף צו דורכוואַלגערן מיך?

אַף די רעפּעטיציעס האָב איך זיך געסטאַרעט אַרויסברענגען דעם טעקסט סאָליד, גע־פּרווט צעשפּרייטן די אַקסל... ס׳האָט זיך אָבער גאָרניט באַקומען. איך האָב זיך בלויז אָנגע־שטרענגט, געקרימט זיך — קיינער האָט פאַר מיר קיין מוירע ניט געהאַט. איך האָב געזען אין די אויגן פון מײַנע פּאַרטניאָרן א שמייכעלע. א לאַנגע צײַט האָט זיך געצויגן מײַן מוטשעניש. כ׳האָב אָפּיציִעל זיך געווענדט צו רובינשטיינען, ער זאָל מיך באַפרײַען פון דער ראָל. און ער האָט אַלץ רויִק געשמייכלט: „וואַרט צו א קאַפּל, איך ערגער זיך פאַר אײַך ניט״.

איינמאָל האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט א ביטע, אַז איך זאָל אים אײַנלאַדן צו זיך אַהיים. איך האָב דאָס געטאָן מיט פאַרגעניגן. ער איז געקומען פאַרנאַכטלעך, געבעטן, מע זאָל אָנצינדן בלויז דעם טיש־לאָמפּ. ער האָט אַראָפּגענומען דעם פּידזשאַק, געבליבן נאָר אין העמד און מיך געבעטן איבערלייענען דעם מאָנאָלאָג וועגן די אָנגעוואָרענע קלויסטערס, רײַכטימער און ווײַנגערטנער, וועלכע די רעוואָליוציע האָט בא מיר צוגענומען. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל פאַרגעסן אַפן גאַנצן לעבן, אַז איך שפּיל אַן אַטאַמאַן. „שרעקט קיינעם ניט, שפּילט ניט קיין סוינע. שפּילט א גוטן, א האַרציקן מענטשן, וועלכער לעבט איבער א גרויסע טראַגעדיע, בא וועלכן מע האָט צוגענומען אַלץ אין לעבן. בא אים איז גאָרנישט ניט פאַרבליבן. ער איז א קאָרבן פון רויב און גוואַלדטאַט! איך וויל, יויסעף, אַז איר זאָלט זיך צעוויינען מיט אײַערע אייגענע טרערן״...

ער האָט מיך געצוווּנגען פיל מאָל איבערכאַזערן דעם מאָנאָלאָג, געפאָדערט אַלץ אַבסאָ־ליוטע אופריכטיקײַט, טיפע, אופטרייסלענדיקע איבערלעבונגען.

„איר, יויסעף, האָט פאַרלוירן אַלעמען, אײַערע ליבע, אייגענע, פאַר אײַערע אויגן האָט מען צעשאָסן אַלע אײַערע נאָענטע״.

ער האָט מיר אונטערגעזאָגט פאַרשיידענעם אונטערטעקסט, און איך האָב פאַרגעסן אין אַטאַמאַן, אין זײַנע אַכזאָריעס. איך האָב דערפילט, אַז מע האָט אַלץ בא מיר צוגענומען, און איך האָב זיך באַוואַשן מיט טרערן, געפאָדערט בא די פּאַרטניאָרן, אַז מע זאָל מיר אַלץ, אַלץ אומקערן. סאָפּקאָלסאָף, דערפירט ביז צו פאַרצווייפלונג, האָב איך זיך אַרופגעוואָרפן אַף

רובינשטיינען און מיט א שווידערלעכער שפּעטשערײַ- היסטעריש גענומען פּאָדערן, ער זאָל מיר אומקערן אַלץ...

מאַרק אַראָנאָוויטש האָט אַ בלאַסער אפגיך אַנגעצונדן אין צימער די שײַן, און ווי אַ פּראָפעסאָר נאָך אַ געלונגענער אָפּעראַציע געזאָגט: „נו, איצט וועט די ראָל אָוועקגיין". און זי איז ווירקלעך אַוועקגעגאַנגען. מיר איז געוואָרן גרינג, איך האָב זיך ניט געבלאָזן, ניט געסטאַרעט זיך אויסזען סאָליד. איך האָב זיך אויפגעהערט צו שעמען מיט מײַן יאַדישלעוואַטן אויסזען. איך בין אינערלעך געוואָרן איבערגעפּולט, און ניט געדאַרפט טראַכטן וועגן דעם קאַל — איצט איז דאָס מיר ניט אָנגעגאַנגען. יעדער רעפּליק פון פּאַרטניאָר, יעדער באַרירונג האָט מיך טיף פּאַרוווּנדעט, און איך בין אימשטאַנד געווען טאָן אַלץ, און די פּאַרטניאָרן האָבן דאָס דערפילט. נאָר דאָס איז נאָך קאַרג. רובינשטיין האָט געפאָדערט פון אַלעמען, אַז זיי זאָלן „שפּילן" דעם אַטאַמאַן. ער האָט געטײַנעט: „דער קייסער האָט אַליין ניט געשפּילט קיין קייסער, אים האָט געמאַכט פּאַר קייסער די אַרומרינגלונג, אַן אַטאַמאַן איז אַ קייסער. שפּילט דעם קייסער". און אַלע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט באַנדיטן, אַלע, וואָס האָבן מיך, דעם אַטאַמאַן, אַרומגערינגלט, זײַנען זייער פּאַזיכטיק צוגעגאַנגען צו מיר, זייער פּאָרזיכטיק גערעדט צו מיר. ווי נאָר איך האָב אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ, זײַנען אַלע שווײַגנדיק אָפּגעשטאַנען פון די ערטער. מיר איז געוואָרן גרינג, איך האָב גענומען גלייבן אין די אומויסשעפּלעכע קויכעס פונעם הערשער. דעריבער האָב איך זיך געקאָנט דערלויבן ריידן שטיל, קיינעם ניט שרעקן. דערפון האָט זיך גענומען די איבערצײַגעוודיקײַט, די עכטקײַט.

די ראָל פונעם אַטאַמאַן איז געוואָרן מײַן באַליבטע ראָל. די דאָזיקע אַרבעט מײַנע האָט באַקומען אַ הויכע אָפּשאַצונג אין דער טעאַטראַלער פּרעסע, בײַ די צושויער, בײַ דער טרופּע.

אין דעם ספּעקטאַקל זײַנען געווען אַ סאַך אַקטיאָרישע דערפאָלגן.

די ראָל פון בלײַומקען אין דער אויספילונג פון מאַניע קאַרלאָס האָט דורכגעקלונגען מיט עמעסער טראַגישער קראַפט. אַן עכט דראַמאַטיש געשטאַלט האָט געשאַפן נאַום קויפמאַן אין דער ראָל פון קאַנאַריקן. אַ ליכטיק געשטאַלט פון אַ קלוגן פּאַלקסמענטש האָט אויסגעפורעמט דער אַרטיסט אַבראַמאָוויטש אין דער ראָל פון מענדלען. אַלע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ קערנדל, עפּעס אַן אייגנס, וואָס האָט באַ־פּרוכפּערט, באַשיינט און באַלויכטן די ראָמאַנטישע אַטמאָספער פון מאַרקישעס ווערק.

„בלאָנדזנדע שטערן"

ווער פון אונדז האָט קינדווײַז ניט געלייענט דאָס דאָזיקע ראָמאַנטישע ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען? בײַ וועמען האָט זיך ניט געשטעלט קיין טרער אין האַלדז, מיטפילנדיק ראַפּאַ־לעסקאָן און ראָזע ספּיוואַק? ווער איז ניט פּאַרכאַפּט געוואָרן פון דער וווּנדער־וועלט, וואָס הייסט טעאַטער, וועלכן שאָלעם־אַלייכעם האָט באַשריבן אין אָט דעם ראָמאַן?

אַף אייביק איז פּאַרבליבן אין זיקאָרן די באַשרײַבונג פון דעם בעסאַראַבישן שטעטל: אַף די דעכער פון די אָרעמע שטיבלעך נעמען זיך אָן מיט זון די קירבעסן און די דיניעס. די היץ איז צעגאָסן איבער אַלץ און אַלעמען. אַפילו די טויבן האָבן זיך פּאַרטײַעט ערגעץ אין אַ שאָטן, און נאָר די מענטשן, די אײַנוווינער פון האַלענעשטי לויפן, האָווען — עפּעס אַ קלייניקײַט: אַ טעאַטער, אַ ייִדישער טעאַטער איז געקומען! דאָס שטעטל זידט און קאָכט. באַזונדערס זײַנען צעטומלט די קינדער, די וווּנדערלעכע שאָלעם־אַלייכעמישע קינדער. די צאַרטע קינדערישע נעשאָמעס, וואָס זײַנען שטענדיק פּילבאַר צו נײַס און שיינקײַט, זײַנען אינגאַנצן פּאַרכאַפּט מיטן טעאַטער. ער האָט זיי פולשטענדיק געפאַנגען און פּאַרקישעפט. „דו ווייסט ניט, ווי שטאַרק עס ציט צו זיך דער טעאַטער... ווי אַ מאַגנעט ציט ער, אַז דער רועך זאָל אים נעמען..." — דערציילט האַצמאַך לייבל ראַפּאַלאָוויטשן. און אומגעריכט פּאַר האַמצאַכן שרײַט אויס דאָס ייִנגל: „פּונקט דאָס זעלבע קומט פּאַר מיט מיר..."

דאָס גאַנצע לעבן האָב איך ליב געהאַט דאָס דאָזיקע ווערק. איך געדענק, ווי איך האָב זיך באַוואַשן מיט טרערן, הערנדיק, ווי דער טאַטע מײַנער לייענט אַף אַ קאָל דעם ראָמאַן. און פּאַרשטייט זיך, אַז שוין זײַענדיק אַן אַקטיאָר, האָב איך געטרוימט וועגן דער ראָל פון ראַפּאַלעסקאָן.

נאַטירלעך, וואָס איך האָב זיך דערפרייט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז צום פינפטן יובילײַ פונעם בירָאָבידזשאַנער טעאַטער וועט געשטעלט ווערן „בלאָנדזנדע שטערן".

אַף פּאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל איז אײַנגעלאַדן געוואָרן סאַמויל אַקימאָוויטש מאַרגאָלין, אַ מענטש, וואָס איז מאַמעש פּאַנטאַסטיש פּאַרליבט אין שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן.

צו מאַרגאַלינען פּאַסט זיך דאָס ווערטל — אַ מענטש אָן אַ גאַל. דאַכט זיך, אַז ער האָט געלעבט בלויז צוליב דעם, קעדיי טאָן גוסט עמעצן. זײַן לעבן אין דער קונסט איז געווען קאָמפּליצירט און ביז גאָר שווער. ער איז געווען אָן אָנגעזעענער טעאַטראַלער קריטיקער, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אױף אַלע וויכטיקע געשעענישן פונעם טעאַטראַלן לעבן.

אַ שילער פון דער וואַכטאַנגאָוו־שול, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן הייס פּראָפּאַגאַנדירט די פּרינציפּן פון זײַן לערער. ער איז געווען אָן אָנגעזעענער רעזשיסער פון אַ ריי מאָסקווער טעאַטערן. פיל טאַלאַנט און קויכעס האָט ער אָפּגעגעבן דעם מאָסקווער טעאַטער פון מגספּס. אַ סאַך ספּעקטאַקלען געשטעלט אין טעאַטער פון מאָססאָוועט, מיט וועלכן עס פירט אָן יורי אַלעקסאַנדראָוויטש זאַוואַדסקי. סאַמויל אַקימאָוויטש איז געווען אַ טאַלאַנטפולער פּעדאַגאָג. אין דעם האָב איך זיך נאָך מער איבערצײַגט אַרבעטנדיק מיט אים איבער די „בלאָנדזנדע שטערן". סאַראַ אינטערעסאַנטע רעפּעטיציעס דאָס זײַנען געווען! ווי בילדעריש און באַגײַסטערט ער האָט אויסגעטײַטשט דאָס דאַזיקע ווערק! ער פלעגט אַזוי אַרײַן אין אַזאַרט, אַז ער האָט געגנומען שרײַען, לויפן איבערן זאַל, לאַכן. ווען אַ זײַטיקער מענטש וואָלט דאָס צוגעקוקט, וואָלט ער זיכער באַשלאָסן, אַז ער זעט פאַר זיך ניט קיין נאָרמאַלן מענטשן. מאַרגאַלין האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער היפּערבאַלע. אויב אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַקטיאָר דאַרף האָבן אַ קישן, האָט ער געשריגן: „גיט דעם אַרטיסט הונדערט, טויזנט קישנס!" אויב אָן אַקטיאָר האָט באַפרידיקנדיק אָפּגעשפּילט אַ סצענע, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָנ־לויבן: „בראַוואָ, געני׳אַלי!" אויב, פאַרקערט — דער אַקטיאָר האָט אַ ביסל שוואַכער אויסגעפּילט די פאַרגעבונג, האָט ער געגוואַלדעוועט: „טאַלאַנטלאָז!"... אַ פאַרליבטער אין טעאַטער, איז סאַמויל אַקימאָוויטש אַליין ענלעך געווען אױף האַצמאַכן, אױף שטשופּאַקן, אױף מוראַווטשיקן און אױף ראַפאַלעסקאָן.

פון מײַן פיליאַריקער אַקטיאָרישער טעטיקײַט דערמאָן איך די צײַט, ווען מיר האָבן געאַרבעט איבער די „בלאָנדזנדע שטערן", ווי וועגן אַ גליקלעכן פּעריאָד פון מײַן שעפערישן וועג. איך בין בוכשטעבלעך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַטמאָספער פונעם שאָלעם־אַלייכעם־טעאַטער. איך בין בייס דער אַרבעט אַזוי אַרײַנגעדרונגען אין די אומשטענדן פונעם ספּעקטאַקל, אַז איך פלעג פאַרגעסן, צי איך שפּיל ראַפאַלעסקאָן. אַלע איבערלעבונגען פון מײַן העלד זײַנען געוואָרן מײַנע פערזענלעכע איבערלעבונגען. אַלע זײַנע פרײדן און ליידן זײַנען געווען מײַנע.

אָט הייב איך אײַליק זיך אױף אױף די טרעפּ, שטעל זיך אין אַ פּאָזע און נעם לייענען דעם מאָנאָלאָג פון מוישען. אין אָנהייב לייען איך שטיל, פאַמעלעכן און ניט זיכער, נאָר ביסלעכ־ווײַז נעמט קלינגען מײַן קאָל אַלץ העכער און העכער. אָט הייבט זיך אויף מײַן האַנט, זי דראָעט דעם פאַראַאָן און, ווי עס האָט שפּעטער געשריבן דער קריטיקער אַראַנאָוו וועגן דער דאָזיקער סצענע, „אין די אויגן בלענדן בייזע פײַערלעך, די נאָזלעכער בלאָזן זיך פאַנאַנדער, די שטים קלינגט אופגערעגט, און מיר נעמען שפּירן, אַז אין דעם דאָזיקן יידישן ייִנגל איז פאַרבאָרגן גרויסע אַרטיסטישע באַגאַבונג".

און רייזל! סאַראַ כיינעוודיק קינדער־געשטאַלט האָט אָנגעמאָלט קאַרלאָס! אַ דאַר יונג מיידעלע, אַ לעבעדיקס, ווי קוועקזילבער, אונטערשיידט זי זיך שטאַרק פונעם פּאַרטרוימטן און שרעקעוודיקן לייבלען, נאָרביידע זײַנען זיי פּאָעטיש־טרוימעריש און טאַלאַנטפול, און ביידע זײַנען זיי פאַרליבט אין טעאַטער און איינער אינעם צווייטן. די דאָזיקע צוויי געשטאַלטן העלשן אינעם ערשטן אַקט פונעם ספּעקטאַקל, און אַרום זיי אָן אַ שיר שאָלעם־אַלייכעמס העלדן. דאָ געפינט זיך דער אויסגעדאַרטער, דער צאַרטער און לירישער, קרענקלעכער און שאַרפזיניקער האָצמאַך (אים האָט געשפּילט גאַלפּאַנד); דער לעבנסלוסטיקער, עקספּאַנסיווער שאָלעם־מײער מוראַווטשיק, וואָס שטייט קיין מינוט ניט אױף קיין אָרט (קאָטוינטי), און זײַן העסלעכער און אָפּשטויסנדיקער „פּרינציפּאַל" — דער דירעקטאָר פון דער ייִדישער טרופּע אַלבערט שטשופּאַק (אַבראַמאָוויטש); די ענערגישע, ליבנדיקע מאַמע פון רייזעלע ספּיוואַק (פרידמאַן); דער ווילנסלאָזער פּאָטער אירער — דער כאַזן ייִסראָעל (שטיינמאַך). דער גלענצנדיקער אַנסאַמבל, וואָס האָט פּילבאַר אויסגעדריקט דעם לירישן און ווייכן טאָן פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר, האָט צוגעגעבן דעם ערשטן אַקט מאַמעש אַ קאָנצערט־כאַראַקטער. ווען אַלע אַקטן זאָלן געווען זײַן אַזוי ווי דער ערשטער, וואָלט דאָס געווען אָן אויסערגעוויינ־לעכע דערשײַנונג, נאָר צום באַדויערן, איז דאָס ניט געשען. פּונקט ווי אין אָנהייב איז די אַרבעט פונעם רעזשיסער דין און דורכדרינגלעך; פּונקט ווי אין אָנהייב זײַנען די ווייכע דעקאָראַציעס פונעם מאָלער ראַביטשעוו; האַרציק און ליריש־וואַרעם איז די מוזיק פון מיל־נערן; פּונקט ווי פריִער ווייעט פון דער בינע מיטן אַראָמאַט פון שאָלעם־אַלייכעמס שעדעווער, נאָר... נאָר די אָנשטרענגונג פון דאָבּרושינען, דעם אויטאָר פון דער אינסצעניִרונג, אַרײַנלייגן

אין איין ספעקטאקל אלע גויראָלעס פון די פילצאָליקע העלדן, דעם גאנצן קאַליידאָסקאָפּ פון די אומענדלעכע געשעענישן, די האנדלונג פון וועלכע עס קומט פאָר אין פיל לענדער, איז געווען פארמישפּעט אַף א דורכפאל. דערבײַ האָט קימאט יעדערער פון די אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאקל, וואָס איז פארליבט געווען אין זײַן ראָל, ארײַנגעבראכט צוגאָב־פראגמענטן פונעם ראָמאן — סצענעס, מאָנאָלאָגן און זיך דערשלאָגן בא מארגאָלינען, זיי זאָלן אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער פּיעסע, און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז דער ספּעקטאקל זאָל צעצויגן ווערן און פארלירן די שארפע סוזשעט־קאנווע. דער צווייטער און דריטער אקט זײַנען געווען צעצויגן. עמעס, אויך דאָ זײַנען געווען ביז גאָר רירנדיקע סצענעס — די וווּנדערלעכע געזעגענונגס־סצענע פון ראפאלעסקאָן מיט האָצמאכן, דער טראגישער עפּיזאָד, וואָס קומט פאָר אין שטענדיק נעפּלדיקן לאָנדאָן, דער עפּיזאָד, ווען לייב ראפאלאָוויטש, וועלכער איז שוין געוואָרן א בארימטער אקטיאָר, נאָר איז געבליבן פּונקט, ווי אין דער קינדהײַט, ליריש־צארט, פאָרט צוליב א באגעגעניש מיט רייזלען קיין אמעריקע.

אָט ליגט אפן דיוואן דער שטארבנדיקער האָצמאך, מיט אומענדלעכן טרויער קוקט ער אַף מיר, אַף ראפאלעסקאָן. איך לאָז אראָפּ דעם קאָפּ. ווייטעקלעך־שווער איז פארלאָזן דעם קראנקן פרײַנט. איך פיל זיך שולדיק און אײַל זיך וואָס גיכער פארלאָזן דעם קראנקן.

„אדיע, בענגארד"... אַף איין מינוט בלײַבט ליגן מײַן האנט אַף דער האנט פון האָצמאכן. און פון הינטער דעם פאָרהענגל שפּירט נאָך דער דאָזיקער סצענע די פּראָווינציעלע, שעמעוודיקע זלאטקע, האָצמאכס שוועסטער, וואָס איז מיט איר ריינער נעשאָמע פארליבט אין ראפאלעסקאָן.

מיר, דעם ארטיסט, וואָס האָט אין יענער צײַט געשפּילט אקאָסטאן, איז באזונדער אינטערעסאנט געווען די סצענעס פון „אוריעל אקאָסטא", וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן געווען אין די „בלאָנדזנדע שטערן" — דאָס איז אקאָסטאס מאָנאָלאָג, נאָך וועלכן ראפאלעסקאָ האָט א גוואלדיקן דערפאָלג, און א צווייטער עפּיזאָד, אין וועלכן ראפאלעסקאָ פאלט דורך.ביידע סצענעס זײַנען געווען ביז גאָר קאָמפּליצירט. דער דערפאָלגרײַכער מאָנאָלאָג האָט געדארפט געשפּילט ווערן אַף אזא ניוואָ, אז דאָס זאָל אנטשפּרעכן דער גרויסער באגאבונג פונעם בארימטן טראגישן אקטיאָר לעאָ ראפאלעסקאָ. די בעסטע לוין איז פאר מיר געווען די רוישיקע אפּלאָדיסמענטן פונעם צושויער־זאל. זייער געלונגען איז אויך געווען געמאכט די סצענע, ווען ראפאלעסקאָ פאלט דורך.

אפילע אין די צעצויגענע אקטן זײַנען געווען זייער געלונגענע פּערסאָנאזשן. מיט גרויס מײַסטערשאפט און טאלאנט האָט געשפּילט ליע קאָלינע די ראָל פון דער טאלאנטלאָזער, פּוסטער שיינהײַט און פּרימאדאָנע גענריעטא שוואלב. זייער וואָרהאפטיק זײַנען געווען אירע ברידער איסאק און ניסן שוואלב.

דער ספּעקטאקל האָט געהאלטן באם פארענדיקן זיך. סאָפּקאָלסאָף האָבן די בלאָנדזנדע שטערן זיך באגעגנט. „שפּעט, שפּעט האָבן זיך באגעגנט די בלאָנדזנדע שטערן", — זאָגט טרויעריק ראָזע ספּיוואק.

„צו שפּעט", — ענטפערט ראפאלעסקאָ...

דער טאָג האָט שוין לאנג זיך אויסגעלאָשן. די זון איז פארגאנגען. אפן הימל האָבן זיך אָנגעצונדן שטערן... ס'האָט זיך באוויזן די לעוואָנע... און אונדזערע יונגע העלדן לייבל ראפאלאָוויטש און רייזל ספּיוואק, זײַנען נאָך אלץ געזעסן און גערעדט. זיי האָבן זיך דערמאָנט אין האָלענעשטע, אינעם יידישן טעאטער, אין „גאָטס גאס", דערמאָנט זיך אין דער סרייפע, אין די בלאָנדזנדיקע שטערן.

„בלאָנדזנדע שטערן" האָט געהאט גרויס דערפאָלג. מיר האָבן אים געשפּילט אין פארשיידענע שטעט פון ראטנפארבאנד. אין ביראָבידזשאן געדענקט מען די „בלאָנדזנדע שטערן". איצט, אין דרײַסיק יאָר ארום, ווען איך בין געקומען אהער אַף גאסטראָלן, האָבן מיך באגעגנט אלטע טוישווים און מיר דערמאָנט באזונדערע סצענעס פון „בלאָנדזנדע שטערן". איינע א פרוי האָט מיך אָפּגעשטעלט אַף דער גאס און מיר געזאָגט: „איך האָב געלערנט אין פערטן קלאס, ווען כ'בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין טעאטער. דער ערשטער ספּעקטאקל, וואָס איך האָב געזען אין מײַן לעבן, איז געווען „בלאָנדזנדע שטערן". פון דעמלט אָן בין איך פארליבט אין אײַער ראפאלעסקאָן"...

איך וועל ניט לייקענען, די ווערטער אירע האָבן מיך זייער גערירט.

זײַן איינציקע פּיעסע האָט עמאנויל קאזאקעוויטש איבערגעגעבן אונדזער טעאטער. דאָס איז געווען א קאָמעדיע, און געהייסן האָט זי „מילך און האָניק". דער דאָזיקער מאטעריאל

האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם טעאַטער באַשאַפן אַ ווונדערלעכע קאָמעדיע וועגן בירא־בידזשאַנער קאָלווירטישן לעבן.

יעפים גאַלפּאַנד האָט געשטעלט דעם ספּעקטאַקל און אַליין אויסגעפּילט איינע פון די צענטראַלע ראָלן. סײַ אַלס רעזשיסער, סײַ אַלס אַקטיאָר האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ זיג. עס האָט זיך באַקומען אַ לעבנסלוסטיקער ספּעקטאַקל, אַ קלוגער און אַ פּאַרביקער. אויך דאָ האָבן אַ גלאַנץ געגעבן מאַניע קאַרלאָס און יודע קאַטוינטי — זיי ביידע האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלן.

אַ גרויסער שאָד, וואָס קאַזאַקעוויטש האָט מער קיין פּיעסן ניט געשריבן, אַ גרויסער שאָד, וואָס ער האָט ניט באַוויזן פּאַרווירקלעכן זײַנע דראַמאַטורגישע פּאַרטראַכטן.

די לעצטע פּרעמיערע פונעם זעקסטן סעזאָן איז געווען דער ספּעקטאַקל „סענדער בלאַנק" פון שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס מיכאַיל פרידמאַן האָט געשטעלט.

„דער פּאַרהאַנג איז געעפנט, און די קאָמעדיע הייבט זיך אָן". די דאָזיקע ווערטער פון שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען געווען, ווי אַ קאַמערטאָן פון דער טעאַטראַלער פאָרשטעלונג. די געלונגענע אינסצעניזירונג פונעם קיִעווער אַרטיסט איבעלמאַן האָט געגעבן שטאָף סײַ די אַקטיאָרן, סײַ דעם רעזשיסער. אינעם ראָמאַן איז פּאַראַן אַן אונטערקעפּל: „דאָ הייבט זיך אָן אַן עמעסע שפּיל, אין וועלכער די אַקטיאָרן קענען באַווײַזן זייער גאַנצע קונסט". יאָ, די אַקטיאָרן האָבן דאָ באַקומען אַ שלאַל מאַטעריאַל, און פיל פון זיי האָבן באַוויזן, אַף וואָס זיי זײַנען פייִק. דאָס האָט אַ שײַכעס צו מוישע זשאַלקאָווערן, דעם וועטעראַן פונעם ייִדישן טעאַטער, וועלכער האָט באַשאַפן אַן איבערצײַגעוודיק געשטאַלט פון אַ ייִדישן גוויר. אַ דראַמאַטיש געשטאַלט פון אַ צוויי־פּנעמדיקן מענטשן, וואָס איז פייִק אַף אַלדאָסבייז, אַ געשטאַלט, וואָס ווערט צײַטנווײַז אַפילע טראַגיש, האָט פּראַכטפול געשפּילט קאַרלאָס אין דער ראָל פון סענדער בלאַנקס טאָכטער ריוועקע. דאָס איז געווען בעעמעס אַ גרויסער דערך־פּאָלג פון אַ רײַפן מײַסטער. בוכשטעבלעך קאָנצערטאַרטיק האָט געשפּילט יודע קאַטוינטי — ריוועקעס מאַן, אַ מענטשל אַ פּלאַפּלער, אַ דורכגעפוילטער ביזן גרונט.

וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, האָב איך געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דעם ספּעקטאַקל. איך בין פּאַרליבט געווען אין מײַן קלוגן, שטיפערישן און לעבנסלוסטיקן פּרויקע. עפּעס איז אין דעם פלינקן און באַדאַכטן באָכער געווען פון פיגאַראָן, און אין די סצענעס מיט ביידע באַלע־באָסטעס — רעוועקען און סאָניען — פונעם פלוטעוואַטע טרופאַלדינאָ... אָ, ער האָט גוט פאַר־שטאַנען זײַנע „קליִענטקעס" — ער האָט זיי געזען אַף דורך־און־דורך, און כאָטש ער האָט אַרײַנגעכאַפּט איבער די באַקן פון זײַן באַלעבאָס, האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאָר ביז אַ צײַט.

דער ספּעקטאַקל איז געווען אַ גרויסער דערפּאָלג פאַר אונדזער מיכאַיל פרידמאַנען — פאַר דעם פּיליאָריקן האַרעפּאַשניק פונעם ייִדישן טעאַטער. ער איז געווען אַן אַקטיאָר און אַ רעזשיסער. אין זײַן רעזשי האָט איבערגעוויגן די פּעדאַגאָגישע זײַט. מיט טיפן וויסן און גרויסער פּילפּאַרביקייט האָט ער געאַרבעט מיט די אַרטיסטן, באַזונדערס באַם טיש, ווו עס איז געווען אַ מעגלעכקייט אַנטפּלעקן דעם אונטערטעקסט, דעם אידיייִשן פּאַרטראַכט.

פרידמאַן האָט דורכגעמאַכט אַ גרויס לעבן אין טעאַטער. אַלץ, וואָס ער פּלעגט דערציילן וועגן טעאַטער, איז געווען אינטערעסאַנט און באַלערעוודיק. איך האָב מיט גרויס פאַרגעניגן געהערט זײַנע דערינערונגען וועגן די גרויסע מײַסטערס פונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער. ער האָט באַוויזן פּאַרשיידענע סצענעס, קוריאָזן פונעם טעאַטער־שטייגער, וועלכע זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיט שאַרפזין און הומאָר. מיר פּלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אָפּזיצן אין זײַן גאַסטפרײַנטלעך הויז און שמועסן וועגן טעאַטער, וועגן ראָלן און ספּעקטאַקלען.

אונדזער טעאַטער איז פאַר די ערשטע זעקס יאָר פון זײַן עקזיסטענץ אַרויסגעפאָרן אַף גאַסטראָלן קיין כאַבאַראָווסק, וולאַדיוואָסטאָק, קאָמסאָמאָלסק, אירקוטסק, נאָוואָסיבירסק און אַ סאַך אַנדערע שטעט פונעם ווײַטן מיזרעך און סיביר. מיר זײַנען קעסיידער אַרומגעפאָרן איבער דער געגנט מיט ספּעקטאַקלען און קאָנצערטן, אונדזערע גאַסטראָלן זײַנען שטענדיק דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפּאָלג.

איצט האָבן מיר זיך געקליבן אַרויספאָרן אַף אוקראַיִנע, קיין קיִעוו, און מיר האָבן אויס־געצייכנט פאַרשטאַנען, ווי פאַראַנטוואָרטלעך דאָס איז. גאַסטראָלירן אין אַזאַ שטאָט, ווו עס האָט געאַרבעט דער קאָלעקטיוו פונעם קיִעווער ייִדישן טעאַטער, וואָס האָט פאַרמאָגט גרויסע בינע־מײַסטערס, אין קיִעוו, ווו עס האָט עקזיסטירט דער איינציקער ייִדישער קינדער־טעאַטער אין דער וועלט, וועלכע די קיִעווער טוישוּוים האָבן געאַכטעט און ליב געהאַט, איז געווען זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכער שריט.

אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע האָבן גאַסטראָלירט די גרעסטע און באַרימטסטע גאַסטראָליאָרן פון דער וועלט. דורכגיין מיט דערפֿאָלג אין קיִעוו האָט באַטײַט באַקומען אַן אַטעסטאַט פון רײַפֿקײַט. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, וואָס מיר האָבן מיט אַזאַ פֿלאַטערניש זיך געגרייט צו דער דאָזיקער רײַזע.

באַזונדערס זײַנען די גאַסטראָלן געווען וויכטיק און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיר. שפּילן אין קיִעוו אַקאָסטאַן, די גאַסטראָל־ראָל, וועלכע עס האָבן דאָ, אין קיִעוו, געשפּילט אַלע טראַגיקער פון וועלט־טעאַטער, איז פאַר מיר, אַ יונגן אַקטיאָר, געווען זייער אַ דרייסטער און געפערלעכער שריט.

דעם 15 מײַ 1940 יאָר איז דער ביראָבידזשאַנער טעאַטער, אין פולן באַשטאַנד, געקומען אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע. ווי טײַערע געסט האָט באַגעגנט די פאָרשטייער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט די זוניקע שטאָט קיִעוו. אַפֿן וואָקזאַל זײַנען געקומען פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט, טוער פון קונסט, אַרטיסטן פונעם אוקראַיִנישן פראַנקאָ־טעאַטער, אַקטיאָרן פון די רוסישע טעאַטערן. דער ייִדישער טעאַטער און אויך דער קינדער־טעאַטער זײַנען געקומען אַפֿן וואָקזאַל אין פולן באַשטאַנד. דעם זעלבן טאָג איז דער קינדער־טעאַטער אָוועקגעפאָרן אויף גאַסטראָלן קיין ביראָבידזשאַן. מיר זײַנען געווען שטאַרק גערירט, מיר האָבן ניט געוואָרט אויף אַזאַ קאַבאָלעס־פּאָנעם — לײַכטנדיקע פּנעמער, קווייטן, אַ בלאָז־אָרקעסטער!..

מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אַוואַנס און אַז אויף אַזאַ באַגעגעניש באַדאַרף מען ענטפערן מיט ספּעקטאַקלען, מיט גרויסע ווערק. איך בין געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט קווייטן אין די הענט און געשמייכלט, איבערן לײַב איז אָבער דורכגעלאָפן אַ גרויל — „גאָט מײַנער, אין עטלעכע טעג אַרום וועט זיך אופֿעפענען דער פאָרהאַנג און איך וועל דאַרפֿן שפּילן אַקאָסטאַן. אין קיִעוו...״

אונדזער אָרגאַניזאַטאָר פון די גאַסטראָלן, דער געניטער טעאַטער־אַדמיניסטראַטאָר יעפֿים איזראַיִלעוויטש אָרענשטיין, איז געשטאַנען לעבן מיר און מיך פאַרגעשטעלט פאַר די קיִעווער. קיין גרויסע דערפאַרונג פון אַ גאַסטראָליאָר האָב איך ניט געהאַט, אין די פריִערדיקע יאָרן האָט די אַדמיניסטראַציע אונדז שטאַרק ניט געבאַלעוועט. ניט טראַכטנדיק וועגן קיין קאָוועד און פרעסטיזש, האָב איך באַלד נאָך די באַגריסונגען געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אָרענשטיין האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף מיר, אַרויסגעריסן דעם טשעמאָדאַן און אים איבערגעגעבן אַ טרעגער. ווען מיר זײַנען שוין געזעסן אין אויטאָמאָביל, האָט ער מיר געמאַכט אַן אויסרייד: „טאַסקען אַ טשעמאָדאַן! אַ גאַסטראָליאָר, וואָס שפּילט אַקאָסטאַן! דאָס איז אַמווייניקסטן פּראָווינציִעל״. דאָס איז געווען מײַן ערשטער פעלער אין קיִעוו, אָבער ניט דער לעצטער.

די טעג, וואָס זײַנען געבליבן ביז דער פּרעמיערע אין קיִעוו, זײַנען דורכגעפלויגן אין ערגערנישן און אין מי. איך האָב אַפילו ניט געקאָנט גענוג זיך אָנקוקן מיט די וווּנדערלעכע פרילינגדיקע מײַ־טעג. איך בין געגאַנגען איבערן קרעשטשאַטיק און קיין זאַך ניט געזען אַרום זיך. אין קאָפּ האָבן זיך אַלץ געבאַמבלט מאָנאָלאָגן פון אַקאָסטאַן. אַפּוועגנדן מיך פון דעם אומרו האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַפילו עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשן, וועלכער האָט דעמלט געגנעכטיקט בא מיר און מיר דערציילט זייער קאָמישע געשיכטעס.

און אָט איז געקומען דער צוואַנציקסטער מײַ, דער טאָג, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע גאַסטראָלן, דער טאָג פון דער פּרעמיערע פון „אוריִעל אַקאָסטאַ״.

קיִעוו האָט אונדז גאַסטפרײַנטלעך אָפּגעגעבן די געבײַדע פונעם בעסטן דראַמאַטישן טעאַטער פאַר די גאַסטראָלן — דעם פראַנקאָ־טעאַטער.

דעם צוואַנציקסטן אינדערפרי איז געווען ניט קיין גרויסע רעפּעטיציע. איך האָב געבעטן אונדזערע אַקטיאָרן, אַז זיי זאָלן דורכקאָנטראָלירן פון פאַרשיידענע ערטער — פונעם פּאַרטער, פון בעל־עטאַזש, פון די אייבערשטע יאַרוסן, וויִאַזוי עס דערגייט דאָס קאָל. אַלע האָבן מיך באַרויִקט, אַז די אַקוסטיק איז אין דעם דאָזיקן זאַל אַן אויסגעצייכנטע, אַז מע דאַרף די שטים ניט פאָרסירן. ציטערנדיק פאַר איבערשפּילן און איבעריקע אָנשטרענגונג, האָב איך באַשלאָסן שפּילן, אַזוי ווי איך שפּיל אין ביראָבידזשאַן.

8 אַזייגער אין אָוונט האָט בא אַן איבערגעפולטן זאַל זיך געעפנט דער פאָרהאַנג אין פראַנקאָ־טעאַטער.

אויף „אוריִעל אַקאָסטאַ״, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס בא די קיִעווער טויש־ווים, זײַנען געקומען פיל אַרטיסטן, שרײַבער, קאָמפּאָזיטאָרס, קריטיקער, קונסט־טוער — ס׳הייסט, זייער וויכטיקע צושויער. שטרעבנדיק באַרויִקן די אויפגעשרויפטע נערוון, האָב איך אָנגעהויבן זייער רויִק און שטיל. באַם אַרויסגיין אויף דער בינע האָב איך דערפילט, אַז דער

גראַנדיִעזער צושויער־זאַל איז ווי אָפּגעשטאָרבן, און איך האָב זיך באַרויִקט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בילד גייט נאָרמאַל. ניט געקוקט דערויף, וואָס עמעצער האָט אָנגעהויבן אונטערהוסטן אין זאַל, האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז מע הערט מיך אויפמערקזאַם. ווי גרויס איז אָבער געווען מײַן פאַרוווּנדערונג, ווען כ'האָב נאָכן ערשטן בילד דערזען אַן אויפגערעגטן און אַ רויטן אַרנשטיינען, וועלכער האָט מיך אָפּגערופן אין אַ זײַט און אָנטרוילעך געזאָגט: „אויב איר וועט אויך ווײַטער שפּילן אַזוי שטיל און אײַנערט, ווי אין ערשטן בילד, וועלן מיר דאַרפן הײַנט באַנאַכט נעמען די טשעמאָדאַנעס און שטילערהייט אַנטלויפן פון קיִעוו״...

ער האָט עס געזאָגט, זיך אויסגעקערעוועט און אַוועקגעגאַנגען. מיר איז געוואָרן שרעקלעך, און דעריקער, וואָס איך בין אַזוי דערשלאָגן געוואָרן פון דער דאָזיקער וואָרענונג, אַז איך האָב דערפילט, אַז מיר וועט ניט קלעקן קיין קויכעס פירן ווײַטער דעם ספּעקטאַקל. וואָס טוט מען? ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל קענען אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן טראָגן! וואָס ווײַטער פון דעם דאָזיקן ביזאָיען. איך בין געווען אַזוי דערצאָרנט, אַז איך האָב ניט באַמערקט, אַז די דעקאָראַציעס פונעם צווייטן בילד זײַנען שוין גרייט, אַז אָט־אָט ענדיקט זיך די סצענע פון מענאַשען מיט זײַן פרײַנט, אַז אָט גייט שוין די סצענע מיט דער טאָכטער, מיט יודיפן, און אַז עס דערנעענטערט זיך מײַן אויפטריט...

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען דער געהילפס־רעזשיסער מיכאיִל פרידמאַן האָט מיר ווייך געזאָגט: „יוסעף מאַיסייעוויטש, דײַן אויפטריט״. מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן אַלצייגס, און איך בין אַרויס אויף דער בינע. וויִאַזוי איך האָב דורכגעפירט די סצענע מיט יודיפן, געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אַז אין זאַל איז געווען טויט־שטיל. אָט האָבן זיך באַוויזן די געסט, די אַמסטערדאַמער כאַשעווע טוישווים, עס האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון די האָרנס, און אויף דער בינע זײַנען אַרויפגעקומען די ראַבאָנים מיט די טאַלייסים אין דער שפּיץ מיט דע סאַנטאָסן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַקאָסטאַס באַרימטער מאָנאָלאָג, וואָס איז געווענדט צו די געסט, וועלכע האָבן גענומען גלייבן די פאַלשע ווערטער פון בען־יאָכײַען און זיך אָנגעהויבן אָפּקערעווען פון אַקאָסטאַן...

אין דער מאַסן־סצענע האָבן געשפּילט די אַקטיאָרן פון אונדזער טעאַטער, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען מײַנע גוטעפרײַנט און אויך, ווי עס פירט זיך, אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דערפרייט, וואָס דאָס ערשטע בילד איז דורכגעגאַנגען בא מיר ניט געלונגען.

דערזען זייערע שמייכלענדיקע פּנעמער, האָב איך פּלוצעם דערפילט אַזאַ האַס, אַז כ'האָב שוין ניט געקאָנט זיך צוימען און די גאַנצע גאַל, דעם גאַנצן צאָרן און טעמפּעראַמענט אויסגעגאָסן אויף דער פאַנאַטישער געזעלשאַפט, אויפן רעליגיִעזן אַמסטערדאַם. איך האָב פאַרגעסן אינעם איבערפולטן זאַל, אין די באַרימטע קריטיקער, אין אַלץ האָב איך פאַרגעסן. איך האָב בלויז געזען די דאָזיקע פּנעמער און גערעדט צו זיי מיט גוצקאָווס ווערטער: „צו פרי פרייט איר זיך, טײַערע מײַנע, אַלץ שטייט ערשט פאָר...״ מײַן האַס איז געווען אַזוי גרויס, אַז די פּנעמער בא מײַנע פּאַרטנעאָרן, צו וועלכע די רייד זײַנען געווענדט, זײַנען בלייך געוואָרן, אַפילע אונטערן גרים האָט מען עס געזען. נאָכן מאָנאָלאָג האָבן זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטן.

אין איבערײַס איז צו מיר צוגעלאָפן אַרנשטיין, מיך אַרומגענומען און צעקושט. ער איז געווען איבערפולט פון פרייד.

דער ספּעקטאַקל איז געשטיגן פון בילד צו בילד און געהאַט גרויס דערפאָלג בא די קיִעווער. מיר זײַנען אַרויס פונעם טעאַטער באַפליגלטע און גליקלעכע.

איך האָב לאַנג אַרומגעשפּאַצירט איבערן קרעשטשאַטיק מיט קאַזאַקעוויטשן אַ יונגער, אַ פריידיקער, אַ הייזעריקער און אַ מידער.

איך בין הייזעריק געווען, און די גאַסטראָלן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן — דעם 21־טן „מאַלצײַט״, דעם 22־טן „בלאָנדזנדע שטערן״. אָבער קיין זאַך האָט ניט געקענט גויווער זײַן מײַן גוטע שטימונג.

אויפן צווייטן אינדערפרי האָבן מיר ווידער זיך געלאָזט שפּאַצירן איבערן קרעשטשאַטיק. עמאַנויִל האָט געקויפט אַ פּאַק צײַטונגען, און אין אַלע זײַנען געווען אָפּגעדרוקט באַגײַסטערטע רעצענזיעס וועגן „אוריִעל אַקאָסטאַ״.

אַלע ספּעקטאַקלען זײַנען דורכגעגאַנגען בא אַנשלאַגן. באַזונדערס האָט געמאַכט אַ רוישעם „בלאָנדזנדע שטערן״.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך זיך געהיילט, קעדיי ווי־עס־איז אויפשטעלן די שטים. בייסן ספּעקטאַקל האָב איך אַזוי לאַווירט און אין צושויער־זאַל איז געווען אַזוי שטיל, אַז אַפילע די ווערטער, וואָס זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן שעפּטשענדיק, זײַנען דערגאַנגען ביז צו דער לעצטער ריי פון דעם גראַנדיִעזן זאַל.

י. קאַלין (דער ערשטער פון לינקס) אינעם פילם „פּאָעט".

א ציקאווע צופאל איז פאָרגעקומען אפן ספעקטאקל „בלאָנדזנדע שטערן". אינעם צווייטן אקט איז פאראן א בילד, ווו ראפאלעסקאָ זיצט אין זײַן ארטיסטן־צימער און טוט אָן דעם פאריק פון אוריִעל אקאָסטא, עס קומט ארײַן שוואלב און פאָדערט, אז ראפאלעסקאָ זאָל טייקעף אונטערשרײַבן די כאסענע־טנאָים מיט זײַן שוועסטער גענריִעטא. און אָט שטיי איך באם שפיגל און ווארט, אף מײַן פארטניאָר — אף גענריִעטעס ברודער: איך האָב שוין געזאָגט די פראזע — „מײַן יודיף, צום לעצטן מאָל, אדיעו!" אָבער שוואלב קומט ניט. „מינאסטאם האָט ער ניט דערהערט מײַן רעפליקע", — לויפט מיר דורך אין קאָפּ, און איך כאזער זי איבער שוין העכער, נאָר מײַן פארטניאָר באווײַזט זיך אלץ ניט. איך האָב אָנגעהויבן נערווירן, כ'בין צוגעגאנגען צו די קוליסן, געקוקט אין אלע זײַטן, נאָר ארום איז פוסט, מע זעט קיינעם ניט. וואָס טוט מען? איך שטיי איינער אליין פאר דעם פול־געפאקטן זאל און ווייס ניט, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן. איך האָב זיך א לאָז געטאָן צום שפיגל און גענומען לייענען דעם מאָנאָלאָג פון אקאָסטאן... נאָר שוואלב באווײַזט זיך אלץ ניט, דאן האָב איך פאמעלעכן אראָפּגענומען דעם פאריק, צוגעגאנגען צו דער טיר און שעפּטשענדיק גענומען פאָדערן, מע זאָל פארמאכן דעם פאָרהאנג. ווען דער פאָרהאנג איז געפאלן, האָב איך א פארוווּנדערטער דערהערט אַן אופרײַס פון אפּלאָדיסמענטן. באלד איז געקומען צו לויפן א צעטומלטער מוישע זשאָלקאווער, וואָס האָט געשפילט די ראָל פון גענריִעטעס ברודער. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז די קאָס־טיומערשע האָט אים ניט געבראכט צו טראָגן די שיך און ער איז אין די שקארפעטקעס געלאָפן זיי זוכן.

אפן אנדערן טאָג האָט זיך באוויזן א רעצענזיע, אין וועלכער דער אווטאָר, כאִים טאָקער, האָט שטארק געלויבט דעם ספעקטאקל. באזונדערס האָט דער רעצענזענט אָפּגעמערקט די סצענע באם שפיגל, וועלכע גראָס האָט מיט גרויס ארטיסטיזם דורכגעפירט.

די גאסטראָלן פון אונדזער טעאטער זײַנען אין קיִעוו דורכגעגאנגען מיט גרויס דערפאָלג. די פרעסע האָט באזונדערס אָפּגעמערקט דעם אינטערעסאנטן רעפערטואר און די רײַפע מײַסטערשאפט פון די אקטיאָרן.

אייניקע קיִעווער שרײַבער, וואָס האָבן זיך מיט אומצוטרוי באצויגן צו אונדזער טעאטער, זײַנען ביים די גאסטראָלן געוואָרן אונדזערע גרויסע אָנהענגער.

נאָך די גאַסטראָלן איז פֿאָרגעקומען אַ באַגעגעניש פֿון די קיִעווער קולטור־טוער מיטן קאָלעקטיוו פֿונעם בירָאָבידזשאַנער טעאַטער.

קיִעוו איז געווען קישעפֿדיק־שיין און פֿרילינגדיק־יונג. מיר זײַנען שיקער געווען פֿון דערפֿאָלג, פֿון יונגקײַט און אויך אַ קאַפּעלע פֿון ווײַן.

נאָך קיִעוו האָבן מיר זיך געלאָזט וואַנדערן איבער אַ ריי שטעט פֿון אוקראַיִנע. מיר זײַנען געווען אין טשערנאָוויץ, פּראָסקוראָוו, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און אין זשיטאָמיר.

ס'איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן, מיט וואָס פֿאַר אַ האַרצקלאַפּעניש איך בין געפֿאָרן אין מײַן היימשטאָט. פֿיל פֿון מײַנע אייגענע האָב איך שוין ניט געטראָפֿן. די מאַמע איז שוין פֿון לאַנג ניט געווען. ס'האָט זיך שוין אויך געפֿעלט מײַן באָבע עסטער, די ליבהאָבערן פֿון ייִדישן טעאַטער. געלעבט האָט נאָך מײַן זשיטאָמירער זיידע שלוימע, וואָס האָט בעשום־אופֿן ניט געוואָלט גיין אין טעאַטער און אַ קוק טאָן אָף זײַן אייניק דעם אַרטיסט. אַפֿילע ווען מײַנע כאַוויירים־אַקטיאָרן זײַנען געקומען צו אונדז אַהיים, האָט דער זיידע זיך פֿאַרשפּאַרט אין זײַן צימער און ניט געוואָלט אַרויסגיין צו די „אַקטיאָרשטשיקעס".

דערפֿאַר האָט מײַן טאַטע ניט דורכגעלאָזט קיין איין ספּעקטאַקל. ער איז שטענדיק געזעסן הינטער די קוליסן און געקוקט אָף זײַן זיאַזיען. די גאַנצע צײַט האָט ער איבערגעכאַזערט: „אַוואַ, אַוואַ, אַ שטאַרקע ראָל, זייער אַ שטאַרקע".

אין זשיטאָמיר האָבן אונדזערע גאַסטראָלן שטאַרק אויסגענומען, און דער שטאָט־טעאַטער איז געווען צו קליין פֿאַר די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט אונדז זען, דעריבער זײַנען מיר איבערגעגאַנגען שפּילן אין דער געבײַדע פֿון צירק.

נאָך די ספּעקטאַקלען זײַנען געקומען צו מיר מײַנע געוועזענע כאַוויירים פֿון דער 3־טער שול, פֿונעם פּיִאָנערן־קלוב, עס זײַנען אויך געקומען מײַנע לערער.

דער לערער רויטעלמאַן האָט מיך הייס באַגריסט און דערבײַ ניט אויפֿגעהערט צו טײַנען: „איך האָב שטענדיק געוווסט, אַז דו וועסט זײַן אַן אַרטיסט"...

אונדזערע גאַסטראָלן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק זײַנען פֿאָרגעקומען פּונקט אין דער צײַט, ווען אונדזער אַרמיי האָט באַפֿרײַט צאָפּן־בוקאָווינע. אָפֿן צווייטן טאָג נאָך דער באַפֿרײַונג האָט מען מיך און גאָלפּאַנדן אײַנגעלאָדן קיין כאָטין. דאָס דאָזיקע שטעטל געפֿינט זיך אָף דער גרענעץ פֿון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

קאַיאָר האָבן מיר זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ מיליטערישער מאַשין און איבערגעפֿאָרן אַ שמאָל טײַכעלע — איבערגעפֿאָרן, און גלײַך אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אַנדער וועלט... פֿויערים אין גאַטיעס און אין פּעטרעווע שליאַפּעס. ייִדן אין האַרטע קאַפּעליושן, אין קאַפֿאָטעס און טאַלעסקאָטנס. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אונדז האָבן אַרומגערינגלט אָן אַ שיר מענטשן. פֿאַרגעלייגט קאָשער עסן, אַן אײַנפֿאָר־הויז. עס איז צוגעגאַנגען דער ראָוו און אַ פֿרעג געגעבן:

— איר זײַט פֿון די „טאָוואַרישעס"?

און אין אָוונט האָבן אין אַלע פֿענצטער געברענט ליכט. ס'איז געווען פֿרײַטיק אָפּדערנאַכט... איבער דער איינציקער גאַס האָב איך באַמערקט אַ ייִנגעלע, אַ מין מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, וואָס האָט ערגעץ געײַלט.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער כאָטין, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קוק אַ ספּעקטאַקל וועגן לעבן פֿונעם אַלטן שטעטל, וועגן אַ צײַט, וואָס איז שוין פֿון לאַנג פֿאַרגאַנגען, וועגן אַ ווײַט לעבן, וואָס מע קאָן זיך באַ אונדז אין לאַנד דערזוויסן בלויז לויט די ווערק פֿון שאָלעם־אַלייכעמען.

ייִדיש — א. גאָנטאַר

מיט די דאָזיקע ווערטער פֿאַרענדיקן זיך די זיכרוינעס פֿונעם פֿאַרדינסטפֿולן אַרטיסט פֿון דער רעפּובליק יוסעף קאָלין, וועלכער איז דעם 1 נאָיאַבער 1972 פּלוצעם געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע אין עלטער פֿון 58 יאָר.

מארק ראזומני

נאָוועלעטן

געטרײַשאַפט

אין מעשעך פון די ווינטער־כאדאָשים פאלט ער ניט אראָפּ בא זיך, דאָס שפּערל. מונ־טער און שטיפעריש שפּרינגט ער ארום איבער די פארפראָרענע הרודעס און גיט דערבײַ מיט קיין איין מינע ניט ארויס, אז דאָס טוט ער, קעדיי צו דערווארעמען זײַנע דינינקע פּיסע־לעך. און די קינדער, וועמען זײַן זאָרגלאָז צוויטשערן פארשאפט אזויפיל פרייד, ווייסן ניט, אז מיט אָט דעם געצוויטשער זוכט ער צו פארהילכן דעם נאָגנדיקן הונגער... ווײַל שווער קומט אויס דעם קליינינקן נעפעשל זיך צו ראנגלען פאר זײַן עקזיסטענץ דעם גאנצן הארבן ווינטער.

אָבער דעמלט שוין, ווען אינדערלופטן הייבן אָן ווייען פרילינג־ווינטעלעך און דעם שפּערל בעמט זיך שוין לעבן זאטער און ווארעמער, ווערט אים ערשט אומעטיק... ער דערמאָנט זיך, אז באלד וועלן די וואנדער־פייגל זיך צוריקערן, און זיי וועלן נעמען גרויסן זיך, דערציילן וועגן די ווונדער, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען אין די ווײַטע לענדער... ער וועט אָבער ניט אופגענומען ווערן אין זייער קרײַז. וואָס קאָן דען, מישטיינסגעזאָגט, אזא באשיידענער שפּערל, אזא היימזיצער, זיי דערציילן פאר א נײַס, — זיי, די פּילבארײַזטע און פילדערפאַ־רענע?

און אים איז שווער אפן הארצן, זייער שווער...

וועט זיך אָבער אײַנגעפינען עמעץ, וואָס זאָל אופקלערן דעם אָרעמען שפּערל, אז ער דארף ניט זײַן געפאלן בא זיך? אז דאפקע בא אים, דעם באשיידענעם און אומבאמערקטן באשעפע־נישל, דארף מען זיך לערנען געטרײַשאַפט און העלדישקײַט? ווײַל דעמלט, ווען די אלע גרויסארטיקע פייגל אנטלויפן פון זייער היים, ווי נאָר עס נעמען בלאָזן הארבסטיקע ווינטן, — פארהיט ער געטרײַשאַפט צום אָרט, ווו ער איז אויסגעוואקסן, אין הארבן ווינטער בלײַבט ער דאָ, און מיט זײַן שפּילעוודיקן שפרינגען און מונטערן געצוויטשער דערמאָנט ער אלעמען וועגן פרילינג און פריידיקער דערוואכונג.

שוואנען־ליד

פאמעלעך און פארכאָלעמט שווימט דער שוואן איבער קלאָרע וואסערן און טראָגט פאָרויס זײַן שטאלטנעם, צירלעך־אויסגעבויגע־נעם האלדז, וואָס האלט ווי א פראגע־צייכן אין איין דערגרונטעווען זיך בא דעם שטילן טײַכל:

„זאָגט מיר, דורכזיכטיקע וואסערן, ווו זאָל איך געפינען די וווּנדער־שיינע פרײַנדן, וועגן וועלכער איך טרוים און מיט וועמען איך וויל זיך באהעפטן אף אייביק?״

און דער וואסער־שפּיגל גיט אים באלד אף דעם אן ענטפער. ווײַל ווען דער שוואן לאָזט אראָפּ די אויגן, דערזעט ער אונטער זיך שווי־מען א צווייטן. אויך אזא צארטן, ווי ער אליין איז, אויך מיט אזא שלאנקן בייגעוודיקן האלדז און מיט אזא ציכטיק־באפעדערטער, איידעלער ברוסט. און ווי נאָר ער דערזעט זײַן באשערטע, נעמט ער שוין פון איר ניט אראָפּ די פארקישעפטע בליקן, און אזוי לאָזן זיי זיך אוועק אין שווימען ענג באהעפט, און פון צײַט צו צײַט גיסן זיי צונויף די לעכצנדיקע לעפצן אין א לאנגן אונטערוואסערדיקן קוש.

אָבער אפן באגראָזטן ברעג פון טײַך שפּילן זיך קונדייסים, און אין פארווײַלונג־לוסט ווארפן זיי שטיינדלעך אפן שוואן, קעדיי אים אונטערצוטרײַבן. פון דער אופגעהויבענער צערודערונג ווערט דער שוואן צעטומלט, קוקט זיך אומרויִק ארום, און ווען איין שטיינדל טרעפט אין אים, נעמט ער פּאטשן מיט די פליגלען. ניט פון אייגענעם ווייטעק, נאָר פון צאַר באם צוזען, ווי די געליבטע, מיט וועלכער ער איז באהעפט, ווערט צעפּיצלט און צעריסן. און וועלנדיק ראטעווען זײַן פרײַנדן, הייבט

ער אָן, א צעטומלטער, זיך טראָגן פון זײַט צו זײַט און וואַרפט זיך צום סאָף צוזאַמען מיט איר אַרויס אַפן ברעג.

איצט זײַנען שוין די פּאַרפּאַלגער געבליבן אַף יענער זײַט טײַך, זייערע שטיינער דער־גייען ניט ביז דעם באַגראַזטן אָרט, ווו דער שוואַן שטייט אַף איין פוס און פּוצט די צעפּאַרשקעטע פעדערן: ער וויל זיך דאָך באַווײַזן פאַר דער אַפּגעראַטעוועטער פרײַנדן אין זײַן גאַנצער פּרעכטיקער רויִקער שיינ־קײַט. אָבער ווען ער ברענגט זיך שוין אין פולער אָרדענונג און גיט א קוק אונטער זיך — רײַסט זיך אַרויס בא אים א יאָמער־געשריי: ניטאָ דאָרטן די שיינע מיטשווימערן זײַנע, זי בייגט ניט איר פּרעכטיקן האַלדז אים אַנטקעגן אין דערוואַרטונג פון זײַנע צערטלעכקײַטן — מ׳האָט זיי צעשיידט...

דעמלט שפּאַנט אַוועק דער עלנטער שוואַן מיט צעוואַקלטע, אומבאַהאָלפענע טריט, ער צעטרייסלט דעם אַרום מיט זײַנע פאַרצווייפלטע קורלי־רופן, און נאָך לאַנגע אומזיסטע זוכענישן פאַלט ער ווי אַן אונטערגעשניטענער אַוועק אין גראָז, באַהאַלט זײַן פאַריאָסעמטן קאָפּ אונטערן ציטערדיקן פליגל, וויינט מיט זודיקע טרערן.

אַזוי ליגט ער, א פאַרצאַרטער און פאַריאָמער־טער, און ווייסט ניט, אַז אייגנטלעך דאַרף ער שטעלן נאָר א פאָר טריט און ווידער אַרײַן אין וואַסער, — און די באַשערטע וועט פונדאַסנײַ אופלעבן פאַר אים, און ער וועט ווידער איבער־לעבן זײַן טרוים און זײַן גליק. ער ווייסט ניט, אַז די לעכצונג נאָך שיינקײַט און טרייסט קאָן אין פאַרבענקטן געמיט געשטילט ווערן נאָר דעמלט, ווען מ׳קוקט אַרײַן אין לויטערע טיפ־קײַטן.

א העפט מיט לידער

ער איז אַרײַן צו מיר מיט א גראָבן העפט אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן אָן האַקדאָמעס:

— ענדלעך האָב איך אײַך געטראָפן! מיט א האַלב יאָר צוריק בין איך שוין דאָ געווען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר זײַט אַוועקגעפאָרן און וועט זײַן צוריק אין א כאַדאָשים זעקס אַרום... איך וויל אײַך ווײַזן מײַנע לידער, הערן אײַער פאַכמענישע מיינונג.

און ער האָט אַוועקגעלייגט אַפן טיש דעם געבראַכטן העפט.

איך האָב א בלעטער געטאָן. אַף יעדער זײַט אין מיט קאַליגראַפישן קסאַוו אָנגעשריבן גע־ווען א ליד. די שורעס זײַנען אַלע געווען גע־צירקלטע, אויסגעפּוצטע, געשטאַנען גלײַכע, ווי זעלנער אין א ריי. אַלץ איז געווען, ווי אויס־געגאָסן, און אַף קיין איין זײַטל פון דעם פּרעכ־טיק־אויסגעפּורעמטן העפט איז ניט געווען קיין איין פאַריכטער אָס, קיין שום ענדערונג.

— ווען האָט איר דאָס אַלץ אָנגעשריבן? — האָב איך געפרעגט דעם דיכטער.

— ווען? אין פאַרשיידענע צײַטן. אַנדערע פון זיי...

— ניט דאָס מיין איך, — האָב איך אים אי־בערגעשלאָגן, — ווען האָט איר די לידער אײַערע אַזוי שיין אַרײַנגעשריבן אין העפט?

— שיין, האַ? — האָט ער זיך דערפרייט. — איך האָב זיי איבערגעשריבן מיט א צײַט צו־ריק, שוין איבער א האַלב יאָר. ספּעציעל פאַר אײַך, איר זאָלט ניט האָבן קיין שוועריקײַטן באַם לייענען...

— און אַזוי איז עס געלעגן בא אײַך, און איר האָט אין משך פון דער גאַנצער צײַט ניט אַרײַנגעטראָגן אין דעם קיין ענדערונגען?

— וואָס טויגן אײַך ענדערונגען? — האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט כידעש. — וואָס איז דאָ נייטיק צו ענדערן, ווײַבאַלד אַלץ איז שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרײַנגעשריבן, און שיין אַרײַנגעשריבן? אַרײַנגעשריבן, קעדיי איר זאָלט זיי דורכלייענען און זאָגן אײַער מיינונג.

איך האָב אָפּגעגעבן דעם דיכטער זײַן העפט און געזאָגט ווי מעגלעך ווייך:

— איר ווילט הערן מײַן מיינונג, יונגערמאַן? איז איך וואָלט אײַך געייצעט זיך אויסלערנען א פאַך, קאַלזמאַן איר זײַט נאָך יונג. עפּשער זעצערײַ? איך זע, אַז איר האָט פײַיקײַטן דערצו.

— און דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט מיר צו זאָגן? — האָט ער, א באַליידיקטער, געפרעגט, און צוגעגעבן: — אַבי איך האָב געמיינט צו הערן פון אײַך א טיפּזיניקע מיינונג. איר האָט דאָך אַפילע נאָך קיין איין ליד מײַנע ניט דורכגעלייענט...

— איך דאַרף ניט לייענען, — האָב איך אים אופגעקלערט. — אַפילע ניט לייענענדיק, ווייס איך שוין די אונטערשטע שורע: ווײַבאַלד די לידער זײַנען געלעגן בא אײַך א האַלב יאָר צײַט אַזוי שיין און ריין איבערגעשריבן, און איר האָט ניט געפונען פאַר נייטיק אין זיי עפּעס צו ענדערן, עפּעס צו פאַריכטן, עפּעס אַרויסצוּוואַרפן...

דאָ האָט ער מיך איבערגעשלאָגן.

— ווי ווילט איר דאָס ניט פאַרשטיין? — האָט ער אופגערעגט אויסגערופן. — מײַנע לידער זײַנען דאָך שוין אָנגעשריבן, איז וואָס דאַרף איך אין זיי ענדערן, ווײַבאַלד איך בין מיט זיי צופרידן?!

— אָט דאָס, זעט איר, מיין איך טאַקע. ווײַ־באַלד עס זײַנען אַריבער מערערע כאַדאָשים, און איר זײַט נאָך אַלץ צופרידן מיט דעם, וואָס

איר האָט אָנגעשריבן, איז דאָס א סימען, אַז איר דאַרפט זיך לערנען א פאַך...

ער האָט א כאַפּ געטאָן זײַן שײַנעם העפט, ווי ראַטעווענדיק אים פון גאַזלאָנישע הענט, און איז אַרויסגעלאָפן א באַליידיקטער, וואָס ער האָט קיין פאַכמענישע מיינונג ניט געהערט.

פון אויבן אַראָפּ

א גאַנצן זומער האָבן בלעטער אַף ביימער מיט ביטל אַראָפּגעקוקט אַף די מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען אונטער זיי, און געהאַלטן אין איין גרויסן זיך:

— „קוקט נאָר, — האָבן זיי גײַוועדיק גע־שאַרכעט, — קוקט נאָר, ווי מיר זײַנען העכער פון אַלעמען! אונטן טוט זיך עפּעס, מענטשן לויפן, אָבער וואָס פאַר א באַטרעף האָבן זיי, אַט די מענטשעלעך? זיי זײַנען דאָך מיט אַזוי־פיל קעפּ נידעריקער פון אונדז!..

אַט אַזוי האָבן זיי זיך געקוויקט און באַרימט מיט זייער העכערקײַט און אַליין צופרידן זיך געגלעט איבער די גרינע בײַכעלעך.

אָבער אַט איז געקומען דער האַרבסט, אַראָפּ־געמעקט פון די בלעטער זייער גרינקײַט און זיי פאַרביגן מיט געלקײַט. נאָכדעם זיי אויסגע־טריקנט, אַראָפּגעצופּט פון די אײַנגעזעסענע ערטער, אַראָפּגעשלײַדערט אַף דער ערד און אויסגעוואַלגערט אין בלאָטע. דעמלט האָבן זיי אָנגעהויבן קריכן אונטער די טריט פון די זעלביקע מענטשן, איבער וועמענס קעפּ זיי האָבן אין מעשעך פון זומער אַזוי גרויסהאַל־טעריש געשאַרכעט, און באַוויינענדיק מיט בײַ־טערע טרערן זייער געפאַלנקײַט, האָבן די בלע־טער באַגריפן, אַז דעם, וואָס עס האַלט זיך אין איין באַרימען מיט זײַן העכערקײַט און קוקט פון אויבן אַראָפּ, קומט אָפּטמאָל אויס אַראָפּ־צופאַלן און צו קוקן פון אונטן אַרויף.

נאָר די דאָזיקע אײַנזעעניש איז געקומען צו שפּעט, נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין געהאַלטן באַם אויסהויכן זייער לעצטן אָטעם, און ניט געקאָנט האָבן זיי דאָס דערציילן די קומענדיקע דורעס בלעטער.

טו איך דאָס. ווײַל אויסגעקומען איז מיר שוין אין לעבן צו זען ניט ווייניק אַזוינס. ווי בײַ בלעטער, אַזוי אויך בײַ מענטשן.

פאַרביקער שניי

יענעם ווינטער האָב איך געוווינט אין א שטיבעלע אַפן ראַנד דאָרף. פון מײַן פענצטער האָט זיך געעפנט א ברייטער אויסבליק אַף אַן אומענדלעכן פעלד, וואָס איז ביזן סאַמע האָרי־זאָנט פאַרדעקט געווען מיט א דיקער קאָלדרע טיפן, צאַרטן שניי. איך האָב אָן אופהער זיך צוגעקוקט צו דעם שניי, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אָפּשפּיגלען אַלע וווּנדערלעכע קאָלירן פון דער אַרומיקער וועלט. ער האָט אָבער ניט נאָר אָפּגעשפּיגלט, נאָר אַליין אויך געגעבן דער וועלט — זײַנע אייגענע קאָלירן.

אין די פּראָסטיקע פרימאָרגנס, ווי נאָר די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסווישן פון אירע נאָך פאַרשלאָפענע אויגן דעם נעפּל, האָט זי שוין מיט ליבשאַפט גענומען גלעטן דעם שניי מיט אירע רויטלעך־גאָלדיקע פינגער, און אונטער איר צערטלעכקײַט האָט דער שניי אופגעלויכטן און אַרויסגעשטראַלט אין דער וועלט א מילדע ראָזקײַט.

באַטאָג, ווען איבערן פעלד האָט שוין מאַיעס־טעטיש געשפּאַנט דער קרעפטיקער פראָסט און האָט געטראָגן אַף זײַן מעכטיקן שטערן א קרוין פון קאַלטער, שטאָלצער זונשײַן, האָבן פון דעם שעמערירנדיקן צודעק, אונטער וועלכן ס'האָט זיך געטוליעט די בלענדיקע שנייִקע ראַכוועס, אַרויסגעפינקלט און שעלמיש אונ־טערגעפינטלט מילי־מיליאָסן פאַרפירערישע שמייכעלעך פון געשמאָלצענעם גאָלד.

שפּעטער, ווען די אָפּשייד־שאָ פון דער זון האָט זיך שוין גענעענט, און אַפן פעלד, וואָס איז געלעגן פאַרכאַלעשט אין אייגענער פראַכט, האָט געפלאַמט איר צאַרן פאַרן צו פרײַען אוועקגיין, — האָט איבערן שניי זיך פאַנאַנדער־געגאָסן א זאַפטיקער, צונטערדיקער אָפּשײַן. אַזוי ווי א ריזיקער קרוג מיט רויטן קלאָרן ווײַן וואָלט זיך אויסגעקערט און פאַרגאָסן א וועלט מיט שיקערער פרייד.

און דעמלט, ווען דער ווינטער־טאָג האָט זיך אַריבערגעבויגן אַף יענער זײַט וועלט און פאַר־נאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך אויסגעצויגן אי־בערן פעלד, האָט איבערן שניי זיך שוין אויס־געלייגט די לעצטע מאַטאָנע — א שלייער פון דורכזיכטיקער צויבערדיקער בלויקײַט.

אָבער לאַנג האָט זיך די פאַרנאַכטיקע בלוי־קײַט ניט געוועבט איבערן שניי, און באַלד האָט שוין אופגעלויכטן, נאָכן לאַנגן נודיען זיך אין די בלייכע הימלען און וואַרטן אַף איר שאָ, די לעוואָנע, און ווי וועלנדיק אָפּרעכענען זיך פאַר דער געצוווּנגענער פּוסטעפּאַסקײַט פון א גאַנצן גענעצנדיקן טאָג, האָט זי גענומען פלײַ־סיק גיסן זשמעניעס קישעפדיקע שײַן און פאַרוויגן אין א זילבער־קאָלדרע די שנייִקע וועלט, וועלכע האָט שוין איצט גערוט און זיך אָנגענומען מיט קויכעס פאַר דער נײַער מי און די נײַע איבערלעבונגען פון דעם מאָרגעדיקן טאָג.

און אַזוי, טאָג־איין טאָג־אויס, זיך צוקוקנדיק צו דער פאַרבנשפּיל אַפן שניי, האָב איך אין געדאַנק זיך אומגעקערט צו מענטשן, וועלכע

איך האָב באַגעגנט אַף מײַנע לעבנס־וועגן.
און געטראַכט וועגן דעם, אַז וואָס צאַרטער עס איז געוועזן זייער געמיט, אַלץ וווּנדערלעכער האָבן זיי אָפּגעשפּיגלט און אַלץ פֿרײַגעביקער פֿאַרטיילט די פּרעכטיקע קאָלירן, מיט וועלכע דאָס לעבן האָט זיי באַגליקט.

אויך אין האַרבסט בליִען די ביימער...

...יענעם פֿרימאָרגן האָבן די ביימער אין סאָד גאָר אומדערוואַרט דערזען אײנער דעם אַנדערן שטיין פֿאַרוויקלט אין לופֿטיקע קאַלע־שלייערן. דאָס האָט די פֿרילינגדיקע באַנײַונג אין איין רעגנגעבענטשטער נאַכט אַראָפּגעווישט פֿון זיי די ווינטערדיקע מאַרעשכוירע און זיי אָפּגע־שאָטן מיט העל־גרינעם, זאַפֿטיקן צוויט.

אַלע אַרום האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט אָט דער ראַפּטום־אופֿגעקומענער צעבליטקײַט. בלויז די יאַדלע, וואָס איז שוין זינט א סך יאָרן געשטאַנען אָנגעטאָן אין איין און דעם זעלביקן טונקל־גרינעם, אָפּגעטראָגענעם קאָפּטל אַף די דאַרע שפּיציקע אַקסלען, האָט, ווי א ניט־פֿאַרגינערישע יענטע אַף א פֿרעמדער כאַ־סענע, אַרויסגעזײַט פֿון צווישן אירע שטעכיקע לעפּצעלעך:

— וואָס, אייגנטלעך, איז מיט אײַך די סימכע, און וואָס פֿאַר א באַטרעף האָט דאָס ביסל אַרויסגעשפּראָצטע גרינס אײַערס, אַז סאַכאַקל אײַנגיכן וועט איר פֿאַרוועלקט ווערן, האַרבסטי־קע ווינטן וועלן אַראָפּפֿליקן אײַערע פֿאַרגעלטע בלעטער, און אײַערע צווײַגן וועלן בלײַבן שטיין הויל־נאַקעטע?.. ניט אַזוי ווי מײַנע צווײַגן, וועלכע זײַנען אויסגעפּוצט מיט פֿעסט־זיצנדיקע נאָדלען און וועלן גרינען אײביק און אַריבערלעבן אַלע האַרבסטן און ווינטערס!

הערנדיק די דאָזיקע גרויסהאַלטערישע רייד, האָט א לינדנבוים זיך פֿרײַנטלעך צעשמייכלט מיט אַלע זײַנע כיינעוודיק־צעעפֿנטע קנאָספּן און מיט א ליבלעכער שטים זיך אָנגערופֿן:

— ביסט גערעכט, שוועסטער יאַדלע, מיר און מײַנע ברידער, די בלעטער־ביימער, איז טאַקע ניט באַשערט, אַזוי ווי דיר, אײביק גרין צו זײַן... אָבער — אַנטשולדיק מיר — דיר איז ניט באַוווּסט, אַז אויך אין האַרבסט און ווינ־טער, ווען דו זעסט נאָר אונדזערע אַנטבלויזטע און מיט שניי באַדעקטע צווײַגן, בליִען מיר...

— אויך דעמלט בליט איר?! — האָט די יאַדלע מיט א שטאַרק־צווייפֿלענדיקן טאָן איבערגע־פֿרעגט און ברייט פֿאַנאַנדערגעפֿירט אירע נאָדלדיקע פֿינגער. — פֿאַרוואָס זשע זע איך דאָס ניט?

— דו זעסט דאָס ניט דערפֿאַר, — האָט דער לינדנבוים גערולדיק אופֿגעקלערט, — ווײַל דו טראָגסט קיינמאָל ניט אין זיך קיין האָפֿענונג אַף א נײַער צעבליִונג. דו ביסט אַלעמאָל די זעלביקע אויסגעטריקנטע. אין אונדזערע שטאַ־מען אָבער לעבט די דאָזיקע האָפֿענונג, זי האַלט אונדז אויף אין די ערגסטע צײַטן, ווען אַלעמען — און אויך דיר — דוכט זיך, אַז מיר זײַנען טויט, און נאָר אַדאַנק אָט דער האָפֿענונג און דערוואַרטונג דערלעבן מיר אַלע יאָר א באַנײַטע פֿרילינגדיקע פֿאַנאַנדערבליִונג!

אַף דעם האָט די יאַדלע, וועלכע געפֿינט שוין שטענדיק מיט וואָס א שטאָך צו טאָן, ניט גע־האַט וואָס צו ענטפֿערן. איר האָט פּאַשעט פֿאַר־כאַפּט דער אָטעם פֿון א פֿאַרשיקערנדיקן גע־דאַנק, וואָס איז אופֿגעקומען אין איר אײַנגע־שפּאַרטן קאָפּ. און — צי איז דאָס געווען אונ־טערן אײַנדרוק פֿון דעם לינדנבוימס ווערטער, צי אונטערן צערטלען פֿון דעם לינדן ווינטע־לע — אָבער זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז זי וואָלט גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פֿון אירע אײביק־גרינע נאָדלען און וואָלט אַפֿילע אײַנ־געגאַנגען צו שטיין ווינטער א נאַקעטע, אָט אַזוי ווי אַלע אַנדערע ביימער אין סאָד, אַבי נאָר מיט זיסן ווייי צו פֿילן, ווי אין איר שטאַם לעבט און בליט און טראָמט זאַפֿטיק די האָפֿענונג אַפֿן אָנקום פֿון א באַנײַטער צעבליִונג.

ק ר י ט י ק

אין קרײַז פֿון ליטעראַטור־פֿרײַנט איז אַרומ־גערעדט געוואָרן אָן אָקאָרשט־דערשינען ביכל פֿון אײנעם אָן אָנפֿאַנגער. דערבײַ זײַנען, נאָ־טירלעך, אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַרשיידענע מיינונגען — ווער ס'איז געווען פֿאַר, ווער קעגן, ווער ביכלאַל אַהין און אַהער. אַלץ, ווי עס פֿירט זיך... אָבער שאַרפֿער פֿון אַלע קריטיקער בין איך געווען: איך האָב אָן ראַכמאָנעס גערעדט וועגן דעם אווטאָר, אים אָנגערופֿן אַמהאָרעץ און טאַלאַנטלאָזיקײַט, כ'האָב געטײַנעט, אַז זײַן ביכל איז, לויט מײַן מיינונג, ניט מער, ווי א גאָרנישט־זאָגנדיקע פּלאַפּלערײַ.

אײַנמיטן פֿון מײַן פֿײַערדיקער דראָשע איז אין שטוב אַרײַנגעקומען א נײַער מענטש, ער האָט זיך געפֿילט שולדיק, וואָס ער האָט פֿאַר־שפּעטיקט, און באַשיידן זיך צוגעזעצט אין א שאָטנדיק ווינקעלע. איך האָב פֿאַרגעזעצט מײַן אַרבעט — געשאָטן פּעך און שוועבל.

— דער דאָזיקער אווטאָר, — האָב איך גע־פֿײַערט, און קעדיי דער נײַגעקומענער זאָל, כאָלילע, ניט האָבן קיין טאָעס, וועמען איך מיין, האָב איך אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם שלימאַזלדיקן שרײַבער, — דער דאָזיקער גראַ־פֿאָמאַן קען ניט אַף א גראַשן דאָס לעבעדיקע לעבן, אים איז לאַכלוטן פֿרעמד דאָס, וואָס

מ׳רופט פסיכאָלאָגיע, עס פעלט אים אויך יעדער געזעלשאַפטלעכער כוש... וואָס שײַעך גע־שמאַק — ווייסט ער אַפילו ניט, מיט וואָס מ׳עסט דאָס, און קיין פאַנטאַזיע פאַרמאָגט ער ניט אַף אַ האָר די ווערט! ביכלאַל, וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן? ער האָט קיין אַנונג ניט, וויאַזוי מע דאַרף בויען אַ ליטעראַריש ווערק, ער קען ניט צונויפבינדן צוויי זאַצן, און פרעגט אים בע־כיירעם, וואָס דאָס איז אַזוינס בילדערישקײַט. און אַזאַ איינער, — האָב איך אונטערגעפירט דעם סאַכאַקל, — האָט די האָזע אונטערצוטראָגן מענטשן זײַן געשמאַקלאָזע מאַכערײַקע און וויל אײַנשמועסן, אַז ער איז אַ שרײַבער... קאָן זײַן, אַז עמעצן וועט ער אײַנריידן, בא מיר אָבער האָט ער ניט געטראָפן!

נאָך מײַן רעדע איז אַ ווײַלע געווען טויט־שטיל, און דאָ האָט פון דעם ווינקל, ווו דער נײַגעקומענער איז געזעסן, זיך דערטראָגן אַ שטילע ציטערדיקע רעפּליקע:

— יאָ, איך זע טאַקע אײַן, אַז דער אַווטאָר, וועמען איר האָט דאָ אַזוי האַרב קריטיקירט, דאַרף זיך נאָך אַ סאַך לערנען... ער שטייט ניט אַף דער נייטיקער הייך... אָבער, איר וועט מיר אַנטשולדיקן — איר זײַט, דאַכט זיך, געווען אַ ביסעלע צו שאַרף... אָט מיטן אָנרופן אים גראַ־פאָמאַן און אַמהאָרעץ... אַנטשולדיקט מיר...

— און איך פאַרזיכער אײַך, אַז ס׳איז נאָר אַזוי, ווי איך האָב געזאָגט, — האָב איך זיך נאָך מער צעהיצט, שטאַרק אומצופרידן דער־מיט, וואָס עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאַרשוין דערוועגט זיך מיר צו דערווידערן. — איך כאַ־זער איבער, אַז ער איז אַ גראַפאָמאַן און אַן אַמהאָרעץ! איר וועט מיך ניט איבעררײדן! און ווער זײַט איר ביכלאַל, וואָס איר נעמט זיך אים פאַרטיידיקן? עפּעס זײַט איר גאָר אַ ניי...

אָבער דאָ איז מיר דאָס וואָרט געבליבן שטעקן אין האַלדז, ווײַל אין דעם מאָמענט האָט דער יונגערמאַן אופגעהויבן די אויגן, וועלכע ער האָט ביז איצט געהאַלטן שעמעוודיק אַראָפּ־געלאָזט, ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַן אומ־שולדיקן בליק, און מיטאַמאָל האָב איך אים דערקענט:

יעדן טאָג זע איך אים דאָך אין שפּיגל!

איך וועל פּינקטלעך ניט זאָגן, צי דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען אַזוי, אָדער דאָס האָט זיך מיר נאָר אויסגעדוכט אין אַ מינוט פון שאַר־פער זעלבסטקריטיק. אָבער די יעניקע צווישן אונדז, שרײַבער, וועמען ס׳איז ניט אײַנגאַנצן פרעמד די דאָזיקע פּײַנלעכע באַשעפטיקונג, וועלן מיך פאַרשטיין און מיר מיטפילן. ווײַל ווער נאָך, ווי זיי, ווייסט, קיין שום קריטיק פון דער זײַט, ווי שאַרף זי זאָל ניט זײַן, וועט זי אָבער ניט זײַן אַזוי האַרב און אומראַכמאָ־נעסדיק, ווי די, וועלכע מע טראָגט ארויס אַף זיך אַליין.

דער באַנאַכטיקער באַגלייטער

ער לויפט מיר נאָך אין אַ פינצטערער גאַס. יאָגט אין איין אָטעם און קאָן מיך אַלץ ניט איבעריאָגן. אַזוי לויפנדיק, פאַרלירט ער צוביס־לעך זײַן לעבן, אַלץ שיטערער, דורכזיכטיקער און שוואַכער ווערט ער. ווען איך קום נעענטער צו צום לאַמטערן, וואָס לײַכט אַפן ווינקל גאַס, און ווען איך קוק זיך אום הינטערווײַלעכס, באַווײַז איך נאָך צו זען, ווי ער מאַכט מיט זײַן האַנט אַ פאַרצווייפלטע באַוועגונג, און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער זײַן אָפּשטאַרבנדיקן שעפּטש:

„פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן אַף אייביקע צײַטן! דו לויפסט אַהין, ווו ס׳איז ליכטיק, און איך מוז דעריבער שטאַרבן...״

אָבער אָט האָב איך שוין דעריגרייכט דעם לאַמטערן, גיי אים פאַרבײַ און שפּאַן ווידער אַרײַן אין אַ פאַרטונקלט געסל. און דאָ דערזע איך, ווי דער זעלביקער נעפּעש, וועלכער האָט דאָ אָקאָרשט געפּויזעט הינטער מיר אין גסיסע־ווייען, לעבט צוביסלעך ווידער אויף, טוט מיט־אַמאָל אַ שפּרונג פאָרויס, נעמט האָפּערדיק לויפן פאָרויס פון מיר.

„זעסט? — כוויזעקט ער און באַווײַזט מיר אַ צונג, — זעסט, ווי געזונט און קרעפטיק איך בין און ווי געשווינד כ׳האָב דיך אַריבערגע־יאָגט? אַבי דו האָסט געמיינט, אַז מיט מיר איז שוין אויס... ניין, ניין, אַזעלכע ווי איך שטאַרבן ניט! איצט וועל איך לויפן פאָרויס, און דו וועסט זיך שלעפּן הינטער מיר!״

„האָסט אַ טאָעס! — זאָג איך צו אים. — דו ביסט ניט מער, ווי אַ נאַרישער גרויסהאַלטער. ניט לאַנג וועסטו לויפן פאָרויס...״

„אַזוי מיינסטו? אָבער דעם טאָעס האָסטו גאָר!״ — רופט ער זיך אָן מיט האָזע, שפּרייט זיך אויס איבער דער גאַנצער גאַס און קריכט אין זײַן כוצפּע אַפילו אַרויף אַף אַ גלײַכער וואַנט.

„לייג זיך ניט אַזוי פאַנאַנדער, דו! — שרײַ איך אַף אים. — ס׳איז דאָך קיין סאָד ניט, אַז אַ העלד ביסטו נאָר קאָלזמאַן איך שטיי מיטן רוקן צו דער שײַן. אָבער ווען...״

און דאָ דערזע איך מיטאַמאָל, אַז ס׳איז שוין גאָר ניטאָ מיט וועמען צו ריידן — אַזוי אײַנ־געשרומפּן, דאַר און קליין ווערט מײַן באַלדאָ־ווער. איך פאַרשטיי, אַז דאָס געשעט מיט אים דערפאַר, ווײַל איך דערנעענטער זיך צום לאַמטערן, וואָס שיקט פון אַן אַנדער ווינקל גאַס זײַן ליכט. איך שטעל אַ טראָט פאָרויס, און

ווען איך וואַרף אַ קוק אויף הינטן, קעדיי צו זען, וווּ מײַן באַגלייטער האַלט אין דער וועלט, — זע איך נאָר, ווי זײַנע בלאַסע רעשטלעך צעפֿאַלן זיך.

אָט אַזאַ איז ער שוין, דער שאָטן מײַנער. דער, וואָס יאָגט מיר נאָך אין די אָוונטן און יאָגט מיר נאָך אַ לעבן. שטיי איך מיטן רוקן צו דער שײַן — ווערט ער גרויס בײַ זיך און שפּרינגט מיט כוצפּע פֿאָרויס. זעט ער אָבער, אַז איך בין נאָענט צום ליכט — פֿאַרקריכט ער האַכנאָעדיק פֿון הינטן און ווערט אַלץ מאַכטלאָזער, שיטערער, דורכזיכטיקער, ביז ער פֿאַרשווינדט אינגאַנצן.

די גוטע, ליבע זון

אין מײַנע קינדער־יאָרן בין איך איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פֿאַרנאַכט צוזאַמען מיט מײַן פֿאָטער געגאַנגען איבער אַ שליאַך. פֿון איין זײַט, געדענק איך, האָט זיך געצויגן אַ טונקעלער, סוידעסדיקער וואַלד, פֿון דער אַנדער זײַט — אַ פֿעלד, וואָס איז געלעגן פֿאַרטוליעט אין אַן ענדלאָזער שניי־קאָלדרע. מיר ביידע האָבן געשטעלט אונדזערע פֿוסטריט אין דער שליטן־קאָלייע אויפֿן וועג און געשפּאַנט און געשפּאַנט אינמיטן פֿון אָט דער אין שטילקײַט און פֿראָסט פֿאַרקאָוועטער פֿרעכטיקער וועלט.

און ווי איך האָב אַזוי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויפֿן שניי, האָב איך מיטאַמאָל, צו מײַן גרויסן שטוינען, דערזען, ווי איבער זײַן ווײַסקײַט שפּרייט זיך פּאַמעלעך אויס אַ צאַרטראָזעווער שלייער. איך האָב אַרויפֿגעבליקט: ווײַט־ווײַט, איבערן פֿאַס, וווּ עס באַגעגענען זיך הימל און פֿעלד, איז גאָר נידעריק און גרויס, ווי אַ ראָד, געהאַנגען אַ רויטע, צעפֿלאַמטע זון. אַזאַ האָב איך זי אין אונדזער שטאָטישן ענגן הויף קיינמאָל ניט געזען. און אויסגעדוכט האָט זיך מיר, אַז זי קוקט אַראָפּ אומעטיק און אַזוי ווי פֿאַרשעמט.

— פֿאַרוואָס, טאַטע, איז די זון אַזאַ אומעטיקע? — האָב איך מיט אַ פֿאַרפֿראָרן הענטל אַ צופּ געטאָן דעם טאַטן בײַ דער פּאָלע.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, נאָכדעם אַ פֿרעג געטאָן בײַ מיר:

— זאָג, זונעלע, איז דיר הײַנט געווען קאַלט?

— אַוואַדע, — האָב איך געענטפֿערט, אַ פֿאַרכידעשטער פֿון דעם טאַטנס פֿראַגע, — אַ גאַנצן טאָג האָב איך געהאַלטן אין איין פֿרירן!

— אָט דערפֿאַר טאַקע איז זי אומעטיק, די גוטע זון, — האָט ער מיר אויפֿגעקלערט, — דערפֿאַר, וואָס זי האָט ניט געקאָנט דערוואַרעמען אַזעלכע ייִנגלעך, ווי דו, און איר האָט געמוזט פֿרירן... זי האָט דיך דאָך אַזוי געוואָלט דערוואַרעמען, אָט אַזוי ווי זי טוט דאָס זומער! אָבער דער ווינטער האָט בײַ איר אָפּגענומען אַלע קויכעס, אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט, און קיינעם איז פֿון איר ניט געוואָרן וואַרעם... הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין, פֿאַרוואָס זי איז איצט, פֿאַרן אַוועקגיין, אומעטיק?..

יאָ, איך האָב פֿאַרשטאַנען און איר שטאַרק מיטגעפֿילט, דער אָרעמער זון.

...ס'איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, און דער ווינטער האָט זיך גענומען געזעגענען. באַלד האָט שוין די זון מיט אַ וואַרעמען שמייכעלע אַרײַנגעקוקט צו אונדז אין הויף, און פֿון טאָג צו טאָג האָב איך געזען, ווי זי נעמט זיך אָן מיט אַלץ מער קויכעס.

דעמאָלט האָט מײַן פֿאָטער געזאָגט:

— געדענקסט יענעם ווינטערדיקן פֿאַרנאַכט, ווי אומעטיק די זון איז געווען? זע נאָר איצט, ווי זי שײַנט און שטראַלט! דאָס שטראַלט זי פֿון פֿרייד און נאַכעס, ווײַל ס'איז געקומען איר צײַט צו לויכטן און צו וואַרעמען. מער וועט זי שוין ניט דאַרפֿן זיך צוקוקן, ווי אַ וועלט פֿרירט, מער וועט איר שוין ניט אויסקומען זיך שעמען, וואָס זי קאָן מיט גאָרנישט העלפֿן...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך שוין באַקענט מיט די געזעצן, וואָס הערשן אינעם וועלט־רוים, און מיר זײַנען ניט פֿרעמד געוואָרן די באַגריפֿן „עקליפּטיק", „פֿרילינגפּונקט", „הימל־עקוואַטאָר". געוויס איז אַדאַנק דעם די זון און דאָס גאַנצע וועלט־בילד איצט מיר אַ סאַך קלאָרער און פֿאַרשטענדלעכער. אָבער אָפּאַנעמעסן איז דאָס מיר נאָענט און פֿאַרשטענדלעך געוואָרן נאָך דעמאָלט, אין דער קינדהייט — ווען דער טאַטע האָט מיר אויף זײַן פֿאָלקסטימלעכן אויפֿן דערקלערט אין יענעם ווינטערדיקן פֿאַרנאַכט, פֿאַרוואָס די זון איז אומעטיק. דאַן איז זי מיר געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז כאָטש נעם און שטעק איר אָפּ אַ שאָלעמ־אַלייכעם, דער ליבער, גוטער זון.

די גאָלדענע טויב

איך האַלט די האַנט ווי אַ דעכל איבער די אויגן, קעדיי ניט פֿאַרבלענדט צו ווערן פֿון דער שעפֿע גינגאָלד, וואָס גיסט זיך פֿון הימל, און מיט אַ פֿאַרהויבענעם קאָפּ קוק איך, ווי איך דער לויטערער ראַכוועס קרײַזן אַרום טויבן. ניט אַלע פֿליִען הויך, דאָסראָוו שוועבן נידעריק, האָבן פּאַכעד צו שטאַרק אָפּצורײַסן זיך פֿון דער ערד, וווּ עס ליגן שטענדיק גרייט זעטיקע ברעקלעך. איין טויב אָבער איז דרייסט, טוט זיך אַ באַפֿרײַטן ריס פֿאָרויס און פֿליט אַרויף הויך־הויך, נעענטער צו דער זון, און אין איין רעגע זע איך זי שוין אינגאַנצן אַ בלישטשענ־

דיקע, אינגאַנצן אָן אָפּגעטונקטע אין ליכט און גלאַנץ.

א ייִנגעלע, וואָס שטייט בא מײַן זײַט און קוקט פאַרגאַפּט אין דער הייך, טוט מיך אין זײַן אַליינפאַרגעסנקײַט א צופּ באַם אַרבל.

— זעט נאָר, פּעטערל, — פאַרגייט ער זיך אין היספּײַלעס, — זעט נאָר! די פליגלען פון דער טויב זײַנען דאָך אינגאַנצן פון גאָלד! — א ווײַלע פאַרטראַכט ער זיך, נאָכדעם פרעגט ער: — זאָגט נאָר, וועט זי באַלד אופהערן פליִען, אָט די גאָלדענע טויב?

— וואָסי? — ווונדער איך זיך אָף זײַן אויסטערלישן ווונטש. — דיר געפעלט ניט, ווי זי פליט?

— אוי, ס׳געפעלט מיר שטאַרק! אָבער, — און ער שפּרינגט אונטער אין אומגעדולד, — אָבער איך וויל, זי זאָל שוין זײַן אונטן, די גאָלדענע טויב! איך וויל, אַז דאָ, בא מײַן זײַט, זאָל אַרומשפּאַצירן א גאָלדענע טויב... אָט וועט זײַן וואָס צו זען!

— איך פאַרשטיי דיך, — טו איך א גלעט דאָס ייִנגל איבערן קעפּל, און דערבײַ אָבער קאָן איך זיך ניט צוריקהאַלטן פון עפענען אים די פאַרכאָלעמטע אויגן אָף דער וואָר, — נאָר דאַרפסט וויסן, אַז ווען זי וועט זיך אַראָפּלאָזן אָף דער ערד, וועט זי שוין מער ניט זײַן קיין גאָלדענע, זי וועט ווײַטער זײַן ברוין, אָדער בלאָ, אָדער גראָ, אַזוי ווי אַלע אַנדערע טויבן...

— דאָס קאָן ניט זײַן! — רופט ער אויס, — זי איז דאָך פון גאָלד, איז ווי קאָן זי ווערן אַזוי ווי די־אָ? — און אָנווײַזנדיק אָף די טויבן, וואָס דרייען זיך אַרום אונדז און פּיקן ברעקלעך, גיט ער צו מיט קינדערשער אַקשאָנעס. — ס׳קאָן ניט זײַן!

— זי דאַרף גאָרניט ווערן, ווי אַלע, — לאָז איך ניט אָפּ מײַן ניכטערן טאָן, — זי איז דאָס שוין! זי איז ניט אַנדערש פון אַלע טויבן, און א גאָלדענע איז זי נאָר דערפאַר, ווײַל זי פליט הויך!

און איך גיב אים צו פאַרשטיין, אַז איטלעכע פון די טויבן, וועלכע מיר זעען דאָ, קאָן אויך ווערן אַזאַ גאָלדענע. עס דאַרף נאָר קומען איר צײַט.

— און ווען וועט קומען איר צײַט? — וויל דאָס נײַגעריקע ייִנגל וויסן.

— איר צײַט וועט קומען דעמלט, — פאַרענדיק איך דעם דאָזיקן קינדישן און צוגלײַך ערנסטן שמועס, — ווען זי וועט זיך אָנעמען מיט דרייסטקײַט און א פלי טאָן הויך־הויך... דעמלט וועט די זון זיך דערפרייען מיט איר און איר אַרויסשיקן אַנטקעגן טויזנט שטראַלן, וואָס וועלן פאַרוויקלען אירע פליגלען אין גינגאָלד און זי פאַרוואַנדלען אין א גאָלדענער טויב פון פאַנטאַזיע.

פאַרזשאַווערט...

ווען מע ליגט אין א זומערדיקן טאָג צווישן גראָזן, הערט מען, ווי אַרום שמועסן זיך דורך קאָלערליי פליגעלעך און זשוקעלעך, און אַפילע די אייביקע שווײַגערנס, מוישע־ראַביינעס קיִעלעך, באַקומען אויך לאָשן, און אַלע צוזאַמען זשומען זיי און הודזשען און באַזינגען מיט גרויס באַגײַסטערונג די מעכײַעדיקע וועלט און די פריידן, מיט וועלכע דאָס זומערדיקע צעשטראַלטע לעבן באַשענקט זיי.

אין יענעם טאָג, ווען איך האָב, א פאַרוויגטער פון דער זיסער זשומערײַ פון דער קאַפּעליע לעבעדיקע ברויִמלעך, געכאַפּט א דרעמל צווישן גראָזן אין פעלד, האָט גאָר אומדערוואַרט זיך אַרײַנגעריסן א מעשונעדיק־סקריפּענדיק קאָל. אַרומקוקנדיק זיך, האָב איך דערזען בא מײַן זײַט ליגן א פאַרזשאַווערט שטיקל אײַזן.

„א רויף פון א טאַנק בין איך... — האָט דאָס אײַזנדל געמאַכט א פּרווו העפלעך זיך פאָרצושטעלן, אָבער די העפלעכקײַט זײַנע איז געווען אַזאַ סקריפּענדיקע און זעגנדיקע, אַז מיר איז אַריבער א סקרוך איבערן לײַב. — און געווען בין איך דאָס ביז יענער אומגליקלעכער שאָ, ווען מ׳האָט צעשאָסן מײַן טאַנק... איצט ליג איך דאָ און מאַטער זיך יאָרנלאַנג... די רעגנס ווייקן מיך דורך און דורך, די ווינטן פּײַניקן מיך, איך ווער אַלץ מער פאַרצויגן מיט רויטברוינעם זשאַווער, וואָס צעפרעסט מײַנע אײַנגעווידן... אָבער נאָך גרעסערע יעסורים ווי דאָס אַלץ פאַרשאַפט מיר צוצוזען, ווי אונטער די זעלביקע רעגנס, וואָס דערגייען מיר די יאָרן און טייטן מיך פּאַמעלעך אָפּ, לעבן גאָר אוף די געוויקסן אַרום מיר און בליִען יעדן יאָר אוף מיט נײַער, פרישער גרינקײַט... איז זאָג מיר, מענטש, פאַרוואָס ברענגט איינע און די זעלביקע נאַטור זיי לעבן, און מיר טויט? איז דאָס גערעכט?"

און די ביטער באַוואָלטע רויף האָט הייזעריק זיך צעכליפּעט און מיך דערמיט אופגעוועקט פון מײַן דרעמל. אַזוי האָב איך ניט באַוויזן אָף אירע פאַרזשאַווערטע טײַנעס צו ענטפערן, אַז אין דעם טאַקע ליגט די גרויסע גערעכטיקײַט און קלוגשאַפט פון דער נאַטור, וואָס מיט די זעלביקע וווּנדערלעכע קויכעס אירע, מיט וועלכע זי שענקט קעסיידערדיקע באַפּרוכפּערונג און באַנײַונג די אַלע, ווער ס׳באַצירט און באַרײַכערט דאָס לעבן, טראָגט זי אָבער פאַרזשאַווערטקײַט און אומקום אַלע צעשטערער, פאַרדאַרבער און פאַרטיליקער פונעם לעבן.

גערַאטעוועט פון א וועלט־איבערקערעניש

אף א טעלעגראַפן־דראָט, וואָס איז אָנגעצויגן צווישן צוויי סלופּעס, זיצט א טשאַטע שפּערלען און רוט זיך נאָכן מיטיק אין דעם טוווע־פעלד. די שפּערלען זײַנען זאַטע און אין א גוטער שטימונג, זיי הוידען זיך בעניִמעסדיק אפן דראָט, און פאַרוויגט פון זײַן לײַכטער הודזשע־רײַ, גיבן זיי זיך איבער זייערע שפּערלשע כאַלוימעס.

„טשיק... טשיק... טשיק... טשיק־טשיריק... — פּישטשען זיי אין זיסן האַלב־דרעמל. — ווי ווויל ס'איז זיך צו וויגן אפן דראָט... ווי מעכײַעדיק ער הייבט אונדז אַרוף און אַראָפּ... און ווי גוט ס'איז ביכלאַל צו לעבן זאַט און זאָרגלאָז... טשיק־טשיריק...“

דעם אויבנאָן אפן דראָט פאַרנעמט אן אַלט שפּערל, דער הויפּטלינג פון דער מאַכנע, און ווען עס דערגייט צו אים אָט די זעלבסטצופרידענע פּישטשערײַ, רופט ער זיך אָפּ מיט א גײַוועדיק קאָל:

„איך זע, כעוורע, אז אײַך איז גוט אפן האַרצן אַדאַנק דעם פּאַמעלעכן און פאַרוויגנדיקן הוידען זיך פונעם דראָט! בין איך טאַקע, טשיק־טשיריק, שטאַרק צופרידן פון דעם... אָבער איר מיינט דאָך אוואַדע, אז דער דראָט וויגט זיך פון זיך? איז האָט איר א טאָעס, מײַנע ליבינקע שפּערעלעך! זײַט וויסן, אז דאָס שאָקל איך אים מיט מײַן קויעך, ווײַל איך זאָרג שטענדיק פאַר אײַך, אז אײַך זאָל זײַן גוט און ווויל, טשיק־טשיריק...“

„טשיק־טשיריק... — צעפּאַרשקען זיך די שפּערלעך אין היספּײַלעס. — לעבן זאָל דער גרויסער מײלעך, וואָס האַלט אין איין זאָרגן פאַר אונדזער ווויל און גליק! אייביק לעבן זאָל זײַן גרויסער קויעך!“

די באַוווּנדערנדיקע און דאַנקבאַרע פּישטשע־רײַ צעוואַרעמט שוין אינגאַנצן דאָס אַלטע שפּערל.

„טשיק־טשיריק! — גייט ער אַריבער אַף די הויכע טענער. — יאָ, כעוורע, שוין איינמאָל א קויעך פאַרמאָג איך! ווען איך וויל נאָר, קער איך מיט דעם דאָזיקן קויעך מײַנעם איבער די גאַנצע וועלט!“

הערנדיק אַזעלכע דיבורים, צעפּישטשען זיך די שפּערלעך אין גרויס שרעק, האַרבענען זיך אַזש אײַן און זייערע פעדערן שטעלן זיך קאַ־פּויר. און דער הויפּטלינג, א צופרידענער פון דעם פּאַכעד, וואָס ער האָט אַרופגעוואָרפן אַף זיי, גיט באַלד אָפּ א שטרענגן באַפעל:

„נו, כעוורע, גרייט זיך צו דער וועלט־איבער־קערעניש! מאַכט נאָר צו אַף א רעגעלע די אויגן, און ווען איר וועט לויט מײַן קאָמאַנדע זיי עפענען, וועט שוין ליגן פאַר אײַך די וועלט אַן איבערגעקערטע, טשיק־טשיריק!“

אין פאַרצטיקער מוירע לאָזן אַלע אַראָפּ די צאַרטע הײַטלעך איבער זייערע שוואַרצע קוי־קערלעך, און מיט פאַרטײַעטע הערצער נעמען די שפּערלעך וואַרטן אפן אומפאַרמײַדלעכן סאָף.

און דאָס אַלטע שפּערל בלאָזט זיך אָן, צע־טאַנצט זיך אפן דראָט, טראָמפּלט אַף אים מיט זײַנע דינינקע פיסעלעך, — נאָר ווי אַפּצולאַכעס בלײַבט די וועלט שטיין אַף איר אָרט! דער הויפּטלינג איז א ביסל צעמישט, אָבער ער פאַלט בא זיך ניט אַראָפּ, און באַלד צעפּי־טשטשעט ער זיך נאָך מיט מער האָפערדיקײַט, ווי פרי'ער:

„עפנט אײַערע אויגן, כעוורע, און דאַנקט און לויבט אײַער מײלעך, טשיק־טשיריק! זײַט וויסן, אז דאָס האָב איך אײַך געראַטעוועט! ווען איך קער מיט מײַן קויעך איבער די וועלט, וואָלט דאָך דער דראָט אויך איבערגעקערט געוואָרן, און ווו וואָלט איר דעמלט געזעסן און רו'יק און געמיטלעך זיך געהוידעט?! האָב איך אין לעצטן מאָמענט באַשלאָסן איבערלאָזן די וועלט אַזוי, ווי זי איז... און אַלץ צוליב אײַך, פאַר אײַער ווויל און גליק, טשיק־טשיריק...“

בא די ווערטער פון זייער מײלעך אָטעמען די שפּערלעך אָפּ פרײַער, עפענען זייערע שוואַרצע קוקערלעך, וואָס האָבן איצט זיך צעגלאַנצט מיט באַזונדערער פרייד, און אין גרויס באַגײַסטערונג צעפּישטשען זיי זיך:

„טשיק־טשיריק, טשיק־טשיריק... לעבן זאָל דער גרויסער, אומפאַרגלײַכלעכער שפּערל, וועלכער זאָרגט שטענדיק פאַר אונדז און האַלט אין איין טראַכטן און קלערן, ווי לײַכטער און ליכטיקער צו מאַכן אונדזער לעבן! טשיק־טשי־ריק פאַר זײַן געזונט!“

„און איצט, — גיט דער גערירטער הויפּטלינג אַף א באַפעל, — לאָמיר זיך אופהייבן און ווײַ־טער פלי'ען איבער דער שיינער וועלט, וועלכע איך האָב אָפּגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג! און געטאָן האָב איך דאָס אַלץ פאַר אײַך און צוליב אײַך, טשיק־טשיריק!“

פאַרבײַגייער

אף א באַנק אין סקווער האָב איך דערזען זיצן אַן עלטערן מענטשן. ער איז געזעסן אײַנ־געהויקערט, האָט געקוקט פאַר זיך מיט אַן אומבאַוועגלעכן, פאַרדראָסיקן בליק — א בליק פון א קראַנקן מענטשן. איך האָב זיך צוגעזעצט אפן אַנדערן ברעג באַנק, א ווײַלע פון דער

זײַט זיך צוגעקוקט צו דעם אומבאַקאַנטן און נאָכדעם אים געפֿרעגט:

— איר פֿילט זיך ניט גוט? עפּשער אײַך העלפֿן מיט עפּעס?

ער האָט פּאַמעלעך זיך אויסגעדרייט צו מיר, מיט א בלאַסן שמייכל מיך אָנגעקוקט און אַרויסגעבראַכט מיט א שוואַכער שטים:

— יאָ, כ׳האָב זיך טאַקע געפֿילט ניט גאָר גוט... אָבער איר... איר... האָט מיר שוין געהאָלפֿן...

— איך?.. געהאָלפֿן?.. — האָב איך זיך געכיידעשט. — מיט וואָס, אייגנטלעך, האָב איך אײַך געהאָלפֿן?

דער אַלטער האָט פֿאַרטרוילעך זיך אָנגעבויגן צו מיר און אָנשטאָט צו ענטפֿערן מיר, אַליין גאָר געפֿרעגט:

— זאָגט, איר האָט זיך קיינמאָל ניט פֿאַרטראַכט וועגן דעם וואָרט „פֿאַרבײַגייין”? וועגן דעם גרויליקן זין, וואָס ליגט אין דעם?

— גרויליקן? איך פֿאַרשטיי אײַך ניט...

— יאָ־יאָ, גרויליקן! — האָט ער געזאָגט מיט באַטאָנונג. — פֿאַר־בײַ־גיין... דאָס הייסט דאָך — ניט אַרויסווײַזן קיין אינטערעס צום מענטשן, ניט לייגן קיין אַכט אויף אים, איבערלאָזן דעם צווייטן אויף הפֿקר... מיך שרעקן מענטשן גלײַכגילטיקע, וועלכע קוקן אויף אַלץ און אַלעמען מיט א מינע פֿון „ניט מײַן אײַסעק”! כ׳האָב מורא פֿאַר פֿאַרבײַגייער.

— נו, איר איבערטרײַבט, — האָב איך אים דערווידערט, — ניט אַלע פֿאַרבײַגייער זײַנען דאָך קאַלטע לונג־און־לעבערס.

— יאָ, צום גליק, ניט אַלע! — האָט ער צוגעגעבן. — אָבער אָט זיץ איך שוין דאָ איבער א שאָ צײַט, מענטשן זײַנען דורכגעגאַנגען ניט ווייניק, און קיינעם פֿון זיי איז ניט אײַנגעפֿאַלן זיך אויף א רגע אָפּשטעלן און א פֿרעג טאָן דעם אַלטן מאַן מיטן קראַנקן אויסזען, צי ער נייטיקט זיך ניט אַמאָל אין הילף... און מיר איז דאָך געווען אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט, כאָטש לייג זיך און שטאַרב! און איר ווייסט מיר גלייבן? ווי נאָר איר האָט זיך צוגעזעצט, מיט מיטגעפֿיל א קוק געטאָן אין מײַן זײַט — איז מיר שוין גרינגער געוואָרן... געוויס, — האָט ער אויפֿגעך צוגעגעבן, — מײַן אָנפֿאַל איז פֿאַרבײַ עפּשער אַדאַנק דעם ניטראָגליצערין, אָבער אײַער הילף איז דאָ געווען זייער און זייער וויכטיק! א דאַנק אײַך דערפֿאַר, א דאַנק!

ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן, מיר לאַנג געדריקט די האַנט, נאָכדעם אַוועקגעגאַנגען. און איך בין געבליבן זיצן און טראַכטן וועגן דעם, ווי לײַכט, אייגנטלעך, ס׳איז אַמאָל צו העלפֿן א מענטשן, אַרײַנגעבן אין אים א ביסל מונטערקײַט. מע דאַרף אים נאָר ניט פֿאַרבײַגיין.

כראָניק

אין פּרעזידיום פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון אוקראַיִנע

אויף א ספּעציעלער זיצונג פֿון פּרעזידיום פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון אוקראַיִנע זײַנען אונטערגעפֿירט געוואָרן סאַכאַקלען פֿונעם פֿעסטיוואַל „טעג פֿון דער ליטעראַטור פֿון די פֿעלקער פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד” וואָס איז לעצטנס דורכגעפֿירט געוואָרן אין אָדעס.

אינעם באַגריסונגס־אַדרעס צו די אָנטיילנעמער פֿונעם פֿעסטיוואַל, וועלכן ס׳האָבן צוגעשיקט דער אָדעסער געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי פֿון אוקראַיִנע און דער געגנט־אויספֿירקאָמיטעט, ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „דער יאָמטעוו פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז א בוילעטער באַווײַז פֿונעם זיג פֿון דער לעניניסטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון אונדזער פּאַרטיי”.

אויף דער זעלבער זיצונג פֿונעם פּרעזידיום פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון אוקראַיִנע איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס אַרײַנצונעמען אַלס מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פֿאַריין 12 ליטעראַטן, צווישן זיי דעם ייִדישן דיכטער אַווראָם קאַצעוו, וועלכער לעבט און שאַפֿט אין כערסאָן.

די צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ” פֿאַרן 15 יוני האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשלוס פֿאַרעפֿנטלעכט די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די נײַע מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד און קורצע אויסצוגן פֿון זייערע ביאָגראַפֿיעס. די צײַטונג מערקט, צווישן אַנדערס, אָפּ, אַז דער דיכטער אַווראָם קאַצעוו, וועלכער האָט אין משך פֿון פֿיל יאָרן געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָג, האָט אַרויסגעגעבן א בוך „קינדער־לידער”, פֿאַרעפֿנטלעכט ציקלען לידער אין דער אַנטאָלאָגישער זאַמלונג „האָריזאָנטן” (1965) און אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. אין 1972 איז דערשינען א. קאַצעווס א נײַע לידער־זאַמלונג אין דער איבערזעצונג אויף אוקראַיִניש.

■ ■ ■

שוועבט מײַן גײַסט

• • •

איבער בערג און גריבער, געלע, גרינע,
שוועבט מײַן גײַסט מיט ליבע און מיט סינע,
ברענט מײַן הארץ און פיבערט,
לעבן צוליב זיך אַליין וויל איך ניט,
לעבן צוליב זיך אַליין קען איך ניט,
און ס'לעבן — איז מײַן ליבע...

טײַך און טהאָם, און רוישנדיקע וועלן
טראָגן דורך זיך, אַף ניט אָפּצושטעלן,
פון דער ערד און רוים ניט אָפּצווישן.
לעבן צוליב עמעצן מוז מען דאָך,
לעבן צוליב עמעצן קען מען דאָך,
אַנדערש לעבט מען ווי זשע?

• • •

איך האָב א ייִנגעלע — א מאַזיק,
די ערד ברענט אונטער זײַנע טריט.
אַז ער טראָגט דורך זיך אין א קאָזאַק,
צו אים קיין גלײַכן ווייס איך ניט.

א טענצער איז ער און א זינגער,
א מײַסטער אין איטלעכן פאַך.
און עפּעס טאָן עס איז אים גרינגער,
ווי קוקן און ניט טאָן קיין זאַך.
און נאָך דער ארבעט — גליקלעך־מידע —
מיט פרײַנט ער רוט אָן זינד, אָן וויי.
אַף פּאַזשניעס[1] לאַכט מען, זינגט מען לידער,
און מע שלאָפט אײַן אין סטויגן היי.

איך האָב א ייִנגעלע — א מאַזיק,
די ערד ברענט אונטער זײַנע טריט.
אַז ער טראָגט דורך זיך אין א קאָזאַק,
צו אים קיין גלײַכן ווייס איך ניט.

[1] פּאַזשניעס — אָפּגעקאָסעטע פעלדער.

• • •

ס'איז די וועלט פון לאַנג דערפונדן,
דעם דערפינדער זוכט מען איצט,
ער איז וווּנדערלעך פאַרשוווּנדן,
ווי אין טונקלעניש דער בליץ.

שווער געפינען דעם דערפינדער
פון דער וועלט, מיט רויך פאַרהילט,
ווען עס שפּילן מענטשן־קינדער
אַפן מילשטיין זייער שפּיל...

• • •

אויב פײַער ליבסטו פאַרט
און ס'איז די שפּיל דיר טײַער,
דאַן שפּיל זיך מיטן וואָרט, —
עס איז א שפּיל מיט פײַער...

• • •

מאַכט איז גוט פאַר זיך,
כאַכמע גוט פאַר לײַטן,
מאַכט פאַרגעסט זיך גיך,
כאַכמע בלײַבט פאַר צײַטן...

• • •

דו פילסט פון די ניסלעך דעם טאַם דעם געשמאַקן,
ביזוואַנען מיט אייגענע ציין קענסט זיי קנאַקן.
דערנאָך וועט דער טאַם און די זיסקײַט פאַרגיין,
ווײַל יוגנט אַליין נאָך פאַרמאָגט אָט די ציין.

אלעקסאנדער גובניצקי

א געזונט אין דיר, קאַמאַז!

איך זיץ מיר אין שטוב, באַטראַכט די וועלט: פון מײַן פענצטער זעט מען די וואָלגע.

איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, נאָכן שאַפֿן אין דער שטאָט אוליאַנאָווסק דעם באַרימטן לעבין־מעמאָריִאַל, אויסגעבויט אַזאַ שיינע שטאָט, ווי טאָליאַטי, דעם זאַוואָד, וואָס לאָזט אַרויס די אויטאָמאַשינעס „זשיגולי״, איז טראָפּים פּילאָך, דער אַלטער סיביריאַק, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג, ווידער אַרײַן אין קאָן, אויף דער גרויסער בויונג אין נאַבערעזשניע טשעלני.

טאָליע מאָניסאָוו איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן קורס, וויִאַזוי מע דאַרף זיך נויהעג זײַן מיטן בעטאָן־אַפּאַראַט, און ער, דער געוועזענער אָוויִאַטעכניקער, וועט איצט אויך די מיידלעך אונטערלערנען „לאָזן״ דעם בעטאָן, צוריפּשלאָגן אָפּאָלובקעס.

דאָס פּאַרקישעפּטע שיפל „טשעלני״ ציט מיך צו זיך, ווי דער מעמאָריִאַל אין אוליאַנאָווסק, די פּאַדונער שוועלן אין בראַטסק, דאָס אייביקע פלעמל — בײַ דער קרעמל־וואַנט. עפּשער, טראַכט איך שטענדיק, ליגט דאָרטן, בײַ דער הייליקער וואַנט, מײַן אומגעקומענער ברודער?..

פייגעלעך פֿאָרכען אַרום, זוכן האָדיוולע, זינגען, מאַכן פריילעך. ס'איז עפּשער גוט, וואָס זיי זײַנען הונגעריק, פליִען זיי אַרום, און עס קאָכט דאָס לעבן, באַנאַכט איז דען בעסער, ווען די פויגל־וועלט שלאָפט?

— טשעלנע איז טשעלנע! — זאָגט הערשל פּערלס, האַנאָע האָבנדיק פונעם אַרומיקן שיינעם פּייזאַזש.

בײַם פונדאַמענט פון דעם ערשטן ביניען פונעם קומענדיקן אויטאָמאָביל־גיגאַנט האָט זיך וועסנע־צײַט צעוואַקסן דער אַלטער אויסגעקאָרטשעוועטער וואָרצל, די לעבנגעבליבענע אָדערלעך שפּראָצן מיט פרישע, גרינע גרעזעלעך.

דער ניוועליר שטייט נאָך בײַם דערפל טשעלנע דערווײַל נאָר אויף דרײַ פּיסלעך, ניט אַנדערש, ער וואַרט אויפן פּערטן, — אויסצומעסטן דעם ערד־שעטעך.

טשעלנע, אויף מאַמע־לאָשן, נעמט זיך פונעם רוסישן וואָרט „טשעלנאָק״, וואָס באַטײַט אַ קליין שיפל, אָבער ווען איך כאַפּ אַ בליק אויפן אומענדלעכן מאַסיוו פון קומענדיקן ריזיקן זאַוואָד קאַמאַז, טראַכט איך אין דער רגע: יעדער טײַך פאַלט אין זײַן יאַם אַרײַן.

פאַר 22 סעקונדעס וועט אַרויסגעלאָזט ווערן אַ נײַע מאַשין. דער גיבער האָט צעאַקערט די פאַרשלאָפענע צעלינאַ, אויפגעוועקט די דרעמלענדיקע ערד אויף די ברעגן פון דער וואָלגע, וווּ מע האָט אַמאָל געפלאָכטן פּאָסטעלעס.

הײַנט איז גאָר עפּעס אַנדערש, דער טײַך פאָכעט מיט דער נעשאָמע, ווערט פּאָשעט טויב פון די טויזנטער סוואַיעס, וואָס מע נערעקט אין אים אַרײַן.

מיר ווערן אים, דעם טײַך וואָלגע, ניט לויבן אין די אויגן, נאָר מע מוז מודיע זײַן, אַז ער איז שטאַרקער פון אײַזן, ער האַלט אויס דאָס דובען אים אין קאָפּ אַרײַן.

עס ווערן אין טשעלנע געבויט צענדליקער קאָרפּוסן, די מאָנטאַזשניקעס מאַכן צו צוויי נאָרמעס, מע האָט שוין אויסגעבויט שולן, שפּיטאָלן, גאָרקיכן, אַ האַנדלס־צענטער, מע זאָל ניט זאָגן, אַז אויפן גיגאַנט קאַמאַז איז ניט צו קריגן אַ שוועבעלע...

אינגיכן וועלן שוין זײַן פאַרטיק די פּראָדוציר־קאָרפּוסן — די „ליטייקע״, דער מאָטאָרן־זאַוואָד. טויזנטער מעטאַלישע קאָנסטרוקציעס האַלטן אונטער די ווענט און די סטעליע, זיי זאָלן, כאָלילע, ניט אײַנפאַלן.

ניקאָלײַ מאַקסימאָוויטש איוואַנצאָוו, דער שעף פון דער בויונג, פאַרשטייט זייער גוט, אַז דער סאָד פון אויפשטעלן אַזאַ ריז שטעקט אין טעכנישן פּראָגרעס.

דערפאַר קומען אָן זייער אַ סאַך אַגרעגאַטן, טויזנטער מעכאַניזמען, מע זשאַלעוועט גאָרניט אויף בויען דעם אויטאָ־גיגאַנט, וואָס וועט אַרויסלאָזן זעכצנטאָניקע סאַמאָסוואַלן.

איך ווייס גוט, וואָס הייסט אַרויספירן סכוירע פון אַ סקלאַד. דער רעגן גייט, רולאָנען פּאַפּיר אָדער אַן אַנדערע איידעלע סכוירע ליגן אונטערן פרײַען הימל, עס פעלן נאָר אַ פּאָר מאַשינעס מיט פּריצעפּן צו ראַטעווען די ווערט־

פולע זאַכן, וואָס קומט אָן אַזוי שווער אויס־
צואַרבעטן. מע וואַלגערט ביימער, מע מוז גיכער בויען דעם אויטאָ־גיגאַנט, קעדיי אין די גאַ־ראַזשן זאָלן זײַן מער פּראַקט־מאַשינעס אָף אַרויספירן טאַקע יענע פּעק פּאַפּיר, וואָס ווייקן זיך אַמאָל אונטערן רעגן.

איך בין אין קעסל, ווו סע קאָכט.

די וואָלגע אײַלט זיך ניט צעלאָזן דאָס אײַז, דעם גליוועער פון ווינטער, זי איז אַ באַלן בלײַבן אָן איין קנייטשעלע, יונג און שטאָלץ, ווי מיידלווײַז.

נאָר די וועסנע, זאָל לעבן, שפּאַרט פון אַלע זײַטן, ס׳קומט אויס, טשעלנע נעמט אָף זיך דאָס גאַנצע פּרילינגדיקע „פּײַער״. באַנאַכט איז דער שלאָף אָפן קאַמאַז טיפער — מיט אַ כראָפּערײַ, כאַרכלערײַ, קרעכצערײַ און אויקערײַ.

באַטאָג כאַפּ איך אַ קוק אָפן מיטלסטן קאַר־פּוס, ווו דרײַ בויער מאַכן אָפּאַלובקעס. פּרווו אויסבעטן בא זיי אַ צוויאַק, איינמאָל ניין — מע קלאַפּט און מע ציילט יעדער טשוועקל.

שפּאַרעוודיק אַרבעט מען, ווי מע בויט זיך אַליין אַ שטוב.

דער יונגער כעוורעמאַן יאַשקע און דער עלטערער און טאַליע הערשל פּערלס, מאַני־סאָוו, — אַלע זײַנען זיי פון קיִעווער פּאָדאָל. פריִער האָבן זיי געאַרבעט אין אַלמעטיעוועער נאַפט־קאָמבינאַט, אַ שטיקל צײַט אין ביגאַ־שעווער אַעראָפּאָרט; יאַשקע קען נאָך אויך קאָכן געשמאַקע באָרשטשן, הערשל פּערלס איז אַ טראַקטאָריסט, ביכלאַל אַן אוניווערסאַל איבער אַלע מאַשינעס, אָבער מער פון אַלץ האָבן זיי אַלע, די דרײַ פּאָדאָליער אַרבעטער, ליב צו מאַכן די אָפּאַלובקעס, אַרײַנעריקן פּערציק סוואיעס אָנשטאָט דרײַסיק, סע מעגן פּלאַצן אַלע פּנעוומאַטישע אַפּאַראַטן.

מע טראָגט די סאַמאָווואַרן, ווי אָף אַ כאַסענע, מע הייצט מיט קאָקס, אָף צו טריקענען די ווענט. מע בויט הײַזער, מע זאָל האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. דערווײַל גייט די שפּאַק־ליאָווקע. טאָג און נאַכט אַרבעט דער בעטאָן־זאַוואָד, צוויי קאָמפּרעסאָרס. בולדאָזערס קריכן אָף די גלײַכע ווענט, אַבי צום טערמין פאַר־שיטן די גריבער.

אינעם קאַמסקער אויטאָמאָבילן־קאָמפּלעקס וועלן זײַן זעקס זעלבשטענדיקע זאַוואָדן. זיבן און צוואַנציק אינסטיטוטן פּראָיעקטירן די שטאָט, ווו עס וועלן לעבן די קאַמאַזאָווצעס.

אַכצן מאַשינעס זײַנען שוין אין אויספּרווו, זיי לויפן אַרום איבער די שליאַכן מיט דער שטאָלצער מאַרקע פון דער פירמע — „קאַמאַז״. די דאָזיקע שיינע ליאַלקעס זײַנען שוין דורכ־געלאָפן הונדערט טויזנט ווערסט און אויסגע־שפּילט דעם קאָן.

מע האָט שוין אויסגעבויט דעם טאָליאַטי־זאַ־וואָד, די פּיאַטעס גלײַען נאָך פון יענעם אוני־קום, וואָס גיט שוין טויזנטער „זשיגולי״, ניט קיין שלעכט מאַשינדל, אָף פאָרן צוגאַסט אַפּילע צום שווארצן יאַם.

אָט שטייט אַ באָכער אין אַ קורצן בושלאַט. אַ שאָפער דערקען איך גלײַך, וועהאַרײַע: וואָלאָדיע גרינבערג קומט שוין אַהער, אין טשעלנע, דאָס צווייטע מאָל. דער באָכער, מיט גאָטס הילף, פּאַרדינט נישקאָשע, דאָס ערשטע מאָל האָט ער געבראַכט אַ פּאָר פּײַנע רובל, און איין פליגל צו דער קומענדיקער דאַטשע האָט ער שוין, וואָלאָדיע גרינבערג, אין קע־שענע, דעם צווייטן וועט מען יאַקאָס צושטור־קעווען.

וואָלאָדיע טרינקט ניט, נאָר דורכלאָזן אַ גלאָז ריאַבינאָווקע — קען מען, ביפראַט, אַז מע האָט נאָך אין מויל גאָרניט גענומען.

געאַרבעט האָט וואָלאָדיע ניט ווײַט פון דערפּל ביטקי. די „מאַזן״ זײַנען געשטאַנען אין דערפּל, ווען ס׳זײַנען געווען שרעקלעכע פרעסט. מע האָט ניט געטאָרט „אויסלעשן״ די מאַשין, קעדיי פאַרשפּאָרן גאַנצפרי וואַרעמען דעם „ביק״. ביז טורוסי איז אַ ווערסט הונדערט, כאַפּסטו טאַקע דאָ, אין טורוסי, אַ גיכן דרעמל, און פאָרסט אַרויס אין טשעלנע. קומסט אָן אַהין, ווען עס איז שוין קימאַט ליכטיק.

אָן ערעך אַזוי־אָ באַקענסטו זיך מיטן שאָ־פער, מיט וועלכן דו וועסט זיך ניט איין מאָל דערנאָך באַגעגענען: אין אַלמעטיעוועער נאַפט־קאָמבינאַט, אין ביגאַשעווע, ווו וואָלאָדיע פירט פּליטן. שניי, — זאָגט וואָלאָדיע גרינבערג, — איז אויך סכוירע, נאָר ניט פאָרן ליידיק צום קאָטלאָוואַן.

און אָט איז מײַנער נאָך איין נײַער באַקאַנ־טער — קוזמאַ קאָזוליע... ניט דאָס ערשטע מאָל איז ער אוועקגעפאָרן פון דער היים. פּאַראַיאָרן איז ער געווען אָף דער צעלינאַ, אַצינד זיך פּאַרוואָרבירט קיין טשעלנע. איין זאַך טוט אים באַנק, קוזמאַ קאָזוליען, — ער האָט איבערגע־לאָזט אַ קראַנקע מאַמע, ערגערט אים — צי וועט ער זי טרעפן געזונט? קוזמאַ איז איינער באַ איר.

זײַן פוקסיש היטל פאַלט איבער די אויערן, זעט אויס, אַמאָל האָט עס געטראָגן ניט איין ווינטער דער אַלטער קאָזוליע.

וואָלאָדיע גרינבערג געפעלט קוזמאַ, ער דערלאַנגט אים די האַנט, ווי אָן אַלטן וועטע־ראַן. און זאָגט אים אָן, קאָזוליען, ער זאָל זיך ניט לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע, וועט ער דאָ ניט פאַרפאַלן ווערן.

איך נעם זיך אָף מײַן אופן ווידער צום שאָפער: צי האָט וואָלאָדיע ווײַב און קינדער, טאַטע־מאַמע, ווו איז ער געווען ביז נאָבערע־זשניע טשעלני? וויפל איז ער אַלט? אינגאַנצן פיר און דרײַסיק?

— הערט מיך שוין אויף צו מאַטערן, — בעט זיך וואָלאָדיע, — איך שטאַרב שלאָפן...

איבערגענעכטיקט אין דעם האָטעל „בור־גולמאַ״, טרינקט מען אויס גאַנצפרי אַ טעפּעלע קאַווע, ביסטו שוין אַ פּאַרטיקער פּאַרשוין, מעגסט פאָרן אין ניזשנעקאַמסק.

אין בוגולמאַ זשומעט זיך, מע קומט צו פאָרן און מע פאָרט אַוועק, אויטאָבוסן פּאַרשפּעטיקן,

בײַטן דעם מאַרשרוט, יאָוועץ זיך אײַנגאַנצן ניט צום וואָקזאַל. ווען עס גליקט אָפּ צו כאַפּן א טאַקסי, און ער פֿאָרט העכער הונדערט ווערסט ביזן ביגאַשעווער אַעראָדראָם. און אין ביגאַשעווע קאָכט, ווי אין די אַעראָפּאָרטן וונוקאָוואָ און ביקאָוואָ.

אין ניזשנעקאַמסק גיי איך אַרום, ווי א פֿאַרטשאַדעטער.

וווּהין טוט מען זיך אַהין? עסן וויל איך, מאַמעש דאָס האַרץ כאַלעשט, דורכגעמאַכט מיטן אויטאָבוס צוויי הונדערט ווערסט, עמעס, כ'האָב באַקומען אין דעם האָטעל „קאַמסק" א נומער „ליוקס", מיט אַלע זיבן גליקן. געכאַפּט א דוש, זיך צוגעלייגט אויף דער העסבעט. אין פֿענצטער טשמעליעט די זון, אַזוי ווי אין טאַמעז, ניט אין מאַרט כוידעש.

ס'איז ערשט דער זיבעטער מאַרט, צום אַכטן איז נאָך א גאַנצער מעסלעס, נאָר אין שטאָט טוט זיך כוישעך. וואָס איז דער געפֿילדער אַזוי גרויס? מיסטאַמע גיט מען פֿיש אָדער הינער מיט לאַנגע פֿיס, ניין, צוויי מאַניקיורשעס האָבן געכאַפּט א קאַטער און זיי ניסן, זיי זײַנען ניט אַרויס אויף דער אַרבעט, איז וויפֿל פֿרויען וועלן בלײַבן אָן מאַניקיור?

איך גיי אַרײַן אין איין רעסטאָראַן — פֿאַרמאַכט, מאָרגן איז דער אַכטער מאַרט, גרייט מען זיך, דערווײַל עסט מען ניט און מע טרינקט ניט, מע ראַמט דעם כאָמעץ פֿאַרן גאַנצן יאָר. אין צווייטן רעסטאָראַן — דאָס אייגענע — מע ראַמט. אין אָוונט וועט מען דאָ פּראַווען א כאַסענע, קאַלעס־צאַד איז נאָך אָן קוטשערן.

— סטאָפּ! — זאָג איך צו זיך אַליין, — דאָ מוז זײַן א שטיקל בופֿעט.

— לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז גאָר א קינאָטעאַטער, וואָס רופֿט זיך „ביגאַשעווא".

אין וועסטיביול שטייען צוויי לעבעדיקע מענטשן: א מאַנצבל פֿון א יאָר זעכציק, גראָוו, ווי אַווראָם אָווינו, און א פֿרוי אויך שוין אין די היפּשע יאָרן.

— מאַ־שמעכאָ? — פֿרעגט מיך דער מאַנצבל. — ווער זײַט איר און ווי קומט איר אין אונדזערע מעקוימעס?..

און ס'איז אַוועק א סעדרע. איך נעם דערציילן, ווי־אַזוי איך קום אַהער.

— צוליב וואָס זײַנט איר געקראָכן דורכן קוימען? — וווּנדערט זיך מײַן נײַער באַקאַנטער. — אונטער דער נאָז איז דאָך שוין פֿאַרטיק דער אַעראָדראָם...

בערל בירגער האָט צוויי זין, וואָס אַרבעטן טאַקע דאָ, אויפֿן כימקאָמבינאַט.

— איר זעט אָט יענץ פֿעלד, וואָס איז צוגעדעקט מיט שניי, ווי מיט א פּליושענעם פּאָרויכעס? — זאָגט צו מיר בערל בירגער. — ס'איז נאַפֿט, א זעלטענע סכוירע, הונדערטפּראָצענטיקער קאַוטשוק. מײַן זון, דער כימיקער, זשעני, ווייסט עס זייער גוט.

אויפֿן וועג פֿון בוגולמאַ האָב איך שוין געזען נאַפֿט־פּאָמפּעס אין פֿעלד, א מין „צעלינאַ".

— יאָ, די געראָטענע טעלעצע, — זאָגט בערל בירגער, — וועט זויגן צוויי מאַמעס: דעם טײַך קאַמע און די וואָלגע, זומער־לעבן וועלן דאָ די שיפֿן שווימען, ווי בא זיך אין אָדעס...

...מיך פֿאַרוווּנדערן איז שווער, ווײַל איך האָב געהאַט דאָס מאַזל צו זען בראַטסק, ווען ער איז נאָך געלעגן בא די פּאַדונער שוועלן, ווי א געקוילעטער אָקס, אונטערגעשפּאַרט ביידע קליבעס, מיט די שטיינערנע די־אַבאַזן, — פֿעסטע „העגט" אַזעלכע, וואָס מע קען זיי ניט צענעמען, כאָטש צערײַס אויף שטיקלעך, סײַוויי — קרעמען!

כ'האָב געזען די יונגע שטאָט סומגאַיִט, מיט אירע גרינע, שמעקנדיקע טויעלעך, וואָס בעטן זיך אײַנמיטן העלן טאָג: נעם מיך אַרום, מענטש!

כ'בין געווען אין טשעלני, ווו עס ווערט געבוירן דער ריז פֿונעם נײַנטן פּינפֿיאָר.

אַזוי זיץ איך מיר אין קאַפֿע „קאַמאַ" און טראַכט וועגן די אַלע וועלט־וווּנדערן. וואַרפֿט זיך אַרײַן בערל בירגערס מישפּאָכע: צוויי זין, שנורן, אייניקלעך, דער זיידע מיט דער באָבען — אויבנאָן.

ביידע ברידער זשעני און באָריס האָבן צוגעטראַכט, ווי־אַזוי אויף א נײַעם אויפֿן, א מער שפּאָרזאַמען, איידער פֿריִער, פֿירן פֿון דער „טעץ" די טרויבן צו די שטאָטישע קוואַרטאַלן. א יונגע שטאָט (צען יאָר אַלט), מוז מען זי בעסער וואַרעמען, ווי הינדעלעך אָן דער קוואָטשקע, זיי זאָלן ניט פֿאַרגליווערט ווערן. דערפֿאַר איז טאַקע וואַרעם אין האָטעל „קאַמאַ". דאָס איז די וואַרעמקײַט, וואָס גייט פֿאַר צענדליקער ווערסט פֿון כימקאָמבינאַט.

יעוווגעני באָריסאָוויטש בירגער געדענקט: מע איז אַהער געקומען אויף א פּוסט פֿעלד. ניזשנעקאַמסק איז פֿאַר זײַנע אויגן אויסגעוואַקסן, געוואָרן א שיינע שטאָט. זומער קען מען צופֿאָרן אין אַסטראַכאַן, אין באַטומי, מיט דער גאַנצער מישפּאָכע.

גאַנצפֿרי פֿירט מיך בערל קיין טשעלנע.

— פֿאַראַן דאָרטן א שפּאָרעוודיקער באַלעבאָס, — זאָגט ער, — איר זעט די אויסגעלייגטע שטאַבעלן באַלקעס, בלעך, ברעטער? דעם שליסל פֿון סקלאַד האַלט א מענטש, בא וועמען א שרײַפּעלע וועט ניט גיין כאָסער — מאָנעשעס זון פֿון פּאָדאָל, טאָליע מאָניסאָוו.

— אין ניזשנעקאַמסק, — באַמערקט ווײַטער בערל, — רירט מען נאָך ניט דעם נאַפֿט, מע האַלט אויף שפּעטער דעם אויצער, ווען די דײַזעלס וועלן פֿאַרטיק ווערן: דריי אויף דאָס קרענטל, רײנט בענזין גלײַך אין באַק אַרײַן.

— אומזיסט גיט מען ניט קיין פּרעמיעס, — זעצט פֿאָר דער אַלטער ריידן שוין צו זיך אַליין, — סײַ זומער, סײַ ווינטער — א גאַנץ קײַלעכיק יאָר, הייסע וואַסער אין אונדזערע קאַלטע מעקוימעס. ס'איז ניט קיין שפּילעכל, — ער זאָגט עס מיט יענעם פֿאַרגעניגן, גלײַך ער

וואָלט אַרײַנגעכאַפּט א פּאָר גוטע בעזעמער נאָך א שוויצבאָד.

— מיט הונדערט זשמעניעס וועט איר זיי ניט ארומנעמען, די מעשענע טרובעס... אָט דאָס איז קעפּ! — לויבט דער טאַטע זײַנע באָנים.

...טראָפים פילאַך מיינט, אז אַרײַנלאָזן זיך אין דער שפּיל „כאָסן־קאַלע" טויג ניט, מע מוז זיך צוגעווינען, זען איינער דעם אנדערן, כאָטשבי איין מאָל, צוויי מאָל אין כוידעש.

אָט איז ער אליין, פילאַך. שוין ניט די יאָרן, ווען מע נארט... מעג זי גלייבן, דאָס קלײַענדיקע מיידעלע, אז כאַדאָשים פלעגן אוועק, און ער פלעגט זײַן אלטע ניט זען, יעדע מינוט איז געווען מיט גאָלד גלײַך, ווען מע פלעגט זיך באַגעגענען. אוואַדע בענקט מען. די קינדער, די אייניקלעך זעט מען אויך ניט, מע קאָן ניט געבן זיי א גלעט, זאָגן א וואָרט. ליגסט אפן בעטל און בענקסט, און טראַכסט וועגן בעטאָן, סוואַיעס, ווענט, ליפּעצקער מעטאָד. אַרײַנלאָזן זיך אין דער שלאַפקײַט, וואָס הייסט בענקען — טויג אף קאַפּאָרעס.

פילאַך געדענקט, אין בראַטסק איז דאָס געווען: מע גיט שוין הונדערט נײַנציק קר־באָמעטער בעטאָן, אריבער די „אָטמעטקע". גינדין, אראָן מארקאָוויטש, דער הויפּט־אינזשעניער, איז צופרידן: דעם כויוו אָפּגעגעבן, סע קומט שוין גאָרניט פון פילאַכן. אָבער ווארפן דעם ציגל־זאוואָד, דעם בעטאָן פאַסט ניט. וואָס וועט ער, פילאַך, זאָגן אין דער היים? ער וועט פאַר ביזאָיען ניט שלאָפן, ניט עסן. מע דאַרף ניט פארלאָזן גינדינען, סע קומט נאָך א פּאָר פעטע „זאַמעסן". דערנאָך ערשט וועסטו פאָרן מיט פארגעניגן צו דײַן אלטער...

בא הערשל פּערלס וועט אויך אלץ מעקויעם ווערן, וואָס ער פארלאַנגט. אף אלץ קומט א מינוט. זאָל זײַן, אז איצט לויפט ער ארום, דער כאָסן, און אפן רעקל זײַנען פארשפּיליעט ניט אלע קנעפּלעך, נאָר א טראַקטאָריסט איז הערשל א גוטער? שולדיק איז דער באַכער קיינעם גאָרניט. אין דער קאַלע וועט ער זיך דערמאָנען, הערשל, די מאַמע אראָפּברענגען, מאַכן א כאַסענע — ניט פארשעמט צו ווערן, — א קוואַרטיר איז שוין אָנגעמערקט, פעלט נאָר איין זאַך — צײַט? עס וועט קומען די מינוט, ווען מע בלײַבט אינצווייען און זי וועט זאָגן:

— נו, וואָס ביסטו געלאָפן פון מיר, שויטע, ליגסט ווי א לעמעלע, קענסט זיך ניט אָנטישען, האָסט דאָך ליב דײַן „קלײַענדיקע"...

פאַדונער שוועלן — ס'איז שוין איצט א יאַם דאָרטן. אויב מע איז געווען אמאָל אין בראַטסק, פארגעדענקט מען עס ניט אף איין טאָג.

הערשל פלעגט קושן די בוזינא, ס'זאָל אראָפּ די בענקעניש; זיצן באַם טײַך, הערן, ווי ער ווילדעוועט. עס האָבן שוין געברענט די לעצטע שײַטערס אין דער טײַגע, פארטיק בראַטסק, פון בענקעניש פלעגן זיך די פּיס ניט בייגן, נאָר געהאַלטן פאַסאָן — געוואָרט...

אין יאָרן ארום וועט מען זיך דערמאָנען: געווען אפן קאַמאַז א מיידל, א לאַבאָראַנטקע, איז זי געפעלן געוואָרן דעם טראַקטאָריסט הערשל פּערלס. נו, לויפן שוין ארום צוויי קינדערלעך, יאָ, יאָ, צוויי, אף קיראָווסקע ווױנט דאָס פּאָרל...

אָנטאָן די פּאַטאַ מוז יעדער מיידל, נאָר אפן קאַמאַז איז עפּעס אנדערש — מער קונץ.

...הערשל פּערלס איז אינגאַנצן פארגאַפט פון „ליפּעצקער מעטאָד" לייגן ציגל, ער קען די מעלאָכע. דערבײַ קוקן זײַנע קליינע, מאַמזערישע אייגעלעך פארכידעשט: זעט נאָר, איר האָט גאָר ניט געהערט פון ליפּעצקער מעטאָד? קוקט און פארגעדענקט.

איך וואָלט ניט געזאָגט, אז הערשל פּערלס איז פון הונדערט אָדערן געסטראָטשעט. אזוי זיך, א קליין באָכערל, מיט שאַרפע אייגעלעך, וואָס זײַנען פארליבט אין דער „קלײַענדיקער" לאַבאָראַנטקע, נאָר לייגן ציגל, צונויפשלאָגן אָפּאַלובקעס — קען ער, הערשל, ניט ערגער פונעם שטומען יאַשקע.

דער אלטער פילאַך רייצט די כעווריע: דעם טויער פון כאָקיי וועט איר, קינדער, העכער ניט שטעלן, די קליוקע — דאָסגלײַכן. און אזוי לייגט מען ציגל, — טוט דער בריגאַדיר א דריי דאָס לאָפּעטקעלע, — דאָס איז דער גאַנצער סאָד פון ליפּעצקער מעטאָד.

ווי פון אונטער דער ערד יאַוועט זיך וואָלאָדיע גרינבערג, אין איין אייבערשט העמדל, דאָס הייבט מען הײַנט אָן צו גראָבן דעם קאָטלאָוואַן פון זעקסטן זאוואָד, מע שטעלט סוואַיעס, וועט אין דרײַ מאָל גיכער גיין די ארבעט.

דער בריגאַדיר פון די בעטאָנשטשיקעס פּילאַך שרײַט:

— וואָלאָדיע, דערלאַנג בעטאָן, האָסט מיך געראַטעוועט!

...אלע טראַכטן, אלע זאָרגן, אלע בויען קאַמאַז. יאַקאָוו באָריסאָוויטש פּיסמאַן, דער קאָנסטרוקטאָר, וואָס ארבעט אפן יאַראָסלאַווער מאָטאָ־זאוואָד, ווייסט זייער גוט די מאָדיפיקאַציע פונעם דיזעל, וועלכן מע גרייט איצט פארן קאַמאַז.

דערווײַל ווערט געבוירן דער קאַרקאַס פון זאוואָדישן קאָרפּוס, נאָר מע מעג שוין ריידן פונעם הארצן. דער סאַמאָסוואַל וועט שלעפּן פון אָרט ביז צוואַנציק טאָן.

יאַקאָוו באָריסאָוויטש, וואָס איז געקומען אף קאַמאַז אין א קאָמאַנדירונג, זאָגט צו מיר:

— פּונקט אזוי, ווי סע איז ניט גרינג צופּאַסן צוויי מענטשלעכע הערצער, אזוי איז נאָך שווערער געפינען די פּאַסיקסטע אייוורים פארן דיזעל, נאָר מע זוכט, מענטשן שלאָפן ניט דורך די נעכט, וועט מען געפינען א געזונט הארץ פארן דיזעל...

איך הער אים, דעם געניטן קאָנסטרוקטאָר, און ס'ווילט זיך מיר זאָגן הויך אף א קאָל:

א געזונט אין אײַך אלעמען, בויער פון קאַמאַז!

■ ■ ■

ארן ווערגעליס

בריוו פון אײראָפּע

דרײַצנטער בריוו

קעדיי צו זאָגן, אז דעם אָדער יענעם קאנט קאָן מען צוגלײַכן צו א גאניידן, איז ניט גענוג, אז עס זאָל אויסזען אנטשפּרעכיק דאָס אָרט. אויב אין א גאניידן־לאנדשאפט פעלט דאָס אויסגעלײַטערטע מענטשן־געשטאלט, איז דער גאניידן קיין גאניידן ניט. אין בולגאריע איז פאראן סײַ דאָס אָרט פארן גאניידן און סײַ דער פּאסיקער פאר אים מענטש. אין די ערשטע עטלעכע טעג, וואָס איך געפין זיך דאָ, האָב איך זיך געסטארעט באגרײַפן די סיבע, פארוואָס אלע מײַנע באקאנטע, וועלכע זײַנען געוועזן אין בולגאריע, האָבן, אומקערנדיק זיך פון דאָרט, ניט געקאָנט זיך אָנלויבן פון אלץ, וואָס זיי האָבן געזען און געטראָפן.

עס מאכט זיך, אז א גאנץ פאָלק באשטייט אין דורכשניט פון מענטשן מיט א גוטן געמיט. עפּשער איז געפערלעך זיך צו אויסדריקן אזוי, ווײַל עמעצער קאָן, פון זײַן זײַט, באהויפּטן, אז א צווייט פאָלק באשטייט אין דורכשניט פון שלעכטע מענטשן. נאָר רעדנדיק וועגן בולגאריע, רעכן איך ניט אויס אף דעם, אז מײַנע צוהערער וועלן זיך ארויסווײַזן פאר בייזע אויסטײַטשער אָדער פאר נאראָנים.

דאָס אָרט, ווו דער בולגאר זיצט, אזוי צו זאָגן, אף דער פּריזבע פון זײַן יערושע־שטוב, און ארום און ארום איז דעם בולגארס אייגענע וועלט, — אזא אָרט איז דער בארג וויטאָשא, דער „צוקאָפּנס" פון סאָפיע. אף מאָרגן נאָך מײַן קומען אהער האָבן די אָנפירער פון דער צענטראלער פארוואלטונג פון דער קולטור־אופקלערערישער געזעלשאפט פון די בולגארישע ייִדן אײַנגעאָרדנט א מיטים אף וויטאָשא, אין א ווינקל, וועלכער רופט זיך קאפּיטאטא. די אלטע ווענט פונעם רעסטאָראן, די ניט פּאָלירטע הילצערנע בענק און טישן, דאָס געפּעס, וואָס איז ווי אָקאָרשט אראָפּגענומען פון א פּאָליצע אין א דאָרפישער כאטע, די לײַנענע סערוועטלעך און, הויפּטזאכלעך, די לאכלוטן עפּעקטלאָזע באלעבאטים—סײַ די, וואָס זיצן בישכיינעס ארום טיש, סײַ די צוויי מיידלעך, וועלכע זײַנען פארטאָן אין גרייטן צום טיש, — אלץ און אלע האָבן פון זיך ארויסגעהויכט און ארויסגעשײַנט נאטירלעכקײַט, אָן א סימען פון פּאָזע און געמאכטקײַט.

דאָ האָב איך זיך ניט ווילנדיק צוגעקוקט צו יויסעף אסטרוקאָוון, דעם פאָרזיצער פון דער צענטראלער פארוואלטונג פון דער קולטור־אופקלערערישער געזעלשאפט. דאָס אָרט, דאָס מעבל, די גאנצע אומגעבונג איז געוועזן אַן „אסטרוקאָווישע" — א צוגעגנלעכע ראם פאר אָט דעם מענטשן, לויט וועמענס אײַנלאדונג איך בין, אגעוו, איצט געקומען קיין בולגאריע.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל זיך געטראָפן מיט יויסעף אסטרוקאָוון אין פּאריזש — מיט א יאָר אכט צוריק, — האָט ער זיך אזוי צונויפגעמישט מיט די אנדערע מענטשן, זײַענדיק „באפארבט" מיט מער געוויינלעכע פארבן, איידער זיי, אז איך האָב שפּעטער, באם שרײַבן מײַנע פּאריזשער נאָטיצן, ניט געהאט קיין סיבע צו אויסטיילן אים באזונדער. ווײַזט אויס, כ'האָב באדארפט באגעגענען יויסעף אסטרוקאָוון בא אים אין לאנד, אין זײַן אייגענער סוויווע, צוזאמען מיט זײַן שטאָט סאָפיע און מיט זײַן בארג וויטאָשא, קעדיי דערשפּירן דאָס אייגענע געשטאלט זײַנס — די קארגעזשעסטן באם ריידן, דאָס אײַנגעהאלטענע גיין און שטיין, די דיסציפּלינירטקײַט אין אים אינווייניק, וועלכע אנטהאלט אין זיך סײַ אָבליגאטאָרישקײַט, סײַ באשיידנקײַט, סײַ גוטהארציקײַט, סײַ ראיעלקײַט. זײַן גאנצער אָנבליק איז

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 2, 3, 4 1973.

אזא, אז קוקנדיק אף אים, איז מיר אײַנגעפאלן צו פאסקענען: „אָן סאָפעק — ער איז א ייִד, אָבער אין דער זעלבער צײַט — א בולגאר". דערנאָך, ווען איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן צוקוקן צו נאָך מענטשן אין סאָפיע, אין סטאנקע דימיטראָוו, אין אנדערע ערטער, וועלכע כ'האָב די טעג באזוכט, — האָב איך פארשטאנען, אז דאָס זעלבע קאָן מען און מע דארף זאָגן וועגן דעם פאראלגעמיינערטן טיפ בולגארישער ייִד. פארברענטע „ייִדישיסטן", איך מיין עס ניט אין שפראכלעכן זין, נאָר אין זין פון אָנהאלטן זיך אין א געוויסער דאָגמע פון טײַטשן די אָנגעהעריקײַט צום ייִדישן פאָלק, — נעמען אָן די דאָזיקע אטריבוטן פון די „אסטרוקאָווס", דה. פון די בולגארישע ייִדן, אלס „ניט ייִדיש", אָפגעפרעמדטס, „אסימילירטס", אָבער דאָס איז, פארשטייט זיך, ניט אזוי. יענע „ייִדישיסטן" זײַנען ניט בעקויעך צו פארשטיין, אז ניט נאָר זיי זײַנען אָנגעהעריק צום ייִדישן פאָלק, פאראן אויך אנדערע...

אין זײַן לעבנס־גאנג איז יוסעף אסטרוקאָוו אן אויסגעשפראָכן קינד פון יוטשבינאר — דעם קווארטאל פון דער ייִדישער אָרעמקײַט אין דער פארמילכאָמעדיקער סאָפיע. ער איז דאָרט געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן. איצט געפינט זיך אין דעם גרויסקראכיש־ארומגעבויטן ראַיאָן, וועלכער האָט אַמאָל געהייסן יוטשבינאר, די פרעכטיקע געבײַדע פונעם ייִדישן קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד — דער פארצווײַגטער פאטריאָטישער אָרגאניזאציע, וועמענס אָנפירער עס איז אין מעשעך פון דעם לעצטן יאָרצענדליק אסטרוקאָוו.

יוסעף אסטרוקאָוו איז שוין אלט פולע זעכציק. פונקט אין דער מיטן פון זײַן וועג, אין 1942, האָט מען אים, דעם דרײַסיקיאָריקן אָרגאניזאטאָר פונעם אומלעגאלן קרײַז־קאָמיטעט פונעם פארבאנד פון דער ארבעטער־יוגנט אין סאָפיע, פארמישפעט אף אייביקער טפיסע. די ריכטער האָבן אים ארײַנגעשריבן אין באשולדיקונגס־אקט אלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט זיך דערוויסן וועגן זײַן רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט: דעם אָנטייל אין דער סטודענטן־באוועגונג קעגן די פאשיסטישע פראָפעסאָרן פונעם אוניווערסיטעט אין סאָפיע, די ארבעט, וואָס ער, אסטרוקאָוו, האָט געפירט אין שליכעס פון דער פארטיי אין דער הויפטשטאָט פון טשעכאָסלאָוואקיע פראג, און שפעטער אין בעלגראד, יוגאָסלאוויע, צווישן די בולגארישע סטודענטן, צוזאמען מיט וועלכע ער האָט שטודירט אין די דאָזיקע שטעט.

ווען אין בולגאריע ווערט געשאפן דאָס אנטיפאשיסטישע פאָלקס־מיליטער, שיקט די פארטיי אהין, צוזאמען מיט טויזנטער אנדערע קאָמוניסטן, אסטרוקאָוון, דעם אָקאָרשט באפרײַטן פון דער פלעוונער טורמע. ער איז פארטרעטער פונעם קאָמאנדיר פון א פאָלק, שפעטער — פונעם קאָמאנדיר פון א טאנקען־דיוויזיע, א געוויסע צײַט איז ער פאָליטקאָמיסאר אין ראנג פון א קאָרפוס־קאָמאנדיר.

אזא איז דער בולגארישער ייִד יוסעף אסטרוקאָוו. זײַן פולער נאָמען: דר. יוסעף אסטרוקאָוו־הערץ. זײַן גוירל, זײַן וועג, זײַן קאמפס־לײַדנשאפט — דאָס אלץ איז אזוי אלגעמיין פאר די ייִדן פון בולגאריע, אז לויט אסטרוקאָוון קאָן מען אורטיילן וועגן דער אומבייגזאמער געטרײַשאפט פון די בולגארישע ייִדן צו זייער היימלאנד.

אין דער געשיכטע פון בולגאריע זײַנען פאראן ניט ווייניק פאקטן פון עמעסן פאטריאָטיזם און איבערגעגעבנקײַט מיצאד די ייִדישע בירגער. לעמאָשל, בײַס דער בולגאריש־סערבישער מילכאָמע פון 1885 האָבן די ייִדן מאסנווײַז זיך געשטעלט פרײַוויליק אונטער דער ביקס. עס זײַנען דאן אויסגעפאָרמירט געוואָרן צוויי, ווי מע האָט זיי גערופן, לעגיאָנען פון ייִדן: איינער מיט 300 און דער צווייטער מיט 500 סאָלדאטן. די רושטשוקער געמיינדע האָט, אויסער דעם אייגענעם לעגיאָן, עקיפירט אף אירע מיטלען אן עסקאדראָן גוסארן פון 600 שווערדן. 40 ייִדישע מיידלעך זײַנען געוואָרן בארעמהארציקע שוועסטער. באזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער רושטשוק־וואַרנער אָטריאד. זײַנע פארלוסטן בלויז אין דער שלאכט בא סליווניצע זײַנען געווען — 125 טויטע. ווען די שלאכט האָט זיך פארענדיקט, האָט דער פרינץ אלעקסאנדער באטענבערגסקי פערזענלעך איבערגעגעבן א גאָלדענע מעדאל „פאר געוואגטקײַט" דעם קאָמאנדיר פונעם אָטריאד דאוויד מיזראך און דערבײַ געהאלטן אזא רעדע: „אײַערע כאווירים, וועלכע זײַנען געפאלן אין שלאכט, האָבן דערוויזן, אז זיי זײַנען געווען עכטע יאָרשים פון די מאקאבייער; איר גופע האָט אין די שלאכטן בא דראגאָמאן, סליווניצע און פיראָט באשטעטיקט, אז אין געוואגטקײַט און אין ליבע צום פאָטערלאנד שטייט איר ניט אָפ פון אלע אנדערע קריגער אין דער בולגארישער ארמיי".

פון דער הויכקײַט לעבן האָטעל „קאָפי־טאָטאָ" — צווי טויזנט מעטער איבערן יאַם־ניוואָ — זעט מען ניט בלויז סאָפיע, נאָר דאָס גאנצע רויִקע נידערלאנד צווישן וויטאָשא און דעם בארגרוקן סטארא־פלאנינא. מיר שטעלן זיך אָפ באם „שטיינערנעם טײַך", אין וועלכן דאָס וואסער שטראָמט הינטער א דורכויסיקן אָנוואלגער פון גרויע וואלונעס, וואָס איין גאָט ווייסט, פונוואנען זיי האָבן זיך אהער גענומען און ווער עס האָט פון זיי געמאכט א מין דאך־צודעק איבער דעם פינע־ווײַסן האסטיקן שטראָם.

עס פאלט מיר אײַן א פארגלײַך צווישן די בולגארישע ייִדן מיט אָט די וואלונעס. ס'איז עמעס, אז אסטרוקאָווס זיידעס זײַנען פון ערגעץ געקומען אף אָט דער ערד — אזוי ווי עס האָבן זיך אראָפגעקײַקלט פון ערגעץ די וואלונעס. אָבער עס איז גאָר ניט צופעליק, וואָס דאָ האָבן זיי באקומען אייגנשאפטן,

וועלכע נאָר אָט די ערד האָט זיי געקאָנט צוטיילן.

אין דער אוראַלטער געשיכטע איז פאַראַן אַן אָנווײַזונג, אַז נאָך דער מילכאָמע, וועלכע דער ייִדישער שייוועט ביניאָמין האָט געפירט מיט אַנדערע שוואָטים, האָבן באַ טויזנט מענטשן פון אָט דעם שייוועט פאַרלאָזט זייערע היימען און זיך באַזעצט אין דער פּראָווינץ מיזיע. ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז מיזיע איז דאָס הײַנטיקע צאָפן־בולגאַריע, און אויב צו דעם צוגעבן, אַז די מילכאָמע, וועגן וועלכער עס גייט אַ רייד, איז פאָרגעקומען אין XII יאָרהונדערט פאַר דער נײַער צײַט־רעכענונג, — איז דעמלט פאַרשטענדלעך די פראַגע: וואָס איז עס אַזוינס — בולגאַרישע ייִדן, אַ צוגענייט קנעפל צום מאַלבעש, צי פונעם מאַלבעש־געוועב אַ פאָדעם צווישן פעדעם?

פאַרשטייט זיך, נאָך יענעם גאָר ווײַטן יאָרהונדערט זײַנען אַ סאַך וואַסערן אָפּגעשווּמען. אין באַלקאַנישן באָדן האָבן זיך שוין אין דער נאָכקריסטוס־צײַט געוואָרצלט ייִדן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ווענעציע, שפּעטער — די אַנטלאָפענע פון טשומאַ־גזיירעס אין אייראָפּע און פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. די לעצטע, די ספּאַרדים, האָבן פאַרשפּרייט זייער אײַנפלוס אפן גאַנצן יישעוו, און פונדאַנען שטאַמט דער פענאָמען פון רעדנדיקע אַלט־שפּאַניש (שפּאַניאָליש) בולגאַריש־לעבנדיקע ייִדן.

מע דערציילט מיר דאָ, אַז ניט לאַנג צוריק האָט אַ ייִדישער זשורנאַליסט פון אַמעריקע, דאַפקע אַזאַ, וואָס גייט אַרום צווישן פּראָגרעסיווע, זיך אויסגעדריקט אַזוי, ווענדנדיק זיך צו בולגאַרישע ייִדן אין בולגאַריע: „איר זײַט דען ייִדן? איר רעדט דאָך ניט אַף ייִדיש. באַווײַזט, אַדעראַבע, מיט וואָס זײַט איר ייִדן”...

ער נייטיקט זיך אין באַווײַזן. ער גיט אַרויס אַן אַרײַנגאַנגס־שײַן אין פאָלק לויט פאָדערונגען, וועלכע ער האָט אײַנגעשטעלט. ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק, אַז ייִדיש איז בלויז איינע פון די שפּראַכן באַ ייִדן, און אַז דאָס פאָלק ייִדן איז ניט אַ נאָמען נאָך דער שפּראַך ייִדיש, נאָר פאַרקערט...

די בולגאַרן האָבן געהאַנדלט ניט לויט די רעצעפּטן פון אָט דעם גאַסט. דו לעבסט מיט מיר צוזאַמען אַף איין ערד, אונטער איין דאַך, — האָבן זיי געזאָגט צו דעם בולגאַרישן ייִדן, — איינינעם מיט מיר בויסטו און היטסט אַף אונדזער געמיינזאַמע היים, איז זײַ מיר אַ לײַבלעכער ברודער.

שטייענדיק מיט מײַנע כאַווײרים, בולגאַרישע ייִדן, באַם „שטיינערנעם טײַך” אפן באַרג וויטאָשאַ, האָב איך געטראַכט: די שטיינער אָט די, וועלכע האָבן אַזוי געדיכט זיך צונויפגעקײַקלט — ווער ווייסט ווען — אַהער, דער טײַך, וואָס פליסט אונטער דער בריק פון וואַלונעס, און דער באַרג, אין וועמענס לײַב עס נעסטען זיך דער טײַך און די שטיינער, — דאָס אַלץ איז דאָך אַ טייל פון דער בולגאַרישער ערד.

די רײַזע איבער בולגאַריע, וועלכע כ׳האָב הײַנט באַטאָג, מיט אַ שאָ צוויי צוריק, פאַרענדיקט, אומקערנדיק זיך קיין סאָפיע, האָט מיך לאַכלוטן ניט אײַנגעמידט. דער פריִער פרילינג אין אָט דעם לאַנד, די באַקוועמע וועגן, וועלכע זײַנען ענלעך אַף אַלייען, אַרומגעשטעלטע מיט עפּלביימער, פון איין זײַט, און מיט ווײַנטרויב־פלאַנצן, פון דער צווייטער זײַט, די אויסערגעוויינלעכע גאַסטפרײַנטלעכקײַט מיצאַד אַלע, אָן אויסנאַם, מענטשן, וואָס טרעפן זיך אין וועג, — דאָס אַלץ האָט גורעם געווען אַ גרינגע רײַזע.

קיין וואַרנע בין איך געפלויגן מיטן אַעראָפּלאַן. פון דאָרט האָב איך פּאַמעלעך „זיך גערוקט” צוריק קיין סאָפיע, אָפּשטעלנדיק זיך אומעטום, ווו געוווּנטשן. קיין מער פּאַסיקן מיטרײַזנדער, ווי דער פּרעזידיום־מיטגליד פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די בולגאַרישע ייִדן איזראַעל מאיער, האָב איך זיך ניט געקאָנט ווינטשן. איזראַעל מאיער איז ניט נאָר אַן ערודירטער, פילוויסנדיקער מענטש, אַ ביז גאָר באַוועגלעכער, סײַ אין די געדאַנקען, סײַ פיזיש באַם טאָן עפּעס, — ער איז דערצו נאָך אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע אַלס איינער פון דער קאָהאָרטע רעוואָליוציאָנערע קעמפער, וועלכע האָבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם גוואַלדזאַמען קויעך פונעם בולגאַרישן צאַר באָריס, און זײַענדיק אין אונטערערד, שמאַכטנדיק אין די טפּיסעס, מיִענדיק זיך שפּעטער באַם געבײַ פון פאָלקס־בולגאַריע, האָבן זיי מיט די אייגענע הענט געשריבן דאָס נײַע בלעטל אין דער געשיכטע פונעם לאַנד.

וואַרנע האָט אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט געהייסן אָדעסאָס. ליגנדיק דערצו נאָך באַם שוואַרצן יאַם און זײַענדיק אַ שוועסטער־שטאָט פון אונדזער אָדעס, האָט זי אין מײַנע אויגן אויסגעזען טאַקע שיר ניט ווי יענע בלוט־אייגענע שטאָט, ווו מע קאָן זיך דורכגיין אַף דער דעריבאַסאָווקע, אָדער צום באַרימטן „לייטער” און דאָרט אַ פּרוּוו טאָן זיך פאָרשטעלן, לעמאָשל, ווי עס שפּאַצירן אַרום געמיטלעך באַבעל און באַגריצקי, מענדעלע און ביאַליק (אַגעוו, אין וואַרנע איז אויך פאַראַן אַ לייטער, וואָס פירט פונעם שטאָט־פּאַרק צום יאַם).

אונדזער גאַסט־אויפנעמער איז דאָ געווען מאָיִס פּאַסי, דער פאָרזיצער פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די בולגאַרישע ייִדן און „אײַנצײַטיק” דער דירעקטאָר פונעם אינטערנאַציאָנאַלן הויז פון געלערנטע אפן נאָמען פון פרעדעריקאָ זשאָליאָ־קיורי. מאָיִס פּאַסי: לאַכלוטן אַן אָפּגעפרעמדטער פון צאָרעס־קאָמפּלעקסן, אַ פאַרטאָגנער אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסגערעכנט „פאַר אַלעמען, צוליב אַלעמען”, אַ קלאַל־טוער מיט מאַסשטאַבן פון שטאָט און לאַנד, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אָבער בעשום־אופן ניט פאַר דער צווייפלהאַפטער פּרײַז פון

נאַציאָנאַלן ניהיליזם; דאָס נאַציאָנאַלע שלעפּט ער ניט מיט גוואַלד, נאָר ער איז אויך צו דעם ניט גלײַכגילטיק און — גאָט באַהיט! — ער פילט זיך ניט ענג אין דעם.

וועגן דעם בולגאַרישן ייִד האָט עמעצער פון די אָנגעפאָרענע ייִדישע זשורנאַליסטן טרעפלעך באַמערקט, אַז ער איז א ייִד אָן קאָמפּלעקסן. וואָס באַטײַט עס?

איך געדענק פון דער קינדהײַט, מע האָט מיך אַמאָל אַראָפּגעבראַכט פון מײַן געבורט־שטעטל ליובאַר אין שכײנעסדיקן שטעטל אָסטראָפּאָליע, פונוואַנען עס האָט געשטאַמט מײַן מאַמע, און דאָרט, אין אָסטראָפּאָליע, איז אין יענער צײַט געוואָרן א שעם־דאָווער איינער א ייִד, — „דער דערשלאָגענער" האָט מען אים גערופן, — וועלכער איז אַלע זײַנע יאָרן געווען דערדריקט פון א קאָמפּלעקס פון דער פאַרגאַנגענהײַט.

ס'איז קעדײַ צו פאַרצייכענען, אַז אין אָסטראָפּאָליע פלעגט מען ניט ליב האָבן צו דערציילן מײַסעס וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. קאָן זײַן דערפאַר, ווײַל אַט דאָס דאָזיקע שטעטעלע, — דאָס פּיצעמאָנצינקע (שוין ניט קיין דאָרף, און נאָך ניט קיין פולשטענדיק שטעטל), דאָס מענטשן־נעסטעלע אָן א מינדסטן שפור פון עקאָנאָמיק, דאָס פאַרוואָרפענע, ווי אויפן וועג א פאַרלוירן קלומעקל, וואָס קיינער דאַרף עס ניט, — דאָס שטעטעלע אָסטראָפּאָליע איז געווען אַזוי אָרעם און לער, אַז ס'האָט פּאָשעט קיין קויעך ניט געהאַט צו מאַכן זיך א וועזן פונעם אייגענעם לעץ הערשעלע, ווען פאַר די אויגן זײַנען גאָר לאַכלוטן ניטאָ ניט נאָר די גווירים, וועמען הערשעלע האָט געטאָן אין טויט אַרײַן, נאָר אַפילע די יעניקע אָרעמעלײַט, וואָס לויט די אָסטראָפּאָליער סטאַנדאַרטן וואָלט מען אויך זיי געקאָנט פאַררעכענען פאַר גווירים. ניין, וועגן רעב הערשעלען פלעגט מען דאָרט קיין מײַסעס ניט דערציילן. אָבער אָן מײַסעס — ווי‏אַזוי קאָן מען איבערלעבן די לאַנגע ווינטערס? דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס גאַנץ צופעליק איז געוואָרן א שעם־דאָווער „דער דערשלאָגענער", וועמעס ביטערער גוירל איז געווען נעענטער צום האַרצן פון די אָסטראָפּאָליער, איידער הערשעלעס קונדייסעס.

— מאַמע, — פלעג איך זיך אָנפרעגן, — וואָס אַזוינס איז געשען מיטן דערשלאָגענעם, וואָס ער איז אַזוי דערשלאָגן?

— מיט אים גופע, מײַן קינד, איז גאָרנישט ניט געשען. מע דערציילט, אַז א שיקערער פּאָרעץ האָט אַמאָל באַפוילן אויסטאָן נאַקעט זײַן עלטערזיידן, און פאַר דעם גאַנצן שטעטל אין די אויגן האָט מען אים אַזוי לאַנג געשמיסן, ביזוואַנען ער האָט אויסגעהויכט די נעשאָמע, נעבעך. ווען דער דערשלאָגענער איז נאָך געווען א קינד, א נאָרמאַל קינד, וויל איך זאָגן, האָט מען אים געהאַלטן אין איין שרעקן מיט דער עקזעקוציע איבער זײַן עלטערזיידן. ער איז פון דעם אַרײַנגעפאַלן אין א מאָרעשכוירע און אויפן גאַנצן לעבן געבליבן א דערשלאָגענער...

א ייִד מיט קאָמפּלעקסן — איז „דער דערשלאָגענער" אין נאַציאָנאַלן אַספּעקט. עס לעבט א מענטש, וועלכן ס'רינגלען אַרום הײַנטיקע פּראָבלעמען, הײַנטיקע פריידן און ליידן, הײַנטיקע נויטווענדיקײַטן און מעגלעכקײַטן, אָבער דאָס אַלעס גייט אים ניט אָן. מע זאָגט אים — „קאָסמאָס", און ער ענטפערט, אַז דער קאָסמאָס־פלוג איז ניט בעניִמצע, ווײַל מיט אַזויפיל און אַזויפיל עפּאָכעס פאַר אים האָט מען געשענדעט דעם בייס־האַמיקדעש... מע רופט דעם מענטשן עפּעס טאָן, און ער האַלט אין איין איבערכאַזערן דאָס, וואָס אַלע ווייסן, נאָר עס שטערט קיינעם ניט צו טאָן דאָס, וואָס מע טוט הײַנט: „די אינקוויזיציע־שײַטערן, — הערט ער ניט אויף צו שטאַמלען, — און די פּאָגראָמען אויף ייִדן זײַנען געווען אומענטשלעך"... אַרום אים גייט א קאַמף פאַר א בעסערער וועלט, א געראַנגל מיט די איבערבלײַבעכצן פונעם פאַשיזם, און ער מאַכט אָן אויסרייד די קעמפער, פאַרוואָס זיי זיצן ניט מיט פאַרבראָכענע הענט בײַ די שוין פאַרוואַנדלטע אין מוזייען פאַשיסטישע גאַז־קאַמערן... בייס די געזעלשאַפטלעכקײַט מידט זיך שווער אויף אויסוואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם, איז אַט דער מענטש פאַרנומען מיט פרעגן אָן א שיִר קאַשעס וועגן אַנטיסעמיטיזם, און מיט אַזאַ אָנשטעל, פּונקט ווי די וועלט וואָלט אים פּערזענלעך געווען א באַלכויווע פאַר דעם.

אין בולגאַריע זע איך ייִדן אָן קאָמפּלעקסן.

בעשאַס מיר האָבן באַקוקט וואַרנע, האָט מאָיִס פּאַסי זיך אָפּגעשטעלט אין איינעם א סקווער לעבן א מענטשן, וועלכער איז געזעסן אין א מאָטאָר־וועגעלע — ער האָט ניט קיין פיס. אַפילע ווען מיר זאָלן פּאָשעט דורכגיין פאַרבײַ אָט דעם מענטשן, וואָלט ער אויך צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט. זײַן מעכטיקער קערפּער איז אַרײַנגעפּאַסט אין א שמאָל וועגעלע. דער שיינער ווײַסער קאָפּ האָר זעט אויס ווי א הײַבעלע שניי. פאַראַן אין דעם מענטשן אַזויגס, וואָס איז טיף ווידער־שפּרעכיק דער פאָרשטעלונג פון אַן אינוואַליד. אָנגעטאָן איז ער אין א לעדערנעם קאַמזויל אונטער אַן אַקוראַטן טונקעלן פּידזשאַק. דער אויסדרוק אויפן פּאָנעם — א רויִקער און איינצײַטיק א פאַרדײַגעטער, פּונקט ווי דער מענטש וואָלט אַרויס אין הייפל צו באַקוקן עס איידער ער טרעט דאָרט צו צו א נײַער אַרבעט.

— דיאַדיע סאַשע, — האָט מאָיִס פּאַסי זיך אָנגערופן צו אים, — באַווײַז אונדזער גאַסט, דעם כאַווער פון מאָסקווע, אַז אין וואַרנע רעדט מען אויך ייִדיש.

דיאַדיע סאַשע האָט זיך דורכגעשמועסט מיט מיר אויף ייִדיש. עס האָט מיך בעפּיירעש פאַרכידעשט, וואָס, לויט ווי ער דערציילט, געדענקט ער אַזוי גוט מאַמע־לאָשן נאָך פון דער קינדהײַט, האַגאַם ער איז שוין אַלט אַכציק יאָר און טאַטע־מאַמע האָבן אים אַרויסגעפירט פון דעם אוקראַיִנישן אָדעס (אַהער, אין דעם בולגאַרישן אָדעס...), ווען ער האָט נאָך קיין צען יאָר ניט דערגרייכט.

דיאַדיע סאשע איז פון די מענטשן מיט א זעלטן יונגן גײַסט. „איך האָב אין זיך קיין שום פגאם ניט, — זאָגט ער, — איך פיל זיך ווי מיט פופציק יאָר צוריק. דאָס איינציקע — די פיס פעלן”...

ער איז זיכער, אז די פיס האָט מען ניט געמוזט אמפּוטירן. די דאָקטוירים האָבן א טאָעס געהאט. איזראעל מאיער, וואָס איז אויך מיט אים גאַנץ נאָענט באקאנט, דערציילט, אז אין די יאָרן, ווען אין בולגאריע האָט געוועלטיקט דער פאשיזם, פלעגט ער, דיאדיע סאשע, טאָמיד זײַן אף דעמאָנסטראציעס דער פאָנענטרעגער. ס'איז געווען פון די שווערע זאכן צו טראָגן אין מעשעך פון לאנגע שאָען א פאָן — מע האָט געדארפט מיט איר מארשירן, לויפן, זיך צובייגן צו דער ערד, אריבערקריכן איבער א פלויט, — אף קיין רעגע ניט ארויסלאָזן די פאָן, און די פאָן איז דאָך געווען א וואָגיק־צעפלאַטערטע, מיט א שווער העלצל, וואָס מע האָט געמאכט פון דער האנט. דיאדיע סאשע איז א גרויסער גיבער, אַן עמעסער העלד!

— איך בין איצטער אויך דער זעלבער, וואָס געווען, בלויז די פיס פעלן מיר... — דיאדיע סאשע פארזשמורעט די אויגן, אזא איז זײַן טעווע, און ער פארזיכערט מיך: — ווען, כאָלילע, עס זאָל עפּעס געשען שלעכטס, און ס'זאָל ווידער זײַן געפערלעך צו טראָגן די פאָן, וואָלטן מיר צוריק אָפּגעוואקסן די פיס... די רויטע פאָן וואָלט עס באדארפט האָבן...

— דיאדיע סאשע, ווער ביסטו לויט דער נאציאָנאליטעט? — פרעג איך בא אים.

— איך בין א ייִד א בולגאר.

— א בולגארישער ייִד?

— א ייִד א בולגאר, זאָג איך דיר.

מאָיִס פּאסי, דער גוטהארציקער באלעבאָס, פארנעמט זיך אָן אופהער מיט אונדז, עס דאכט זיך, אז דאָס אינטערנאציאָנאלע הויז פון די געלערנטע איז אָפּגערוקט אפן הינטערשטן פלאַן, די פאָרומס מיט די קאָלאָקוויוּמס זײַנען איבערגעגעבן אין אנדערע הענט, און אליין דער דרוגאר דירעקטאָר איז פארנומען מיט ארומפירן זײַנע געסט איבערן „זוניקן ברעג”, איבער דעם „גאָלדענעם זאמד”, און וויפל מאָדערנע האָטעלן איך האָב שוין דאָ געזען, וויפל ארכיטעקטאָרישן ווונדער, וויפל מענטשלעכקײַט צוליב די אָנגעפאָרענע מענטשן, — איז שווער צו באשרײַבן.

באזונדערס אײַנדרוקספול איז אונדזער באזוך אין דערבײַיִקן שטעטל באלטשיק, וואָס ליגט אף די ברעג־הויכקײַטן, וועלכע לאָזן זיך אראָפּ צום יאם. די ווײַסע פעלדזן, העכער פון די הײַזער, זעען אויס פונדערווײַטנס ווי ריזיקע געשפּענסטער.

דאָ איז שוין דאָרעם־דאָברודזשע, דאָס עקסטע ווינקל פון דעם גרענעץ־געביט מיט רומעניע. מיר זײַנען אהער געקומען אין אן אלטן פּאַלעץ, וועלכן עס האָט אויסגעבויט די רומענישע קייסערינע מאריע. די קאפריזנע באלעבאָסטע פונעם פּאלעץ און פון דעם פּארק האָט אויסגעזוכט אזעלכע ארכיטעקטאָרן און גערטנער, וועלכע האָבן אמבעסטן פארקערפּערט די זיג־זאגן פון איר פאנטאזיע. נאָך דער באפרײַונג פונעם לאנד האָט די בולגארישע וויסנשאפט־אקאדעמיע אײַנגעאָרדנט דאָ א באָטאנישן גאָרטן מיט א אוניקאלער קאָלעקציע פון קאקטוסן. אין די אלטע געבײַדעס רוען אָפּ קולטור־טוער פונעם לאנד.

מיר קערן זיך אום קיין ווארנע, און פון דאָרט הייבט זיך אָן אונדזער רײַזע אף צוריקוועגס קיין סאָפיע דורך די טיפענישן פונעם לאנד. מיר לאָזן זיך אראָפּ אף דאָרעם מיטן ברעג פונעם שווארצן יאם, און איינגיכן שטייט אוף פאר אונדזערע אויגן, ווי אין א מײַסע, א פעלדזיק האלב־אינדזל, צו וועלכן עס ציט זיך פון דער יאבאָשע א לאנגער שמאָלער פּאס ערד, און דאָרט, אפן האלב־אינדזל, וווּהין מיט אן אווטאָמאָביל איז פארבאָטן ארײַנצופאָרן, ווײַל מע קאָן בלײַבן שטעקן אין די שמאָלע געסעלעך, האָט זיך פארהיט אן אלטער פראַקיִער ייִשעוו — מע רופט אים נעסעביר — מיט זעלטענע לויט דער ארכיטעקטור הילצערנע פישער־הײַזקעס און מיט מער פון פערציק ביזאנטישע קלויסטערס. אָפּגעגעסן מיטיק אין נעסעביר, שטעלן מיר זיך שפּעטער אָפּ אין נאָך איין ייִשעוו, וועלכן עס האָבן קימאט מיט צוויי און א האלבן טויזנט יאָר צוריק אוועקגעשטעלט די גריכישע קאָלאָניסטן — אין פּאָמאָריע, — און אָט איז שוין בורגאס, די גרויסע פּאָרט־שטאָט, וואָס אין מײַן פאָרשטעלונג איז זי פארבונדן מיט אן אינדזל אין בורגאסער אײַנגוס, וועלכן מע רופט „באָלשעוויק”; נאָך איידער איך בין געקומען קיין בולגאריע, מיט עטלעכע יאָר פריִער, האָט מיר א בולגארישער כאווער דערציילט די ראָמאנטישע געשיכטע פון אָט דעם אינדזל. אין 1925 זײַנען פון דעם מאָנאסטיר אפן אינדזל, וועלכן דער צאר באָריס האָט פארוואנדלט אין א טורמע, אנטלאָפן דרײַ און פערציק פּאָליטישע ארעסטאנטן, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען עטלעכע צום טויט פארמישפּטע. די ארעסטאנטן האָבן זיך דערקליבן אף שיפלעך צום ברעג, און דערנאָך זײַנען זיי אנטרונען געוואָרן — דערגרייכט די ערד פונעם סאָוועטנפארבאנד. אין אָנדענק פון אָט דער לעגענדארער פלייטע האָט מען דאָס אינדזל אָנגערופן „באָלשעוויק”.

אין בורגאס האָב איך, נאָך מײַן ארויסטרעטונג אינעם אָרטיקן ייִדישן קולטור־הויז, געשמועסט מיט עטלעכע ייִדן, וועלכע האָבן ניט לאנג צוריק באזוכט זייערע קרויווים אין ייִסראָעל. די עמיגראציע פון דער מערהײַט בולגארישע ייִדן קיין ייִסראָעל (פון קימאט 50 טויזנט זײַנען אין לאנד פארבליבן עטוואָס מער פון 5 טויזנט) איז אויסגעפאלן אף דער צײַט, ווען די פאָלקסמאכט איז נאָך ניט געווען פארפעסטיקט, און דער ארויספאָר קיין ייִסראָעל איז פאקטיש געווען א רעאקציע אף די אלטע פּאָראָנדקעס באם צאר באָריס, וועלכער האָט אין יאנוואר 1941 אײַנגעפירט דעם „געזעץ צו פארטיידיקן די נאציע” — די „בולגארישע קאָפּיע” פון די נירנבערגער אנטי־ייִדישע געזעצן.

און ס'איז באַלערעוודיק, וואָס די בולגאַרישע ייִדן אין ייִסראָעל זײַנען אויך דאָרט א פּאַטריאָטישע בענעגייע בולגאַריע סוויווע. צווישן זיי זײַנען פאַראַן פיל קאָמוניסטן, פּראָגרעסיוו־דענקענדיקע טוער. די באַציִונגען מיט דער אַלטער היים ווערן ניט איבערגעריסן. קומענדיק אָפּט צוגאַסט קיין בולגאַריע, זײַנען די געוועזענע בולגאַרישע ייִדן באַגײַסטערט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד.

אין ייִסראָעל לעבן זיי, די בולגאַרישע ייִדן, מאַטעריעל און גײַסטיק אָרעמער, איידער די פאַרבליבענע אין בולגאַריע. עמעס, „כאַפּן אָפּ צוריק” איז שוין שפּעט. מע האָט כאַסענע געמאַכט די קינדער, אפן נײַעם אָרט איז מען ארומגעוואַקסן מיט שטייגער. אָבער דאָס געפיל צום אַלטן היימלאַנד איז אַזוי שטאַרק, אַז ווען אַן אויסגעוואַנדערטער ייִד קומט אַהין צוגאַסט, איז ער אַלפּי־קלאַל קימאַט ניט בעקויעך צוריק אַוועקצופאָרן. די עלטלעכע בורגאַסער ייִדן, וועלכע האָבן ניט לאַנג צוריק באַזוכט זייערע קרויווים אין ייִסראָעל, האָבן מיט טרערן אין די אויגן באַדויערט די אויסגעוואָרצלטע פונעם בולגאַרישן באָדן.

לעבנדיק אין בורגאָס, האָבן מיר געפונען צײַט אַרײַנצוקוקן אין נאָך איין גריכישער קאָלאָניע, דער סאַמע עלטסטער — סאָזאָפּאָל, — א שטעטל, וואָס איז צוליב די מאָלעריש־שיינע פּייזאַזשן, צוליבן אוניקאַל־אייגנאַרטיקן קאָלאָריט געוואָרן דאָס באַליבטע ווין־אָרט פון א גרויסער צאָל מאָלער און סקולפּטאָרן, זייער קאָלעקטיווע, אַזוי צו זאָגן, אַטעליע. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן אויך ניט אויסגעמיטן דעם טײַך ראָפּאָטאַמאָ, א קילאָמעטער פופצן פון סאָזאָפּאָל. דער טײַך ראָפּאָטאַמאָ איז באַרימט מיט זײַנע ליליעס. טויזנטער ווײַסע קווייטן קוקן אַרויס פונעם וואַסער. א טײַך פון ליליעס. פּונקט ווי אין וויטאָשאַ פליסט דער טײַך אונטער שטיינער, אַזוי פליסט ראָפּאָטאַמאָ אונטער ליליעס...

אונדזער וועג האָט זיך ווײַטער געשלענגלט צווישן די באַלקאַנער בערג, אפן ראַנד פון א טאָל, וואָס ציט זיך פונעם סאַמע יאַם, פאַרבײַ די הײַנט שוין אינדוסטריעלע שטעט סליווען, קאַזאַנליק, און לאָזט זיך אַראָפּ צו פּלאָוודיוו. לעבן קאַזאַנליק האָבן מיר פאַרקערעוועט צו די דערפעלעך שיינאָוואָ און שיפּקאַ, ווו די רוסישע אַרמיי האָט מיט הונדערט יאָר צוריק אַראָפּגעריסן די טערקישע האַנט פון בולגאַריעס גאָרגל און געלאָזט דאָס שוועסטער־לאַנד פרײַער אָפּצוטעמען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא דעם שיפּקער דענקמאָל, באַקוקט דעם רוסישן קלויסטער מיט די באַגילדעטע „מאַקאָווקעס”, זיך אויפגעהויבן אַף דעם באַרג בוזלודזשאַ, צו דעם אָרט, ווו דמיטרי בלאַגאָיעוו האָט אין 1891 פּראָקלאַמירט דאָס געבורט פון דער בולגאַרישער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

פּלאָוודיוו איז א גרויסער קראַך. דאָ, באַם טײַך מאַריצאַ, טוען זיך אָפּ וועלט־זאַכן. די באַוווּסטע פּלאָוודיווער יאַרידן קומען פאָר בישכיינעס מיט מוזיק־פעסטיוואַלן, צווישנפעלקערלעכע קאָנגרעסן.

צוויי יונגע אַקטיוויסטן פון דער פּלאָוודיווער אָפּטיילונג פונעם ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד — דער דאָקטער אַנאַווי און זײַן מילדע כאַווערטע מיט דער פאַרשטענדלעכער פאַמיליע ליפּמאַן — פירן אונדז שאָענלאַנג אַרום איבער דער שטאָט. מיר האָבן שוין געזען אַלע זעקס בערג אינמיטן דעם פּראַכטיקער פלאַכלאַנד, אַף וועלכע עס ליגט צעשפּרייט פּלאָוודיוו. אַלע האָבן זיי טערקישע נעמען, וואָס אַרויסריידן זיי איז מיר שווער, אָבער דעם גאָר הויכן באַרג, ווו עס שטייט די גראַניטענע פיגור פון דעם סאָוועטישן סאָלדאַט „אַליאָשאַ”, באַצייכנט מען שוין מיט א הײַנטיקן נאָמען — „דער באַרג פון די באַפרײַער”, — און אַלעמען איז קלאָר, פונוואַנען אַזאַ נאָמען נעמט זיך.

אומקערנדיק זיך אין האָטעל נאָכן שפּאַציר צום דענקמאָל אַליאָשען, האָב איך זיך צערעדט מיט איינעם א בולגאַר וועגן די אויפטוען פון דער סאָוועטישער אַרמיי באַם באַפרײַען בולגאַריע. דער צופעליקער באַקאַנטער מײַנער איז געקומען קיין פּלאָוודיוו פון מאַלאָ טירנאָוואָ, לעבן דער בולגאַריש־טערקישער גרענעץ, קעדיי מעוואַקער־כוילע זײַן א ברודער, וואָס איז געלעגן אין פּלאָוודיווער שפּיטאָל. א כוילע ווי אַלע כאַלאָיִם, נאָר הערט א מײַסע...

ווי באַוווּסט, איז דעם 9־טן סענטיאַבער 1944 פאָרגעקומען אין בולגאַריע א פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן דער מאָנאַרכיסטיש־פאַשיסטישער קליקע. מיט א טאָג פריִער איז די סאָוועטישע אַרמיי, פאַרפאָלגנדיק די היטלערישע אָקופּאַנטן, אַרײַנגעטראָטן דורך רומעניע קיין בולגאַריע. עס איז פאַרבײַ א וואָך פון שטורמישע געשעענישן, און דאָ האָט אונדזער שטאַב זיך דערוווּסט, אַז באַנאַכט איז פון סאָפיע אַנטלאָפן דער פּערסאָנאַל פון דער דײַטשישער און איטאַליענישער געזאַנדשאַפטן און פון די אַנטשפּרעכיקע מיליטער־מיסיעס און צוזאַמען מיט זיי — מיניסטאָרן פון דער בולגאַרישער פּראָפאַשיסטישער רעגירונג, סאַכאַקל באַ 200 באַוואָפנטע מענטשן. זיי האָבן פאַרכאַפּט מיט זיך וויכטיקע אַרכיוון און א טייל פונעם גאָלד־זאַפּאַס פון בולגאַריע. דער ספּעציעלער צוג, אין וועלכן זיי פאָרן, דערנענטערט זיך שוין צו דער טערקישער גרענעץ אין א ראַיאָן, ווו ס'זײַנען אין געגעבענעם מאָמענט ניטאָ ניט קיין בולגאַרישע מיליטער־טיילן, ניט קיין פּאַרטיזאַנער.

דער מאַרשאַל טאָלבוכין האָט באַשטימט כאַפּן די פאַשיסטישע פּלייטים מיט דער הילף פון דער אַוויִאַציע. אַן עקספּעדיציע פון פינף באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען איז דרינגענדיק אָפּגעפלויגן פון סאָפיע. די אײַזנבאַן־ליניע איז אַף איר גאַנצער לענג געווען פּוסט, אָן א מינדסטן רויכל. נאָר אָט איז דאָס קליינע סטאַנציעלע מאַלעוואָ, און דאָרט שטייט דער עשעלאָן. די סאָוועטישע באָמבאַרדירער האָבן מיט גרויס ריזיקע געלאַנדעט בא דער סאַמע סטאַנציע און אָנגעצילט אַף דעם עשעלאָן די גרויסקאַליבערדיקע קוילנוואַרפער. פון די באָמבע־ליוקן זײַנען

אַרויסגעשפּרונגען אונדזערע אווטאָמאַטשיקעס. אין דער רעגע האָט זיך באַוויזן דער מאַשיניסט פונעם לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט דערציילט, אַז מע האָט אים מיט קויעך געצוווּנגען פירן דעם צוג און אַז צוריק מיט אַ פערטל שאָ האָבן די סאַמע גדוילים צווישן די פּלייטים פאַרלאָזט דעם עשעלאָן און זיך אוועקגעלאָזט אָף צוויי אווטאָ־מאַשינעס צו דער גרענעץ.

ס׳איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס עס איז געשען ווײַטער. קיינעם פון די פאַשיסטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַריבערצוגיין קיין טערקײַ.

דער מאַשיניסט פונעם לאָקאָמאָטיוו איז געווען מײַן האָטעל־באַקאַנטנס ברודער, וועלכער ליגט איצט אַ קראַנקער אין פּלאָוודיווער שפּיטאָל.

קיין סאָפיע האָט אונדז פון פּלאָוודיוו אָפּגעפירט אין זײַן מאַשין דער פּראָפעסאָר ניקאָ יאַכיעל, איינער פון די אָנגעזעענע בולגאַרישע פּובליציסטן און געזעלשאַפטלעכע טוער. ער איז פאַרפאָרן נאָך אונדז צוזאַמען מיט זײַן פרוי, וועלכע רעדט ייִדיש, און דאָס האָט מיר געמאַכט „ווייכער דעם וועג", ווי עס האָבן געמיינט מײַנע כאַווײרים — בולגאַרן.

מיר זײַנען געפאָרן אין אַ קיניגרײַך פון בערג. די שיפּוים פון די ראָדאָפּן זײַנען געווען גאָר נאָענט. פונויבן זײַנען ווי אַראָפּגעהאַנגען איבער אונדז וועלדער און באַרג־לאָנקעס, נידעריקער האָבן זיך טונקל געשפּרייט ווײַנטרויבן־פּלאַנטאַציעס, און נאָך נידעריקער זײַנען צווישן סעדער און גערטנער געלעגן רויט־טשערעפּענע קליינע דערפלעך, מאָנאַסטירן און שטאָטדאַטשעס. אַנטקעגן די ראָדאָפּן ציִען זיך די סאָלידע באַלקאַן־בערג. אין דער ווײַטקײַט קאָן מען אָפּן פאָן פון דעם הויכן הימל „אָנטאָפּן" די ליניע פון דעם רילסקער באַרג־רוקן — דאָרט האָבן מיר גלײַך נאָך מײַן קומען קיין בולגאַריע באַזוכט דעם באַרימטן רילסקער מאָנאַסטיר, וועלכער שטייט צווישן יענע טויב־פאַרוואָרפענע הויכקײַטן שוין פיל יאָרהונדערטער. אין מוזיי באַם מאָנאַסטיר האָב איך צווישן אַנדערע עקספּאָנאַטן געזען די הילצערנע קרייצונג, איבער וועלכער דער מאָנאַרך ראַפאַיִל האָט זיך געמידט צוועלף יאָר. אָפּן ציילעם זײַנען אויסגעקריצט 140 ביבלישע סיוזשעטן מיט 900 מענטשן־פיגורעלעך, די גרייס פון אַ קערנדל רײַז.

קיין סאָפיע, ווי געזאָגט, האָבן מיר זיך אומגעקערט מיט אַ שאָ צוויי צוריק. אין קומענדיקן בריוו וועל איך אײַך אַרויסשרײַבן, וואָס ווײַטער איז געשען.

פופצנטער בריוו

מײַן באַגעגעניש מיט די בולגאַרישע שריפטשטעלער, וועלכע ווידמענען זייערע ווערק דער ייִדישער טעמאַטיק, האָט מיר געהאָלפן זיך פאַנאַנדערצוקלײַבן אין אייניקע ספּעציפישע פּראָגן. שמועסנדיק מיט אַזעלכע באַדײַטנדיקע שרײַבער, ווי כאַיִם בענאַדאָוו, וויקטאָר באַרוך, דראַגאָמיר אַסענאָוו (ער איז סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון דער בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק), אַרמאַנד באַרוך, סאַליס טאַדזשער, האָב איך געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז דאָ גיכער אַ טעמאַטישע קאַטעגאָריע — ניט קיין נאַציאָנאַל־שפּראַכלעכע. פּונקט ווי ס׳פאַלט קיינעם ניט אײַן אַ געדאַנק, אַז קינדער־ליטעראַטור דאַרף מען שרײַבן אָף אַן אַנדער שפּראַך, ניט אָף בולגאַריש, אַזוי איז אויך ניטאָ קיין שפּראַך־פּראָבלעם אין באַצוג צו דער ייִדישער ליטעראַטור. סאַליס טאַדזשער, לעמאָשל, האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו שילדערן דאָס לעבן פון די בולגאַרישע ייִדן אין די לאַגערן בעשאַס דער דײַטשיש־פאַשיסטישער אָקופּאַציע. ער האָט אָנגעשריבן דעם בוך „דער געלער שטערן", האָבנדיק, נאַטירלעך, אין זינען ניט בלויז דעם ספּעציעל ייִדישן לייענער, נאָר דעם לייענער פון דער גאַנצער בולגאַרישער ליטעראַטור. פאַרשטענדלעך, סאַליס טאַדזשערן האָט מיטגעהאָלפן אין דער פאַרווירקלעכונג פון זײַן אויפגאַבע די באַהאַונטקײַט אינעם מאַטעריאַל, דאָס וויסן דעם נאַציאָנאַל־ייִדישן קאָלאָריט, די ייִדישע שטייגער־באַזונדערקײַטן, דעם ייִדישן אידיאָם אַדגל. אָבער די שפּראַך זײַנע איז בולגאַריש, דער אָפּנעמער פונעם בוך איז אַ בולגאַריש־לייענענדיקער — סײַ ווען ער איז לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ בולגאַר, סײַ ווען ער איז אַ ייִד.

דער היסטאָרישער פּראָצעס איז אין דעם פּראַט געווען ניט קיין גראָדליניקער. דער גרויסער שטראָם איבערגעוואָרצלטע ייִדישע מישפּאָכעס נאָכן גייִרעש שפּאַניע (1492) האָט געבראַכט מיט זיך קיין בולגאַריע די לאַדינאָ־שפּראַך — שפּאַניאָליש, אין יעסאָד פון וועלכער עס ליגט דער קאַטאַלאָנישער שפּאַניש (קאַסטיליאַניש) מיט אַ צומיש פון העברעיִזמען און אַראַביזמען, אַ געניוגנדיקן, קעדיי לאַדינאָ זאָל קלינגען סעמיטיש. אין די נײַע וווין־ערטער — בולגאַריע, סיריע, טערקײַ, גריכנלאַנד, איראַק, ליוואַן, ראָדאָס און אַנד. — האָט שפּאַניאָליש זיך באַרײַכערט מיט דער לעקסיק פון לאַטײַן, גריכיש, טערקיש. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז די דאָזיקע באַנײַונג וועט זײַן אימשטאַנד צוצופּאַסן די פרעמדע שפּראַך צו די נײַע באַדינגונגען אין אַנדערע לענדער. דאָס לעבן אָבער האָט געפּאַסקנט אַנדערש. אין בולגאַריע האָבן די ייִדן איבערגענומען די בולגאַרישע שפּראַך. די סיבע דערפון איז, קוידעמקאָל, די אַבסאָליוטע אָפּוועזנהײַט פונעם אַנטיסעמיטיזם באַם בולגאַרישן פאָלק, די גינסטיקע לעבנס־אַטמאָספער, פון וועלכער עס געניסן דאָ פון שטענדיק אָן די ייִדן, דאָס אויסמײַדן אויסשליסלעכע סיטואַציעס אין די נאַציאָנאַלע צווישנבאַציִונגען. אַפילע ווען מיט העכער זעקס הונדערט יאָר צוריק האָט דער קייסער איוואַן אַלעקסאַנדער כאַסענע געהאַט מיט דעם ייִדישן מיידל פון טירנאָוואָ סאָרע און זי, סאָרע (שאַ־

דא, שפּעטער פּעאָדאָרע), איז געוואָרן די „נאָוואָפּראָסוועשטשענא צאריצא", די מוטער פונעם קומענדיקן בולגארישן קייסער איוואן שישמאַן, — אפילע דאַן האָבן זיך אין בולגארישן פאָלק ניט געהערט קיין שטימען, וועלכע זאָלן אויסטײַטשן אָט די געשעעניש אין שײַן פון צווישן־נאַציאָנאַלע באַציִונגען.

היסטאָריש האָבן די ייִדן אין בולגאריע אַזוי אָרגאַניש זיך ארײַנגעפּאַסט אינעם אַלגעמיינעם פאָלקס־לעבן, אַז דער פאַשיזם — אויך ער איז געבליבן שטיין פאַר אָט דער דערשײַנונג, ניט האָבנדיק קיין קויכעס זי צו קאָמפּראָמעטירן. ווען די פאַשיסטישע רעגירונג פון באָריס III האָט געמאַכט א פּרווו ארויסצושיקן די ייִדן אין פאַרניכטונגס־לאַגערן אַף דער פּוילישער טעריטאָריע, האָט זיך אופגעהויבן א שטורעם פון פּראָטעסטן. איך וועל זיך באַנוגענען מיט אַן אויסצוג פון א פּראָקלאַמאַציע פונעם סאָפיער קרײַז־קאָמיטעט פון דער בולגארישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: „בולגארישע מאַמעס! געשיקט זיך, ווען איר דערלאָזן, אַז די קינדער פון אײַערע ייִדישע שכיינעס זאָלן זײַן פאַרורטיילט אַף ארויסגעשיקט צו ווערן מיט צוואַנג אַף א זיכערן טויט! שטעלט זיך אוועק בא די טירן פון די ייִדישע היימען און לאָזט ניט, עס זאָל באַגאַנגען ווערן דער גוואַלדטאַט! באַהאַלט אויס די ייִדישע קינדער, זיי זאָלן ניט ארײַנפאַלן אין די הענט פון די הענקער! ארבעטער און ארבעטערנס! איר זײַנט שטענדיק געווען אין די ערשטע רייען פונעם קאַמף פאַר פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט, קעגן נאַציאָנאַלן יאָך. ס'איז צײַט, איר זאָלט צוטרעטן אָפן צו באַשיצן אונדזערע ברידער — די ייִדישע ארבעטער! לאָזט זיך אוועק מאַסנווײַז אין די ייִדישע קווארטאַלן, קעדיי אויסדריקן אײַער סאָלידאַריטעט מיט די אונטערדריקטע ייִדישע בירגער! דערלאָזט ניט, מע זאָל זיי ארויסשיקן פון סאָפיע און פון בולגאריע. ייִדן און ייִדישקעס! זײַט שטאָלץ מיט דעם, וואָס צוזאַמען מיטן גאַנצן בולגארישן פאָלק שטעלט איר זיך אַנטקעגן די ווילדע אַטאַקעס פונעם פאַרהאַסטן פאַשיזם. פאַרלאָזט ניט די הויפּטשטאָט און דאָס לאַנד! האַלט הויך די קעפּ, ס'איז שוין נאָענט דער זיג איבער די ראָצכים!"

צווישן די עקספּאָנאַטן פון א סטאַבילער אויסשטעלונג אין לאָקאַל פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די בולגארישע ייִדן, אַף סטאַמבאָליסקי־גאַס, 50, האָב איך געזען דעם אָריגינאַל פון א באַריכט, וועלכן דער היטלערישער גאַולייטער אין סאָפיע אַדאָלף בעקערלע האָט אָפּגעשיקט דעם 7 יון 1943 אין דער רײַכס־קאַנצעליאַריע קיין בערלין. „איך בין אַבסאָליוט איבערצײַגט, — האָט געשריבן בעקערלע, — אַז דער מיניסטער־פּרעזידענט און די בולגארישע רעגירונג שטרעבן אויך צו דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע. זיי זײַנען אָבער געצוווּנגען זיך רעכענען מיט דעם אַרט דענקען פונעם בולגארישן פאָלק, וואָס האָט ניט דעם זעלבן אידעאָלאָגישן פאַרשטאַנד, ווי מיר. אויסגעוואַקסן צווישן טערקן, ייִדן, אַרמענער, גריכן און ציגײַנער, באַמערקט ניט דער בולגאַר בא די ייִדן אַזעלכע כעסרוינעס, וועלכע זאָלן באַרעכטיקן באַזונדערע מאָסמיטלען קעגן זיי..."

און ס'איז גאָרניט צופעליק, וואָס אין סאַמע קריטישן מאָמענט זײַנען 50 טויזנט אײַנוווינער פון סאָפיע — ייִדן און ניט ייִדן — ארויס אַף א דעמאָנסטראַציע קעגן דער דעפּאָרטאַציע פון די בולגארישע ייִדן, און דאָס איז פאָרגעקומען אין א שטאָט, וועלכע איז געווען אָקופּירט פון היטלעריסטן, — און אין רעזולטאַט פון די צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי האָבן פיל בולגאַרן פאַרגאָסן זייער בלוט, און צווישן די ארעסטירטע איז מער פון א העלפט געווען ניט־ייִדן.

ברענגענדיק די דאָזיקע פאַקטן, האָב איך אין זינען צו באַטאָנען די געמיינזאַמקײַט פונעם גוירל פון די בולגארישע ייִדן מיטן גאַנצן פאָלק פון אָט דעם לאַנד. בא אַזאַ דויערסדיקער צוזאַמענגעלעבטקײַט האָט בא די ייִדן ניט געקאָנט פאַרבלײַבן אין טאָגטעגלעכן באַנוץ א שפּראַך, וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון אַן אַנדער לאַנד. שפּאַניאָליש איז אַלץ מער און מער אוועק אין אָוואַר.

צי גיט עס א גרונט צו ריידן וועגן א שפּראַכלעכער אַסימילאַציע ספּעציעל אין די באַדינגונגען פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין בולגאריע? פאַרשטייט זיך, אַז ניט. ווען איך האָב באַרירט די דאָזיקע פראַגע בייס מײַן באַגעגעניש מיט די בולגארישע שריפטשטעלער, וועלכע שרײַבן אַף ייִדישע טעמעס, איז מיר גלײַך קלאָר געוואָרן, אַז אין אַזאַ פלאַך קאָן דער איניען געבראַכט ווערן בלויז מיטן ציל צו פירן פּראָפּאַגאַנדיסטישע פּאָלעמיק. די בולגארישע ייִדן האָבן פאַרעכנט בולגאריש אַלס זייער פאָלקס־שפּראַך אין רעזולטאַט פון א דויערנדיקן היסטאָרישן פּראָצעס.

נעכטן פאַרנאַכט, נאָך א זיצונג פון דעם פּרעזידיום פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, האָבן די בולגארישע כאַוויירים געזונגען זייערע לאַדינאָ־לידער. אין אַסטרוקאָוואָס גערוימען ארבעטס־צימער האָט זיך צונויפגעקליבן א אוילעם „ספאַרדים", איך איינער בין צווישן זיי געווען אַן „אַשקענאַז". זיי האָבן געזונגען מיט באַשיידענע היימישע שטימען — עלטערע מענטשן שוין. יעדע ליד האָט מען געשפּילט פון א טאַשמע, און די פאַרזאַמלטע האָבן אונטערגעזונגען. איך האָב ארײַנגעקוקט אין זייערע פּנעמער און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דערזען, אַז זיי זײַנען ניט קיין אויסגעוואָרצלטע מענטשן, די קייט פון זייערע דורעס, דער גאַנג זייערער צוזאַמען מיט מענטשן פון אַנדערע פעלקער, — דאָס אַלץ איז באַזיניקט, און בעשאַס דעם זינגען זעען זיי אויס, ווי ביימער, וואָס רוישן מיט דער קרוין, פילנדיק דעם קויעך פון פאַרוואָרצלטקײַט.

צווישן די פאַרזאַמלטע איז געווען דער פּרעזידענט פון דער ספאַרדישער שול אין סאָפיע ייִצחאָק מאָסקאָנאַ, דער צונויפשטעלער פון

א פילבענדיקן לאדינאָ־בולגארישן ווערטערבוך, וועלכן עס שטייט איצט פאָר ארויסצוגעבן. מאָסקאָנאס אופטו איז א באדײַטנדיקער, עס גייט די רייד וועגן „אינוועטאריזירן" דעם ווער־טער־אויצער פון שפאניאָליש, אָפּהיטן אין פאָלקס־זיקאָרן א שפראך, וואָס פארשווינדט.

דער געשיכטלעכער גאנג פון די ספארדישע ייִדן איז געווען און איז פארבליבן אזא, אז אין יעדן לאנד, ווו זיי לעבן, דרינגט ארײַן די לאנד־שפראך אין זייער שטוב, אין זייער מיש־פּאָכע, — דאָס אלטע, שפאניש־אָפּשטאמיקע לא־דינאָ־לאָשן פאלט ארויס פונעם טאָגטעגלעכן געברויך. אויך אין ייִסראָעל, ווו 60 פּראָצענט ייִדן זײַנען ספארדים, — אויך דאָ האָט לאדינאָ אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאר איווריט, און בא קיינעם רופט עס ניט ארויס קיין כידעש. אין דער זעלבער צײַט קומט אָפט אויס צו לייענען אין ייִסראָעלדיקע צײַטונגען, אז אין דער בול־גארישער פאָלקס־רעפובליק איז לאדינאָ פאר־שווונדן „אין רעזולטאט פון צוואנגס־אסימי־ליאציע".

איך מיין, אז ניט אין בולגאריע, ניט אין ייִסראָעל, ניט אין אנדערע לענדער קאָן אין באצוג צו די איצטיקע דויִרעס ספארדישע ייִדן ביכלאל ניט גיין קיין רייד וועגן שפראך־אסימיליאציע. דער ייִד, וואָס איז געקומען קיין ייִסראָעל פון איראק, האָט שוין דאָרט, אין איראק, גערעדט אף דער לאנד־שפראך, אף אראביש. בלויז אין שפאניע, מיט 500 יאָר צו־ריק, איז שפאניאָליש געווען א שפראך אף איר נאטירלעכן באָדן, און אין יענע דויִרעס, קאָן מען זאָגן, האָט א ייִד, אויב ער האָט איבער־גענומען די לאנד־שפראך, זיך שפראכלעך אסי־מילירט.

דער קולטור־אויצער פון לאדינאָ פארשווינדט ניט. אין וועלכע־ניט־איז פיר יאָר ארום נאָכן גיירעש שפאניע, אין 1496, איז אף די באלקא־נען, אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, שוין אָפּגעדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע ייִדישע בוך — אן אָנהייב פון דער ליטעראטור אין לאדינאָ. אין דער דאָזיקער שפראך זײַנען ארויס איבערזעצונגען פונעם טאנאך און פון שולכן אָרוך. אָנהייבנדיק פונעם 19־טן יאָרהונדערט באווײַזן זיך א היפּ־שע צאָל וועלטלעכע אויסגאבעס — אנטאָלאָגיעס פון ספארדישע לידער, באלאדן, שפּריכווערט־לעך, ווי אויך אלטע כראָניקעס, רײַזע־ביכער, איבערזעצונגען פון וויסנשאפטלעכע ווערק.

מע דארף, אגעוו, ניט פארגעסן, אז דער גע־ניאלער העברעיִשער דיכטער יעהודע האלייווי רעכנט זיך אײנצײַטיק פארן ערשטן פּאָעט אף קאסטיליאניש, און אין שפאניע איז זײַן נאָמען באוווּסט יעדן שילער פון דער מיטלשול. ניט לאנג צוריק איז אין ניו־יאָרקער נאָרטאָן־פארלאג דערשינען א בוך פון ענגלישע איבער־זעצונגען פון דער לאדינאָ־פּאָעזיע פונעם 16 — און 17־טן יאָרהונדערטער — „דהי סעפארדיק טראדישאָן" (דער צונויפשטעלער פונעם בוך שרײַבט, אז דאָס איז „א מאָנומענט נאָך דער שפאניש־ספארדישער ליטעראטור ערעוו איר פארשווינדן"...) — און אין אָט דעם בוך איז אײַנגעשלאָסן דער פולער טעקסט (303 סטאנסן) פון דער „פּאָעמע די יאָסעף" — אן עפּיש ווערק אין לאדינאָ (ערשטע העלפט פון 15־טן יאָר־הונדערט), וואָס איז באזירט אף דער געשיכטע וועגן יויסעף האצאדיק און איז געשריבן מיט העברעיִשע אויסיעס.

עס האָבן זיך פארהיט אין דער לאדינאָ־שפראך צענדליקער ראָמאנען און פּיעסן. די ערשטע צײַטונג, וואָס ייִדן האָבן ארויסגעגעבן (אין 1675), איז געווען „לא גאסעטא דע אמ־סטערדאם" (ערשט אין עלף יאָר ארום איז דערשינען די ערשטע צײַטונג אין ייִדיש — „קוראנטען"). פארן פעריִאָד פון 300 יאָר זײַנען פארנאָטירט אנערעך 300 צײַטונגען און זשור־נאלן אף לאדינאָ. די דאָזיקע שטורמישע גע־שיכטע האָט זיך אין דער הײַנטיקער צײַט אויסגעלאָזט מיט א האלבער צײַטונג (די אנ־דערע העלפט איז אף טערקיש) אין איסטאמבול, וועלכע רופט זיך „לא ווערא לוס" — „די עמע־סע ליכט". אין 1948 האָט זיך „צעבראָכן" די וואָכן־צײַטונג „דער שטעקן" („לא ווארא"), וואָס איז ביז דאַן ארויס אין ניו־יאָרק. דאכט זיך, אז אין ייִסראָעל דערשײַנט נאָך עפּעס אף שפאניאָליש...

וואָס איז שײַעך די ייִדן פון פאָלקס־בולגא־ריע, איז זייער צײַטונג אין דער בולגארישער שפראך „יעווריייסקי וועסטי" באוווּסט און געשעצט אין די סאמע ברייטסטע קרײַזן פונעם לאנד. ס'איז קעדײַ צו פארצייכענען, אז דאָס איז די איינציקע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט, וועלכע האָט באקומען דאָס רעכט צו דרוקן אין יעדן נומער באנאנד מיט איר נאָמען א רעפּראָדוקציע פון א מעלוכע־אָרדען, דאָס הייסט — די מעלוכע האָט, אָנערקענענדיק אירע פארדינסטן, זי באלוינט מיט אָט דעם אָרדען.

דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „יעווריייסקי וועסטי" איזידאָר סאָלאָמאָנאָוו איז א זשורנא־ליסט פון גאָר א הויכער מאדרייגע. ער ארבעט אין דער אלגעמיינער לאנד־פּרעסע, און די ייִדישע צײַטונג איז בא אים „דער צווייטער אָטעם". געפינענדיק זיך מיט איזידאָר סאָלאָמאָ־נאָוון צווישן פּרעסע־לײַט, ווי אויך דאַן, ווען מיר זײַנען צוזאמען ארומגעגאנגען איבער די גאסן, פארבראכט מיט כאווײרים, — אומעטום האָב איך געהערט ווי בולגארן און ייִדן רופן אים היימיש „איזי": איזי ווייסט עפּשער דעם טײַטש פון אזא און אזא וואָרט, איזי זאָל מויכל זײַן, נאָר מאָרגן איז דער טערמין, ווען ער האָט צוגעזאָגט אָנשרײַבן אן ארטיקל, אדגל.

אנומלטן האָב איך געפרעגט איזיען: דער ייִדישער ייִשעוו אין בולגאריע איז א קליינער; בא וועלכן באדינג וועט ער וואקסן? איזי האָט א ווײַז געטאָן אפן הערב פון סאָפיע, אין וועלכן עס זײַנען ארײַנגעשריבן די ווערטער: „וואקסט, נאָר ווערט ניט אלט". דער באדינג, אז דער ייִדישער ייִשעוו זאָל וואקסן, — האָט ער געענטפערט, — וועט קלאָר ווערן, אויב מירן די ווערטער אפן הערב ארויסזאָגן אזוי: ווער ניט אלט, וועסטו וואקסן...

■ ■ ■

אַל די שפּורן פֿון געשעענעם

דער גורל פֿון מענטשן

ביז דער מילכאָמע האָט צאַלעל אובערבלאַט געלעבט אין דאָנבאַס, אין דער שטאָט אַרטיאָמאָווסק, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ נײַ־קאָמבינאַט. אינעם זעלבן קאָמבינאַט האָט אויך געאַרבעט זײַן פֿרוי עלע. זייער טעכטערל גע־ניע איז געגאַנגען אין שול.

די אייגענע און באַקאַנטע האָבן ליב געהאַט צאַלעל אובערבלאַטן פֿאַר זײַן גוטהאַרציקייט, פּאַשטעס און אומויסשעפּלעכן הומאָר. די אוי־בערבלאַטס האָבן געהאַט אַ שעם פֿון דער סאַמע פֿריילעכער מישפּאָכע אין שטאָט.

ווען די היטלעריסטן זײַנען באַפֿאַלן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, איז צאַלעל אײַנגענעם מיט אַנדערע אוועק אָפֿן פֿראָנט. די גאַנצע מילכאָמע האָט ער געדינט אינעם 517־טן שיסער־פּאָלק אָפֿן נאָמען פֿון אַלעקסאַנדער נעווסקי, אויסגע־וואָנען מיט זײַן טייל אָפֿן צאָפֿן־מײַרעוודיקן, אוקראַיִנישן, ערשטן בײַבאַלטישן, צווייטן בײַ־באַלטישן און לענינגראַדער פֿראָנטן. אַנומלטן האָט זײַן בעסטער פֿרײַנט, דער סטאַרשינאַ פֿון די אויסשפּירער אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוו דורכ־געלייענט אין אַ צײַטונג אַ רעפּאָרטאַזש וועגן די אַכזאָריעס פֿון די פֿאַשיסטן אין אַרטיאָ־מאָווסק, וועגן צעשאָסענע בירגער — יידן, וועגן טליִעס לעבן אַרטיאָמס דענקמאָל. אַלעקסאַנדער האָט די צײַטונג צאַלעלן ניט געוויזן, נאָר אַזוי דערעכאַגעוו אים געזאָגט:

— אויב דײַניקע וועלן לעבן בלײַבן, וועסטו זיי מיט זיי, טאָמער ניט — פֿאַרסטו צו מיר. וועסט כאַסענע האָבן מיט מײַנער אַ קרוווע...

דעם 16 פֿעוורואַל 1943 איז העלדיש אומגע־קומען דער סטאַרשינאַ אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוו. אָפֿן ברעג פֿון דער אילמען־אָזערע האָט אים געבראַכט צו קוורע זײַן פֿרײַנט צאַלעל אוי־בערבלאַט. ס'איז אויסגעפֿאַלן צאַלעלן דער גורל אָנצוזאָגן די טרויעריקע יעדיִע אַלעק־סאַנדערס ווײַב — מאַריִען.

אינגיכן האָט די סאָוועטישע אַרמיי באַפֿרײַט אַרטיאָמאָווסק, צאַלעל האָט טייקעף געשיקט אַן אָנפֿראַגע וועגן זײַן מישפּאָכע. דער ענטפֿער איז געווען, אַז אַזוינע אײַנוווינער זײַנען אין אַרטיאָמאָווסק ניטאָ. ער האָט זיך ווידער נאָכגעפֿרעגט. דער שטאָט־סאָוועט האָט אים ווידער מיטגעטיילט, אַז אין די צעטלען פֿון די אײַנוווינער פֿון אַרטיאָמאָווסק זײַנען ניטאָ זײַן פֿרוי און די טאָכטער, און זייער וווין־אָרט איז אומבאַוווּסט. ער האָט זיך אויך נאָכגעפֿרעגט אין בוגורוסלאַן און באַקומען אַן ענטפֿער, אַז צווישן די עוואַקויִרטע זײַנען אַזוינע ניטאָ.

איצט האָט ער ניט געצווייפֿלט: זײַן פֿרוי און זײַן טאָכטער זײַנען אומגעקומען אין אַרטיאָ־מאָווסק.

פֿון מאַריִען איז אָנגעקומען אַ בריוו. זי האָט געשריבן: „אויב דײַן מישפּאָכע איז אומגעקו־מען, און אויב דו וועסט לעבן בלײַבן, ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, קום צו פֿאָרן צו אונדז, ווי עס האָט געוואָלט מײַן סאַשע"...

ווען מע האָט געפֿײַערט דעם ניצאָכן, איז צאַלעל אובערבלאַט געווען אָפֿן לענינגראַדער פֿראָנט. ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַן עשעלאָן, וואָס איז געפֿאָרן קיין אוראַל.

מאַריִע האָט אים באַגעגנט אַ פּאַרוויינטע און אַרײַנגעפֿירט צו זיך אַהיים. ווי נאָר ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטאָן צוויי קינדער מיט אַ געשריי: „טאַטע, טאַטעו!" צאַלעל האָט גענומען אָף די הענט די קינדער פֿון זײַן אומגעקומענעם פֿרײַנט, און ס'האָט אים פֿאַרקלעמט באַם האַרצן. ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט אים אָנ־געכאַפּט אַ שוידער. פֿון אַלע ווינקלעך האָט אַרויסגעקוקט די אָרעמקייט. ס'האָט זיך געפֿילט, אַז די קינדער זײַנען פֿאַרלאָזט.

ער האָט פֿאַנאַנדערגעבונדן זײַן סאָלדאַטיש זעקל און אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען, אַרויס־געשאָטן אָפֿן טיש. צוקוקנדיק זיך צו מאַריִען, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז געשען אַן אומגליק. דער יונגער פֿרוי האָט ניט געקלעקט

צאַלעל אובערבלאַט מיט זײַן פרוי עלע

קיין קויעך איבערצוטראָגן דעם טויט פון איר געליבטן מאַן, און זי האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין שיקרעס. אינעם טשאַד פון בראָנפן האָט זי געפרווּט פאַרגעסן אירע צאָרעס.

אף די קינדער האָט עס שרעקלעך געווירקט. שווער איז צוקוקן, ווען עס טרינקט זיך אָן דער פאָטער, נאָך שווערער — ווען צו אזא צושטאַנד דערגייט די מוטער.

צאַלעל האָט זיך דערמאָנט, מיט וואָס פאר א ליבע עס פלעגט ריידן וועגן מאַריַע אלעקסאַנדער: „דו שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר, וואָס פאר א באלעבאָסטע ס'איז מײַן מאַריַע, גאָלדענע הענט".

פארבליבן אין הויז פון זײַן אומגעקומענעם פרײַנט, האָט צאַלעל געארבעט אין א שנײַדערצעך. שפּעטער האָט מען אים געשיקט אין טשעליאַבינסק אף קורסן פון צושנײַדער. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון די קורסן, פלעגן די ארומיקע אים זאָגן: ווײַבאַלד דער פאָטער איז אומגעקומען און אף דער מוטער קען מען זיך ניט פארלאָזן, גיב אָפּ די קינדער אין קינדערהיים.

— וואָס עפּעס אָפּגעבן סאַשעס קינדער אין קינדערהיים? איך בין דאָך געקומען א לעבעדיקער! — פלעגט ער מיט אופרעגונג ענטפערן. ביסלעכווײַז האָט מען אין שטוב אײַנגעשאַפן אלץ, וואָס ס'איז געווען נייטיק. די קינדער האָבן געגעסן צו זאַט, זיי האָבן זיך פאריכט. צאַלעל פלעגט אליין נייען פאר זיי בגאָדים. זיי האָבן זיך צו אים שטארק צוגעבונדן, גערופן אים טאַטע, און ער האָט זיי ליב געהאַט מיטן גאנצן הארצן.

די צײַט איז געגאנגען. די עלטערע טאָכטער האָט געענדיקט א טעכניקום, אָנגעהויבן ארבעטן. זי האָט כאַסענע געהאַט און איז שוין איצט א מוטער פון צוויי קינדער.

צאַלעלן, ווען ס'האָט זיך צוליב שווערע אומשטענדן ניט אײַנגעגעבן אליין צו ענדיקן א לערן־אנשטאלט, האָט זיך זייער געוואָלט, אז זײַן זון באָריס זאָל באַקומען הויכבילדונג. ער האָט צוליב דעם אלץ געטאָן. איצט איז באָריס אַן אינזשעניער, ער איז שוין אליין א טאַטע פון א זון, וועלכן מע האָט, לויט צאַלעלס ווילן, אָנגערופן אלעקסאנדער.

אָט אזוי זײַנען דורכגעלאָפן מער פון צוואנציק יאָר. ס'זײַנען געווען פארשיידענע צײַטן. עס האָבן ניט געפעלט קיין איבערלעבונגען, אָבער אויך פיל פריידיקע טעג זײַנען געווען. צאַלעל האָט נאָך ניט געוואָלט אוועקגיין אף פּענסיע, אָבער ווי ס'פירט זיך, פאָדערט עס די צײַט. עס זײַנען נייטיק געווען צײַגענישן, קעדיי אופשטעלן דעם ארבעטס־סטאַזש ביז דער מילכאָמע. צאַלעל האָט אָנגעשריבן קיין ארטיאָמאָווסק, און ער האָט באַקומען די נייטיקע פּאַפּירן.

איינמאָל, ווען צאַלעל איז געקומען פון דער ארבעט, האָט ער באמערקט, אז מאַריַע איז עפּעס צעטראָגן. גאָרנישט זאָגנדיק, האָט זי אים דערלאנגט א טעלעגראַמע. אפן שטעמפּל — די שטאָט מינסק. ער האָט איבערגעלייענט: „טײַערער טאַטע, איך בין גליקלעך. דײַן טאָכטער געניע". ער איז פארשטיינערט געוואָרן. דערנאָך זײַנען אָנגעקומען בריוו. ער האָט געשריבן: „טײַערע טאָכטער מײַנע, געניע, קיימאט 25 יאָר האָבן מיר גאָרנישט ניט געוווּסט איינער וועגן צווייטן. איך בין שוין אינגאנצן גראָ, עס גייט מיר שוין דאָס 62־טע יאָר. פארוואָס שרײַבסטו גאָרניט וועגן דער מאַמען, צי לעבט זי?"

אָן אָן אָטעם איז ער געלאָפן אף דער פּאָטשט, מע האָט אים ארויסגערופן צום טעלעפאָן! אינעם טרײַבל האָט ער געהערט דער טאָכטערס ציטעריקע שטים: „דו האָסט געפרעגט וועגן דער מאַמען, איז אָט שטייט זי דאָ לעבן מיר..."

דער קאָלעקטיוו, אין וועלכן צאַלעל האָט געארבעט, איז געוואָרן זײַן צווייטע היים. אהער פלעגט ער קומען מיט אלע זײַנע פריידן אוןליידן. אויך איצט איז ער געקומען אהער האלטן זיך אָן אייצע.

אלע האָבן אינײנעם מיט אים איבערגעלעבט זײַן פרייד. ווען מע האָט פארענדיקט די ארבעט, איז קיינער ניט אוועק אהיים. עס איז פאָרגעקומען אַן אימפּראָוויזירטע פארזאמלונג. דער דירעקטאָר פונעם קאָמבינאַט פיאָדאָר מייכײַלאָוויטש גריבענשטשיקאָוו האָט געזאָגט:

— מיר האַלטן, אַז פֿאַרן דאַרפֿסטו אומבאַדינגט, צאַלעל, דו וועסט זיך זען מיט דײַן פֿאַמיליע, זי האָט נאָך דיר, מיסטאָמע, די אויגן אויסגעוויינט. נו, און וואָס צו טאָן ווײַטער, וועסטו אַליין באַשטימען. דײַנע קינדער גאַלינע און באָריס זײַנען שוין זעלבשטענדיקע מענטשן, וועלן זיי זאָרגן וועגן זייער מוטער, און דיר איז שוין צײַט אַ קלער צו טאָן וועגן זיך אַליין.

דאָ טאַקע האָט מען באַשטימט אַרויסצוגעבן דעם צושנײַדער צאַלעל אובערבלאַטן אַ געלט־פּרעמיע, אַ זייגער, וואָל אַף אַ קלייד פֿאַר זײַן פֿרוי עלע און אַנדערע מאַטאָנעס.

דער זון, באָריס, האָט געזאָגט:

— טאַטע, איך וואָלט אַף דײַן אָרט אויך אַזוי געטאָן, — און שטילערהייט פֿאַרטרויליך צוגעגעבן: — אויב אָבער דײַניקע האָבן זיך אָפּגעווינט פֿון דיר, אויב עפּעס איז ניט קעשורע, טאָ קום באַלד אַהיים.

די טאָכטער גאַלינע האָט געוויינט און אייפֿערזיכטיק געפֿרעגט:

— טאַטע, דו פֿאַרסט דאָך ניט אַף לאַנג, עמעס?

אין טאָג, ווען צאַלעל האָט זיך געקליבן אָפּפֿאָרן, איז מאַריע אופּגעשטאַנען פֿאַרטאָג, אײַנגעהייצט דעם אויוון, אָפּגעבאַקן פֿרישע בולקעלעך, אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט צאַלעלס העמדלעך. ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר זיך געזעגענען, איז זי צוגעפֿאַלן צו זײַנע פֿיס און אַרויסגעשטאַמלט: „זײַ מיר מויכל”. צאַלעל האָט זי אופּגעהויבן, אַרומגענומען און ניט געקענט אײַנהאַלטן די טרערן.

דער באַן איז אָנגעקומען קיין מינסק 5 אַזייגער פֿאַרטאָג. צאַלעלן האָבן באַגעגנט זײַן פֿרוי עלע, די טאָכטער געניע, דער איידעם שימען און די אייניקלעך יאַשע און אַלאָשקע. דאָס מיידעלע איז די ערשטע צוגעלאָפֿן צו אים און אויסגעשריגן: „זיידע, איך האָב דיך באַלד דערקענט, לויט דער פֿאָטאָגראַפֿיע...” די טאָכטער האָט זיך אין אים אײַנגעקלאַמערט, אַז עס איז שווער געווען זי אָפּרײַסן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו זײַן פֿרוי, וועלכע איז באַשיידן געשטאַנען אָן אַ זײַט. צוויי עלטערע מענטשן מיט גראָע קעפּ האָבן שווײַגנדיק זיך אַרומגענומען.

— עלע, דו ביסט די גאַנצע צײַט געווען אַליין? — האָט שטיל געפֿרעגט צאַלעל.

— די גאַנצע צײַט בין איך געווען אַליין.

— פֿאַרוואָס זשע האָסטו וועגן זיך ניט געגעבן צו וויסן, כאָטש דאַן, ווען געניע האָט געשריבן?

— באַ דיר איז דאָך געווען אַ מישפּאָכע, האָב איך ניט געוואָלט שטערן.

צום אַלעם ערשטן איז ער אַוועק אַף דער פּאָטשט און געגעבן אַ טעלעגראַמע אין ווערכנע־אוראַלסק, אַז ער איז קעשורע דערפֿאַרן. דערנאָך איז מען אַוועקגעגאַנגען אַהיים. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זײַנען געשטאַנען טישן, גרייטע אופּצונעמען געסט. עס זײַנען געקומען אויך פֿרײַנט פֿון אַרטיאָמאָווסק.

ווען מע איז געזעסן באַ די טישן, האָט דער פּאָטשטאַליאָן געבראַכט אַ בריוו צו עלען און צו געניען פֿון ווערכנע־אוראַלסק, פֿון צאַלעלס מיטאַרבעטער. אין אים איז געווען געשריבן: „אײַער מאַן און פֿאָטער קענען מיר פֿון לאַנג. דאָס איז אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ. אין שטאָט האָבן אים אַלע ליב און מע שעצט אים. ער האָט דערצויגן צוויי פֿרעמדע קינדער. עס האָט אים אַרויסבאַגלייט דער גאַנצער קאָלעקטיוו. אַלע האָבן זיך געפֿרייט. זײַט געזונט און גליקלעך. שרײַבט כאָטש אָן איין שורע וועגן אײַער באַגעגעניש. שרײַבט לויטן אַדרעס: ווערכנע־אוראַלסק, קראַסנאָאַרמייסקאַיאַ, 70, קאָמבינאַט פֿון שטייגער־באַדינונג”.

ווי אַזוי זשע האָט זיך געראַטעוועט צאַלעלס מישפּאָכע?

ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט אַרטיאָמאָווסק, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע ייִדן דאַרפֿן אָבליגאַטאָריש זיך מעלדן. עלע מיט דער טאָכטער זײַנען ניט געקומען אָפּן זאַמל־פּונקט. פֿון אָנפֿאַנג האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן באַ געניעס כאַווערטע טאַמאַרע וואָראָנעזשסקאַיאַ. לאַנג זיך געפֿינען דאָרט איז געווען געפֿערלעך, האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַ צעוויטן הויז. אַזוי האָט מען זיי איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן, צוערשט באַקאַנטע און דערנאָך אויך אומבאַקאַנטע שאַכטיאָרישע פֿאַמיליעס.

זיי האָבן געוואַנדערט פֿון יענאַקיִעוואָ קיין ניקיטאָווקע, דערנאָך קיין גאָרלאָווקע, קיין קראַמאַטאָרסק. עס איז זיי אויסגעקומען צו וווינען אויך ניט ווײַט פֿונעם פֿראָנט. שפּעט באַנאַכט האָבן זיי באַמערקט, ווי אין איינעם אַ שטיבל שפּאַרט פֿון קוימען אַ געדיכטער רויך. „אַ סריפֿע”, — האָבן זיי באַשטימט און אָנגעקלאַפּט, קעדיי אָנזאָגן די שלאָפֿנדיקע וועגן דער געפֿאַר. די טיר האָט זיי געעפֿנט אַ שאַכטיאָרקע. דערזעענדיק צוויי פֿרויען, האָט זי זיך גענומען צווײַלן: „באַלד, טײַערינקע, וועל איך דורכלופֿטערן. דאָס רייכער איך אַזוי אַרויס די פֿריצן. זיך אײַנגענאַדיעט אַהער צו וואַרעמען זיך. זיי טראָגן אָבער ניט אַריבער קיין רויך”...

די אויסגעמאַטערטע פֿרויען האָבן איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און קומענדיק צו־זיך, אָפֿנהאַרציק דערציילט אַלץ וועגן זיך. די באַלעבאָסטע האָט זיי אויסגעהערט. זי האָט פֿיבערהאַפֿט גענומען טראַכטן, מיט וואָס מע קען זיי העלפֿן. זי האָט געגנישטערט אין שאַפֿע, עפּעס געזוכט. ווי איבעראַשט זײַנען עלע און געניע

געוואָרן, ווען זי האָט זיי דערלאַנגט צוויי פּאַספּאָרטן: אַפן נאָמען פון אַניסיאַ יאַקאָווליעוונאַ יעמעליאַנאָוואַ און פון איר טאָכטער אַנאַ וולאַדימיראָוונאַ. מיט די דאָזיקע דאָקומענטן האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיטן האַמוין מענטשן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט דאָ, באַ דער פראָנט־ליניע, וואָס האָט זיך געפונען דרײַ קילאָמעטער פונדאַנען. די ערד האָט דאָ געציטערט פון אויפרײַסן.

זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אַן אָבלאַווע, צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע פאַרהאַלטענע האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין אַ לאַגער אונטער האַמבורג. געניע און איר מוטער זײַנען צעשיידט געוואָרן. שפּעטער האָט געניעס כאַווערטע פון לאַגער שורע טאָפּטשיענקאָ זיך דערוווּסט, אַז איר מוטער האָט מען פאַרשפּאַרט אין קאַרצער דערפאַר, וואָס זי האָט אַף דער אַרבעט פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן.

שורע איז געווען אַן איבערגעגעבענער פרײַנט. זי האָט מיט גרויסע שוועריקײַטן זיך דערשלאָגן, אַז מע זאָל געניעס מוטער איבערפירן אין זייער לאַגער. זיי האָבן אינאיינעם געאַרבעט אַף אַ פאַבריק פון מעדיקאַמענטן.

ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אין וועלכע קעסטלעך עס געפינען זיך וויטאַמינען, האָבן זיי בישטיקע אַרויסבאַקומען אַ טייל פון זיי. אַדאַנק די דאָזיקע וויטאַמינען איז אָפּגעשטאַנען טכ׳אָס־האַמייסים געניעס מוטער עלע. אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן, פלעגן זיי איבערגעבן די וויטאַמינען אין לאַגער פון די קריגסגעפאַנגענע, וועלכע זײַנען געווען שרעקלעך אויסגעצערט. איינמאָל האָט מען אַ מיידל געכאַפּט, בייס זי האָט איבערגעגעבן די וויטאַמינען, האָט מען זי צעשאָסן דאָ אַף אָן אָרט.

דאָס האָט אָבער קיינעם ניט אָפּגעשראָקן. מע האָט זיך נאָר אויסגעלערנט זײַן פאָרזיכטיקער.

אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעמאַטערט דרײַ יאָר. באַפרײַט האָט זיי די אַמעריקאַנישע אַרמיי. נאָר ניט אַזוי גיך האָט מען זיי דערלויבט אומקערן זיך אַהיים. מע האָט זיי אײַנגערעדט פאָרן קיין אַמעריקע, ענגלאַנד, בעלגיע, מע האָט זיי געסטראַשעט מיט סיביר, וועלכע וואַרט אַף זיי אין זייער פאָטערלאַנד. זיי האָבן אָבער געטײַנעט זייערס: „מיר וועלן פאָרן אַהיים, נאָר אַהיים!”

ערשט צום סאָף 1946 יאָר זײַנען זיי געקומען אין אַרטיאָמאָווסק. זיי האָבן טייקעף אָנגעהויבן זוכן צאַלעלן. דער ענטפער איז געווען איינער און דער זעלבער: „אין די צעטלען פון די געהאַרגעטע און פאַרווונדעטע איז אַזוינער ניטאָ, פאַרפאַלן געוואָרן אָן יעדי׳עס”...

■

אין אַ קורצער צײַט אַרום זײַנען צאַלעל און עלע געפאָרן צוגאַסט צו באָריסן אין וואָלגאָגראַד, ווו ער האָט געלעבט מיט זײַן מישפּאָכע.

צאַלעל פאַרגעסט ניט אין די קינדער פון זײַן אומגעקומענעם פרײַנט אַלעקסאַנדער. אויך זיי פאַרגעסן אין אים ניט.

צאַלעל און עלע לעבן באַ דער טאָכטער געניע אַף דער שטילער גרישעווער גאַס, אין מינסק. ווידער הערט מען אין דער מישפּאָכע אויבערבלאַט אַ פריילעך געלעכטער, אַ שאַרף וואָרט, ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן.

פּ. מײַ
קי׳עוו

■

זײַן נאָמען און צונאָמען

„גאַלעך” איז לעכאַטכילע געווען זײַן צונאָמען. אַזוי האָבן אים כאַווירים באַ אַ געלעגנהײַט גערופן אין אַ שפּאַס. דערנאָך איז דער צונאָמען געוואָרן אַ טייל פון זײַן עמעסן נאָמען, אַפילע אין זײַן פּאַספּאָרט האָט מען אַרײַנגעשריבן גאַלעך־פורמאַנאָוויטש. קיין גאַלאָכישע קודרעס האָט ער קיינמאָל ניט געטראָגן, קיין דראָשעס באַם קלויסטער־אַלטאַר ניט געהאַלטן, ביכלאַל איז ער אין אַ קלויסטער קיינמאָל ניט אַרײַן, ווײַל אים איז געווען דערווידער יעטווידער פאַרקער מיט קלייקוידעש, צו וועלכער עמונע זיי זאָלן ניט געהערן — צו דער יי׳דישער, קריסטלעכער, מאַכמעדאַנער. ווי׳אַזוי זשע האָט זיך געקאָנט צו אים צוקלעפּן אַזאַ צונאָמען און נאָך ווערן אַ טייל פון זײַן עמעסן נאָמען? וועגן דעם וועלן מיר דערציילן ווײַטער.

יאָסל גאַלעך איז אַ געבוירענער פון בריסק. זײַנע עלטערן זײַנען געווען דוירעסדיקע יי׳דישע האָרעפּאַשניקעס. ער האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ סוויווע, ווו מע האָט טאַכלעס־סינע פײַנט געהאַט די גווירים, נעגידים, עקספּלואַטאַטאָרן. יאָסלען האָט שטענדיק געצויגן צו די פרײַהײַטליבנדיקע, ענערגישע, באַוווּסטזיניקע אַרבעטער, ווו מע קאָן הערן אַ וואַרעם און פריש וואָרט. ער איז געווען שטענדיק דער ערשטער אַף פאַרשיידענע דיסקוסיעס, דער אַקטיווסטער באַם דורכפירן אַ געזעלשאַפטלעך מאָסמיטל,

יאָסל גאַלעך־פּורמאַנאָוויטש

מעג עס אפילע זײַן פאַרבונדן מיט דער געפאַר אַרײַנצופאַלן אין די לאַפּעס פון דער פּאָליציי.

ער איז געוואַקסן, יאָסל, א געזונט, קרעפטיק ייִנגל. די רײַכע שכיינים פלעגן שטענדיק ריידן וועגן אים מיט קינע: „סאַראַ יונגאַטש דאָס איז, פּלייצעס ווי בײַ א געזונטן טרעגער. ווי קומט עס אזא אנאַק צו קאַפּצאָנים!"

יאָסל האָט די רייד געהערט, נאָר ער פלעגט זיך פון זיי אויסלאַכן, אויסשטעקן א צונג די „פּיאַווקעס, די בלוט־זויגער". יונג פאַרבליבן א יאָסעם, אָן א טאַטן, האָט ער צו דרײַצן יאָר גענומען אָף זיך דעם אָל צו אויסהאַלטן די פאַמיליע, וואָס איז געבליבן אָן א שפּײַזער. ער שטעלט זיך אַרבעטן אלס לערן־ייִנגל אין א דרוקערײַ, און טייקעף דערפילט ער דעם עמעסן טאַם פון עקספּלואַטאַציע: נאָך מאַמעש א קינד, האָט ער שוין געמוזט אַרבעטן פון פינצטער ביז פינצטער — פון אַכט אינדערפרי ביז אַכט אין אָוונט, — אזא איז דעמלט געווען די לענג פונעם אַרבעטסטאָג פאַר אַלע אַרבעטער, אָן אויסנאַם פון עלטער און געזונטצושטאַנד. אין דער דרוקערײַ, ווו עס איז קיימאַט ניט געווען קיין ווענטיליאַציע, האָט ער צוועלף שאָ נאָכאַנאַנד געמוזט אַרײַנעטעמען אין די קינדערשע לונגען די לופט, וואָס איז אָנגעפילט מיט בלײַ.

ווי באַוווּסט, איז אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט אופגעקומען אין דער ייִדישער סוויווע איינע פון די סאַמע רעאַקציאָנערע בורזשואַזע באַוועגונגען — די ציִניסטישע. אין רוסלאַנד איז איר אופּקום קימאַט ווי צונויפגעפאַלן מיט דער כוואַליע ייִדן־פּאָגראָמען, ווי, לעמאָשל, דער קעשענעווער פּאָגראָם אין 1903. די פּראָגרעסיווע מענטשן פון רוסלאַנד — וולאַדימיר איליטש לענין, די באָלשעוויקעס, די גרויסע רוסישע שרײַבער גאָרקי, קאָראָלענקאָ און פיל אנדערע — זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע פּראָטעסטן קעגן די פּאָגראָמען, גערופן צום קאַמף קעגן די באַרבאַרישע אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען פון דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, פון דער פּאָליציי און שוואַרצמייעניקעס. די ציִניסטן, ווידער, האָבן די פּאָגראָמען אויסגענוצט אָף זייער אופן — ניט געקעמפט קעגן זיי, נאָר גערופן די ייִדן פון רוסלאַנד צו פאַרלאָזן זייערע היימען, זייערע אײַנגעזעסענע ערטער, ווו זיי זײַנען געבוירן און אויסגעוואַקסן, און פאָרן קיין פּאַלעסטינע. לאָמיר, אַגווו, דערמאָנען, אז מיטן זעלבן „לאָזונג" האָבן דעמלט אָפּעריִרט די סאַמע פאַרביסענע אַנטיסעמיטן — די שוואַרצמייעניקעס. נאָכן פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע איז קיין פּאַלעסטינע אוועקגעפאָרן א געוויסע צאָל ייִדישע יוגנט. צווישן די עמיגראַנטן האָט זיך געפונען אויך דער יונגער דרוקער יאָסל פּורמאַנאָוויטש, וועמען מיר רופן דאָ יאָסל גאַלעך.

די ציִניסטן האָבן צוגעזאָגט דער ייִדישער יוגנט, אז אין פּאַלעסטינע דערוואַרטן זיי גאָלדענע בערג. די ייִדישע באַכערים און מיידלעך, וועלכע זײַנען געקומען קיין פּאַלעסטינע, האָבן זייער גיך זיך איבערצײַגט, אז מע האָט זיי מיִעס אָפּגענאַרט, די צוזאָגענישן זײַנען געווען הוילער שעקער. זיי האָבן דערזען, אז עס באַלעבאַטעווען דאָ אָפּן סאַמע פּרעכן אויפן די ענגלענדער, און די ציִניסטן זײַנען זייערע געטרײַע מיטהעלפער. אָנשטאָט א גאַניידן האָבן זיי דערזען פאַר זיך פּערמאַנענטע אַרבעטסלאָזיקײַט. יענע, וועלכע קריגן יאָ צײַטווײַליקע אַרבעט, ווערן אומענטשלעך עקספּלואַטירט. זייערע פאָדערונגען ווערן אָף א גראָבן אופן אָפּגעוואָרפן, פאַר קעגנשטעלן זיך, פאַר פּראָטעסטירן — טפיסע, פײַניקונגען. די אַראַבער זײַנען פולשטענדיק רעכטלאָז. דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער און אַראַבישער יוגנט קומט אַלע טאָג אָפּן מאַרק פון די אַרבעטסלאָזע, שטייט אָפּ שאָענלאַנג אונטער דער סאַרפענדיקער זון...

יאָסל טרעט אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע און נעמט זיך מיט דער גאַנצער יוגנטלעכער ענערגיע אופדעקן פאַר די אַרבעטער דעם עמעסן פּאַרצוף פון די ציִניסטישע רעדלפירער. די ציִניסטן ענטפערן אים מיט רעפּרעסיעס — קוידעמקאָל מיט „פּערמאַנענטער אַרבעטסלאָזיקײַט". קוים מיט צאָרעס גיט זיך אים אײַן צו פאַרדינגען זיך

אלס שטיינהעקער אַף דער בויונג פון שאָסיי־וועגן. שטיינהעקערײַ איז אַן עמעסע קאַטאָרגע־ארבעט, ווער רעדט נאָך ווען מע פארנעמט זיך מיט אזא ארבעט אין דער צײַט פון די שטאַרקע היצן.

עס איז אריבער סאכאקל א האלב יאָר נאָך זײַן קומען קיין פּאלעסטינע, און יאָסל איז שוין איינער פון די אקטיווסטע קאָמוניסטן, א מײַסטער פון אָפּהיטן פּארטייִשע קאָנספּיראַציע. אים טרויט מען אָן די סאמע וויכטיקע און פאראַנטוואָרטלעכע אויפגאבן. ער באַהערשט די אראבישע שפּראַך און נעמט זיך צום פאראייניקן די ייִדישע און אראבישע ארבעטער אין זייער קאַמף פאר א בעסער לעבן, פאר מענטשלעכער באַהאַנדלונג, פאר גלײַכער באַלוינונג פון ייִדן און אראבער בײַ גלײַכער ארבעט.

די ציִעניסטן באמערקן יאָסלס טעטיקייַט. זיי הייבן אָן נאָכשפּירן נאָך אים און שיקן אָן אַף אים די פּאָליציי. בייס איינער א פארזאמלונג פון ייִדן און אראבער האָט זיך ארײַנגעריסן די פּאָליציי, צעטריבן דעם אוילעם, און יאָסל איז געוואָרן ארעסטירט. אזעלכע אָבלאַוועס זײַנען פאָרגעקומען אָפט. נאָר יאָסלען האָט דאָס ניט געשראָקן, ער האָט געקאָנט אלץ אויסשטיין. נאָך דער באפרײַונג פלעגט ער זיך ווידער נעמען צו זײַן קאָמוניסטישער אונטערערדישער טעטיקייַט. ער האָט אָנגעפירט מיט פּאָליטישע קרײַזלעך, אָרגאַניזירט אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ. די דרוקערײַ איז געווען אזוי גוט פארקאָנספּירירט, אז וויפל די פּאָליציי האָט ניט געזוכט און גענישטערט, האָט זי ניט געקאָנט אויסשפּירן זי, און די קאָמוניסטישע ליטעראַטור איז געוואָרן אלץ ברייטער און ברייטער פארשפּרייט.

די פּארטיי האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט יאָסלס טעטיקייַט, ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין באַשטאַנד פון צענטראַל־קאָמיטעט. א מיטגליד פון צק איז ער געווען אין מעשעך פון דער גאַנצער צײַט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין פּאלעסטינע.

דאָס שטענדיקע וווין־אָרט און ארבעטס־אָרט יאָסלס זײַנען די יערושאָלאיִמער שטיין־קאַריערן. זײַנע באַגעגענישן מיט די ארבעטער זײַנען ניט איבערגעריסן געוואָרן אַף קיין איין טאָג: הײַנט זעט איר אים אין יאַפע, צווישן די פּאָרט־ארבעטער, מאָרגן — שוין אין כײַפע, צווישן די ארבעטער, וואָס בויען דעם שאָסיי כײַפע — טעל־אוויוו. די ארבעטער האָבן אים ליב, מיט אלע פראַגן ווענדן זיי זיך צו אים. אין יעדער שטאָט רופט ער זיך אָן מיט אַן אנדער פּסעוודאָנים — אזוי פאָדערן די געזעצן פון קאָנספּיראַציע.

ער איז געווען אזוי ארײַנגעטאָן אין דער פּארטיי־ארבעט, אז עס האָט אים קיין צײַט ניט געקלעקט צו שענקען כאָטש וויפל־ניט־איז אויפמערקזאמקייַט זײַנע פּערזענלעכע באַדערפענישן. די כאַווײרים זײַנע זאָגן אַף אים, אז ער לעבט ווי א נאָזיר. דערפאר טאַקע האָבן זיי אים א נאָמען געגעבן „גאַלעך". דער דאָזיקער צונאָמען איז געוואָרן זײַן נײַער פּסעוודאָנים און איז פארבליבן אים אָפן גאַנצן לעבן. „גאַלעך" איז געוואָרן א צוגאָב צו זײַן עמעסער פאַמיליע פורמאַנאָוויטש. אפילע אין פּאַספּאָרט איז ער פארשריבן געוואָרן אונטערן נאָמען גאַלעך־פורמאַנאָוויטש. די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט, אז צו די שטרײַקנדיקע ארבעטער קומט אראָפּ עפּעס א באָכער מיטן נאָמען גאַלעך, זײַנע סימאָנים: א הויכער, א בלאָנדער, רעדט גוט איווריט און אראַביש, איז שטאַרק ענלעך אַף יענעם, וואָס מע רופט בען־בער און בען־כאיִם. אָבער יאָסל — ער לאַכט זיך אויס דערפון: הײַנט איז ער דאָ, מאָרגן דאָרט.

דער פּאָליציי דוכט זיך אָפט, אז ער איז שוין אין אירע הענט, אָבער פּלוצעם גליטשט ער זיך ארויס, און — גיי כאַפּ מיך!

אין כײַפער צעמענט־זאַוואָד איז אויסגעבראָכן א שטרײַק. די ערשטע פאָדערונג פון די שטרײַקער: א גלײַכן לוין פאר גלײַכער ארבעט אָן אונטערשייד פון דער נאַציִאָנאַלער אָנגעהעריקייַט. די ציִעניסטן פּרוּוון, ווי שטענדיק, פּראָוואָצירן צוזאַמענשטויסן צווישן ייִדן און אראבער. נאָר דאָס גיט זיך זיי ניט אײַן: דער שטרײַק איז גוט אָרגאַניזירט. יאָסל גאַלעך דרוקט אָפּ א פלוגבלעטל מיט אַן אויפרוף צו די ארבעטער. די פּאָליציי זוכט דעם אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פונעם שטרײַק, נאָר כאַפּן יאָסלען גיט זיך איר אײַן בלויז מיט דער הילף פון א פּראָוואָקאַטאָר. די פּאָליציי ארעסטירט יאָסלען און שלײַדערט אים ארײַן אין דער יערושאָלאיִמער טפּיסע, וועלכע האָט געהאַט א שעם מיט איר אויסערגעוויינלעכן אַנטיסאַניטאַרן צושטאַנד און ביכלאַל מיט איר זייער שווערן רעזשים.

ארויס פון טפּיסע, נעמט זיך יאָסל ווידער צו דער אונטערערדישער ארבעט. זומער 1930 ווערט ער אויסגעוויילט אלס דעלעגאַט פון די פּאלעסטינער פּראָפּאַריינען אָפן V קאָנגרעס פון פּראָפינטערן. באַם צוריקקערן זיך פונעם קאָנגרעס באַמערקט ער, ווי אַף דער שיף שפּירט מען אים נאָך. אין סטאַמבול ווערט ער פארהאַלטן דורך דער פּאָליציי. קיין פּאלעסטינע קאָן ער שוין זיך ניט אומקערן. ער קומט קיין מאָסקווע אלס פּאָליטישער עמיגראַנט. די פּארטיי שיקט אים לערנען אין דער „מײַרעוווקע" (א קאָמוניסטישער אוניווערסיטעט פאר די מײַרעוו־פעלקער).

דאָרטן, אין דער „מײַרעוווקע", האָט די אויפנאַם־קאָמיסיע אָפּגעשאַצט יאָסלס קענטענישן,

זײַן ערודיציע, און געשיקט אים אינעם פראָפאגאנדע־אָפטייל פונעם ייִדישן סעקטאָר, ווו די סטודענטן־גרופע איז געווען זייער א שטארקע. אינטערעסאנט צו באמערקן, אז נאָך יעדער זומערדיקער פראקטיק פלעגן די אנשטאלטן, בא וועלכע יאָסל האָט פראקטיקירט, בעטן דעם אוניווערסיטעט, מע זאָל אים שיקן צו זיי אף ארבעט. שוין נאָכן צווייטן און דריטן קורס זײַנען אזעלכע ביטעס אָנגעקומען פון די רעדאקציעס „אָקטיאבער“ (מינסק), „שטערן“ (כארקאָוו) און שפעטער אויך פונעם מאָסקווער „עמעס“. דער אוניווערסיטעט אָבער האָט אים געשיקט אין דער נאָרוואָס אָפגעקומענער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, קיין בירָאבידזשאן.

די ערשטע צײַט איז ער געווען פארטאָרג אין „וואלדגעווערב־פארבאנד“, דערנאָך האָט מען אים באשטימט אלס פאראנטוואָרטלעכן רעדאקטאָר פון דער געגנטלעכער צײַטונג „בירָאבידזשאנער שטערן“. אין רעדאקציע האָט ער זיך גלײַך באפרײַנדעט מיטן זון פונעם ערשטן רעדאקטאָר פון דער צײַטונג — מיט עמאנויל קאזאקעוויטש, וועלכער האָט זיך שוין דעמלט אויסגעצייכנט אלס טאלאנטפולער שרײַבער. ביידע קלוגע, שארפזיניקע, האָבן זיי ליב געהאט לאנג שמועסן, ווילצלען זיך. קאזאקעוויטש, נאָך א יונגער באָכער, האָט זיך שטארק געצויגן צו קינדער. ער פלעגט זיך אָפט שפילן מיט גאלעכס ייִנגעלע גענא. לייענען אים נײַע מײַסעלעך, קלײַבן נאכעס, ווען דאָס קינד פלעגט אף זײַן אויפן רעאגירן אף די מײַסעלעך.

ווען ס'איז באשלאָסן געוואָרן צו שאפן אין דער געגנט א פארשפרייטונגס־אָרגאניזאציע פון ליטעראטור און פרעסע, וועלכע מע האָט אין יענער צײַט אָנגערופן „קאָגיז“, איז אָט די אופגאבע אָנגעטרויט געוואָרן גאלעך־פורמאנאָוויטשן. ער האָט די ארבעט אָרגאניזירט מיט אזויפיל געשמאק און קענטעניש, אז די ביכער־מאגאזינען און די ביבליאָטעקן פון דער גאנצער געגנט זײַנען אין מעשעך פון א קורצער צײַט אויסגעשטאט געוואָרן מיט אלדעם נייטיקן און די באפעלקערונג אפילע פון די ווײַטע ייִשווים איז פולקום באזאָרגט געוואָרן מיט דער געהעריקער ליטעראטור, דערבײַ איז די האכנאָסע פונעם ביכער־האנדל געווען זייער א הויכע. אין די לעצטע כאדאָשים פון זײַן לעבן איז גאלעך־פורמאנאָוויטש אפילע צוגעטראָטן צו בויען א ספעציעלן מויער פארן בירָאבידזשאנער „קאָגיז“ מיט דירעס פאר די אָנגעשטעלטע.

ליידער איז אים איבערן פריצײַטיקן טראגישן טויט ניט באשערט געווען אויסצופילן אָט דעם פלאן.

ליובע יארקעוויטש,
מאָסקווע

אלץ איז אים נעגייע

— כאווער יורי, מײַן מיידעלע נעמט מען ניט צו אין די יאסליעס, ניטאָ קיין פרײַע ערטער. איך דארף דאָך אָבער ארויסגיין צו דער ארבעט...

א שאָ נאָכאנאנד קלינגט יורי אין פארשיידענע אנשטאלטן. אָן אָרט אין די יאסליעס האָט זיך אָפגעזוכט. די יונגע מאמע ארבעט נאָרמאל.

יורי גאראָכאָווסקי דערוויסט זיך, אז די ארבעטערן פון זײַן צעך מיכײַלאָוואָ קאָן זיך קיין אייצע ניט געבן מיט איר ייִנגל וואָוקע; ער וויל ניט לערנען, זידלט די לערער. פאָרט ער צו מיכײַלאָוועת אהיים און פארפירט, ווי א מאנצבל מיט א מאנצבל, אן ערנסטן שמועס מיטן ייִנגל. דאָס ווירקט.

דער יונגער ארבעטערן רופא שאנזשינא האָט דער קאדרען־אָפטייל אלפי־טאָעס פארקלענערט דעם ראזריאד, און זי באקומט א קלענערן געהאלט. פוילט זיך ניט י. גאראָכאָווסקי און כאפט זיך אליין אראָפ אין קאדרען־אָפטייל. דער טאָעס איז פאריכטס.

אזעלכע בײַשפילן קאָן מען ברענגען א סאך. ווער איז ער, יורי גאראָכאָווסקי?

באקאנט זיך מיט אים האָב איך גאנץ צופעליק.

אין סווערדלאָווסק, לעבן וואָקזאל, איז אינעם אונטערערדישן דורכגאנג געזעסן א מענטש פון א יאָר פופציק. א געשוואָלן, ניט געגאָלט פאָנעם, רויטע פארטרערטע אויגן. איין פוס איז אָפגעדעקט, קעדיי אלע זאָלן זען דעם פראָטעז. דער מענטש האָט געהאלטן אין איין איבערכאזערן מיט א הייזעריקלעכער, שיקערער שטים:

— ברידער און שוועסטער, פארגעסט ניט דעם קוילנוואָרפלער ארקאשקע!

פון די טרעפ איז אראָפגעגאנגען א מענטש מיט גראָווע האָר. דערהערט די רייד פונעם בעטלער ארקאשקע, האָט ער זיך אָפגעשטעלט און מיט הארץ געזאָגט:

— ווי שעמסטו זיך ניט צו בעטלען? דו באקומסט דאָך א היפשע פענסיע און קיין ארבעט פעלט אויך ניט אויס. דו בעטלסט אף א פלעשל בראנפן. מאכסט צו שאנד דײַנע געוועזענע כאווײרים — פראָנטאָוויקעס!

דאָס פּאָנעם פונעם מענטשן מיט גראָוע האָר האָט מיר אויסגעזען צו זײַן באַקאַנט. אַז מיר זײַנען אַרויס פונעם אונטערערדישן דורכגאַנג און האָבן זיך צעשמועסט, האָב איך זיך דער־מאָנט.

...באַם בּרוסטווער איז געשטאַנען דער קאָ־מאַנדיר פון דער דריטער גוואַרדייִישער בריגאַדע פון דער יאַם־פּעכאָטע, קאַפּיטאַן פון ערשטן ראַנג סוכּיאַשווילי און אָן אופהער גע־קוקט אינעם בינאָקל.

— הער נאָר, יורי, — האָט ער זיך געווענדט צו אַ לייטענאַנט, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים. — דו זעסט דאָס דאָרף? טאַראַקאַנאָווקע הייסט עס. דאָרט זײַנען איצט די פּאַשיסטן. אין דער שטאָט כאָלם זײַנען אויך די פּאַשיסטן. און מיר שטעקן זיי ווי אַ ביין אין האַלדז. אונדזער אופגאַבע איז — ניט געבן זיי, די היט־לעריסטן, די מעגלעכקײַט צו פאַרייניקן זיך און אַרויסשפּײַען פון האַלדז דעם ביין. מיר זײַנען אָבער ווייניק אין צאָל. דערפאַר האָט מען גע־שיקט צו אונדז דיך מיט דײַנע קורסאַנטן. דו ביסט שוין אַ יאַט מיט דערפאַרונג, געשלאָגן זיך הינטער מאָסקווע...

צום וועלדל, ווו מע האָט באַדאַרפט אָרגאַני־זירן די לאַקערונג קעגן סוינע, האָבן יורי גאָ־ראַכאָווסקי מיט די קורסאַנטן געפּויזעט אַף אַלע פיר. אַרײַנעטעמענדיק דעם אַראָמאַט פון דער מײַ־ערד, האָט יורי אַלץ מער זיך דערנענ־טערט צום באַשטימטן אָרט. ער האָט שוין געדאַרפט אַ הייב טאָן זיך און איבערלויפן דעם קליינעם שעטעך, ווי נאָענט פון זײַן פּאָנעם האָט פּלוצעם אַ זעץ געטאָן זייער אַ ליכטיקע שײַן. איין אײַזערנע נאָדל האָט ווי דורכגע־שטאָכן זײַנע אויגן, אַ צווייטע נאָדל — דעם פוס. די הענט זײַנען געוואָרן אַזוי שווער, ווי אַף זיי וואָלט זיך אָנגעוואַלגערט אַ פּילפּודיקע מאַסע.

אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, איז ער אופ־געשפּרונגען, אָבער באַלד ווידער געפאַלן אַף דער הייסער ערד.

צו־זיך איז ער געקומען אין אַכט מעסלעס אַרום. אַרום אים האָט געהערשט אַ געדיכטע פינצטערניש.

— ווו בין איך? — האָט, קוים רירנדיק מיט דער צונג, געפרעגט יורי.

— אין שפּיטאָל, אַף דער סטאַנציע פּענאַ, — האָט אים געענטפערט זײַן שאָכן פונעם שכיי־נישן בעטל.

— איצט איז נאַכט?

— פאַרוואָס נאַכט? די זון איז דאָך נאָרוואָס אופגעגאַנגען.

— איך בין בלינד געוואָרן!

פיר כאָדאָשים צײַט האָט יורי גאָרנישט ניט געזען. נאָך דער אָפּעראַציע איז איין אויג גע־ראַטעוועט געוואָרן. דער פוס האָט זיך אויך פאַרהיילט. נאָר די הענט האָט מען אים אַמ־פּוטירט.

יורי איז אָבער אַלט געווען אײַנגאַנצן דרײַ און צוואַנציק יאָר. אין אַזאַ עלטער ווילט זיך לעבן, און ער האָט באַשלאָסן צו קעמפן פאַרן לעבן. אין סווערדלאָווסק האָט מען אים גע־מאַכט די לעצטע אָפּעראַציע, דעם אַזויגערופע־נעם „קרוקענבערג־גאָפּל", אַז די הענט זאָלן אים קענען דינען.

ווען ער האָט זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, האָבן אין זײַן היימשטאָט נאָך געווילדעוועט די היטלעריסטן. דעריבער איז ער פאַרבליבן ווױנען אין אוראַל. אַ פּענסיע האָט ער באַקו־מען אַ גוטע, אָף לעבן האָט געקלעקט, אָבער אים האָט זיך געוואָלט אַרבעטן.

איינמאָל האָט יורי באַגעגנט אין גאַס אַ באַ־קאַנטן מענטשן, וואָס האָט געאַרבעט אַלס טעכנישער אָנפירער פונעם אינוואַלידן־אַרטעל „נײַער שטייגער". פרעגט באַ אים יורי:

— הער נאָר, פּאַוועל ניקאַלײַעוויטש, עפּשער וועט אין דײַן אַרטעל זיך געפינען אָן אַרבעט פאַר מיר?

— מיט אַלע קאָוועדן. דו האָסט דאָך פאַר־ענדיקט אַ טעכניקום.

יורי גאָראַכאָווסקי איז הײַנט שעף פון אַ צעך פון דער ניי־פאַבריק „וואָסטאָק".

אַז מע פרעגט באַם דירעקטאָר פון דער פאַבריק, פאַרוואָס עס געפעלט אַזוי די קליִענטן די פּראָדוקציע פון אָט דעם צעך, ענטפערט ער:

— וואָס הייסט, פאַרוואָס? מיט דעם צעך פירט דאָך אָן גאָראַכאָווסקי!

יורי גאָראַכאָווסקי

גאָראָקאָווסקי זיצט קימאַט קיינמאָל ניט אין זײַן קאַבינעט. ער איז שטענדיק צווישן די אַרבעטער פון פאַבריק, אָדער ער שמועסט מיט אַ קליִענט, אָדער ער פאָרט אין אַ צווייטער פאַבריק „קריגן זיך מיט נאַטשאַלסטווע". וויאַזוי ער זאָרגט זיך וועגן די אַרבעטער פון דער נײַ־פאַבריק, האָבן מיר דערציילט אין אָנהייב פון דער נאָטיץ.

דער געוועזענער לייטענאַנט, איצטיקער שעף פון אַ פאַבריק־צעך האָט קאָשער פאַרדינט דעם אָרדען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, מיט וועלכן ער איז באַלוינט געוואָרן פאַר אויספּילן די אויפגאַבן פונעם לעצטן פינפיאָר־פּלאַן.

אי. סעמענטשיק
סווערדלאָווסק

דער וועג פון לעבן

אָט זע איך אים ווידער, מײַן געוועזענעם שעף — דעם פּאָדפּאָלקאָווניק יאַנקעוו יאָסעלעוו. די זעלבע לעבעדיקע קלוגע אויגן, דאָס זעלבע קורצע קײַלעכיקע בערדל. אַזאַ האָב איך אים פאַרגעדענקט נאָך פון דער לאַדאָגע. עמעס, דרײַסיק יאָר זײַנען שוין פאַרלאָפן, דעמלט, אויף דער לאַדאָגע, זײַנען די געקרײַזלטע האָר געווען שוואַרץ און געדיכט, איצט זײַנען זיי שיטערלעך און גראָ.

ווען איך האָב באַ אים געפרעגט, וועלכע עפּיזאָדן אויף דער לאַדאָגע האָבן זיך אים באַזונדערס פאַרקריצט אין זיכּאָרן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— אַלע. בוכשטעבלעך אַלע, ביז די לעצטע קלײניקײַטן.

יאָ, אַזוינס פאַרגעסט זיך ניט. נאָך אַזויפיל יאָרן איז מיר באַזונדערס אָנגענעם צו דערציילן וועגן אָט דעם געלערנטן און סאָלדאַט, איינעם פון די פאַרטיידיקער פון דער לענין־שטאָט אויף דער ניעוואַ.

אָרגאַניזירן די באַזאָרגונג פון אַזאַ ריזיקן קראַך, ווי לענינגראַד, פאָדערט גרויסע קענטעניש, פּראַקטיק און גרענעצלאָזע ענערגיע, וועער רעדט נאָך, אַז די באַזאָרגונג ווערט געפירט אין די באַדינגונגען פון מילכאָמע, פון אַזאַ אומגעהערטער בלאָקאַדע, ווען די שטאָט איז פולשטענדיק באַלאַגערט און אָפּגעריסן פון דער „גרויסער ערד".

...עס האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער. אַלע פראַגן פון באַזאָרגונג האָבן געמוזט געלייזט ווערן אָן דער מינדסטער פאַרלאַנגזאַמונג, בוכשטעבלעך טייקעף. דעמלט טאַקע איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק: עפּשער אויסנוצן דאָס אײַז אינעם דאָרעמדיקן טייל פון דער אָזערע אַלס טראַנספּאָרט־וועג?

בייז איז די נאַטור אויף דער לאַדאָגע. טאָג און נאַכט בושעווען דאָ ווינטן און מעטעליצעס. צי וועלן טויגן אָט די אײַז־טראַסעס אויף אַריבערפירן אַזאַ אומגעהײַערן שטראָם פּראָדוקטן? די מעטעאָראָלאָגישע דינסט פונעם לענינגראַדער פראָנט מוז אויף אַזאַ פראַגע אָן שום שיִעס ענטפערן.

צוויי טעג און צוויי נעכט האָט דער הויפּט פונעם מעטעאָראָלאָגישן אַמט יאַנקעוו יאָסעלעוו געפּאָרשט אויפן מײַרעוו־ברעג פון דער לאַדאָגע דעם פּראָצעס, וויאַזוי עס ווערט פאַרפרוירן דאָס וואַסער. אויף דער דאָרעם־זײַט האָט דאָס אײַז זיך שוין געשטעלט, נאָר די ווינטן האָבן עס יעדעס מאָל אופגעבראָכן. יאָסעלעוו האָט זיך געערגערט, ער האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן, ביז דער ווינט וועט שוין ענדלעך אַ בלאָז טאָן פון צאָפן־זײַט.

עמעצער האָט אים געזאָגט:

— כאָווער קאָמאַנדיר, פּונקט אַזוי האָט דער דײַטשישער מעטעאָראָלאָג געוואַרט אויף אַ ווינט אין דער נייטיקער ריכטונג, ווען מע האָט צום ערשטן מאָל אויסגענוצט איפּריט.

יאָסעלעוו האָט געענטפערט:

— אײַער פאַרגלײַך איז ניט קיין ריכטיקער. דער דײַטשישער מעטעאָראָלאָג האָט געוואַרט אויף אַ ווינט, קעדיי שפּרייטן טויט. מיר וואַרטן אויף אַ ווינט, קעדיי בויען דעם וועג פון לעבן.

מיר איז באַשערט געווען צו דערהערן אָט די ווערטער, וועלכע זײַנען דערנאָך אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער פּאַטעראָלענדישער מילכאָמע: „דער וועג פון לעבן".

■

דאָס אײַז איז געוואָרן אַלץ גרעבער און פעסטער. נאָר קיין וועג האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט: דער ווינט האָט פּלוצעם אָפּגעריסן אַן אײַז־קריִע מיט אָנגעלאָדענע שליטנס און זי אוועקגעטראָגן אין די אָפענע וואַסערן. אויף דער וואָך באַ די שליטנס איז געשטאַנען דער סאָלדאַט אַנדריי נאַזאַראָוו. ער האָט דעם גאַנצן טאָג זיך געטראָגן מיט דער קריִע איבער דער אָזערע און ערשט אין אָוונט צוגעשטאַנען מיט איר צו אַ ברעג.

אויפן מעדיציניש פונקט האָט מען זיך לאַנג

יאַנקעוו יאָסעלעוו

געייסעקט, ביז דער סאָלדאַט איז געקומען צו־זיך. יאָסעלעוון האָבן אינטערעסירט א סאַך פראַגן, אַף וועלכע נאַזאַראָוו וואָלט אים געקאָנט ענטפערן, האָט ער צוזאַמען מיט דער מעדשוועסטער געהאָוועט אַרום דעם סאָלדאַטס אָפּגעפראָרענע פינגער פון די הענט און פיס. ענדלעך האָט ער גענומען שטעלן אים פראַגן:

— צי האָט איר עפּשער באַמערקט, אַז אײַער אײַז־קריִע איז גרעסער געוואָרן פאַרן טאָג?

— פאַרשטייט זיך, אַז יאָ, כאָווער אינזשעניער־פּאָדפּאָלקאָווניק.

— פון וואָס איז זי געוואַקסן?

— פון די כוואַליעס. זיי האָבן באַגאָסן די קריִע און זײַנען באַלד פאַרפרוירן געוואָרן, דערפון האָבן זיך אויסגעבילדעט נײַע טאָראָסן. די קריִע איז געוואַקסן בוכשטעבלעך פאַר די אויגן. אויב דאָס אײַז וועט זיך שפּאַלטן אַף דער טראַסע, וועלן געוויס אויפקומען אַזעלכע טאָראָסן, און דאַן וועלן זיך פאָדערן אַף דער טראַסע ספּעציִעלע אָפּרייניקער.

— א גרויסן דאַנק, ברודערקע. גוט דערקלערט און א פּראַקטישע אייצע געגעבן. יאָ, פאַרוואָס האָט איר ניט געגעסן דעם גאַנצן טאָג? אַף די שליטנס זײַנען דאָך געווען סוכאַרעס.

— די סוכאַרעס זײַנען פאַר די לענינגראַדצעס, כאָווער פּאָדפּאָלקאָווניק.

■

יאַנקעוו יאָסעלעוו האָט שוין געהאַט א געוויסע פּראַקטיק פון אַרבעט אַף אײַז־טראַסעס. אין די דרײַסיקער יאָרן איז ער געווען אָנפירער פונעם מעטעאָראָלאָגישן פּונקט אַפן טראַנסבײַקאַל. דער טראַנסבײַקאַל געפינט זיך אין מיזרעך־סיביר, און די לאַדאָגע־אָזערע אין צאָפן־מײַרעוו. די קלימאַטן אין די בײדע ראַיאָנען זײַנען ניט ענלעך. האָט מען געדאַרפט אַלץ אָנהייבן פונדאָסנײַ: נײַע אויסמעסטונגען, נײַע באָאַבאַכטונגען — און שנעל מאַכן פּראַקטישע אויספירן.

ווען די אויספירן זײַנען שוין געווען גרייט, האָט יאָסעלעוו ראַפּאָרטירט דעם הויפּט פונעם אָפּעראַטיוון אָפּטייל באַם שטאַב — גענעראַל א. וו. גוואָזדקאָוון, אַז דער באַשלוס צו אָנהייבן בויען די טראַסע בא אָסינאָוועץ איז א פעלערהאַפטער, די בויונג דאַרף אָנגעהויבן ווערן דאָרעמדיקער, ווו דאָס אײַז שטעלט זיך אײַן פריִער און איז דעריבער פעסטער.

— נאָר, יאַקאָוו כאַימאָוויטש, — זאָגט דער גענעראַל, — די היגע פישער האַלטן, אַז די ווינטן וועלן צעברעכן דאָס אײַז און די קריִעס וועלן אַוועקשווימען אין צענטראַלן טייל פון דער אָזערע.

פאַנאַנדערגעוויקלט די וועטער־קאַרטעס, האָט יאָסעלעוו דערוויזן, אַז אין א פּאָר טעג אַרום מוזן די ווינטן אַריבערגיין אין דער ריכטונג פון צאָפן און צאָפן־מיזרעך. זיי וועלן צוטרײַבן דאָס אײַז, בעמיילע וועט די אָזערע פאַרפרוירן ווערן פעסט און אַף לאַנג.

— מיך האָט איר איבערצײַגט, — זאָגט דער גענעראַל, — איר זײַט דאָך פּאָרט דער גאָט פונעם וועטער. אײַער פּלאַן וועל איך איבערגעבן דעם קריגס־ראַט.

אין צוויי טעג אַרום האָט פון די צאָפן־מיזרעכדיקע ראַיאָנען א בלאָז געטאָן אַף דער אָזערע א קאַלטער ווינט. דאָס אײַז האָט זיך צוריקגעקערט. די אָזערע איז פאַרפרוירן געוואָרן, פּונקט ווי יאָסעלעוו האָט פאָרויסגעזאָגט. פאַר אָט דער אַרבעט איז יאָסעלעוו באַלוינט געוואָרן מיטן ערשטן שלאַכט־אָרדען, און פון דעמלט אָן האָט מען אים גערופן „דער גאָט פונעם וועטער".

דער קריגס־ראַט האָט דערלויבט עפענען די אײַז־טראַסע דעם 25 נאָיאַבער 1941. די באַוועגונג אָבער האָט זיך פּראַקטיש אָנגעהויבן מיט דרײַ טעג פריִער. עמעס, ניט אַלץ איז געגאַנגען גלאַט. ווען דאָס אײַז האָט שוין דערגרייכט די גרעב פון העכער 20 סאַנטימעטער, האָט עס ערטערווײַז אָנגעהויבן פּלאַצן. דאָס איז געווען א נײַע פּראָבלעם, וואָס האָט דעם „גאָט פונעם וועטער" אָפּגעקאָסט עטלעכע מעסלעס אָנגעשטרענגטע מי. אָבער די פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן. דער מעטעאָראָלאָג האָט רעקאָמענדירט: ביז דער צײַט, ווען דאָס אײַז וועט דערגרייכן 30 — 35 סאַנטימעטער, דורכלייגן רעזערוו־טראַסעס און עקספּלואַטירן

זיי בעהאדראָגעדיק, צו 3 — 4 טעג. די דאָזיקע לייזונג האָט זיך גלענצנדיק באַרעכטיקט.

פּאָר א מעסלעס פלעגן דורכגיין איבערן אײַז ביז 6000 לאַסט־אוטאָס. ווען אונטער די רעדער זאָל געווען זײַן א פאַרפּרוירענער באָדן, וואָלט ער ניט אויסגעהאַלטן, אפילע א טראַסע פון בעטאָן און גראַניט וואָלט אָפּט געפּאָדערט רעמאָנט. דאָס אײַז אָבער האָט יאָ אויסגעהאַלטן, דערצו האָט זיך עס אַרויסגעוויזן ווי א גלענצנדיקער בוי־מאַטעריאַל. די טראַסע האָט זיך געניייטיקט בלויז אין א געהעריקער באַציִונג: אָפּטער רייניקן זי פון שניי, ניט דערלאָזן קיין טאָראָסן דאָרט, ווּ דאָס אײַז האָט זיך אופגעבראָכן.

די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אז וויפל סאַנטימעטער אײַז עס רײַבן אָפּ די רעדער פון די לאַסט־אוטאָס, אזויפיל סאַנטימעטער קומט צו אונטערן אײַז־צודעק. אפילע אין אַפּרעל האָט די גרעב פונעם אײַז דערגרייכט אָף דער לאַדאָגע מער פון 100 סאַנטימעטער.

■

זייער שווער איז אָף דער טראַסע געווען די אַרבעט פון די שאָפערס: צוערשט האָט דאָס אײַז זיך געבראָכן, דערנאָך זײַנען אוועק שנייען, זאַווייען, פּרעסט און מעטעליצעס, צום סאָף — וואַסערן העכער פון די רעדער. און אויב די שאָפערס זײַנען פאָרט געפאָרן איבער דער טראַסע צו עטלעכע מאָל אין מעסלעס, האָבן זיי דערפאַר געהאַט צו פאַרדאַנקען זייערע געטרײַע מיטהעלפער — די רעגולירער. באַטאָג און באַנאַכט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן זייערע פענדעלעך און קאָלירטע לאַמטערנדלעך.

די צווייטע העלפט אַפּרעל פון 1942. די אײַז־טראַסע דינט שוין די לעצטע טעג. איך האָב באַקומען א פאַראָרדענונג פון יאָסעלעוון אַרויספאָרן אפן פינפטן פּאָסט און דורכקאָנטראָלירן, וויפל וואַסער קומט צו פארן טאָג אפן אײַז. דער קריגס־ראַט האָט געגרייט א באַפעל צו פאַרמאַכן דעם וועג.

ס׳איז אויסגעפאַלן א געדיכטער טרוקענער שניי. קיין וואַסער אפן אײַז איז נאָך ניט געווען. אפן פּאָסטן איז געשטאַנען א רעגולירערן: אין וואָליקעס, וואַטאָווע הויזן, אין א ווײַס פעלצל און אין א פוטערן היטל. אן עמעסע שניי־מאַלקע. נאָר קוים האָט זי דערהערט, ווי עס פאָרט א מאַשין, האָט זי זיך א ריס געטאָן פונעם אָרט, געלאָפן אנטקעגן און יעדן שאָפער אָנגעזאָגט:

— קאָליא, לאַנגזאַמער, אפן 9־טן קילאָמעטער — שניי־בערגלעך.

— מישע, אפן 21־טן — א גרוב פון א סנאַריאַד.

— אוסמאַן, יאָג ניט, מע רעמאָנטירט דעם פּערטן...

די שאָפערס האָבן זייער גוט געקענט די שיינע און שטרענגע רעגולירערן פונעם פינפטן פּאָסטן, און יעדערער האָט זי באַגריסט אָף זײַן אויפן:

— בעלאָטשקאַ! סאַליוט!

— האַלאָ, דײַנער פּאָרט הינטן.

און ווירקלעך — די הינטערשטע לאַסטמאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער שאָפער האָט געשמייכלט, צוגעטראָגן צום פּאָסטן א קעסטל, אַרויסגענומען פון דער קאַבינע א פּאָר גומענע שטיוול, גענומען די רעגולירערן אונטער דער האַנט און זי אוועקגעזעצט אפן קעסטל, געהאָלפן אויסטאָן די וואָליקעס, פאַרוויקלט איר די פיס מיט אָנעטשעס. אז זי האָט אָנגעטאָן די גומענע שטיוול, האָט ער איר געזאָגט:

— אויב ס׳וועט זיך אופהייבן דאָס וואַסער, שטעל זיך אפן קעסטל!

ביילקע, געוויינלעך א שטרענגע, האָט געשוויגן און געשמייכלט. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי צוויי קרישטאָלן. די כיין־גריבעלעך אָף די באַקן האָבן זיך צעצויגן אין לענגלעכע ריכטיקע עליפּסלעך. פון פרייד און גליק איז דעם מיידל, ווײַזט אויס, געווען אזוי וואַרעם, אז זי האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל. שוואַרצע גלאַנציקע האָר האָבן זיך א שאָט געטאָן אפן פאַרווינטיקטן שיינעם פּאָנעם.

„גאָט מײַנער, ניט שוין זשע בושעוועט דאָ די מילכאָמע?” ווען איך האָב אזוי געטראַכט, האָט דער שאָפער גענומען אן עמער, איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט און א זעץ געטאָן איבערן אײַז. דאָס דינע הײַטל אײַז האָט געפּלאַצט. ער האָט אָנגענומען א פולן עמער מיט וואַסער און אַרײַנגעגאָסן אין ראַדיִאַטאָר פון דער מאַשין.

— ווער האָט דאָ אופגעבראָכן דאָס אײַז? — פרעג איך באַם שאָפער.

— ס׳וועט אויסהאַלטן, כאַווער מאַיאָר. ניט איך האָב אופגעבראָכן. אַנדערע האָבן זיך אָנגעשטויסן צו מאַכן דאָ א גריבל.

לאָזט זיך אויס, אז דאָס גריבל האָט זי געמאַכט, די רעגולירערן ביילע קויפמאַן.

לאַנג פאַרהאַלטן זיך אפן וועג האָט דער שאָפער ניט געטאָרט. איז ער צוגעגאַנגען צו ביילען, אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון איר היטל און קאָלנער, אַרומגענומען זי און א קוש געטאָן.

— צום ווידערזען, מײַן שניי־מאַלקע. — ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַבינע און איז אוועקגעפאָרן.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז ביילע וועט זיך אָט־אָט צעוויינען, נאָר זי האָט געשמייכלט, גלײַך זי וואָלט וועלן, אז איר וואַרעמער און

מילדער שמייכל זאָל שײַנען אין וועג דעם שאָפער.

ווען די מאשין איז שוין געווען ווײַט, האָט די רעגולירערן שעמעוודיק געענטפערט אַף מײַן שטומער פראַגע:

— דאָס איז מײַן מאַן, איזיע. פון טיכווין זײַנען מיר. די גאַנצע מילכאָמע זײַנען מיר צוזאַמען, און פון די ערשטע טעג אַף דער טראַסע.

ביילע האָט מיר געגעבן אויסמעסטונגען אַפן איײַז פאַר יאַסעלעוון. אַלע רעגולירער האָבן ראַפּאָרטירט דעם מעטעאָראָלאָג עטלעכע מאָל אין טאָג. אויב זיי האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט פּערזענלעך קומען צו אים, פלעגן זיי איבערגעבן צעטעלעך מיטן אַדרעס: „דעם גאָט פונעם וועטער".

אין 25 יאָר אַרום האָב איך די דאָזיקע פּאָר באַגעגנט אין פּיאַטיגאָרסק. „דרײַ אָרדענס, נײַן מעדאַלן, דרײַ קינדער און דרײַ אייניקלעך — דאָס זײַנען אונדזערע אוצרעס", — האָט מיר געזאָגט ביילע. דערנאָך צוגעגעבן: „מע דאַרף נאָר, אַז קיין מילכאָמע זאָל מער ניט זײַן"...

די געשיכטע ווייסט ניט פון נאָך אַ בײַשפּיל, אַז אַף אַזאַ קליינעם וואַסער־שעטעך זאָל מען אין מעשעך פון עטלעכע כאָדאָשים דורכפירן

3640 מעטעאָראָלאָגישע באַאָבאַכטונגען. דאָס אַלץ איז צונויפגעזאַמלט און באַאַרבעט געוואָרן מיצאַד יאַנקעוו יאָסעלעוון און איז אַרײַן אין זײַן גרויסער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

אַן אַרײַנפיר צו דער אַרבעט האָבן אָנגעשריבן דער מאַרשאַל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ל. גאָוואָראָוו און דער מיטגליד פונעם קריגסראַט פונעם לענינגראַדער פראָנט א. זשדאַנאָוו. אינעם אַרײַנפיר איז פאַראַן אַזאַ פראַזע: „...דער פאַקט אַליין, וואָס אין די בלאָקאַדעטעג איז אָנגעשריבן געוואָרן אַזאַ קאָמפּליצירטע און טאַלאַנטפולע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, איז שוין אַ טאַט פון העלדנמוט..."

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָב איך זיך מודיע געווען, אַז איך קלײַב זיך אָנשרײַבן אַ פאַרצייכענונג וועגן דער מעטעאָראָלאָגישער דינסט אַף דער לאַדאָגע.

— שרײַבט, אויב איר ווילט. נאָר איין זאַך בעט איך אײַך: מאַכט פון מיר ניט קיין ווערווייסט־וואָס.

אַזאַ איז ער, מײַן גוטער און באַשיידענער פרײַנט, דער קאַנדידאַט פון פיזיש־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן יאַנקעוו יאָסעלעוו.

הערשל באַראַז,
ראָסטאָוו

זײַנע בילדער דערמאָנען אין מאָנען

אַ ויסערלעך איז דאָ אַלץ פּאַשעט און נאַטירלעך, קיין שום באַזונדערע געשעענישן קומען דאָ ניט פאָר. עס געזעגענען זיך צוויי מענטשן, אַ מאַן און אַ ווײַב. מיר זעען בלויז זײַן פּאָנעם. אַפן צווייטן פּלאַן: פינף מענטשן לאָזן זיך אַוועק אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג — דרײַ באָכערים מיט ביקסן און צוויי פרויען מיט קלומקעס אַף די פּלייצעס. און ערגעץ שוין גאָר ווײַט, קוים וואָס מע זעט, אײַלן אין דער זעלבער ריכטונג נאָך עטלעכע מענטשן. דאָס איז אַלץ. מע קאָן בלויז צוגעבן, אַז אונטער זייערע פיס בלאַנקט אַ ווײַסער שניי און איבער זייערע קעפּ בלויט אַ שטיק הימל.

פאַרוואָס אָבער קאָן מען די אויגן ניט אָפּרײַסן פון דעם דאָזיקן בילד? פאַרוואָס ווערט דאָס האַרץ פלוצעם פול מיט קלעמעניש און אַלץ פאַרשווינדט, עס בלײַבט בלויז אָט דאָס פּאָנעם, וואָס איז דורכגעאַקערט מיט טיפע

קנייטשן, עס בלײַבן די קלוגע, טרויעריקע אויגן. און וואָס לענגער מע באַטראַכט דאָס בילד, אַלץ בעסער הייבט מען אָן צו פאַרשטיין, וואָס דער קינסטלער האָט געוואָלט זאָגן. דער מאַן און די פרוי זעען זיך צום לעצטן מאָל. זיי גייען אַוועק אַהין, פונוואַנען מע קערט זיך ניט אום. ער וויל זי טרייסטן, געפינען אַ וואָרט, וואָס זאָל פאַרלײַכטערן איר לײַדן, נאָר אַזאַ וואָרט איז ניטאָ, אַזאַ וואָרט עקזיסטירט ניט אין דער נאַטור. דערפאַר שווײַגט ער. און זי שווײַגט אויך.

פאַרוואָס זשע לאָזט זי אים גיין? דערפאַר, ווײַל הינטער זיי ביידן ליגט אַ גרויס לעבן פון האַרעפּאַשניקעס. אין אָט דעם לעבן איז געווען אַלץ — בירגערקריג, קאַמף קעגן באַנדעס, דאָס געבורט פון קאָלווירטן. אין אַלץ איז ער געשטאַנען אַף זײַן אָרט. וויפל מאָל האָט מען אַף אים געלאָקערט מיט אַ ביקס פון הינטער אַ ראָג! דרײַ מאָל האָט מען אין אים געשאָסן דורכן פענצטער, צוויי מאָל אונטערגעצונדן דאָס הויז, ווו ער האָט געוווינט. מע האָט געפאָדערט: גיב זיך אונטער! נאָר ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, ווײַל ער האָט געקאָנט זײַן נאָר ער, ניט קיין אַנדערער.

איצט קאָן ער אויך ניט זײַן קיין אנדערער. דערפאר שווײַגן זיי ביידע. דאָס איינציקע, וואָס זי פארלאנגט איצט, — אז די לעצטע רגע פון געזעגענען זיך זאָל זיך ציִען לאנג־לאנג.

וויִאזוי האָט זיך דעם קינסטלער אײַנגעגעבן „ארײַנלייגן“ אין איין פּאָנעם אזא גרויס לעבן, די ביִאָגראפיע פון א גאנצן דאָר? וויִאזוי האָט ער געפונען אָט די אש־גרויע פארבן, צו וועלכע עס איז לעכאטכילע גאָר שווער צו־געוווינען זיך (זײַנען דען פאראן אש־גרויע מענטשן?). אָבער דערנאָך כאפּט מען זיך: יאָ, דאָס זײַנען דאָך די מילכאָמע־פארבן!

דערנאָך האָט דער קינסטלער לאנג געשוויגן. ניין, דאָס, וואָס איצט זײַנען די בילדער פון מיכאיִל סאוויצקין ברייט באקאנט, דאָס, וואָס ער איז געוואָרן א פאָלקס־קינסטלער פון דער ווײַסרוסישער סאָוועטן־רעפּובליק, א לאורעאט פון דער רעפּובליק, — דאָס אלץ האָט לאכלוטן ניט געענדערט זײַן כאראקטער.

— אײַער דיפּלאָם־ארבעט, אף וויפל איך געדענק, איז דאָך געווען דאָס בילד „א ליד“, ניט „פּארטיזאנער“?

— איך האָב פארענדיקט אף אויסגעצייכנט די קונסט־שול, דעם אינסטיטוט אף סוריקאָווס נאָמען. וועגן מײַנע ערשטע ארבעטן האָט מען א סאך געשריבן, געלויבט זיי. פון דעם אלץ האָט מיך ארומגעכאפּט א שוידער. צו לײַכט איז מיר דאָס אלץ אָנגעקומען...

ווען איך האָב באזיניקט די אכרײַעס, וואָס איך האָב אף זיך גענומען, זײַנען אנטרונען די פריִערדיקע „לײַכטקײַט“ און זיכערקײַט. עס זײַנען געבוירן געוואָרן ספּייקעס: צי טו איך איצט דאָס, וואָס מע דארף טאָן און וויִאזוי מע דארף טאָן? וואָס מאָל איך אין מײַנע ארבעטן? מיט אזעלכע געדאנקען בין איך צוגעטראָטן אויך צו דער ארבעט איבער דעם בילד „פּארטיזאנער“. איך האָב געטראכט: וועט זיך אײַנגעבן, בין איך טאַקע א קינסטלער, און אויב ניט... אף דעם בילד האָב איך געאר־בעט פיר יאָר. מיר האָט זיך געוואָלט, אז אין „פּארטיזאנער“ זאָל מען זען סאָוועטישע מענטשן מיט אלע כאראקטעריסטישע פאר זיי אייגנשאפטן — ליבע צום היימלאנד, איבערגע־געבנקײַט צו די אידעאלן, מוטיקײַט און מע־סירעסנעפעש.

איך דערמאָן זיך זײַנע בילדער „די פּארטי־זאנישע מאדאָנע“, „וויטעבסקער טויערן“, „קאָמיוגיסטן“, „דעם פּארטיזאנערס מוטער“, „פּלייטים“, „יעסוימים“.

איך האָב געזען, ווי אינעם קונסט־מוזיי האָבן מענטשן שאָענלאנג ניט אָפּגעריסן די אויגן פון זײַנע בילדער „פּארטיזאנער“, „בלאָ־קאדע“ און „עשאפּאָט“. געשטאנען, געקוקט און געוויינט.



מיכאיל סאוויצקי

איך האָב שוין לאנג ניט געזען מיכאיִל סאַ־וויצקיס בילד „עשאפּאָט“, וואָס איז, לויט מײַן מיינונג, איינס פון די סאמע שטארקסטע ווערק זײַנע. צוזאמען מיט אנדערע בילדער געפינט זיך עס איצט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַ־טישער רעפּובליק, ווו עס איז געעפנט סאוויצ־קיס פּערסאָנעלע אויסשטעלונג. אָבער ווי נאָר איך פארמאַך די אויגן, דערזע איך גלײַך די גרופּע מענטשן. א גרײַזער זאָקן אין א ווײַס העמד מיט א ברעטל אף דער ברוסט, אף וועלכן עס איז אָנגעשריבן אף דײַטש: „פּאר־טיזאנען“ (איך ווייס, אז אלס פּראָטאָטיפּ פון אָט דעם זאָקן האָט דעם קינסטלער געדינט זײַן פּאָטער). א באָכערל, נאָך גאָר א ייִנגל, א שוואנגערע פרוי... און איבער זייערע קעפּ א טליִע...

עס איבערראשט, ווי אויסדריקלעך עס זײַנען געמאָלט זייערע פּענעמער: קיין שאָטן פון שרעק אָדער פארלוירנקײַט, סארא וווּנדער־לעכע, שטאָלצע רויִקײַט און מאיעסטעטישקײַט. פונוואנען נעמט זיך עס? דאָס ייִנגל האָט דאָך פאקטיש נאָך ניט געזען קיין לעבן. און אָט די פרוי מיט די הענט אפן בויך? זי האָט דאָך באדארפט שענקען דער וועלט נאָך איין מענטשן. פונוואנען זשע נעמט זיך צו איר, צו אָט דער שוואכער און אומבאהאָלפענער פרוי, אזא מוטיקײַט און קראפט?

די דערקלערונג איז געגעבן אין די צייכע־נונגען אפן צווייטן פּלאן, וועלכע זײַנען פּאָשעט און אין דער זעלבער צײַט פילזאָגנדיק. גע־

ווײַנלעכע פויערשע כאַטעס, צעאַקערטע פעלדער. דאָס איז באַ זיי געווען זייער לעבן. זייער יוישערדיק לעבן. זיי האָבן קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. זיי האָבן פּאַשעט און נאַטירלעך פאַרטיידיקט זייער לעבן. זיי האָבן טיף געגלייבט, אַז דער עמעס וועט אומבאַדינגט באַזיגן דעם שעקער. זיי שטאַרבן צוליב דעם, קעדיי דאָס גוטס זאָל וואָס גיכער באַזיגן דאָס שלעכטס, און שלעכטס — דאָס איז פאַשיזם, היטלעריזם. דעריבער שטאַרבן זיי שטאָלץ און דרייסט. דאָס לעבן פײַערט זײַן ניצאָכן איבערן טויט.

פאַראַן א מיינונג, אַז „עשאַפאָט" איז א רעקוויִעם. ניין, דאָס איז א הימן דעם מענטשן.

איך פרעג סאַוויצקין:

— ווו האָט איר געזען אָט די מענטשן?

— דאָרטן...

ער האָט דאָס וואָרט אַרויסגעבראַכט רויִק, אַפילע וואָכעדיק — „דאָרטן". און באַ מיר איז פון דעם וואָרט א פראָסט אַדורך איבערן לײַב. וועגן דעם איז זייער שווער צו שרײַבן. דער לייענער אָבער דאַרף וויסן אויך אָט די שרעקלעכע בלעטלעך פון דעם קינסטלערס ביִאָגראַפיע, קעדיי פאַרשטיין, פאַרוואָס סאַוויצקיס קונסט רופט מען צומאָל אָן „גרויזאַמע", „איבער דער מאָס דראַמאַטישע".

...צוערשט איז געווען דער כערסאָנער לײַכט־טורעם, דער לעצטער פונקט אין דער סעוואַסטאָפּאָלער שוץ, פינף מעסלעס אָן שפּײַז און אָן וואַסער. און עס איז געווען א שלאַכט, א שלאַכט אף טויט ביז דער לעצטער קויל, ביז פאַרלירן דאָס באַוווּסטזײַן. צו־זיך איז ער געקומען שוין אין געפאַנגענשאַפט. א קאָנצלאַגער אין ניקאָלײַעוו. קוידעמקאָל האָבן די דײַטשן ניט געטאָרט זיך דערוויסן, אַז דו געהערסט צו יענע, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט באַם כערסאָנער לײַכט־טורעם, זיי האָבן ביכלאַל ניט געטאָרט וויסן, אַז דו ביסט געווען אין סעוואַסטאָפּאָל. די פאַרטיידיקער פון סעוואַסטאָפּאָל האָבן די היטלעריסטן צוגעגליכן צו קאָמיסאַרן, וועלכע מע דאַרף אָן שיִעס אָפּשיקן אף יענער־וועלט.

צוויי מאָל אַנטלאָפן פון לאַגער,ביידע מאָל אָן דערפאָלג.

דערנאָך — דער שרעקלעכער שטאַלאַג נום. 326. פאַר אַלע אַסירים איז געווען גרייט דער וועג צו דער גאַז־קאַמער. אַפילע דאָ, אין שטאַלאַג, האָט ער געהיט זײַן קאָמיוגישן בילעט — ער האָט אים פאַרקנאָטן אין דער ברויטפײַקע. אַפילע דאָ, באַ די טירן פון דער גאַז־קאַמער, האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן. אויספילנדיק די אַרבעט פון שווייסן וואַגאָנעס, האָט ער באַוויזן א קונץ צו מאַכן מיטן שווייסאַפּאַראַט אַזעלכע נעט, אַז די וואַגאָנעס פלעגן אין וועג צעפאַלן ווערן. און דאָס זײַנען דאָך געווען וואַגאָנעס, אין וועלכע מע האָט געפירט קריגס־טעכניק. ווען מע האָט די גרופּע געכאַפּט באַ דער האַנט, האָט ער אָפּגעטאָן אַן אומגלייבלעכע, א פאַנטאַסטישע זאַך — ער איז אַנטלאָפן קיין פראַנקרײַך! מע האָט אים אָבער געכאַפּט אין בעלגיע און געבראַכט אין דיסעלדאָרפער טפּיסע מיט „בראַסלעטן" אף די הענט, פון דיסעלדאָרפער טפּיסע — אין בוכענוואַלדער קאָנצלאַגער.

ביז איצט כאָלעמט זיך אים באַנאַכט — א שיסערײַ, דאָס בילערײַ פון הינט, געשרייען פון געפּייניקטע, די ליד:

בוכענוואַלד — מײַן געהענעם,
איך וועל דיך ניט פאַרגעסן...

„זינגענדיקע פערד" — אַזוי פלעגט מען רופן די אַסירים, וועלכע פלעגן אָפּפירן אף וועגעלעך אין קרעמאַטאָריע די טויטע קערפּערס פון זייערע כאַווייִרים. באַם טראַנספּאָרטירן די טויטע פלעגן די עסעסאָווצעס צווינגען די אַסירים צו זינגען. יעדע נאַכט פלעגט איינער פון די באַראַקן אויסגעלאָדן ווערן אין קרעמאַטאָריע אַרײַן.

סאַוויצקין האָט מען אַריבערגעפירט אין טויט־לאַגער „קראָווינקי" (אַזוי האָבן דעם לאַגער גערופן די אַסירים — סאַוויצקי ווייסט ביז איצט ניט דעם עמעסן נאָמען פונעם לאַגער). דאָ האָט עקזיסטירט איין־איינציקע שטראָף: פיר הינט־אָווטשאַרקעס פלעגן אין מעשעך פון עטלעכע רעגעס פאַרוואַנדלען א מענטשן אין א בלוטיקער פלייש־מאַסע.

און ווידער בוכענוואַלד. דערנאָך דאַכאַו. דער וועג קיין דאַכאַו איז געווען א לאַנגער, דורך טשעכאָסלאָוואַקיע. מיט א זעגעלע פון א קעשענע־מעסערל האָט ער דורכגעזעגט א לאָך אין דיל פונעם וואַגאָן. מע האָט געוואָרפן גוירל, ווער עס זאָל לויפן. 22 מענטשן זײַנען אַנטלאָפן. אף אים איז דער גוירל ניט אויסגעפאַלן. נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָט מען אים 21 טעג געפירט אינעם וואַגאָן פאַר די שטראַפניקעס. פאַר די 21 טעג האָט ער באַקומען צום עסן בלויז פיר קאַרטאָפליעס.

מע האָט אים אַרויסגעשלײַדערט פון וואַגאָן, געמיינט, אַז ער איז טויט. ער איז געקומען צו־זיך, ווען צו אים זײַנען צוגעגאַנגען צוויי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דאָ אָפן אָרט דערשאָסן יענע, וואָס האָבן ניט געקאָנט גיין. אים האָט ווידער אָפּגעגליקט: דער סטאַנציע־קאָמענדאַנט האָט ניט געוואָלט, אַז אף זײַן טעריטאָריע זאָלן זיך וואַלגערן טויטע קערפּערס, האָט ער באַפוילן, אַז די אָפּגעשוואַכטע זאָל מען דערשיסן אין לאַגער, לעבן דער קרעמאַטאָריע. האָט

מען סאַוויצקין אַוועקגעפירט אַף אַ וועגעלע אין לאַגער... די סאָלדאַטן פון די פאַרבינדעטע מעלוכעס, וואָס האָבן באַפרײַט דאַכאַו, האָבן אים געפונען אָן באַוווּסטזײַן אין אַ טיפוס־באַראַק. ער איז דעמלט אַלט געווען 23 יאָר. ער איז געבליבן לעבן — ווי מע זאָגט — אַלע טויטן אַפּצולאָכעס.

מיכאַיִל סאַוויצקיס בילד „די פּאַרטיזאַנישע מאַדאָנע“ איז הײַנט איינס פון די בעסטע אין דער סאָוועטישער מאָלערײַ־קונסט.

איר געדענקט, וואָס אַפן בילד איז באַוויזן? פּאַרטיזאַנער, מענער און פרויען, זײַנען מעקאַבער קליינע קינדער. מיר ווייסן ניט, צי זײַנען די קינדער געשטאָרבן פון הונגער צי פון קוילן. דאָס טײַערסטע באַם מענטשן זײַנען די קינדער. דער גרעסטער אומגליק פאַר אַ טאַטן אָדער פאַר אַ מאַמען איז מעקאַבער זײַן דאָס אייגענע קינד. און איצט — גיט אַ קוק אַף די מאַנצבלען, וועלכע שטייען אָנגעבויגן איבערן קייווער, אַף די פרויען, וועלכע האַלטן ציטעריק די ווײַסע פּעקעלעך און דריקן זיי צום האַרצן. אָט איצט וועלן זיי נאָר ברענגען צו קווּרע זייערע קינדערלעך, און גלײַך נאָך דעם וועלן זיי אָן שום וואַקלונגען ווידער גיין אין שלאַכט. און אויב מע וועט דאַרפן — צום טויט.

סאַוויצקי אַרבעט אָן איבעררײַס, יעדן טאָג. פאַר דער לעצטער צײַט האָט ער פאַרענדיקט אַכט גרויסע לײַוונטן. אים דוכט זיך, אַז דאָס איז ווייניק. צו גרויס, האַלט ער, איז זײַן כויוו פאַר די אַסירים פון בוכענוואַלד און דאַכאַו.

...טאָג און נאַכט קלינגען די גלעקער פון כאַטין, טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט. ניין, דאָס זײַנען ניט קיין לעווײַע־גלעקער. דאָס איז אַ רוף פון די טויטע צו אונדז, די לעבעדיקע, צו אונדזער באַוווּסטזײַן, צו אונדזער געוויסן — דערלאָזט מער ניט אַזוינס! דאָס קלינגט דער בוכענוואַלדער אַליאַרעם־גלאָק. מיר דוכט, אַז יעדעס בילד פונעם קינסטלער מיכאַיִל סאַוויצקי איז אויך אַ בוכענוואַלדער אַליאַרעם־גלאָק, וועלכער מאָנט: „מענטשן, זײַט וואַכזאַם!“

נ. מאַטוקאָווסקי
מינסק

ווי אַזוי איך האָב געמאָלט די שטוב, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן שאָלעם־אַלייכעם

אָ — אָט גייט דער שוסטער נאָוויק! ער האָט געקענט שאָלעם־אַלייכעמען. ער וועט אײַך דערציילן וועגן אים אַלע פּראָטים.

מײַן יונגער באַגלייטער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַף אַ קליינוווּקסיקן זאָקן, וועלכער איז אַרויס פון סאָד, ווי פון אַ ראָזעווען נעפּל פון בלִיִענדיקע עפּלביימער.

צוגעגאַנגען צו מיר מיט אַ לאַנגזאַמען טראָט, האָט דער זאָקן געזאָגט:

— איר גייט צו מיר? איז קומט אַרײַן אין שטוב.

מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין אַ גרויסן געראַמען ליכטיקן צימער. עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט לעדער, אַפן הויכן דעמבענעם בופעט, באַפּוצט מיט אַ נאַיִוון אָרנאַמענט, האָט יאָמטעוודיק געגלאַנצט אַן אַלטמאָדישער, בײַכיקער סאַמאָוואַר. אַף די ווענט זײַנען געהאַנגען פאָטאָגראַפיעס, אָפּגעבליאַקעוועטע פון אַלטקײַט.

— זעצט זיך, — האָט ווי אַ מאַכניס־אוירעך געזאָגט צו מיר דער זאָקן.

איך האָב אים דערציילט, וואָס איך פאַרלאַנג פון אים.

— איר זײַט אַ שרײַבער?

— ניין, אַ קינסטלער.

— אַ קינסטלער? זײַט איר, הייסט עס, בא מיר דער ערשטער. שטענדיק קומען צו מיר שרײַבער. איר ווילט, כ'זאָל אײַך עפּעס דערציילן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען? איך האָב שוין אָבער אַלץ דערציילט. איך וועל מוזן זיך איבערכאַזערן.

איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צוגעגעבן:

— אַז איך הייב אָן טראַכטן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, פאַרגעס איך, אַז כ'בין שוין אַלט 74 יאָר. פאַרגעס, אַז איך בין אַלט און שוואַך, מיר דוכט, אַז אַף מײַן געבויגענעם רוקן וואַקסן אויס שטאַרקע פליגלען, די פליגלען פון יוגנט...

אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בלעכן פּושקעלע, וואָס האָט אים געדינט אַלס טאַבאַקערקע, האָט ער פאַרדרייט אַ גראָבן ציגאַרער און פאַררייכערט. איך האָב באַטראַכט דעם זאָקן. אַ קליינער, עקספּרעסיוו „געקלעפּטער“ קאָפּ, וואָס זיצט אַף אַ דאַרן אָדערדיקן האַלדז, טיפע קנייטשן, וועלכע טיילן זיך שאַרף אויס,



צוויי צייכענונגען פון אמשיי ניורענבערג: דאָס הויז, ווו ס׳איז געבוירן געוואָרן שאָלעם־אַליכעם; דער פּערעיאַסלאַווער שוסטער נאָוויק.

און גאָלד־שטראַלנדיקע אויגן, וואָס גלאַנצן מיט פרייד. ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון די שטריכן פון רעמבראַנדטס ייִדן.

— איר וועט דערציילן, און איך וועל אײַך מאָלן, — האָב איך אים פאָרגעלייגט.

— איך געדענק, — האָט דער זאָקן אָנגעהויבן, שטאַרק זשמורענדיק די אויגן, ווי פאַר אים וואָלט געשטאַנען א העל שײַנענדיק בילד פון דער פאַרגאַנגענהײַט און ס׳איז אים שווער אײַנצוקוקן זיך אין דעם בילד, — איך געדענק אים גוט אלס ייִנגל. ער איז געווען א גוואַלדי־קער שטיפער. קיין גלײַכן צו אים האָב איך קיינמאָל ניט באַגעגנט. איך געדענק זײַנע אָנצאָליקע קונדייסישע שטיק, פאַר וועלכע ער האָט אַרײַנגעכאַפּט, ווי ער האָט פאַרדינט, און אונדז האָט מען אויך ניט פאַרזען. באַזונדערס האָבן פון אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן אונדזערע גווירים. ער פלעגט זיי ציִען פאַר די פּאָלעס פון די סורדוטן און באַשיטן מיט שטעכווערטלעך. מיר האָבן אים זייער ליב געהאַט.

נאָך א ווײַלע שווײַגן האָט דער זאָקן ווײַטער דערציילט:

— שאָלעם־אַליכעמס טאַטע, דאַרף איך אײַך זאָגן, האָט ניט ליב געהאַט צו קלאָגן זיך. ער איז געווען א פריילעכער אמכאָ. ער פלעגט אָפט זאָגן: אויב א מענטשן גראָטאַ ניט, ווען ער גייט אף איין זײַט גאַס, דאַרף ער פּרווון גיין אף דער צווייטער. ווען זײַנע געשעפטן האָבן געהאַלטן שלעכט, האָט ער פאַרמאַכט דעם ווײַנקעלער און געעפנט אַן אײַנפאָר־הויז. פון דער אכסאַניע, ווי פונעם ווײַנקעלער, האָט שאָלעם־אַליכעם געשעפּט אָן א שיר אײַנדרוקן, אין דער אכסאַניע פלעגן פאַרפאָרן פּויערים, פּריצים, טשינאָווניקעס און, פאַרשטייט זיך, ייִדן. שאָלעם־אַליכעם האָט געהאָלפן דעם טאַטן צו פירן די ווירטשאַפט. איך פלעג אָפט זען שאָלעם־אַליכעמען אין הויף, צווישן די פּויערישע פורן און שטעטלשע בריטשקעס. אין יענער צײַט האָט ער שוין אָנגעהויבן שרײַבן קלענערע פּיעסעס און דערציילונגען. זײַנע ערשטע לייענער זײַנען געווען די שטעטלשע ייִדן, וואָס זײַנען אײַנגעשטאַנען אין זייער אכסאַניע, זיי האָבן, הערנדיק זײַנע מײַסעס, געלאַכט און, מיסטאמע, ניט איבעריקס געפרייט זיך. דערנאָך זײַנען דעם טאַטנס געשעפטן ווידער אוועק שלים. הערט איר, אז דער שלי־מאַזל קלעפּט זיך צו אײַך, וועט ער זיך לאַנג ניט אָפּטשעפּען. שאָלעם־אַליכעמס עלטערן האָבן געמוזט אָפּזאָגן זיך פונעם אײַנפאָר־הויז און פון אונדזער פריילעכן שטעטל. מיר האָבן לאַנג ניט געזען שאָלעם־אַליכעמען. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז ער איז א סטו־דענט און לערנט אין קיִעוו...

געענדיקט דערציילן, האָט זיך נאָוויק אופ־געשטעלט, אַרײַנגעקוקט אין מײַן צייכענונג און מיט א שמייכל געפרעגט:

— וואָס האָט איר אין מיר אזוינס געפונען? איך בין דאָך ניט קיין באַרימטער שרײַבער, נאָר א סאַנדלער, א פּאַשעטער שוסטער. צוריק־געריט, פאַרשטייט איך אײַך! צו א גוטן שוסטער באַציט מען זיך הײַנט מיט ניט קיין קלענערן דרערכערעץ, ווי צו א גוטן שרײַבער.

ער האָט מיר געווייזט אָנמאָלן די שטוב, ווו דער באַרימטער שרײַבער איז געבוירן געוואָרן. נאָוויק האָט מיר אָנגעוויזן אף א באַשיידן ווײַס הויז מיט ברוינע געשניצטע לאָדנס. באַם הויז איז געשטאַנען אַן אַלטער בוים. זײַנע שווערע צווײַגן זײַנען געלעגן אפן דאַך און ווי געגלעט די ווענט. מיר זײַנען אַרײַן אין שטוב. איך האָב גענומען מאָלן, און נאָוויק האָט פאַרגעזעצט זײַן דערציילונג.

דאָס איז געווען אין 1936.

אמשיי ניורענבערג
מאָסקווע

באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן

מאקס פּאַליאַנאָווסקי

שטריכן צו איליא ערענבורגס פּאָרטרעט

מיר איז טײַער און איך היט זאָרגזאַם אָפּ אַלץ, וואָס דערמאַנט מיר אין איליא ערענ־בורגן: עטלעכע זײַנע ביכער מיט אווטאָגראַפֿן, זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, וועלכע ער האָט אָנגע־שריבן אין דער מיט פֿון די צוואַנציקער יאָרן, א זשורנאַל, וואָס איז מיט א האַלב יאָרהונ־דערט צוריק דערשינען אין בערלין אונטער זײַן רעדאַקציע, א קסאַוויאַד, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן לויט מײַן באַקאָשע אין די יאָרן פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, פֿאָטאָ־גראַפֿיעס, וואָס איך האָב געמאַכט אין מאָסקווע בא אים אין דער היים.

פּונקט אַזוי היט איך אויך אָפּ אין זיקאָרן אייניקע עפּיזאָדן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט זײַן נאָמען.

מיט איליא ערענבורגן האָט מיך צונויפֿגע־פֿירט מײַן אַרבעט אַלס ליטעראַרישער מיטאַר־בעטער פֿון דער צײַטונג „איזוועסטיאַ" אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן.

זײַנע רײַזע־פֿאַרצייכענונגען פֿלעגן זיך באַ־ווײַזן אין דער צײַטונג גאַנץ אָפֿט, נאָר ער גופֿע איז אין רעדאַקציע געווען א זעלטענער גאַסט. צום ערשטן מאָל האָב איך אים גע־טראָפֿן אין איינעם פֿון די רעדאַקציע־צימערן, און גלײַך אים דערקענט — געוויס דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געהאַלטן אין מויל זײַן ליולקע.

עמעצער האָט אונדז באַקאַנט. ווען מיר האָבן זיך צערעדט, האָב איך זיך א בארים געטאָן מיט מײַנע דרײַ „רעליקוויעס". איך האָב דער־מאָנט די אויטאָביאָגראַפֿיע און דעם זשורנאַל „וועשטש", וואָס איז דערשינען אין בערלין אָף עטלעכע לעשוינעס אונטער דער רעדאַק־ציע פֿון ערענבורגן.

— דער זשורנאַל האָט זיך בא מיר פֿאַר־היט, — האָט געזאָגט ערענבורג. — נו, און די דריטע „רעליקוויע"? — האָט ער מיט א שמייכל געפֿרעגט.

— די „דרײַצן ליולקעס", — האָב איך גע־ענטפֿערט.

אין דער מיט פֿון די דרײַסיקער יאָרן האָבן אָף די פֿראָנטן פֿון שפּאַניע זיך באַגעגנט הע־מינגוועי און מאַטע זאַלקע, קאַלצאָוו און ערענ־בורג.

ערענבורג האָט געשריבן פֿאַר דער „איזוועס־טיאַ" וועגן העלדישן קאַמף פֿון די רעפּובלי־קאַנער. ער האָט אויסגענוצט יעטווידע גע־לעגנהײַט אָף איבערצוגעבן א קאָרעספּאָנדענץ דורך ראַדיאָ אָדער דורכן טעלעפֿאָן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אין דער רעדאַקציע געוואַרט אָף פֿרישע ידיעות פֿון איליא ערענ־בורגן.

אין יענע טעג האָט דער לייענער, נעמענדיק אין דער האַנט די צײַטונג, פֿריִער פֿאַר אַלץ אָפּגעזוכט און געלייענט ערענבורגס לײַדנ־שאַפֿטלעכע שורעס, געשריבענע דאָרט, ווו ס'איז געגאַנגען די שלאַכט.

איינמאָל איז ערענבורג אָף עטלעכע טעג געקומען פֿון שפּאַניע קיין מאָסקווע. זײַן פּאַ־נעם איז געווען פֿאַרברוינט. ער האָט געהאַט דעם אויסזען פֿון א מענטשן, וואָס איז אָקאָרשט פֿון שלאַכט און האָט שוין פֿאַרגעסן דעם טאַם פֿון אויסשלאָפֿן זיך.

אין רעדאַקציע איז מען געווען באַאומרויִקט: ווער וועט אין פֿאַרלויף פֿון אָט די טעג איבער־געבן פֿון שפּאַניע די נייטיקע אינפֿאָרמאַציע? דערוויַיל האָבן פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס שוין פֿאַרשאַטן ערענבורגן מיט אײַנלאַדונ־גען — יעדערער האָט געגאַרט צו הערן פֿון אים א לעבעדיקן גרוס וועגן די געשעענישן אין שפּאַניע. מיט אַזאַ באַקאָשע האָט זיך צו אים אויך געווענדט דאָס מאָסקווער פּרעסע־הויז.

— די טעמע פֿון הײַנטיקן אָוונט, ווי עס איז צו זען פֿונעם אײַנלאַדונגס־בילעט, איז: „פֿון דער צײַטונגס־נאָטיץ צו דער דערציילונג און ראָמאַן", — אַזוי האָט איליא ערענבורג אָנגע־הויבן זײַן וואָרט, — ווי איך פֿאַרשטיי, דאַרפֿן

די שרײַבער, וועלכע זײַנען געקומען אַהער, דערציילן, וויאַזוי זיי זײַנען פון רעפּאָרטיאָרן און קאָרעספּאָנדענטן געוואָרן שרײַבער, נו, און וועגן וואָס זאָל איך דערציילן? וועגן דעם, וויאַזוי איך בין פון נאָוועלן, דערציילונגען און ראָמאַנען אַריבערגעגאַנגען צו רעפּאָרטאַזשן, קאָרעספּאָנדענצן און פאַרצייכענונגען? וויאַזוי איך בין פון אַ שרײַבער געוואָרן אַ זשורנאַ־ליסט, אַ מיליטער־קאָרעספּאָנדענט?

טאַקע דאָס האָט דער אוילעם געוואָלט הערן. ערענבורג האָט עס געפילט און גלײַך גענומען דערציילן, אין וואָס פאַרא באַדינגונגען עס קומט אויס די סאָוועטישע שרײַבער צו אַר־בעטן אין שפּאַניע.

מיר האָבן מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם זיך צוגעהערט צו יעדעס וואָרט זײַנס, און אַ סאַך פון אונדז זײַנען געווען גרייט, ניט טראַכטנדיק לאַנג, טייקעף, אינײנעם מיט ערענבורגן זיך לאָזן אַהין...

ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט די שפּאַנישע עפּאָפּיי און ערענבורג האָט זיך אומגעקערט צו זײַן שרײַבערישער אַרבעט, פלעגט ער זייער זעלטן זיך באַווײַזן אין רעדאַקציע פון „איז־וועסטיאַ". בלויז פאַר אַ נעסיע קיין אויסלאַנד פלעגט ער קומען זיך צונויפרײדן וועגן די פאַרצייכענונגען, וועלכע ער וועט פון דאָרט שיקן פאַר דער צײַטונג.

ערענבורג האָט זיך געפונען אין פּאַריזש, ווען אַהין זײַנען אַרײַן די היטלעריסטן. מיר זײַנען אַלע געווען שטאַרק באַאומרויִקט — די פאַשיסטן קאָנען וועלן נעמען אין אים נעקאָמע פאַר זײַנע אַרטיקלען, וואָס זײַנען פול מיט האַס און פאַראַכטונג צו היטלערן און מוסאָ־ליניען, צו די, וואָס האָבן געשטיצט די שפּאַ־נישע רעאַקציע. נאָר אָט איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ערענבורג איז שוין אין וועג, ער פאָרט אַהיים, קיין מאָסקווע, אַ שטיין איז באַ אונדז אַראָפּ פונעם האַרצן.

און ווידער האָבן אין די זשורנאַלן און צײַטונגען זיך גענומען באַווײַזן ערענבורגס דערציילונגען, פאַרצייכענונגען וועגן די גע־שעענישן, וואָס ער איז געווען זייער לעבעדי־קער איידעס. אינגיכן האָט די „ראָמאַן־גאַזעטאַ" פאַרעפנטלעכט זײַן ראָמאַן „פאַריזש איז געפאַלן".

דערנאָך איז געקומען דער זומער פון 1941. ערענבורג איז ווידער אַ מיליטערישער קאָ־רעספּאָנדענט. מע זעט אים אָף פאַרשיידענע פראָנטן. קימאַט יעדן טאָג טרעט ער אַרויס אָף די שפּאַלטן פון דער צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ". לויט דער אַלטער געוווינהײַט דרוקט ער זײַנע אַרטיקלען אויך אין „איזוועסטיאַ".

צווישן די סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן אָפן פראָנט איז ערענבורג געווען דער באַליבטסטער שרײַבער. אין די פלוגבלעטלעך, וואָס די פאַ־שיסטן פלעגן אַראָפּוואַרפן, איז ניט זעלטן דערמאָנט געווען ערענבורגס נאָמען. די סאָנים האָבן גוט געוווּסט, ווי גרויס עס איז די האַש־



איליא ערענבורג באַם לייענען דעם „פאַרוואונדעטן" קסאָוויאַד.

פּאָע פון זײַנע אַרטיקלען, וויאַזוי זיי באַגײַ־סטערן די סאָוועטישע שלאַכטלײַט. די נאַציסטן זײַנען געקראָכן פון דער הויט, קעדיי אַרונ־טערײַסן דעם צוטרוי צו אים. אין איינעם אַ פלוגבלעטל, וואָס מיר האָבן אונטערגעקליבן אָף אונדזער פראָנט־באַצירק, האָבן די געבעלס־לײַט געפּינעט: „גלייבט ניט דעם ייִדן ערענ־בורגן, וואָס זאָגט צו אַ ניצאָכן די רויטע. מיר האָבן שוין צעגראַמירט די סאָוועטנמאַכט און וועלן אײַנפירן די נײַע אָרדענונג. סאָלדאַטן, וואַרפט דאָס געווער, גייט אַריבער אָף אונד־זער זײַט..."

בײַס דער מילכאָמע האָב איך געאַרבעט אין אַ דיוויזיע־צײַטונג „וו באַי זאַ ראָדינו" („אין שלאַכט פאַרן היימלאַנד"). וועגן אָט דער די־וויזיע האָט מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין געשריבן:

„די דיוויזיע פונעם גענעראַל רוסיאַנאָוו האָט געעפנט דאָס רומפולע צעטל פון די גוואַר־דייִשע אײנהײַטן. פון סטאַלינגראַד דורך דאָנ־באַס ציט זיך איר ניצאָכנדיקער וועג אָף מײַרעוו".

אינגיכן איז די דיוויזיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָטאָמעכאַניזירטן קאָרפּוס. ערעוו דעם מאַרש אָף מײַרעוו האָט די רעדאַקציע פון דער גוואַרדייִשער צײַטונג מיך קאָמאַנדירט קיין מאָסקווע מיט אַ ספּעציעלער שליכעס: אײַנ־פאָרמירן עטלעכע מאָסקווער פּראָזאַיִקער און פּאָעטן וועגן די העלדנטאַטן פון די ערשטע סאָוועטישע גוואַרדייצעס און בעטן, זיי זאָלן וועגן דעם אָנשרײַבן פאַר אונדזער צײַטונג. איך האָב, נאַטירלעך, באַשלאָסן באַזוכן אויך איליאַ ערענבורגן און אים בעטן אָנשרײַבן וועגן די ערשטע גוואַרדייצעס. איין זאַך האָט מיך באַאומרויִקט: צי וועל איך טרעפן דעם

שרײַבער אין מאָסקווע, ער איז דאָך אמערסטן געווען אפן פראָנט. אָבער מיר האָט אָפּגע־גליקט — ערענבורג איז גראָד געווען אין מאָסקווע. כ׳האָב אים גלײַך אָנגעקלונגען.

איך בין געקומען פּינקטלעך צו דער אָפּגע־רעדטער צײַט. ערענבורג איז געזעסן בײַ דער שרײַב־מאַשינקע אין דעם ניט גרויסן און ניט איבעריק ליכטיקן צימער. ער האָט מיך באַ־גריסט מיט אַן אופגעהויבענער האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן זײַן ליולקע, וואָס ער האָט אָקאָרשט אַרויסגענומען פונעם מויל. כ׳האָב אַ ווײַלע זיך געטאָפּטשעט בײַ דער שוועל אין מײַנע קירזעווע פראָנט־שטיוול.

— קומט אַרײַן, שעמט זיך ניט, — האָט מיך פאַרבעטן איליאַ גריגאָריעוויטש, דערזעענדיק מײַן פאַרלעגנהייט, — איר קומט דאָך גלײַך פונעם פראָנט...

אַף די טישן, אפן דיוואַן און אַף די פאָטעלן זײַנען געלעגן קסאַוויאַדן. אַף יעדערן פון זיי האָב איך באַמערקט אַ בײַגעלע פּאַפּיר מיט אַן אויפשריפט, פאַר וועמען דער קסאַוויאַד איז באַשטימט. כ׳האָב באַוויזן איבערלייענען די נעמען פון עטלעכע צײַטונגען, דערין אויך פון אויסלענדישע, נעמען פון טעלעגראַף־אַגענ־טורן, ראַדיאָסטאַנציעס. דאָס איז געווען דעם שרײַבערס פּראָדוקציע בלויז פאַר אָט דעם איינציקן טאָג. און ס׳זײַנען מיר געקומען אַפן זיקאָרן די ווערטער פון ערענבורגס אַוטאָ־ביאָגראַפיע:

„אַרבעטן האָב איך ליב. מינאַסטאַמע מערער פון אַלץ. איך מיין, אַז טאָן די אַרבעט אָרנט־לעך, ראַיעל איז איינע פון די יעסוידעס פון אונדזער נײַער עטיק״.

— נעמט פון זיך אַראָפּ די שינעל און דער־ציילט וועגן אײַערע גוואַרדייצעס.

איך האָב דערציילט געניי וועגן אַלץ, וואָס, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, האָט פאַר אים גע־קאָנט האָבן אַן אינטערעס. ער האָט מיר פאַר־געבן עטלעכע פראַגעס. אַ פּאָר מאָל איז אַרײַנגעקומען די סעקרעטאַרשע, גענומען די צוגעגרייטע אַרטיקלען און זיי אָפּגעגעבן די קורירערן, וועלכע זײַנען נאָך זיי געקומען.

באַם געזעגענען זיך האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— איליאַ גריגאָריעוויטש, ווען וועל איך קאָנען באַקומען דעם מאַטעריאַל? מײַן קאָמאַנ־דירונג איז אַ קורצע. אין אַ פּאָר מעסלעס אַרום דאַרף איך זיך אומקערן אפן פראָנט.

— קומט צו גיין, קאַפּיטאַן, מאָרגן אין דער זעלבער צײַט.

אפן צווייטן טאָג בין איך ווידער געקומען צום שרײַבער און באַקומען פון זײַן האַנט ניט קיין גרויס אַרטיקל, וואָס האָט געהייסן: „די נעמען פון אײַערע העלדן זײַנען דערגאַנגען קיין מאָסקווע״.

איך האָב אָפּגעדאַנקט, צוגעלייגט די האַנט צום היטל, זיך געזעגנט און אוועקגעפאָרן.

דאָס איז געווען אין אָקטיאַבער 1944.

ערענבורגס אַרטיקל פאַר דער רויטאַר־מייִשער צײַטונג האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„שיין זײַנען אונדזערע אָרדענס און מעדאַלן, נאָר מיר דאַכט, באַזונדערס פּרעכטיק איז דעם קאַפּיטאַן פּאַמענקאָס מעדאַל: זי איז דורכגע־לעכערט פון אַ פײַנטלעכער קויל. ס׳איז גע־גאַנגען אַ שווערע שלאַכט. אַ דײַטשישער אויטאָמאַטשיק האָט צוגעפּויזעט און אויסגע־שאָסן. דער קאַפּיטאַן פּאַמענקאָ האָט מיט דער האַנט צוגעקוועטשט די ווונד און האָט ניט פאַרלאָזט זײַן שלאַכט־פּאָסטן. זײַן מעדאַל איז שענער פון אַ נײַער, מע זעט אַף איר דעם צייכן פון געוואַגטקייט, דעם שפּור פון אקשאָ־נעס. מיר דאַכט, אַז אָט אַזאַ מעדאַל הענגט אַף דער ברוסט פון יעדן גוואַרדייעץ פון אײַער טייל...״

באַ די מענטשן, וועגן וועלכע ערענבורג האָט געשריבן, איז געווען יאָמטעוודיק אפן האַרצן. פון אַלע זײַטן האָט מען זיי באַגריסט, גלײַך מ׳וואָלט זיי אָקאָרשט באַלוינט מיט נײַע אָר־דענס. דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט דער בעסטער פאַרלייענער פון דער זעלבסטטעטיקייט אין אונדזער קאָרפּוס אײַנגעשלאָסן אין זײַן רע־פּערטואַר און געלייענט פון דער בינע.

אינגיכן זײַנען מיר שוין געווען אין אייראָפּע. דער קאָרפּוס האָט זיך באַטייליקט אינעם באַ־פרײַען ווין. דעם סוינעס אַרטילעריע האָט אינ־טענסיוו באַשאָסן דאָס דאָרף, ווו ס׳האָט זיך דיסלאָצירט אונדזער רעדאַקציע. לעבן דער צעשעדיקטער רעדאַקציאָנעלער לאַסטמאַשין, צווישן די הויפנס פּאַפּירן און טיפּאָגראַפישן שריפט האָב איך אָפּגעזוכט די קסאַוויאַדן פון די מאָסקווער ליטעראַטן וועגן די ערשטע גוואַרדייצעס. די קסאַוויאַדן פון לעוו ניקולינען, וויקטאָר שקלאָווסקין און אַנדערע זײַנען זיך צעפאַלן אַף שטיקלעך, ווי נאָר כ׳האָב זיך צו זיי צוגערירט. עטלעכע אָריגינאַלן זײַנען געווען פאַרוווּנדעט, נאָר פאַרבליבן לעבן...

...אין צוואַנציק יאָר אַרום — האַרבסט 1964 — קום איך ווידער צו ערענבורגן און זאָג:

— אָט איז דער קסאַוויאַד פון אײַער אַרטיקל וועגן די ערשטע גוואַרדייצעס.

איליאַ גריגאָריעוויטש האָט פאַרזיכטיק גענו־מען אין דער האַנט די פאַרגעלטע און אָפּגע־סמאַליעטע זײַטעלעך.

— אײַער אַרטיקל איז געווען אפן פראָנט, עס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן בײַס די שלאַכטן פאַר באַפרײַען ווין.

ערענבורג האָט באַטראַכט דעם קסאַוויאַד, איבערגעלייענט די ערשטע שורעס און אַ שמייכל געטאָן.

— עס איז פאַראַן עפּעס אַלגעמיינס צווישן דעם גורל פונעם קסאַוויאַד און זײַנע ערשטע שורעס.

ער האָט אַף אַ קאָל איבערגעלייענט דעם אַבזאַץ וועגן דער דורכגעשאָסענער מעדאַל פונעם קאַפּיטאַן פּאַמענקאָ.

אין דעם מאָמענט, ווען איליאַ גריגאָריעוויטש האָט באַטראַכט זײַן אַלטן קסאַוויאַד, האָב איך פאָטאָגראַפירט דעם שרײַבער. דערנאָך האָב

איך אים דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי מ׳האָט אפן פראָנט באַגעגנט זײַן אַרטיקל, וויפל פרייד עס האָט פאַרשאַפן.

— נאָך אַדהײַעם, אין צוואַנציק יאָר אַרום, באַקום איך בריוו פון מענטשן, מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַקאַנט אפן פראָנט. אָט איז אָקאָרשט אָנגעקומען אַ בריוו פון דעם געוועזענעם טאַנקיסט, איצט איז ער דער פאַרוואַלטער פונעם לערן־טייל פון דער טעאַטראַלער קונסטשול אין אָדעס. ער האָט אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אין דער היים אַ באַגעגעניש פון די לעבנגעבליבענע טאַנקיסטן פון זײַן טייל און לאַדט מיך אויך אײַן — איך האָב מיט די דאָזיקע יאַטן זיך באַקאַנט אפן פראָנט... אויב עס וועט אײַך אויסקומען זײַן אין אָדעס, גייט אַרײַן צו אים, צו אַלעקסאַנדער מענדעליעוויטש באַרענבוימען, דאָס איז ביז גאָר אַן אינטערעסאַנטער מענטש...

...ערענבורג האָט מיר אומגעקערט זײַן פאַרווונדעטן קסאַוויאַד. בעשאַסמײַסע האָב איך אַרויסגענומען פונעם פּאָרטפעל זײַן בוך „דרײַצן ליולקעס” און יענע זאַמלונג, וואָס איך האָב אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן געקויפט בײַ דעם בוקיניסט. ערענבורג האָט זיך אָף זיי געכאַסמעט און אַ זאָג געטאָן:

— ס׳וואָלט ניט געשאַדט, איר זאָלט באַקומען פונעם מעכאַבער אַלס מאַטאָנע אַוועלכן־ס׳ניט־איז בוך. לאָמיר זאָגן, אָט דעם...

אפן בלאָוון שאַרבלעטל האָב איך אונטער דער פאַמיליע פונעם מעכאַבער איבערגעלייענט: „מילכאָמע”.

— דאָ זײַנען צונויפגעזאַמלט די מער געלונגענע אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבן אין די מילכאָמע־יאָרן. זאָל בײַ אײַך בלײַבן אַן אָנדענק, קאַפּיטאַן.

דער שעפער פונעם סאָוועטישן קינאָ=שעדעווער

דער וואָכעדיקער טאָג פון 21 דעקאַבער 1925 האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן זיך. אין דער סימפעראָפּאָלער דרוקערײַ האָט מען געגרייט דעם מאָרגעדיקן נומער פון דער צײַטונג „קראַסני קרים”. איך בין געווען דער אַרויסלאָזער. כ׳בין געשטאַנען באַם טאַלער — דאָס איז אַ מין מעטאַלענע ברעט, אָף וועלכער דער מעטראַנפּאַזש האַלט דעם פאַרטיקן זאַץ, — אונטערגעקליבן דעם פּאַסיקן קעפּלשריפט, באַקלערט, ווו בעסער אַוועקשטעלן די לעצטע נײַס. אין אָט דעם מאָמענט האָט מען מיר דערלאַנגט די טעלעגראַמע, אָף וועלכער כ׳האָב מיט אומגעדולד געוואַרט. די טעלעגראַמע איז געווען פון סעוואַסטאָפּאָל — דאָרט איז מײַן פרוי געלעגן אין געבורט־הויז. אַ צעטומלטער, האָב איך איבערגעלייענט: „בעשאָלעם. אַ ייִנגל. אין אַ מאַזלדיקער שאָ”. די זעצער, מעטראַנפּאַזשן, קאָרעקטאָרס און דרוקער האָבן מיך ראַשיק באַגריסט. און ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די וויאָרסטקע, האָבן מיר זיך אַראָפּגעכאַפּט אין דעם ווײַנקעלערל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון דער דרוקערײַ, און גענומען צו קעלישעקלעך לעקאָוועד מײַן ערשטלינג.

אין דער זעלבער נאַכט האָב איך מיט אַ פאַרבײַגייענדיקן צוג זיך אַוועקגעלאָזט קיין סעוואַסטאָפּאָל.

...פון שלאָף האָבן מיך אופגעוועקט היספּײַלעסדיקע געשרייען פון די פּאַסאַזשירן: „דער יאַם! טוט אַ קוק, סאַראַ שיינקײַט!”

דער צוג האָט לאַנגזאַם אַרויסגעפּויזעט פון אַ טונעל. אַ פאַרשלאָפענער, בין איך צוגעגאַנגען צו דעם פענצטער, דערזען די באַקאַנטע בוכטע מיט די אָנצאָליקע שיפלעך און קאַטערס. דורך דעם קאַיאָריקן שוין דורכזיכטיקן נעפּל האָט זיך דורכגעשניטן דער סילועט פון אַ קריגס־שיף. עמעצער פון די פּאַסאַזשירן האָט באַטראַכט די שיף אין אַ בינאָקל און אָף אַ קאָל איבערגעלייענט: „פּאָטיאָמקין”.

ניין, עס קאָן ניט זײַן! שוין העכער אַ יאָר, אַז די דאָזיקע פּאַנצער־שיף איז אַוועק אָף מעטאַל־בּרוך. איך בין אַליין געווען דערבײַ, פאָטאָגראַפירט, געשריבן וועגן דעם אין דער צײַטונג.

ס׳איז אָבער פאָרט די לעגענדאַרע שיף. אָבער אײַנגיכן האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט דער סאָד פון „פּאָטיאָמקינס” צווייטן געבורט.

קיין סעוואַסטאָפּאָל איז געקומען אַ קינאָ־עקספּעדיציע. פאַר דעם פילם, וואָס זי האָט געדאַרפט שאַפן, איז נייטיק געווען די פּאַנצער־שיף, וועלכע איז שוין אָף דער וועלט ניט געווען. האָט מען זיך געגעבן אַן אייצע...

מיר האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט זיך באַקענען מיט די קינעמאַטאָגראַפיסטן, וואָס האָבן באַשלאָסן אופלעבן אפן עקראַן די מערקווירדיקע געשעענישן פון 1905. די עקספּעדיציע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם האָטעל „בריסטאָל”, אָף דעם נאַכימאָוו־פּראָספּעקט. איך בין אַוועק אַהין. דער קינאָ־אוילעם, וואָס האָט פאַרנומען צוויי שכייניסדיקע צימערן, איז געווען אומעטיק און אָנגעכמורעט, פּונקט ווי דער האַרבסטיקער אָקטיאַבער־טאָג. שולדיק אין דעם איז געווען די זון. זי האָט שוין דאַפּקע עטלעכע מאָל געפּרוווט זיך אַרויסרײַסן פון די וואָלקנס, אָף אַ ווײַלע העל באַשטראַלט דעם יאַם און די שטאָט, אָבער טאַקע בלויז אָף אַ ווײַלע. האַקלאַל, דער אוילעם האָט אַן אומעטיקער אַרומגעבלאָנקעט איבער די צימערן.

— מיר זיצן באַם יאַם און וואַרטן אָף אַ גוטן וועטער, — האָט פינקטלעך פאָרמולירט די סיטואַציע דער יונגער רעזשיסער אייזענשטיין. ער האָט אַראָפּגערוקט זײַן קעפּי קימאַט איבער דער נאָז און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אפן פאַרוואָלקנטן הימל. ס׳האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז דער מענטש קלײַבט זיך אָפּטאָן עפּעס אַ קישעף און באַפרײַען די זון פון איר געפאַנגענשאַפט...

סערגיי אייזענשטיין און עדוארד טיסע בײַס דער אַרבעט איבערן פילם „די פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין״.

מיר האָט די דאָזיקע פּאַוזע בעפּייַרעש צו־געשפּילט, כ׳האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט געניט זיך דורכשמועסן מיט די מיטאַרבעטער פון דער עקספּעדיציע, זיך עפּעס דערוויסן און פאַרנאָ־טירן וועגן דעם רעזשיסער פון דעם קינפטיקן פילם סערגיי אייזענשטיינען, וועלכער איז דעמלט נאָך ווייניק געווען באַוווּסט. צו יענער צײַט האָט ער געשטעלט בלויז איין פילם — „דער שטרײַק״.

— דאָס איז געווען מײַן ערשטער אופטריט, אַ מין פּראָבע פון די קויכעס, — האָט געזאָגט אייזענשטיין. — וועגן אָט דעם פילם זײַנען גע־ווען גוטע אָפּרופן. איצט האָב איך באַ־קומען אַן אופטראַג שאַפן אַ קינאָ־עפּאָפּיי וועגן דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. איך וויל צו דעם צוואַנציקסטן יובילײ פון די דאָזיקע גע־שעענישן, וועלכע מע וועט אײַנגיכן אָפּמערקן, באַווײַזן צו פאַרענדיקן דעם עפּיזאָד, וואָס שיל־דערט דעם אופשטאַנד אַף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין״. יעדע שאָ איז טײַער, אָבער די זון, ווי איר זעט, ווײַל דערפון ניט וויסן.

איך טו אַ פרעג, צי מ׳האָט שוין אַ סאַך סצענעס באַוויזן מאַכן פאַר דעם קינפטיקן פילם. אייזענשטיין כאַפּט אַ קוק אינעם סצענאַרי, טוט עפּעס אַ פרעג דעם הויפּט־אָפּעראַטאָר עדוארד טיסע און באַ דעם אַסיסטענט מאַקסים שטראַוך און זאָגט זייער שטיל:

— קימאַט אַ העלפט פונעם פילם האָבן מיר געמאַכט אין אָדעס, דאָרט, ווו די געשעענישן זײַנען פאָרגעקומען. אָבער דאָס וויכטיקסטע — די פּאַנצער־שיף — האָבן מיר דאָרט ניט גע־קראָגן. מיר האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צו דער קאָמאַנדשאַפט פונעם שוואַרציאַמישן פלאָט, האָט מען אונדז געענטפערט: „ווען איר קומט כאַטשבי מיט אַ יאָר פריער, וואָלט איר געקאָנט פאָטאָגראַפירן דעם עמעסן „פּאָטיאָמקין״, איצט זײַנען קיין שיפן פון אָט דעם מין אין פלאָט שוין ניטאָ״.

אָבער איינער פון מײַנע געהילפן האָט זיך דערוווּסט, אַז ס׳האָט זיך ערגעץ פאַרהיט דאָס „קעסטל״ פון דער פּאַנצער־שיף „צוועלף אַפּאָ־סטאָלן״ — אַ קאָפּיע פון „פּאָטיאָמקינען״. דעמלט האָבן מיר געבעטן, מ׳זאָל אונדז דערלויבן אופ־בויען אַף אָט דעם סקעלעט, פון געהילץ, פאַר־שטייט זיך, די קוימענס, די קאַבינע פונעם קאַפּיטאַן און אַלץ, וואָס ס׳איז נייטיק. מע האָט אונדז אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז אַ געפערלעכע זאַך, ווײַל די „צוועלף אַפּאָ־סטאָלן״ האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ סקלאַד פון מינעס. נאָר זעענדיק אונדזער שווערע לאַ־גע, האָט די קאָמאַנדשאַפט באַשלאָסן אַרויס־פירן די מינעס. דאָס איז שוין געווען אַ גרויסער דערפאָלג, אָבער די דאָזיקע אַרבעט וואָלט אָפּ־גענומען אַ סאַך צײַט. מיט איין וואָרט, מיר האָבן געפּועלט, אַז די מינעס זאָלן בלײַבן ליגן אַפן אָרט און מיר וועלן פאַרזיכטיק אופבויען אַלץ, וואָס מע דאַרף, און צוטרעטן צו דער אַרבעט.

— און אָט אַרבעטן מיר איצט, שטייענדיק, קאָן מען זאָגן, אַף אַ פאַס מיט דינאַמיט, — פאַרענדיקט אייזענשטיין.

דער יונגער רעזשיסער אייזענשטיין האָט, נאַטירלעך, דעמלט ניט געקאָנט וויסן, אַז זײַן פילם „די פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין״ וועט מאַכן אַזאַ רוישעם איבער דער וועלט, וועט אַנער־קענט ווערן אַלס שעדעווער פון דער סאָוועטי־שער קינעמאַטאָגראַפיע, וועט באַרימט מאַכן אים גופע און דעם אָפּעראַטאָר עדוארד טיסע.

אַדהײַנט שווימט „די פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמ־קין״ איבער די וועלט־עקראַנען. דעם פילם האָבן געזען טעלעכע דורעס, און עס וועלן אים אויך באַוווּנדערן די קומענדיקע דורעס.

און איצט ווילט זיך מיר דערציילן עטוואָס וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געזען, בעשאַס דער פילם איז געשאַפן געוואָרן.

אַלע טוער פון דער קינאָ־גרופּע, כוץ דעם רעזשיסער און דעם אָפּעראַטאָר, האָבן געטראָגן אַלציינע געשטרײַפטע מײַקעס.

— דאָס איז צוליב דעם, — האָט דערקלערט אייזענשטיין, קעדיי מיר זאָלן אַף אַ מײַל דער־קענען אונדזערע כעווערע. די שוואַרץ־ווײַסע פאַסיקלעך אַף די מײַקעס טיילן זיי אויס צווישן די איבעריקע.

אַפן צווייטן טאָג האָט די זון פאַרפלייצט די שטאָט. מיטן זון־אופגאַנג איז דער גאַנצער קינאָ־לאַגער שוין געווען אַף די פיס. מ׳האָט געוואָלט אַניאָגן די געפּאַטערטע צײַט.

...מ׳האָט פאָטאָגראַפירט אַזאַ עפּיזאָד: די אָדעסער טוישווים ברענגען שפּײַז־פּראָדוקטן פאַר די אופגעשטאַנענע מאַטראָסן. צו „פּאָ־טיאָמקינען״, וואָס שטייט אַפן רעיד, ציִען זיך פונעם ברעג שיפלעך מיט אָדעסיטן. זיי האַלטן אין די הענט קוישלעך מיט ברויט, לעבעדיקע

אויפעס, איינער א מאנצבל האלט א קוויטשענדיק כאזערל. אייזענשטיין כאפּט א קוישל מיט א שרײַענדיקער גאנדז, גיט עס איבער א באיאָרטער פרוי און זאָגט צו איר:

— זײַ אזוי גוט, מאמאשע, זעץ זיך ארײַן אין אָט יענעם שיפל. צי ארוף אף זיך א טיכל, וועסטו שפּילן די ראָל פון א בארעמהארציקער אָדעסיטקע.

איינער פון דעם רעזשיסערס געהילפן זאָגט צו מיר:

— און איר האָט ניט קיין כיישעק זיך א שיפל טאָן? מ׳וועט אײַך באצאָלן, ווי אלע סטאטיסטן.

— מיט גרויס פארגעניגן! און דעריקער, וואָס איך בין טאקע אן עכטער אָדעסיט, — האָב איך געענטפערט און זיך געלאָזט צו א שיפל, וואָס איז פולגעפּאקט געווען מיט מענטשן, קוישלעך, קעסטלעך און קלומקעס.

ווען מיר זײַנען אָפּגעשווומען פונעם ברעג, האָב איך דערזען, ווי אייזענשטיין שטייט אפן דאך פונעם אינסטיטוט פאר פיזישע היילונגסמעטאָדן. ער האָט פון דאָרטן אָפּגעגעבן פארארדענונגען זײַנע געהילפן און דעם אָפּעראטאָר. אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב פאָטאָגראפירט אייזענשטיינען, איז אונדזער שיפל „ארײַנגעפאלן" אין אָביעקטיוו פון דער קינאָ־קאמערע, וועלכע עס האָט געדרייט דער אָפּעראטאָר טיסע. שפּעטער האָב איך אונדזער שיפל דערזען אפן עקראן אינאיינעם מיט דער גאנצער פלאָטיליע „אָדעסיטן". אָבער ווי אופמערקזאם כ׳האָב ניט געקוקט, האָב איך זיך גופא ניט באמערקט.

מיט יאָרן שפּעטער, באגעגענענדיק זיך מיט סערגיי אייזענשטיינען אין מאָסקווע, האָב איך אים געגעבן אָנצוהערן, אז מיך האָט מען אויך פאָטאָגראפירט אין זײַן פילם.

— און מ׳האָט אײַך פאר דעם אויסגעצאָלט האָנאָראר? — האָט ער אין א שפּאס א פרעג געטאָן. — אין די צעטלען אף צו באצאָלן די סטאטיסטן האָב איך עפּעס אײַער פאמיליע ניט געפונען.

ס׳האָט זיך מיר פארגעדענקט אזא עפּיזאָד: מ׳האָט אָפּגעקליבן סטאטיסטן, וואָס זאָלן שפּילן די צארישע אָפיצערן אף דער פאנצער־שיף, וועלכע די אופגעשטאנענע מאטראָסן ווארפן פון דער שיף אין יאם ארײַן. ס׳איז געווען סאָף אָקטיאבער. דאָס וואסער אין יאם איז שוין געווען גוט קאלט, האָבן אייניקע פון די „אָפיצערן" זיך אָפּגעזאָגט שפּרינגען אין יאם. זיי האָבן ארויפגעוואָרפן פון זיך די אָפיצערישע אוניפאָרם, א כאפּ געטאָן זייערע קליידער און געמאכט די פּלייטע.

דער שטענדיק געלאסענער טיסע, וועלכער האָט שוין געהאט זיך צוגעגרייט צו דער דאָזיקער סצענע, איז געווען אויסער־זיך. אין אָט דער רעגע וואָלט אים ליב געווען, מ׳זאָל אים גופא ארויסווארפן אין יאם ארײַן, ער זאָל נאָר זײַן זיכער, אז מע וועט דעם שפּרונג „אראָפּכאפּן" ווי עס געהער צו זײַן.

— לאָמיר ניט פּאטערן קיין צײַט, ווארפט מיך ארויס. אָט צי איך טייקעף ארוף אף זיך די אוניפאָרם, — האָט זיך אָנגערופן אייזענשטיין און צוגעגעבן, — בא זיך אין דער באלטיק (ער איז א געבוירענער פון ריגע) בין איך געווען ניט קיין שלעכטער שווימער.

נאָר צו דעם איז ניט דערגאַן. אין אזעלכע פאלן פלעגן ארויסראטעווען די כעוורע אין די געשטרײַפטע מײַקעס — די אסיסטענטן און דעם רעזשיסערס געהילפן. א סאך מאָל איז אויסגעקומען זיך אויסבאָדן אין דעם ניט געמיטלעכן יאם דעם קינפטיקן פאָלקס־ארטיסט פון פססר, דעם רעזשיסער גריגאָרי אלעקסאנדראָוון. אין דער „פאנצער־שיף „פּאָטיאָמקין" האָט אלעקסאנדראָוו געשפּילט די ראָל פונעם אָפיצער גיליארסקי.

אייזענשטיין גופא האָט דאָך ניט אויסגעמיטן צו שפּילן אין זײַן פילם. אין סאמע ברען פון דער ארבעט איז נעלעם געוואָרן דער אקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון דעם שיפגאלעך. אינמיטנדערינען האָט אין אים א רעד געטאָן דער רעליגיעזער געפיל, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ווײַטער צו שפּילן.

— דערלאנגט מיר די באָרד, די ריאסע און אלץ, וואָס איז נייטיק, א גאלעך מוזן מיר האָבן. איך וועל אליין שפּילן די דאָזיקע ראָל.

אייזענשטיין איז ניט געווען קיין פּאניקיאָר. אין דער שווערסטער סיטואציע פלעגט ער געפינען אן אויסוועג. אזוי איז אויך געווען אין דעם פאל. ער האָט אין איין אויגנבליק זיך צוגעגרייט צום עפּיזאָד, ווו דער גאלעך פארגיט די זינד די מאטראָסן, וועלכע זײַנען פארמישפּעט צום טויט.

די צושויער געדענקען געוויס די דאָזיקע סצענע, אָבער ניט אלע ווייסן, אז די ראָל פונעם גאלעך איז אָן א צוגרייטונג אויסגעקומען צו שפּילן אייזענשטיינען און אז דער אסיסטענט פונעם רעזשיסער מאקסים מאקסימאָוויטש

צוגאסט בא טשארלי טשאפּלינען.
אף דעם אינדזל קאטאלינע אין שטילן אָקעאן.
פון לינקס אף רעכטס: ס. אייזענשטיין,
טשארלי טשאפּלין און ע. טיסע.

שטראוך (איצט פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פּססר) איז דעמלט אויסגעלאָפֿן די שטאָט, ביז ס'איז אים געלונגען פֿאַר א פּאָר טשערוואָנצעס אויסבעטן בא איינעם א גאַלעך אף א צוויי־דרייַ שאָ דעם גרויסן ציילעם, וואָס דער הייליקער זאָקן טראָגט אף דער ריאַסע.

אף דעם פּרימאָרסקי בולוואַר אין סעוואַסטאָפּאָל האָב איך פֿאָטאָגראַפֿירט אייזענשטיינען און טיסע אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן אָנגעצילט די קינאָ־קאַמערע אף דער „פּאַנצער־שיף". ס'איז געגאַנגען איינע פֿון די דראַמאַטישע סצענעס. דער שאָטן פֿון די ביימער איז געפֿאַלן אף זיי ביידן און האָט טיילווייַז באַדעקט זייערע פּנעמער.

די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיעס, וועלכע איך האָב געמאַכט מיט אַן אַלטן ביליקן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט, האָב איך איינמאָל באַוויזן אייזענשטיינען.

— איך גרייט איצט א זאַמלונג דערינערונגען וועגן דעם, ווי ס'איז געשאַפֿן געוואָרן דער פֿילם „די פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין"" — האָט ער געזאָגט, — אין דער זאַמלונג וועלן זיך באַטייליקן אַלע אָנטיילנעמער פֿון אונדזער אַרבעט. שרייַבט וועגן אַלץ, וואָס איר געדענקט, און די פֿאָטאָגראַפֿיעס לאָזט מיר איבער פֿאַר דער זאַמלונג.

בייס אָט דעם באַזוך האָב איך בא אייזענשטיינען, אף די ווענט פֿון זייַן וווינונג ניט ווייַט פֿונעם מאָספֿילם, דערזען נייַע פֿאָטאָגראַפֿיעס, וועלכע ער האָט געבראַכט, אומקערנדיק זיך פֿון א דויערנדיקער נסיעה איבער לענדער, ווו דער פֿילם „די פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין"" איז געגאַנגען מיט א טריומפֿאַלן דערפֿאָלג.

אף איינער א פֿאָטאָגראַפֿיע האָב איך דערקענט טשאַרלי טשאַפּלינען, דעמלט נאָך גאָר א יונגן.

— מיר זייַנען געווען צוגאַסט בא טשאַרלין, — האָט דערציילט אייזענשטיין, — ער האָט אונדז אייַנגעלאָדן אף זייַן יאַכטע, אוועקגעפֿירט אונדז אף דעם אינדזל קאַטאַלינע, וואָס געפֿינט זיך אינעם שטילן אָקעאַן. א סאַך פֿאָטאָגראַפֿיעס דערמאָנען אונדז וועגן דעם דאָזיקן שפּאַציר מיט דעם וווּנדערלעכן קינאָ־אַקטיאָר.

אייזענשטיין האָט מיר געשענקט עטלעכע פֿאָטאָ־בילדער, וועלכע ער האָט געמאַכט בא טשאַרלי טשאַפּלינען אין דער היים, אף דער יאַכטע, אף דעם אינדזל קאַטאַלינע. איך ברענג דאָ איינע פֿון זיי, דאָ זעען מיר טשאַפּלינען, אייזענשטיינען און טיסע.

איך וועל אף שטענדיק פֿאַרגעדענקען די צייַט, וואָס כ'האָב פֿאַרבראַכט בא סערגיי מיכײַלאָוויטשן אין זייַן אַרבעטס־צימער. די ווענט פֿונעם צימער זייַנען געווען אויסגעפּאַרבט אין פֿאַרשיידענע קאָלירן. איין וואַנט — א העלגעלע, די צווייטע — א ביסל בלייכער, די דריטע און פֿערטע האָבן אויך געהאַט פֿאַרשיידענע קאָליר־שאַטירונגען. אַזא קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרב האָט געמאַכט דעם צימער העל־זוניק אַפֿילע אין די כמורנע טעג.

— מיר איז צום האַרצן, ווען אַרום־און־אַרום איז א סאַך שייַן, א סאַך זון. דאָס איז פֿאַר מיר נייטיק ניט נאָר דעמלט, ווען מיר פֿאָטאָגראַפֿירן דעם פֿילם, נאָר אויך אין דער היים, ווען איך גרייט זיך צו דעם.

אייזענשטיין באַווייַזט מיר א סאַך געמעלן — סצענעס און עפּיזאָדן פֿון די קינפֿטיקע פֿילמען. דאָס זייַנען געמעלן פֿון א רייַפֿן קינסטלער. דעם באַוווּסטן פֿילם „אָקטיאַבער", וועלכער איז אַרויס אַפֿן עקראַן צום צעניאָריקן יובילײ פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָט אייזענשטיין, קאַדער נאָך קאַדער, געצייכנט צוערשט אף פּאַפּיר.

צו יענער צייַט האָבן נאָך געלעבט א סאַך אָנטיילנעמער פֿון דער גרויסער רעוואָליוציע, די ערטער, ווו די היסטאָרישע געשעענישן זייַנען פֿאָרגעקומען, האָבן זיך דאַן נאָך ווייניק געענדערט. אָט פֿאַרוואָס דער צושויער נעמט אויף פֿיל קאַדרן פֿונעם פֿילם, וואָס שילדערן דעם שטורעם פֿונעם ווינטער־פּאַלאַץ, ווי דאָקומענטאַלע. דאָס איז א באַווייַז, אַז דעם קינסטלער איז געלונגען צו דערגרייכן עכטע וואָרהאַפֿטיקייַט. מיט דעם איז געוויס צו דערקלערן, וואָס דער פֿילם „אָקטיאַבער" רופֿט אַרויס נאָך ביז הייַנט אַן אינטערעס בא די צושויער סיי בא אונדז אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד.

אייזענשטיין האָט אופֿגעלעבט אַפֿן עקראַן אין זייער גאַנצער מאָנומענטאַלקייַט צוויי גראַנדיעזע רעוואָליוציאָנערע געשעענישן — די רעוואָליוציע פֿון 1905 און די גרויסע זיגרייַכע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

ניט אומזיסט שטודירט מען נאָך אַדהייַנט די שעפֿערישע מעטאָדן פֿונעם גרויסן קינאָ־רעזשיסער.

א שרייַבער פֿאַר קליין און גרויס

דאַכט זיך, אָט ערשט ניט לאַנג איז דער דאָזיקער מענטש — א באַשיידענער און א קאַרגער אף א וואָרט — געזעסן מיט אונדז בא איין טיש אין דעם שרייַבער־הויז אונטער מאָסקווע.

עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער איז צו אַלץ גלייַכגילטיק: שפּאַצירן פֿלעגט מען אים אָפּטער פֿון אַלץ זען איינער אַליין, שלאָפֿן פֿלעגט ער זיך לייגן פֿרי, באַם טעלעוויזאָר צי אין קינאָ האָט מען אים אויך ניט געזען.

אָבער אַזוי האָט זיך בלויז געדוכט. מיר האָבן געוווּסט: דער שרייַבער האָט אָקאָרשט איבערגעטראָגן אַן ערנסטע אָפּעראַציע אף די אויגן. נאָר קיינער פֿון אונדז האָט קיינמאָל ניט געהערט פֿון אים קיין קרעכץ, ער זאָל זיך באַ־

ר. פרײַערמאַן (רעכטס) און ס. באַנדאַרין אין שרײַבער־הויז
פּערעדעלקינאָ. מײַ, 1971.

קלאָגן אַף זײַן געזונט. פאַרקערט, באַ א גע־לעגנהײַט פלעגט ער זאָגן, אַז די ריִע האָט זיך באַ אים פאַרבעסערט.

— איר זעט אָט דאָס פעלד־קווייטעלע? — דערבײַ פלעגט ער א ווײַז טאָן מיט זײַן שטע־קעלע אין דער ווײַט. — נעכטן איז עס דאָ נאָך ניט געווען, זיך אויסבאַהאַלטן, געמיינט, איך וועל עס ניט דערזען. און איך האָב עס טייקעף באַמערקט, כאָטש ס'איז ניט אַזוי נאָענט. פאַר דער אָפּעראַציע האָב איך אַפילע פון דער נאָענט שלעכט געזען...

מיר האָבן געוווּסט — דאָס איז זײַן אַכציק־סטער פרילינג. די שילער פון די דערפער אַרום פּערעדעלקינאָ פלעגן קומען אינעם שרײַבער־הויז אײַנלאַדן אים צו זיך אין שול אָדער סטאַם א קוק טאָן אַף דעם שרײַבער, וועלכן קליין און גרויס האָבן אַזוי גוט געקענט לויט זײַנע ביכער. אינדערעמעסן — ווער האָט עס ניט גע־לייענט זײַנע ביכער „דער ווילדער הונט דינגאָ, אָדער א געשיכטע וועגן דער ערשטער ליבע", „די ווײַטע יאַם־נעסיִע", „וואַסקע גיליאַק" און אַנד. אָבער ווײַט ניט אַלע זײַנע לייענער ווייסן, וואָס פאַר א שווערן וועג עס האָט דורכגעמאַכט דער שרײַבער אין פאַרלויף פון זײַן גרויס לעבן.

נאָך דער פעוראַל־רעוואָליוציע האָט רוּווים פרײַערמאַן זיך אַוועקגעלאָזט אַפן ווײַטן מיזר־רעך. ער איז געווען א פישער, א צייכנער, א לערער.

ווען אַפן ווײַטן מיזרעך האָט זיך צעפלאַקערט דער בירגערקריג, איז פרײַערמאַן אַרײַנגע־טראָטן אין א פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד און דורכ־געגאַנגען מיט אים אין דער טײַגע זעקס טויזנט קילאָמעטער.

זיי האָבן אָפט זיך געלאָזט פילן, יענע מאַרשן. עס האָבן ווי געטאָן די אָפּגעפרוירענע פיס. בײַקומענדיק דעם ווייטעק, פלעגט ער מיט גע־מאָסטענע טריט שפּאַצירן איבער דער אַלייע, און ווען עס פלעגט שוין שטאַרק א קלעם טאָן באַם האַרצן — זיך צוזעצן אַף א ווײַלע.

ער איז א געבוירענער פון מאָ־לעוו. דער רעוואָליוציאָנער־גע־שטימטער יונגערמאַן איז געווען געצווּונגען אָפּט בײַטן זײַן וווינ־אָרט און אויך די פּראָפעסיע.

ער קומט אָן אין כאַרקאָווער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. ניט פאַרענדיקט אים, מוז ער פאַרלאָזן די שטאָט. אין באַקו אַרבעט ער אַלס א כעזשבנפירער אין דער שטאָט־אופּראַווע. פון דאָרט טוט ער א שפּרונג צו די ברעגן פונעם שטילן אָקעאַן און ווערט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, א ווײַטמיזר־רעכדיקער פּאַרטיזאַן. ער איז דער רעדאַקטאָר פון דער פּאַרטיזאַני־שער צײַטונג „קראַסני קליטש".

עס קאָן געוויס זײַן, אַז די פּאַר־טיזאַנישע פּילטיראַזשקע האָט דערוועקט אין אים דעם באַרוף צו ליטעראַטור.

נאָכן בירגערקריג ווערט רוּווים איסײַעוויטש פרײַערמאַן דער רעדאַקטאָר פון א צײַטונג אין יאַקוטיע, דערנאָך — א מיטאַרבעטער פון דער סיבירער טעלעגראַף־אַגענטור און פון דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ סיביר".

די טאָגטעגלעכע רעדאַקציאָנעלע אַרבעט האָט באַרײַכערט זײַן ליטעראַרישע דערפאַרונג. אין זײַנע ווערק פון די צוואַנציקער יאָרן דערציילט פרײַערמאַן וועגן דעם בירגערקריג אַפן ווײַטן מיזרעך, וועגן דעם, וויאַזוי די רעוואָליוציע האָט אופגעוועקט צום לעבן די קליינע פעלקער־שאַפטן פון די ווײַטסטע קאַנטן פון לאַנד, וועלכע זײַנען אין די באַדינגונגען פון צאַריזם געווען פאַרורטיילט אַף אומקום.

אין די דרײַסיקער יאָרן, ווען אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע בויוּנג פון דער אינ־דוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט פרײַערמאַן, ווי א סאַך אַנדערע שרײַבער, אַק־טיוו זיך באַשעפטיקט מיט זשורנאַליסטיק. ער ווערט א קאָרעספּאָנדענט פון דער צענטראַלער פּרעסע, שרײַבט און דרוקט אין די צײַטונגען אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען, קאָרעספּאָנדענצן, וואָס אָטעמען מיט דער ראַכוועס פונעם לאַנד, מיט דעם גלי און לײַדנשאַפטן פון די ערשטע פינפיאָרן.

פרײַערמאַנס שרײַבערישער וועג קרייצט זיך איבער מיטן וועג פון אַזעלכע פּראָזע־מײַסטערס, ווי פּאַוסטאָווסקי און באַבעל. אינדרײַען אָרגאַ־ניזירן זיי א ליטעראַריש קרײַזל מיטן ניט גע־וויינלעכן נאָמען „קאָנאָטאָפּ" (פאַרוואָס עפּעס „קאָנאָטאָפּ" איז ניט באַוווּסט, קיינער פון די אָנטיילנעמער פונעם קרײַזל האָט צו דער אוק־ראַיִנישער שטאָט קאָנאָטאָפּ קיין נאָענטע שײַ־כעס ניט געהאַט). מע פלעגט זיך צונויפקלײַבן און לויט א ריי פאָרלייענען נײַע ווערק. אַלץ,

וואָס פרײַערמאַן האָט אָנגעשריבן אין יענער צײַט, האָט ער איבערגעגעבן אַף דעם שטרענגן, נאָר שטענדיק אָופריכטיקן מישפּעט פון זײַנע פרײַנט.

ניט לאַנג פאַר דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז דערשינען פרײַערמאַנס באַוווּסטע דערציילונג „דער ווילדער הונט דינגאָ, אָדער די געשיכטע וועגן דער ערשטער ליבע" — אַ בוך, וואָס איז געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט באַ די לייענער פון פאַרשיידענעם עלטער.

גלײַך אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע פאַרשרײַבט זיך רוּווים פרײַערמאַן אין דער אָפּאָלטשעניע און גייט אַוועק אַפן פראָנט. אין אַ שטיקל צײַט אַרום זעען מיר אים אין דער רעדאַקציע פון אַן אַרמייִשער צײַטונג. ער שרײַבט פאַרצייכענונגען און דערציילונגען וועגן דער העלדישקייט פון אונדזערע שלאַכטלײַט.

דאָ, אַפן פראָנט, לאָזט זיך פילן די קרענק, וואָס פרײַערמאַן האָט אָפּגעשפּאַרט אין די יאָרן פונעם בירגערקריג.

ער קערט זיך אום צום שרײַבער־טיש און איז גליקלעך דערמיט, וואָס ער האָט דערנעבן אַזאַ געטרײַען פרײַנט, ווי קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי, מיט וועלכן מע קאָן זיך האַלטן אַן אייצע, אים איבערלייענען דאָס אָנגעשריבענע און וויסן, אַז דו קאָנסט זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן אַף זײַן איידעלן געשמאַק.

שטענדיק באַם דערמאָנען פּאַוסטאָווסקיס נאָמען פלעגט פרײַערמאַן ווערן אופגעלעבט און נעמען דערציילן פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון פּאַוסטאָווסקיס לעבן, וויאַזוי קאָנסטאַנטין געאָרגיִעוויטש האָט געקאָנט דעליקאַט, ניט אָנבינדנדיק זײַן מיינונג, זאָגן דאָס נייטיקע וואָרט, געבן דעם שרײַבער אַן אייצע.

אין יענעם אַכציקסטן פרילינג פון זײַן לעבן האָט מען פרײַערמאַנען געקאָנט אָפט זען אין איינעם מיטן שרײַבער סערגיי באַנדאַרינען. זיי פלעגן שאַנלאַנג זיצן אין דעם שאָטן פונעם פּאַרק און געמיטלעך שמועסן. איינמאָל האָב איך זיי פאָטאָגראַפירט. שפּעטער אַ ביסל האָב איך געפרעגט באַ באַנדאַרינען:

— וועגן וואָס האָט עס אײַך מיט אַזאַ ברען דערציילט רוּווים איסײַעוויטש?

— איר פאַרשטייט, דער אַלטער איז אינגאַנצן פאַרטאָן אין זײַן נײַער אַרבעט.

— ער שרײַבט נאָך אַלץ, פרײַערמאַן? ער האָט דאָך דאָ ניט לאַנג צוריק איבערגעטראָגן אַ שווערע קרענק און אַן אָפּעראַציע.

— זעט איר דאָך, די פען האָט ער ניט אַוועקגעלייגט.

דעמלט האָט ער געשריבן אַ בוך וועגן דער רעוואָליוציע אַפן ווײַטן מיזרעך און אין סיביר. איך וועל זיך דערלויבן פרײַ איבערדערציילן איינעם אַן עפּיזאָד פון פרײַערמאַנס בוך.

אין סיביר האָט מען געמישפּעט דעם געוועזענעם יעסאַול פון דער צאַרישער אַרמיי, דעם באַראָן אונגערן פאָן שטערנבערג — איינע פון די סאַמע עקלהאַפטע פיגורן פון דער קאָנטעררעוואָליוציע. אינאיינעם מיט אַ צווייטן קאָזאַקישן יעסאַול סעמיאָנאָוון האָט אונגערן לויט קערענסקיס אופטראָג געפירט אַ ווילדע העצע קעגן דער יונגער סאָוועטנמאַכט, ער האָט געמאַכט בלוטיקע פּאָגראָמען, געפּײַניקט קאָמוניסטן, פאַרניכטעט גאַנצע יישוּווים. „דער בלוטיקער באַראָן" — אַזאַ נאָמען האָט ער געהאַט באַ דער באַפעלקערונג. ווען די רויטע אַרמיי האָט אינאיינעם מיט די פּאַרטיזאַנער ליקווידירט די קאַלערליי באַנדעס, איז סעמיאָנאָוו אַנטלאָפן קיין יאַפּאָניע און דער באַראָן אונגערן — קיין מאָנגאָליע.

אין סענטיאַבער 1921 האָט מען אים געכאַפּט און לויטן אורטייל פונעם סיבירער רעוואָליוציאָנערן טריבונאַל צעשאָסן.

אַ טשיקאַווע דעטאַל: אַף אונגערנס פּראָצעס איז סעקרעטאַר פונעם רעווטריבונאַל געווען רוּווים פרײַערמאַן. בײַס איינער אַ זיצונג פונעם געריכט האָט פרײַערמאַן באַמערקט, אַז דער באַראָן פירט זיך אוף עפּעס זייער מאָדנע. די באַשולדיקונגס־באַנק איז געשטאַנען ניט ווײַט פון אַן אָפן פענצטער, פרײַערמאַן האָט געזען, ווי אונגערן כאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אַפן פענצטער. ניט אַנדערש, ווי דער געוועזענער יעסאַול האָט בעדייע אַרויסצושפּרינגען דורכן פענצטער און מאַכן די פּלייטע. די וואַך איז געווען ניט קיין גרויסע. וואָס מער פרײַערמאַן האָט זיך צוגעקוקט, אַלץ פעסטער איז געוואָרן זײַן איבערצײַגונג, אַז אונגערן וועט אָט־אָט זיך אַ פּרווו טאָן פאַרווירקלעכן זײַן פּלאַן. מע דאַרף עפּעס טאָן, ניט דערלאָזן, אַז דער „בלוטיקער באַראָן" זאָל אַנטלויפן און אויסמײַדן די פאַרדינטע שטראָף. פרײַערמאַן טוט זיך האַסטיק אַ הייב פון זײַן אָרט, וואָס ער פאַרנעמט באַם טיש, לויפט צו צום פענצטער און זעצט זיך אַרוף אַף דער פענצטער־ברעט. אונגערן איז אַ פאַרגליווערטער געבליבן זיצן אַף דער באַנק.

ווי ס'איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן, איז אונגערנס פּלייטע געווען זאָרגפעליק צוגעגרייט.

...אין סענטיאַבער 1971 האָט די שרײַבערישע געזעלשאַפטלעכקייט פײַערלעך אָפּגעמערקט פרײַערמאַנס יובילײ — דער שרײַבער איז אַלט געוואָרן 80 יאָר. רוּווים איסײַעוויטש האָט מאַמעש זיך געבעטן באַ די אָרגאַניזאַטאָרס פונעם אָוונט, מ'זאָל זיך ווי־עס־איז באַגיין אָן אים. דער יובילײ־אָוונט האָט אים געשראָקן.

אַפן אָוונט איז ער געקומען אַ צערודערטער, אויסגעהערט אַלע גוטע, האַרציקע ווערטער וועגן זײַן לעבנס־וועג און זײַן שאַפן, וואָס האָט געדינט און וועט נאָך לאַנג דינען דעם פאָלק.

זײַן ענטפער־רעדע איז געווען די קירצסטע — ער האָט מיט גרויס באַגײַסטערונג גערעדט וועגן דעם הויכן באַרוף פון דער פּילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

■ ■ ■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

אַרן ראַסקין

אַן איבערגעזעצטער שאָלעם-אַלייכעם

(וועגן די העברעיִשע איבערזעצונגען פון שאָלעם-אַלייכעמס דראַמען)

עס זײַנען גוט באַקאַנט די פאַרדינסטן פון י.-ד. בערקאָוויטשן, שאָלעם-אַלייכעמס איידעם, אַלס איבערזעצער פון די ווערק פון אונדזער גרויסן פאָלקס-שרײַבער אין העברעיִש. שאָלעם-אַלייכעם האָט הויך געשעצט די דאָזיקע איבערזעצונגען. אין 1911, ווען בערקאָוויטש האָט געמאַכט די ערשטע פּרוּוון אַף דעם געביט, האָט דער שרײַבער אין אַ בריוו צו אים געשריבן:

„ניין, איבערזעצן מיך, אויסער אײַך, קען קיינער ניט און דאַרף קיינער ניט, און איך וועל קיינעם ניט לאָזן! איר אַליין ווייסט שוין, וועלכע הויסאָפּעס איך וואָלט געמאַכט, און איר שטעלט זיי אַרײַן. איר האָט מיך אויסגעשטודירט גרינטלעך. איר קענט מיך אַף אַ פינף מיט אַ פּליוס. ניין, איך וועל קיינעם ניט לאָזן מיך איבערזעצן"[1].

שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אַף זײַן איבערזעצער און האָט מיט דער צײַט אים געגעבן די פולע פרײַהײַט זיך באַגיין מיט זײַנע ווערק באַם איבערזעצן זיי אין העברעיִש, ווי אים, בערקאָוויטשן, גלוסט זיך. ליידער האָט אָבער בערקאָוויטש צײַטנווײַז מיסגעברויכט מיט אָט דעם צוטרוי. ווען ער איז מיט יאָרן שפּעטער, נאָך שאָלעם-אַלייכעמס טויט, צוגעטראָטן צו אַרויסגעבן דעם שרײַבערס אויסדערווײלטע ווערק אין העברעיִש, האָט ער זיך דערלויבט אַ צו ברייטע טראַקטירונג פון דער געגעבענער אים פרײַהײַט. אייניקע ווערק זײַנען באַם איבערזעצן זיי אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַזאַ ראַדיקאַלער „באַאַרבעטונג", אַז זיי האָבן קימאַט אינגאַנצן פאַרלאָרן זייער שאָלעם-אַלייכעמישן טאָך.

דאָס איז בעגייע אין דער ערשטער ריי צו שאָלעם-אַלייכעמס וויכטיקסטע דראַמאַטישע ווערק.

שאָלעם-אַלייכעמס דראַמען זײַנען אַרײַן אין 11-טן און 12-טן בענדער פון דער דערמאָנטער אויסגאַבע. צום וואָרט „איבערזעצט" איז צוגעקומען דאָס וואָרט „באַאַרבעט". אין די האַקדאָמעס צו די דאָזיקע בענדער באַרעכטיקט דער איבערזעצער זײַן „באַאַרבעטונג" מיט דער אַבסאָליוטער פרײַהײַט פון האַנדלונג, וועלכע ער האָט באַקומען פונעם מעכאַבער.

אַ גענויער און קאָנקרעטער פאַרגלײַך פונעם יִידישן און העברעיִשן[2] טעקסטן פון צוויי שאָלעם-אַלייכעמס דראַמאַטישע ווערק — „דאָס גרויסע געווינס" (אין דער איבערזעצונג — „עמך") און „די גאָלדגרעבער" (אין דער איבערזעצונג — „האוצר") — וועט אונדז קלאָר באַווײַזן, וואָס האָט אין דער פּראַקטיק באַטײַט די דאָזיקע „פרײַהײַט פון האַנדלונג".

אין דער קאָמעדיע „אמכאָ" האָט בערקאָוויטש קוידעמקאָל געענדערט די עצעם האַנדלונג. ווי באַוווּסט, האָט שימעלע סאָראָקער אין שאָלעם-אַלייכעמס „גרויסן געווינס" טאַקע געוווּנען די צוויי הונדערט טויזנט, נאָר ער האָט זיי אינגיכן פאַרלאָרן, ווײַל ער האָט קימאַט זײַן גאַנץ פאַרמעגן פאַרטרויט צוויי אַפעריסטן וויגדאָרטשיק און רובינטשיק, וועלכע האָבן אים מיִעס אָפּגענאַרט. בערקאָוויטשן איז אַזאַ מין אַנטוויקלונג פון סוזשעט ניט געפעלן געוואָרן, אים האָט זיך געדאַכט, אַז „די האַנדלונג ווערט דאָ צעוויקלט אַף אַן אויסערלעכן יעסאָד, מיט דער הילף פון אַ צופאַל, אין דער צײַט, ווען ס'וואָלט נייטיק געווען איר געבן אַן אינערלעכע דראַמאַטישע אַנטוויקלונג"[1]. האָט ער אַרויסגעוואָרפן

---

[1] שאָלעם-אַלייכעם בוך, ניו-יאָרק, 1957, ז. 98.

---

[1] די אויסצוגן פון העברעיִשן טעקסט ווערן אומעטום געגעבן אין אונדזער יִדישער איבערזעצונג. — א. ר.

[2] כתבי י. ד. ברקוביץ, ספר עשירי, ז. רג.

די גאַנצע געשיכטע מיט די „סינעמאַטאָגראַפס" און אויסגעבויט די האַנדלונג אַף דער באַזע פון שאָלעם־אַלייכעמס באַוווּסטן מאָנאָלאָג „פינף און זיבעציק טויזנט".

פון דער דאָזיקער סוזשעטישער ענדערונג האָט די קאָמעדיע ניט נאָר ניט געוווּנען, ווי עס האָט זיך גערעכנט דעם איבערזעצער, נאָר, פאַרקערט, זי האָט, לויט אונדזער מיינונג, שטאַרק פאַרשפּילט. פאַרלאָרן האָט זי שוין דערמיט, וואָס דאָ ווערט איבערגעכאַזערט אַ קאָליזיע, וועלכע איז גוט באַקאַנט פון אַן אַנדער ווערק שאָלעם־אַלייכעמס. ווײַטער האָט זיך דאָ, אין דער איבערזעצונג, די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן באַקומען ווייניקער נאַטירלעך און אַפילע ווייניקער וואָרהאַפטיק. אַף וויפל אין בערקאָוויטשעס „אמכאָ" איז קיין געווינס ביכלאַל ניט געווען, איז שימעלעס גווירעשאַפט ניט מער ווי אַן אילוזיאָרישע. ער פירט אַ ברייט נעגידיש לעבן אַפן כעזשבן פון פרעמדע, אַנטלײַענע געלטער, וועלכע דאַרפן געדעקט ווערן דורכן קלוימערשט געוווּנענעם „גרויסן געווינס" — די גאַנצע סיטואַציע איז צוגעטראַכט, ניט נאַטירלעך. ווייניק וואָרהאַפטיק איז די לייזונג: דעם טאָעס האָט געהאַט דער באַאַמטער פון באַנק (באַם אויסשרײַבן די קוויטאַנציע אַפן פאַרמאַשקנטן בילעט האָט ער אַלפּי־טאָעס אינעם נומער צוגעשריבן אַן איבעריקן נול). בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אין „פינף און זיבעציק טויזנט" האָט אינעם נומער „אויסגעפונען" אַן איבעריקן נול אַליין דער אייגנטימער פונעם בילעט, וואָס עס לייגט זיך, נאַטירלעך, מער אַפן סייכל.

פאַרשפּילט האָט די קאָמעדיע אין דער איבערזעצונג אויך דערמיט, וואָס, ענדערנדיק די סוזשעטישע אַנטוויקלונג, האָט בערקאָוויטש געמוזט מעוואַטער זײַן אַף אייניקע אַמערסטן רײַכע מיט קאָמישע עפעקטן סצענעס, וועלכע זײַנען אינטערעסאַנט ניט נאָר מיט דעם, וואָס אין זיי זײַנען אַרויסגעפירט אַזוינע פײַנע קאָמעדיע־געשטאַלטן, ווי וויגדאָרטשיק און רובינטשיק, נאָר אויך דערמיט, וואָס אין זיי ווערן אויפגעדעקט אייניקע וויכטיקע שטריכן אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם הויפּט־געשטאַלט פון דער קאָמעדיע שימעלע סאָראָקער.

אינעם אָריגינאַל איז שימעלע — אַ ייִד פונעם טיפּ מענאַכעם־מענדל. ער פאַרמאָגט אַ רײַכע פאַנטאַזיע און ער איז זיכער אין דער רעאַלקייט פון אַ גרויסן געווינס, ווי מענאַכעם־מענדל אין דער רעאַלקייט פון זײַנע רעוואָכים אַף דער בערזע. ער כאַפּט זיך אָן אין דעם איניען פון די „טרעיאַטערס" מיט דעם זעלבן ברען, מיט וועלכן מענאַכעם־מענדל כאַפּט זיך צו צו זײַנע „פּאַפּירן"־ספּעקוליאַציעס. שימעלע יאָגט זיך נאָך דעם גרויסן געווינס ניט אַזוי מאַכמעס זשעדנעקייט, ווי צוליב דעם, וואָס עס איז אים גלאַט געפעלן די שפּיל — ס'איז אין אים דאָ עפּעס קינדישעס, ווי אין מענאַכעם־מענדלען: אים ווילט זיך אויספּרוּוון דעם טאַם פון זײַן אַ גוויר, כאָטשבי אַף אַ שטיקל צײַט. די באַקומענע רײַכקייט ווערט מיט אַ ברייטער האַנט אַוועקגעגעבן אַף רעכטס און אַף לינקס, אַף קלאַל־איניאָנים, אַ טייל ווערט אַרײַנגעלייגט אין דער „ליוזיאָנע", וואָס איז קוידעמקאָל אַן איניען פון גײַסטיקן פאַרגעניגן. אָט די „שוואַכקײַט" שימעלעס ווערט טאַקע גלענצנד אויסגענוצט מיצאַד דעם פּאָרל זשוליקעס — וויגדאָרטשיק און רובינטשיק. די סצענעס אינעם דריטן אַקט, אין וועלכע ס'ווערט געשילדערט די דאָזיקע העכסט פּאַכמענעריש דורכגעפירטע אָפּעראַציע, געהערן צו שאָלעם־אַלייכעמס בעסטע קאָמישע סצענעס. דאָ איז אַלץ נאַטירלעך און פײַן מאָטיווירט. שימעלע און זײַן פרוי עטי־מעני האָבן באַזוכט די „ליוזיאָנע" לעכאָלהאַפּאָכעס איין מאָל אין דער וואָך. וואָס זשע איז דער כידעש, וואָס איצט, ווען זיי זײַנען געוואָרן גווירים, האָבן זיי זיך אַזוי הייס אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן פון די צוויי אַפעריסטן? מײַסטעריש ווערט געוויזן דער „היפּנאָז", וועלכן זיי ווענדן אָן לעגאַבע שימעלען און עטי־מענין, ווען זיי דעמאָנסטרירן דעם סייכל פון קינאָ און דערווײַזן דעם פאַרכידעשטן פאַרפאָלק, אַז הינטערן „לײַלעך" איז גאָרנישט ניטאָ. ביידע צוהערער זײַנען אַזוי פאַרבלענדט פונעם ווונדער, אַז זייערע אָפּנאַרער גיט זיך אײַן אָן באַזונדערע שוועריקײַטן אַרויסצובאַקומען שימעלעס כסימע אַף 15000 רובל, צו וועלכע זיי שרײַבן שפּעטער צו נאָך איין נול.

אַף וויפל דאָס אַלץ גייט אין העברעיִשן טעקסט לעיִבעד, ווערט ניט נאָר פאַראָרעמט דער קאָמעדיע־עלעמענט, נאָר אויך דאָס רייכע, קאָלאָריטפולע שימעלע־געשטאַלט.

בײַ שאָלעם־אַלייכעמען איז שימעלע אַ טיפּישער אמכאָ־מענטש. בײַ אים איז אַנטוויקלט דאָס געפיל פון אייגענער ווירדע, ער לאָזט זיך ניט בייגן דעם קאָפּ פאַר די נעגידים און ווערט פאַר זיי ניט באָטל. ווען קאָלטון, דער פאַבריקאַנטשיק פון די פּײַנס, שטייט צו אים שטאַרק צו מיקויעך דירע־געלט, שרײַט שימעלע אויס: „אַזוי! דאָס זײַנט איר גאָר! וויבאַלד אַזוי, טאָ גייט זשע מיר אין דער ערד אַרײַן! אמכאָ — אונדזער פאָלק שער און אײַזן!" ער נעמט טאַקע קאָלטונען פאַרן קאָלנער און שלײַדערט אים אַרויס אַף יענער זײַט טיר.

אַנדערש פירט זיך אויף שימעלע בײַ בערקאָוויטשן. ער דערלויבט זיך ניט אַזאַ דרייסטקײַט, און ווען דאָס דאָזיקע דערלויבט זיך צו טאָן זײַן געזעלקאָפּל, שרײַט ער אויס דערשיטערט: „ביסט אַראָפּ פון זינען, אמכאָ?!"

שימעלע אין דער איבערזעצונג איז מער האַכנאָעדיק, מער קנעכט, מער גענייגט צו בייגן דעם קאָפּ פאַר די גווירים.

בײַ שאָלעם־אַלייכעמען איז שימעלע געבליבן דער זעלבער „אמכאָ" אויך דאַן, ווען זײַן בילעט האָט אויסגעוווּנען. האַגאַם דער שרײַבער לאַכט פון אים, ווען ער קרוינט זיך מיט דעם נאָמען סעמיאָן מאַקאַראָוויטש און פּרוּווט זיך נאָכמאַכן די „ריסטעקראַטן", איז שאָלעם־אַלייכעמס געלעכטער אין טאָך אַ גוטמוטיקער, ווײַל שימעלע איז אין פלוג געבליבן דער זעלבער, געביטן האָט זיך נאָר די אויסערלעכע פאָרם, זײַן נאַטור האָט זיך ניט געענדערט. זײַן באַציִונג צום פּראָסטן אוילעם, צו די שנײַדער־יונגען, איז געבליבן אַזאַ ווי פריִער, קיין באַזונדערן דערעכערעץ פאַר די גווירים ווײַזט ער אויך איצט ניט אַרויס. ווען שימעלע ווערט אײַנגעלאַדן אַף אַ וויזיט צום נאָגיד אָשער פּײַן, פירט ער זיך אויף אינעם נאָגידס הויז מיט דער זעלבער פּאַשטעס, ווי בײַ

זיך אין דער היים. ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון דער געלעגנהייט א וואָרף צו טאָן א שארף ווערטל אין אדרעס פון זײַנע רײַכע גאסטגעבער און אפילע פון געבן זיי א קאפוליער אָנצוהערעניש, אז ער איז קליגער פון זיי.

די סצענע, אין וועלכער ס׳ווערט געשילדערט שימעלעס וויזיט אין נעגידישן הויז, געהער צו די פײַנסטע סאטירישע בילדער בא שאָלעם־אלייכעמען. מיר זעען דעם אוישער אין זײַן נעסט. דאָ ווערט ארויסגעבראכט די קאָלאָריטפולע פיגור פון מאדאם פײַן מיט איר גווירישער גײַווע און פאראכטונג צו מענטשן פון נידעריקערן גראד. די גווירנטע ווערט געוויזן אין דער ארומרינגלונג פון רײַכע דאמען, וועלכע שאָקלען צו מיטן קאָפּ צו יעדן וואָרט אירן, נאָר אין דער זײַט שיטן זיי אָף איר פעך און שוועבל.

אין בערקאָוויטשעס איבערזעצונג איז די דאָזיקע סצענע באַזײַטיקט געוואָרן. דאָ קומט אליין דער נאָגיד אָשער פײַן צוגאסט צום רײַך־געוואָרענעם שנײַדער. שימעלע דערשײַנט אזויארום ווי א מאכניס־אוירעך, וועלכער פארנייגט זיך פאר די גווירים און שעצט זיך גליקלעך, וואָס זיי האָבן אים באערט מיט זייער באזוך. וועגן זײַן אייגענעם וויזיט צו דעם נאָגיד דערציילט שימעלע זײַנע געוועזענע שנײַדער־געזעלן מיט א ניט־פארבאָרגענער היספּײַלעס. ער קוויקט זיך מאמעש מיט דעם גווירס אשירעס און רעליקוויעס, מיט דעם קאָוועד, וואָס מע האָט אים, שימעלען, אָפּגעגעבן:

„מיר זײַנען נאָרוואָס געקומען, — דערציילט שימעלע, — פון א באזוך בא איינעם פון די הויפּט־אסקאָנים, באם גוויר פײַן אין זײַן הויז... דו הערסט, מאָטל, דו זאָגסט טאקע „בורזשוק״, און איך בין דיר מויכל... אָבער וואָלסטו נאָר מיט דײַנע אויגן אָנגעקוקט דאָס דאָזיקע גווירישע הויז! מע האָט אונדז דאָרט געוויזן א טיש, וואָס האָט זיך בא זיי פארהיט אזש פון כמעלניצקיס צײַטן... ווײַטער האָב איך בא זיי געזען עפּעס א מין אָרנקוידעש מיט א סייפערטוירע, וואָס איז צו זיי ארײַנגעפאלן בעיערושע פון זייערע זיידעס און עלטערזיידעס... וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? כ׳האָב קוים געכאפּט דעם אָטעם! ס׳וואָלט אײַך דאגעגן קעדײַ געווען צוצוזען, סארא פײַנעם קאבאָלעס־פּאָנעם זיי האָבן אָפּגעריכט פון מײַן קאָוועד וועגן...״

אונדז כידעשט ניט שימעלעס קעלבערנע היספּײַלעס, זי איז אָרגאניש פאר דעם שימעלען, וועלכן ס׳האָט פארטראכט בערקאָוויטש. ניט אומזיסט האָט ער, שימעלע, דאָ, אין דער איבערזעצונג, געהאלטן אין איין קוקן אפן זייגער, ווען וועט מען שוין קענען גיין אין באנק, זיך דערוויסן, צי האָט ניט געוווּנען זײַן בילעט. בא בערקאָוויטשעס שימעלען איז דאָס גרויסע געווינס — א מאנקאָליע, אן אײַנריידעניש, אן אידייע־פיקס. ווען זײַן טרוים ווערט פארווירקלעכט (ווי ער האָט געמיינט) און ער דערפילט זיך מײַסע גוויר, קריכט ער מאמעש פון דער הויט צו ווערן זייערסגלײַכן, נויסעכיין זײַן אין זייערע אויגן. ער סטארעט זיך אָף קאָלערליי אויפאנים זיך אויספּײַנען פאר די נעגידים, לערנען זייערע מידעס, לייגט אײַן די וועלט, אז דער שידעך מיט דעם נאָגידס פלעמעניק זאָל צו שטאנד קומען, פילט זיך גליקלעך, וואָס אים גיט זיך אײַן מיט זיי שליסן שוטפעס אינעם גרויסן הײַזער־געשעפט. ס׳איז גאָרניט דער שימעלע, וועלכן מיר קענען פון שאָלעם־אלייכעמס „גרויסן געווינס״.

שאָלעם־אלייכעמס שימעלע קריגט ניט קיין גרויס היספּײַלעס פון דעם, וואָס ער קען ווערן א מעכוטן מיט די נעגידים. די רײַכקײַט האָט אים ניט פארדרייט דעם קאָפּ. ווען פון זײַן גאנץ אשירעס האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם, האָט ער זיך פארלאָרן נאָר אין דער ערשטער רעגע. אים האָט זיך פארהעלטניסמעסיק לײַכט אײַנגעגעבן שאָלעם צו מאכן מיט דעם געשעענעם און גאָר גיך קומען צו־זיך. פארקערט, ווען ער האָט זיך ארומגעקוקט נאָך דעם אומדערווארטן קלאפּ, האָט ער זיך דאפקע דערפילט אלס זיגער, אלס איינער, וואָס האָט גיוווער געווען א קלעפּיקע כאלאס. עס האָט אים אפילע אָנגעכאפּט א פרייד, וואָס ער איז ווידער דער זעלבער אמכאָ, וואָס געווען.

די דאָזיקע שטריכן אין שימעלעס כאראקטער טרעטן באזונדערס בוילעט ארויס אין די פינאל־סצענעס פון דריטן און פערטן אקט. אין די ערשטע מינוטן, ווען שימעלע דערוויסט זיך, אז מע האָט אים מיִעס אָפּגענארט, אזוי פרעך באראבעוועט אינמיטן העלן טאָג, שרײַט ער אויס:

— גוואלד! ייִדן, ראטעוועט! לויפט! יאָגט! מע האָט מיך באגאנוועט! באגאזלט! בעדיל־האדאל געשטעלט! צוגענומען אינגאנצן! געמאכט פאר א קאפּצן! העלפט מיר! העלפט מיר כאפּן די גאזלאָנים!

נאָר קוים האָט שימעלע דערהערט די טרויעריקע בסורע, אז זײַן טאָכטער איז פארשווונדן, האָט ער פארגעסן אין דעם פארלאָרן געגאנגענעם פארמעגן, אין דער באגאנגענער אוולע. דאָס אלץ איז געוואָרן נישטיק און מינדערווערטיק אין פארגלײַך מיט דעם געשעענעם פאמיליען־אומגליק:

— מײַן טאָכטער! — שרײַט שימעלע. — מײַן קינד! א קאפּאָרע דאָס געלט! א קאפּאָרע אלצדינג פאר מײַן קינד! (כאפּט ארויס דעם טײַסטער פון זײַטקעשענע, רײַסט אראָפּ פון זיך דעם גאָלדענעם זייגער מיטן קייטל, שרײַט צום ווײַבל.) עטי־מעני! נעם אראָפּ! גיב אהער די פערל! די אוירינגלעך! די פינגערלעך! דאָס גאנצע צירונג! ייִדן! נאט אײַך אָפּ דאָס אלעס, וואָס איך פארמאָג! טוט מיט דעם, וואָס איר ווילט — אבי העלפט מיר אָפּזוכן מײַן טאָכטער! העלפט מיר, העלפט מיר אומקערן מײַן קינד! (ברעכט אויס מיט א געוויין.)

אזא איז שאָלעם־אלייכעמס שימעלע, נאָר אלך אזוינעם שטעלן מיר זיך אים פאָר! קיינע רײַכקײַטן האָבן ניט געקענט פארײַאָגן דאָס טיף־מענטשלעכע, וואָס איז פארוואָרצלט אין אים, אין זײַן מאָראלישן געזונטער פלעבייִשער נאטור!

אנדערש זעט אויס די דאָזיקע סצענע בא בערקאָוויטשן, ווײַל אן אנדערער איז שימעלע אין דער איבערזעצונג. ער נעמט אוף די יעדיִע וועגן דעם, אז דער געווינס האָט געפּלאצט, ווי א שרעקלעכע קאטאסטראָפע. פּונקט ווי א בליץ וואָלט אים געטראָפן, ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאנגען. אפילע די בסורע וועגן דער פארשווונדענער טאָכטער דערגייט קוים־קוים צו זײַן באוווסטזײַן.

ווען דער בוכהאלטער פון באנק דערווײַזט שימעלען, אז פונעם געווינס האָט זיך אויסגעלאָזט א

בוידעם, וויקלט זיך פאנאנדער אין דער איבערזעצונג פאלגנדיקער דיאלאג:

ש י מ ע ל ע: איך פאר טייקעף־אומיאד קיין יעהופעץ! גיט מיר מײַן בעגעד, זאג איך אײַך! מענדל!

מ ע נ ד ל: באלעבאס, אײַער טאכטער האט זיך אנגעטאן א מײַסע.

ש י מ ע ל ע: א רועך אין דײַן טאטנס טאטן ארײַן, דערלאנגט מיר מײַן מאנטל!

מ ע נ ד ל: זי איז אנטלאפן מיט די יונגען.

ש י מ ע ל ע: ווער איז אנטלאפן? מיט וועלכע יונגען? וואס רעדסטו ווי עפעס אן אידיאט?

מ ע נ ד ל: איך הייב ניט אן צו ריידן ווי אן אידיאט. איך דערצייל אײַך: אײַער טאכטער איז אנטלאפן מיט די צוויי שנײַדער־יונגען. איך האב זיך געיאגט נאך זיי, האט זי מיר ארײַנגעלייגט אין האנט ארײַן אן אסיגנאציע פון פינף קערבלעך, אט איז זי.

ש י מ ע ל ע: אנטלאפן? פארוואס אנטלאפן?

ע ט י־מ ע נ י: מע דארף זיי אניאגן! מע דארף זיי כאפן! שנעלער! גיכער! שימען, וואס שטייסטו ווי א גוילעם? אונדזער טאכטער איז פון אונדז אנטלאפן! אונדזער טאכטער! אונדזער קינד!

ש י מ ע ל ע (פאלט אנמעכטיק אפן שטול): אנטלאפן... דאס קינד איז אויך ניטא... אן עק, א סאף... א וויסטער כאלעם... (ווישט מיט דעם ארבל אפ דעם שוויס פון פאנעם.)

נאך ראדיקאלער איז דער אונטערשייד צווישן די פינאל־סצענעס פון דער קאמעדיע אינעם אריגינאל און אין דער איבערזעצונג.

אין דער פינאל־סצענע פון שאלעם־אליינעמס „גרויסן געווינס" דערשײַנט פאר אונדז דאס שימעלע־געשטאלט אין זײַן גאנצער מענטשלעכער, פאלקסטימלעכער פראכט. ער זאגט צו די יידן, וואס זײַנען געקומען צו דער כופע פון זײַן טאכטער:

„ס'האט מיך גאט געשטראפט דערפאר, וואס עס האט זיך מיר פארוואלט ווערן א מיליאנשטשיק... און יזכעס האט זיך מיר פארגלוסט... דער קאפ האט זיך מיר פארדרייט, איך בין געווען שיקער... עפעס ווי אטשאדעט... איצט איז אראפ דער טשאד, האב איך זיך אויסגעניכטערט, זע איך, אז איך בין געווען א נאר און אז איך בין ווערט שמיץ... יידן! איר האט געהערט מינאסטאם, אז אן ארעמער שנײַדער האט אויסגענומען דאס גרויסע געווינס, די צוויי הונדערט טויזנט? דאס בין איך, שימעלע סאראקער איז מײַן נאמען... די צוויי הונדערט טויזנט זײַנען אויסגערונען, אוועק מיטן ווינט און מיטן רויך, און שימעלע איז צוריק דער זעלבער אמכא, וואס געווען... איצט איז בא מיר א סימכע, א יאמטעוו — מײַן טאכטער האט כאסענע געהאט לעמאזל — ווו איז דער לעקעך און בראנפן? לאמיר נעמען צו קאפעלעך מאשקע. לעכאים פאר אונדזער פאלק, שער און אײַזן — אמכא! — — —

שימעלע פארקאטשעט די פאלעס און טאנצט א שטורמישן „פריילעכס". דער אוילעם טאנצט מיט און פליעסקעט צו מיט די הענט. ס'איז טאקע בעעמעס א גרויסע סימכע! שימעלע איז ארײַן אין עקסטאז, זײַן פרייד גייט פון פולן הארצן, ווײַל ער פײַערט ניט נאר די כאסענע פון זײַן טאכטער, וועלכע גייט ארויס פאר איר גלײַכן, אן אמכא־מענטש, ווי ער, נאר אויך דעם ניצאכן איבער זיך אליין, איבער זײַנע כאלוימעס און איליוזיעס. ס'איז א סימכע פון באפרײַען זיך פונעם „טשאד", פון דער פארבלענדעניש, וואס האט אים געהאלטן אין קלעם, פון אומקערן זיך צו זיך אליין, פון ווערן „צוריק דער אייגענער „אמכא", וואס געווען".

בא בערקאוויטשן איז שימעלעס פרייד א געצוימטע, זײַן ליד איז א דערווארגענע, זײַן „לעכאים" — א דערשטיקטער. אין שימעלעס לעצטע ווערטער הערט זיך א טיפער ווייטעק פאר די באטל געווארענע איליוזיעס, פאר די רײַכקײַטן, וועלכע זײַנען אויסגערונען, נאך איידער זיי זײַנען געקומען, א ווייטעק, וואס ווערט געטרייסט מיט דער האפענונג, אז ס'איז נאך ניט אלץ פארלארן: דער בילעט פארבלײַבט אין בוזעם־קעשענע און מע וועט נאך קענען אויך אף ווײַטער כאלעמען פון א גרויסן געווינס...

אזויארום האט דער איבערזעצער געענדערט ניט נאר דעם כאראקטער פון דעם שימעלע־געשטאלט, עס האט זיך געביטן דער עצם פארטראכט, דעם שרײַבערס מיין, די קאוואנע פונעם ווערק.

אויך אנדערע געשטאלטן האבן דורכגעמאכט ענלעכע גילגולים אין דער איבערזעצונג. צום בײַשפּיל, עטי־מעני. אין אריגינאל איז עטי־מעני גראדע דאס יעניקע געשטאלט, וואס ווערט פונעם שרײַבער אמערסטן אויסגעלאכט. אויב שימעלען גיט זיך אײַן, בא זײַן גאנצער פארבלענדעניש פון ווערן א גוויר, אפצוהיטן די פאשטעס און מאראלישע געזונטקײַט פון אן אמכא־מענטש, געשעט מיט עטי־מענין פונקט דאס פארקערטע. אין דעם פראט איז זי אן אנטיפאד צו שימעלע סאראקער. שימעלען, צום בײַשפּיל, פײַניקט דאס גארניט־טאן: „איך ווער שיר ניט מעשוגע. איך זאל האבן עפעס א טועכץ, געווינט געווארן ארבעטן — אמכא!" עטי־מענין געפעלט דאפקע די „מעלאכע" פון גארנישט ניט טאן, פון גיין יעדע נאכט אין דער „ליוזיאנע", פון קאמאנדעווען מיט יויכעוועד די מויד און מענדל דעם לאקיי. שימעלע איז גרייט אוועקצוגעבן דאס געלט יעדן, וואס נייטיקט זיך; די אופגעקומענע גווירנטע ערנעסטינע יעפימאוונע טרייסלט זיך אף יעדער קאפעקע: ווען זי שיקט יויכעוועד די מויד אין קעלער נאך אײַנגעמאכטס, באפוילט זי מענדל דעם לאקיי, ער זאל אכטונג געבן, „זי זאל זיך ניט צוכאפן צו שטארק, ווי א הונגעריקע קאץ צו דער סמעטענע". שימעלע ווערגט זיך אינעם נײַעם העמד, אים איז ניט צום הארצן דער צילינדער, וועלכן עטי־מעני צווינגט אים אנטאן אפן קאפ, בייס זיי קלײַבן זיך אף א וויזיט צו די פײַנס; עטי־מעני סטארעט זיך אויספוצן „מאדנע מיט אלע פארבן פון רעגנבויגן", ווי עס פאסט פאר א „ריסטאקראטקע". שימעלע פארגעסט ניט זײַנע געוועזענע שנײַדער־געזעלן און ארדנט זיי אײַן דעם שענסטן קאבאלעספאנעם; עטי־מעני שעמט זיך, וואס פראסטע שנײַדער־יונגען באטרעטן איר שוועל, און אף א דעליקאטן אויפן טרײַבט זי זיי פאשעט ארויס. שימעלע איז פון הארצן צופרידן, וואס זײַן טאכטער ביילקע האט געגומען איר גלײַכן; עטי־מעני זעצט פאר צו בלאזן פון זיך א „ריסטאקראטקע" און איז מאריש־אוילאמעס, האלעמײַ איר טאכטער האט כאסענע פאר א שנײַדער־יונג.

אין העברעיִשן טעקסט איז אַלץ קאַפּויר. שימעלע איז פאַרשיקערט פון דער אשירעס, עטי־מעני איז צו דעם גלײַכגילטיק. שימעלע פאַרנייגט זיך פאַר די גווירים, עטי־מעני האָט זיי פײַנט סינאַס־מאָוועס. שימעלע איז פאַרכאַפּט פונעם מעגלעכן שידעך צווישן זײַן טאָכטער און אָשער פײַנס פּלעמעניק סאָלאָמאָן (אין אָריגינאַל איז סאָלאָמאָן אָשער פײַנס זון), עטי־מעני דאַגעגן וויל ניט דעם שידעך, ווײַל דער כאָסן איז אַן „אַלטער כאָלאָסטיאַק" און „לײַדט פון רעוומאַטיזם". שימעלע האַלט פאַר א גרויסער ערע, וואָס אַליין דער נאָגיד קלײַבט זיך צו אים אַף א וויזיט, עטי־מעני איז שטאַרק ניט צופרידן פונעם פאָרשטייענדיקן באַזוך פון די גווירים אין איר הויז. שימעלע איז פאַרקאָכט פון דער שותּפֿעס מיט די פײַנס אינעם הײַזער־געשעפט (בערקאָוויטש האָט אָנשטאָט די „סינעמאַטאָגראַפס" אויסגעטראַכט א געשעפט מיט דירעס און האָט פאַרוואַנדלט שימעלען אין א מין „בורזשואַזן פילאַנטראָפּ", וועלכער וויל בעכאַצי־כינאָם פאַרדינגען דירעס אָרעמעלײַט), עטי־מעני איז קעגן דער שותּפֿעס מיט די פײַנס. די אופגעקומענע גווירנטע ערנעסטינע יעפימאָוונע איז אין דער איבערזעצונג די זעלבע עטי־מעני, וואָס געוועזן. די רײַכקײַט האָט זיך צו איר ניט צוגעקלעפּט. זי טרײַבט ניט פון שטוב די געוועזענע שנײַדער — געזעלן, זי קאָמאַנדעוועט ניט מיט די דינסטן (די דאָזיקע מיסיע פילט אויס בא בערקאָוויטשן פּערל די קעכן), זי בלאָזט ניט פון זיך און פירט זיך אויף ווי א שטיל טײַבעלע — די פילפאַרביקע, קאָלאָריטפולע פיגור פון שאָלעם־אַלייכעמס עטי־מעני האָט זיך אין דער איבערזעצונג באַקומען בלאַס און איינטאָניק.

אויך ביילקע איז אין העברעיִשן טעקסט ניט די, וואָס אין אָריגינאַל. בא שאָלעם־אַלייכעמען אין ביילקע א טיפּיש געשטאַלט פון א יונגער העלדין, וועלכע קעמפט פאַר איר ליבע און גליק, א טראַדיציאָנעל געשטאַלט פון דער קלאַסישער קאָמעדיע. זי איז לעבנסלוסטיק, פרײדפול, אַקטיוו, זעלבשטענדיק, פאַרמאָגט גענוג מוט און זעלבסטווירדע, קעדיי צו קענען פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן. איר איז אָנגענעם, וואָס ביידע שנײַדער־יונגען שלאָגן זיך פאַר איר האַנט, אָבער אַז ס'קומט די מינוט, ווען ס'דאַרף געמאַכט ווערן דער אויסוואַל, שטעלט זי זיך ניט אָפּ פאַר א כיטרען גאַנג, ביכדיי דאָס קניפּל זאָל אַרויסציִען טאַקע דער, וואָס איז איר ליב. זײַענדיק אַן איבערגעגעבענע, געהאָרכזאַמע טאָכטער, וואָס ווייסט פון „קיבעד אָוו וואָיים", לאָזט זיך ביילקע ניט שפּײַען אין פּאָנעם, ווען אירע עלטערן שטעלן זיך אַף דעם וועג פון איר גליק. זי געפינט בא זיך גענוג מוט ניט צו דערלאָזן דעם שידעך, וועלכער איז איר ניט צום האַרצן. זי אַנטשליסט זיך אַנטלויפן פון דער היים, אײַנרײַסן מיט טאַטע־מאַמע, אָנלערנען זיי פאַר דער לײַכטקײַט, מיט וועלכער זיי שפּילן מיט איר גורל און גליק.

ביילקע אין העברעיִשן טעקסט דערמאָנט מער א העלדין פון א מעלאָדראַמע. עס האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן די לעבנסלוסט, מיט וועלכער ס'האָט זי באַשאָנקען שאָלעם־אַלייכעם. מע הערט זי דאָ זעלטן לאַכן, פיל אָפטער הערט מען אירע זיפצן און קרעכצן. זי האַלט דאָ אין איין וויינען און קלאָגן אַף די שטענדיקע פאַרפאָלגונגען מיצאַד די רײַכע פּרעטענדענטן אַף איר האַנט. בא איר קלעקט ניט קיין מוט ווידערצושפּעניקן דעם ווילן פון אירע עלטערן. דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן פון דער היים פאַלט איר אַפילע אין קאָפּ ניט אַרײַן, און ווען די שנײַדער־יונגען לייגן איר פאָר דעם דאָזיקן פּלאַן, נעמט זי אים ניט גערן אָן.

שאָלעם־אַלייכעמס קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס" צייכנט זיך אויס מיט איר דינאַמישקײַט. דער דיִאַלאָג איז דאָ געפּרעסט, לאַקאָניש. מיט צוויי־דרײַ שטריכן ווערט דורך דעם דיִאַלאָג כאַראַקטעריזירט דאָס אָדער יענץ געשטאַלט, אַפילע אַן עפּיזאָדיש. אין דער איבערזעצונג גייט אָפּ די דאָזיקע שאָלעם־אַלייכעמישע אייגנשאַפט לעיִבעד. די העלדן ריידן דאָ מער, דער דיִאַלאָג איז ערטערווײַז שטאַרק צעצויגן. אייניקע געשטאַלטן, וועלכע זײַנען בא שאָלעם־אַלייכעמען עפּיזאָדישע, זײַנען בא בערקאָוויטשן געוואָרן קימאַט הויפּט־פיגורן. צום בײַשפּיל, „פּערל די מיטניטשקע" דערשײַנט בא שאָלעם־אַלייכעמען בלויז אינעם ערשטן אַקט, נאָר ס'איז אונדז גענוג אויסצוהערן דאָס ביסל „נײַן מאָס רייד", מיט וועלכע זי באַשיט אונדז, מיר זאָלן קריגן א פולע פאָרשטעלונג וועגן איר. בא בערקאָוויטשן ווערט זי „דערהויבן" צו איינער פון די פירנדיקע געשטאַלטן אין דער פּיעסע. פונעם צווייטן אַקט ווערט זי מעגולגל אין „פּערל די קעכן", וועלכע נעמט אין אירע הענט אַרײַן די „אָנפירונג" אינעם הויז פונעם רײַך־געוואָרענעם שנײַדער. אין אַלע פיר אַקטן דערשײַנט זי ווי די דייעזאָגערן, וואָס מישט זיך אין אַלע געשעפטן, זאָגט אַרויס „קלוגע געדאַנקען", גיט „קלוגע אייצעס", קאָמאַנדעוועט מיט די דינסטן און פירט לאַנגווײַליקע געשפּרעכן קימאַט מיט אַלע פּערזאָנען אין דער פּיעסע. ענלעכס איז געשען אין העברעיִשן טעקסט מיט אַזאַ עפּיזאָדיש געשטאַלט, ווי קאָלטון. בא בערקאָוויטשן פירט ער דאָס גאַנצע רעדל. ער פאַרפאָלגט מיט זײַן ליבע ביילקען, און שפּעטער, ווען סאָלאָמאָן פײַן שאַדכנט זיך צו איר, לייגט קאָלטון אײַן די וועלט, אַז דער שידעך זאָל צו שטאַנד קומען. קאָלטון טרעט דאָ אַרויס אַלס פאַרטרעטער פון די אינטערעסן פון די גווירים, און, צונויפשטויסנדיק אים מיט דעם שנײַדער־פאָלק, באַמיט זיך דער איבערזעצער אַרײַנצוטראָגן אין דער פּיעסע א מאָדערנעם ניואַנס פון א פאַרשאַרפטן „סאָציִאַלן קאָנפליקט". דער „קאָנפליקט" איז אָבער א קינסטלעכער, א געמאַכטער. די „פײַנטלעכע" צדאָדים וואַרפן זיך איבער מיט זידלווערטער. קאָלטון שיט פעך און שוועבל אַף די „שנײַדערוקעס", זיי דראָען אים, אַז זיי וועלן אים „אויסקנײַפּן אַלע באַקן" און „ברעכן די ביינער". די שנײַדער־יונגען זשאָנגלירן מיט די ווערטער „בורזשוק", „פּראָלעטאַריער", „קלאַסנקאַמף", אַפילע ווען זיי דערקלערן זיך אין ליבע. אָט ווי, צום בײַשפּיל, מאָטל דערווײַזט קאָפּלען, אַז ביידן איז זיי נייטיק געמיינזאַם צו קעמפן פאַר ביילקעס האַנט:

„מיר דאַרפן מילכאָמע האַלטן, ברודער מײַנער. זײַ וויסן, אַז עס גייט א קריג צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. ווייסט, וואָס עס איז מיר געקומען אַפן געדאַנק? לאָמיר זיך פאַרייניקן! ווי זאָגט מען בא

אונדז: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!"

אָדער צווישן מאָטלען און ביילקען קומט פאָר, אַשטייגער, אַזאַ מין דיאַלאָג:

„מ אָ ט ל: אויב דער בילעט וועט געווינען, וועט עס זײַן דיר אַף נאַדן?

ב יי ל ק ע (שמייכלט): איז וואָס זשע האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? דיך פאַרדריסט עס...

מ אָ ט ל: כאָלילע... —— אויב ס'וועט געשען, וועט דאָך רעב שימען פּלוצעם ניסאָלע ווערן און וועט ווערן אַ בורזשוק.

ב יי ל ק ע: דו ווייסט נאָר איינס — בורזשוק!

מ אָ ט ל: וואָס בין איך שולדיק, אַז דו קלײַבסט זיך ניט פאַנאַנדער און פאַרשטייסט ניט, וואָס באַטײַט קלאַסנקאַמף..."

אַזעלכע מינע דיאַלאָגן קלינגען לעכערלעך און מאַכן דעם אײַנדרוק פון אַ מין פּאַראָדיע... זיי זײַנען פרעמד דעם גײַסט און דעם כאַראַקטער פון שאָלעם־אַליינכעמס קאָמעדיע. שאָלעם־אַליינכעם האָט זיך ניט געניייטיקט אין סאָציאַלער פּראָזעאָלאָגיע. די שאַרפע סאַטירישע שילדערונג פון די גווירים, דער פאָלקסטימלעכער געלעכטער לעגאַבע די אופגעקומענע אוישרים, די פאַרהערלעכונג פונעם אַמכאָ־מענטש, פונעם האָרעפּאַשנעם פאָלק ביכלאַל — דאָס אַלץ איז געווען גענוג, אַז די קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס" זאָל מיט רעכט זיך קוינע־שעם זײַן אַלס אַ ווערק, וואָס איז סאָציאַל פאַרשאַרפט און עכט דעמאָקראַטיש.

שאָלעם־אַליינכעמס „דאָס גרויסע געווינס" איז אַ שפּיל, וואָס שפּרודלט מיט הומאָר, מיט קאָמישער האַנדלונג, מיט שאַרפזיניקן דיאַלאָג, מיט פײַנעם וואָרט־מאַטעריאַל, מיט עכטער פאָלקסטימלעכקײַט, אַ „פאָלקס־שפּיל" (אַזוי האָט די פּיעסע אָנגערופן אַליין דער מעכאַבער), וואָס איז פולשטענדיק אויסגעהאַלטן אינעם נוסעך פון דער קלאַסישער קאָמעדיע.

ליידער, קאָן דאָס זעלבע ניט געזאָגט ווערן אין באַצוג צו בערקאָוויטשעס „אַמכאָ".

ניט ווייניקער פרײַ איז זיך י.־ד. בערקאָוויטש באַגאַנגען מיט שאָלעם־אַליינכעמס קאָמעדיע „די גאָלדגרעבער".

אין יידישן טעקסט הייבט זיך אָן די האַנדלונג פון לייווי מאַזגאָוואָיערס דערציילונג וועגן דעם, אַז דער גראַף האָט פאַרשפּילט זײַן גאַנץ פאַרמעגן אין קאָרטן, און ס'איז דאָ אַ געפאַר, אַז ער קלײַבט זיך פאַרקויפן דאָס שטעטל דער „קאַזנאַ". לייוויס צוהערער זײַנען די שטעטלדיקע אָרעמעלײַט, קרעמער און קרעמערקעס, וועלכע קוקן שוין דעם דריטן טאָג אַרויס אַף אַ קוינע. צווישן זיי טיילן זיך אויס דער „ליטוואַק" לאַקירדע, וואָס איז זיך אין אַלץ מעסופּעק און קומט שטענדיק אַרויס מיט זײַן „פונוואַנען איז דאָס געדרונגען?"; אַ ייד אַ לעמעשקע — די „באָרד", וואָס באַמקעט צו, ווען לייווי זאָגט עפּעס, אַ נעבעך־ייד „ניסל דערבאַרמיקער", וועלכער פאַרקערפּערט מיט זיך דעם גאַנצן דאַלעס און די הילפלאָזיקײַט פון דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט. עטלעכע ווײַבער, וואָס הערן זיך צו צום געשפּרעך, וואַרפן זיך איבער מיט ווערטער וועגן דער נויט און דאַכקעס, וואָס הערשט אַרום און אַרום.

אַזוי, מיט קנאַפּע, לאַקאָנישע מיטלען, ווי דער שטייגער בײַ שאָלעם־אַליינכעמען, ווערט איבערגעגעבן די אַטמאָספער, אין וועלכער ס'האָט געלעבט אַן אָפּגעשטאַנען, פּאַטריאַרכאַל שטעטל אין פּוילן אין די אַכציקער יאָרן.

אַף דעם דאָזיקן זאַפטיקן סאָציאַלן הינטערגרונט קומט אָרגאַניש און נאַטירלעך אַרויס לייווי מאָזגאָוואָיערס דערציילונג וועגן דעם כאָלעם זײַנעם, וועלכער ווערט פון די אַרומיקע אויסגעהערט מיט פאַרטײַעטן אָטעם. שאָלעם־אַליינכעם האָט דאָ מײַסטעריש פאַרקערפּערט דעם דורעסלאַנגן טרוים פון דער אָרעמשאַפט וועגן אַ בעסער לעבן, אירע נאַיווע האָפענונגען אַף אַ „נעס", אַף אַן „אוצער", וועלכע דאַרפן זי אַרויסראַטעווען פון נויט און פּײַן.

לייווי מאַזגאָוואָיער — דער הויפּט־העלד פון דער קאָמעדיע — איז געוויזן ווי אַ פּראָדוקט פון דער סוויווע, וואָס איז מיט הויט און פלייש אײַנגעוואַקסן אין איר מיסטיקן באָדן. דער דאָזיקער „שיינער ייד", וואָס האַלט זיך פאַר אַ „לאַנד־כאָכעם", איז אַן אומצערטײַסבאַרער טייל פון דער אָרעמשאַפט, פון דער קליינשטעטלדיקער מאַסע. אין אים זײַנען בולעט געקומען צום אויסדרוק סײַ איר אָפּגעשטאַנענקײַט און נאַיוּוקײַט, סײַ אירע טרוימען און כאַלוימעס. אין דעם דאָזיקן געשטאַלט האָט שאָלעם־אַליינכעם אַקצענטירט די דורעסדיקע צוגעבונדנקײַט פונעם קליינשטעטלדיקן טוישעוו צו די אַלטע טראַדיציעס און זיטן, די פאַר אים כאַראַקטעריסטישע אײַנגעשפּאַרטע קאָנסערוואַטיוּוקײַט פון געדאַנק און האַסאָגע.

לייווי מאַזגאָוואָיערס ווײַב באַסשעווע איז געשילדערט ווי אַ דערשלאָגענע פרוי, וועלכע פּילט זיך פאַרפליכטעט טרײַ אויסצופילן אַלע קאַפּריזן פון איר מאַן, אַפילע ווען זי ווייסט גוט, אַז זיי זײַנען ניט מער, ווי אַ „מעשוגאַס". אויך עסטער ווערט געמאָלט אַלס אַ געהאָרכזאַמע טאָכטער, וועלכע איז דערצויגן אין די שטרענגע טראַדיציאָנעלע פאַמיליען־נאָרמעס. דעם טאַטנס ווילן איז פאַר איר אַ באַפעל, קעגן וועלכן מע קען ניט שטרײַטן. די „גזיירע" צו ווערן אַ ווײַב פון אידל דעם כאַלפן, וועלכער איז אין צוויי מאָל עלטער פון איר, ווערט פון איר אופגעפאַסט ווי אַן אומפאַרמײַדלעכע זאַך, פון וועלכער מע קאָן זיך ראַטעווען נאָר דורך „נעמען זיך דאָס לעבן".

די פּאַטריאַרכאַלקײַט פונעם שטעטלדיקן לעבנשטייגער ווערט אונטערגעשטראָכן מיט דעם געשטאַלט פונעם ראָוו, אָן וועלכן ס'ווערט גאָרניט געטאָן און צו וועמעס אייצעס מע ווענדט זיך אין אַלע שווערע מאָמענטן אין לעבן.

שאָלעם־אַליינכעם באַווײַזט איבערצײַגנדיק, אַז טאַקע נאָר אין אַזאַ מין אַטמאָספער האָט געקענט געבאָרן ווערן דער כאָלעם וועגן „אוצער", וועלכער האָט באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ קאָשמאַרפולן פּסיכאָז, וואָס האָט באַהערשט דאָס גאַנצע שטעטל פון קליין ביז גרויס.

בערקאָוויטש האָט „מאָדערניזירט" דאָס שאָלעם־אַליינכעמישע שטעטל. ער האָט עס איבערגערוקט אין צײַט און רוים. אָנשטאָט אַ פּויליש שטעטל אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז בײַ אים אופגעקומען קאַסרילעווקע בעערעך אין אָנהייב פון

אונדזער יאָרהונדערט. דער איבערזעצער האָט אראָפּגענומען פון שאָלעם־אַלייכעמס העלדן זייער פּאַטריאַרכאַלן לעוווש, שוואַכער געמאַכט די פּאַטריאַרכאַלע נאַיִוקייַט, וואָס האָט געבילדעט דעם באָדן פאַר פּוסטע כאַלוימעס. בעמיילע האָט זיך די פאַרבלענדעניש מיטן אויצער באַקומען אין דער איבערזעצונג ווייניקער נאַטירלעך, ווי אין אָריגינאַל.

קוידעמקאָל האָט בערקאָוויטש באַזײַטיקט די קאָלאָריטע געשטאַלטן פון לאַקירדען, פון דער „באָרד", פון דעם דערבאַרעמדיקן אוקעדוימע און אָנשטאָט זיי אַרײַנגעפירט אין דער קאָמעדיע א ריי געשטאַלטן, וועלכע ער האָט אַנטליִען פון אַנדערע שאָלעם־אַלייכעמס ווערק: לייזער־וואָלף דעם קאַצעוו, שימען־עליע שמאַ קוליינו, שאָלעם דעם שאַדכן אאַ. אונדז איז שווער צו דערקלערן, צוליב וואָס איז דעם איבערזעצער נייטיק געווען אָנצוקומען צו אַזאַ מיט גאָרנישט ניט באַרעכטיקטער געשטאַלטן־דובלירונג.

אָף וויפל די געשעענישן זײַנען נעענטער צו אונדזער צײַט, האָט זיך דער איבערזעצער באַמיט צו פאַרשאַרפן די סאָציאַלע קאָליזיעס. די האַנדלונג הייבט זיך אָן פון א „בונט", עפּעס פון א מין „פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע" פון דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט. זי האָט זיך „פאַרבאַריקאַדירט" אין לייווי מאָזגאָוואָיערס הויז און וואַרט, ביז ער וועט אַרײַנקומען. זי איז געקומען פאָדערן א כיילעק אינעם אויצער, ווײַל זי איז אים כוישעד, אַז ער, צוזאַמען מיט דעם פּאָרעץ וואָלאַצלאַווסקין און דעם גאָראָדאָוואָי האָלאָוועשקע, קלײַבט זיך צעטייגענען דעם גאַנצן אויצער. א ביסל שפּעטער וועט דער זעלבער אוילעם „אַטאַקירן" אויך אידל דעם כאַלפן. מיט די סאָציאַלע „בונטן" פירט אָן לייזער־וואָלף דער קאַצעוו, וועלכער איז אַראָפּגעקומען פון די זײַטלעך פון „טעוויע דעם מילכיקן" און איז דאָ מעגולגל געוואָרן אין אַן „אַטאַמאַן פון די שנײַדער און קאַצאָוים", וואָס האָבן זיך אופגעהויבן אַלע ווי איינער אין קאַמף מיט די „זײַדענע ייִדעלעך", די „פעטע בײַכער".

צוגלײַך מיטן פאַרוואַנדלען לייווי מאָזגאָוואָיערן אין א גוויר, וואָס געפינט זיך אין קריגס־צושטאַנד מיט דעם גאַנצן שטעטל, זײַנען אין דער איבערזעצונג געענדערט געוואָרן אויך די געשטאַלטן פון באַסשעווע און עסטער.

בא בערקאָוויטשן איז באַסשעווע ווייניקער דערשלאָגן, ווי בא שאָלעם־אַלייכעמען. זי דערלויבט זיך ווידערשפעניקן דעם מאַן, קעגנשטעלן זיך זײַן ווילן. עסטער איז אין דער איבערזעצונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אופגעקלערט מיידל, וועלכע לאַכט זיך אויס פון די רעליגיִעזע פאָרורטיילן (צום בײַשפּיל, די געשריבענע טנאָיִם), זי נעמט זיך אַפילע צו זאָגן מוסער דעם אָפּגעשטאַנענעם אוילעם.

אויך בעני איז ניט דער זעלבער, וואָס אינעם אָריגינאַל. שאָלעם־אַלייכעם ריכטעט די איראָניע ניט אַזוי צו בענין, ווי צו אַמעריקע, וועלכע דער זעלבסטצופרידענער אָלרײַטניק בעני „פאַרטרעט" אין דער קאָמעדיע.

„ב ע נ י: בא אונדז איז דאָ א וואָרט „העלף יור זעלף".

מ אָ ז ג אָ וו אָ י ע ר: וואָס הייסט דאָס אָף אונדזער מענטשלעכן לאָשן?

ב ע נ י: דאָס הייסט, יעדער פאַר זיך; איטלעכער זאָל העלפן זיך אַליין.

מ אָ ז ג אָ וו אָ י ע ר (צעלאַכט זיך ברייט, צו באַסשעווען): וואָס זאָגסטו אָף דײַן פלעמעניק? א נײַס בא אים, געבראַכט אַזש פון אַמעריקע! (צו בענין.) נעם עפּן אויף דעם פּיירעק, וועסטו זען, וואָס אונדזערע כאַכאָמים האָבן געזאָגט: אם אין אני לי — ווען ניט איך פאַר מיר, מי לי — ווער זשע וועט פאַר מיר?"

אין העברעיִשן טעקסט לאָזט זיך די איראָניע ווייניקער פילן. פאַרקערט, ערטערווײַז הערן זיך געוויסע טענער פון אַפּאָלאָגעטיק.

בעני דערשײַנט אַלס דער „רײַכער פעטער" פון אַמעריקע, וועלכער דעמאָנסטרירט פאַר די קאַסרילעווקער קאַפּצאָנים די ניסים פונעם אַמעריקאַנער „גאַניידן". די דאָזיקע טענדענץ לאָזט זיך באַזונדערס דײַטלעך מערקן אינעם פינאַל פון דער איבערזעצונג, וועלכער שיידט זיך ראַדיקאַל אונטער פונעם אָריגינאַל.

דער פינאַל אין שאָלעם־אַלייכעמס „גאָלדגרעבער" איז אין טאָך א טרויעריקער. לאָמיר זיך דערמאָנען:

„...א י ד ל ט אָ ר ב ע: וואָסער אויצער? איר האָט שוין אַן אויצער? גייט זעט, וואָס אַפּן אַלטן בעסוילעם טוט זיך! באַלאַגערט פון אַלע פיר זײַטן!.. דער פּאָרעץ... דער גראַף איז געקומען צו פאָרן... אַפּאָנעם, געמאָסערט... א פּולער בעסוילעם מיט פּאָליאַקן... וואָלאַצלאַווסקי איז אויך דאָרטן... מע גראָבט... מע זוכט דעם אויצער!

(די יעדיִע מאַכט אָן א ראַש. דער גאַנצער אוילעם בלײַבט אַזוי ווי געליימט. קיינער קאָן זיך ניט רירן פון אָרט, קיינער קאָן קיין וואָרט ניט אויסריידן, אויסער איין לייווי מאָזגאָוואָיער, וואָס צינדט זיך אָן ווי א ליכט).

מ אָ ז ג אָ וו אָ י ע ר: ייִדן! האָב איך ניט געוווּסט, אַז דאָס וועט זײַן דער סאָף, זאָל איך ניט אַוועקגיין פון דעם אָרט! (צום ווײַב.) באַסשעווע... וואָס האָב איך דיר געזאָגט! אוי, מײַנע כאַלוימעס... רעבע, גיט עפּעס אָן אייצע — וואָס טוט מען? וווּהין גייט מען? וווּהין לויפט מען?

(די מאַנצבילן זיפצן, ווײַבער ברעכן די הענט און וויינען)".

די געפאַר, וואָס לויערט אָף דעם שטעטל, איז געוואָרן מאַמאָשעסדיקער, דער ווילקיר פון די פּריצים און גראַפן נאָך גרויזאַמער, די נויט און דאַכקעס זײַנען געוואָרן נאָך מער אומדערטרעגלעך, ווײַל ס'האָט געפּלאַצט אויך די לעצטע טרייסט, די האָפענונג אָף א נעס, דער כאָלעם פון אַן אויצער...

בא בערקאָוויטשן איז דער פינאַל געגעבן לויט דעם פּרינציפּ „סאָף גוט — אַלעס גוט". ער האָט דער פּיעסע געגעבן א גליקלעכע ענדע. דער אַמעריקאַנער „פילאַנטראָפּ" בעני שענקט דעם שטעטל א גרויסע סומע געלט, וועלכע דאַרף פאַרבײַטן דעם געטרוימטן אויצער. אַדאַנק זײַנער א טעלעגראַם צום גראַף ווערט באָטל די געפאַר פון אַראָפּטראָגן דעם בייסהאַקוואָרעס. דער „גרויסמוטיקער גראַף" שיקט אַרײַן אין שטעטל אַן ענטפער־דעפּעש פון פאָלגנדיקן אינהאַלט: „דאָס, וואָס עס האָבן מײַנע זיידעס געשענקט אײַערע זיידעס אַלס מאַטאָנע, וועל איך בא אײַך

צוריק ניט אוועקנעמען". טאקע גאָר ווי אין די מײַסעלעך וועגן די „גוטע גראפן". די קאסרילעווקער קאפּצאָנים, בעראָש מיט לייזער־וואָלפן, דריקן די האנט און דאנקען דעם אמעריקאנער באלטויווע פאר זײַן גרויסן גענאָד לעטויוועס דעם שטעטל. דער אוילעם זעצט זיך צום טיש, און מע מאכט א קויסע לעקאָוועד דער „דרײַענדיקער סימכע". לייווי מאָזגאָוויער האלט דערבײַ פּאָלגנדיקע פלאמיקע רעדע:

„טאקע בעעמעס א דרײַענדיקע סימכע איז דאָ בא אונדז! דען אויסער דעם, וואָס גאָט באָרוך־הו האָט צוגעשיקט מײַן טאָכטער איר באשערטן, און אויסער דעם, וואָס אונדזער בייס־האקוואָרעס איז באפרײַט געוואָרן פון פרעמדע הענט, איז דאָך אויך דער אויצער הײַנט אויסגעלייזט געוואָרן און געפינט זיך פון איצט אָן און אָף לעהאבע פולשטענדיק אין אונדזער רעשוס. וועלן מיר אים זוכן, וועלן מיר אָף אים האָפן... הא, בעני, בען זלאטע, וואָס מע רופט אים בענדזשאמען בען! דו שמייכלסט דאָרט אונטער פאר זיך, מײַן אמעריקאנער לאמעדוואָווניק? טאָ זײַ וויסן, אז איך לאָך פון דיר און פון דײַן אמעריקע אינגאנצן גענומען! און ווייסטו פארוואָס? ווײַל אונדזער גוירל איז בעסער פון אײַערן! איר האָט שוין דאָרטן געפונען אלץ, וואָס אײַער הארץ גלוסט, איר זײַט שוין זאט ביזן האלדז פון די פילע אויצרעס אײַערע. אונדז אָבער דאָ שטייט נאָך פאָר צו זוכן אונדזער אויצער, אונדזערע אויגן ציִען זיך נאָך גיריק צו אים, און געלויבט איז, בעני, דער, וואָס ווארט, געלויבט איז דער, וואָס האָפט און לעבט מיט דעם גלויבן זײַנעם..."

ס'איז קיין צווייפל ניט, אז דער צוגעטראכטער אָפּטימיסטישער פינאל האָט ראדיקאל געביטן די עצעם טענדענץ פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק.

דער איבערזעצונג פעלט די כאראקטעריסטישע פאר שאָלעם־אלייכעמס קאָמעדיע דינאמישקײַט. די אקטן זײַנען דאָ לאנג און צעצויגן. די דיִאלאָגן האָבן זיך שטארק צעוואקסן און דרייען זיך אָפּט ארום פּוסטע איניאָנים, וואָס האָבן ניט קיין דירעקטע שײַכעס צו דער האנדלונג. עס זײַנען צוגעקומען געשטאלטן, וועלכע זײַנען, פּאָשעט גערעדט, איבעריק, זיי טראָגן ניט קיין שום אָנלאָדונג. צום בײַשפּיל, שימען־עליע שמא־קוילײנו, וואָס דערעסט אלעמען מיט זײַנע געשיכטעס וועגן די פון אים אײַנגעהאנדלטע ציגן, געשיכטעס, וואָס זײַנען געווען אפן אָרט אינעם „פארקישעפטן שנײַדער", נאָר דאָ זײַנען זיי, ווי מע זאָגט אין רוסיש, „ני ק סעלו, ני ק גאָראָדו". אזא איז שאָלעם שאדכן, וואָס איז אהער צוליב אומבאקאנטע טײַמים ארײַגעבראכט געוואָרן פון שאָלעם־אלייכעמס איינאקטער „דער געט". אויב דער איבערזעצער האָט אים מאטריִעך געווען נאָר צוליב דעם, אז ער זאָל אלס דריטער אָנטיילנעמען אין דער אקציע אפן בעסוילעם, וועלכע בעני האָט צוגעטראכט, קעדיי „אויסצוקורירן די שטאָט פון דער קרענק", וואָס הייסט „אויצער", האָט זיך עס ניט געלוינט. אינעם אָריגינאל פילן די דאָזיקע אָפּעראַציע גלענצנד אויס בעני און האָלאָוועשקע — אָן אים, זאלבעצווייט...

ענלעכע גילגולים האָבן דורכגעמאכט אויך אנדערע שאָלעם־אלייכעמס דראמען. צום בײַשפּיל: „טעוויע דער מילכיקער"[1], „שווער צו זײַן א ייִד"[2]. ביידע דראמען זײַנען עטלעכע מאָל איבערגעארבעט געוואָרן, פריִער אין ייִדיש, נאָכדעם אין העברעיִש. ס'האָט ניט קיין זין זיך גענויער אָפּ זיי אָפּשטעלן — דאָס אלגעמיינע בילד איז דאָס זעלבע.

באקומענדיק פון שאָלעם־אלייכעמען דאָס רעכט זיך פרײַ צו באגיין מיט זײַנע ווערק באם איבערזעצן זיי, האָט בערקאָוויטש, נאטירלעך, זיך געקאָנט דערלויבן האנדלען אזוי, ווי עס האָבן אים אונטערגעזאָגט זײַן כוש און געשמאק. עס דארף אויך גענומען ווערן אין אכט, אז באם איבערארבעטן די דראמען האָט ער געהאט א גוטע קאוואָנע: אים האָט זיך געדאכט, אז אין דער פאָרם, וועלכע ער האָט זיי אין דער איבערזעצונג צוגעגעבן, זײַנען זיי מער סצעניש אָדער אנטשפּרעכן מער די פאָדערונגען פונעם טעאטער. באקומען האָט זיך, ליידער, אזוי, אז אין די געגעבענע פאלן האָבן די „באארבעטונגען" אָנגענומען אזא פארנעם און כאראקטער, אז די איבערזעצטע דראמען האָבן פאקטיש אופגעהערט צו זײַן שאָלעם־אלייכעמס. ווען זיי וואָלטן געמאכט געוואָרן באם לעבן פון זייער פארפאסער און ער וואָלט געהאט די מעגלעכקײַט מיט זיי זיך צו באקענען, איז א גרויסער סאָפעק, צי ער וואָלט געהאלטן פאר מעגלעך זיי צו באטראכטן אלס זײַנע ווערק.

דעריבער, ווי אונדז שײַנט, איז פּראָבלעמאטיש דאָס עצעם אײַנשליסן זיי אין אן אויסגאבע פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק, איבערזעצט אין העברעיִש. אויב שוין יאָ אײַנשליסן, איז, ווי אונדז דאכט, פיל צוועקמעסיקער, ווען זיי וואָלטן געגעבן געוואָרן אלס אייגנארטיקע וואריִאנטן און באארבעטונגען פון שאָלעם־אלייכעמס דראמען, פאראלעל מיט אדעקוואטע איבערזעצונגען, אין וועלכע ס'איז פולשטענדיק אָפּגעהיט דער גײַסט פונעם אָריגינאל.

ווײַל אין קעגנפאל באקומט דער העברעיִשער לייענער, וועלכער קען ניט קיין ייִדיש און האָט ניט די מעגלעכקײַט זיך צו באקענען מיט דעם ייִדישן אָריגינאל, א גאנץ קנאפּע און אין טאָך א פאלשע פאָרשטעלונג וועגן שאָלעם־אלייכעמען דעם דראמאטורג.

און דאָס איז שוין א באשטימטער כילעל־האשעם לעגאבע אונדזער גרויסן פאָלקס־שרײַבער.

---

[1] די דראמע „טעוויע דער מילכיקער" איז שאָלעם־אלייכעמס אן אינסצענירונג פון די קאפּיטלען „כאווע" און „לעך־לעכאָ".

[2] „שווער צו זײַן א ייִד" איז אן אינסצענירונג פונעם ראָמאן „דער בלוטיקער שפּאס", וועלכע שאָלעם־אלייכעם האָט געמאכט צוזאמען מיט י.־ד. בערקאָוויטשן.

אונדזערע מיטײלונגען

וועגן איינעם א בריוו

ארבעטנדיק בעשײַטע אַף נאָכעם אויסלענדערס ארכיוו, האָב איך געפונען א בריוו אָן א סאָף און אָן א כסימע, דאטירט מיט דעם 1912 יאָר.

לויט דער האנטשריפט האָב איך ניט געקאָנט פעסטשטעלן, ווער עס איז דער אווטאָר פונעם דאָזיקן בריוו, און האָב ניט געקאָנט אים רעגיסטרירן אין די ארכיוו־מאטעריאַלן.

עס האָט זיך מיר אָבער אויסגעוויזן, אז דער אווטאָר איז דאָוויד האָפשטיין. האָב איך אָפּגעשיקט דעם בריוו צו דאָוויד האָפשטיינס שוועסטער, דער דיכטערן שיפרע כאָלאָדענקאָ, זי זאָל פעסטשטעלן, צי איז דאָס טאקע האָפשטיינס האנטשריפט. די דיכטערן האָט געגעבן א נעגאטיוון ענטפער.

אזויווי מיר דוכט, אז דער דאָזיקער בריוו איז א ביסל פאָרגעשיכטע פון דער „קיִעווער גרופּע״ פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, דערלויב איך זיך אים פארעפנטלעכן.

1912„

טײַערער ניוקע![1] דײַן קארטל האָב איך, פארשטייט זיך, דערהאלטן און ענטפער דיר ערשט איצט. פריִער האָט זיך עפּעס ניט געשריבן, און ס'איז טאקע ניט געווען וואָס צו שרײַבן. איצט וועל איך דיך פריִער פאר אלץ בעטן, אז דו זאָלסט צושיקן דײַן „פּראָזא״, זי אינטערעסירט מיך עפּשער אזוי, ווי דיך. הײַנט דארף איך דיר איבערגעבן א גאנצן פלאן, וואָס איז דאָ בא אונדז געבוירן געוואָרן. דו געדענקסט דעם פּאָדאָלער „פריקאזשטשיק״ ארקע[2], דעם, וואָס האָט אָנגעשריבן די ליד וועגן דער קאראקולנער קאָפּטע? געוויס געדענקסטו אים. ער איז בא מיר געווען א פּאָר מאָל און האָט מיר איבערגעלייענט עטלעכע זײַנע נײַע שירים. זאָג איך דיר, האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע שירים — מעכײַעדיקע! אייניקע וועל איך דיר ארײַנלייגן אין דעם בריוו, נאָר צום באדויערן, זײַנען די בעסטע, א ציקל לידער „פון מײַן שטעטל״, ניטאָ בא מיר. האָט ער פאָרגעלייגט, אז מיר זאָלן צונויפשטעלן און ארויסגעבן אפן אייגענעם כעזשבן א זאמלבוך, ווו ס'זאָלן ארײַן דײַנע, אָשערס[3], זײַנע און אליק ציִאנאָווסקיס שירים, און אויב ס'וועט זײַן מעגלעך, קריגן עפּעס פּראָזאיִשעס. ער אליין האָט



א פלאן פון א דערציילונג, און עפּשער דײַן דערציילונג, אויב זיי וועלן טויגן, פארשטייט זיך. דערעכאגעוו דארף איך באמערקן, אז בא ציִאנאָווסקין זײַנען אויך דאָ גוטע שירים, לויט מײַן מיינונג, פארשטייט זיך. און אים געפעלט אויך דער פּלאן. איז די מעניִע אין געלט, אין אָשערן און אין דיר. איך רעכן, אז אָשער און דו, וועט איר אײַנשטימען. נאָר אינגאנצן די זאך איז, ווי ס'ווײַזט אויס, אין געלט. האָט מען באקלערט, אז ארויסגעבן א זאמלונג פון אן ערעך 50 בלעטלעך אין אן ערעך 200 (300? — א. פּ.) עקזעמפּליארן דארף קאָסטן אן ערעך 40־50 רובל. איך שרײַב אן ערעך, ווײַל מיר ווייסן ניט גענוי, מיט קיין טיפּאָגראפיעס האָבן מיר ניט גערעדט, נאָר אזוי וועט דאָס זײַן. איז ווו זשע קריגט מען דאָס אזויפיל געלט? נאָר, דו פארשטייסט, איין זאך מאכט א ביסל גרינגער — דאָס, וואָס אז מע קוקט זיך ארום, זעט מען, אז ס'איז ניט אזויפיל געלט. מיר רעכענען, נעמענדיק אין אכט דאָס, וואָס אָשער איז אין מאטעריעלן זין אומבאהאָלפן, און יענע צוויי זײַנען, א דאנקען גאָט, אויך ניט קיין גרויסע נעגידים, און דו ביסט בא אונדז דער איינציקער גוויר אין דער מישפּאָכע, כאָטש אז אָך און ווײ דײַן גווירעשאפט, אז דו זאָלסט געבן אף דער אונטערנעמונג 25 רובל. אפן איבעריקן וואָלטן זיי זיך שוין צוגעמוטשעט. איך פארשטיי, אז פאר דיר איז דאָס גאנץ שווער, אָבער פונדעסטוועגן, רעכן איך, גרינגער, ווי פאר זיי. און נעמענדיק אין אכט, אז אזא אונטערנעמונג איז זייער ווינטשנד, וואָלסטו זיך געדארפט א סטארע טאָן. און איך רעכן, אז די דאָזיקע אונטערנעמונג איז זייער ווינטשנד.

[1] אזוי האָבן נאָענטע כאווײרים גערופן נאָכעם אויסלענדערן.

[2] פּאָדאָלער „פריקאזשטשיק״ ארקע — געמיינט דעם דיכטער ארן קושניראָוו.

[3] אָשער — דער דיכטער אָשער שווארצמאן.

איר אלע פיר זײַנט, נאָך מײַן מיינונג, ווערט, אז מ׳זאָל אײַך דרוקן. און אפילע ניט נאָר ווערט, נאָר מע דארף אײַך טאקע דרוקן, און אויב איר ווילט זיך ניט אָנהייבן ארומשלעפן איבער...״

מיט דעם ענדיקט זיך דער פאַרהיטער טייל פונעם בריוו.

נאָכעם אויסלענדער האָט אין 1911 יאָר פאַרענדיקט א קיִעווער גימנאזיע און איז אוועקגעפאָרן קייִן אויסלאנד שטודירן די אייראָפּעיִשע ליטעראטור און קולטור.

דעם בריוו האָט דער אווטאָר געשיקט קיין אויסלאנד. האגאם נאָכעם אויסלענדערס פאָטער, יעשוע, איז געווען א פארמעגלעכער מענטש, א וואלדסויכער, אָבער 25 רובל איז טאקע געווען פאר נאָכעמען א גרויסע סומע.

אין 4־טן נומער „סאָוועטיש היימלאנד״ פארן 1962 יאָר איז אָפּגעדרוקט ארן קושניראָווס א ציקל לידער. אין איר קורצער פאָרעדע שרײַבט די רעדאקציע: „מיר ברענגען דאָ אייניקע מוסטערן פון קושניראָווס פּריִע, ניט פארעפנטלעכטע לידער״. אין דעם ציקל גייען ארײַן די לידער: „יוגנט״, „פון מײַן שטעטל״, „א פּאָרפאָלק״, „נאָך דער שלאכט״. די לידער זײַנען דאטירט „1909 — 1912״. ווײַזט אויס, אז וועגן זיי טאקע גייט די רייד אינעם בריוו.

דעם „אונטערנעמער״, דעם „פארלעגער״, דעם אווטאָר פונעם בריוו האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו שאפן „אזא גרויסע סומע געלט 40 — 50 רובל״, און די לידער־זאמלונג איז ניט דערשינען. דאָס ווייסן מיר פון די ביבליִאָגראפישע יעדיִעס פון יענער צײַט.

ווער זשע פאָרט איז דער אווטאָר פונעם בריוו? עפשער דערלאָזן, אז דאָס איז נאכמען מײַזיל? דאָס האָט ער דאָך געהאָלפן דאָוויד בערגעלסאָנען ארויסגעבן זײַן ערשטן בוך „ארום וואָקזאל״ (ווארשע, פארלאג „פּראָגרעס״, 1909). דער קיִעווער „קונסט־פארלאג״, וועלכער האָט אין יענע יאָרן עקזיסטירט, איז פאקטיש געווען נאכמען מײַזילס אופּטו (אף די הילעס פון די דערשינענע אין „קונסט־פארלאג״ ביכער פון דער סעריע „קליינע ביבליִאָטעק״ איז אָנגעוויזן אין רוסיש: „קיִעוו, קליין־בלאגאָוועשטשענסקאיא, נומ. 36. נ. מײַזיליו״ און אין יִידיש: „הויפּטפארקויף אין „ווילנער פארלאג״ פון ב. א. קלעצקין״).

בא אים, בא נאכמען מײַזילן אין שטוב, פלעגן זיך צוזאמענקומען די אָנטיילנעמער פון דער „קיִעווער גרופּע״, קעדיי צו לייענען זייערע ווערק און באַהאנדלען די פארלעגערישע מעגלעכקײַטן.

איז עפשער דער אווטאָר פונעם בריוו טאקע נאכמען מײַזיל?

אבע פינקעלשטיין

כראָניק

נײַס פון אויסלאנד

געווידמעט יאנוש קאָרטשאקן

אין דער שטאָט העסען (דײַטשישע פעדעראלע רעפובליק) איז פאָרגעקומען א סימפּאָזיִום, געווידמעט דעם גרויסן פּעדאגאָג און שרײַבער־הומאניסט דר. יאנוש קאָרטשאק.

אינעם סימפּאָזיִום האָבן זיך באטייליקט געלערנטע פון רוים, מײַרעוו־בערלין, העסען, פראנקפורט־אם־מײַן, פאָרשטייער פון דער פוילישער פאָלקס־רעפובליק, צווישן זיי דער וויצע־פאָרזיצער פון דער געזעלשאפט „פרײַנט פון קינד״ דער דירעקטאָר פונעם קינדערהויז אפן נאָמען פון יאנוש קאָרטשאק, געוועזענע מיטארבעטער מיט י. קאָרטשאקן, פּראָפעסאָרן פונעם ווארשעווער אוניווערסיטעט.

די אָנטיילנעמער פון דעם סימפּאָזיִום האָבן זיך געווענדט צו דער שטאָט־פארוואלטונג פון העסען מיט א פאָרשלאָג אָנצורופן די נײַע שול אין דער שטאָט אפן נאָמען פון יאנוש קאָרטשאק.

יִידישע דיכטער אין ענגליש

„10 שפּעטערדיקע״ — אזוי הייסט די אנטאָלאָגישע זאמלונג פון יִידישער ליריק, צונויפגעשטעלט פון מ. יאָפּע. אין דער זאמלונג גייען ארײַן ווערק פון איציק מאנגער, ה. לייוויק, א. צייטלין און אנד.

אן אויסשטעלונג פון סוטינס שאפונגען

אין פּאריזש, אינעם מוזיי „ארט מאָדערן״, איז אויסגעשטעלט געווארן אן עקספּאָזיציע פון כאִים סוטינס ווערק.

אין דער זעלבער צײַט איז אין רוים פאָרגעקומען אן אאוקציִאָן פון דעם קינסטלערס בילדער.

■ ■ ■

מיר ענטפערן אויף פראַגעס פון אונזערע לייענער

פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּעס אין ייִסראָעל

די לייענער וואָלטן אײַך געווען זייער דאנקבאר, ווען איר דערציילט ברייטער וועגן די וויכטיקסטע פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּעס, וועלכע זײַנען הײַנט־צו־טאָג טעטיק אין ייִסראָעל.

כ. רינגעלבלום (לענינגראַד)

די פירנדיקע פּאַרטיי פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע הייסט ארבעטס־פארטיי פון ייִסראָעל (מאַי). זי איז אופגעקומען אין 1968 נאָך דער פאראייניקונג פון די דרײַ ציִעניסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען — מאפּאַי (ארבעטער־פּאַרטיי פון ייִסראָעל), „אַכדוט האַאַוואָדאַ" („ארבעטער־איינִיקייט") און ראַפי („ארבעטער־רעשימע פון ייִסראָעל"). די אָנגערופענע דרײַ פּאַרטייען זײַנען אויך נאָך דער פאראייניקונג פארבליבן, ווי פריִער, שטאַנדהאַפטיקע פּאָליטישע גרופּירונגען. דער אופקום פון דער פּאַרטיי מאַי האָט באַטײַט, ערשטנס, אַז עס זײַנען פעסטער געוואָרן די פּאָזיציעס פון דער עקסטרעמיסטישער פּאַרטיי ראַפי (די פּאַרטיי ראַפי איז ענג פארבונדן מיטן גענעראַל־שטאַב און מיט די געהיים־אַמטן); צווייטנס, אַז עס איז שטאַרקער געוואָרן דער רעכטער פליגל פון מאַפּאַי; דריטנס, אַז „אַכדוט האַאַוואָדאַ" איז פּולשטענדיק אַריבער אויף רעאַקציאָנערע פּאָזיציעס.

די לידערס פון מאַי טרעטן אַרויס מיט בייזע רעדעס קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און קעגן די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, קעגן דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די פּאָליטיק פון אָט דער סאָציאַל־שאָוויניסטישער פּאַרטיי ווערט פּאַקטיש געפירט אין די אינטערעסן פונעם ציִעניזם און אימפּעריאַליזם, אין די אינטערעסן פון דער ייִסראָעל־בורזשואַזיע און פון די אויסלענדישע (קוידעמקאָל אַמעריקאַנישע) מאָנאָפּאָליעס.

די בורזשואַזע פּרעסע שרײַבט, אַז אין מאַי קומט קלוימערשט פאָר אַ שטענדיקער קאַמף צווישן צוויי גרופּירונגען — צווישן די „טויבן" און „שפּאַרבערס". דאָס איז אָבער אַ „קאַמף" פאַר דער עפנטלעכקײַט.

די פּאַרטיי מאַי נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דערבײַ שטייט זי שטענדיק אויפן רעכטן פלאַנג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די צאָל מיטגלידער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי באַטרעפט בערך 300 טויזנט. צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי מאַפּאַם (זיי זײַנען ביידע פאראייניקט אין אַ בלאָק) האָט זי 56 מאַנדאַטן אין דער קנעסעט, בײַ די אַלגעמיינע צאָל מאַנדאַטן באַטרעפט 120. אין די הענט פון מאַי געפינט זיך די אָנפירונג פון 16 מיניסטעריומס.

זינט 1933 פאַרנעמט מאַי (מאַפּאַי) די פירנדיקע לאַגע אין די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון פּאַלעסטינע, און זינט 1939 שפּילט זי אַ גרויסע ראָליע אין דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. די לידערס פון דער פּאַרטיי זײַנען דער פּרעמיער־מיניסטער ג. מעיִר, די מיניסטאָרן פּ. סאַפּיר, מ. דאַיאַן, אי. אַלאָן, אי. גאַלילי; גענעראַל־סעקרעטאַר פון מאַי איז א. יאַדלין.

די פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי (מאַפּאַם) איז געשאַפן אין 1948. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אויסבילדונג פון דער מדינה האָט מאַפּאַם אָנטייל־גענומען אינעם קאַמף פאַר שאָלעם, זי איז אַרויס־געטראָטן מיט אַ ריי דעמאָקראַטישע פאָדערונגען (פאַר דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, פאַר אָפּזאָגן זיך פון דער פּאָליטיק צו אונטעראָרדענען די אינטערעסן פון דער מדינה צו די מאָנאָפּאָליעס פון פּשאַ, פאַר נאָרמאַליזירן די באַציִונגען מיט די אַראַבישע מעלוכעס), זי האָט פּראָטעסטירט קעגן די פּאָליציײַשע רעפּרעסיעס אין לאַנד. אין יענע יאָרן פלעגט מאַפּאַם צוזאָמען שטימען אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און אין קנעסעט צוזאַמען מיט דער קאָמפּאַרטיי, אָבער זי האָט אויך דעמאָלט אָפּגעזאָגט זיך צו שאַפן אַן אייניקײַטלעכן פראָנט מיט די קאָמוניסטן.

נאָכן 1955, ווען זי האָט פאַרנומען אירע בענקלעך אין מיניסטאָרן־קאַבינעט, וואָס בעראָש פון אים איז געשטאַנען די פּאַרטיי מאַפּאַי, האָט מאַפּאַם, לאָזנדיק אין גאַנג דעמאַגאָגישע פראַזעס און טאַקטישע מאַנעוורען, געפירט אַ פּשאָרעמאַכערישע, אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק. אין 1956 האָט מאַפּאַם געגעבן איר הסכּמה דער אַגרעסיע קעגן עגיפּטן. אויך אויף איר פאַלט די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער מילכאָמע פון 1967 און פאַר דער גאַנצער ווײַטערדיקער אַגרעסיווער, שאָוויניסטישער און אַנטיפאָלקישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. אַרײַנגעטראָטן אין מאַרט 1968 אין אַ בלאָק מיט דער פּאַרטיי מאַי, איז מאַפּאַם אין טאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוגאָב צו דער דאָזיקער פּאַרטיי.

אין פּראַט פון אַנטיסאָוועטיזם און אַנטיקאָמוניזם שיידט זיך מאַפּאַם לאַכלוטן ניט אונטער פון די איבעריקע ציִעניסטישע פּאַרטייען. מאַפּאַם איז הײַנט קימאַט די רעאַקציאָנערסטע פּאַרטיי צווישן די לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט. מאַפּאַם ציילט אין אירע רייען אַרום 38 טויזנט מיטגלידער. אין קנעסעט האָט זי 7 מאַנדאַטן, אין מיניסטאָרן־קאַבינעט — 2 מיניסטאָרן. אירע לידערס זײַנען מ. יאַארי און יאַ. כאַזאַן.

די עקסטרעם־שאָוויניסטישע פּאַרטיי כערוט („פרײַהײַט־באַוועגונג") איז אופגעקומען אין 1948. זי האָט זיך אויסגעבילדעט אַף דער באַזע פון דער „רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי" פון וו. זשאַבאָטינסקי, פון די עקסטרעם־טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען געווען טעטיק אין פּאַלעסטינע אין די דרײַסיקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט. כערוט איז פאַר דעם, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן א „גרויס־ייִסראָעל", וואָס זאָל זיך ציִען פונעם טײַך נילוס ביזן טײַך יעפראַט, זי פאָדערט, אַז בענעגייע די אַראַבישע מעלוכעס און דער פּאַלעסטינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג זאָל געפירט ווערן נאָר א „פּאָליטיק פון קראַפט", זי קריטיקירט די רעגירונג פון ג. מעיִר פאַר „ווייכקײַט" און „מילדקײַט".

אין דער אינערן־פּאָליטיק פירט כערוט א קאַמף קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, זי פאָדערט, מע זאָל פולשטענדיק פאַרבאָטן שטרײַקן. די פּאַרטיי ציילט בערערך 54 טויזנט מיטגלידער. אירע לידערס זײַנען מ. בעגין און ע. ווייצמאַן.

די פּאַרטיי פון דער גרויס־בורזשואַזיע אין ייִסראָעל איז די ליבעראַלע פּאַרטיי, וואָס איז אויסגעבילדעט געוואָרן פון די פּאַרטייען „אַלגעמיינע ציִעניסטן" און „פּראָגרעסיווע פּאַרטיי". זי איז אופגעקומען אין 1961 און איז פיל מאָל אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער רעגירונג, נאָר צײַטנווײַז פלעגט זי צוליב איי־ניקע כלוקעדייעס געפינען זיך אין אָפּאָזיציע (פון רעכטס). זי פאַרייניקט אַרום 40 טויזנט מיטגלידער. דער פּאָרזיצער פון איר אויספירקאָם איז יע. רימאַלט.

אין 1965 האָט די ליבעראַלע פּאַרטיי צוזאַמען מיט כערוט געבילדעט א בלאָק, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען גאַכאַל. דער דאָזיקער בלאָק שטייט אַף די סאַמע רעכטע פּאָזיציעס. אים געהערן 26 מאַנדאַטן אין דער קנעסעט. אין 1967 — 1970 האָט גאַכאַל זיך געפונען אין דער רעגירונג, ער איז אָבער אַרויס פון איר צוליב דער „צו לינדער" רעגירונגס־פּאָליטיק, וועלכע „אַנטשפּרעכט ניט די נאַציִאָנאַלע אינטערעסן". די לעצטע צײַט זײַנען צווישן כערוט און דער ליבעראַלער פּאַרטיי אופגעקומען רײַבונגען וועגן אייניקע אינערלעך־פּאָליטישע פראַגן.

אין 1965 האָט פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי זיך אָפּגעשפּאָלטן דער מער מעסיקער פליגל און האָט געבילדעט די פּאַרטיי פון אומאָפּהענגיקע ליבעראַלן. די דאָזיקע פּאַרטיי פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער גרויס־בורזשואַזיע. זי האָט זיך געפונען אין באַשטאַנד פון דער רעגירונג, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע פון 1967, איצט איז זי איינע פון די פּאַרטייען פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע. די פּאַרטיי האָט איין מיניסטער און 4 ערטער אין קנעסעט. איר לידער איז פּ. ראָזען.

אינעם סאַמע רעכטן פלאַנג פון די פּאָליטישע גרופּעס אין ייִסראָעל (עס רעדט זיך וועגן יענע גרופּעס, וועלכע זײַנען פאַרטראָטן אין דער קנעסעט) געפינט זיך די „מעלוכע־רעשימע" (3 מאַנדאַטן) און דער „פרײַער צענטער" (2 מאַנדאַטן).

א גאָר גרויסע ראָליע אינעם גאַנצן לעבן פון ייִסראָעל שפּילן די רעליגיִעזע ייִדישע פּאַרטייען. די סאַמע אײַנפלוסרײַכע צווישן זיי איז די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי, וואָס איז אויסגעבילדעט געוואָרן אין 1956.

די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי האַלט זיך באַ די פּרינציפּן פונעם „רעליגיִעזן ציִעניזם". זי פאָדערט, אַז ייִסראָעל זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין א דורכויס קלעריקאַלער מעלוכע. אַרײַנגייענדיק אין באַשטאַנד פון דער רעגירונג, בילדעט זי שטענדיק דעם רעכטן פליגל. די נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע פּאַרטיי פאָדערט אַקטיוו צו פאַרברייטערן די טעריטאָריע פון ייִסראָעל ביז די „היסטאָרישע גרענעצן". אין דער איצטיקער רעגירונג געפינען זיך אין די הענט פון דער נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזער פּאַרטיי דרײַ מיניסטעריִומס, אין קנעסעט פאַרמאָגט זי 12 דעפּוטאַטן. פּאָרזיצער פונעם אויספירקאָם פון דער פּאַרטיי איז י. ראַפאַעל.

די אולטראַ־אָרטאָדאָקסאַלע פּאַרטייען פּאָאַלע אַגודאַט ייִסראָעל (אַרבעטער־אַסאָציִאַציע פון ייִסראָעל, אופגעקומען אין 1924, האָט אין קנעסעט 2 מאַנדאַטן) און פּאָאַלע ייִסראָעל (אַסאָציִאַציע פון ייִסראָעל, עקזיסטירט פון 1912, האָט אין קנעסעט 4 מאַנדאַטן) האַלטן זיך באַ נאָך מער רעאַקציִאָנערע אָנשויונגען, זיי פאָדערן צו פאַרוואַנדלען ייִסראָעל אין א טעאָקראַטישער מעלוכע. אונטערהאַלטנדיק, אין גרונט, די רעגירונג, קריטיקירן זיי זי אָפּט פון רעכטס.

בעראָש פונעם קאַמף פון די פּראָגרעסיווע, עכט פּאַטריִאָטישע קרעפטן פון דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט, בעראָש פון די קעמפער פאַר א פרידלעכער און דעמאָקראַטישער אַלטערנאַטיוו פונעם לאַנד שטייט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1919.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל טרעט אַרויס אַנטשיידן און קאָנסעקווענט פאַר א פרידלעכער אײַנרעגולירונג פונעם קריזיס אַפן נאָענטן מיזרעך, פאַר אויספילן פולשטענדיק די רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַט־ראַט פון 22 נאָיאַבער 1967, פאַר פרײַנטשאַפט און מיטאַרבעט צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע לענדער, קעגן דער אַנטינאַציִאָנאַלער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן.

די קאָמוניסטן פון ייִסראָעל קעמפן פאַר דעמאָקראַטיזירן דאָס מעלוכישע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן פונעם לאַנד, פאַר אָפּהיטן די רעכט און אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די אַנדערע אַרבעטנדיקע, פאַר גלײַכע רעכט צווישן דער אַראַבישער און ייִדישער באַפעלקערונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל ווערט ניט מיד צו דעמאַסקירן די אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם.

פונעם XVI צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל (1969) ביזן XVII צוזאַמענפאָר (יון 1972) זײַנען די רייען פון דער פּאַרטיי אויסגעוואַקסן אַף 24 פּראָצ. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל האָט דרײַ מאַנדאַטן אין קנעסעט. איר גענעראַל־סעקרעטאַר איז מייער ווילנער.

ל. דאַדיִאַני

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

א שמועס מיט מאָרדכע אווי־שאולן צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג

מיט מאָרדכע אווי־שאולן האָב איך זיך צוערשט באַקאַנט מיט 15 יאָר צוריק. איך האָב אים באַזוכט אין זײַן שטוב אין שײַכעס מיט אײנעם אַן אופטראָג פאַר דער צײַטונג. איך געדענק ניט גענוי פאַרוואָס, נאָר אונדזער געשפּרעך האָט זיך געוויקלט ארום דעם מעקסיקאַנער מאָלער סיקייראָס, וועלכער האָט דאַן געשמאַכט אין דער טפיסע אין זײַן לאַנד. טאָקע דאַן האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער קינסטלער און דער מענטש מאָרדכע אווי־שאול.

ער האָט מיר דערציילט וועגן די אינטערנאַציאָנאַלע באַמיִונגען לעטויוועס דער באַפרײַונג פון סיקייראָסן און וועגן זײַנע, אווי־שאולס, פּרוּוון צו אָרגאַניזירן אויך אין ייִסראָעל א פּראָטעסט־באַוועגונג. אין דער זעלבער וואָך האָט געזאָלט אין טעל־אוויוו פאָרקומען א קאָנפערענץ פון קונסט־פאָרשער, און ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל באַקאַנען די דעלעגאַטן פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ מיט דער פּעטיציע אינעם איניען סיקייראָס און אויך דורכפירן אונטערהאַנדלונגען מיט א ריי אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, עס זאָל צו איר שלוס אָנגענומען ווערן א רעזאָליוציע, וועלכע רופט צו באַפרײַען דעם מעקסיקאַנער קינסטלער. מאָרדכע אווי־שאול האָט ניט געקאַרגט קיין מי צו דערגרייכן דעם ציל.

אזוי קריסטאַליזירט זיך אויס דאָס געשטאַלט פון מאָרדכע אווי־שאול, דעם מענטשן און דעם קינסטלער, וואָס קען ניט זײַן גלײַכגילטיק צו אוועלכער־ניט־איז אוולע, און ניט געקוקט אָף דעם, וואָס ער איז שוואַך אין געזונט, איז ער שטענדיק גרייט צו לאָזן הערן זײַן שטים קעגן יעטווידער אוולע, לעטויוועס יעדן גוטן אופטו. מאָרדכע אווי־שאולס קונסט און זײַן גלויבן, זײַן מענטשלעכקײַט און זײַן מאָראַל שטראַלן אויס ענערגיע, טעמפּעראַמענט און יוגנט.

מאָרדכע אווי־שאול נעמט אויף ניט גערן דעם ווילן פון זײַנע פרײַנט, שילער און פאַרערער אָפּצומערקן זײַן 75־טן יויוול, וואָס איז אונדזער אַלעמענס יאָמטעוו. איך האָב, קען מען זאָגן, מיט גוואַלד זיך דערשלאָגן זײַן האַסקאָמע אָף א שמועס מיט מיר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער דאַטע. איך בין געקומען צו אים פּונקט אין יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט, א צופרידענער און גליקלעכער, ארויסגעקוקט אָף דעם צוריקער פון זײַן פרוי לייע פון שפּיטאָל. מאָרדכע אווי־שאול האָט אָנגעהויבן:

— איר רופט בא מיר ארויס פאַרוווּנדערונג. איר ווילט מיר פאַרשאַפן א נאַכעסרועך — ניט עמעס? אָבער דאָס, וואָס איך טו איצט, טו איך ניט גערן.

וואָס אזוינס איז געשען? וואָס האָט די דאָזיקע דאַטע פאַר א באַדײַטונג פאַר מיר, פאַר אַנדערע? ווען איר קומט צו מיר שמועסן, לאָמיר זאָגן, נאָכן פאַרענדיקן א וויכטיקע ארבעט, וואָלט איך פאַרשטאַנען. איך ווייס ניט, צי ס׳איז ריכטיק, וואָס מע זאָגט, אַז אויב עמעצער אַנטלויפט פונעם קאָוועד, יאָגט דער קאָוועד אים נאָך. נאָר אין איין זאַך בין איך זיכער: דער, וואָס אַנטלויפט פון רעקלאַמע, האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן — זי וועט אים ניט נאָכיאָגן. און איך — מײַנע אַלע יאָרן אַנטלויף איך פון יעטווידער רעקלאַמע. עפּשער איז עס א שוואַכקײַט, א מוירע פאַרן פּובליקום, וואָס צווינגט מיך צו צוימען מײַנע פאַרלאַנגען. איר ווייסט דאָך אוודע, וואָס מע איז אויסן מיט רעקלאַמעס? אָף דעם אונדז פאַרשטענדלעכן לאָשן פון אונדזער דאָר הייסט עס: פאַרשווענקען די מויכעס. ווי איך זע, האָט איר דערגרייכט אײַער ציל — איר האָט פון מיר ארויסגעקראָגן א מאָנאָלאָג. וועל איך זיך באַמיִען ניט מײַריך זײַן דעם איניען.

איר ווילט פון מיר הערן, מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך, וואָס איך טו איצט? פאַרוואָס בין איך אזא און ניט קיין אַנדערער? מעגלעך, אַז ניט דעם „פאַרוואָס" ווייס איך, נאָר דאָס, וואָס עס איז שוין פאַראַן. אין דער נאַטור, ווי אין דער געזעלשאַפט, זײַנען ניטאָ ניט קיין קאָמפּליצירטע זאַכן. די פראַגע איז נאָר, וועלכער פאַקטאָר אינעם מענטשן איז דער אַנטשיידנדיקער, דאָס הייסט דער, וואָס באַלוינט אים מיט ווילן. אין פלוג האָט דאָך יעדער מענטש געקענט זײַן אַלץ, וואָס מע קען זיך נאָר פאָרשטעלן, — אַן ארכיטעקט, אָדער א מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, אָדער א מיניסטער, אָדער א לערער, אָדער א שנײַדער. ריישיס־קאָל דאַרף מען וועלן... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער ווילן וואַקסט ארויס

פון די אומשטענדן. אינערלעכע אומשטענדן — דאָס איז די נטיָיה און דער טאַלאַנט; אויסערלעכע — מיינט מען די געזעלשאַפט.

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָט איינער געשריבן אין צוזאַמענהאַנג מיט מײַנער א זאַמלונג לידער: „ס׳איז א דיכטער, אויב ער וויל״. גאַנץ אינעם נוסעך: „א כאָכעם, אויב ער וויל״... ווען איך האָב עס איבערגעלייענט, בין איך געוואָרן אופגעבראַכט. וואָס באַטײַט „אויב ער וויל״? א ליד איז דאָך א מין רועך־האַקוידעש! אָדער דו יאָכלסט, אָדער ניט. אָן טאַלאַנט וועסטו גאָרנישט ניט שאַפן. מיט דער צײַט אָבער האָב איך פאַרשטאַנען, אז דער מענטש איז מעכוייעוו צו קאָנצענטרירן זײַן ענערגיע, זײַן מויעך, זײַנע געפילן אף א באַשטימטן פונקט, א באַזונדערס וויכטיקן און באַזונדערס דרינגענדיקן, אָן אופהער, קעדיי ער זאָל קאָנען זאָגן: אָט דאָס איז מײַן לעבנס־ציל. און טאַקע אין דעם שטעקט די באַגײַסטערונג, דער רועך־האַקוידעש: דיר שטייט פאָר אויספילן א דרינגענדיקן כויוו, דו דאַרפסט זאָגן די מענטשן, אופטאָן פאַר די מענטשן א דרינגענדיקע און א נייטיקע זאַך. איך ווייס ניט, צי האָב איך עס דערגרייכט אָדער ניט, באַוויזן אָדער ניט באַוויזן עס צו טאָן, צי ס׳איז מיר געלונגען אָדער ניט, — נאָר אזא פליכט איז שטענדיק געשטאַנען אין צענטער פון מײַן לעבן. נאַטירלעך, אז צוליב דער אופאַסונג פון אזא מין דרינגענדיקער פליכט איז קוידעמקאָל נייטיק, ער זאָל געפינען אָן אָפּקלאַנג אין דײַן מויעך, אין דײַן בלוט. אזא דרינגענדיקע זאַך אין מײַן מויעך איז די מענטשן־פרײַנטשאַפט.

וואָס געפינט זיך אין צענטער פון מײַן לעבן? אין צענטער פון מײַן לעבן געפינט זיך דער מענטש. עמעס, דאָס, וואָס איך זאָג, איז גאָרניט אזוי אָריגינעל. אָבער בערטאָלד ברעכט האָט געשריבן וועגן דעם פילאָסאָף דשואַנג דזי, וועלכער האָט אָנגעשריבן א בוך פון 100.000 ווערטער, אז נײַן צענטל פון זיי זײַנען באַשטאַנען פון ציטאַטן. הײַנטיקע צײַטן שרײַבט מען ניט אזעלכע ביכער, זאָגט ער דאָרט, מאַכמעס עס פעלט אויס דער נייטיקער גײַסט. הײַנט שרײַבן אלע „אָריגינעלע״ זאַכן, אבי נאָר ס׳איז דאָ טינט און פאַפיר. דערפאַר טאַקע איז געוואָרן ווייניקער שטיינער צום ביניען. אובעכיין, ס׳איז אפילע א ביסל באַנאַל, איך ברענג א ציטאַט, וועלכע מע האָט שוין איבערגעכאַזערט טויזנט מאָל. דאָך זײַנען מיר מעכוייעוו ארויסצוצִיען די נייטיקע קאָנסעקווענצן.

אין צענטער פונעם לעבן פון יעדן מענטשן געפינט זיך דער מענטש. קוידעמקאָל ער אליין, און באָכדעם זײַן סוויווע, ווײַל א מענטש לעבט ניט אויסער דער געזעלשאַפט. דעריבער דאַרף ער וויסן, אז אדאַנק דעם, וואָס ער באַהעפט זיך מיט דער געזעלשאַפט, לעבט ער א רעאַל, מאַמאָשעסדיק לעבן, א לעבן, וואָס איז ראָוע אָנגערופן צו ווערן א „מענטשלעך״ לעבן. אלע איראַציאָנעלע לערעס, אלע טראַנסצענדענטאַלע, אידעאַליסטישע פילאָסאָפיעס קענען אף קיין רעגע ניט עקזיסטירן אָן דעם, אז דער מענטש, דער דענקער אָדער שעפער, זאָל זיך ניט געפינען אין דער געזעלשאַפט. און וואָס עס איז באַזונדערס איבעראַשנד, און גלײַכצײַטיק אויך באַזונדערס נאַטירלעך — דאָס נאַטירלעכע איז

דאָך איבעראַשנד, — איז דאָס, וואָס אפילע די מיסבוידעדים, די, וואָס אַנטלויפן פון דער געזעלשאַפט, הענגען אויך אָפּ פון דער געזעלשאַפט, זיי אַנטלויפן דאָך פון דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט שטויסט זיי, שטופּט זיי ארויס, וואַרפט אף זיי אָן א שרעק, דריקט אף זיי.

ווען איך זאָג, אז דער צענטער פון מײַן לעבן איז דער מענטש, מיין איך דער מענטש אין דער געזעלשאַפט און די געזעלשאַפט אינעם מענטשן. דער מענטש ווערט אָפּגעשאַצט לויט די פאַרהעלטענישן צווישן אים און דער געזעלשאַפט. קיין אַנדער קריטעריי באַם אָפּשאַצן דעם גראַד פון מענטשלעכקײַט איז ניט פאַראַנען. די באַציִונג צו דער געזעלשאַפט, צו אַנדערע מענטשן — דאָס איז דער עקזאַמען פונעם מענטשן, און דער זין פון זײַן קיִעם אף דער ערד איז דער שטענדיקער גראַנגל פאַר מענטשלעכע ווערטן. ס׳איז א גראַנגל פאַר זיך אליין, פאַר זײַן באַוווּסטזײַן. דער באַגריף געזעלשאַפט איז אײַנגעטוקט אינעם באַגריף מענטש — אין זײַן טעטיקײַט, זײַן מאָראַל, זײַן אַנטוויקלונג, דה. אין זײַן קולטור.

די מענטשן־פרײַנטשאַפט איז דער מענטשלעכער באַוווּסטזײַן, וואָס דרינגט ארויס פון דער מענטשלעכער שטרעבונג צו פרײַהײַט. אין באַוווּסטזײַן קומט אוף דער שטרײַט צווישן דעם באַשטענדיקן און דינאַמישן, צווישן קנעכטשאַפט און פרײַהײַט.

איך פילאָזאָפיר, אפּאָנעם, איר זײַט גערעכט. מיר דאַרפן אָבער געדענקען, אז א מענטש קען ניט אופבויען אפילע דאָס איינפאַכסטע הײַזל אָן פאַרשטאַנד. הײַנט ווי זשע קען מען בויען א לעבן פון א פאָלק אָן אלמענטשלעכער פרײַנטשאַפט? די מענטשלעכע פרײַנטשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר דאָס שלאַכטפעלד פאַר דער צוקונפט פונעם מענטשן.

איך בין געקומען אין לאַנד מיט פופציק יאָר צוריק. מיט צוויי און פופציק. ס׳איז מיר דאָן אפילע אפן זינען ניט געקומען דער געדאַנק, אז ס׳וועט מיר אמאָל אויסקומען זיך אָנשטויסן אף פראָבלעמען פונעם קיִעם פון אן אַנדער פאָלק, דעם אראַבישן פאָלק. ס׳איז קיין כידעש ניט, מײַן עקזיסטענץ אַלס רעליגיעזער ייִד און העברעיִשער לערער האָט מיר אין דער גענוגנדיקער מאָס געליפערט די גאַנצע נייטיקע גײַסטיקע שפּײַז. איך האָב געלעבט אין א פאַרנעפּלטער ראָמאַנטישער אַטמאָספער, אין א וועלט פון כאַלוימעס, ווי פיל אַנדערע. און איך

האָב געשריבן ראָמאַנטישע פערזן. די ראָמאַנטיק איז געווען פול מיט סטירעס. האגאם איך בין געקומען „יאַרשענען דאָס לאַנד פון מײַנע אָוועס", בין איך געווען זיכער, אַז די אַראַבער זײַנען טײַערע ברידער, קינדער פון אווראָם אָווינו, וואָס האָבן אַף מיר אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד.

אין יערושאָלאַיִם, דער אַלט־שטאָט, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט אַראַבער. איך האָב אָנגעזאַמלט אַ מענגע אַראַבישע ווערטער, וועלכע זײַנען געווען ענלעך צו די העברעיִשע, נאָר די אויסשפּראַך איז געווען אַן אַנדערע. די קליידער אָבער זײַנען דאָך געווען — די מאַלבושים פון מײַנע אָוועס...

אין די צוואַנציקער יאָרן האָב איך אין „האַאַרעץ" געדרוקט אַ סעריע קורצע פעליעטאָנען אונטער איין אַלגעמיינעם קעפּל: „עיה"ק ת"ו"[1]. פיל פון די דאָזיקע פעליעטאָנען זײַנען געווען פאַרצייכענונגען פונעם אַראַבישן לעבן.

די דערעפענונג פונעם העברעיִשן אוניווערסיטעט האָט מיך באַגײַסטערט. איך בין געווען איינער פון די ערשטע טאַלמידים זײַנע, פונעם פאַקולטעט פאַר יודאַיִסטישע קענטעניש. נאָר שוין אינעם זעלבן יאָר האָט מײַן אונטערשריפט געגומען דערשײַנען אונטער די דעקלאַראַציעס, וועלכע זײַנען געווען געריכטעט קעגן דער מיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע אינעם יִדישן יִשעוו — צוזאַמען מיט די אונטערשריפטן פון פּראָפעסאָר בערגמאַן, י.־ל. מאַגנעס, קלעוואָריסקי, ר׳ בינײאָמין (ס׳זײַנען געווען נאָך אייניקע, נאָר איך האָב, ליידער, פאַרגעסן זייערע נעמען). און מאַכמעס איך האָב אָנגעגעבן מײַן אַדרעס, קעדיי אַנדערע, די, וואָס ווילן, זאָלן צושטיין צו אונדז, בין איך זוכע געווען צו באַקומען די ערשטע דראָונג — אַ זידל־בריוו. ס׳איז געווען אין יענעם יאָר, ווען ס׳איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון „כיירות" („די רעוויזיאָניסטן"), וועלכע האָט צווישן אַנדערן געפאָדערט אויך מיליטערישע איינהײַטן און „היסטאָרישע גרענעצן"...

אין אַ יאָר אַרום האָב איך זיך מיטבאַטייליקט אין דער אָרגאַניזאַציע פון „בריט שאַלאָם". גענוי די דאַטעס געדענק איך ניט. דעם „קאָס מיטן גיפט" האָב איך אויסגעטרונקען שפּעטער, בײַס די בלוטיקע געשעענישן פון 1929. ס׳איז געווען אַ ביטערע לעקציע, האגאם איך און מײַן מישפּאָכע זײַנען צוזאַמען מיט אַנדערע אַרויס לעבעדיקע פון די דאָזיקע שוידערלעכע ניסיוינעס. דער דאָזיקער עפּיזאָד פון יענער שרעקלעכער מעהומע־צײַט איז אַ ביסל געשיכטע און אַ ביסל בעלעטריסטיק — נאָר ניט איצט צום באַהאַנדלען.

יענעם זומער האָב איך מיט מײַן פרוי און מיט מײַנע דרײַ קליינע קינדער פאַרבראַכט אינעם הויז פון מײַן שווער, באַ דער מישפּאָכע יעדידיע, אין אַ קליינעם יִשעוו, וועלכער רופט זיך „אַמעק אַראַזים", נאָענט צו דער קאָלאָניע מאָצאַ.

איך האָב נאָך ניט באַוויזן זיך נעמען צו שרײַבן אַ בוך. אין איינעם אַ קאַפּיטל פון יענע טעג, וועלכן איך האָב אָפּגעדרוקט אין דער זיבעטער „זאַמלונג" פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד, האָב איך באַשריבן אַ נעסיִע מיט די האַרוגים פון מאָצאַ. ס׳איז אַ דערציילונג וועגן אייניקע מינוטן געפינען זיך אין דער שטוב פון יעדידיע אויבן אַפן באַרג, מינוטן, ווען ס׳האָבן זיך דאָרט אויפגעזאַמלט אַלע אײַנוווינער פון יִשעוו פון קליין ביז גרויס, באַ דרײַסיק נעפאָשעס — מינוטן גוירלדיקע אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

אובעכיין, מיר זײַנען דאָרטן, און אַרום אונדז אַ מין פלאַמען פון גענעם. אַ שרעקלעכע נאַכט האָבן מיר איבערגעלעבט, און ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך אין דער פינצטערניש באַוויזן אַ רײַטער, וועלכער האָט אונדז מודיִע געווען, אַז מיר קענען ניט אויסרעכענען אַף וועלכער־ס׳ניט־איז הילף. און דאַן זײַנען דערשינען צוויי יונגע אַראַבער, צוויי זין פון אַן אַלטן בלינדן פעלאַך, וועמעס הויז האָט זיך געפונען ניט ווײַט פונעם שאָסיי. זיי האָבן אונדז פאָרגעלייגט אַ באַהעלטעניש אין זייער הויז און אינעם הויז פון זייער שאָכן איבראַהים. פון נעכטן נאָך וואַרמעס ביז הײַנט אינדערפרי קומען זיי שוין דאָס דריטע מאָל, און אַלץ צוליב דעם זעלבן איניען. צוויי מאָל האָבן מיר אָפּגעוואָרפן זייער אײַנלאַדונג, איצט אָבער האָבן מיר זיך אָנגעהויבן וואַקלען, זיך געגומען מעיאַשעוו זײַן. די דילעמע איז געווען אַ שרעקלעכע. קיין געווער איז באַ אונדז קימאַט ניטאָ, איין אַלטע, פּאַראָסטעטע ביקס און עטלעכע גראַנאַטעס. ווער ווייסט, וואָס איז זייער מיין? עפּשער האָבן זיי עטוואָס פײַנטלעכס פאַרטראַכט? עפּשער ווילן זיי אונדז אַלעמען אומברענגען צוזאַמען מיט די קינדער? די גאַנצע נאַכט האָט מיך געמוטשעט דער דאָזיקער געדאַנק: זיי האַסן דאָך אונדז... ניט נאָר די דאָזיקע, די אַראַבער ביכלאַל. ווי עס וואָלט מיר דאָס ערשטע מאָל קלאָר געוואָרן דער מאַצעוו אונדזערער. ווי קענען מיר זיך לאָזן גיין צו זיי? און ווי קענען מיר פאַרבלײַבן אַף דעם באַרג, ווײַט פונעם שאָסיי, ווײַט פונעם יִשעוו, פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט פון אַראַבישע דערפער? ווער קען זיך דערוועגן און נעמען אַף זיך די אַכרײַעס פאַר דעם אויסגאַנג פון אַזאַ אָדער אַנדערן שריט? עס האָט זיך אַפילע געלאָזט הערן אַן אייצע, וועלכע איז געווען מײַלנווײַט פון אַלע געדאַנקען ביז אַהער: מע זאָל דיביידע אַראַבער כאַפּן, נעמען אין געפענקעניש, מײַסע אָרעווניקעס... נאָר סטײַטש? מענטשן לייגן אונדז פאָר אַ דאַך איבערן קאָפּ — זאָלן זיי געטייט ווערן? ס׳איז איבעריק איבערצוכאַזערן אַלע יענע היציקע וויקוכים, שרעקלעכע, אומרויִקע, געפערלעכע. די אַראַבער האָבן אָבער געדולדיק געוואַרט.

לעסאָף זײַנען מיר אַוועק. מענער און ווײַבער, זקיינים און קינדער. אין צוויי גרופּן זײַנען מיר אַרײַן אין ביידע הײַזער. מע האָט אונדז געגעבן עסן, צוגעגרייט געלעגערס פאַר אונדז און פאַר די קינדער. ביידע אַראַבישע באָכערים זײַנען אַ גאַנצע נאַכט מיט געווער אין די הענט געשטאַנען אַף דער וואַך און אָפּגעהיט די רו פון זייערע אָרכים. אינדערפרי האָבן די ענגלענדער אונדז אַריבערגעפירט קיין יערושאָלאַיִם.

עס איבעראַשט, ניין? אַזעלכעס ווערט ניט אויס־

[1] ראָשעטייוועס: „עיר הקודש תיבנה ותתכונן" („די הייליקע שטאָט וועט געבויט און אויפגעשטעלט ווערן").

געמעקט אין זיקאָרן. אָבער אויך די מאכשאָוועס וועגן אָרעווניקעס ווערן ניט פאַרגעסן. הערט מיך נאָר צו, מײַן פרײַנט! איר האָט געוואָלט וויסן, וואָס פאַר א מענטש איך בין. איך האלט, אז אויב א מענטש פירט זיך אויף, ווי עס פאַסט פאַר א מענטשן, קומט אים דערפאַר קיין יאשער־קויעך ניט. און נאָך איין האנאָכע: דער, וואָס פירט זיך אויף ווי א מענטש, ווארט ניט, אז מע זאָל אים דערפאַר זינגען ליב־געזאנגען. זיי, די אראבער, האָבן פון מיר גאָרנישט ניט באקומען. אויך מײַן אומדאנקבארקײַט איז צו זיי ניט דערגאנגען. איך מוז זיך מוידע זײַן, איך האָב זיך דאן, נאָך די בלוטיקע געשעענישן פון 1929, אופגעפירט ווי אן אומדאנקבארער מענטש. אין דער אולטרא־פאטריאָטישער, שאָוויניסטישער אטמאָספער פון דעמלט בין איך מיטגעצויגן געוואָרן פונעם מוטנעם שטראָם און האָב פארעפנטלעכט זאכן, וואָס הײַנט שעם איך זיך מיט זיי. איך האָב עס פארגעסן, פארבאָרגן. אזא איז דער עמעס.

צום גליק האָב איך זיך גאָר גיך אויסגעניכטערט פון דער נאציאָנאליסטישער שיקרעס, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם אומזין. פון דאן אָן זײַנען אוועק פערציק יאָר. איר האָט געוואָלט וויסן, וואָס פאַר א מענטש איך בין. איך בין נאָך אלץ בא דער מיינונג, אז א מענטש קומט ניט קיין יאשער־קויעך דערפאַר, וואָס ער איז א מענטש. עס עקלט מיך פון די פעסטיוואלן און פון די ליב־געזאנגען אין פארבינדונג מיט יעדן פאל פון געבן מעדיצינישע הילף די אראבער פון די „שטאָכים", און דאָס גלײַכן. די פרומקײַט און די מאָראלישע פאָרצוגן רופן בא מיר ארויס עקל און צאָרן. באזונדערס אף דעם פאָן פון ווילקירלעכע, אכזאָריעסדיקע מײַסים, פון דער מיליטאריסטישער מאכט און די טאקאָנעס פון דער פארטיידיקונג. דאָס זײַנען מײַסים אומגעווינלעכע, וועלכע זײַנען געוואָרן א געוווינהײַט. אָפּסאמען פעלדער, ארויסרײַסן מיטן וואָרצל פלאנצונגען, פארשיטן ברונעמס! איר פרעגט, וואָס מאך איך, ווי פיל איך זיך? צי איז בא מיר פרידן אפן הארצן? ניין — מיר ווערט דאָס לעבן נימעס־אומאָעס פון די דאָזיקע אלע פרומע ליגנס, ווי אשטייגער: „בא אונדז שלאָגט מען ניט קיין ארעסטירטע". כאָלילע! בא אונדז שטארבט מען נאָר מיט א נאטירלעכן טויט. און נאָכדעם אָרדנט מען אײַן קיבודים פאַר די „חסידי אומות העולם"...[1]

ניט געקוקט אף דער דעמלטיקער שטרויכלונג אין מײַן לעבן, וועגן וועלכער איך האָב אײַך דערציילט, איז בא מיר קיינמאָל ניט געווען קיין פיצל געפיל פון פרעמדקײַט לעגאבע אנדערע פעלקער, לעגאבע די אלע, וואָס מע רופט זיי „גוי". שוין אָפּגערעדט פון פײַנטשאפט. אומגערעכטיקײַט, וועלכע קליידט זיך אין פוסטער בארימערײַ, זידט אלעמאָל אוף דאָס בלוט אין מיר.

איך ווייס ניט, אפּאָנעם, אז פונעם הימל איז מען מיר געקומען צו הילף. איך האָב אנומלטן אָנגעשריבן א דערציילונג, וועלכע איז ארײַן אין דער זאמלונג „דער קיניג קארקאש און אנדערע וואָכעדיקע פאסירונגען". די דערציילונג הייסט „די פעדערן פון דעם האָן". אז איך בין אלט געווען 5 — 6 יאָר, האָבן מיר געווינט אין א רומעניש דאָרף, וואָס האָט דעמלט געהערט צו אונגארן. עס איז געווען א קליין, פארלאָזט דערפל, וואָס האָט אָנגעציילט, לויט מײַנע שפעטערדיקע האשאָרעס, ניט מער ווי דרײַ הונדערט נעפאשעס. מײַן פאָטער האָט געדינט אלס כעזשבנפירער אין דער אָרטיקער האָלץ־זעגערײַ. איך האָב געהאט א כאווער — א רומעניש ייִנגל. און נאָך איין כאווער איז בא מיר געווען — א ייִדיש ייִנגל, וואָס האָט צוזאמען מיט מיר געלערנט בא מײַן טאטן דעם אלעפבייס. ער איז אָבער געווען א גויריש זינדל, זײַן פאָטער איז געווען דער אייגנטימער פון דער האָלץ־זעגערײַ.

דער בעסטער כאווער מײַנער, דער נאָענטסטער, איז געווען דאפקע איינער פון די שמוציקע וואלאכן, טאקע שמוציקע, בעעמעס שמוציקע, ווײַל זיי זײַנען געווען שרעקלעכע דאלפאָנים! האָלצהעקער, ארבעטער פון דער זעגערײַ, אָנטרײַבער פון ווילדע כײַעס, בייס דער פאָרעץ פלעגט ארויספאָרן אף געיעג אין וואלד ארײַן.

איינער פון די דאָרפישע ייִנגלעך איז דער העלד פון מײַן דערציילונג „די פעדערן פונעם האָן". ווען איר וועט לייענען די דאָזיקע דערציילונג, וועט איר זיך באקענען מיט די אומשטענדן, וועלכע האָבן ארופגעלייגט אף מיר זייער שטעמפל.

ניט לאנג צוריק[1] איז אין „דאוואר" געווען אָפּגעדרוקט אן אינטערעסאנטער בריוו אונטערן נאָמען „א דעפעקטיווער פעסטיוואל".

אין דעם בריוו איז געשריבן: „אף דעם סימפּאָזיום „יונגוואַרג", וואָס איז לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן אין דער טעלעוויזיע אף דער טעמע „די ייִדישע מעדינע", זײַנען געווען, — הערט זיך נאָר גוט צו, — זײַנען געווען שעדלעכע און לעפּישע, לויט מײַן מיינונג, ארויסזאָגונגען, וועלכע ס'האָבן געמאכט אייניקע מיטגלידער סײַ פון די רעליגיעזע, סײַ פון די ניט־רעליגיעזע גרופּן... איינע א יונגע רעדנערין האָט געזאָגט: „מיר זײַנען מער צום הארצן די ניט־ייִדן, וועלכע זײַנען געבאָרן געוואָרן אין לאנד, איידער די ייִדן, וואָס זײַנען געקומען פון כוץ־לעאָרעץ, ווײַל מיט די ערשטע איז בא מיר דאָ א שוטפעסדיקער אינטערעס".

הימל, עפן זיך! דער מעכאבער פונעם בריוו זעט אײַן אין די רייד פון די יונגע „א ביטל־באציִונג צו דעם עצעם באגריף „ייִדישע מעדינע". ער שרײַבט: „באזונדערס האָט מיך איבעראשט די ארויסטרעטונג פון איינעם א יוגנטלעכן פון דער רעליגיעזער גרופירונג, א געבוירענעם אין איראַק, א טיף־גלויביקן יונגנמאן, אגעוו, ער איז אפילע א דירעקטאָר פון א רעליגיעזער שול. אָן א מינדסטער וואקלונג האָט ער אף דער פראגע: „אײַער מיינונג וועגן דער מעגלעכקײַט, אז אלס פרעזידענט פון מעדינאס ייִסראָעל זאָל אויסגעקליבן ווערן אן אראבער?" געגעבן א פאָזיטיוון ענטפער".

הימל, שפאלט זיך! „ווי האָט דער דאָזיקער יוגנטלעכער ניט געפילט, אז מיט זײַן ענטפער איז ער פון רעליגיעזן שטאנדפונקט אויוועך אף צוויי מיצוועס אין איין מאָל: פון „טאָן" און פון „ניט

---

[1] „כסידיי אומאָט האָאָלאם" — אזוי ווערן אָנגערופן אין ייִסראָעל מענטשן פון אנדערע פעלקער, וועלכע האָבן זיך באטייליקט אין ארויסראטעווען ייִדן פון די הענט פון די פאשיסטישע הענקער.

[1] דעם 26.4.73.

טאָן״. אין סייפער „דוואָרים״ (י״ז) שטייט דאָך בעפּיירעש געשריבן: „פון צווישן דײַנע ברידער זאָלסטו אויסוויילן א קיניג איבער זיך״, „דו וועסט ניט קענען לאָזן געוועלטיקן איבער זיך א פרעמדן מענטשן, וואָס איז ניט דער ברודער דײַנער״.

א פּרימיטיווער, באַרבאַרישער שטאַנדפּונקט און פאַלשע רייד. און אַזוינס ווערט געדרוקט אין „דאַוואר״! אין דער אַרבעטער־צײַטונג, אין דעם אָרגאַן פון דער היסטאַדרוט, און די רעדאַקציע פּובליקירט אַזוינס, און אָן קיינע באַמערקונגען פון איר זײַט. דער אַראַבער איז „א פרעמדער מענטש״, ער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן דאָ אין לאַנד, דער היגער טוישעוו! עס דאַרף, אַלזאָ, הייסן, אַז מעדינאַס יִסראָעל איז א מעדינע — אָן א טייל פון אירע בירגער, אָן דעם אַראַבישן טייל. ס׳איז ווילדער נאַציאָנאַליזם. קאָלזמאַן די מענטשן זײַנען באַהערשט פון נאַציאָנאַליזם, זײַנען זיי ניט מעסוגל צו דערגיין ביז דער געגאַרטער מאַדרייגע פון דעם, וואָס מע רופט מענטש, צו דער מענטשן־פרײַנטשאַפט, וואָס באַערט אונדז מיט דעם ערן־טיטל: מענטש. איך ציטיר איצט גאָרקין.

יאָ, אַזוי טאַקע. בעמעשעך פון 37 יאָר האָב איך מיטגעאַרבעט אין דער ליגע פאַר מענטשן־ און בירגער־רעכט, און מיך האָט ניט געאַרט, וואָס אין יִסראָעל זידלט מען מיך פאַר דעם. פאַרוואָס? ווײַל די ליגע האָט זיך צופיל באַשעפטיקט מיט די אַראַבער. זיך באַשעפטיקט דערפאַר, וואָס שטענדיק איז מען מעכוּיעוו צו באַשיצן די אָרעמסטע, די באַוולטע! דעם באַוולטן מענטשן! איך בין ניט געווען עלנט און אַליין — די בעסטע בירגער פון לאַנד, יִדן און אַראַבער — זײַנען געווען מײַנע פאַרבינדעטע. און די זידלערײַען האָבן נאָר געפעסטיקט אין מיר די איבערצײַגונג, אַז דער קאַמף פאַר מענטשלעכע רעכט איז א דרינגענדע פליכט. איך האָב פאַרשטאַנען, ווי טיף איז די ראַסן־סינע, דער נאַציאָנאַליסטישער פאַנאַטיזם. אַן אויסדערוויילט פאָלק — אַן אַם־סגולע! זײַן א מענטש — אָט דאָס איז א סגולע!

אין 1935 איז אין יִסראָעל פאָרגעקומען א הונגער־שטרײַק פון אַרעסטאַנטן — קאָמוניסטן. דער הונגער־שטרײַק האָט זיך געצויגן 19 טעג, ניט ווייניקער. מײַנע ביידע ברידער זײַנען געווען קאָמוניסטן. איך האָב געהערט צו די רעליגיעזע, זיי זײַנען געווען קאָמוניסטן. איינער פון זיי איז געווען אַרעסטירט, נאָכדעם אַרויסגעשיקט פון לאַנד, דער צווייטער איז אַנטלאָפן פון די שפּיקעס. איידער ער האָט זיך פון זיי אַרויסגעראַטעוועט, איז ער, נאַטירלעך, געווען אין דער אונטערערד. איז ער איינמאָל צו מיר אַרײַן און מיר געזאָגט: „ברודער מײַנער, איך הער פון דיר ווערטער וועגן מענטשן־ליבע; דו ביסט דער, וועלכן מע רופט הומאַניסטישער אויפקלערער. וואָס זשע שווײַגסטו? מע טוט מענטשן אַלדאָס בייז, מע דערנידעריקט זיי, מע פּײַניקט זיי, ביז מע דערפירט זיי צו א הונגער־שטרײַק, און דו שווײַגסט?״. האָב איך אים געזאָגט: „וואָס קען איך טאָן? איך קען בלויז אַרויסזאָגן אַנדערע מײַן קעגנערשאַפט״. האָט ער מיר אויף דעם דערווידערט: „זאָג עס אַרויס אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן!״. די דאָזיקע ווערטער זײַנע זײַנען מיר אַרײַן טיף אין האַרצן. איך כאַזער איבער נאָכאַמאָל: די בעסטע און די ערלעכסטע אינעם יִשעוו זײַנען געווען אויף מײַן זײַט. אָן זייער הילף וואָלט איך ניט געקענט אויספילן מײַן פליכט. איך וויל נאָר דערמאָנען איינעם פון זיי, וואָס איך קען ניט דערלאָזן, זײַן נאָמען זאָל זיך פאַרלירן אינעם אַלגעמיינעם צעטל. דאָס איז געווען א גרויסער מענטש, י.־ל. מאַגנעס, וואָס איז אויף קיין האָר ניט אָפּגעטראָטן אינעם קאַמף פאַר מענטשן־רעכט. ער האָט געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט די אַרעסטירטע און אַלע אַנדערע באַוולטע. אים האָט ניט אינטערעסירט ניט זייער נאַציאָנאַליטעט און ניט זייער פּאָליטישע אײַנשטעלונג.

וואָס וויל איך? צו וואָס וויל איך מיך ווענדן? ניין, ניין, איך וועל די דאָזיקע טעטיקײַט ניט פאַרלאָזן. אָבער ווילן וויל איך נאָך אָנשרײַבן א צענדליק שורעס פּאָעזיע. עס איז א שווערע מעלאָכע אָנשרײַבן צען דיכטערישע שורעס. ביפראַט, אַז דו ביסט קלאַל ניט זיכער, אַז די דאָזיקע צען שורעס וועלן טאַקע זײַן פּאָעזיע.

מײַן לעבן ביז איצט איז גענוג געווען שטורמיש. און איך האָף, אַז די שטורמען פון דעם מין וועלן ניט אויפהערן. בײַ מיר האָט קיינמאָל ניט אַרויסגערופן קיין באַגײַסטערונג אַזאַ איינער, וואָס מע קען אים ליבן אָדער ניט ליבן, אַזוי, אָן באַזונדערע עמאָציעס, מע קען אים דולדן. בײַ מיר זײַנען דאָ זייער קנאַפּ אַזוינע פרײַנט, וואָס וואָלטן געוואַגט מיר זאָגן, אַז זיי האָבן מיך ליב, עפּשער בײַ באַשטימטע געלעגנהײַטן. דעם מענטשן איז ניט גענוג, עס זאָלן אים ליב האָבן פיל מענטשן. אַגעוו, איז די אַבסטראַקטע „מענטשלעכקײַט״ — א געפיל, וואָס גיט זיך אײַן אָן באַזונדערע שוועריקײַטן — פיל שווערער איז מעקאַיעם זײַן די ליבע פונעם טיפּ דאַוויד און יאָהאַנאַטאַן.

סינע? יאָ, איך פאַרמאָג זי. כּדי זי צו באַרעכטיקן, בײַטיק איך זיך ניט אין פּסוקים. א סינע צו די, וואָס שטרעבן פאַרכאַפּן די ערד פונעם שאָכן... צו די, וואָס זינגען לויב־געזאַנגען דער ערד און רויבן זי אַוועק בײַ די שכיינים. זיי מיינען דערבײַ, אַז מע קען פאַרמאַסקירן די שפּורן מיט פרומע דיבורים, מיט „מאָראַלישע פאָרצוגן״ און מיט כאַבאַר. די ערד — דאָס איז ברויט; די ערד — דאָס איז קולטור; די ערד — איז מענטשלעכע מאָראַל; די ערד — איז דער הויך־אויפגעהויבענער קאָפּ; די ערד — איז מענטשלעכע ערע. אַזוי ווי בײַ אונדז, יִדן, אַזוי אויך בײַ זיי, אַראַבער.

בעשאַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע בין איך געווען אויך טעטיק לעטויוועס דער פרײַנטשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד. איר ווייסט, דער מענטש איז זייער א קאָמפּליצירטע באַשעפעניש. איך בין געווען טרײַ און וועל טרײַ פאַרבלײַבן.

איך דערמאָן זיך גראַדע, אַז איך האָב געוווינט אין בודאַפּעשט אין דער צײַט פון דער קאָמונע, אין 1919. בײַ דאָרט איז געווען ראַטנמאַכט. איך האָב געהערט די רעדעס פון בעלאַ קון און אַנדערע. אַלע מײַנע סימפּאַטיעס זײַנען געווען אויף זייער זײַט. איך וועל מיר דערלויבן צו דערציילן איין עפּיזאָד. איך האָב דעמלט געאַרבעט אַלס יונגער לערער אין דער בודאַפּעשטער יִדישער אָרטאָדאָקסישער שול. עס איז געווען דער ערשטער מײַ. אין שול האָט

מען אײַנגעאָרדנט מיטינגען, און מיר האָבן געזאָלט דערקלערן די שילער דעם באַטײַט פון דעם דאָזיקן טאָג.

דער דירעקטאָר פון דער שול, וועלכער איז, נאַטירלעך, געווען א קעגנער, האָט זיך געשלאָגן מיט דער דייע: ווער פון די לערער וועט ארויסטרעטן? כ׳ווייס ניט, צי מאכמעס ער האָט אָף מיר געהאט אן אויג, צי גלאט אזוי, נאָר ער האָט א זאָג געטאָן: אָט ער איז דער יִינגסטער צווישן אונדזערע לערער, זאָל ער ריידן. די שטראָף וועט דאָך געוויס קומען, די ווײַסע וועלן צוריקקערן זיך צו דער מאכט, כאָרטי וועט זיגן; דער דאָזיקער יונגערמאן וועט זיך קענען ארויסדרייען פון אכרײַעס. אזוי, אז מע האָט מיך באפולמעכטיקט ארויסטרעטן פאר די טאלמידים, און איך האָב געהאלטן א רעדע. איך געדענק, כ׳האָב געטײַנעט, אז מיר געהערן אלע צו איין קלאס. ס׳איז געווען א רעדע — א היבריד. איך בין געווען א ציִעניסט, און גלײַכצײַטיק האָב איך געוואָלט, אז די קאָמונארן, די רעוואָליוציאָנערן, די קאָמונע, די רעוואָליוציע זאָלן זיגן.

איך האָב זיך אומגעקערט פונעם איטאליענישן פראָנט ווי א זעלנער פון דעם ערגסטן מין, ווי אזא איינער, וואָס מע קען זיך אָף אים שוין גאָר ניט פארלאָזן. איך האָב געטראָפן א וועלט פון הונגער, א וועלט פון שמאטעס, א וועלט פון שמוץ. ווען איך בין אראָפּ פונעם צוג, האָב איך דערהערט אן אויסגעשריי, וועלכער קלינגט נאָך אדהייעם אין מײַנע אויערן: „דריטער סאָרט!". דאָס האָט זיך געהאנדלט וועגן ציגארן, וועלכע מע האָט דעמלט פארקויפט. זיי זײַנען געווען טײַערער פון א לאבן ברויט. ברויט איז אָבער אויך ניט געווען. מיר זײַנען דאן אלע געווען פון „דריטן סאָרט". דעם דריטן קלאס, דעם פּראָלעטארישן אוילעם, האָב איך געזען אומעטום, אין יעדער גאס און געסל. נאטירלעך, ס׳איז געווען דאָ אויך אן אנדער אוילעם. אן אוילעם, וואָס האָט געמאכט גוטע געשעפטן. דאָס זײַנען געווען גראפן, פאבריקאנטן, באנקירן, ספעקוליאנטן. טאקע דערפאר איז מײַן סימפאטיע געווען אָף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע. עס איז ניט געווען אין דער געשיכטע נאָך איינע אזא רעוואָליוציע, וואָס זאָל זײַן אזוי ריין פון בלוטפארגיסונג, אָן איין טראָפּן בלוט, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. די מעדינע איז געווען צעטרייסלט. די רעגירונג האָט געהייסן: די געזעצלעכע רעגירונג פונעם גראף קראָל. דאָס איז געווען אן ערלעכער מענטש, וועלכער האָט נאָך פריִער אוועקגעגעבן זײַן ערד די פויערים אָן וועלכן־ניט־איז דרוק מיצאד דער קאָמונע. האָט דער דאָזיקער מאן ארויסגעלאָזט אָף דער פרײַ אלע ארעסטירטע קאָמוניסטן און געזאָגט זיי: „נעמט די מאכט אין אײַערע הענט!". אזוי איז געבאָרן געוואָרן די אונגארישע סאָוועטישע רעפּובליק, אָן דעם, עס זאָל פארגאָסן ווערן אפילע איין טראָפּן בלוט. איינס איז אונדז אלעמען געווען קלאָר: אונדזערע ברידער, די עלטערע ברידער אונדזערע, די רוסן, קעמפן אָף יענער זײַט פון די קארפאטן פאר א נײַער וועלט — פאר אונדזער וועלט, פאר דער וועלט פון די הונגעריקע. איך האָב שטודירט, געלייענט לענינען. אדהײַעם האלט איך, אז לענין איז איינע פון די גרעסטע פּערזענלעכקײַטן אין דער געשיכטע.

אויב איך זאָג „א נײַע וועלט", איז עס קלאָל ניט קיין טראפארעטע פראזע. דער, וואָס זאָגט, אז די מענטשן אין ראטנפארבאנד ווערן געפּלאָגט מיט די זעלבע פּלאָגן, וואָס די מענטשן אין די קאפּיטאליסטישע לענדער, איז אין בעסטן פאל א סטאטיסטישער „סאָציאָלאָג", אויב ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער ליגנער. ער זעט ניט דעם מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאכט אזא גוואלדיקע עוואָליוציע אין דער סאָוועטישער געזעלשאפט. דער דאָזיקער מענטש האָט געבויט די געזעלשאפט, און די געזעלשאפט האָט געבויט אים.

דער לעקסיקאָן פון זידלערײַען און באשמוצונגען, מיט וועלכן ס׳באנוצן זיך די סאָנים פונעם סאָוועטנפארבאנד, דאָס איז דער זעלבער לעקסיקאָן, מיט וועלכן מע האָט זיך באנוצט קעגן דער פראנצויזישער רעוואָליוציע, שוין אָפּגערעדט — קעגן דער פאריזשער קאָמונע. מע דארף געדענקען, אז בייס עס איז אומגעוואָרפן געוואָרן די פאריזשער קאָמונע, זײַנען די יעניקע, וועלכע האָבן, מיקלוימערשט, געראטעוועט די מענטשלעכע ציוויליזאציע, געשטאנען ביז די קני פארזונקען אין מענטשלעכן בלוט; פונקט אזוי ווי די, וואָס זידלען דעם ראטנפארבאנד, זינקען ביז די קני אין יִידיש בלוט און אין דעם בלוט פון די וויעטנאמער.

די סאמע אכזאָריִעסדיקע הענקער האָבן געזידלט די רעוואָליוציע. די רעוואָליוציאָנערן האָבן אפילע אין זייערע סאמע קאָשמארפולע זעונגען ניט געקאָנט פאָרויסזען יענע אכזאָריִעסדיקע מײַסים, וועלכע ס׳האָבן אופגעטאָן די סאָנים פון דער רעוואָליוציע.

איך געדענק: ווען די נאציס האָבן אָנגעגריפן דעם ראטנפארבאנד, און די יִידן זײַנען געלאָפן פון זיי אָף מיזרעך, און אנדערע זײַנען פון די נאציס דערמאָרדעט געוואָרן, האָב איך אין פאלעסטינע געלייענט אן אופרוף, וועלכן איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן. ער איבעראשט מיט זײַן רישעס און טיפּשעס. דאָרט איז געווען געשריבן בעערעך פאָלגנדעס: איר, יִידן, וואָס איר האָט געמיינט, אז דער אנטיסעמיטיזם איז אראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג, קענט זיך איצט איבערצײַגן, אז אָף דעם סאָוועטישן יִידנטום האָט זיך אראָפּגעלאָזט די האַק. וואָס האָט דאָס געזאָלט באַטײַטן? אז די נאציס, די הענקער, די ראָצכים האָבן, מיקלוימערשט, דערוויזן, אז די סאָוועטישע אָרדענונג איז גאָרנישט מיט נישט, אז דאָרט עקזיסטירט ניט קיין פרײַהײַט פאר יִידן און פאר אלע אנדערע אונטערדריקטע פעלקער. איר באגרײַפט דעם גאנצן אבסורד פון די דאָזיקע באהויפּטונגען? זיי האָבן ניט געשריבן: „סטאלין הארגעט אײַך אוועק", ווײַל סטאלין האָט דאָך געגעבן אן אָנווײַזונג, מע זאָל די יִידן דערווײַטערן פון זייערע ראָצכים (עס וועט זיך געפינען אזא איינער, וואָס וועט מיך מאכן פאר א סטאליניסט — מיילע, זאָל אים ווויל באקומען). יאָ, סטאלין האָט באפוילן, אז מע זאָל די יִידן דערווײַטערן פון די נאציס. גאָר ניט לאנג — טאקע אינעם 1973־טן יאָר, האָב איך אין „הארעץ", אין דער רובריק „געהערט און געזען" געלייענט וועגן דעם, אז א גרופּע יִידישע מאנהיגים זײַנען אין דער צײַט פונעם קריג געקומען צום

סאָוועטישן געזאַנדטן אין שוועדן קאָלאָנטײַ מיט דער באַקאָשע צו דער רעגירונג פון פסטר, אַז דאָס סאָוועטישע מיליטער זאָל זיך איבערבאַזירן קיין טערעזינענשטאַדט, קעדיי צו ראַטעווען די שייריס־האַפּלייטע. די באַקאָשע איז אויסגעפילט געוואָרן אָן קיינע וואַקלונגען און אָן פאַרשפּעטיקונג. אינעם זעלבן נומער פון „האַאַרעץ" ווערט געפירט אַן אומפאַרשעמטע העצע קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

איר פרעגט מיך, וואָס וואָלט איך געקענט זאָגן דעם נײַעם דאָר, די אייניקלעך. עפשער וועלן אײַערע אויערן ניט אויפנעמען דאָס, וואָס איך וועל איצט זאָגן. דאָך וועל איך עס זאָגן: דאָס גליק פונעם ייִדישן פאָלק אין ייִסראָעל וועט אויפבליִען נאָר אויף דער באַזע פון צוזאַמענלעבן מיט די שכיינעסדיקע פעלקער. דער מיליטאַריזם איז ניט אונדזער צוקונפט. מיר האָבן געזען אין דער געשיכטע פיל שטאַרקערע מעדינעס, בײַ וועלכע דער דאָזיקער פונדאַמענט, די מיליטערישע קראַפט, האָט זיך ארויסגעגליטשט פון אונטער זייערע פיס.

עטוואָס אַקטועלס. דער לעצטער ייִסראָעלדיקער אָנגריף אין ביירוט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס שטאָלצירן מיט אים, — אַ העלדנטאַט! זיי זאָגן: „מיר האָבן זיי אויסגעליפערט צו טויט־שטראָף". זיי זאָגן ניט: „מיר האָבן זיי דערמאָרדעט". אין די אַסערעט האַדיבראָט איז דאָך געשריבן: „לוי טירצאַך"![1] נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער איניען, צו די אייניקלעך.

ווי געזאָגט: „אויסגעליפערט צו טויט־שטראָף". אָבער פּאַסירט האָט אַזוי, אַז אַלע „גליקלעכע" אַראָבער פונעם מײַרעוודיקן ברעג האָבן געמאָלדן אַן „אָוול־טאָג". פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואַרפן זיי פאָר: אומדאַנקבאַרע! זיי אַרבעטן דאָך בײַ אונדז, פאַרדינען אויף זייער ברויט: דער „צאַדיק" רעכאַוואַם זעאייוווי שענקט זיי צוויי וועלטן...

נאָר ס'האָט זיך געפונען איינער אַ כאָכעם, וואָס האָט אויפגעקלערט: די מענטשן, וועלכע האָבן מיקלוימערשט פאַרטראַכט די דאָזיקע טרויער־צערעמאָניע, וואָס לויט זייער אינסטרוקציע האָט דער גײַסט פון אוויילעס אַרומגעכאַפּט אַלע טוישווים פונעם קאַנט, האָבן די דאָזיקע געפילן ניט אַרויסגערופן, זיי האָבן נאָר אויפגעוועקט דאָס, וואָס איז געווען טיף פאַרבאָרגן אין די הערצער פון די מענטשן, וועלכע מאַכן ניט שאָלעם מיט דעם רעזשים פון אָקופּאַציע.

זײַט וויסן: אויך אין די הערצער פון די ייִדן אין דער מעדינע וועלן זיך אַלץ מער און מער שטאַרקן די נאַטירלעכע שטרעבונגען צו מענטשן־פרײַנטשאַפט. און פּלוצעם זעסטו: אַ קליינער דורכבראָך אין דער געמויערטער וואַנט פון סינע. צווישן גאַניידן און גענעם איז דאָ אַ דין ווענטל — די גרעב פון אַ גאָלדענער מאַטבייע. איר קענט אַרײַנטראָגן אַ קאָרעקטיוו: די גרעב פונעם פּאַפּיר, אויף וועלכן איך שרײַב די דאָזיקע ווערטער. אַ קליינער דורכבראָך, נאָר ער צעוואַקסט זיך ווי אַ ברייטער טאָל, און ס'וועלן זיך געפינען יענע קרעפטן, וועלכע עס וועט געלינגען די דאָזיקע שטרעבונג צו פאַרוואַנדלען אין מײַסים. מיט דער דאָזיקער האָפענונג איז קעדײַ ווײַטער צו לעבן אויף דער וועלט.

יוסעף אלגאזי.

„זו האדערעך", טעל־אוויוו.

פון איווריט — א. ראַסקין

[1] זאָלסט ניט הארגענען.

דער כאַווער סעם ליפּצין

(צו זײַן אכציקסטן געבורטסטאָג)

דער שרײַבער סעם ליפּצין (פּעטער שעפּסל) פון ניו־יאָרק פײַערט איצט זײַן 80־טן געבורטסטאָג און 60 יאָר קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט.

סעם ליפּצין איז געקומען אין דער ליטעראַטור גלײַך פון שנײַדער־וואַרשטאַט, פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכנע, פון די טיפענישן פון דער ייִדישער אָרעמקײַט. ער קען גוט דאָס שווערע לעבן פון די אונטערדריקטע און געפּלאָגטע, די אומדערטרעגלעכע עקספּלואַטאַציע, די לאַנגע אַרבעטס־שאָען אין שאָפּ. איז דעריבער ניט קיין ווּנדער זײַן גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן די אַרבעטנדיקע, די ליבשאַפט, מיט וועלכער זיי רינגלען אים אַרום, דער דערפאָלג פון זײַנע ביכער. סעם ליפּצינס שאַפונגען זײַנען נאָענט דעם אַרבעטער, דעם פאָלקסמענטש.

זײַנע דערהויבענע אידייען ברענגט ער צום אויסדרוק אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנרען: אין דערציילונגען און מאָנאָלאָגן, לידער און פעליעטאָנען, מײַסעלעך און איינאַקטערס, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט אַ פאָלקסטימלעכן און לעבנסלוסטיקן הומאָר.

נאָכפאָלגנדיק טרײַ די טראַדיציעס פון אונדזערע קלאַסיקער, האָט ליפּצין אויסגעקליבן זײַן אייגענעם וועג, אויף וועלכן ער שפּאַנט מיט אַ זיכערן און פעסטן טראָט. ער איז אָריגינעל און דערפינדעריש און באַרײַכערט אונדזער פאָלקס־שפּראַך.

אַ שאַרף געווער אין קאַמף קעגן קלאַסן־סוינע, קעגן די מילכאָמע־העצער און ראַסן־פאַרשפּרייטער זײַנען ליפּצינס טרעפלעכע אַפאָריזמען, עפּיגראַמען, גלײַכווערטלעך, פען־שטיפערײַען, אַנעקדאָטן, שפּאַסן, זאָגערלעך און פעפערלעך. ער שוינט ניט די ספּעקוליאַנטן און וווּכערניקעס, די פּאָליטישע דעמאַגאָגן און אָפּנאַרער, ציניקער און פראַזעאָלאָגן. ער רײַסט אַראָפּ די מאַסקע פון די אַלערליי שוואַרצמייעניקעס, גאָטס־סטראַפּטשעס, פון די פאַלשע מעשיכים, די אומגעבעטענע קאָכלעפל און זעלבסטגעקרוינטע קלאַל־טוער, באַווײַזנדיק זייער עמעסן פּאַרצעף.

דער לייטמאָטיוו, וואָס ציט זיך ווי א רויטער פאָדעם איבער אלע זײַנע 30 ביכער, איז האָפענונג און גלויבן. האָפענונג אף בעסערע צײַטן, אין א שענערער וועלט; גלויבן אינעם זיג פון גוטס איבער שלעכטס, פון ליכט איבער פינצטערניש, פון פּראָגרעס איבער רעאקציע. מיט זײַן האָפערדיק און אויפמונטערנדיק וואָרט פאַרטרײַבט ער פאַרצווייפלונג און געפאלנקייט באַם מענטשן און רופט צו ביטאָכן, אָט דעם געפיל, וואָס האָט אין דער שווערסטער טקופע פון אונדזער געשיכטע באַגלייט דאָס פאָלק. זײַנע ביכער „מיט געזאַנג אין קאמף", „געקעמפט און געלאַכט", „קריג און זיג", „קאַמפּסלוסטיק", „ניט געדײַגעט", „צולאָכעס די טרערן", „לעבעדיק און לוסטיק", „א גוט־יאָמטעוו", „גוט־מאָרגן", „לאָמיר זינגען", „פאר פרייד און פרידן", „א פריילעכס", „שפּיל צום ציל" און אנד. זײַנען פול מיט האַרציקער ליבשאַפט צום מענטשן און מיט גלויבן אין אים. זיי ווענדן זיך צום לייענער מיט א גוטמוטיקן שמייכל, מיט מילדן הומאָר.

וועגן זײַן שרײַבערישן וועג דערקלערט סעם ליפּצין אין איינעם פון זײַנע ביכער:

„איך האָב אויסגעקליבן מײַן וועג צו שרײַבן אף אַזאַ אויפן, וואָס זאָל קאָנען דינען מײַן ברודער דעם שנײַדער, דעם שוסטער, דעם סטאָליער. עס זאָל דינען מײַן שוועסטער אין קאמף פאר גלײַכע רעכט, מײַנע קינדער פאר א בעסערן מאָרגן.

איך באַטראַכט מײַן שרײַבן, ווי די ארבעט פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, א רעדנער, ווי די ארבעט פון דעם, וואָס פאַרטיילט בלעטלעך, ווי די ארבעט פון דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס גיט דעם קראַנקן צוזאַמען מיט דער מעדיצין אויך א ביסל מאַראַנצן־זאַפט. איך פּרוביר ארײַנטאָן אין מײַן שרײַבן הומאָר־וויטאַמינען, אויפצומונטערן דעם ארבעטער פון זײַן מידקײַט, איך פּרוביר באַלײַכטן דאָס פאַרפינצטערטע לעבן פונעם פאַרשקלאַפטן מענטשן".

זײַן ליטעראַרישע ארבעט פאַרבינדט סעם ליפּצין שטענדיק מיט אקטיווער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט: ער איז א רעדנער אף ארבעטער־פאַרזאַמלונגען, א לעקטאָר אין קלוב, א פאָרלייענער פון די אייגענע שאַפונגען, אַן אקטיווער טוער פון איקוף.

אין די שווערסטע צײַטן פאר דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג האָט סעם ליפּצין ניט פאַרלאָרן דעם קאָמפּאַס, נאָר געבליבן טרײַ דער אידיי, מיט וועלכער ער איז פאַרבונדן פון זײַנע ייִנגסטע יאָרן, געשפּאַנט קאָנסעקווענט און אומבייגזאַם אף דעם וועג, וואָס פירט צו באַפרײַונג, צום סאָציאַליזם. אין איינעם פון זײַנע ווערק קלערט ער אויף: „דער סאָד פון מאַכן און זיך פילן יונג — איז אונדזער באַוועגונג, אונדזער אַטמאָספער, אונדזער אידעאַל, אונדזער גלויבן, אַז די זון, ווען זי איז אפילע פאַרשטעלט אַמאָל מיט וואָלקנס, מוז סאָפּקאָלסאָף ארויסשײַנען". „אין דעם גרויסן געראַנגל פאר א זוניקן מאָרגן, וואָס וועט זיכער קומען, פיל איך זיך גליקלעך, ווען עס געלינגט מיר אָפּט מיט מײַן שרײַבן ארויסצורופן א שמייכל בא ייִדישע פאָלקסמענטשן, יונג אָדער אלט. עס איז פאר מיר די בעסטע באַלוינונג, ווען איך קאָן מיט מײַן וואָרט זיך באַטייליקן אין קאמף פאר פרידן און פרייד".

אווראָם קוואַטערקאָ

„פאָלקסשטימע", וואַרשע.

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער באַגריסן האַרציק דעם שפּרודלדיקן מיט טאַלאַנט שרײַבער־הומאָריסט סעם ליפּצין צו זײַנע אַכציק יאָר און ווינטשן אים אויך אף ווײַטער אָפּשפּיגלען אין זײַן שאַפונג דעם געמיט און די אינטערעסן פון די פּאָשעטע ייִדישע מאַסן פון אַמעריקע.

פאַר שאָלעם און גערעכטיקײַט אין נאָענטן מיזרעך

אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט באַקומען א ברייטן אָפּקלאַנג די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פאַר שאָלעם און גערעכטיקײַט אין נאָענטן מיזרעך, וועלכע איז מיט א קורצער צײַט צוריק פאָרגעקומען אין דער איטאַליענישער שטאָט באָלאָניע. ווענן אָט דעם וויכטיקן פאָרום, אין וועלכן ס׳האָבן אָנטיילגענומען הונדערט זיבעציק דעלעגאַטן פון דרײַ און דרײַסיק לענדער און פון זעקס צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָט מיט באַגײַסטערונג געשריבן די פרעסע פון אונדזער לאַנד. לעצטנס איז דער פרעזידיום פונעם סאָוועטישן קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקן דעם שאָלעם זיך צונויפגעקומען אויף א זיצונג, אויף וועלכער עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן די וויכטיקע באַדײַטונג פון דער ווענדונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער באָלאָניער קאָנפערענץ.

די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקײַט זעט אײַן אין דעם מײנונגס־אויסטויש, וואָס איז פאָרגעקומען אין באָלאָניע, א גאַנצע ריי נײַע, פּאָזיטיווע מאָמענטן. קוידעמקאָל איז פון גרויסער וויכטיקײַט דאָס, וואָס אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען סײַ פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון א ריי אַראַבישע לענדער, סײַ ייִסראָעל־פאָרשטייער. ווי באַוווסט, האָבן ביז דער לעצטער צײַט די עקסטרעמיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין ייִסראָעל, צוזאַמען מיט די אָנהענגער פונעם קאַלטן קריג אויף דער ייִדישער גאַס אין אַנדערע לענדער, באַהויפּטעט, אַז קלוימערשט די רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראָעל זעען אײַן די שטערונג צו שליסן א שאָלעם אויפן נאָענטן מיזרעך אין דעם קעגנווילן פון די אַראַבישע לענדער. „מיר זײַנען פאַר שאָלעם, — האָבן געטײַנעט און עס טײַנען ביז איצט די ציוניסטישע רעגירער, — אָבער עס ווילן ניט די אַראַבישע קרײַזן“. די באָלאָניער קאָנפערענץ האָט געהאָלפן א סאָך צו מאַכן מיט די דאָזיקע ספּעקולאַציעס. דער אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער פון עגיפּטן כאַלעד מאָהי עד־דין, למשל, האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג זיך פולקום סאָלידאַריזירט מיט די שאָלעם־קויכעס אין ייִסראָעל. „די שאָלעם־קויכעס אין ייִסראָעל, — האָט צווישן אַנדערס געזאָגט מאָהי עד־דין, — זײַנען נאָך ווייניק אין צאָל, אָבער זיי זײַנען ענערגיש. מיר שאַצן אָפּ זייער קאַמף און האָפן, אַז זיי וועלן פאַרשטאַרקן זייער אויפווירקונג אין דער מעדינע“. כאַלעד מאָהי עד־דין האָט דערבײַ אונטערגעשטראָכן, אַז די עקזיסטענץ פון ייִסראָעל איז א פאַקט, ייִסראָעל איז א מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, און זײַענדיק קעגן דער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, דאַרף מען אָבער בלײַבן רעאַליסטיש. עס איז קעדײַ דאָ אונטערצושטרײַכן, אַז צוזאַמען מיט די עגיפּטישע פאָרשטייער האָבן אין דער קאָנפערענץ אָנטיילגענומען געזעלשאַפטלעכע טוער פון אַזעלכע אַראַבישע לענדער, ווי סיריע, איראַק, יאָרדאַניע, מאַראָקאָ, טײַמען, די לענדער פונעם פּערסישן אײַנגוס. די דעלעגאַציע פון ליוואַן, ווי אויך פונעם שאָלעם־קאָמיטעט פון די פּאַלעסטינער האָבן ניט געקאָנט קומען קיין באָלאָניע איבער די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אין יענע טעג פאַנאַנדערגעוויקלט אין ליוואַן.

די ייִסראָעלדיקע געזעלשאַפטלעכקײַט האָט געשיקט קיין באָלאָניע פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, אָנהייבנדיק פון די קאָמוניסטן און ענדיקנדיק מיט די מער ניכטערע קרײַזן פונעם ציוניזם. מיט באַגײַסטערונג איז אויפגענומען געוואָרן די אַרויסטרעטונג אויף דער קאָנפערענץ פונעם קנעסעט־דעפּוטאַט אורי אַוונערי, וועלכער האָט, צווישן אַנדערס, רעאַגירט מיט איראָניע אויף אַן אינסינואַציע פון איטאַליענישע ציוניסטן, וועלכע האָבן געטײַנעט, אַז די ייִסראָעלדיקע דעלעגאַציע איז, זעט איר, ניט קיין פּאַטריאָטישע. „ס׳איז מעשונעדיק, — האָט געזאָגט אורי אַוונערי, — אַז מענטשן, וואָס זיצן אין איטאַליע, רעדן וועגן „פּאַטריאָטן“ אָדער „ניט־פּאַטריאָטן“ אין ייִסראָעל... איך גלייב, — האָט ער דערקלערט ווײַטער, — אַז עס איז אין די אינטערעסן פונעם פאָלק פון ייִסראָעל צו אָנערקענען די רעכט פונעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק, פּונקט ווי מיר פאַרלאַנגען, מע זאָל אָנערקענען אונדזערע אייגענע רעכט“.

צום שלוס האָט אורי אַוונערי געזאָגט: „איך גלייב אינעם אויפבלי פון ייִסראָעל, וועלכן ס׳איז אוממעגלעך צו דערגרייכן אויף די רויִנען פון אַן אַנדער לאַנד. ייִסראָעל דאַרף אומקערן אַלע שטעטאָכים, וועלכע זי האָט פאַרכאַפּט אין 1967 יאָר. ס׳איז די דרינגענדיקסטע צײַט צו פאַרענדיקן מיטן קריג אויפן מיטעלן מיזרעך“.

אין באָלאָניע האָבן פּאָליטישע אָבסערוואַטאָרן געשאָנקען אויפמערקזאַמקײַט דעם פאַקט, וואָס אין דער קאָנפערענץ האָט אָנטיילגענומען א פאָרשטייער פון וויעטנאַם. דאָס איז געווען א פּראַקטישע אָנדײַטונג, אַז נאָכן דערגרייכן דעם שאָלעם אין וויעטנאַם איז אַקטועל און צײַטמעסיק פאַנאַנדערצוּוויקלען אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף פאַר דרינגענדיק לייזן דעם קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך. די העכער הונדערט רעדנער, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף דער באָלאָניער קאָנפערענץ, האָבן איינמוטיק אונטערגעשטראָכן דעם דאָזיקן געדאַנק, וועלכער ליגט אויך אין יעסאָד פון דער אָפיציעלער ווענדונג, וועלכע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ.

אין דער דאָזיקער ווענדונג ווערט באַטאָנט די ערנסטקײַט פון דער לאַגע אין נאָענטן מיזרעך, די סאַקאָנע, וואָס אַזאַ לאַגע שטעלט מיט זיך פאָר פאַרן שאָלעם אין דער וועלט. די פעלקער פון אַלע לענדער ווערן גערופן מיטצווווירקן מיט אַלע קויכעס דער פאַרווירקלעכונג פון די באַשלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס בעשײַכעס דער פּראָבלעם פונעם ייִסראָעל־אַראַבישן קאָנפליקט, נעמלעך — מיטווירקן, אַז עס זאָלן אומגעקערט ווערן די פאַרנומענע מיצאַד ייִסראָעל געביטן און אַז די רעכט פונעם פּאַלעסטינער פאָלק זאָלן פולקום אָנערקענט ווערן צוזאַמען מיט דער אָנערקענונג פון די רעכט פון אַלע פעלקער און פון אַלע לענדער אין מיטעלן מיזרעך — די רעכט אויף עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיקײַט, סוּווערעניטעט און זיכערקײַט. די ווענדונג ענדיקט זיך מיט דער באַהויפּטונג, אַז „די וועלט גאַרט א דויערהאַפטן שאָלעם, וועלכער איז באַזירט אויף די פּרינציפּן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס און אויף די רעכט פון די פעלקער צו באַשליסן זייער אייגענעם גוירל“.

די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקײַט שאַצט הויך אָפּ די שטעלונג פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָנפערענץ אין באָלאָניע פאַר שאָלעם און גערעכטיקײַט אינעם נאָענטן מיזרעך.

●

מיר קלערן אוף

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באקומט בריוו פון אויסלאנד, מערסטנטייל פון יִשׂראָעל, אין וועלכע לייענער ציִען צו די אופמערקזאמקייט אף דער באַשײַמפּערלעך־ספּעקוליאַטיווער טעטיקייט, וואָס עס האָט פאנאנדערגעוויקלט נאָכן אריבערפאָרן פון ריגע קיין טעל־אוויוו ל. פּאָדריאטשיק, אין זײַנערציַיט אן אוטאָר פון אונדזער זשורנאל, — און זיי בעטן אופקלערן דעם איניען.

ס'איז ניט דער ערשטער פאל, ווען א מענטש, וועלכער האָט אין סאָוועטנפארבאנד פארנומען זײַן אָרט אין איינקלאנג מיט זײַנע פֿײיִקייטן, איז אריבערגעפאָרן קיין יִשׂראָעל, אָדער אין אן אנדער לאנד, טאקע צוליב דעם, קעדיי א פּרווו טאָן „זיך ארופארבעטן" מיט צווייפלהאפטע מיטלען.

צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" אײַנגעפירט אין זשורנאל א ווינקל וועגן אלטע ביכער, און, דערוויסנדיק זיך, אז דער אָנגעשטעלטער פון א ריגער פראָדוציר־ארטעל (אין דער פארגאנגענהײַט א פּעדאגאָג אין דער מאָסקווער יִדישער טעאטראלער שול) ל. פּאָד־ריאטשיק פארמאָגט די נייטיקע אינפאָרמאטיווע ליי־טעראטור, האָט זי אים אָנגעטרויט צו שרײַבן די „בוקיניסטישע נאָטיצן" — אן איינפאכע קאָמפּיליא־ציע פון שוין באשריבענע פאקטן, וועלכע עס איז נוצלעך צו דערמאָנען דעם ברייטן לייענער. אף אָט דעם סמאך, קעדיי צוגעבן דער אייגענער פּערזאָן וואָג, האָט ל. פּאָדריאטשיק, קומענדיק קיין יִשׂ־ראָעל, גענומען פלוידערן, אז ער איז געווען ניט אבי־ווער, נאָר, מאָלט אײַך אויס, „א רעדאקציע־מיטגליד פון „סאָוועטיש היימלאנד".

נאָך דעם קליינעם שווינדל איז געקומען א גרע־סערער, וועלכער איז מעסוגל, לויט פּאָדריאטשיקס פארטראכט, אים צו קאָרמענען א לענגערע צײַט. אויסרעכענענדיק, אז אין יִשׂראָעל זײַנען ניט געגוג באוווּסט די סאָוועטישע פּובליקאציעס פון מאנוס־קריפּטן פון די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור, האָט פּאָדריאטשיק פארשפּרייט א קלאַנג, אז ער האָט קלוימערשט „ארויסגעראַטע־וועט" און געבראַכט מיט זיך קיין יִשׂראָעל ניט־פארעפנטלעכטע („באהאלטענע"...) מאנוסקריפּטן פון פערעץ מארקישן, דעם ניסטער.

מע דארף באמערקן, אז די דאָזיקע קונץ האָבן שוין ביז פּאָדריאטשיקן ניט איין מאָל באוויזן אויך אנדערע פלינקע לײַט, וועלכע קומען קיין יִשׂראָעל זוכן גליקן. מע האָט געבראַכט מיט זיך, לעמאָשל, אף א נאָוועגע אָפּגעריבענע שיימעס, וועלכע האָבן „געוואָרט, מע זאָל זיי אריבערפירן אין הייליקן לאנד"; מיט געמאכטער פארבאָרגנקײַט האָט מען ארויסגעצויגן פון די פּאַזעכעס יִדישע אלעפבייסן, ארויסגעגעבענע אין „עמעס"־פארלאג אין די דרײַ־סיקער יאָרן און „פארבאהאלטענע", אז „די סאָוועטן" זאָלן זיי, כאָלילע, ניט „אָפּנעמען". אפילע „ביינער פון באבי יאר" האָט מען געבראַכט אף צו ספּעקולירן מיט זיי אין יִשׂראָעל!

האקלאל, פּאָדריאטשיק איז ניט אָריגינעל.

ס'איז אוואדע און אוואדע ניט אָריגינעל זײַן ארומלויפן איבער די נעבעכדיקע ליטערארישע פּראָ־פּאגאנדע־מערק אין יִשׂראָעל, ווו ער טרעט ארויס אין דער פּראָוואָקאציִאָנעלער ראָל פון אן אדוואָקאט אף די „מישפּאָטים" איבער די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור, טײַנענדיק, אז, זעט איר, „אלע זאָגן", אז בערגעלסאָן, האלקין, מארקיש, האָפּשטיין, דער ניסטער זײַנען ניט געווען קיין „שטאָלצע נאציִאָנאלע יִדן", און ער, פּאָדריא־טשיק, „ווייסט", אז זיי זײַנען יאָ געווען, א סימען האָט איר — זיי האָבן „געשאפן אין דער שטיל, פארן שופלאָד, די יִדישסטע ווערק", וועלכע זיי האָבן (אזוי דארף מען פארשטיין...) געלייענט בלויז אים, און מער קיינעם ניט.

איינער א יִשׂראָעלדיקער לייענער שרײַבט אין זײַן בריוו צו דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימ־לאנד": „ס'איז געבליבן א ביסל צו ווארטן, קעדיי זיך דערוויסן, וויִאזוי די דעזערטירן פון דער יִדי־שער סאָוועטישער ליטעראטור־סוויווע וועלן ענ־דיקן..."

ענטפערן מיר: מע דארף ניט ווארטן, — זיי האָבן זיך שוין אליין געענדיקט גופא מיט דעם, וואָס זיי ספּעקולירן מיט הייליקייטן.

כראָניק

אן איבערדיכטונג פון „שיר־השירים" אף אוקראַיִניש

אין קיִעווער פארלאג „מאָלאָד" איז דערשינען א לידער־זאמלונג פונעם אוקראַיִנישן דיכטער סטאַניסלאוו זינטשוק, אין וועלכער עס איז אײַנגעשלאָסן א פרײַע איבערזעצונג פון „שיר־השירים" (א טייל פון דעם געזאנג איז געווען פארעפנטלעכט אין 1970 אין זשורנאל „דניפּראָ" נומ. 12).

וועגן דעם בוך, וועלכער איז באטיטלט מיטן נאָמען „וואָרט", איז אין זשורנאל „וויטשיזנא" נומ. 6 פארעפנטלעכט א רעצענזיע פונעם ליטעראטור־קריטיקער סטעפאן קריזשאנאָווסקי. וואָס שײַעך דער איבערדיכטונג פון „שיר־השירים", ווערט אינעם ארטיקל געזאָגט: „שטרעבנדיק טיפער ארײַנצודרינגען אין די אומויסשעפּלעכע קוואלן פון דער וועלט־פּאָעזיע, האָט ס. זינטשוק פאָרגענומען אן ערנסטע ארבעט — אפסנײַ איבערצודיכטן און אף זײַן אויפן אינטערפּרעטירן דעם באוווסטן „שיר־השירים" — די סאמע שענסטע פּאָעטישע זײַטלעך פון דער אוראלטער ליטעראטור".

קאָנצערטן פונעם ווילנער פאָלקס־טעאטער

דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער איז לעצטנס אין זײַן פולן באשטאנד ארויסגעטראָטן מיט א נײַער קאָנצערט־פּראָגראם אין די קוראָרט־שטעט פּאלאנגע און דרוסקינינקע. די פאָרשטעלונג, וואָס איז רײַך מיט געזאנג, טענץ און קינסטלערישע פאָרלעזונגען, האָט צוגעצויגן א גרויסן אוילעם אָפּרוענדיקע פון פארשיידענע שטעט פון אונדזער לאנד.

טאנכום קאפלאנס „פארבן־קעראמיק"

אונטער אזא נאָמען האָט דער קונסט־פארלאג אין לײַפּציק ארויסגעגעבן אן אלבאָם, געווידמעט דער ארבעט פונעם לענינגראדער קינסטלער טאנכום קאפלאן אין געביט פון קעראמיק.

די נײַע אויסגאבע אנטהאלט 32 פארביקע רעפּראָדוקציעס פון קעראמישע שאפונגען אף פאָלקלאָר־טעמעס און מאָטיוון פון ייִדישע פאָלקסלידער.

דער אלבאָם איז באגלייט מיט אן אויספירלעך ארטיקל וועגן טאנכום קאפלאנען, וועגן זײַן פילזײַטיקער קינסטלערישער טעטיקײַט, געשריבן פונעם באוווסטן קונסט־קענער פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק, געוועזענעם אויסערן־מיניסטער לאָטאר באָלץ, אין וועלכן עס ווערט צווישן אנדערס געזאָגט:

„קאפלאן איז א סאָוועטישער ייִד און א סאָוועטישער קינסטלער. ער איז א קינסטלער פון אונדזער צײַט, און אף דער שפראך פון זײַן פאָלקס־געשיכטע זינגט ער א הימן דער נײַער עפּאָכע, דער נײַער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, דעם נײַעם מענטשן. אפן פאָן פון דער פארגאנגענהײַט שילדערט ער די גרויסקײַט פון אונדזער צײַט. קאפלאן איז א סאָציִאַליסטישער רעאליסט... ער איז ניט פּאָשעט אן איליוסטראטאָר פון דער ייִדישער קלאסיק, ער שאפט ווארי־אַציעס אף אירע שענסטע טעמעס, און דעריבער גייט ער האנט־באַ־האנט מיט די גרויסע פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם און מענדעלע... ער זינגט צוזאמען מיט זײַן פאָלק זײַנע פאָלקסלידער. ניט צופעליק זײַנען די ווערק אף די טעמעס פון פאָלקסלידער אין זײַן קעראמיק די סאמע פארביקע און פריילעכע, די סאמע אינטערעסאנטע... ווער עס וויל פארשטיין קאפלאנען, דארף אופנעמען זײַן מאָלערײַ, גראפיק און קעראמיק אלס גאנצס און איינהײַטלעכס".

די ייִדישע טעקסטן אף טאנכום קאפלאנס קעראמישע ווערק, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט טעמעס פון פאָלקסלידער, דינען איינצײַטיק אלס פארגאנצטע אָרנאמענטן.

שלוימע יודאָווינס גראפישע ווערק

אין וויטעבסקער מוזיי האָט זיך געעפנט א גרויסע אויסשטעלונג פונעם באוווסטן ייִדישן גראפיקער שלוימע יודאָווין.

אין דער עקספּאָזיציע איז רײַך פאָרגעשטעלט יודאָווינס סעריע „לענינגראד אין די טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע". ווי באוווסט, האָט דער קינסטלער אין די בלאָקאדע־טעג זיך געפונען אין לענינגראד און געמאָלט פון דער נאטור אלץ, וואָס ער האָט געזען: פארשנייטע גאסן, פיזיש אָפּגעשוואכטע, נאָר גײַסטיק שטארקע מענטשן, העלדישע סאָוועטישע סאָלדאטן — פארטיידיקער פון לענינגראד. אפן בילד „אין ווארשטאט פונעם קינסטלער" זעען מיר ש. יודאָווינען, ווי ער שטייט מיטן פענדזל אין א קאלטן צימער, ווארעמט בא אן אײַזערן אייוועלע די אָפּגעפרוירענע הענט.

פיל גראוויור־צייכענונגען זײַנען געווידמעט ווײַסרוסלאנד, יודאָווינס געבורט־שטעטל בעשענקאָוויטש און באזונדערס וויטעבסק. עס איז אויך עקספּאָנירט די סעריע „ייִדישער פאָלקס־אָרנאמענט", וועלכע ש. אַן־סקי האָט אײַנגעשלאָסן אין די פּובליקאציעס פון זײַן היסטאָריש־עטנאָגראפישער עקספּעדיציע אין די יאָרן 1910 — 1912.

אין דער עקספּאָזיציע ווערן באוויזן איליוסטראציעס צו די ווערק פון מענדעלעס „מאסאָעס בינימין האשלישי", סווירסקיס „די געשיכטע פון מײַן לעבן", בערגעלסאָנס „באם דניעפּער", פּויכטוואנגערס „דער ייִד זיס" אא.

מייער ברוקאזש

צום אָנדענק פון א קולטור־טוערן

אין כארקאָוו איז אין עלטער פון קאָרעוו אכציק יאָר געשטאָרבן די ייִדישע קולטור־טוערן ראָזאַליע יעפימאָווגע ראָזאנאָווע. ר. ראָזאנאָווע האָט אין די 20 — 30־ער יאָרן גענומען א טעטיקן אָנטייל אין שאפן אף אוקראַיִנע קינדערהיימען, ייִדישע ליטעראַרישע און דראמאטישע קרײַזן. זי האָט אָפּגעגעבן פיל ענערגיע דער ארבעט אף פּראָדוקטיוויזירן די דעקלאסירטע ייִדישע באפעלקערונג. פאר דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט זי געלעבט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

קאָוועד איר אָנדענק!

■ ■ ■

פאַרשיידנס

צו דינסט דעם פּראָגרעס

העכער 50 יאָר איז טעטיק די אַלפאַרבאַנדישע פאַרייניקונג „צווישנפעלקערלעך בוך״. די פאַרייניקונג פאַרנעמט זיך מיט פאַרשפּרייטן אין אויסלאַנד סאָוועטישע ביכער, פּעריאָדישע אויסגאַבעס, גראַמפּלאַטן, אַלבאָמען, פּאָסטקאַרטלעך-מאַרקעס, דיאַפּילמען אאַוו.

פאַרן לעצטן יאָרצענדליק האָט די פאַרייניקונג „צווישנפעלקערלעך בוך״ לויט די באַשטעלונגען פון אויסלענדישע פירמעס עקספּאָרטירט העכער 10 מיליאָן עקזעמפּליאַרן בענדער מיט די ווערק פון ק. מאַרקס, פ. ענגעלס, וו. אי. לענין, 22 מיליאָן עקזעמפּליאַרן ביכער אויף געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער טעמאַטיק. סאָוועטישע צײַטונגען און זשורנאַלן לייענט מען איצט אין 120 לענדער אויף 38 שפּראַכן.

אַ העלפט פון דער גאַנצער עקספּאָרטירטער ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פאָר די קינסטלערישע און קינדער-ליטעראַטור, יעדער פערטער בוך איז אויף וויסנשאַפטלעכער אָדער טעכנישער טעמאַטיק, אַ לערנבוך אָדער אַ סלאָוואַרן.

לויט די באַשטעלונגען פון די אָרגאַניזאַציעס פון „צווישנפעלקערלעכן בוך״ ווערן יערלעך אײַנגעקויפט אין אויסלאַנד בײַ 20 טויזנט פאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, העכער 70 טויזנט ביכער.

פאַר פאַרברייטערן דעם אויסטויש מיט קולטור-ווערטן

דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך פאַראייניקט צו דער אַלוועלטלעכער (זשענעווער) קאָנווענץ וועגן אויטאָרישע רעכט. לויט די טאַקאָנעס פון דער זשענעווער קאָנווענץ, זיכערט יעדע מעלוכע פאַר די בירגער פון אַנדערע מעלוכעס, אָנטיילנעמער פון דער קאָנווענץ, די זעלבע אויטאָרישע רעכט, ווי פאַר די אייגענע בירגער.

דער באַשלוס וועגן פאַראייניקן זיך צו דער קאָנווענץ איז איינס פון די מאָסמיטלען פון אונדזער פּאַרטיי און סאָוועטישער מעלוכע אויף רעאַליזירן די פּראָגראַם פון שאָלעם און צווישנפעלקערלעכער מיטאַרבעט, וואָס עס האָט אָנגענומען דער XXIV פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר.

דאָס אײַנשליסן זיך פון אונדזער לאַנד אין דער אַלוועלטלעכער זשענעווער קאָנווענץ איז פאַרבונדן מיטן ברייטן אינטערעס אין דער וועלט צום סאָוועטנפאַרבאַנד און זײַן קולטור. אָט דער וויכטיקער אַקט זיכערט די רעכט פון די סאָוועטישע אויטאָרן, שאַפט אַ בעסערע יורידישע באַזע פאַרן אויסנוצן די סאָוועטישע ווערק אין אויסלאַנד.

הײַנט-צו-טאָג פאַרנעמט דער ראַטנפאַרבאַנד, לויט די אָנגאַבן פון יונעסקאָ, דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט ניט בלויז לויט דער צאָל אויסגאַבעס און לויט די טיראַזשן, נאָר אויך לויט דער צאָל איבערזעצונגען.

אין העסקעם מיט די טאַקאָנעס פון דער זשענעווער קאָנווענץ זײַנען אַרײַנגעטראָגן געוואָרן ענדערונגען אויך אין דער סאָוועטישער געזעצגעבונג. וועגן דעם ווערט געזאָגט אינעם אוקאַז פון פּרעזידיום פון אויבער-סאָוועט פון ססר פאַרן 21 פעברואַל האַיאָר.

דער דאָזיקער שריט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז מיט באַפרידיקונג אויפגענומען געוואָרן דורך דער סאָוועטישער עפנטלעכקײַט און דורך די ברייטע קרײַזן פון דער אַלוועלטלעכער געזעלשאַפטלעכקײַט. דער אָנטייל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין דער צווישנפעלקערלעכער סיסטעם פון שיצן די אויטאָרישע רעכט וועט דערלויבן נאָך מער פאַרברייטערן דעם אויסטויש פון קולטור-ווערטן צווישן די פעלקער.

„איזוועסטיאַ״ (קאָר. פון טאַסס)

פּאָעטישער טראַקטאַט פון איבן סינאַ

„אורדזשוזאַ פי-ט-טיב״ — די מעדיצינישע פּאָעמע פון איבן סינאַ איז צום ערשטן מאָל איבערגעזעצט פון אַראַביש אויף דער אוזבעקישער שפּראַך. פאַרווירקלעכט די דאָזיקע גרויסע אַרבעט האָט שאַיִקראַם שאַיִסלאַמאָוו, אַ מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פון מיזרעך-קענטעניש בײַ דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון דער אוזבעקישער ססר.

וויסנשאַפט אין פּערזן — אין יענער צײַט איז דאָס ניט געווען קיין כידעש. איבן סינאַ — דער גרויסער געלערנטער און גלענצנדער פּאָעט — איז געווען, ווי עס איז הײַנט אָנגענומען צו זאָגן, אויך אַן אָנגעזעענער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער וויסנשאַפט. ער האָט אויסגעקליבן צוליב זײַן בוך אַ לידער-פאָרם, קעדיי צוטריטלעכער מאַכן די קונסט פון היילן.

דאָס האָבן הויך אָפּגעשאַצט סײַ איבן סינאַס מיטצײַטלער, סײַ די שפּעטערדיקע דורות געלערנטע און דאָקטוירים. ניט צופעליק זײַנען צו אונדז דערגאַנגען העכער פערציק איבערגעשריבענע פון דער האַנט עקזעמפּליאַרן פון „אורדזשוזאַ פי-ט-טיב״, וועלכע ווערן פאַרהיט אין די ביבליאָטעקן פון לאָנדאָן, פּאַריז, לענינגראַד, קאַיִר, אָקספאָרד. אויך טאַשקענט פאַרמאָגט אַזאַ אוצר. דערבײַ איז דער דאָזיקער עקזעמפּליאַר איינער פון די אַמערסטן פולע: אויף די פאַרגעלטע בלעטלעך איז פאַראַן אַ פאָרוואָרט פון איבן סינאַ אין פּראָזע און לידער.

וועגן דעם, ווי קאָמפּליצירט עס איז די אַרבעט, וואָס עס איז אויסגעפילט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פונעם דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן או. אי. קאַרימאָוו, רעדט די געשיכטע פון די איבערזעצונגען פון איבן סינאַס מעדיצינישע ווערק. בלויז אין הונדערטער יאָרן אַרום האָט דער טראַקטאַט „אורדזשוזאַ פי-ט-טיב״ זיך באַוויזן אויף דער פראַנצויזישער, דײַטשישער, ענגלישער שפּראַכן, דערבײַ ווערט דער טראַקטאַט בלויז איבערדערציילט. נעמען זיך פאַר אַן איבערזעצונג, וועלכע האָט אָפּגענומען זיבן יאָר מי, האָט דעם יונגן מיזרעכקענער דערלויבט די דערפאַרונג פון די סאָוועטישע אַראַביסטן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אויף דער רוסישער און אוזבעקישער שפּראַכן אַלע פינף ביכער פונעם „קאַנאָן פון הייל-וויסנשאַפטן״ — איבן סינאַס הויפּט-ווערק.

י. ע. יעפימאָוו (קאָר. פון טאַסס)

פאַרשיידנס

שטיינער דערציילן...

באַם טײַךווישערא אַף מײַרעוו־אוראל שטייען הויכע פעלדזן. זייערע שטיינער קאָנען א סאַך דערציילן וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט יאָרטויזנטער צוריק. טשיקאווע איז אין דעם פראַט איינער פון די אמערסטן שווער צוטריטלעכע פעלדזן. אַף אים זײַנען מיט טונקל־רויטע, צונויפגעמישטע מיט פעטס, פארבן אָנגעמאָלט פיגורן פון א הירש, א בער, א קוניצע, א מענטשן. די געלערנטע האלטן, אז די דאָזיקע געמעלן געהערן צום דריטן יאָרטויזנט ביז אונדזער ערע.

צופוסנס פונעם פעלדז האָבן די ארכעאָלאָגן געפונען ערטער, ווו מע פלעגט ברענגען אלס קאָרבן פאר די געטער פארשיידענע באַלעכאַים.

א. קופּריאַנאָוו (קאָר. פון טאסס).

באַ יעדן פינפטן

„מאדיאַר־אָראָס סאָטאר". דער בוך מיט אזא נאָמען האָט אויסגעהאלטן אינעם פאָלקס־אונגארן 47 אופלאגעס, און זײַן אלגעמיינער טיראזש האָט אין דעם לאַנד מיט א צענמיליאָניקער באפעלקערונג דערגרייכט צוויי מיליאָן עקזעמפּליארן!

אָט די ציפערן זײַנען געבראַכט געוואָרן אין בודאפעשט אַף א פּרעסע־קאָנפערענץ, געווידמעט דעם צווייטן מיליאָניקן עקזעמפּליאר פונעם „אונגאַריש־רוסישן ווערטערבוך". ארויסטרעטנדיק אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאר פון דער אונגארישער וויסנשאפט־אקאדעמיע בעלא קיאָפּעצי אונטערגעשטראָכן, אז דאָס דערלערנען אין אונגארן די רוסישע שפּראַך האָט אָנגענומען אן עכטן מאסן־כאראקטער.

א בילדער־קאָלעקציאָנער

יולי וולאַדימיראָוויטש נעוזאָראָוו איז לויטן פאך אן אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר, נאָר שוין לאנגע יאָרן, ווי ער פארנעמט זיך מיט אופזוכן און זאמלען בילדער פון דער פּלאסטישער קונסט.

קעדיי באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דער צאָל אופגעזוכטע און געקויפטע בילדער אין נעוזאָראָווס קאָלעקציע, איז גענוג צו זאָגן, אז בלויז דעם אירקוטסקער קינסטלערישן מוזיי (אירקוטסק איז דעם קאָלעקציאָנערס געבורטשטאָט, דאָרט איז דורכגעגאנגען זײַן קינדהייט) האָט ער געשענקט הונדערט בילדער; ווען אין קיסלאָוואָדסק איז געשאפן געוואָרן דער מוזיי פון נ. יא. יאראָשענקאָ, האָט נעוזאָראָוו אוועקגעשיקט אהין אלס מאַטאָנע 60 בילדער, דערין 6 יאראָשענקאָס בילדער; אַף דער אויסשטעלונג אין קאזאן צום הונדערטיאָריקן יובילײ פון דער „מאָלער־געזעלשאפט פאר באוועגלעכע אויסשטעלונגען" (Товарищество передвижников) האָט נעוזאָראָוו צוגעשיקט פון זײַן קאָלעקציע 120 בילדער.

נעוזאָראָוו זעט אײַן די ראָמאנטיק פון דער זאך, וואָס ער טוט, גראָד אינעם אומקערן צום לעבן א קונסט־ווערק, אינעם ראטעווען עס פון אומקום אָדער פון פארגעסן ווערן. אזוי האָט ער לאנגע יאָרן געזוכט דעם מאָלער ווענעציאַנאָווס א בילד „די פּויערטע מיט די קי". וועגן דעם בילד האָט ער געוווּסט לויטן קאטאלאָג פון אן אויסשטעלונג אין 1911 יאָר. ער האָט געמאכט אָנפראגעס וועגן דעם בילד אין פארשיידענע מוזייען, נאָר אָן שום דערפאָלג. און אָט איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפן אַף דעם בילד אין א קאָמיסיאָנעלן מאגאזין. מיט א לופּע אין דער האנט האָט ער דרײַ שאָ דורכאנאנד דערלערנט דאָס בילד און איבערצײַגט זיך, אז ס'איז טאקע דאָס, וואָס ער זוכט, כאָטש ס'איז אין א קלאָגעדיקן צושטאנד.

(לויט דער נאָטיץ פון אָ. ניקאָלסקאיא אין „וועטשערניאיא מאָסקווא")

פּאבלאָ פּיקאסאָס יערושע

דער סאמע בארימטער מאָלער פון XX יאָרהונדערט, ווי די מײַרעוו־פּרעסע רופט אָן פּאבלאָ פּיקאסאָ, האָט ניט איבערגעלאָזט קיין צוואָע. זײַן יערושע באַשטייט פון 15 טויזנט „גרויסע" בילדער, 100 טויזנט עסטאמפּן, 34 טויזנט געמעלן צו ביכער, עטלעכע הונדערט סקולפּטורן, אָן א שיר עסקיזן, ווערק פון קעראמיק און נאָך און נאָך. אויב נעמען אין אכט, אז די ווערט פון יעדן בילד זײַנס וואקלט זיך פון 800 טויזנט דאָלארן (ווערק, וואָס געהערן צום בארסעלאָנער, „בלויען" און „קוביסטישן" פּעריאָדן) ביז 50 טויזנט (בילדער פון די 60־ער יאָרן), איז קלאָר, אז עס גייט א רייד וועגן מיליאַרדן.

דירעקטע יאָרשים זײַנען פאראן צוויי. דאָס איז דעם מאָלערס לעצט ווײַב זשאקלין ראָק און פּאולאָ, דעם מאָלערס זון פון זײַן ערשטער הייראט מיט דער רוסישער באַלערינע אָלגע כאָכלאָווע. נאָר באַ פּיקאסאָן איז פאראן נאָך דרײַ קינדער (פון צוויי אנדערע ווײַבער) — מײַע, קלאָד און פּאַלאָמא. אַף וויפל דער מאָלער איז אלס א בירגער פון שפּאניע געווען אונטערטעניק דער שפּאנישער געזעצגעבונג, האָט ער ניט געטאָרט כאסענע האָבן מיט א צווייטער פרוי, קאָלזמאן די ערשטע פרוי לעבט. אזויארום בלײַבן זײַנע דרײַ קינדער יורידיש ניט אנערקענט אלס יאָרשים.

זיי האָבן נאָך, בייס פּיקאסאָ האָט געלעבט, געווענדט זיך אין גערייכט, מע זאָל זיי אנערקענען אלס יאָרשים, נאָר ס'האָט זיך דערפון גאָרנישט באַקומען. איצט ווען זיי, זעט אויס, ווידעראמאָל פאָדערן „זייער כיילעק". אָבער נאָך ביז עס וועלן ענדגילטיק אויסגעקלאָרט ווערן די רעכט פון די יאָרשים, איז געמאָלדן, אז, לויטן מאָלערס ווילן, ווערט איבערגעגעבן פּיקאסאָס פּערזענלעכע קאָלעקציע, אויסער זײַנע אייגענע ווערק, אלס א מאַטאָנע פראנקרײַך. ס'גייט א רייד וועגן 400 בילדער פון די אָנגעזעענסטע מאָלער — קאָראָ, מאטיס, סעזאן, רענואר, מאָנע, וואן גאָג, בראַק און אנדערע.

וואָס שײַך פּיקאסאָס בילדער, האָט ער ניט לאנג פאר ן טויט געשענקט נאָך 3.500 ווערק, דערין 800 בילדער, דעם מוזיי אַף זײַן נאָמען אין בארסעלאָנע. אָבער דער גרעסטער טייל בילדער וועט, זעט אויס, אָנקומען אין ספּעציעלע מוזייען.

(„נאָוואָיע וורעמיא")

מיכאיל קוני

ער איז געווען א ווונדערלעכער מענטש — מיכאיל קוני... א גרויסער קינסטלער, מארק שאגאלס באַגאבטער טאַלמיד, א טאַלאַנטפולער ארטיסט, א טיפערודירטער געלערנטער — דעם אקאַדעמיקער בעכטערעווס אן אסיסטענט.

זײַן נאָמען איז געווען ברייט באַוווּסט ניט בלויז בא אונדז אין לאַנד, נאָר אין יאַפּאַניע, פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, שוועדן. אומעטום, ווּ ער פלעגט ארויסטרעטן מיט זײַנע פסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן, מיט דעמאָנסטראַציעס פון זײַן פענאָמענאַלן זיקאָרן, פלעגט ער ארויסרופן די גרעסטע פאַרווּנדערונג. אין יעדן לאַנד האָט ער געפירט די פּראָגראַם אף דער שפּראַך פונעם געגעבענעם לאַנד. פאַר געציילטע וואָכן פלעגט ער באַהערשן אן אויסלענדישע שפּראַך. אין 1957 האָט וועגן אים געשריבן א שוועדישע צײַטונג: „קוני רעדט אזוי לעבהאַפט און דײַטלעך אף שוועדיש, אז עס באַקומט זיך דער פולער אײַנדרוק, גלײַך ער לעבט שוין אין שוועדן לאַנגע יאָרן...".

נאָר ווער מיכאיל קוני איז ניט געווען — א פּסיכאָלאָג, טעלעפּאַט, היפּנאָטיזיאָר, — איז ער פריִער פון אַלץ געווען א מערקווירדיקער, אָריגינעלער און טאַלאַנטפולער קינסטלער. דאָס באַשטעטיקן די רעפּראָדוקציעס פון זײַנע בילדער, וועלכע דערשײַנען הײַנט אף די שפּאַלטן פון אונדזער זשורנאַל.

זײַן גאַנץ לעבן האָבן צווישן זיך געפירט א פּאַרמעסט צוויי סובסטאַנצן פון זײַן רײַכער אייגנאַרטיקער אינדיווידואַליטעט — דער קינסטלער און דער געלערנטער. ער האָט נאָך אין די קינדער־יאָרן אנטפּלעקט אין זיך א פענאָמענאַלן זיקאָרן. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון... א שאַכטל שוועבעלעך, וואָס א שול־כאַווער זײַנער האָט צעשאָטן. מישע האָט געוואָרפן א קוק און געמאָלדן: צוויי און דרײַסיק שוועבעלעך זײַנען צעשאָטן. זײַנע כאַווײרים האָבן איבערגעציילט און געבליבן דערשטוינט. יאָ, פּונקט צוויי און דרײַסיק שוועבעלעך. מישע האָט די „קונץ" איבערגעכאַזערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל...

מאָלן האָט קוני ליב געהאַט נאָך קליינערהייט. מאָלן פלעגט ער ניט פון דער נאַטור, נאָר דאָס, וואָס אים איז פאַרקריצט געוואָרן אין זיקאָרן. אַלץ, מיט וואָס די וועלט, די נאַטור איז רײַך און שיין, האָט זיך אים געוואָלט פאַרייביקן אין זײַנע אַלבאָמען, אף לײַוונטן.

מיכאיל קוני איז אויסגעוואַקסן אין וויטעבסק בא די גרינע ברעגן פון דער מײַרעוו־דווינע. די מאָלערײַ־פייִקײַטן ברענגען אים, א זיבניאָריקן, צום גרויסן וויטעבסקער מאָלער און פּעדאַגאָג יעהודע פּען. דאָ שטעלט ער זײַנע ערשטע ערנסטע טריט. אונטערן אויפזיכט פון יעהודע פּען נעמט וואַקסן אין אים דער עכטער קינסטלער. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול אַרבעט ער אלס קינסטלער־דעקאָראַטאָר אינעם אָרטיקן טעאַטער. אין די רעוואָליוציע־יאָרן האָט מען אָפט געקענט זען אף די וויטעבסקער גאַסן און פּלעצער אייגנאַרטיקע פילפאַרביקע רעוואָליוציאָנערע פּלאַקאַטן, געמאָלט פון מיכאיל קוני.

די רעוואָליוציע האָט אים געגעבן א מעגלעכקײַט צו באַרײַכערן און רעאַליזירן זײַנע פייִקײַטן. לויט דער איניציאַטיוו פונעם פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונג אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש לונאַטשאַרסקי ווערט אין וויטעבסק אָרגאַניזירט א קינסטלערישע שול אונטער דער אָנפירונג פון מאַרק שאַגאַל. אַהער, אין דער סוויווע פון אָנגעזעענע פּעדאַגאָגן און טאַלאַנטפולע קינסטלער־אָנפאַנגער, קומט אָן מיכאיל קוני. די לימודים אין דער נײַגעשאַפענער קינסטלערישער שול האָבן געפירט שאַגאַל, פאַלק, ראַדלאָוו, דאָבוזשאַנסקי. דאָ איז געווען פון וועמען צו דערוויסן זיך סוידעס פון דער מאָלערײַ־קונסט.

דאָס גאַנצע לעבן איז מיכאיל קוני דערנאָך געווען דאַנקבאַר זײַנע לערער און דערציִער. יעדעס מאָל, קומענדיק אין זײַן היימשטאָט וויטעבסק, פלעגט ער מיט גרויס האַרץ־ציטערניש אַרײַנקומען אין געוועזענעם פּאַלאַץ פונעם באַנקיר ווישניאַק, ווּ ס'האָט זיך געפונען מאַרק שאַגאַלס שול.

אין אָקטיאַבער 1920 יאָר גייט מיכאיל קוני אַוועק אפן פראָנט. דאָ קומט אים אויס זייער אָפט אויסצופילן אויך פליכטן אלס קינסטלער. ער מאָלט פראָנט־בילדער, אַרבעט איבערן מילכאָמע־פּלאַקאַט.

פון דער אַרמיי קערט ער זיך אום קיין וויטעבסק. אינעם אָרטיקן זומער־טעאַטער האָבן אין 1922 גאַסטראָלירט ייִדישע טרופּעס. צוערשט איז קיין וויטעבסק געקומען צוגאַסט קלאַרע יונג, דערנאָך עסטער־ראָכל קאַמינסקאַיאַ מיט איר טרופּע, פישזאָנס אָפּערעטע־אַנסאַמבל. מיכאיל קוני אַרבעט אינעם זומער־טעאַטער אלס קינסטלער־דעקאָראַטאָר. אײַנגיכן פאָרט ער אַוועק קיין מאָסקווע זיך לערנען אין קינסטלערישן אינסטיטוט („וכוטעמאַס") אינעם קלאַס פון ראָבערט פאַלק. פיל מאָל ווערן זײַנע בילדער אַרויסגעשטעלט אין די מוזייען פון מאָסקווע, לענינגראַד, מינסק. זײַנע דערפאָלגן ווערן וואָס ווײַטער מאַמאָשעסדיקער. ער פאַרדינט אַלגעמיינע אָנערקענונג.

אין 1930 קומט פאָר אן איבערבראָך אין מיכאיל קוניס לעבן. ער ווערט פאַרכאַפּט פון זײַן נײַער טעטיקײַט — אין געביט פון היפּנאָז און טעלעפּאַטיע. אין צירק און אף דער עסטראַדע דעמאָנסטרירט ער די אויסערגעוויינלעכע מעגלעכקײַטן פון זײַן זי־

קאָרן, זײַן נאָמען אלס פּסיכאָלאָגישער עקספּערימענטאטאָר ווערט באוווּסט אויך אויסער די גרענעצן פונעם ראטנפארבאנד.

צו אקטיווער קינסטלערישער טעטיקײַט קערט ער זיך טיילווײַז אום אין 1950. דער צוואנציקיאָריקער איבעררײַס האָט, פארשטייט זיך, ניט געקענט זיך ניט אָפּרופן אף זײַן מײַסטערשאפט, נאָר ער האָט די מאנגלען קאָמפּענסירט מיט אָנגעשטרענגטע נײַע זוכענישן אין דער מאָלערײַ־קונסט סײַ אין פּלאן פונעם זשאנער, סײַ אין פּלאן פון דער טעמאטיק. דער נאָכמילכאָמע־פּעריאָד אין זײַן קינסטלערישער שאפונג צייכנט זיך אויס מיט רעאליסטישער פארגאנצטקײַט און מיט טיף־אויסדריקלעכע סאָציאלע מאָטיוון.

אָפּט קערט זיך מיכאיל קוני אום צו די בילדער פון זײַנע קינדער־ און יוגנט־יאָרן. אין זײַן זיקאָרן לעבט אוף די באקאנטע פּאנאָראם פון וויטעבסק — די אמאָליקע גאסן און געסלעך, הילצערנע הײַזלעך, געדעקטע מיט שינדלעך, פאָרשטעט מיט צעבליטע סעדער און גערטנער. צו דער דאָזיקער סעריע געהערט דאָס בילד „וויטעבסקער פאָרשטעט”.

באזונדערס צייכנט זיך אויס מיכאיל קוניס סעריע פּאָרטרעטן פון ארטיסטן און געלערנטע. צווישן זיי זעען מיר די פּאָרטרעטן פון איינשטיינען, פּיקאסאָ, שאגאלן, מארסעל מארסאָ, שאָסטאקאָוויטשן, טשערקאסאָוון.

א שטארקן אײַנדרוק מאכן די אנטיפאשיסטישע בילדער, די בילדער פון געטאָ און קאָנצלאגערן. אָט זעען מיר די קאָמפּאָזיציע „ראווענסברוק”. ווי אן אייביקער דענקמאָל נאָך די קאָרבאָנעס פונעם פאשיזם, שטייט שטאָלץ און דערהויבן די פרוי מיטן קינד — דער סימבאָל פון אייביקן לעבן, דער אָנדײַט אף דעם, אז דאָס לעבן איז שטארקער פונעם טויט.

דאָס בילד „די וועגן פון דער מילכאָמע” איז ווי א פאָרזעצונג פונעם ווייגעשריי פון די פארשניטענע. דאָס בילד באווײַזט, צו וואָס עס ברענגט פעלקערהאס.

אזא איז דער טיפער סאָציאלער כאראקטער פון דאָס ראָוו בילדער, וועלכע מיכאיל קוני האָט געשאפן נאָך דער מילכאָמע. אין זיי האָט זיך נאָכאמאָל אנטדעקט דער באדײַטנדיקער קינסטלער.

זאלמען קאהאן

צום אָנדענק פון אן אָנגעזעענעם געזעלשאפטלעכן טוער

אין בוענאָס־אײַרעס איז אין עלטער פון 72 יאָר געשטאָרבן דער באוווּסטער געזעלשאפטלעכער טוער, פּאָרזיצער פון ארגענטינער איקוף שימשן דרוקאראָוו.

13 יאָר איז אלט געווען דרוקאראָוו, ווען ער האָט צוזאמען מיט זײַנע עלטערן — ערד־ארבעטער, אָפּשטאמיקע פון א דאָרף אין כערסאָנער גובערניע, — איבערגעוואנדערט קיין ארגענטינע. אויך דאָ איז אים אויסגעקומען צו פארדינגען זיך פאר א שווארצארבעטער אפן פעלד. ער האָט אָבער פלײַסיק זיך געלערנט, אָנהייבנדיק פון דער אָנפאנג־שול, נאָכדעם אין א מיטלשול און שפּעטער אין בוענאָס־אײַרעסער אוניווערסיטעט, ארבעטנדיק אין דער פרײַער צײַט, קעדיי האָבן די מעגלעכקײַט צו שטודירן.

פון דער פריִער יוגנט אָן האָט שימשן דרוקאראָוו אָנגעהויבן זײַן פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט. א באגאבטער רעדנער און זשורנאליסט, באטייליקט ער זיך אין פיל ייִדישע און שפּאנישע צײַטשריפטן. גלײַכצײַטיק נעמט ער אן אקטיוון אָנטייל אין די ייִדישע פּראָגרעסיווע קולטור־אָרגאניזאציעס.

אין 1938 ווערט ש. דרוקאראָוו דעלעגירט אין באשטאנד פון א גרופּע ייִדישע קולטור־טוער קיין ראטנפארבאנד. ער באזוכט ביראָבידזשאן, באקענט זיך מיטן ייִדישן קולטור־לעבן. א באזונדערס אקטיווע געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט אנטוויקלט ער אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלטמילכאָמע. אין 1943 ווערט ער ארעסטירט.

אינעם „איקוף” (ייִדישער קולטור־פארבאנד) פון ארגענטינע איז ש. דרוקאראָוו טעטיק אין משך פון אלע יאָרן זינט דער אנטשטייונג פון אָט דער אָרגאניזאציע, באזונדערס אין די יאָרן, ווען ער ווערט באשטימט אלס סעקרעטאר און שפּעטער אלס פּאָרזיצער. דעם הויכפּונקט אין זײַן געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט דערגרייכט ער בײַסן 10־טן „איקוף”־קאָנגרעס אין אָקטיאבער פאָריקס יאָר, ארבעטנדיק לײַדנשאפטלעך אף צו קאָנסאָלידירן די פּראָגרעסיווע קויכעס אין קאמף קעגן רעאקציע און ציִעניזם.

שימשן דרוקאראָוו איז געווען זייער באליבט צווישן די ארבעטער־מאסן און אין די ברייטסטע קרײַזן פון דער ארגענטינער פּראָגרעסיווער געזעלשאפטלעכקײַט. מיט זײַן טויט האָט די פּראָגרעסיווע באוועגונג אין לאטײַן־אמעריקע פארלאָרן אן אומקאָמפּראָמיסלעכן קעמפער פאר פרײַהײַט און פּראָגרעס, פאר שאָלעם און סאָציאליזם.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

■ ■ ■

פון אונדזער פּאָטאָ־אַרכיוו

ווייניק באַוווּסטע פּאָטאָגראַפיעס
פון אווראָם וועוויאָרקע

1. אין די 20־ער יאָרן.
2. אין 1909.
3. מיט זײַן לעבנס־באַגלייטערן. 1924.
4. פון רעכטס אױף לינקס: ש. גאָדינער, א. וועוויאָרקע, א. קושניראָוו. 1931.

2


1

3

4

כראניק

ביראָבידזשאנער נײַס

צוגאַסט אין ביראָבידזשאַן

ניט לאנג צוריק האָט אין ביראָבידזשאַן געווײַלט די שוישפּילערן פונעם מאָסקווער טעאַטער אף יערמאָלאָוועס נאָמען, די פּאַרדינסטפולע אַרטיסטקע פון רספסר אינא קאָנדראַטיעווא, וועלכע האָט א לענגערע צײַט געלעבט אין כאַבאַראָווסק און איז פון דאָרט אָנגעקומען זיך לערנען אין לענינגראַדער קונסט־אינסטיטוט.

די טאַלאַנטפולע טעאַטער־אַקטריסע איז באַקאַנט אויך לויט אירע אויפטריטן אין קינאָ. זי באַטייליקט זיך אין אַזעלכע באַוווּסטע קינאָ־פילמען, ווי „קאָנסטאַנטין זאַסלאָנאָוו", „דער זאַלפּ פון אווראָרע", „צוויי קאַפּיטאַנען", „דער באַלטישער הימל".

מיט אינטערעס האָבן די ביראָבידזשאַנער צושויער אויסגעהערט איר דערציילונג וועגן דער בעקאָוועדיקער און דאַנקבאַרער אַרבעט פון אַן אַקטיאָר.

צום סאָף פון דער באַגעגעניש זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן פראַגמענטן פון קינאָ־פילמען מיטן אָנטייל פון דער אַקטריסע.

א קלוב פון
קינאָ־פאָטאָ־ליבהאָבער

אין ביראָבידזשאַן איז פאָרגעקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרזאַמלונג פון זעלבסטעטיקע קינאָ־אָפּעראַטאָרס און פאָטאָ־רעפּאָרטיאָרן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן א געגנטלעכן קלוב פון קינאָ־פאָטאָ־ליבהאָבער און עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א ראַט פונעם קלוב.

די מיטגלידער פונעם נײַ־געשאַפענעם קלוב האָבן באַשטימט זיך אײַנשליסן אינעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס אפן בעסטן זעלבסטעטיקן פילם, וועלכער איז געווידמעט דער טעמע „דיר, היימלאַנד, אונדזער שלאָגלערישע מי".

נײַע ביכער

„דער קרײַז פון פרײַנטשאַפט"

אונטער אזא נאָמען האָט דער מינסקער פאַרלאַג „מאַסטאַצקאַיא ליטעראַטורא" („קינסטלערישע ליטעראַטור") אַרויסגעגעבן אף ווײַסרוסיש כאַיִם מאַלטינסקיס א נײַ בוך לידער.

די איבערזעצונגען פון ייִדיש אף ווײַסרוסיש האָבן געמאַכט די באַקאַנטע דיכטער ר. באַראַדולין, א. זוואָנאַק, יאַ. סעמיאַזשאָן, פּ. מאַקאַל, א. פּיסין, יו. גאָלוב, א. וואָלסקי אאַ.

א סימפּאָזיום אין סאָפיע

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 30־טן יאָרטאָג, זינט די ייִדן פון בולגאַריע זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פון דער היטלעריסטישער אויסראָטונג, איז אין סאָפיע פאָרגעקומען א סימפּאָזיום, אָרגאַניזירט דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פונעם פאַרבאַנד פון די קעמפער קעגן פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם. אינעם סימפּאָזיום האָט זיך באַטייליקט דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי טאָדאָר זשיווקאָוו.

מיט א רעפעראַט לעקאָוועד דער היסטאָרישער דאַטע איז אַרויסגעטראָטן דער פּאָרזיצער פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די ייִדן אין בולגאַריע, מיטגליד פון דעם לאַנד־ראַט פונעם פּאַטריאָטישן פראָנט דר. יויסעף אַסטרוקאָוו. ער האָט אָפּגעמערקט די גרויסע פאַרדינסטן פונעם בולגאַרישן פאָלק, באַזונדערס פון די בולגאַרישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט דעם קאַמף פאַר ראַטעווען די ייִדן פון אומקום. י. אַסטרוקאָוו האָט אויך דערמאָנט וועגן דעם זיגרײַכן אָנגריף פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָט אַרויסבאַוויזן העלדנמוט און הומאַניזם אין די שווערע טעג פון באַפרײַען בולגאַריע פון די היטלעריסטן.

אין שײַכעס מיט די פײַערונגען האָט די צײַטונג „ראַבאָטניטשעסקאַיע דעלאָ" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז דער הויכפּונקט פונעם קאַמף פאַר ראַטעווען די ייִדן איז געווען די פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע פון די סאָפיער אַרבעטנדיקע דעם 24 מײַ 1943. די צײַטונג שטרײַכט אונטער, אַז בולגאַריע איז געווען דאָס אייינציקע אָקופּירטע מיצאַד די נאַציסטן לאַנד אין אייראָפּע, אין וועלכן קיין ייִדן זײַנען ניט אומגעקומען.

אַן אויסשטעלונג דעם
קינסטלער אווראָם יאַנאָווסקי

אין מאָסקווע איז לעצטנס אונטערן דעוויז „סאַטירע אין קאַמף פאַר שאָלעם" פאָרגעקומען די צווייטע צווישנפעלקערלעכע אויסשטעלונג פון קאַריקאַטוריסטן. אין איר האָבן זיך באַטייליקט פּאָפּולערע קינסטלער־סאַטיריקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון אויסלאַנד.

מיט א סעריע שאַרפע סאַטירעס איז אף דער אויסשטעלונג געווען

פאָרגעשטעלט דער קאַנאַדער קינסטלער און פּראָגרעסיווער טוער אווראָם יאַנאָווסקי, וועמען די זשורי האָט צוגעטיילט די מעדאַל „סאַטירע־73" מיט אַן ערן־דיפּלאָם, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „אַנערקענענדיק די נוץ פון אײַערע סאַטירישע שאַפונגען אַלס ווערטפולן בײַטראָג צום קאַמף פאַר שאָלעם, באַלוינט אײַך די זשורי פון דער צווייטער צווישנפעלקערלעכער אויסשטעלונג „סאַטירע אין קאַמף פאַר שאָלעם" מיט דער מעדאַל און ווינטשט אײַך נײַע שעפערישע דערגרייכונגען לעטויוועס דער נאָבעלער זאַך".

„סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסט אווראָם יאַנאָווסקין מיט זײַן פאַרדינטער אויסצייכענונג און ווינטשט אים געזונט און ווײַטערדיקע דערפאָלגן אין זײַן שעפערישער טעטיקײַט.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר
שרײַבער און ווערק

מיט 105 יאָר צוריק, אין 1868, איז אין בערדיאנסק געבוירן געוואָרן דער קאָמפּאָזיטאָר און זאַמלער פון ייִדישן פאָלקלאָר יויעל (יולי) ענגעל.

יולי ענגעל האָט געלערנט אין דער כאַרקאָווער מוזיק־שול, שפּעטער געענדיקט די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. לאַנגע יאָרן איז ער געשטאַנען בעראָש פון דער „געזעלשאַפט פאַר ייִדישער פאָלקס־מוזיק" אין רוסלאַנד. ענגעל איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבן זאַמלען און באַאַרבעטן ייִדישע פאָלקס־מעלאָדיעס. אין נאָיאַבער 1900 האָט ער אף א זיצונג פון

דער „געזעלשאַפט פאַר נאַטור־וויסנשאַפט, אַנטראָפּאָלאָגיע און עטנאָגראַפיע" אויפגעפירט ייִדישע פאָלקסלידער אין זײַן אייגענער באַאַרבעטונג. דאָס איז געווען דער ערשטער אָוונט פון ייִדישער פאָלקסליד אין רוסלאַנד. זומער 1912 האָט ענגעל צוזאַמען מיט ש. אַנ־סקין און יודאָווינען זיך באַטייליקט אין דער באַרימטער עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע איבער קיִעווער גובערניע און וואָלין. אין 1921 איז ער געווען לערער פון מוזיק אין דער ייִדישער קינדער־קאָלאָניע אין מאַלאַכאָווקע, וווּ ער האָט געשאַפן קאָמפּאָזיציעס צו ייִדישע קינדער־לידער.

יולי ענגעל איז דער אווטאָר פון א גרויסער צאָל מוזיקאַלע ווערק און ווערק וועגן מוזיק, צווישן זיי: „ייִדישע פאָלקסלידער" (מאָסקווע, 1905), „מוזיקאַלער ווערטערבוך" (1907), „קליינער מוזיקאַלער ווערטערבוך" (1910), „אין דער אָפּערע" (1911), „עטיודן צו דער געשיכטע פון מוזיק", „גלינקע", „50 קינדער־לידער" (מאָסקווע, 1916), „9 פאָלקסלידער" (מאָסקווע, 1920), צוויי העפטן ייִדישע קינדער־לידער אונטערן נאָמען „פעלד־קינדער", „א קראַנץ ייִדישע פאָלקס־ניגונים", מוזיק צו אַנ־סקיס „דיבוק", 4 מוזיקאַלע פּיעסן פאַר א פערעץ־אָוונט („מעקובאָלים", „נאָך קווורע", „שמאַ־ייִסראָעל", „די לעוואָנע דערציילט") און פיל אַנד.

ענגעל ווערט אָנגערופן דער פאָטער פון דער נײַער ייִדישער מוזיק, ער איז דער פּיאָנער פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג צווישן די ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס איז אויפגעקומען אין רוסלאַנד אין אָנהייב פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען א באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט אלס ציל אויסצונוצן די גרויסע מעגלעכקײַטן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין דער אַלטער ייִדישער פאָלקסליד און אין אירע ניגונים. צו אָט דער באַוועגונג האָבן געהערט גנעסין, קריין, מילנער, ראָזאָווסקי, סאַמינסקי, צייטלין אא.

אלס קאָמפּאָזיטאָר צייכנט זיך ענגעל אויס מיט דער פאַרענדיקטקײַט פון דער פאָרם, מײַסטערשאַפט פון דער קאָנסטרוקציע, טיפער באַהעפטונג פונעם פאָרמעלן און עמאָציאָנעלן עלעמענט.

י. ענגעל איז געשטאָרבן דעם 11 פעווראַל 1927 אין טעל־אביוו.

מיט 80 יאָר צוריק איז אין שטעטל זשיכלין, וואַרשעווער געגנט, געבוירן געוואָרן דער ייִדישער דראַמאַטורג און דיכטער יעכעזקל־מוישע ניימאַן (דער קיביצער).

י.־מ. ניימאַן האָט פיל יאָרן געאַרבעט אין די לאָדזשער ייִדישע צײַטונגען, ווו ער האָט געפירט, צווישן אַנדערס, די אָפּטיילן פאַר הומאָר און סאַטירע. אין 1919 — 1920 איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דער לאָדזשער שרײַבער־גרופּע „יונג ייִדיש". ער האָט אויך פיל געשריבן פאַר די ייִדישע רעוויו־טעאַטערס און אַליין געשפּילט אין זיי.

פון זײַנע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין א בוכפאָרם, דאַרף מען דערמאָנען: „שאַבעס־אויבס", א פאָלקסשטיק אין דרײַ אַקטן (וואַרשע, 1933); „יאָמטעוו איבערוואָכן", לידער (וואַרשע, 1936); „דער מיליאָנער", טראַגיקאָמעדיע אין דרײַ אַקטן (וואַרשע, 1938). י.־מ. ניימאַן האָט איבערגעזעצט פון פּויליש שאַניאַווסקיס קאָמעדיע „דער פּאַפּירענער געליבטער", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין די ייִדישע טעאַטערן פון פּוילן.

י.־מ. ניימאַן איז געשטאָרבן דעם 22 סעפּטיאַבער 1950 אין טעל־אביוו.

■ ■ ■

לאמיר זינגען
נייע לידער

האַנעשאָמע לאָך וועהאַגוף שעלאָך

ווערטער פון ארן ווערגעליס — מוזיק פון סערגיי טשעבאָטאַריאָוו





— זאגסט: איך האָב ניט ליב...
טוט עס מיך א שטאָך:
האנעשאָמע לאָך וועהאגוף שעלאָך.
כ'רעד צו דיר א שאַ,
א מעסלעס, א וואָך:
האנעשאָמע לאָך וועהאגוף שעלאָך.

אלץ איך גיב דיר אָפּ,
איז דיר ווייניק נאָך? —
האנעשאָמע לאָך וועהאגוף שעלאָך.
— האנעשאָמע לאָך וועהאגוף
שעלאָך...
כ'האָב באקומען אלץ,
און איך וויל שוין נאָך.

יידישע ראָמאנסן אין דער שאפונג פון א יונגן קאָמפּאָזיטאָר

אין הײַנטיקן נומער דרוקן מיר צום ערשטן מאָל א יידישן ראָ־מאנס. דער דאָזיקער זשאנער טרעפט זעלטן אין דער יידישער מוזיק. אלס אווטאָר פונעם ראָ־מאנס טרעט ארויס דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר סערגיי טשעבאָטאַ־ריאָוו, א סטודענט פונעם לעצטן קורס פון דער מאָסקווער קאָנ־סערוואטאָריע אף טשײַקאָווסקיס נאָמען לויטן קלאס קאָמפּאָזיציע (אָנפירער — פּראָפעסאָר דמיטרי קאַבאלעווסקי).

סערגיי טשעבאָטאַריאָוו איז אלט סאַכאַקל 24 יאָר, ער איז געבוירן געוואָרן אין וולאדיוואָסטאָק. פּע־דאגאָגן־מוזיקער פון מאָסקווע און וולאדיוואָסטאָק האָבן שוין לאנג געלייגט אכט אף זײַנע היפּשע מוזיקאלע פייִקײַטן. צו צוועלף יאָר, זײַענדיק נאָך א שילער אין דער מוזיק־שול, האָט ער אָנגע־שריבן א באלעט צו א קינדער־מײַסעלע.

איצט גרייט זיך סערגיי טשע־באָטאַריאָוו צו פּארטיידיקן אין דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע זײַנע דיפּלאָם־ארבעטן: א קאָנ־טאטע, געווידמעט דעם אָנדענק פון די באפרײַער פונעם ווײַטן מיזרעך אין די יאָרן פון ביר־גערקריג, עטלעכע קלענערע קאָמ־פּאָזיציעס און ראָמאנסן, פיר פון וועלכע דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר האָט אָנגעשריבן אף די טעקסטן פון א. ווערגעליסעס ציקל ליבע־לידער.

אין סערגיי טשעבאָטאַריאָווס ראָמאנסן שפּירט זיך די ווירקונג פון אזעלכע אָנגעזעענע מײַסטערס אין דעם דאָזיקן זשאנער, ווי סערגיי פּראָקאָפיעוו, ניקאָלײַ מיאסקאָווסקי, מיכאַיל שאַפּאָרין, און דעריקער פון דמיטרי שאָ־סטאקאָוויטשעס ווערק אף יידישער טעמאטיק, וועלכע זײַנען באגײַ־סטערט פון דער יידישער פאָלקס־מוזיק.

דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר שטרעבט גלײַכצײַטיק ארײַנצו־פירן אינעם יידישן קלאנגען־געבוי פון די ראָמאנסן מאָדערנע ריטמען און אקצענטן. דאָס באַ־רײַכערט און פארברייטערט דעם דיאַפּאזאָן פון דער ליד. א היפּשע ראָל שפּילט אויך דאָס, וואָס ס. טשעבאָטאַריאָוו לייענט די טעקסטן פון די לידער אין אָרי־גינאל, ארײַנדרינגענדיק אין זייער נאַציאָנאלן קאָלאָריט.

י. שוסטער

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Прочтите отрывок из стихов советского еврейского поэта М. Тейфа «Внук музыканта».

טעקסט נומער 11

דעם קלעזמערס אייניקל

...א בענקל, א טישל, און אַף דער וואַנט
עס וויגט זיך א שאָטן אהער און אהין...
א רויטער בלײַער צייכנט א שלייף
אקום דעם האלדז פון בערלין.
— מיילעך לעווין? — איך הער, גענעראַל!
— צווייטער נומער? — יאָ, גענעראַל!
— א מוזיקאַנט? — יאָ, גענעראַל!
— שפּילסט אַף א פּויק? — ניין, גענעראַל!
— נו, אַף א פלייט? — ניין, גענעראַל!
— אַף א טרומייט? — ניין, גענעראַל!
— אַף וואָס זשע שפּילסטו, ענטפער, סאָלדאַט!
— אַף א האַרמאַט.
— און פאַר דער מילכאָמע? — א פידל געהאַט!
— ... האָסטו א ווײַב? — געהאַט, גענעראַל!
— האָסטו א קינד? — געהאַט, גענעראַל!
— א טאַטן, א מאַמע? — געהאַט, גענעראַל!
— ווּ זײַנען זיי אַלע?
שטיל אין זעמליאַנקע, א לעמפּעלע ציטערט,
און ס׳הערט זיך אַן ענטפער:
— אַלע... צעשניטן...
...עס ברענט בערלין! און ערגעץ אַף גאַסן
פאַרלעשט זיך דער לעצטער קנאַל...
אַכטונג! עס פאַרט דער גענעראַל!
— סערזשאַנט לעווין! — איך הער, גענעראַל!
— פאַר דיר א מאַטאָנע... — א דאַנק, גענעראַל!
— זעסטו די פידל? — איך זע, גענעראַל!
— דו ביסט ניט מיד? — ניין, גענעראַל!
— איז שפּיל אויס א ליד... — איך שפּיל, גענעראַל!
— פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר דעם זיידן... — איך שפּיל, גענעראַל!
עס ברענט בערלין. פון הויכע מויערן
דערטראָגן זיך אופרײַסן אייניקע...
בא די בראַנדענבורגער טויערן
שפּילט א „פריילעכס" דעם קלעזמערס אייניקל.

Слова:

1) בלײַער מ ־ס; 2) שלייף מ ־ן; 3) פּויק וו ־ן; 4) טרומייט וו ־ן; 5) צעשניטן; 6) ערגעץ; 7) פאַרלעשן; 8) קנאַל מ ־ן; 9) אַכטונג וו; 10) מויער מ ־ן; 11) אופרײַס מ ־ן; 12) „פריילעכס".

Их перевод:

1) карандаш; 2) петля; 3) барабан; 4) труба; 5) истреблены (*буквально*: вырезаны); 6) где-то; 7) гаснуть; 8) выстрел, выхлоп; 9) внимание; 10) каменный дом; 11) взрыв; 12) «Фрейлэхс» — известный еврейский танец (*буквально*: веселое).

Упражнения:

1. Дайте письменные полные ответы на вопросы:

1) אַף וואָס שפּילט א פּײַקלער? א פלייטיסט? א טרומייטלער? א פידלער? 2) וואָס איז געווען מיילעך לעווין פאַר דער מילכאָמע? 3) וואָס איז ער געווען אַף דער מילכאָמע? וואָס

האָט ער באַדינט? 4) וואָס איז געווען זייַן זיידע? 5) וועמען פון נאָענטע אייגענע האָט מייַ־
לעך לעווין פאַרמאָגט פאַר דער מילכאָמע? 6) ווהין זייַנען זיי אַלע אַהינגעקומען?

2. Из данных существительных образуйте уменьшительно-ласкательные имена:

טיש — טישל; בריוו — ?; זשוק — ?; מויער — ?; קייט (цепь) — ?; פויער — ?; וויג — ?;
ליד — ?; דעק — ?

Грамматические замечания:

1. Обычно для образования уменьшительно-ласкательных имён служит суффикс ל (слоговой) — см. примеры выше.

После согласного ל перед суффиксом вставляется звук כ:

מיל (мельница) — מילכל, פעל (шкура) — פעלכל.

После согласного נ вставляется звук ד:

ביין — ביינדל, שטיין — שטיינדל.

2. При образовании уменьшительно-ласкательных имен обычно имеют место перегласовки:

ו — י; אַ, אָ — ע; וי — ייַ; וי — יי (реже).

Примеры:

שטוב — שטיבל; פוס — פיסל; וואנט — ווענטל; גאַס — געסל; סאָד (сад) — סעדל;
פּאָנעם — פּענעמל; מויז — מייַזל; מויל — מייַלכל; מויד — מיידל.

3. После слогового ל уменьшительно-ласкательные имена образуются при помощи замены этого согласного звукосочетанием ־עלע.

Примеры:

לעפל — לעפעלע, גאָפל — גאָפעלע, פויגל — פייגעלע, אייזל — אייזעלע.

4. Из уменьшительно-ласкательных имен часто можно образовать другие, выражающие бо́льшую степень уменьшительности:

שטוב (изба) — שטיבל (избушка) — שטיבעלע (избушечка);
שטיין — שטיינדל — שטיינדעלע; גאַס — געסל — געסעלע.

Упражнения:

Образуйте уменьшительно-ласкательные имена:

א) בארשט (щётка) — בערשטל — בערשטעלע; האנט — ? — ?; האַק (топор) — ? — ?; גאַסט — ? — ?; וואנט — ? — ?; באַנד — ? — ?;
ב) סאָד (сад) — סעדל — סעדעלע; שטאָט — ? — ?; וואָלף — ? — ?; דאָרף — ? — ?; ראָק — ? — ?; נאָז — ? — ?; קאָפּ — ? — ?; פאָן (флаг) — פענדל — ?; צאָן — ציינדל — ?;
ג) יונג — ייַנגל — ייַנגעלע; טוך — ? — ?; בוך — ? — ?; הון — הינדל — ?; הוט — ? — ?;
ד) מויז — מייַזל — מייַזעלע; בויד — ? — ?; בויך — ? — ?

Немного фразеологии

Составьте еврейские фразы, используя переводы следующих русских фразеологизмов:

На нем лица нет — ער איז בלאַס ווי די וואנט
Сказать кому-либо в лицо — זאָגן עמעצן (גלייַך) אין די אויגן
Не все коту масленица — ניט טאָמיד (ניט אַלע טאָג) איז פּורים
Вашими устами да мёд пить — פון אייַער מויל אין גאָטס אויערן
Метать громы и молнии — שיטן פּעך און שוועבל
Мозолить кому-либо глаза — זייַן עמעצן גרויס אין די אויגן
Всё идет как по маслу — ס'גייט ווי א מיזמער[1]
Молоть вздор — האַקן א טשייַניק.

Подчеркните в приведенных фразеологизмах слова, совпадающие по значению в обоих языках при буквальном (дословном) переводе.

---

[1] Буквально: песня, гимн.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

12—443

© Журнал «Советиш геймланд», 1973 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Подписано к печати 16/VII 1973 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 443.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
Комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 50 коп.

индекс 70821

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 8

1 9 7 3

В НОМЕРЕ:

Публицистика

Ложь — оружие сионизма (статьи и письма в советской и зарубежной печати).

Рассказы Г. Рабинкова, М. Разумного.

Стихи И. Бухбиндера, О. Дриза, М. Лифшица.

Произведения наших читателей.

И. Колин. Сорок лет на сцене (Документальная повесть).

Трибуна жизни

А. Губницкий. Здравствуй, КамАЗ!

А. Вергелис. Письма из Европы.

По следам событий. Очерки Г. Бараза, Ф. Май, Л. Яркевич, И. Семенчука, А. Нюренберга.

М. Поляновский. Встречи с интересными людьми.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

А. Раскин. Искаженный Шолом-Алейхем. (о переводах произведений великого писателя в Израиле).

Листая журналы и газеты. Наши сообщения. Разное. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.